ISBN:0-657-12409-5
8503

נומער ל-21.653

געשענקט פון

ח. י. אווסל

מאנטרעאל, דעם 1946

42

M. KRAKOWER
BOOKBINDER
24 ST. URBAIN ST. MONTREAL

8503

ISBN 0-657-12409-5

# אייגנס

צווייטער בוך.

JEWISH PEOPLE'S LIBRARY
Montreal

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“.
קיעוו, 1920.

געדרוקט אין 5000 עקז.

דרוקעריי „קולטור-ליגע“ קיעוו, קאראוואיעווער 3.

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12409

# EYGNS

## David Bergelson

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Colonel & Mrs. Harvey T. and Naomi M. Kaplan*
*In memory of Rabbi Leivy Smolar President of Baltimore Hebrew University*
*and Spiritual Leader of Congregation Or Ami in Richmond, Virginia*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

דוד בערגעלסאָן.

# אָפּגאַנג.

## אין צוויי טײלן.

„ואראה והנה חר אחד בקיר...
ואחתר ...והנה פתח אחד".
יחזקאל ח.

ואראה והנה חר אחד בקיר... ואחתר
...והנה פתח אחד.

יחזקאל ח.

## I.

שפעט נאָך אַ האַלבן טאָג האָט מען מקבר געווען מלכ'ן אויפן קליינשטעטלדיגן ראַקיטנער בית-עולם. אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען אַרויף אַ באַרג מיט דער בחורשער לויה, און אין שטאָט, וואָס ליגט, ווי אין א נעסט, אויסגעבעט צווישן גרינע באַארבעטע בערג, איז דעמאָלט אָקעגן אַ פּאָר שעה געווען אַזוי שטיל, גלייך אין איר איז מער קיינער נישט געבליבן. אַ פּשוטע גוישע פור איז דעמאָלט אָנגעלאָפן באַרג-אַראָפּ מיט צעיאָגטע פערד און האָט אַיילנדיג דורכגעשווינדלט צווישן די צוויי שורות טאַפּאָלן, וואָס אין אָנהויב בעריזשינעצער וועג; אירע רעדער האָבן געשווינד געיאָגט איבער דער הילצערנער גרעבליע, וואָס אין איין עק שטאָט, און זייער טרייסלדיג קלאַפּערייַ האָט אָפּגעהילכט ביז דער הילצערנער גרעבליע, וואָס אין צווייטן עק. דאָרט, אין אָט דעם צווייטן נידעריגן עק, האָט אַ וואַסערל שטיל געמורמלט אַרום א שטיין; אַ גליה האָט געוואַשן גרעט, אַן עפּ'לבוים איז געשטאַנען און געבליהט, און גאָרניט — קיינעם האָט ניט געאַרט, וואָס דער הימל איז צו שביעות-צו גאַנצע טעג פאַרוואָלקנט. פלוצים האָבן זיך דערהערט גלעקלאַך קלינגען. איבער דער שטאָט האָט זיך געשווינד פאַרשפּרייט די ידיעה, אז פון וואָקזאל איז אָנגעקומען מלכ'ס שוועסטער, די פרעמד-שטעטלדיגע פּראָוויזאָרין. מ'האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן אויפן בית-עולם, מ'איז מיט מלכ'ס שוועסטער אהין אַרויפגעפאָרן, און די קבורה האָט זיך פאַרהאַלטן. אַלע האָבן זי דעמאָלט געזעהן צום ערשטן מאָל, אָט די פרעמד-שטעטלדיגע שוועסטער מלכ'ס. זי איז געשטאַנען צווישן די יונגע קאַרשן-בוימער נעבן אָפענעם קבר און האָט געוויינט. און אַלעמען איז דאָרט באַגלייך פרעמד געווען סיי איר פנים, סיי איר קול.

פון דער לויה האָט מען זיך אומגעקערט שפּעטליך אין בין השמשות. מ'איז זיך פובאַנדערגעגאַן איינציגווייַז און פאַרלאַכווייַז; און דער דאָקטאָר גראַבּיי איז געווען פאַרשוויצט און הייזעריג—ער האָט אויפן בית-עולם געכאַפּט א צוג-לופט און האָט פאַרלוירן דאָס קול.

ס'איז געווען כמארנע אין דרויסן; ס'האָט געשמעקט מיט נאָהענטן רעגן, און וועגן וואָס צו רעדן איז ניט געווען. אין מיטן אייַנגעבראָכענעם האַלב-קייַלאַכדיגן מארק איז געשטאַנען א רעדל. א וואוקסיגער צעפּאַטלטער ייד האָט געשטעקט אין מיטן רעדל און האָט געשאָקלט מיט דער היפּשער שטויביג-גראָהליכער באָרד. דאָס איז געווען יצחק-בער, דער גרויס-גופיגער קאַסיר פון ראַקיטנער וואַלד. ער אליין האָט צוריק מיט א יאָר אונדערהאַלבן ערגיץ פון זיינע מקומות אַראָפּגעבראַכט אהער מלכ'ן, דעם שעמעוודיג-לאַנגען בחור, און האָט אים אייַנגערעדט, ער זאָל דאָ עפענען דעם קליינעם אַפּטייק-מאַגאַזין. און איצט איז ער געווען דערשלאָגן מיט מלכ'ס טויט. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען ערגיץ א שוחט צי

21.653

א רב, אָט דער יצחק-בער. ער האָט געקאָנט גוט לערנען, נאָר ער איז געווען אן אפיקורס, קיין מאָל ניט געגאנגען אין שול און האָט שטאַרק פֿײַנט געהאט פרומע יידן. אויפן בית-עולם מיט דער לויה איז ער ניט געגאנגען, ווײַל ער האָט ניט פארגונען די פרומע יידן, וואָס זיי פאָרען זיך איצט נעבן מלכ'ן, און האָט ניט געוואָלט הערן „די פסוקים, וואָס זיי זאָגן דאָרט"; איז ער געשטאנען דאָ אין מיטן מארק צווישן א רעדל יידן און האָט דערציילט, ווי אזוי מלך איז פארן טויט געבליבן דער זעלבער, וואָס פארן לעבן; ווי אזוי ער איז צווי מעת-לעת נאָכאנאנד געלעגן מיט א פּאכיר אייז אויפן הארצן און האָט געשמייכלט:

— איין שמייכל, האָט יצחק-בער מפירש געווען,—פאר זײַן מוטער דער אלמנה, וואָס האָלט ערגיץ אין זיין געבורט-שטעטל דעם טאָפּטאק און לאָזט דאָרט אלע יאָר עפּעס אראָפּ פונם נחת, וואָס זי האָט געקלערט אין אים צו האבן; איין שמייכל פאר זיך אליין, פארן אייגענעם ניט-אײַנגעגעבענעם לעבן, הייסט עס; און איין שמייכל... איין שמייכל מעג זיין פאר זיין חבר חיים-משה'ן, וואָס פלעגט זאָגן, אז פארן טויט וועט ער זיך נאָך אָפּרעכענען מיט גאָט מיט א „נו?" מיט א „נו", וואָס וועט זיין די טייטש: נו, האָט מען מיך אהער אראָפּגעבראכט, נו, בין איך דאָ געווען, נו?...

דער רעגן האָט שוין אָנגעהויבן טריפן, נאר יצחק-בער האט נאך אלץ גערעדט, און דער עולם ארום אים איז נאך אלץ געשטאנען. פון דרך-ארץ צום געשטארבענעם איז מען דא ארום אים געשטאנען און פון דרך-ארץ צו אים אליין, דעם גרויס-גופיגן און צעפּאטלטן, וואס איז אמאל געווען א שוחט ביי א רב און האט פיינט פרומע יידן און גייט קיין מאל ניט אין שול און איז איצט ניט געגאנגען אויפן בית-עולם מיט דער לויה.

---

דער רעגן האָט שוין נאָכדעם געגאָסן אַ גאַנצע נאַכט—דאָס איז געווען דער ערשטער לאַנגער און רעגלמעסיגער זומערדיגער רעגן.

מיט יעדן אומגעריכטן בליץ האָבן זיך בלוצים, ווי אומגעריכט, אויפגעכאַפּט דער מיל-קלימען מיט די צוויי קלויסטער-שפּיצן, וואָס אין ביידע עקן ישוב, אינטער די בערג. כאַדנע נאַקעט, ווי ניט קיין היגע, האָבן זיי אַ שימער געטאָן מיט זייער צעשראָקן גאָלד אין דער וויים, גאָר ניט דערקאָנט ניט זיך אַליין און ניט די געגנט אַרום און האָבן אײַנגעדרימלט צוריק מיט אַ מינע פון אויסגעוועבטן פּחד און פון בטלען חלומות:

— נ פו! טפו! צו שונאימס קעפּ.

אַ גאַנצע צווייטע העלבע נאַכט האָט ראַקיטנע די שטאָט געהערט אין שלאָף, ווי רוהיג ס'טריפן די רינוועס פון אירע דעכער. טראָפּנס פאַלן דאָ אין אַ פּעסל אַן אונטערגע-שטעלטן, דאָ אויף אַ שטיין אַן איינגעפלאַמטערטן און דערכאָנען, אַז אין שטאָט האָט זיך געפעלט אַ מענש:

— טאָקע געוואָרן ווינציגער מיט אַ מענש.

און גאַנץ פריה, ווען פון אונטער צעריסענע שווימענדיגע שטיקער וואָלקן האָט זיך דער רעגן ווידער אין אַלכסון געלאָזט גיסן, איז שוין אַ געדונגענע בעל-עגלה'שע פור געהאט געשטאַנען אין עק שטאָט, נעבן מלכ'ס קליינעם אַפּטייק-מאַגאַזין—געשטאַנען, זיך גענעצט אויפן רעגן און געוואַרט.

אין א געלעגענער בעל-עגלה'שער בורקע מיט א מענערשן שירעם אין האַנט איז פון שטיבל ארויסגעגאַנגען מלכ'ס שוועסטער, די פרעמד-שטעטלדיגע פראָוויזאָרין, און שווער, ווי געפּענטעט גענומען ארויפקלעטערן אויף דער הויכער בעל-עגלה'שער בריטשקע. אַז איר

האָבן געוואָלט העלפן הנקע ליובער און עטל קאַדיס—די קורסיסטין, וואָס האָט אין גיכן געזאָלט אַ כלה ווערן פאַר מלכ'ן—האָט זי זיך פון זייער הילף אָפּגעזאָגט; געמאַכט אַ פאַר פאַר'עקשנטע, ניט קיין זיכערע תּנועות און זיך סוף-כל-סוף אַרייַנגעוואָרפן אין בריטשקע אַרייַן מיטן בוליך, ווי איינער, וואָס זעצט זיך רייטן אויף אַ פערד. נאָר בשעת די מיידלאַך זייַנען געבליבן וואַרטן אויף איר לעצטן וואָרט, האָט זיך פלוצים אַרויסגעגליטשט דער שירעם פון איר האַנט. אויבן אָן, אויפן אָנגענעצטן קישעלע, האָט זי מיט א מאָל געגעבן אַ ציה אַרייַן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, זיך אייַנגעהויקערט, אַזוי אז די בורקע האָט גענומען אויסזעהן, ווי אָנגעפילט מיט אַ בינטל שמאַטעס, און האָט אויסגעשאָסן מיט אַ משונה-יאושדיגן קוויטש:

— אוי, מלך!... מלך!...

דעמאָלט איז די פור מיט אַ מאָל אָפּגעפאָרן פון שטוב און האָט געלאָזט נאָך זיך לאַנגע צוויי רעדער-סימנים אין דער גלענצלדיג-פרישער ראַקיטנער בלאָטע—דאָס האָט דער בעל-עגלה מיט א מאָל זיך צעוויאָקעט אויף די פערד: ער האָט פיינט געהאט ווייבערש געוויין. אין מיטן מאַרק האָט מען די פור אָפּגעשטעלט – דאָס איז געווען יצחק-בער, דער גרויס-גופיגער קאַסיר פון ראַקיטנער וואַלד. האַלטנדיג די הענט פאַררוקט אין די אַרבל און פאַרריסן העכער דער ברוסט, האָט ער געקוקט פאַר זיך מיט זייַנע גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן. ער האָט ניט געפילט, ווי דער רעגן נעצט אים, ווי דער ווינט בלאָזט אים זיין לאַנגע שטויביג-גראָהליכע באָרד אָן א זייַט. צעבראָכן פון אַ נאַכט ניט שלאָפן, האָט ער זיך געהויקערט מיט זיין גאַנצער צעפּאַטלטער וואַקס און האָט הוסטנדיג געשריגן צו מלכ'ס שוועסטער אויפן קול:

— וואו-זשע איז געבליבן דער שליסל?... פון מלכ'ס שטיבל דער שליסל?

די פור מיט מלכ'ס שוועסטער איז סוף-כל-כוף פאַרשוואונדן אויפן וועג צום וואָקזאַל. יצחק-בער האָט אויסגעדרייט אַהער זיינע פּרא-אדמהדיגע ברייטע פּלייצעס און, מיט הענט פאַררוקט אין די אַרבל, האָט ער אַוועקגעשפּאַנט צו דער קאַסירערשער אַרבעט, וואָס אין גרויסן ראַקיטנער וואַלד.

און נאָכדעם איז שוין דער רעגן געגאַנגען שטאַרקער. און מלכ'ס שטיבל איז שוין געווען פאַרשלאָסן פון דרויסן, און דער שליסל—אייַנגעהילט אינם אויסגעוועבטן פאַרפומירטן טיכעלע, וואָס ביי עטל קאַדיס אין רידיקיול. איצט זיינען אַהיים געגאַנגען שלאָפן חנקע ליובער און עטל קאַדיס — די צוויי מיידלאַך, וואָס זייַנען געשטאַנען נעהענטער צום גע-שטאָרבענעם מלכ'ן, ווי אַלע אַנדערע דאָ אין שטאָט. נעכטן בייטאָג איז געווען פריקרע צו קוקן, ווי זיי שלאָפן זיך ביידע אינאיינעם נאָך מלכ'ס בחורשער לויה, און איצט, איז געווען פריקרע צו זעהן, ווי זיי שלעפן זיך ביידע אַהיים שלאָפן.

---

אויף מאָרגן בייַטאָג האָט דער רעגן נאָך אַלץ געגאָסן.

הייַזער אין שטאָט זייַנען געשטאַנען אויסגעצוואגן, אייַנגעהויקערט. אויף דער פאַר-הושכ'טער גאַס האָט געשמעקט מיט נאַסן מבול און מיט געניק. אָקאָרשט פון נאַכט האָט זיך גענומען לייטערן. שיקסעלאַך האָבן אַרויסגעטריבן די גענז. אַ בעל-עגלה איז, נאָך צוויי מעת-לעת רוהען, דורכגעלאָפן איבער דער שטאָט מיט אויסגעפאַשעטע פערד מיט פיס, וואס שפּריצן בלאָטע פון אונטער פריש-פאַרבונדענע עקן, און נידעריג אַרויס דער שטאָט האָט זיך פאַרן פאַרגיין די זון באַוויזן.

אין עק גאַס איז אַ ייד זיך דורכגעגאַנגען ניט ווייט פון זיין שטוב און האָט דערזעהן: מלכ'ס שטיבל מיטן אַפּטייק-מאַגאַזין איז פאַרשלאָסן פון דרויסן; דער שלאָס אויף דער טיר הייננט, און אינעווייניג נעבן איינעם פון די פענסטער ברענט אַן עלית-נשמה-פלעמל. דער ייד האָט וועגן דעם דערציילט ביי זיך אין דער היים און ביי די אַרומיגע שכנים, און אַלע האָבן געפונען, אַז וויבאַלד קיינער וואוינט שוין מער ניט ביי מלכ'ן אין שטיבל, דאַרף מען אָט דאָס לעמפל אויסלעשן — ס'קאָן ווערן אַ שרפה. מ'האָט וועגן דעם געשיקט אָנזאָגן צו חנקע ליובער און צו עטל קאַדיס דער קירסיסטין. ביידע מיידלאַך האָבן ניט געוואוסט פון עפּעס צו זאָגן. עטל קאַדיס האָט געענטפערט אַ ביסל ברוגז און קאַלט, ווי אַ שבעה-זיצערין.

— ס'איז דאָרט ניט געבליבן קיין פלעמל.

נאָר אויף מאָרגן ביי־טאָג, ווען די מיידלאַך זיינען אַהין אַריינגעקומען, האָבן זיי געטראָפן אין צווייטן קלענערן חדרל אַ פאַרדרייט לעמפל.. די נגידישע נייַנצעהניאָריגע חנקע ליובער איז געווען זעהר לייַטיש אויפגעצויגן; איר יונג-געשטאָרבענע מוטער האָט זי פון תמיד אָן געלערנט, זיך קיין מאָל ניט צו שווערן. זי איז געווען שטאַרק בלאַס און דערשראָקן און האָט געזאָגט, אַז זי געדיינקט ניט, זי זאָל דאָס לעמפל פאַרן אַוועקגיין אָנצינדן. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַ ליגן און האָט באַלד צוגעגעבן:

— יעדנפאַלס איז זי נייַנציג פּראָצענט זיכער, אַז ניט זי האָט עס געטאָן.

שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט: הוה פּויזנער—דעם רייַכן קרעמער עזריאל פּויזנערס גראַטן מיידל, האָט אַ טאָג נאָך מלכ'ס טויט זיך אומגעקערט אַהיים. שפּעט פאַרנאַכט האָט מען זי געזעהן דורכגיין אַרויף, צו מלכ'ס שטוב, און נאָך איר איז מיט אַ גרויסן בונט שליסל אין די הענט נאָכגעגאַנגען זייער עלטערער קלייט-משרת יוסל. ס'איז געווען ניט צו פאַרשטיין: איינער אַ שלאָס אויף דער אייַזערנער טיר פון עזריאל פּויזנערס גרויסער כל-בו-קלייט האָט ווירקליך געכאַפּט דעם אָנבליק פונם שלאָס, וואָס הייננט אויף מלכ'ס שטיבל; הוה פּויזנער אַליין אָבער איז די לעצטע צייט פאַר עפּעס אין כעס געווען אויף מלכ'ן און האָט זיך מיט אים, ווי מיט אַ כיון, ניט באַגעגנט.

געוואוירע געוואָרן איז מען עס אָקאָרשט אין עטליכע טעג אַרום. עטל קאַדיסעס מוטער, די פריה-געבליבענע אַלמנה, איז דעמאָלט ניט געווען אין דער היים. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז זי איז שוין ווידער בגנבה אַוועקגעפאָרן צו איר רייַכן שטאַרק קמצנישן שווער, פון וועמען זי פאַרלייקנט פון נאָכן מאַנס טויט איר ציטעריג קליינעם פאַרמעגן און ביי וועמען זי רייַסט אויס מיט גרויס מאַטערניש אַלע חודש אויף צו לעבן. די בלאָנדע מיטלמעסיג-געפּאַקטע חנקע ליובער איז דעמאָלט געקומען צו עטל קאַדיס אַהיים. זי איז געשטאַנען אַקעגן עטלען מיט בלאַסע אונטערגעקליבענע נאָז-לעכער און האָט איר ניט געהאַט דערויף, וואָס צו זאָגן. כדי ניט צו קוקן עטלען אין פּנים אַרייַן, האָט זי זיך אַוועקגעדרייט אין אַ זייַט און גענומען קוקן אין פענסטער. און עטל קאַדיס האָט דערויף גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט געהאַט אַ פאַרשטיינערט טונקל-בלאַס און אויסגעצויגן פּנים, און פון אונטער אירע גראָהע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אומעטיג, ווי די אויגן פון אַ שאָף, האָבן זיך געשוואַרצט היפּשע טיפע גריבער: זי איז פון תמיד אָן געווען אַ שווייַגנדיגע, אַ שלעכטע און ביטערע, ווי איר אייגן ניט-געלונגען לעבן. איין מאָל—דאָס איז געווען צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר—האָט זי פּלוצים אין מיטן סעזאָן פאַרלאָזט אירע ניט דערענדיגטע קורסן און האָט אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים אַ פאַרשפּאַרטע אין איר צימער, וואָס ביי איר מוטער אין דער היים. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז זי שווייַגט פון שלעכטיגקייט, שווייגט זי. דעמאָלט

האָט זיך אונטערגעכאַפּט מלך, אויף וועמען גאַנץ ראַקיטנע האָט איר מקנא געווען, און איצט איז שוין אַראָפּ אָט די לעצטע האָפענונג אויך, און זי אַליין איז שוין ווידער געשלאָגן שלעכט ביינאַכט, פונקט ווי אַמאָל, איידער זי האָט זיך באַקאַנט מיט מלכ׳ן. אין שטאָט האָט מען זי געהאַט אין מויל אומעטום. מ׳האָט וועגן איר גערעדט אין אַלע פאַרמעגליכע הייזער, וואו מ׳האָט זיך בייטאָג צונויפגעקליבן טיי טרינקען. מ׳האָט געשמועסט:

—אויב אַ מענשן גייט ניט, איז גלייכער, ער זאָל שוין גאָר ניט לעבן אויף דער וועלט.

און נאָך האָט מען געזאָגט:

— נו גוט. זאָל זיין, ווי פרעגער, דער פאַרוואַלטער פון תלמוד-תורה, זאָגט: „עטל קאַדיס, זאָגט ער, גייט ארום גאַנצע טעג און טראַכט: מיט וואָס נאָך, אשטייגער, וואָלט זי געקאָנט פאַרוואונדערן די וועלט״. אָבער איין זאַך קאָן מען דאָך פונדעסטוועגן ניט אָפּליי-קענען — זי האָט אַ גוטן קאָפּ, עטל. זי פאַרשטייט די לאַגע אירע — און גאָר גוט איז איר דאָך ניט.

און זי האָט זיך מיט קיינעם ניט אָנגעקערט און האָט ניט געוואָלט וויסן, וואָס מען רעדט וועגן איר אין שטאָט און וואָס מען טראַכט: נאָר זעלטן זעלטן האָט מען זי געקאָנט זעהן אַרויסגיין איינע אַליין אַרויף דער גאַס. דאָס איז זי געגאַנגען צו עוזר ליובער אין רייכן הויז; זי האָט דאָרט גענומען מיט זיך חנקען און איז געגאַנגען, זיך דורכרעדן וועגן מלכ׳ן מיטן גרויס-גופיגן יצחק-בער׳ן, דעם קאַסיר פון ראַקיטנער ורויסן וואַלד.

## II.

יצחק-בער דער וואַלד-קאַסיר האָט געהאַט אַ קראַנק ווייב. קיין מאָל האָט מען זי ניט געזעהן אין שטאָט. און אַליין איז ער געווען אַ צעפּאַטלטער — אַ ייד אַ גבר. ער האָט געהאַט גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן, וואָס האָבן דערמאנט אן פאַרנדיגע לאָמטערנס פון אַ לויפנדיגן צוג, און אין שטאָט האָט מען אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „דער באַן״.

— יצחק-בער דער באַן גייט, — אַזוי האָט מען געזאָגט אלע מאָל, וואָס מ׳האָט דערזעהן פון ווייטן זיין גרויסגופיגע פיגור מיט דער ברייטער צעפּאַטלטער טונקל-גראָהער באָרד.

שוין פיר יאָר זינט מ׳האָט אים אַראָפּגעבראַכט אַהער פון דער פרעמד און אים אַוועקגעזעצט פאַר אַ קאַסיר אין ראַקיטנער וואַלד, נאָר אין שטאָט קער ער זיך נאָך אַלץ מיט קיינעם ניט אָן; ער האָט זיי ניט איבעריג ליב, די שטאָט-יידן, און פון נאָך מלכס טויט אָן זעהט ער נאָך אַלץ אויס א ביסל דערשלאָגן. ס׳מאַכט זיך, אַז איינער פון די יידן, וואָס קומען צו אים אין וואַלד האָלץ קויפן, רירט אים מיט עפּעס אָן ביים קנעפּל. יצחק-בער גלאָנצט דעמאָלט אויס מיט בייזן די גרויסע אויסגעקוליעטע באַן-אויגן און גיט דעם יידן אַ התראה, אַז ער, יצחק-בער, האָט פיינט חניפה:

— ער האָט זיך דערפאַר שוין צעקריגט אַזוי גרויס, ווי מיט פינף בעלי-בתים וואַלד-סוחרים, און עקיבאכאָנען, דעם איצטיגן בעל-הבית זיינעם — דעם איצטיגן חנפענען אלע זיינע פיר-און-דרייסיג „מענשן״, נאָר ניט ער, יצחק-בער.

ער איז בכלל א מענש אַן אָנגעווייטאָגטער. אַז ער ווערט אויפגעטראָגן, קאָן ער צוגעבן, אז ער האָט זיך שוין אַ מאָל צעקריגט מיט גאָט אויך:

— יאָ, יאָ... נאָך אַ מאָל, ווען איך בין נאָך געווען א יונגער מאַן, האָב איך זיך מיט אים צעקריגט.

נאָר אַז די מיידלאַך — עטל קאַדיש אין חנקע לייבער, קומען צו איס אויסגעפוצ-טערהייט אזוי אין אַ פרייען זומערדיגן זונטאָג בייטאָג אין טרעפן אים אין מיטן וואַלד אויף דער לאָנקע, וואָס איז פאַרגאָסן מיט זון אין איז פאַרוואַלגערט מיט פרישע פון דער וואָך אָנגעהאַקטע שפענער; אַז ער פארציהט זיך דאָרט מיטן שטאַרקן ריח פון זיין פשוט-צוניפגערדרייטן פאַפּיראָס און הייבט זיי אָן דערציילן, ווי אַזוי מלך מיט זיין חבר חיים משהן האָבן אויסגעזעהן נאָך אַ מאָל, בשעת זיי האָבן ביידע געעקסטערנעוועט אין יענער גרויסער שטאָט, וואָס נעבן איר אין אַ וואַלד איז ער, יצחק-בער, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געוועזן אַ קאַסיר, — דעמאָלט ווערט ער אַליין שוין אויך עפּעס וויכער, בוימלדיגער:

— ער, יצחק-בער, זאָגט ער, — איז אַ מבין אויף אַזעלכע יינגלאַך.

ער פארלייגט די הענט טיף אין די אַרבל, פאַררייסט זיי, ווי זיין שטייגער איז, שטאַרק הויך, צו דער ברוסט און גיט צו:

— אַלמאי זאָל ער זאָגן? אים, יצחק-בערן, האָט גאָט מיט אַזעלכע קינדער ניט געבענשט.

אין נאָכדעם בלייבט ער אַזוי שטיין מיט זיין גאַנצער צעפּאַטלטער וואוקס און טוט זיך אַ שאָקל אקעגן די מיידלאַך, וואָס זיצן אין דער מיט לאָנקע אויף אַן אָפּגעטעסעטן קלאָץ; ער הייבט אונטער די גרויסע געדיכטע ברעמען, צעעפנט די היפשע געבענשטע לעפצן און זוכט פאַר אָט די יינגלאַך דאָס פּאַסיגע וואָרט. ער זוכט לאַנג אין געפינט ניט. נאָר אַז ער רעדט נאָכדעם לאַנג וועגן זיי, שווימען דאָך סוף כל סוף אַרויס די פיגורן פון צוויי יינגלאַך הברים, וואָס זיינען זיך געקומען לערנען אין דער גרויסער שטאָט: איינער פון זיי, דער יינגערער, איז שוין דעמאָלט געוועזן אַ שעמעוודיג לאַנגער, אַ בלאָנדער; אַז ער האָט געשמייכלט, האָט עס געהייסן:

— ער ווייסט עפּעס, נאָר ער וויל דערפון ניט רעדן.

און דער צווייטער — אַ רויטליכער ברעון, אַ שטיק ,וועק-זילבער, און דערצו אַ גוואַ-דיגער מזג-טוב. דאָס ברענענדיגע מאַטעמאַטיק-קעפּל בריינגט ער מיט זיך טאָקע פון דאָרט, פון ראַקיטנע, פון וואַנען ער שטאַמט אין וואו ער האָט אַ מאָל געלערנט אין חדר.

און ביידע דרייען זיי זיך ארום דאָרט אין דער טומלדיג-גרייסער שטאָט, און ביידע געדיינקען, אַז זיי טראָגן קליינע קוים מערקזאַמע הייקערלאַך אויף די יינגלשע פּלייצעס.

— די ירושה-מתנה, אַזוי רופן זיי אָט די הייקערלאַך אין שמייכלען איינער צום צווייטן, — די ירושה-מתנה פונם קליינשטעטלדיגן יידן דעם טאַטן.

און ביידע דרייען זיי זיך דאָרט ארום פארטייען, וואָס טומלען דאָרט אין שטאָט. ביידע לייגן דאָרט צו אַן אויער און קומען צופרידן:

— ס'איז גוט!

אַז איינער פון זיי באַמערקט דאָרט אין שטאָט עפּעס אַ נייס, קומט ער מיט דעם פריילינג צו לויפן צום צווייטן:

— האָסט געהערט?

ער איז נתפעל:

— הערסטו, זאָגט ער, די וועלט וואָלט ניט ווערט געוועזן אַ גראָשן, ווען זי לאָזט זיך ניט באַטראַכטן.

דער צווייטער כאַפּט עס באַלד אונטער:

— וואָס זשע, שמייכלט ער, — א באַקאַליי-קלייטל, אַ?... מיט א גלעקל?...

און דער ערשטער ענטפערט גלייַך אָפּ:

— און נאָך מיט וואָסער א גלעקל!...

עטל קאַדיס זיצט אין איר שווארצן קלייד און הערט עס שווייגנדיג און קאַלט, ווי ס'פּאַסט פאר א מיידל, וואָס האָט שוין איין מאָל אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים און וואָס האָט שוין באַגראָבן איר חתן — ס'איז שווער, אז זי זאָל פון עפּעס כאַפּן התפּעלות. חנקע אָבער זיצט די גאַנצע צייט לייַטיש, ווי איר יונג-געשטאָרבענע מוטער האָט זי פון תּמיד אָן געלערנט לייַטיש צו זיצן, און פאַרמראַכט זיך א ווײַלע וועגן דעם, וואָס יצחק-בער האָט א סך שווארצן ברוד אונטער די היפּשע נעגל; יצחק-בער איז אַזאַ וואוילער, נאָר אָט... ווען ער זייפט זיך אויס די נעגל. אז זי באַפרייַט זיך סוף-כל-סוף פון אָט דעם גע-דאַנק אירן, איז איר שוין שווער צו כאַפּן, וואָס די יינגלאַך — מלך מיט חיים-משהן זיינען דאָרט אין דער גרויסער שטאָט אייסן מיטן וואָרט — „אַ באַקאַליי-קלייטל"; אפשר מיינען זיי מיט דעם די גרויסע שטאָט, וואו זיי עקסטערנעווען און דרייען זיך ארום, און אפשר רופן זיי גאָר אזוי די גאַנצע ערדישע וועלט, וואָס יצחק-בער דערמאַנט זי תּמיד ניט צו גוטן.

— גאָטס באַקאַליי-קלייט רופן זיי אָט די ערדישע וועלט און דערמאַנען זי תּמיד ניט צו גוטן.

פון יצחק-בערס רייד איז אויך משמע, או עמיצער רעכנט ארום זיך דעם רוב מענשן פאר פערד:

— וואָס ווייסן זיי? — מ'האָט זיי איינגעשפּאַנט, שלעפּן זיי.

נאָר אויך דאָ איז שווער צו וויסן, ווער רעכנט אזוי: יצחק-בער? צי אפשר גאָר זיי — די צווייַ יינגלאַך-חבריא. קלאָר איז נאָר איין זאַך: ארום די יינגלאַך ווימלען דאָן גרויס-שטעטיגע רעשיגע טעג; זיי שלינגען מענשישע ווילנס, אָט די טעג, און לאָזן אלע מאָל ארויס אויף דער גאַס נייַע גימנאַזיסטקעס שפּאַצירן. און ארום און ארום קלאַפּן רעדער אָן די שטיינער — דראָשקעס פליהען אָפּ און אויף. גרויס-שטעטיגע טאַטעס ארבעטן מיט די מחות — זיי זאָגן זיך ניט אָפּ פון שיינע איידעמס צו האָבן, נאָר אליין זיינען זיי דערווייַל שטאַרק באַשעפטיגט אין באַוועגן דאָרט ארום די יינגלאַך מיט פאַבריקן, וואָס לאָזן רויך, מיט צוגן, וואָס ברייַנגען מענשן, מיט קלייטן, וואָס זייַנען איבערגעפּולט מיט שפע, און מיט טייַכן, וואָס וויגן האָלצווארג אויף זייערע שויסן. די גוואַלדיג-גרויסע שטאָט איז ווי אייַנ-געהילט אין נעפּל. נאָר פון וואָס באַשטייט דען א גרויסע שטאָט, וואָס איז איינגעהילט אין נעפּל, אויב ניט פון לעפּישע שאָטנס, וואָס לאַרימען און שרעקן און וועבן דער וועלט תּהו ובהו?

קומט צו גיין איין מאָל הייב-משה,—דער עלטערער פון די צוויי יינגלאַך—און זאָגט, אז ער וויל שוין בעסער א שטענדיגן ווינטערדיגן טאָג.

זאָלן אהן איבּהער שיטן אויף אָט דער שטאָט געדיכטע נעפּלדיגע שנייען; זאָל זיין חושך, און אין איין צוזאַמענגאַס זאָלן דערוואָרגן ווערן אלע ווילדע געשרייען פון אָט דעם לע-פּישן תּהו ובהו — מע דאַרף ניט, זאָגט ער,—קיין וועלט, וואָס טויט מענשן, איידער זי באַפרידיגט זייערע פאַרלאַנגען.

בנוגע צו ביידן, אזוי קלערן די יינגלאַך — איז זיך גאָט זעהר ניט לייַטיש באַגאַנ-גען — נאָך אין סאַמע אנהייב, בשעת ער האָט זיי באַשאַפן, איז ער זיך ניט לייַטיש

באגאנגען. גלייך ער וואלט דעמאלט האבן אַ סך שיינע וועלטן אויף אייסצוקלייבן אין האט זיי, ווי אויף צו להכעיס, אראפגעלאזן דוקא אויף אט דער,—דער אימוועדיגער. איז אבער קלאגן זיך ניט שייך; מישן זיך — אייך ניט. איז גאר ניט: איז מען דא גרים... וועט מען זיך אזוי ארומדרייען, מ׳וועט זעהן, הערן און מ׳וועט שווייגן. מ׳האט אן אייגן-צוגעטראכט ווארט און מ׳חזרט עס אלע מאל איבער:

— דער שטומער פראָטעסט... דער אייביגער שטומער פראָטעסט.

און איין מאָל באַגעגנט מען זיך מיט אים, יצחק-בערן, און ער דערציילט זיי, אַז זינט ער האָט ביי זיך געפועלט, אַז די וועלט בלייבט אַזוי, ווי זי איז, ניט צום איבער-מאַכן, קאָן ער זיך באַגיין אָהן איר, און זי אָהן אים — איט אָרט שוין להלוטין ניט, וואָס קיינער רוּט אים דאָ ניט נישט אויף קיין התונות און נישט אויף קיין בריתן... געפעלט עס זיי, די יאָטן. זיי קוקן זיך פארוואונדערט אַדורך און שמייכלען:

— זעה נאָר, פאַראַן נאָך איינער...

און אַ נאָמען גיט מען אים באַלד אַ גרייטן:

— רב גר נימער 3.

צו אים אין וואַלד קומט מען שוין נאָכן עס אָפט — ס׳איז סך הכל אַ וויאָרסט דריי פון שטאָט — מ׳בייט זיך מיט די ספרים, וואָס מע לייענט.

ער, יצחק-בער אַליין, זאָגט צו זיי:

— הערט-זשע אויס, קינדערלאַך! שמ׳עסן איז נישטאָ מכח וואָס — די וועלט איז שוין ארומגעטאַטעסט. אלא-וואָס-דען? פאַראַן-אין אָונטן אַן אייסגעשטערנטער הימל, דאַרף מען זוכן אויף אים לייטישע וועלטן — מע דאַרף לערנען.

און מ׳הויבט אָן לערנען; מערסטן — אַסטראָנאָמיע. אין די פארנעפלטע ספערן האָט מען אַ ביסל אַ ידיעה נאָך פון פריהער. דערצו העלפט נאָך גאָט אַ קאָמעטע צו יענער צייט. קויפן חברה — די צוויי חברים הייסט עס — אַן אַלטן טעלעסקאָפּ ערגיץ וואו אין שטאָט אויפן טאַלטשאָק; שוין אַ ביסל אַ קאַליע אַפילו; מע ברייננגט אים צו פירן צו אים, יצחק-בערן, אין וואַלד אַריין און מע שטעלט אים אַרויף אויפן שטרויענעם דאַך פון זיין שטיבל, און נאָכדעם קלעטערט מען שוין אַהין אַלע אָוונט: פריהער זיי — מלך מיט חיים-משהן, און נאָכדעם ער, יצחק-בער מיט דער באָרד. אינעווייניג, אין שטיבל, ליגט דעמאָלט אויפן בעטל זי, די יידענע זיינע. זי איז אלע יאָרן אַ קראַנקע. זי גענעבט, שפרעכט זיך אַליין א גוט-אויג און שעלט זיך:

— אַלטער! אַז אַך און וויי צו דיינע יאָר... קריכסט אויפן דאַך!... האָסט אין שכל מיט יינגלאַך.

און נאָך:

— דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, שרייט זי, — זעה איך, אַז אַן עלטערער מענש זאָל אזוי ניט שאַנעווען זיין געזונט.

אויס פרומקייט האַלט זי מיט אים קיין שלום ניט נאָך פון אַ מאָל, פון די יונגע יאָרן. איר איז די צייט לאַנג, געניצט זי אין שעלט זיך. נאָר חיים-משה מיט מלכן גריי-גען איר פון שטאָט אַ נייעם טייטש-חומש מיט אַ „קב-הישר”. מלך שמייכלט און שווייגט, און חיים-משה רעדט איר איין, אַז אַ יידינע, אַז זי איז פרום און קוקט תמיד אַריין אין א ספר, קאָן זי מנחיל זיין דעם מאַן עולם הבא.

— אַזוי, אזוי.. אזוי טוען אָפּ אין משך פון איינעם אַ זומער מלך מיט זיין חבר חיים-משה׳ן.

און וואָס איז געוועזן דער סוף?

— וואָס קאָן זײַן דער סוף פון צוויי ייִנגלאַך, וואָס האָבן אַ ידיעה אין די פאַר-נעפּלטע ספערן?

איינער איז אַרויס אַ מושלם, אַזוי זאָגט יצחק-בער — דאָס איז דער עלטערער, חיים-משה — דער רויטליכער ברען — יצחק-בער באַקומט פלוצים אַזאַ פרום פּנים, גלײַך ער דאַוונט מיט גרויס כּוונה. ער שליסט צו די אויגן, שאָקלט אַהין און צוריק מיטן קאָפּ און זאָגט אויף אים עדות:

—ער האָט מיט וואָס צו אַרויס אויף דער וועלט. נאָר ער איז אַן עקשן—ער וויל ניט...

און דער צווייטער, דער בלאָנדער און שעמעוודיק-לאַנגער מלך? — איין מאָל איז אַהער צו יצחק-בערן אין וואַלד אַרײַן מגולגל געוואָרן אַ פּרעמדער יונגער-מאַן. ער איז געוועזן אַ וואָוקסיגער און זעהר אַ שטילער: ער האָט געהאַט אַ דערשלאָגן אױסזעהן. אפשר האָט אים א וואָסער ס'ניט איז אומגליק געטראָפן. אין ראַקיטנע האָט מען געזאָגט, אַז ער איז פריהער געוועזן פאַרשיקט. גאַנצע צוויי יאָר איז ער געווען פאַרשיקט. איטליכס מאָל, וואָס צו יצחק-בערן אין שטיב זײַנען אַרײַנגעקומען מענשן פון שטאָט, האָט מען דעם יונגען מאַן אויף גיך אַרײַנגעפּאַקט צו דער יצחק-בעריכע אין אַלקער און מ'האָט פאַרמאַכט נאָך אים די טירן. ער האָט דאָ אָפּגעלעבט מער ווי אנדערהאַלבן יאָר; ער האָט דאָ געהאַט דעם קליינעם אַפּטייק-מאַגאַזין, ער איז געוועזן עטל קאַדיס התן און איז געשטאָרבן.

אַז יצחק-בער בלײַבט שטיל, בלײַבט אויך שטאַרק שטיל די גאַנצע לאנקע נעבן אים, און פון דער לופט, וואָס אַרום, הויבט אָן ווי אַרומצוקריכן און נאָגן דער נאָכפּסחדיגער זומערדיק-פרישער טאָג פון מלכס טויט. ס'געדיינקט זיך, ווי אין גאַס פאַר מלכס שטיבל זײַנען דעמאָלט אַ גאַנצן בײַטאָג געשטאַנען דער דאָקטאָר גראַבײ מיט זײַן שוועגערין, בראָמ-בערג, דער בעל-הבית פונם ווײַסן סקלאַד פון ערד-מאַשינעס מיט זײַן פרוי, וואָס טראָגט פענכנע, חנקע ליובער, עטל קאַדיס, יצחק-בער און נאָך אַ סך אַנדערע מענשן, און איטליכס מאָל, וואָס אַ פרעמדע פיר איז אָנגעקומען קיין ראַקיטנע, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, און מענשן האָבן זיך דערפרעגט, ווער איז דאָס געשטאָרבן. מ'האָט זיי געענטפערט:

— מלך, מלך פונם קליינעם אַפּטייק-מאַגאַזין.

נאָר זיי האָבן ניט געוואוסט, ווער מלך איז. אין נאָכדעם האָט מען זיך שוין זאָרט אויפן בית-עולם געאַמפּערט מיט חברה-קדישא צוליבן אָרט. יונגע מענשן האָבן קעגן אַ האַלבע שעה געטענעט פון דער זײַט אוהל אויפן קול. נאָר די אַלטע האָבן זיך סוף-כּל-סוף דערשלאָגן זייערס, ווײַל אויף מלכ'ס טיט איז געוועזן א חשד, אַ גרויסער חשד... מלכן האָט מען געלייגט אין עק בית-עולם, ביים קאַרשן-בוים נעבן דעם בערזשינעבער אַפּטייקערס קלענערן ברודער, דעם דאָקטער—נעבן נאָך גאָר א יונגען בחור אַ דאָקטער, וואָס איבער זײַן צופיל פלײַסיגן לערנען האָט ער באַקומען אַ לונגען-געלער און האָט זיך אויסגע-הײלט מיט קאַרבאָל... אויף זײַן מצבה איז געוועזן אויסגעקריצט מיט גאָלדענע רוסישע ווערטער:

„אַ קרבן פון ליבע צו הייליגער ווייסנשאַפט".

## III.

אַז די מיידלאַך קערן זיך נאָכדעם אים צוריק אַהיים, געדיינקען זיי שוין מן הסתם יעדערע פאַר זיך, אַז איצט באַשיצט זיך מלכס קבר אינטערן שאָטן פון אָט דער דאָקטערשער געהייליגטער מצבה. זיי שווײַגן און קוקן ניט איינע צו דער צווייטער.

אַרום איז שטיל, אין די שאָטנס פון די בוימער פאַלן שוין ממש טונקעלע און פיל גרעסער, ווי די שאָטנס פון האַלבן טאָג. די מיידלאַך דראַפּען זיך אַרויף אויף אַן אָנגע־שפּאָלטענעם ראַוו און לאָזן זיך אַריס פונם וואַלד ניט מיטן בּרייטן פאַרשטויבטן שליאַך, נאָר מיטן שמאָלן שטעגעלע, וואָס איז באַליבט, ווי אַ פאַרקירצטער זומערדיגער וועג, באַהאַלטן אינם היפּשן וואַקסנדיגן גראָז פון גרינע, באַאַרבעטע פעלדער. אָט לאָזט זיך דאָס שטעגעלע אַראָפּ אין אַ גרינעם טאָל, וואו אַן איינזאַמער קוואַל אַ ברונעם רוהט תמיד מיט אַ הייליגער כשר׳ער רוהיגקייט: ביי אָט דעם קוואַל איז תמיד שבת. אָט הייבט זיך דאָס שטעגעלע אַרויף אויף אַ קליינעם באַרג און מיט אַ מאָל, ווי אַ שמאָלע לאַנגע האַנט, כּוּט זיך ס׳ס אַ שטרעק־אויס צו יענעם לינקען עק ראַקיטנע, וואָס מיט די צוויי קלויסטער־שפּיצן און מיט דער שול־יאַרמלקע אין מיטן — פון דאָרט פילט זיך שוין אַהער די גאַנצע מידקייט מיטן סוף פונם לאַנגען זוניגן טאָג זונטאָג. פון די פיל אָנגעוואָרפענע טשערעפּענע דעכער פילט זיך אַהער אָט די מידקייט, און פון דער לעצטער זון, וואָס אויף זיי און אויף זייערע קוימענעס. ס׳קלינגט דאָרט אַן איינציגער קלויסטער מיטעלער קלויסטער־גלאָק. מיט מידע אָפּגעריסענע קלאַנגען באַגלייט ער פון דאָרט אַרויס דעם טאָג, און די קלאַנגען קומען אַהער פאַר׳דאגה׳טע, אָפּגעשוואַכטע און דערציילן דאָ דעם כּאָנס שבהיב:

— געווען אַ שיינער טאָג, אַ ריינער טאָג.

עטל קאַדיס די קירסיסטין האָט נאָך אַלץ אַן אויסזעהן פון אַ פּריי, וואָס טיף אין זיך פילט זי מיט אַלע חושים, ווי דאָס לעבן טוט איר אויף־צו־להכעיס. זי קאָן דערצו מיט גאָרניש ניט העלפן, שווייגט זי. אין הנקע ליובער קאָן זיך שוין מער ניט איינהאַלטן און וויל וויסן, צי ס׳איז אמת אָט דאָס, וואָס מ׳האָט איר געזאָגט ביי עזריאל פּיזנער אין דער גרויסער כּל־בו־קלייט. דאָרט האָט מען איר דערציילט: יצחק־בער האָט אַנגעמעלטן גע־קויפט אין וואַלד אַריין דריי קעסטלאַך צוועקעס, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ בריון — אין גיכן דאַרף אַהער אַראָפּקומען מלכס חבר — חיים־משה.

— ס׳איז אמת? — פרעגט זי ביי עטלען, — ער דאַרף טאַקע אַהער אַראָפּקומען, חייב־משה?

— ס׳איז אמת, ענטפערט עטל.

אין ווידער טראַכט זי וועגן עפּעס, עטל קאַדיס, קוקט אויף עמיצן אַרויס אין שווייגט.

נאָר אָט פאַרשפּרייטן זיך איין מאָל קלאַנגען, אַז ער איז שוין אַהער אַראָפּגעקומען, מלכס חבר חייב־משה. אין אַ פּשוטן וואָכעדיגן פאַרנאַכט פאַרשפּרייט זיך אָט דאָס נייס אין בלאָנזשעט אַרום איבער דער שטאָט צוזאַמען מיטן מידן גלעקער־קלאַנג פון צוריקגע־קומענע אין אייסגעליידיגטע וואָקזאַל־בעל־עגלהשע פאַעטאָנעס. עמיצער איז שוין אפילו געפאָרן מיט אים פון וואָקזאַל אויף איין בעל־עגלהשן פאַעטאָן און דערציילט נאָכדעם ביי זיך אין דער היים בשעת טיי־טרינקען:

— ער איז פאַרפאָרן גלייך צו יצחק־בער דעם וואַלד־קאַסיר, הייב־משה.

דאָס דערציילט פּישל ריכטמאַן, וואָס איז אַמאָל אויך געווען אַן עקסטערן, און איצט וואוינט ער אין כּאָל אויף דער אַלטער שטאָט אין האַנדלט, ווי דער שווער זיינער, מיט זעק. ער האַלט ביי זיך אַ קינד אויף די הענט און דערציילט, אַז הייב־משה איז געבליבן דער זעלבער פריילעכער, וואָס אַמאָל. אים, פּישלען, באַקוקט ער אַזוי פריילעך פון אלע זייטן, בשעת ער זעצט זיך אויף מיט אים פונם וואָקזאַל אויף איין פאַעטאָן, און פרעגט ביי אים:

— איז וואָס-זשע זאָגסטו, פישל? די באָרד, זאָגסטו, וואַקסט, און די צרות—אויך?

— יאָ,—ענטפערט אים פישל:—ס'איז טאַקע אַזוי: די באָרד וואַקסט, און די צרות—אויך. אָבער פון וואַנען ווייסטו, הייב-משה? כ'האָב דען געזאָגט?

דערנאָך שווייגן זיי אַ ביסל, און חיים-משה פרעגט ווידער:

— זאָג מיר נאָר, פישל, פון וואָס איז דאָס מלך פלוצים געשטאָרבן?

— פון וואָס זאָל ער שטאַרבן?—ענטפערט פישל:—פון וואָס שטאַרבן דען אַלע מענשן?

— אַזוי?—וואַנדערט זיך חיים-משה און קוקט אויף פישלען מיט חשד.—פון דעם זאָגסטו, וואָס סע שטאַרבן אַלע מענשן? און מער פון גאָרניט... אַ?

אַ צווייטן האָט אין וואַלד פאַרכאַפּט דער בייטאָגעריגער גאָס-רעגן, און אַז ער גייט נאָכדעם דורך פאַרביי יצחק-בער דעם וואַלד-קאָסירס שטיבל, שטעלט ער זיך אָפּ און הערט: יצחק-בער היצט זיך דאָרט אין טענ'עט, אַז מלכן האָט דאָ אין שטאָט קיינער, ווי ס'געהער צו זיין, ניט געקאָנט.

— וואָס וועט מען אים דערציילן מעשיות?—שרייט ער:—אפילו די צוויי-דריי מיידלאָך, וואָס האָבן זיך אַרום אים געדרייט, האָבן איב אויך ניט געקאָנט.

און הייב-משה האָט דאָרט דערפון ווילד הנאה און לאַכט גוטמוטיג אויס דעם ברוגזן יצחק-בערן.

—נו, גוט אַזוי, גוט אַזוי,—זאָגט ער צו יצחק-בערן:—וואָס-זשע דען האָט געוואָלט ער, יצחק-בער?

אין יענעם זעלבן אָוונט האָט זיך שוין ווידער שפּעטער ווי אַלע מאָל געלויכטן אינם פענסטער פון עטל קאַדיסעס צימער, וואָס גייט אַרויס צום הינטערשטן ברייטן זייטגעסל. אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט שטייען דאָרט די הייזער איסגעלאָשענע און פאַרגעסענע—זיי דרימלען צוזאַמען מיט זייערע שלאָפנדיגע בעלי-בתים, און נאָר אין תלמוד-תורה אריין קערט זיך דאָרט אַרום אום פרעגער דער פּאַרוואַלטער, אָט דער, וואָס הוה פויזנער האָט זיך אים פון זעכצעהן יאָר אָן איפן האַלז געוואָרפן, און איצט האָט זי זיך מיט אים איפגעהערט צו באַגעגענען און ווערט אין גיכן אַ כלה פאַרן יונגען בעריזשינעצער דעכלערן—פאַר דעסלערן פונם נייעם גרויסן בעריזשינעצער בראַווער. אַ גאַנצן אָוונט איז פרעגער געזעסן ביי די בראָמבערגס אין הויז און האָט געשוויצט פון צופיל פּיי-טרינקען און פון די פיל געלונגענע עזותדיגע געדאַנקען, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט.—ער האָט געשיט אַלדעס בייז אויף הוה פויזנער און אויף איר טאַטן, און אַלע אַרום אים האָבן דאָרט ניט געהאַט קיין זייטן און האָבן געפּינען, אַז ער איז אַ לץ אין אַ פאַרשלעפּטע קריינק:

— בשעת ער רעדט אויף הוה פויזנער און אויף איר טאַטן, איז ער דיר ממש אַ „געני”, אָט דער פרעגער.

מ'האָט אים געבעטן: — אַנו, פרעגער, דערציילט נאָך עפּעס.

איצט קערט ער זיך אום צו זיך אַהיים און איז צופרידן: היינט האָט ער אויסגענומען. נאָר בשעת ער גייט דורך דאָס הינטערשטע זייט-געסל און דערזעהט דאָרט עטל קאַדיסעס באַלויכטן פענסטער, בלייבט ער אַ ווײַלע שטיין אין טוט אַ דריק די פּלײצעס צו דער נאָז מיט אַזאַ מינע, גלייך פון יעדן דריק, וואָס ער טוט פון אַליבן מיט די מיטלסטע דריי פינגער, ווערט ווי געבוירן אינעווייניג אין זיין פלינקען עזותדיגן מח אַ טיפער אין שפּאָגל-נייער שפּיצל-געדאַנק.

— עטל קאַדיס...—טראַכט ער.

און אים ווילט זיך שוין מער ניט גיין אַהיים שלאָפֿן. ווען ער באַגעגנט דאָ אַ רעכטן מענשן, וואָלט ער אים אָנגעוויזן אויף אָט דעם באַלויכטענעם פענסטער.

— עטל קאַדיס, — וואָלט ער אים געזאָגט: ווען זי וויל, אַז קיינער זאָל ניט וויסן וועגן אירע ליידן און וועגן אירע שלאָפֿלאָזע נעכט, וואָלט זי אויף ביינאַכט באַדאַרפֿט אײַסלעשן דעם לאָמפּ ביי זיך אין צימער.

נאָר ראַקיטנע רוהט, און קיין רעכטן מענשן באַגעגנט מען שוין ניט. שטייט ער נאָך אַ ווײַלע איינער אַליין דאָ אַקעגן עטל קאַדיס באַלויכטענעם פענסטער, דריקט שמייכלדיג די פענסטער צו דער נאָז און זעהט:

עטל דרייט נאָך אַ ביסל מער דעם לאָמפּ אַרויס — זי נעמט צו דעם לאָמפּ פונם טיש און טראָגט אים צו נאָך אַ ביסל נעהענטער צום פענסטער.

IV.

מלכּס חבר, חייב-משה׳ן, איז נאָך אינם טאָג פון זיין קומען אויסגעקומען זעהן זיך מיט אייניגע ראַקיטנער איינוואוינער. אין מיטן הייסן העלן טאָג, ווען דער בעל-עגלה, וואָס האָט אים געפירט דורך דער שטאָט פֿון וואָקזאַל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין איינגעבראָכענעם האַלב-קיילאַכיגן מאַרק, כדי אַראָפּצולאָזן דעם צווייטן פּאַרשיין און אים אַריינצוטראָגן די זאַכן אין שטוב, האָבן דעם פּאַסאַזשיר שעמעוודיג אַרומגערינגלט אַ מענשן אַכט יונגע ראַקיטנער קרעמער, פון די, וואָס האָבן דאָ אַמאָל אין איינעם מיט אים, חייב-משהן, אין איין חדר געלערנט. ווי באַלד דער פּאַסאַזשיר האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט פּונקט אַקעגן זייערע קלייטן, האָט שוין ניט געפּאַסט, זיי זאָלן בלייבן פון דער ווייטנס און ניט צוגיין אים באַגריסן. חיים-משה — אַ געל-בערדלדיגער יונגער מאַן אין אַ גרויע יעגער-רעקל, וואָס האָט אים אַ ביסל געהויקערט אין די בריטע אַקסלען און אין די פּלייצעס — האָט געמוזט אַראָפּקריכן פון פּאַסאַזשיר און אָפּנעמען ביי זיי דעם שלום-עליכם. ביי אים אויפֿן בלאַסן געזיכט האָבן דערביי געשמייכלט ניט מער, ווי די צוויי טונקעלע בליטשטשענדיג-פּאַרוואונדערטע אויגן. די יונגע קרעמער האָט ער כּמעט אַלע דערקענט און אַיליכן אָנגערופן ביי זיין אַמאָליגן חדר-נאָמען. אַלע זיינען זיי געווען טאַטעס פֿון קינדער, באַוואַקסענע אין שוואַרץ-באַוועגליכע. ביי איינעם האָט חייב-משה שמייכלדיג איבערגעמאָסטן די באָרד און אים באַוויזן, אַז זי האַלט צוויי טפחים מיט אַ שטיקל. אַ צווייטער האָט נאָך אַלץ, ווי אַמאָל, געהאַט אַ היפשן רו מן פּליאַם אויפֿן שטערן און אַראָפּ נידעריגער פון לינקן אויג — דאָס איז שוין איצט געווען אַ קצב. בשעת די איבעריגע זיינען געשטאַנען אַרום חייב-משהן מיט נאַריש-שמייכלדיגע פּנימער און האָבן ניט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן, האָט זיך דער רויט-פּליאַכיגער פּלוצים באַדעקט מיט אַ געדיכטער שעמעוודיגער פאַרב און האָט אויך אַזוי פּלוצים אָנגעהויבן רעדן צו חייב-משהן אויף „דו", פּונקט ווי אַמאָל, בשעת זיי האָבן געלערנט אין איין חדר:

— כ׳האָב געהערט זאָגן: שרייבסט שוין גאָר ביכלאַך פון מאַטעמאַטיק, האָב איך געהערט זאָגן...

— וואָס? חייב-משה האָט זיך מיט אַ מאָל און ניט וואונדער צו אים אומגעקוקט, — יאָ, ביכלאַך פֿון מאַטעמאַטיקע.

און ביידע, ער מיטן רויט-פּליאַמיגן יונגען-מאַן, האָבן זיך אַזוי אַ ווײַלע געקוקט אין די אויגן און האָבן גוטמוטיג געלאַכט איינער דעם צווייטן אין פּנים אַריין.

— ביכלאַך פון מאַטעמאַטיקע...

— ניין, וואַרט צו—האָט חיים-משה געזאָגט, אַריינזעצנדיג זיך צוריק אין פאָטעל:— זאָלן זיי אזוי ניט אויסלאָכן די ביכלאַך פון מאַטעמאַטיקע—ס'איז אַ שכלדיגע זאַך.

דער פאָטעל האָט שוין אָנגעהויבן אָפּפאָרן, האָט ער זיך געמוזט אַ ביסל אַ בויג טון צו די, וואָס בלייבן, און העכערן זיין קול:

— אָט, למשל, ווי אַ דאָמינע...

נאָר בשעת ער האָט זיך אזוי אַרונטערגעבויגן אויף צוריק, האָט ער פּלוצים דערזעהן הינטער זיך דאָס שיינע שלאַנקוואוקסיגע מיידל, וואָס שטייט שוין אַ היפּשע ווייל אויפן געשניצטן גאַניק פון איר פאָטערס הויז. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אירע היפּשע כמעט בולטע אויגן און האָט אין צעטראָגנקייט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, גלייך ער האָט עפּעס פאַרגעסן מיט זיך מיטנעמען—דאָס איז געווען אַ מאָדנע צעטראָגענע, אָפּגעריסענע און גע-שווינדע באַוועגונג. דעם מיידלס בליק איז געווען אַ קלוג-פאַרוואונדערטער, אַ האלב-שמייכלדיגער און אַ ביסל אַן עזותדיגער.

— ווער איז זי?—האָט ער ביים בעל-עגלה אַ פרעג געטאָן.

און בשעת ער האָט נאָך אלץ געפילט יעדע מינדסטע באַוועגונג פינם מיידלס מיוחסדיגע פילבאַרע פּלייצעס, און אפילו פון אירע שטאַרק הויכע שוך-קאָרקעס, אויף וועלכע איר גלייכע פיגור איז געשטאַנען אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי אויף שטאָלצן, איז שוין דער בעל-עגלה געזעסן צו אים האלב-אויסגעדרייט, ניט געוואוסט, צי ער טרעפט מיט דער פאָכענדיגער בייטש אין די לויפנדיגע פערד, און האָט געענטפערט, אז דאָס איז חוה פויזנער, דאָס שענסטע מיידל אין ראַקיטנע; אז זי האָט שוין אַמאָל ליב געהאַט פרעגערן, דעם פאַרוואַלטער פון תלמוד-תורה, און אז איצט ווערט זי אין גיכן אַ כלה פאַר דעסלערן:

— פארן יונגען דעסלערן פון בעריזשינעץ.

— פאַר דעסלערן?

חיים-משה האָט ניט געוואוסט, ווער דעסלער איז. אז ער איז געקומען אין וואַלד אַריין, האָט ער דערזעהן יצחק-בערן מיטן ווייב אין דרויסן ביים שטיבל און האָט גלייך אָן דעם פאַרגעסן. מ'האָט דאָרט אַ גאַנצן אָוונט גערעדט וועגן מלכס זיין אין ראַקיטנע, און יצחק-בער האָט זיך געבייזערט; ער האָט געטענה'ט, אז מלכן האָט דאָ אין ראַקיטנע קיינער ניט געקענט. חיים-משה האָט געלאַכט: יצחק-בער איז געוואָרן אַ סך בייזער.

— אַ-יאָ בייזער?—האָט ער פריילך געפרעגט ביי דער יידענע.

אָקאָרשט שפּעט נאָך אַ האַלבער נאכט, ווען יצחק-בער האָט אים אריינגעפירט שלאָפן אין דער צווייטער צוגעגרייטער האַלב פון שטיבל, איז חיים-משה געוואוירע געוואָרן, אז דעסלער איז אַן אינזשענער, אַ פרעמדער. ער האָט אַ חלק אין די פיר-וויאָרסטנדיגע ריט-ניצער טאָרף-זומפּן און האָט ניט לאַנג אויסגעבויט אין בעריזשינעץ דעם נייעם גרויסן בראַוער. און אז חוה פויזנער איז דאס זעלבע מיידל, וואָס איז די לעצטע צייט פאַר עפּעס אין כעס געווען אויף מלכן און האָט אים דאָך אינם געשלאָסענעם שטיבל אָנגעצונדן דאָס לעמפּל אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין טויט.

— נו, און געשטאָרבן?... האָט חיים-משה צו יצחק-בערן פּלוצים אַ זאָג געטאָן.—פון וואס איז מלך פּלוצים געשטארבן?

ער האָט געוואָלט אָנהויבן וועגן עפּעס זיך דערפרעגן.

נאָר יצחק-בער האָט אויף דעם גאָר אַ מאך געטאָן מיט דער האַנט; געהייסן האָט עס, אז ער, יצחק-בער, איז שוין צו אַלט:

— ער וויל דערפון ניט רעדן.

אויף מאָרגן, נאָך אָט דעם געשפּרעך בּיי יצחק-בּערן אין וואַלד-שטיבּל, איז חיים-משה אויפגעשטאַנען נאָך מיטן טאָגליך — אַן אָנדערהאַלבּן שעה פאַר זון-אויפגאַנג. אים האָט נים געלאָזט שלאָפן דער נייער געלעגער; צי אפשר האָט אים אַזוי פריה אייפגעוועקט דער ריה פון פרישן וואַלד, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט אַריינגעדרונגען דורך די אָפענע פענסטער.

אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, איז נאָך דער וואַלד, ווי בּיינאַכט, געשטאַנען דרימלענדיג און שטיל. ער איז נעבּן דער שטוב געווען שטאַרק הויך און געדיכט. מיט אַלע רוהיגע צווייגן און הויכע בּוימער-שפּיצן האָט ער זיך געצויגן צום צווייי מאָל הויכן גראָה-ווערנדיגן הימל. חיים-משה האט געקיקט אויף אים און האט זיך פאַרטראַכט:

— אַ ניי אָרט.

און מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אַזוי פריש און גרינג, ווי ניי געבּוירן. אין דער צווייטער האַלבּער שטוב וואו ס'האט געוואוינט יצחק-בער, איז מען נאָך געשלאָפן. דער שטויב פאַר די פענסטער איז דאָרט געווען פריש פאַרקערט, און נעבּן קלעצל, וואס ליגט פאַר דער טיר אויפן אָרט פון אַ טרעפּל, האט זיך געוואַלגערט א ווייס שטיקל פּאַפּיר, אַ באַשריבּנס מיט יצחק-בּערס קרומע ציפערן. דער טייער פין וואַלד איז נאך אויך געווען פין אינעווייניג געשלאָסן. פייכט און פאַרריסן האָט זיך דאָרט געשוואַרצט דאס היפשע פאַרושאַ-ווערטע שלעסל און געסטאַרטשעט אַהער צום וואַלד-צי. אין נאָר פונם קליינעם האַלבּ אָפּעַנעם שטאַל, וואס הינטערן שטיבּל, האט זיך געהערט, ווי דאָס פערד טרעט איבער פון איין פוס אויפן צווייטן און כראָמטשעט האָבּער מיט געזונטע אין שטומפּיגע פערדישע ציין. דאס פערד ווערט דאָרט אַלע ווײַלע אַנמשוויגן, פאַרטראַכט זיך, אַ פנים, הערט זיך איין און קײַעט ווידער.

חיים-משה איז אַריבּערגעקראָכן דעם וואַלד-טויער אין האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיטן וועג, וואָס פירט אין כטאָט. בּדיעבד איז געווען נים קרום, וואָס ער איז אַזוי פריה אויפגעשטאַנען. ער האָט בּאַדאַרפט אַ קיק טון אויף דער שטאָט, וואו ער איז שוין קרוב צו זעכצעהן יאָר נים געווען, און זעהן, צי פון דער שטוב, וואָס זײַן פאַרשטאָרבּענער פאָטער האָט דאָ אַ מאָל פאַרקויפט, איז נאָך דער גרויסער ראַקיטנער שרפה נאָך עפּעס געבּליבּן.

די שטאָט האָט ער געפונען אַ פיל-פאַרגרעסערטע אין שענער געוואָרענע, בּאַפּוצט מיט אַ סך פאַרמעגליכע ניי-אויסגעבּויטע הײַזער, וואָס שלאָפן צוואַמען מיט גאַנצע געסלאך און זאָגן נים אויס, צו וועמען זיי געהערן — ראַקיטנע איז בּאַנײַט און בּארײַכט געוואָרן, זינט נעבּן איר האָט זיך אויסגעבּויעט דער וואָקזאַל. נעבּן אײַנגעבּראָכענעם האַלבּ-קיילאכיגן מאַרק איז ער אַ רגע געשטאַנען אַקעגן נייעם הויז מיטן געשניצטן גאַניק, וואו ס'איז נעכטן געשטאַנען דאָס שלאַנקע שיינע מיידל, און איז אַוועק ווײַטער.

אינם ווײַטסטן לינקען שטאָט-ווינקל האָט ער געטראָפן דאָס אָרט פון זײַן פאָטערס שטוב פוסט און בּאַוואַקסן מיט געדיכטן ווילדן גראָז. פונם טוי, וואָס אויף אָט דעם גראָז, זײַנען בּיי חיים-משה שטאַרק נאַס געוואָרן די שיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי ס'איז קיינער נישטאָ, און האָט גענומען זוכן די בּודיקעס, נעבּן וועלכע ער האָט זיך קליינער-הייט געשפּילט. זיין אויג האָט דערזעהן אַ שטיקל צעפּיילטן, אין דער ערד איינגעגראָבּענעם סלופּ, אַן אויסגעקרישעטן און שוואַרץ-געוואָרענעם, מיט אַן אויסגעהוילטן לאָך אין דער מיט, ווי די לאָך פון אַן אַלטן צעפּיילטן בּאַק-צאָן, האָט ער זיך אָנגעבּויגן אין האָט עס בּאַטראַכט — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דאָ אין ראַקיטנע איז פון זײַן פאָטערס הויז

געבליבן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אוי האָט זיך געלאָזט גיין צוריק דורך דער שטאָט אין וואַלד אַריין. נאָר אויף דער מיטלסטער לאַנגער גאַס האָט זיך מיט איִם עפּעס גע-טראָפֿן. די זון איז נאָר וואָס געווען אויפֿגעגאַנגען, און ווייַבער האָבן געטריבן צו דער טשערעדע. נעבן ראָז-געפּאַרבטן הויפּל, אַרום וועלכן ס'האָט זיך געפֿונען אַ גרויסער סקלאַד פֿון גרד-מאַשינעס, האָט אים באַגעגנט אַן אַלטיטשקער ראַקיטנער ייד — דער ערשטער גאַנץ-פֿריה אויפֿגעשטאַנענער און צעקנייטשטער ראַקיטנער ייד — און האָט גענומען אויף אים קוקן מיט גרויס נייַגעריקייט און מיט חשד. חיים-משה האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט צום יידן אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס קוקט איר אַזוי, רב ייד? — כ'בין אַ היגער.

ער האָט זיך באַלד בייַם יידן גענומען דערפֿרעגן, צו וועמען דאָס ראָז-געפּאַרבטע הויפּל מיטן סקלאַד געהערן. דער ייד האָט געענטפֿערט:

— צו וועמען זאָלן זיי געהערן? — צום יונגען בראָמבערגן; אַלץ, וואָס ער זעהט דאָ אויפֿן ראָג, געהער צום יונגען בראָמבערגן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חייב-משה ווייסט שוין איך וואָס ס'ניט איז וועגן אָט דעם בראָמבערגן: נעכטן בייטאָג, בשעת דער בעל-עגלה האָט אים געפֿירט פֿון וואָקזאַל אין וואַלד אַריין, האָט ער זיך צו אים האַלב אויסגעדרייט, זיך דערפֿרעגט, צי ער — חייב-משה, איז אַ „געענדיגטער”, און האָט אים דערציילט, אַז דאָ אין שטאָט איז אויך פֿאַראַן איינער אַ בראָמבערג:

— שוין איין מאָל אַ בראָמבערג — ווי איך בין אַ ייד: נאָך צוריק מיט אַ יאָר פֿערצעהן התונה געהאַט „פּאָ ליובווי”.

ער האָט שוין אפֿילו געוואוסט, אַז אָט דער בראָמבערג איז אַ „פּאָפּעטשיטל” פֿון דער תלמוד תורה. דער ייד אָבער איז פֿאָרט נייַגעריג — ער וויל וויסן: ווער איז ער אַזוינס פֿון ראַקיטנע. און אַז חיים-משה זאָגט עס אים, באַרוהיגט ער זיך:

— ישראלס זון? — זאָגט ער, — כ'האָב ניט געקאָנט ישראלן?

ער ציהט צונויף די אייגן, קוקט אַזוי חיים-משהן גלייַך אין פּנים אַרייַן און טראַכט וועגן עפּעס. און פּלוצים, ווי אימגעריכט, טוט ער צו אים אַ זאָג:

— כ'מיין, דו דאַרפֿסט שוין ניט זייַן קייַן יונגער מאַן, אַ?

ער בלייַבט אַ ווייַלע שטיין מיט די צונויפֿגעצויגענע אויגן און גיט-צו:

— כ'מיין, אַ יאָר צוויי-דריי און דרייַסיג אודאי, אַ?

חייב-משה האָט געשמייכלט, בשעת ער האָט זיך צעשיידט מיטן יידן:

— אָט האָסטו דיר...

דאָס גאַנצע באַגעגעניש איז קייַן אויסגעבלאָזן איי ניט ווערט געווען—לויטן יידנס חשבון איז נאָר אויסגעקומען, אַז ער, חיים-משה, איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער, ווי ער האָט גערעכנט. דאָס איז געווען אַן אַבסורד... נאָר מעגליך — יידן האָבן דאָ אין ראַקיטנע געהאַט פֿרייַע קעפּ; זיי האָבן גוט געדיינקס, וויפֿיל יעדער איז אַלט:

— „כ'מיין, אַ יאָר צוויי-דריי און דרייַסיג אודאי, אַ?”

ער האָט פֿאַרגיכערט די טריט. די גאַנצע מעשה מיטן באַגעגנטן יידן האָט צופֿיל באַהערשט דעם כּח; ער האָט געוואָלט קומען פֿאַרפֿריה אין וואַלד אַרייַן, טרעפֿן יצחק-בערן בייַ טיי-טרינקען און עס פֿאַררעדן. איז שוין אָבער די זון געווען פֿון לאַנג אויפֿגע-גאַנגען, בשעת ער האָט צום טויער פֿון וואַלד דערגרייכט. יצחק-בער האָט זיך שוין געפֿו-נען אין צווייטן עק וואַלד נעבן קאָנטאָר, וואו מ'האָט געטעסעט קלעפּקע, און די יצחק-

בעריכע איז שוין געווען אַוועקגעפֿאָרן מיטן וואַלד-פֿערד-און-וועגל אין נאָהענטן דאָרף, כדי צו קויפֿן אויבסן און פֿרעגלען עקיבאסאָגען, דעם בעל-הבית פֿון וואַלד, אײַנגעמאַכץ. נעכטן שפּעט אין אָוונט האָט זיך יצחק-בער עטליכע מאָל מיט איר געאַמפּערט:

— אַז איך זאָג איין וואָרט, זאָג איך: מע דאַרף זיך פֿאַר אים ניט זאָרגן און מען דאַרף אים ניט פֿרעגלען קיין אײַנגעמאַכץ.

און זי האָט ניט געפֿאָלגט און האָט באַלד נאָכן אײַפּשטיין קראַנקערהייט געטאָן דאָס איריגע.

V.

דאָס שטיבל איז געווען פּוסט.

הויכע בוימער-שפּיצן האָבן אַרום דעם גענאָגט צוזאַמען מיטן בלויען זומערדיגן פֿריה-מאָרגן. צווײַגן האָבן זיך אַלע ווײַלע אויפֿגעכאַפּט, זיך ווי דערשראָקן און זיך ווידער אײַ-בערגעגעבן דעם שטילן גרינגען שאָקלען. אַ לאַנגאָניג בלעטער-קלאַפּעריי האָט אַרײַנגעדרונ-גען דורך די אָפֿענע פֿענסטער, וואָס מיט די רויטע אומרויִקע האַלבע פֿאָרהייִנגלאַך, און הינטער איינעם פֿון די פֿאָרהייִנגלאַך איז בײַ זיך אין צימער אין די ווײַסע אַרבל געלעגן חיים-משה. ווײַבאַלד קיינער איז ניט געווען אין דערהייב, האָט ער זיך געמעגט צווינגען אָפּשלאָפֿן כאָטש אַ שעה צי צוויי — אַלע זיינע אומקלאָרע אויפֿרעגנדע געפֿילן האָבן דאָך איצט געקאָנט קומען פּשוט דערפֿון, וואָס ער איז אויפֿגעשטאַנען אַ צו גרויסן פֿאַרטאָג:

— מ'האָט באַדאַרפֿט אַנטשלאָפֿן ווערן און אויפֿשטיין אַ פֿרישער.

אַז ער האָט אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אינם קליינעם בחורשן צוקאָפּן-קישן, האָט ער גלײַך דערזעהן פֿאַר זיך אַ פּאָר אַלטע גרינבליך-אויסגעלאָשענע אייגן, פֿייכטע און טויטע, ווי די נאַסע שטיינדלאַך, געוואַשן מיט די כוואַליעס אויפֿן פֿלאַכן ברעג ים. די אויגן האָבן אַרום זיך געהאַט אַ סך קנײַטשן פֿון אַ פּאַרמעט-געלן פּנים, — פֿונם באַגעגנטן יידנס פּנים. זיי האָבן פֿרעגנדיג אַרויפֿגעקוקט צו אים, חיים-משהן:

— כ'מיין, דו דאַרפֿסט שוין ניט זיין קיין יונגער מאַן, אַ?

און נאָך איין שאלה, אַ ניט דערזאָגטע:

— כ'מיין, ביסט נאָך אַלץ, הייכט עס, אַ פֿרײַער פֿויגל?... וואָס-זשע ביסטו עפּעס פּלוצים אַראָפּגעקומען קיין ראַקיפּנע?

אומצופֿרידן מיטן אַלטן יידן, מיט זײַן ניט-דערזאָגטער שאלה, צי מיט זיך אַליין, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ קער איבער צוריק אויף די פּלייצעס און האָט געעפֿנט די אויגן:

— פֿע!... חיים-משה.

און בשעת-מעשה איז ער שוין געווען שטאַרק אומצופֿרידן מיט עפּעס אַ צווייטן חיים-משהן — אַ שלעכטן יונג, וואָס ליגט טיף אין אים און טרעפֿט דאָרט אייף צו להכעיס דעם אַלטנס צווייטע ניט דערזאָגטע שאלה.

— יעדנפֿאַלס דאַרף ער זיך אַליין ניט פּײַניגן מער, ווי ס'פּײַניגט אים אָט דער אַל-טער ייד פֿון זיין שטעטל.

ער איז אַזוי געבליבן ליגן מיט אָפֿענע אויגן און האָט זיך פֿאַרטראַכט: דעם יידנס גרינבליך נאַסע שטיינדלאַך, די אויגן — דאָס איז די אייביגקייט, וואָס זעהט גלייכגילטיג צו, ווי יונגע ווערן אַלט און בלייבן בײַ ניט-באַפֿרידיגטע פֿאַרלאַנגען. וואָס איז אַזוינס אָט דער ייד? אַ פּײַן פֿון אָפּגעלעבטע דורות, אַן אַלטער גלײַכגילטיגער וועזן, וואָס אָנערקענט

דיך ניט. וואָס וואָלט ער דען געזאָגט וועגן דיר, ווען ער זעהט, ווי דו פּלאָטערסט צווישן פּאַרטיי-חברים אונטער באַריקאַדן? וואָרט. ס'איז אַ געדאַנק — ער וואָלט וועגן דיר גאָר-נישט ניט געזאָגט; ער וואָלט נאָר אַ פּאַטש געטאָן איבער זײַן פּושקעלע און וואָלט געטאָן וועגן דיר אַ קלוגיטשקען שמעק טאַביק. — ער איז דיר פרעמד, אָט דער אַלטער, דאַרפסט פּאַרגעסן אָן זײַנע צונױפגעצױגענע אױגן און אָן זײַנע ניט-דערזאָגטע שאלות...

— און צווייטנס:

וואָס וואָלט דען ער, חיים-משה, געטאָן מיט זיין יוגנט, ווען ער האָט זי איצט נאָך אַ מאָל? צי וואָלט ער געפּאָלגט דעם יידן און װאָלט געעפנט דאָ אין ראַקיטנע אַ באַ-קאַלײַ-קלייטל?

— נאַרישקייטן.

אים געפעלט ניט דער ענין פון אַ באקאליי-קלייטל, וועט ער דאָ אויפן בעט ליגן. דאָס צימער איז אַ היפש, אַ ריינס, מיט נײַע װײַסע ווענט, ס'האָט אַ שטאַרק-נידעריגע סטעליע, און דאָס פרישע אָטשערעט-גראָז, וואָס אויף דער ליימיגער פריש-אָפּגעשמירטער ערד, פאַרשפרייט ארום זיך אַ שאַרפן ריח פון נאָהענטן שבועות אין פון גוישער דאָר-פישער היימליכקייט. דאָס רויטע האַלבע פאָרהײנגל פּלאָטערט פונם גרינגען ווינטל אויפן אָפענעם פענסטער.—ס'איז אָן ענין—דער עיקר איז אומרוה. בוימער-צווייגן נאָגן מיט אַ שטילן געוויש איבער גאָר דעם וואַלד—ס'איז אויך אָן ענין: אַז מע וויל, קאָן מען זיך אויסמאָלן, ווי מע שפּאַצירט דאָ ארום אין צווייען מיט חוה פּויזנער און מען רעדט מיט איר, ווי אַ יונגער אײַנגעליבטער סטודענט: „סאַר אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע", זאָגט חוה פּויזנער און הערט זיך אײַן אינם וואַלדס שטילן געוויש. „יאָ", ענטפערט מען איר און מ'חידושט זיך, וואָס זי האָט געזאָגט אַזאַ „שיין וואָרט". — טאַקע אַ מעלאַנכאָלישע מעלאָ-דיע—אָן אײביג אומעטיגע מעלאָדיע, וואָס באַגלייט דעם שטומען אומגליק פון גאָר דער וועלט. וואָס האָט זי נעכטן אזוי געקוקט אויף אים מיט גרויסע, כמעט בולטע אויגן? און ער איז דעמאָלט געשטאַנען אין מיטן מאַרק מיט די יונגע קרעמער, מיט וועלכע ער האָט דאָ אַמאָל אין איין חדר געלערנט. אים אַרן איצט אָט די יונגע קרעמער, די טאַטעס מיט די בערד, וועט ער זיי איצט אויך אַרײַנבעטן אַהער צו זיך אין צימער און וועט זיי דער-ציילן אַ פּשוטע מעשה וועגן זיך, חיים-משה'ן. זיי ווילן שטאַרק וויסן, צי ער איז אַ „גע-ענדיגטער", נאָר ער וועט זיי פאַרלייגן אַ קלאָץ:

— „זעקס יאָר,—וועט ער זיי דערציילן: — איז ער איצט געוועזן אַ לערער פון מאַ-טעמאַטיק אין יענער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט זיך אַמאָל באַקאָנט מיט יצחק-בערן. ער האָט אַ סך דאַנק-בריוו פון זײַנע תלמידים, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס אין פּאָליטעכניקום. מערסטן טייל אָבער האָט ער רעפּעטירט מיט יינגלאַך-גימנאַזיסטן און נאָך מער מיט יונגע מיידלאַך-גימנאַזיסטקעס און האָט זיך מיט זיי תמיד געפילט בעל-מלאכה. קיין זײַטיגע שמועסן האָט ער מיט זיי ניט געפירט. זיי, די מיידלאַך, האָבן אויף אים גע-קוקט, ווי אויף אָן איבערגעוואַקסענעם בחור אַ ספּעציאַליסט. פאַר וואָס איז בײַ אים שטענדיג אַזוי ריין אין צימער? און פאַרוואָס האָט ער אַזוי פיל בערשטעלאַך מיט ציין-עלעקסירן בײַ זיך אויפן וואַש-קאַסטן? און ער—ווי אזוי האָט ער אויף די מיידלאַך גע-קוקט? עס! ער, חיים-משה, זאָגט זיי, די יונגע ראַקיטנער קרעמער: ס'איז נישט כדאי וועגן דעם צו רעדן"...

און נאָך קאָן ער זיי, די ראַקיטנער קרעמער, דערציילן:

„אַלע זײַנען דאָך דאָרט אין דער גרויסער שטאט געוועזן זיכער, אַז ער, חיים-משה, האָט

קיין מאָל קיינעם ניט ליב געהאַט. נאָר אין אמתן האָט ער שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן זיינעם — ער איז געווען אַ היגער, און זיי, די קרעמער, האָבן אים באַדאַרפט קענען. ער, חיים-משה, זאָגט זיי אויף נאמנות: קיין פוסטן קאָפּ האָט אָט דער אויסערליך-פרומער ייד ניט געהאַט. זאָלן זיי אים מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך אַלע יאָרן ארומגעטראָגן מיט זיין פּירוש אויף תהלים און מיט זיינע חנ׳דלאַך אויפן בן-עזרא. דערפאַר אָבער האָט ער ווינציגער, ווי אַלע אַנדערע, אין זינען געהאַט פרנסה. ער איז געווען אַ וויכנסדאָרשטיגער. אַז דאָס היגע צווייטע ווייב זיינס איז געשטאָרבן, האָט ער פארקויפט די שטוב און איז אוועקגעפאָרן אויף צוויי חדשים אויסקוקן פּאַלעסטינע. „אַלע מיינע יאָרן, האָט ער נאָכדעם אים, חייב-משה׳ן, געשריבן, האָב איך געטראַכט וועגן ארץ-ישראל. מיר טוט נאָר באַנק, וואָס איך האָב ניט געהאַט אויף הוצאות אַראָפּצופאָרן אין אַ קוק צו טון אויף אלכסנדריה של מצרים.“

„און אַז אים, חייב-משה׳ן, איז איין מאָל אָנגעקומען אַ בריוו, אַז דער פאָטער זיינער האָט זיך געפּעלט, איז דאָס געווען אין אַ הייסן זומער-טאָג אַרום דריי אַזייגער נאָך מיטאָג — און אָט דעם בייטאָג, שווערט ער, חייב-משה, וועט ער שוין תמיד געדיינקען מער, ווי אַלע בייטאָגן אין משך פון זיין לעבן. פון גרויס שטילקייט אין היץ, געדיינקט ער, האָבן דאַן געגודעט הימל און ערד, און שטיל-נאָגנדיגער בוים, און וויטער האָריזאָנט. אין פוסט איז דאַן די וועלט געווען — פוסט, זאָגט ער זיי, די קרעמער, אין זיך אַליין, אין איר אומבאַגרעניצטן חלל, אין אַלע אירע ברואים און אפילו אינם ליידנשאַפטליכן אומעט, וואָס פארציהט זיך אַמאָל, ווי אַ רויכל, איבער בלאָהע יונג-מיידלשע אייגן. און פּלוצים האָט ער, חיים משה, דאַן דערהערט, ווי ערגיץ ווייט-ווייט קעגן-איבער דעם וואָקזאַל, וואָס ארויס גרייסער שטאָט אויף אַ באַרג, פייפט אריין אין אָט דער וועלט-פוסטקייט אריין אַ רעזערוו-לאָקאָמאָטיוו. קיין מאָל האָט ער צו זיך אין צימער ניט געהערט דעם פייף אין דער וועלט-פוסטקייט אריין פון קעגן-איבער דעם וואָקזאַל, נאָר דאַן האָט ער איב דערהערט.

— „און וואָס מיינען זיי, די קרעמער, איז געווען נאָכדעם?

„ביי אים, חייב-משה׳ן, אין צימער איז דאַן געזעסן אַ יונגע בלאָנדע גימנאַזיסטקע און האָט געהאַלטן אין מיטן „אוראָק“. און ביי אים אַליין זיינען שוין די הענט סיי ווי סיי געווען צוגייפגעלייגט, ווי צו „לישועתך קויתי“ און טיף פאררוקט צווישן די קניהען, — האָט ער זיך צו איר, צו דער גימנאַזיסטקע, צוגעבייגן און האָט וויטער געזאָגט, ווי זיין שטייגער איז, מיטן ניגון פון פרק:

Итак... чему равняется $(а + в)^2$

און נאָך קאָן ער זיי, די קרעמער, דערציילן:

— „אַ חבר האָט דאַן ער, חייב-משה, געהאַט — אַ חבר, וואָס איז געווען יינגער פון איב מיט אַ יאָר דריי, און וואָס ער, חייב-משה אַליין, האָט מיט אים געלערנט און האָט אים געגרייט צו פארשיידענע עקזאַמענעס. ער האָט געהייסן מלך. ביידע האָבן זיי געהאַט אַ ידיעה אין די פארגעפּלטע ספערן, אַ סך געלערנט אין דעם זין צוזאַמען מיט יצחק-בערן און אַליין. און אין אָוונט האָבן זיי ביידע לאַנג ארומגעשפּאַצירט ארויס דער שטאָט, געקראָכן דאָרט צו יצחק-בערן אויפן דאַך אין געזוכט נייע שטערן. און שטערן אויפן הימל זיינען געווען אַ גוזמא, און מלך, דער חבר זיינער, האָט ליב געהאַט אַ סך פון זיי און האָט תמיד וועגן דעם געשוויגן. אַך יאָ, מלך האָט געקאָנט שיין שווייגן וועגן זיך און וועגן די שטערן, וואָס ער האָט ליב. איין מאָל איז ער, חיים-משה, שטיל אינטערגעגאַנגען צו מלכן און האָט אים געזאָגט:

— „שווייַג, שווייַג, — האָט ער אים געזאָגט: — וועסט סוף כל סוף אויסשווייַגן אַ שיין לעבן“.

„און אזוי האָבן זיי געלעבט, ער מיט מלכן, איינזאַם און אין צווייען; אין צווייען און איינזאַם. ווייַל טיף אין זיך האט טאקע מלך ביזן סוף מיט אים, חיים-משהן, ניט מסכים געווען. ווארום ער, חיים-משה, האט געזאגט, אז אין דער ארומיגער אומווערדיגקייַט דארף מען דורכגיין איינער אליין, נע ונד, ווי אַ שאָטן. און שטארבן דארף מען אויך איינזאַם ערגיץ וואו אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט, און די לויה זאָל פראקומען אין בין השמשות, און קיינער זאל זי ניט באגלייטן. אויפן שלעכטן ברוק זאל זיך דעמאלט טרייסלען דער אומצופרידענער קבֿרן מיטן ארון, און נאָר איינער אַ דורכגייער זאָל, קוקנדיג אויפן ארון, זיך אפשטעלן און זאל דערפילן, אז ס'איז נאך איינער אַ קרבן:

— אַ שטומער רמז אויפן אייביגן שטומען פראָטעסט.

„און מלכן, דעם שעמעוודיגן לאַנגען מלכן, האט פון תמיד אָן צופיל געצויגן צו יע-דער שיינעם הויז, וואו ס'איז פאראַן אַ שיין מיידל, און וואו מען וואָרט אויף אַ שמחה—ניט ער האָט אַהין געוואָלט און ניט ער איז אַהין געגאַנגען, נאָר אים האט געצויגן... אלץ, וואס ער, חיים-משה, האָט געזאָגט, האָט ער אָנגענומען פאַר אמת, נאר אַ חשד איז דאָך געווען, אז אין דער שטיל איז מלך אלעמען מוחל; ער האט אויף יעדערן אַ זכות... פאָרט ער איין מאָל, מלך הייסט עס, צוגאַסט צו זייַן מוטער דער אלמנה, וואס האלט אין זייַן ווייַט-ליכן געבורט-שטעטל דעם טאָפּטאַק, און קומט נאָכדעם צוריק — דער זעלבער שווייַגנדיגער מלך מיטן פריהערדיגן שעמעוודיגן שמייכל אויפן פנים:

— גאָרנישט, — זאָגט ער:—אין דער היים איז גאָרנישט ניט געשעהן... די מאַמע זייַנע, די אלמנה—זי לאָזט, ווי פריהער, אלע מאל אראָפּ עפּעס פונם נחת, וואס זי האט געקלערט אין אים צו האבן. זי שאָקלט נאָר אַ ביסל צו מיטן קאָפּ. ס'איז מער ניט: צוריק-וועגס פון דער היים, ווען זייַן צוג האט זיך איבעריגע צייַט פארהאלטן אויף איינעם אַ וואָקזאַל, איז ער, מלך, דאָרט איבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייַט, וואו ס'שטייען די בעל-עגלות, און האט געזעהן: אַ היפּשע שטאָט ליגט דאָרט צעוואָרפן און באהאַלטן צווישן גרינע בוימער אויף אַ באַרג—אַ גלאָז דאָרט אויף אַ דאַך מינעט זיך און שטראַלט אַקעגן דער זון פון זומערדיגן העלן טאָג. און בשעת ער שטייט אזוי, גייט צו אים צו אַ בעל-עגלה און פרעגט:

— איר זענט ניט ליפּסקיס חתן, דער אינזשענער?... מ'האָט מיך אַרויסגעשיקט אייַך נעמען.

„מלך שמייכלט, בשעת ער דערציילט עס. נאר פון דעמאלט אָן הויבט ער אָן פארפאַלן ווערן אויף גאנצע זומערדיגע בין-השמשות. ער צינדט ניט אָן קיין לאָמפּ און שפּאַנט דאַן אַרום גאנצע שעה'ן בייַ זיך אין צימער. און ווער ווייס אים? אפשר געדיינקט ער נאך אלץ ליפּסקיס חתן, דעם אינזשענער... ער, חיים-משה, איז איין מאָל אין אַזעלכע בין-השמשות שטיל אונטערגעגאַנגען צו מלכס אָפענעם פענסטער און האָט זיך לאַנג אייַנגעהערט אין זייַנע טריט:

— מלך,—האָט ער אים סוף כל סוף איבערגעשלאָגן,—האָסט, דוכט זיך, אַ נייגונג אונטערצוהאלטן דער וועלטס עקסיסטענץ.

„און מלך האט גענומען מיט אַ שמייכל דעם לאָמפּ אָנצינדן און האט שעמעוודיג אַראָפּגעקוקט צום גלעזל, וואָס ער טוט אָן:

— נאָר איינער, - האָט ער אים דאַן געענטפערט: — לאָך ניט; ס'איז אָן ענין.

„און סוף כל סוף איז מלך אוועק צו אַ פּאַרטיי, אין גאַנצן צו אַ פּאַרטיי. ער איז נאָכדעם צוויי יאָר געווען פאַרשיקט און האט ניט געשריבן וועגן זיך קיין בריוו. ער האָט זיך געשעמט שרייבן וועגן זיך בריוו... ער איז נאכדעם אוועקגעפאָרן אהער קיין ראַקיטנע און האט דאָ מיט יצחק-בערס הילף געעפנט דעם קליינעם מאַגאַזין פון וואויל-שמעקנדיגע אַפּטייק-סחורות. דעמאלט איז מען אָפּט געקומען אין דער גרויסער שטאָט צו אים, חיים-משהן, און מ'האָט אים אָפּגעגעבן גרוסן:

— ער ווערט אַ חתן פאַר אַ קורסיסטין, מלך—ער האט אייך געלאָזט גריסן.

— מלך?—האָט ער געשמייכלט,—וואָס טוט ער דאָרט, מלך?

„ער, חיים-משה, האט זיך נאך אלץ געפונען דארט, אין דער גרויסער שטאָט, און האט געזאַמלט האָניג, ווי אַ בין; אז ער וועט אָנזאַמלען האָניג אַ סך, אַ סך, וועט ער אַראָפּפאָרן קיין ראַקיטנע און וועט זיך דארט טיילן מיט יצחק-בערן אין מיטן לאנגען מלכן. אין אָט איז ער איצט קיין ראַקיטנע אראָפּגעפאָרן און האט געטראָפן:--מלך, האָט ער געטראָפן, רוהט שוין קרוב צו דריי וואָכן אויפן קליינשטעטלדיגן ראַקיטנער בית-עולם: פאַרוואָס האט מען אים עפּעס געלייגט אין עק בית-עולם פּינקט נעבן אַ יונגען דאָקטער, וואָס האט זיך געסמט?... און יצחק-בער איז אַ ביסל אַלט און צו אָפּגעלעבט—נעכטן איז געווען שטאַרק ניט איינגענעם צו הערן, ווי דאָס ווייב קריגט זיך מיט אים פאר דעם איינגעמאַכץ, וואָס זי וויל פרעגלען. און ער, חיים-משה... אייגנטליך איז שוין אפשר געווען גערעכט דער באַגעגנטער ייד מיט זיין ניט דערזאָגטער שאלה:

— וואס טוט ער עפּעס דאָ אין ראַקיטנע, חיים-משה?... צי האט ער ניט עפּעס אַ זייטיגן מיין דערבײַ? צי איז אים ביים אראָפּקומען אהער ניט אַרויסגעקומען א הרהור, אז ער פאָרט אַהער אויספירן אַ געוויסן ענין?..."

מיט אַ טאָג שפּעטער, אַרום עלף אַ זייגער אין דער פריה, איז חיים-משה אַרומגעגאַנגען איבער דער מיטלסטער לאַנגער גאַס אָהן אַ שטעקל אין האַנט. ער האט געהאט אַזאַ צעטראָגן אויסזעהן, גלייך ער געדיינקט ניט, ווען איז ער פון וואַלד ארויס און ווען איז ער געקומען אין שטאָט. אין אז ער האָט באגעגנט אַ מענשן, האט ער אים אָפּגעשטעלט צו גיין, נאָך איידער, אָפּנים, ער קאָנצענטרירט זיך, נאך איידער ער ווייס, צוליב וואס ער דארף אים.

— הערט,—האָט ער זיך דערפרעגט:—צי ווייסט איר ניט, וואו ס'וואוינט דאָ לייבער—עוור ליובער?—

נאר דער טאג איז געווען זעהר אַ הייסער, און מענשן האָבן זיך באגעגנט זעלטן; אונטער דער בײַגליהטער זון האבן דעכער געשימערט מיט אַ פאַלשן יום-טובדיגן גלאנץ, און די גאנצע שטאט האט ווי געדרימלט מיט אַ לאַנגען זומערדיגן דרימל. נײַבן איינגעבראָכענעם האַלב-קיילאַכיגן מארק האט זיך חיים-משה אָפּגעשטעלט און האט זיך אַרומגעקוקט. ארום-און-ארום איז שוין ניט געווען צו זעהן קיין איינציגן בעל-עגלהשן פאַעטאָן—דער מאַרק איז געווען פּוסט, און נאר אויף דער שוועל פון זיין גרויסער כל-בו-קלייט איז אין אַ שוואַרצן לוסטרינענעם סורדוט געשטאַנען עזריאל פויזנער—דער אָרטיגער רײַכער קרעמער. ער האָט געהאט אַ סאַמעט-פאַרגאַנטי פנים פון אַ צוואָקסענעם לײַטיש-אויסגעאיידלטן גלח און האָט אַלע מאָל געפּרובט מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בײַ אים ריין. אַמאָל האָט ער געליטן אויף דער לונג—שוין לאַנג איז דאָס געווען. איצט איז

ער שוין אין גאַנצן געווען פאַרגאָסן מיט געלע גאָגל-מאָגלס און מיט אייער, און דאָס פּנים זײַנס איז שוין אויך אַזעלכס—ס'האָט געשמעקט מיט געלן אייער-קיכל, מיט פּוטער-געבעקס און מיט שווייס. פּלוצים האָט חיים-משה דערזעהן, אַז ער איז ניט אַליין, אָט ד׳ר רײַכער קרעמער — גאָר נאָהענט הינטער זײַנע פּלייצעס שטייט די טאָכטער זײַנע, די יונגע און שיינע חוה פּויזנער; זי שמייכלט; זי שפּאַרט אונטער איר פּנים בײַם פּאָטער אויפן אַקסל און קוקט אײַנאײַנעם מיט אים אויף חייב-משה'ן, קוקט מיט אַזאַ מינע, גלײַך זי וואָרנט:

— מיר נעמען אים אויף זיך, דעם „פּאַפּקא״ אונזערן; מיר וועלן אים באַשיצן פון אַלע מענשן, וואָס האַלטן פון אים ניט און רעדן אויף אים שלעכטס...

פּלוצים האָט חיים-משה זיך מיט א מאָל אײַנגעוואַכט און האָט צעטראָגנערהייט פאַרקערעוועט לינקס צום בעריזשינעצער וועג. הײַנטיגער טאָג איז בײַ אים פון אָנהויב אָן געווען אַ צעדרייטער — הײַנט גאַנץ-פריה איז אַ ראַקיטנער שמײַסער-יונג — אַ בעל-עגלה געקומען אין וואַלד אַרײַן האָלץ קויפן; ער האָט נאָך געטראָפן יצחק-בער'ן מיט חיים-משה'ן בײַ טיי טרינקען. ער האָט געוואָלט, יצחק-בער זאָל אים אָפּלאָזן די פיר האָלץ ביליג, און האָט זיי דערציילט, ווי אַזוי ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דער ערשטער דערזעהן מלכ'ן אויפן וואָקזאַל. אין אַ פינסטער ווינקל איז דאָס געווען, בשעת דער געקומענער בײַנאַכטיגער צוג האָט שוין באַדאַרפט אָוועקגיין, און אויף דעם פּלאַטפאָרם זײַנען די לאָמטערענס געווען אויסגעלאָשן. דער בעל-עגלה האָט אַרומגעשנאָרעט מיט דער פאַכענדיגער בײַטש אין האַנט און האָט געגנישטערט מיט די פלוידערדיגע בעל-עגלה-אויגן אין אַלע ווינקעלאַך — ער האָט געזוכט פאַרשוינען, און פאַרשוינען זײַנען ניט געווען. פּלוצים האָט ער דאָרט דערזעהן דעם פרעמדן בלאָנדן יונגען-מאַן—ער איז געשטאַנען טיף אַרײַנגערוקט אינם ווינקל צווישן פּאָסט-קאַסטן און הילצערנעם גאַניק, וואָס איז באַוואַקסן מיט ווילדן ווײַנשטאָק, און געדאַכט האָט זיך, אַז ער שעמט זיך און שלאָגט זיך מיט דער דעה—ער וויל אָוועקפאָרן ווײַטער מיטן צוג.

דער בעל-עגלה האָט בײַ אים געפרעגט:

— איז אפשר קײַן ראַקיטנע, אַ?... פּאַני!

קײַן ענטפער איז ניט געווען.

דער בעל-עגלה האָט אָפּגעוואָרט און האָט זיך גענומען קראַצן פון הינטן, אין האַלז און אַקן:

— וואָס-זשע שווײַגט איר?... אַ? פּאַני!

VI.

אַרויף צום בערעזשינעצער וועג איז געשטאַנען אַ האַלבע ראָד פון גלײַכע יונגע טאַ-פּאָלן און האָט געמאַכט יום-טוב'דיג דאָס גראָז, וואָס אויפן עקסטן לײדיג-גרויסן פּלאַץ. אין דער מיט פון דער ראָד איז געשטאַנען עוזר ליובערס ניי-אויסגעבויט גביריש הויז; ס'האָט זיך געמינעט אַקעגן דער הייסער פריה-מאָרגן-זון און האָט געוואָרט:

אַז אַ פרעמדער מענש וועט קומען, וועט עס זיך לאָזן באַטראַכטן פון אַלע זייטן, און דער פרעמדער וועט זאָגן: „אַ שיין הויז; אין אַ קליין שטעטל איז פּשוט זעלטן אַזאַ שיין און ציקאַווע הויז״.

זעהר הויך זײַנען בײַ דעם געהעגן די געזימסן אונטערן ווײַסן דאַך; שטאַרק גרויס — די געגלעזטע וואָקזאַל-פענסטער. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, ווען מ'האָט די פענסטער אַרײַנגעשטעלט,

איז מען אַלע שבת-בײַטאָג געגאַנגען פון שטאָט אויף צו קוקן;- בעלי-מלאכות זײַנען דאָ געשטאַנען אין שבת׳דיגע קאַפּאָטעס און האָבן איינער בײַם צווייטן געפרעגט:

— נו? ווי געפעלן זיי אייך עפּעס — עוזר ליובערס פענסטער?

איצט איז מען שוין אַלע אין שטאָט געוואוינט צו דעם געוויינס, און דאָס הויז האָט נאָך אַלץ געוואַרט, מען זאָל עס קומען באַטראַכטן.

פון צופיל זון אין דרויסן און פון פאַרנט, איינס הויכן גלעזערנעם וועסטיביול, האָט די לופט אין די גוואַלדיג-גרויסע חדרים זיך געדוכט, ווי אום בין השמשות, טונקל און האָט אַ ביסל געשווינדלט אין די אויגן. ס׳איז דאָרט געווען קיל און אַזוי פריש, גלײַך מ׳האָט נאָר וואָס פון נאָך פסח די צווייענדיגע פאַרקלעפּטע פענסטער געעפנט און דאָס ערשטע מאָל דערהערט, אַז אויף די נאָהענטע בוימער שוויטשערן פייגעלאַך. ערגיץ ווײַט אין אַ זייטיג חדר האָט פון גאַנץ-פריה אָן געשטעפּט אויף אַ מאַשין דאָס געדונגענע מיידל, די נייטאָרין, און דאָ בײַם לאַנגען טיש, וואָס אין גרויסן עס-צימער, דעם פּעלד, האָט חנקע ליובער נאָך אַלץ געהאַט צו טון מיטן איבערבײַסן פון איר געגרייזלטן זיבן-יאָריגן ברודערל:

— נו, גיכער, מאָטיק, איינס און צוויי און דרײַ.

בײַם וואָרט „דריי״ האָט מאָטיק באַדאַרפט עפענען דאָס מויל אײַנשלינגען דעם לעפל, ער איז מיטן פנים געווען זעהר ענליך צו די פיל פאָרטרעט פון דער יונג-געשטאָרבענער בעל-הבית׳טע, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון אַלע ווענט מיט בלאָהע פאַררויכלטע בוימל-אויגן און האָבן דערמאָנט, אַז „זי איז געווען אַ זעלטענער מענש״, און אַז די גאַנצע שטאָט האָט נאָך איר געקלאָגט. די אויגן זײַנען געווען אַ מעטיגע, טיפע דורך זייער מאָמעדיגער איבערגעגעבנקייט. און אינמער זייער בליק האָט איצט מאָטיק באַדאַרפט אויסטרינקען זיין גלאָז קאַקאַאָ און ניט אָנגיסן אַפילו קיין איין טראָפּן אויבן נייעם בלאָהען טישטוך. מאָטיק אָבער האָט פריהער געוואָלט טרינקען ניט אַנדערש, ווי פון דער שאָל. דערנאָך האָט ער עוין דוקא מכּכים געווען צו טרינקען פון דער גלאָז, דערבײַ זאָל ער שטיין אויף די קניהען און זאָל דערווײַזן, אַז ער קאָן טרינקען אָהן הענט — לחלוטין אָהן הענט.

— נו, איצט וועט שוין מאָטיק געוויס פאַרגיסן דעם סערוועט.

ענערגיש, ווי אַ מאַמע, טוט חנקע אַ רוק-אָפּ פון אים די גלאָז. זי איז דעם פריה-מאָרגן אַ ביסל אויפגערעגט און געדיינקט, אַז פון הינטן בײַ דער טאַליע איז בײַ איר אויף איין אָרט נאָך געבליבן אויפגעשפּיליעט דאָס קאָפּטל, און ס׳זעהט זיך דאָרט אַרויס אַ שמאָלער ווײַסער פּאַסיק. פלוצים בלײַבט זי זיצן ווי פאַרשטיינערט און הערט זיך אײַן, ווי דאָס ברוגזע ווײַבל די דינסט עפנט עמיצן אין וועסטיביול די גרויסע אין שווערע פאַראַד-טיר און זאָגט דאָרט עמיצן, אַז דער בעל-הבית, עוזר ליובער, זײַנען נישטאָ אין דער היים.

— שאַ! זאָגט חנקע אין גרויס אײַנהערעניש צו מאָטיקן אין טוט דערבײַ צוויי מאָל אַ פינטל מיט די אויגן.

ס׳איז געווען אַ מעשה:

צוריק מיט אַ שטיק צייט איז פון אָט דעם הויז אַרויסגעפלויגן מיט אַ קנאַק דער יונגער און שיינער סטודענט בריל — אַ דריי-און-צוואַנציג-יאָריגער גראָטענער בחור, וועמען עוזר ליובער האָט פריהער מיט אַ פּאָר יאָר אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין הויז פאַר אַ לערער, און וואָס אין שטאָט האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער וועט סוף-כּל-סוף נעמען חנקען. אַרויסגעפלויגן איז ער איבער אַ מיאוסער מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט אים אין מיט לאה׳קע דער שוואַרצער — דער נייטאָרין, וואָס שטעפּט איצט גאַנצע וואָכן אויף דער מאַשין בײַ עוזר ליובער אין הויז. און איצט, זאָגט מען, האָט ער זיך שוין ווידער אומגע-

קערט אַהער קיין ראַקיטנע, אָט דער סטודענט בריל—ער וואוינט אין עק שטאָט בײַ אַ גוי אין אַ שטיבל און גרייט זיך דאָרט צו זיינע לעצטע עקזאַמענעס מיט אַזאַ אימפעט, גלײַך מיט יעדן ניי אויסגעחזרטן גראָבן בוך צעטרעט ער אַלע מיאוסע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך וועגן אים ארום אין שטאָט.

איז אָט: זינט אַהער, קיין ראַקיטנע, האָט זיך אומגעקערט דער סטודענט בריל, האָט חנקע באַקומען אַ סך אויפרעגינג ביי זיך אונטער דער ברוסט און בלייבט זיצן ווי פאַרשטאָרבן איטליכס מאָל, וואָס עמיצער טוט פּין דרויסן אַ קלונג אין דער גרויסער און שווערער פאַראַד-טיר.

אין וועסטיביול אָבער איז שוין צוריק שטיל, הייסט עס, אַז קיינער איז ניט געקומען. חנקע שטאָפּט שוין ווידער מאָטיקן די גלאָז קאַקאַאָ אין מויל אַריין.

— קיין מאָל, זאָגט זי,—קיין מאָל נעמט זי אים שוין מער מיט זיך ניט מיט צו עטל קאַדיס. מאָטיק מעג זיך עס פאַרשרייבן אויפן שטערן.

נאָר אין אַ ווײַלע ארום דערהערן זיך דאָך פון וועסטיביול אַ פּאָר שטילע מאַנסבילשע טריט, און חנקע מוז אַ רגע פאַרגעסן אָן מאָטיקן און זיך אָפּשטעלן אַקעגן דער פיגיר, וואָס טוט אַ שווינדל אין טיר. נעכטן בייטאָג איז דאַ, אַקעגן איר, אין עס-צימער געזעסן עטל קאַדיס און האָט דערציילט, אַז מען רופט זי אַרויס מיט אַ דעפּעש צום זיירן אירן, וואָס איז שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן. זי האָט געזאָגט, אַז נאָכן שליסל פון מלכ׳ס שטיבל וועט שוין חיים-משה מוזן אַריינקימען אַהער צו די ליובערס אין הויז. און איצט איז ער טאַקע אַהער אַריינגעקומען, חייב-משה. איצט געדיינקט שוין חנקע להלוטין ניט, אַז פון הינטן ביי דער טאַליע זעהט זיך איר אַרויס אַ שמאָלער ווײַסער פּאַסיק פונם ליף. אין נאָכדעם זיצן זיי שוין איינס אַקעגן אַנדערן ביים טיש, און חנקע טיט איף אים צום ערשטן מאָל גאָר פון דער נאָהענט אַ קוק; כך הכל איין מאָל טוט זי אויף אים גאָר פון דער נאָהענט אַ קוק, נאָר בשעת מעשה טוען זיך בײַ איר צוויי מאָל אַ הויב די לאַנגע טונקעלע וויעס און לאָזן זיך באַלד צוריק אַראָפּ: — זי האָט געמיינט, אַז ער איז אַ ביסל שענער, היים-משה — אַ ביסל שענער, ווי ער זעהט אויס איצט, זיצנדיג אַקעגן איר דאָס ערשטע מאָל ביים טיש.

דער שמועס האָט זיך צום אָנהויב ניט געקלעפּט.

חנקע האָט דערציילט, ווי אַזוי עטל קאַדיס איז נעכטן אומיסטן געקומען, כדי צו לאָזן דאָ דעם שליסל, און ווי אַזוי עטל האָט זיך פאַרגעסן און האָט סוף-כל-סוף טאַקע דעם שליסל דאָ ניט געלאָזט.

— אָפּט מאָל, האָט זי אַ שמייכל געטאָן,—קען זיך מיט זיי אזוי טרעפן: מען קומט איינע צו דער אַנדערער, מען פאַרזיצט זיך, אין מען פאַרגעסט, צוליב וואָס מען איז געקומען.

נאָר בשעת זי האָט זיך באַגעגנט מיט זיינע אויגן, וואָס באַהאַלטן עפּעס אויס, בשעת זיי קוקן איר אין פנים אַריין, האָט זיך איר פלוצים געגומען דאַכטן, אַז דאָס אַלץ ווייסט ער שוין פון לאנג—זי האָט עס אים שוין איין מאָל דערציילט. זי איז געבליבן זיצן ווי פאַרשעמט. זי האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע וויעס און האָט מער ניט געהאט וועגן וואָס צו רעדן. דער קליינער געגרייזלטער מאָניק איז דערוויַל געקומען צו לויפן פון די אַרומיגע חדרים און האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט זיך דאָרט אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ פינגער. האָט אים חנקע באַטראַכט, אָט דעם פינגער, אין האָט אים גלײַך געגעבן אַ רפואָה:

— זאָל ער אַרויפלייגן ביידע הענטלאַך אייפן האַרצן און זאָל א קוק טון אַרויף צים באַלקן און נאָכדעם זאָל ער אַ קלאַפ טון דריי מאָל מיטן פיסל.

נאָך אָט דער סגולה האָט מאָטיק נאָך אַ מאל באַטראַכט זיין פינגער און האָט אליין מודה געווען, אַז ער טוט אים שוין ניט וויי. לעבעדיג און צופרידן איז ער אַוועקגעלאָפן צוריק צום ווייטן חדר, פון וואַנען ס׳הערט זיך דאָס לאַנגע שטעפן פון דער מאַשין, און זיין פרייליכע טופעריי האָט פריי אָפגעהילכט איבער אַ גאַנצער רייה גרויסע יום-טובדיג צוגע-קליבענע חדרים, אין וועלכע ס׳איז קיינער ניטא. נאָר אט האט זיך הייב-משה פאַרקוקט אויף איינעם פין די פיל פאָרטרעטן פון דער יונג-געשטארבענער בעל-הבית׳טע, וואס קוקן אַראפ פין אַלע ווענט מיט בלאהע פאררויכלטע ביימל-אויגן. חנקע קען זיך שוין מער ניט איינהאַלטן און קען שוין ניט ניכ-באַמערקן, אַז פונקט אויף אט דעם זעלבן פארטרעט האט זיך פאַרקוקט מלך, בשעת ער איז צום ערשטן מאל געזעסן דא, ביי זיי אין הויז. דער שמועס הויבט זיך שוין אן קלעפן. הנקע האט שיין דערציילט, ווי אַזוי קיינער האט זיך דא אין שטאט צוריק מיט אנדערהאלבן יאר אויף מלכ׳ן ניט געריכט; קיינעם איז ניט איינגע-פאַלן, אַז אין עק שטאט אינם רויטן ניי-אויסגערעמאנטירטן שטיבל וועט ער עפענען אַ אַפטייק-מאַגאַזין.

מעגליך, אַז דעם אינוועטאַר מיט די מעדיקאַמענטן האט מען אים אַהין געבראַכט צו פירן ביינאַכט. נאר איין מאל אין דער פריה זיינען זיי דארט אין עק שטאט די גאַס אדורכגעגאַנגען... זי און עטל קאדיס. אין האבן דארט דערזעהן דעם אַפטייק-מאַגאַזין אַ פארטיגן, אַ גרייטן, מיט דער ניי-אַרויסגעהאַנגענער שילד, מיטן רויטן פארהיינגל, וואס אויף דער האלב-גלעזערנער טיר און אַפילו מיטן גלעקל, וואס אינעווייניג. עטל קאדיס האט דעמאלט נאר וואס געהאט פארלאזן אירע ניט-דערענדיגטע אויסלענדערשע קורסן און האט זיך אומגעקערט אַהער צו איר מוטער אַהיים זי האט אייך ניט געוואוסט, צו וועמען דער נייער אפטייק-מאגאזין געהער, און איז צוזאמען מיט איר, חנקען, אַהין אויף צוקאַוועסט אַריינגעקומען. זיי האבן זיך דארט געקויפט נייע ציין-בערשטעלאך, צוי שטיקלאך זייף און נאך עפעס קלייניגקייטן. נאר זיי איז שיין דעמאלט געפעלן געווארן מלך. ער איז געווען א וואוקסיגער, כמעט א לאַנגער; ער האט געהאט קורצע בלאנדע האר, און די מאנזשעטן אויף זיינע הענט זיינען געווען קיילאכיגע און מאדנע הארטע — אז ער האט זיך געטאן א ריר, האבן זיי געקלאפט הילכיג, ממש ווי ביינערדיגע. ער איז געשטאנען פין יענער זייט הייכער געפאלירטער סטויקע און האט געלייענט עפעס א נייעם גראבן בוך, און איטליכס מאל, וואס זיי, די מיידלאך, האבן ביי אים געפרעגט די פרייז אויף עפעס א נייעם מין סחורה, האט ער געמוזט ארויסקוקן פונם בוך, פונאנדערלייגן די השבונית, וואס זיינען אים צוזאמען מיט דער סחורה אנגעקומען, און אריינקוקן, וויפיל דער געפאדערטער מין קאכט.

— „אַזוי פיל און אַזוי פיל — האָט ער געזאָגט,—קאָן איך דערפאַר נעמען״.

— אפשר עפעס ווינציגער? — האָבן איבערגעפרעגט זיי, חנקע ליובער און עטל קאדיס, און האָבן דערביי ניט איפגעהערט אויף אים צו קוקן.

דעמאָלט האָט ער פון ס׳ניי גענומען פונאַנדערלייגן די חשבונות און פון ס׳ניי אין זיי אַריינקוקן.

— „יאָ, האָט ער געזאָגט,—מעגליך, אַז מען קען דערפאַר נעמען עפעס ווינציגער״.

ער האָט געהאט אַ שטיל ברוסטן-קול, אַן אָנגעשפּאַלטנס אַ ביסל און אַן אַנדערס, ווי ביי אַלע מענשן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז יאָרן-לאַנג האָט זיך עס איסבאַהאַלטן, אָט דאָס קול, נאָר איצט האָט עס איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן:

— סע וועט רעדן!

זי, חנקע, האָט נאָכדעם די ערשטע אָנגעהויבן וועגן אים צו רעדן:

— „ער דאַרף זיין אַן אינטערעסאַנטער, האָט זי געזאָגט, — זעהר אַן אינטערעסאַנטער“.

נאָר עטל קאַדיס האָט שוין דעמאָלט מערסטן געשוויגן; זי האָט שוין זעלטן געענטפערט אַפּילו אויף די פראַגן, מיט וועלכע מען פלעגט זיך צו איר ווענדן. אין גיכן האָט זי זיך טאַקע פאַרשפאַרט, עטל, און האָט אָפּגעשוויגן מער ווי צוויי חדשים אין איר צימער, וואָס ביי איר מוטער אין דער היים.“

חנקע האָט געשיט, געשיט. וואָס מער זי האָט דערציילט, אַלץ אומעטיגער און פאַרשלאָפענער האָבן געקוקט אירע היפּשע בלאָהליך-גראָהע אויגן. זי האָט גערעדט אָהן אַ מינדסטער אָנשטריינגונג, אָהן אַ פּויזע אַפּילו, און דערפאַר האָט זיך געדאַכט, אַז אינעווייניג אין זיך איז זי גלאַט, מאָדנע גלאַט—די ווערטער האָבן דאָרט ניט ביי וואָס זיך צו פאַרהאַלטן. און חייב-משה האָט זי נאָך אַלץ פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און איז נאָך אַלץ געזעסן אַקעגן איר אין אַזאַ משונה'דיגער פּאָזע, גלייך אָט-אָט-אָט טוט ער זיך מיט א מאָל אַ גליטש אַראָפּ פונם ביינקל אין בלייבט זיצן מיט אַלע פיר אויפן סאַמעט-גלאַטן קאָבריץ, וואָס אונטערן טיש. איבער אָט דעם ווייכן סאַמעט-גלאַטן קאָבריץ האָט ער געפילט, אַז די אָפּצאָסן פון זיינע זומערדיגע שיך זיינען שטאַרק דין—זיי באַשטייען כמעט פון איין איינציגן בלעטל. און אין דער זעלבער צייט האָט ער געדיינקט, אַז פון פאָרנט אינם הויכן גלעזערנעם ווערסטיביול איז איינגעמויערט אַן אומגעוויינליך גרויסער געשליפענער שפּיגל; פריהער אַ ביסל, ווען ער איז דעם ווערסטיביול דורכגעגאַנגען, האָט אים דאָרט אָט דער גרויסער שפּיגל אָפּגעשילדערט פון איינער א זייט, און אין די אויגן האָט אים א שווינדל געטאָן זיין אייגענע מידע פיגור—אַ קליינע און מאָדנע דאָ אינם רייכן הויכן הויז—אַ פרעמדע פיגור. ער האָט ניט אויפגעהערט מידערהייט צו קיקן אויף חנקען.

— נו, און מלך?...—האָט ער פלוצים און מאָדנע שפּיל ביי חנקע אַ פרעג געטאָן—אפשר קאָן ער ביי איר וויסן, פון וואָס איז געשטאָרבן מלך?...

נאָר חנקע איז נאָר מיט א מאָל שטאַרק בלאַס געוואָרן אין. האָט אים דערויף גאָרניט ניט געענטפערט. זי האָט זיך פלוצים אייפגעהויבן פון אָרט.

— אַך, יאָ, האָט זי געזאָגט,—דער שליסל פון מלכ'ס שטיבל—חייב-משה קער געוויס וועלן צוגיין צו עטל קאַדיס אַהיים נאָכן שליסל...

VII.

אויף מלכ'ן האָט זיך דאָ קיינער די ערשטע צייט ניט אומגעקוקט—דאָס איז געווען אַ פּאַקט. אין ראַקיטנע איז יעדערער געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבעט. אין אַלבאָם ביי חנקע ליובער איז געווען פאַרצייכנט, אַז דאָס לעבן איז א ים — אַ ים פון ליבע אויסגעטאָקטע קליינינקייטן און פון פריילינער פאַרהוילענער דאָרשט. עמיצער פון אירע באקאנטע האָט עס איר פאַרצייכנט צום טאָג פון איר געבוירן:

— „יעדער מענש—האָט ער איר פאַרצייכנט—וואַרפט זיין נעץ אין ים אַריין, און יעדערן שיקט זיין מזל עפּעס צו—יעדערער האָט פאַר זיך אַ טרייסט“.

איז אָט. אַ מאָל קאָן דאָך טרעפן:

נאָך לאַנגע יאָרן שלעפּט אַ מענש זיין נעץ פון ים אַרויס אין זעהט, אַז זי איז

פיסט—זיין מזל האָט אים גאָרנישט ניט צוגעשיקט. „מילא,—זאָגט דער מענש צו זיך; — וועט שוין זיין אַזוי... וועל איך שוין ווי ס'ניט איז דורכקומען אָהן אַ טרייסט, אָהן אַ פרייד ביי זיך אין האַרץ".

ער פאָרט אַוועק אַהער קיין ראַקיטנע, וואו קיינער קאָן אים ניט, און עפנט דאָ אַ קליינעם אַפטייק-מאַגאַזין.

— יאָ, ענטפערט ער איטליכן קונה, וואָס דינגט זיך מיט אים פאַר א וואָסער ס'ניט-איז מין סחורה,—מעגליך, אַז מען קאָן דערפאַר נעמען עפּעס וויניציגער.

ער איז בכלל אַ בנעימות'דיגער, אַ שטילער און האָט איף קיינעם ניט קיין האַס. אין די שטילע זומערדיגע פאַרנאַכטן זעהט מען אים אין דרייכן נעבן דער טיר פון זיין מאַגאַזין. ער שטייט איינער אליין און קוקט מיט גיטע אויגן, ווי די גאַס לעבט אויף אין בין-השמשות. ווייט, ווייט אויף די טרעפלאַך פון עזריאל פייזנערס גרויסער כל-בו-קלייט, וואָס מיט די אייזערנע טירן, בייטן זיך די פיגורן. און דאָ צו אים קומט קיינער ניט, אַחוץ חייקע דער דינסט פון איינפאָר-הויז, וואָס טראָגט אים עסן. זי האָט ליב אַלעמען צו באַ-רעדן, חייקע די דינסט, און איילן איילט זי קיין מאָל ניט. בייטאָג, אַז זי ברייגנט אים עסן, איז זי אויסגעפוצט אין די הויכע איינג-געשפילעטע קאַמאַשן; זי דרייט זיך פריילך אַרום איבערן מאַגאַזין און דערפרעגט זיך:

— נו, וואָס הערט זיך? איר האָט שוין, ווער ס'זאָל אייך ראַמען אין די צימערן?

און פאַרנאַכט קומט זי נאָך אַ מאָל-זי היילט זיך ביי אים א גראָבן פינגער, וואָס רייסט איר שוין אַ היפשע צייט. און נאָכדעם שטייט זי מיט אים אין דרויסן ביי דער טיר, פלוידערט אָהן אַ ברעג וועגן אַלע שטאָט-נייסן, און ער שטייט ביי דער וואַנט, ווי ביי אַ הרובע, און שמייכלט מיט זיין שטענדיגן שטענדיגן שמייכל:

— אַזוי?!—שמייכלט ער מיט וואונדער און פאַראינטערעסירט זיך אַלץ מער און מער.

ער ווייסט שוין א סך נייסן פון שטאָט.

— פרעגער, דער פאַרוואַלטער פון תלמוד-תורה, דערציילט חייקע, — איז אַ גרויסער עזות ניק, אַ לץ און א פאַרשלעפטע קריינק.

פרעגער שכורט אָפט ביי זיינוול פאַטשטער אין א זייטיג חדר אינאיינעם מיט זאלקערן, דעם בעריזשינעצער אַגענט פון זינגערס ניי-מאַשינעס און אינאיינעם מיט שאול'קע שניידער, מיט שאול'קע הפקר-יונג, וואָס מאַנט איין זאלקערן די חובית ביי די היגע שניידער. אין זינט חוה פויזנער — דעם רייכן קרעמער עזריאל פייזערס געבילדעט מיידל—האָט גע-ווארפן אויף אים אן אומ'חן, האָט ער, אויף צו להכעיס אַלע היגע געהויבענע לייט, אַנגע-הויבן צושטיין צו איר, חייקען, און זאָגט, אַז זי געפעלט אים און אז ער וועט זי נעמען. חייקע אליין זאָגט, אַז אין אָט דעם פרעגערן האָט זי פינקט אַזאַ אמונה, ווי אינם צלם.

— אַז פרעגער, זאָגט זי,—רעדט, און דער הינט בילט, איז אַלץ איינס.

— אַזוי?! — פרעגט מלך מיט וואונדער און זעהט אויס פאַראינטערעסירט.

ער ווייסט שוין אויך, אַז דאָ אין ראַקיטנע איז פאַראַן איינע אַ מיידל, אַ קורסיסטין, וואָס האָט זיך פאַרשפאַרט אין איר צימער, ביי איר מוטער אין דער היים, און שווייגט—שוין דעם צווייטן חודש שווייגט זי.

— אַזוי?! — פרעגט ער איבער פאַראינטערעסירט,—און ווי אַזוי רופט מען זי?

— עטל, רופט מען זי, עטל קאַדיס.

— עטל קאַדיס?

— יאָ, וואָס איז דען?

— אזוי... גאָרנישט. עפּעס ווי אַ באַקאַנטער נאָמען...

נאָר מעגליך, אַז אים איז ניט גאָר איינגענעמען, וואָס מענשן זעהן אים אַלע טאָג אין דרויסן נעבן זיין אַפּטייק-מאַגאַזין אינאיינעם מיט חייקע דער דינסט.—ראַקיטנע קוקט מיט אויגן; ראַקיטנע זעהט אַלץ, וואָס טוט זיך אַפילו דאָן, ווען אין דרויסן איז שטאַרק טונקל און די גאַסן זיינען פול מיט פריילעכן געריש, און אין די סיטקעס רוישן שנעקן, שפּילן נעבן די הייזער און וואַרפן אין דער הייך דעם שטויב.

ער הויבט אָן אַלע פאַרנאַכט פאַרשליסן זיין מאַגאַזין אויף אַ שעה און אויף צוויי און לאָזט זיך ערגיץ אַוועק. ניט ער גייט, נאָר ער גנב'עט זיך, ער רוקט זיך איינער אַליין, ווי מיט אַ זייט אַרויס דער שטאָט.

זינקט אַ שבת טיף אין בין השמשות, רוישט און צינדט ביז שפּעט אין אָוונט קיין לאָמפּ נישט אָן, און אינם ברייטן זייט-געסל, וואָס אין איינעם פון אירע שטילע עקן, שטייט אַן אָפּגעקומענע הויז מיט דרויסנדיגע אַלטע ניט געפאַרבטע לאָדן, און אַ מיידל אַ קורסיסטין דערשווייגט דאָרט איינע אַליין איר נשאר יוגנט. ווען גייט עס אָן? די ערשטע צייט האָט מען זיך דערמיט אינטערעסירט. איטליכס מאָל, וואָס אין שטאָט אַריין איז געקומען אַ פרעמדער גאַסט, האָט מען אים אַרומגעפירט איבער ראַקיטנע; מ'האָט אים באַוויזן דעם פעלז, וואָס ביים טייך, און די שול און דעם בית-עולם, וואָס ליגט אויף צוויי בערג; מען האָט אים אויך צוגעפירט צום ווייטן און ברייטן זייט-געסל אין מ'האָט אים דערציילט:

— איר זעהט אָט דאָס הויז, מיטן קרומען דאַך און מיט די אַלטע ניט געפאַרבטע לאָדן? אַ מיידל אַ קורסיסטין שווייגט דאָ שוין דעם צווייטן חודש.

נאָר איצט איז מען שוין צו דעם געוויינט. דערצו איז נאָך גראד צו יענער צייט געשעהן אין שטאָט נאָך א נייס—ביי עוזר ליובער אינם רייכן הויז האָט אויסגעבראָכן דער באַוואוסטער סקאַנדאַל. שבת-צו-נאַכטס איז מען דאָרט געזעסן ביי אַ ליכט אויפן באַלקאָן, וואָס גייט אַרויס מיט אַ האַלבער ראָד פון יונגע טאָפּאָלן צום עקסטן ליידיג-גרינעם פּלאַץ; מ'האָט געטרונקען טיי און איפּגעגעסן געסט, און פּלוצים האָט מען דערהערט אַ יאוש-דיגן קוויטש פון הינטערן הויז און פון הינטערן סאָד, וואָס קוקט צו די בעריזשינעצער פעלדער. אַז מען האָט זיך אַהין געלאָזט לויפן, האָט מען געפונען לאה'קע די שוואַרצע זיצן אויף דער ערד.

— אוי גוואַלד! האָט זי געשריגן און האָט געריסן אויף זיך דאָס קאָפּטל,—ער איז פון מיר אַנטלאָפן... נאָר וואָס איז ער פון מיר אַנטלאָפן.

זי האָט געהאט א קורצן אָטעם און האָט ניט געקאָנט רעדן. נאָר דער סטרוזש, וואָס האָט זיך אַהין געלאָזט לויפן פון דער אַנדער זייט, האָט געפּאַקט דעם אוועקגעלאָפענעם—ער האָט אָפּגעריסן דעם יונגען סטודענט ברילן אַ גאַנצע לאַץ פון זיין נייעם גראָהען סטודענטישן רעקל.

פון דעמאָלט אָן באַקומט הנקע אַ סך אויפרעגינג ביי זיך אונטער דער ברוסט —זי האָט מורא צו באַגעגענען זיך מיטן סטודענט בריל, וואס איז שוין כמעט געווען איר חתן, און אַז זי גייט פאַרנאַכט געוואוירע ווערן צו עטל קאַדיס, פירט זי מיט זיך האַרט ביי דער האַנט דעם ברודערל אירן, דעם געגריזלטן מאָטיקן. ער איז נאָך אַפילו זעהר אַ קליינער, מאָטיק, אָבער פונדעסטוועגן—אַ שטיקל שמירה איז ער דאָך... איטליכס מאָל, וואָס זי קומט

אַריין אין בּרייטן, אין שטילן זייט-געסל, טוט איר פּשוט אַ קלאַפּ אין האַרץ פון שרעק — עפּעס אַ לאַנגער מאַנספאַרשוין, אַ הויכער ווי א שאָטן, שאַרט זיך דאָרט אלע בין-השמשות אַרום געסל. ווער זאָל דאָס זיין? אַז חנקע דערנעהענט זיך, דרייט זיך די פיגור אוועק און בלײַבּט נישט. אַז חנקע דערגרייכט איין מאָל שפּעט פאַרנאַכט דאָס זײַטיגע געסל, באַגעגנט זי זיך מיט דער לאַנגער פיגור אַזוי נאָהענט נעבן עטל׳ס טיר, אַז זי ווערט אוש בלאַס און דערקאָנט זי — דער לאַנגער יונגער מאַן פונם נייעם אַפּטייק-מאַגאַזין.

— אוי!... גיט זיך חנקע א וואָרף און טוט אַ שטילן היכץ פון שרעק. נאָר די פיגור האָט שוין באַקומען אַ מאָדנע וואַקסענע צורה, זי טוט אן אידיאָטישן שמייכל, זי הויקערט זיך שולדיג אײַן און בלאָנזשעט שטיל אַוועק פון געסל.

דער סוף איז געווען אזעלכער: אין אָנהויב איינעם אן אָוונט איז מלך אַריינגעקומען אינם אָפּגעקומענעם הויז, וואָס מיט די דרויסנדיגע ניט געפּאַרבטע לאָדן. די פריה-געבליבענע אלמנה קאַדיס איז ניט געווען אין דער היים. עטל איז געלעגן איינע אליין ביי זיך אין צימער און האָט קיין לאָמפּ ניט אָנגעצונדן - סיי ווי סיי האָט זי דאָך געשוויגן; פּלוצים טוט מען אַ קלאַפּ אין טיר. עטל שווייַגט. זי זעהט: די טיר עפנט זיך, און ס׳גליטשט זיך אַרײַן אינעווייניג אַ לאַנגער שעמעוודיגער שאָטן — מלכ׳ס שאָטן. ער שטייט א ווײַלע ביי דער שוועל ווי דערשראָקן און האָט ניט וואס צו זאגן. ער זעצט זיך סוף-כל-סוף צו אַקעגן אויף דער קאַנאַפּע און זיצט אָפּ אַזוי אַ מינוט צעהן.

— אַזוי — ברומט ער אַ פּאָר מאָל אַרייס. ער שאָקלט מיט די ליפּן, נאָר דערפון קומט גאָרנישט ניט אַרויס.

ער הויבּט זיך אויף אוועקצוגײן, נאָר פאַר דער טיר בלײַבּט ער שטיין מיט א שיל-דיגן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. און פּלוצים, ווי אומגעריכט לאָזט ער ארויס אַזאַ משונה׳דיגן אָנגע-שפּאַלטענעם קלאַנג, גלייך כ׳הויבּט פּלוצים אָן צו רעדן ניט קיין מענש, נאָר אַ טיש אָדער א ביינקל:

— האָט קיין פאַראיבל ניט, זאָגט ער און קוקט ניט אין די אייגן, — מיר האָט זיך די גאַנצע צייט געדוכט, אַז איך האָב אײַך עפּעס צו זאָגן.

אַז ער עפנט די טיר, גיט ער צו:

— שיער, שיער האָב איך אײַך עפּעס געהאט צו זאָגן...

און ער פאַרשווינדט.

עטל האַלט די גאַנצע צייט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און קוקט מיט גרויסע וואונדער-אויגן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען: וואָס זאָל דאָס באַטייטן?

אויף מאָרגן האט זי, צום ערשטן מאל נאך דרײַ חדשים שווײַגן, זיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעגאנגען צו אים אין אַפּטייק-מאַגאַזין נאָך אַ פירוש.

איז אָט. פון דעמאלט אָן האט מען אין ראַקיטנע זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט מלכן; מ׳האט געוואלט וויסן, וואָס וועט זיין דער סוף:

— מלך וועט אַ מאָל ווערן אַ חתן פאַר עטל קאַדיס, צי ניין?

מ׳האט אים אָפּט געזעהן גיין צו עטלען אַהיים. די פריה געבליבענע אלמנה איז דעמאלט אריײַנגעקומען צו עזריאל פויזנער אין קלייט זיך אָפּרעכענען פאר די עטליכע טויזנט רובל, וואָס זי באהאלט בײַ אים אויס פון איר רײַכן שטאַרק-קמצנישן שווער. ס׳איז געווען פונקט פאַרן גרויסן ראַקיטנער יאָר-יריד, ווען פויזנערס רײַכע קלייט איז פול גע-פּאַקט מיט פריש אָנגעקומענע סחורות. קיין מזומן געלט האט ער איר דעמאָלט ניט גע-קאָנט געבן — ער האט איר נאר געקאָנט איבערשרײַבן די אַלטע קוויטלאַך אויף נײַע. דער-

פאַר אָבער האט ער איר אָפּגעגעבן פיל מער כבוד, ווי אַן אַנדערש מאל; ער איז מיט גרויס דרך ארץ געזעסן אַקעגן איר אין קלייט ביים טישל און האט אַ פּאָר מאל אַ פּרוב געטאָן מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זיינען ביי אים ריין.

— כ'האָב געהערט רעדן,—האט ער ביי איר געפרעגט:—מע זאָגט, אייַער טאָכטער נעמט זעהר אַ פייַנעם חתן?

דערויף האט אים די אלמנה קאַדיס געענטפערט פאַרשטעלט מיט אַ פרומען זיפץ, ווי ס'פּאַסט פאר אַ לייטישער מחותנת'טע:

— וואס קלערט איר,—האט זי געזאָגט:—אַז גאָט וויל, קאן ער אוודאי העלפן.

נאר פאר וואס האט מלך צו יענער צייַט אויסגעזעהן נאך מער דערשלאָגן, ווי תמיד? פאר וואס האט פונקט דאַן אויסגעפּוצטערהייט אָנגעהויבן צו אים אריַינגיין די גע-ראָטענע חוה פויזנער?

---

דאָס אַלץ איז חייב-משה עטליכע טעג נאָך זייַן קומען געוואוירע געוואָרן ביי דער נייַנצעהן-יאָריגער, לייַטיש-אויפגעצויגענער חנקע ליובער און מער האָט ער פון איר גאָרנישט ניט געקאָנט וויסן. אַז ער האָט זיך נאָכדעם אין אָנהויב אָוונט אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַריַין, איז ער געווען אַ ביסל מיד און צעטראָגן. ער איז געזעסן מיט יצחק-בערן אין דער באַלויכטענער האַלבער זייַט און האָט געשמייכלט.

— די ספּערן, — האָט ער געזאָגט, — זיינען שוין אפּשר גאָרניט אזוי פאַרנעפּלט: זיי הויבן אָן קלערער צו ווערן.

און נאָכדעם איז ער ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט אַנטשלאָפן געוואָרן — ער איז געלעגן אין אָנטון אין דער פינסטער ביַי זיך אין צימער און האָט עפּעס אַ פּאָר מאָל צו זיך אַליין אַ רעד געטאָן. יצחק-בער האָט ביַי אים פון קעגן איבער דער וואַנט אַ פרעג געטאָן:

— זאָגסט עפּעס, חיים משה?...

— ניין, האָט ער געענטפערט, — גאָרנישט.

און אין א רגע אַרום האָט ער דאָך צוגעגעבן:

— מלך, זאָג איך,—האָט ער אַריבערגעשריען דורך דעם דינעם ווענטל, - שטענדיג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן — שיער, שיער האָט ער עפּעס געהאַט דער וועלט צו זאָגן.

ער איז שלעכט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט און אויף מאָרגן בייַטאָג איז ער דאָס ערשטע מאָל אַרייַנגעקומען אין מלכס קליינעם געשלאָסענעם אַפּטייק-מאַגאַזין. דאָרט האָט געשמעקט מיט שאַרפער קאַרבאָל, מיט שימל'דיגן גוטאַפּערטשע און מיט נאָך אַ עפּעס אַ ריח —אַ ריח, וואָס בלייַבט אין יעדער שטוב, פון וואַנען מע האָט ניט לאַנג ארויסגעטראָגן א טויטן. ס'איז דאָרט ניט געווען אויף וואָס צו קוקן. נאָר אינם צווייטן קלענערן חדר, אינם חדרל, וואו מלך האָט געטאָגט און גענעכטיגט, האָט ער געטראָפן אַ גאָלדן שטראַלכל, וואָס שפּילט מיט שטויב אויף אַ שוואַרץ-באַצויגען טישל—א גאָלדן שטראַלכל, וואָס דערגרייכט אַהין אַקאָרשט שפּעט נאָך א האלבן טאָג און דערמאַנט אַן נידעריגער פאַרנאַכטיגער זון, אַן טשערעפּענעם דאך, וואָס שימערט שוין, ווי גין-גאָלד פון דער וועַט, און אָן מלכן אַליין, דעם לאַנגען שעמעוודיגן מלכן, וואָס איז דאָ איצט שוין נישטאָ. אויפן זעלבן טישל נעבן שטראַלכל איז געלעגן א קליין אַפּטייק-פּודעלע א ליידיגס און א פאַרגעלטס פון אינעווייניג און נעבן דעם האָט זיך געוואַלגערט דאָס קליינע דעקל. וואָס איז דאָס געווען פּאַר אַ

פורעלע? חנקע ליובער איז אויך געווען מיט חיים-משהן דאָרט אין מלכס שטיבל. זי איז געשטאנען גאָר נאָהענט נעבן חייב-משהס אקסל, אין אימעגליך איז געווען צו וויסן, אויף וואָס האט זי דאָס די גאַנצע צייַט געקוקט: אייפן שטראָלכל, צי אייפן פידעלע.

— מלך, — האָט זי פלוצים א זאָג געטאָן אין האָט זיך פאַרטראַכט, — ער איז שוין אפשר צו פריה געשטאָרבן, מלך.

דעמאָלט האָט זיך חיים-משה מיט אַ מאָל צו איר אויסגעדרייט אין האָט אויף איר געטאָן אַזאַ פאַרוואונדערטן קוק, גלייַך ער וואָלט זי אָקאָרשט איצט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזעהן.

— אָך יאָ, האָט ער פאַרוואונדערט נאָך איר איבערגע׳חזרט,—ער איז שוין אפשר צו פריה געשטאָרבן, מלך...

ער האָט זיך דעמאָלט מיט גרויס אינטערעס געפאָרקעט אין אייַנעם אַ שופלאָד, וואו אַ סך פאַפירן זייַנען געווען אַרומגעלייגט אַרום מלכ׳ס אַ גרויסן בייַכיגן טייַסטער. ס׳האָט זיך געדאַכט, אז אין טייַסטער ליגט מלכ׳ס אַ צואָה, ניט אַנדערש. נאָר אַז ער האָט דעם טייַסטער געעפנט, האָט ער דאָרט געפונען ניט מער, ווי אַ קלייַן אָפגעבראָכן שטיקל פיש-בייַן פון אַ מייַדלשן ליף און אַ היפשן רוכישן בריוו, וואָס איז געווען געשריבן מיט אַ מייַדלשער האַנט און האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— „דער טייַוול איז פאַרפירעריש און קלוג... דער טייַוול איז אפשר מער אומגליקליך, ווי קלוג“.

ס׳איז געווען קלאָר: אייַנע אַ מייַדל האָט אָפגעבראָכן אָט דאָס שטיקל פיש-בייַן פון איר ליף און האָט עס אינאייַנעם מיטן בריוו צוגעשיקט מלכ׳ן אַ מתנה. אָבער נאָך מער משונה איז געווען, וואָס דער לאַנגער תמיד-שעמעוודיגער מלך האָט געהאַלטן דאָס שטיקל פיש-בייַן אָפגעהיט ביי זיך אין טייַסטער. חייב-משה האָט דעמאָלט באַוויזן חנקען דעם בריוו און האָט געפרעגט:

— ס׳איז ניט עטל קאדיסעס האַנט-שריפט?

נאָר פאַר וואָס איז חנקע פלוצים געוואָרן אַזוי רויט? זי האָט געענטפערט, אז ניין:

— עטל׳ס האַנט-שריפט, האָט זי געזאָגט,—איז להלוטין אַן אַנדערע.

און באַלד האָט זי אָוועקגעדרייט דאָס פנים אין אַ זייַט — זי האָט בשום אופן ניט דערלאָזט, מען זאָל איר אַ קוק טון אין די אויגן אַרייַן.

ווען חייב-משה האָט זי נאָכדעם באַגלייט אַהיים, האָט זי נאָך אַלץ געהאַט אַ סך אויפרעגונג ביי זיך אונטער דער ברוסט. זי האָט געקוקט אַראָפּ צו די טריט, וואָס זי מאַכט, און האָט געשוויגן. פלוצים האָט זי ביי חיים-משה׳ן אַ פרעג געטאָן:

— איר קאָנט חוה פויזנער?

חייב-משה האָט אויף איר מיט גרויס וואונדער אַ קוק געגעבן:

— חוה פויזנער?

ער האָט עפעס געכאַפּט ביי איר אין פנים און האָט גלייַך צוגעגעבן:

— כ׳האָב זי אַ פּאָר מאָל געזעהן.

ער האָט זיך פאַראינטערעסירט; ער האָט שוין לאַנג געוואָלט פרעגן:

— וואָס פאַר אַ מענש איז זי?

— וואָס פאַר אַ מענש?

חנקע האָט נאָך אַלץ געקוקט אַראָפּ צו אירע טריט אין האָט געענטפערט, אַז ס׳איז שווער צו זאָגן:

— אדרבא. זי, חנקע, וואָלט אַ בעלן געווען, אַז חיים־משה זאָל זיך מיט חוה פּויזנער בעהענטער באַקאָנען און זאָל אַלײן זאָגן, וואָס פאַר אַ מענש איז זי. דאָ אין ראַקיטנע איז זי, אַזוי צו זאָגן, דער שפּיגל—אַלעמען געפעלט זי. אַפילו מלך האָט אין איר אויך עפּעס געפונען, ער פלעגט שמײכלען איטליכס מאָל, וואָס זי פלעגט דורכגײן פאַרבײ זײן מאַגאַזין און זיך טון צו אים אַ נײג. ער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַן אינטערעסאַנטע, זעהר אַן אינ־טערעסאַנטע. אײן מאָל האָט אים עטל דערצײלט, ווי אַזוי קינדווײז, בשעת זי מיט חוה'ן האָבן געלערנט אין שטאָט־שול, פלעגט איר חוה איבערקערן דעם טינטער אויפן העפט, כדי דער לערער זאָל איר שטעלן אַ צווײ. נאָר מלך האָט געשמײכלט. ער האָט געפונען, אַז אויך די מעשה מיטן טינטער איז אינטערעסאַנט. אָפּטמאָל פלעגט ער זיצן מיט חוה'ן אויף די טרעפּלאַך פון איר פאָטערס קלײט—חוה האָט דאָרט ליב געהאַט צו זיצן אַלע פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי מען שליסט צו די קלײט. ער איז דאָרט קײן מאָל ניט געווען מיט חוה'ן אַלײן. תמיד פלעגן זיך דאָרט נעבן חוה'ן געפינען נאָך צווײ צי דרײ יונגע־לײט, און חוה האָט פון זײ געלאַכט. זי האָט געזאָגט, אַז יידישע יונגע־לײט גײען קײן מאָל צו קײן מײדל אַלײן. תמיד, האָט זי געזאָגט, גײען זײ אין צווײען, צי אין דרײען, און אַז זײ קויפן זיך נײע קאַלאָשן, האט זי געזאָגט, לײגן זײ אַהין אַרײן צוגעשניטענע שטיקלאַך פּאַפּיר, כדי זײ זאָלן זיך ניט פאַרנעצן. אָפּט מאָל פלעגט חוה אַוועקפאָרן אין קרײז־שטאָט און זיך דאָרט אָפּזאַמען אַ וואָך צי צווײ. אַז מ'איז דעמאָלט דורכגעגאַנגען פאַרנאַכט אין מאַרק, האָט מען געזעהן, ווי די טרעפּלאַך בײ דער געשלאָסענער קלײט זײנען פוסט. נאָר אײן מאָל איז חוה אויף אַ לײנגערער צײט אַוועקגעפאָרן קײן קרים, און מלך פלעגט דאַן אַלע טאָג גײן אויף דער פּאָסט. אײן מאָל האָט אים זי, חנקע, דאָרט אין עק שטאָט נעבן דער פּאָסט באַגעגנט — ער איז געגאַנגען אָהן אַ היטל און איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אינם בריוו, וואָס ער האָט נאָר וואָס באַקומען.

— מלך,—האָט זי, חנקע, בײ אים געפרעגט,—וואו איז אײער היטל?

דעמאָלט איז מלך געוואָרן שטאַרק רויט און האָט שעמעוודיג גענומען שמײכלען.

— אַך יאָ,—האָט ער געזאָגט,—כ'האָב, אַפּנים פאַרגעסן, מײן היטל אין פּאָסט.

— איז אָט...

חיים־משה האָט איר פּלוצים איבערגעשלאָגן:

— זײנט איר זיך משער, אַז דעם בריוו האָט מלך דעמאָלט באַקומען פון חוה פּויזנער?

— פון חוה פּויזנער?

חנקע איז ווידער מיט אַ מאָל געוואָרן רויט.

— וואָרט, האָט זי געפרעגט, — איך האָב דען געזאָגט?...

דעמאָלט האָט חיים־משה אויסגענוצט איר פאַרלוירנקײט און האָט בײ איר פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— נו, און וואָס האָט מלך אײנגענומען פאַרן טויט? דאָס ווײסט מען נישט?

און דערויף האָט זיך אײגנטליך דער שמועס איבערגעריסן. חנקע איז געוואָרן בלאַס און האָט מער ניט געקאָנט רעדן, און חיים־משה האָט זיך געפילט שולדיג, גלײך ער האָט זי נאָר וואָס מיט עפּעס שטאַרק באַלײדיגט.

## IX.

גײענדיג אײנער אַלײן צוריק אין וואַלד אַרײן, האָט ער אומבאַמערקט פאַר זיך אַלײן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מלכן, אומבאַמערקט פאַר זיך אַלײן גענומען פירן מיט אים אין

געדאַנק אַ שמועס: „ער, חיים-משה, און מלך — דאָס זייַנען, און תוך גענומען, איין מענש; ער, חיים-משה, איז אָפּגעזונדערט און שטריינג, וויל ער ניט מוחל זיין קיינעם, וויל ער אָנ-שמעקן אין לעבן מער, ווי אין דעם איז פאַראַן — ער מוז סוף כל סוף אין זיך גובר זייַן זיין אייגענעם ווייך שמייכלענדיגן מלכ'ן, וואָס האָט אויף יעדערן אַ זכות און קומט אַרייַן אין יעדער שטוב און לאָזט דאָרט איבער זיין ברכה. נאָר אָט איז אַ פאַקט: מלך האָט דוקא איצט נאָכן טויט באַקומען מער וואָג—מלך מיט זיין שעמעוודיגן ווייך-שמייכלדיגן פנים...״

פלוצים האָט בייַ אים עפּעס אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק. דער מח איז גלייך שכור געוואָרן, און אין זייַנע אייגענע אויגן איז מיט אַ מאָל פאַרגרעסערט געוואָרן דער ווערט פון דעם, וואָס ער טראַכט:

— וואָס איז אַזוינס אַ מענש, מלך?

— „גאָרנישט, חיים-משה — אַ פּרוב אָדער אַ צייַטווייליגער צופאַל״.

— נו, און אַ מענשנס ליידן?

— „פונם זעלבן מין, חיים-משה״.

— און ווער איז אייביג?

— „אייביג בין איך, דער געשטאָרבענער מלך״.

—האָסט נאָכן טויט באַקומען מער זיכערקייט, מלך...

ער האָט פאַרגיכערט די טריט.

ער איז געקומען אין וואַלד אַריין, אָפּגעזוכט אין יצחק-בערס האַלבער זייַט טינט און פעדער און האָט זיך ביי זיך אין צימער גענומען פאַרצייכענען אַלץ, וואָס ער האָט פאַר די לעצטע מינוטן פאַרטראַכט בייַ זיך אין מח -- ער האָט פלינק געטראַכט און פלינק געשריבן. אָבער, וואָס מער ער האָט געשריבן, אַלץ מער איז געפאַלן בייַ אים די שטימונג מיט דער זיכערקייט, אַז דאָס, וואָס ער טוט, איז וויכטיג. ער האָט איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע און איז אַרויס אומצופרידן. די באַגייַסטערונג מיט זיין גאַנצער פאַרטראַכטער זאַך איז פאַר-שוואונדן. נאָר אויב אַזוי, איז די גאַנצע מעשה מיט זייַן אַראָפּקומען אַהער קיין ראַקיטנע איבעריג און נאַריש... נאַריש... ער האָט מיט יאוש אַוועקגעשפּאַנט איבערן צימער: „וואָס איז אַזוינס באמת געוועזן מלך? אַ בנעימות'דיג קליין-שטעטלדיג געטעלע; ער האָט ווייך-געמאַכט די הערצער ביי קליינשטעטלדיגע מיידלאַך, און חנה פויזנער האָט אים דערפאַר אָנגעצונדן אַ לעמפּל אויפן צווייטן טאָג נאָך זייַן טויט — אים, חיים-משהן, וועט זי קיין לעמפּל ניט אָנצינדן...

די גאַנצע נאַכט נאָכדעם איז בייַ אים געוועזן אַ צעדרייטע, אַן אויפגערעגטע, און דער מח איז אים געוועזן פול מיט פּלוידער. ער האָט געדיינקט חוה פויזנער, דעם עזותדיג קלוגן בליק פון אירע היפּשע, כמעט בולטע אויגן, דעם גאַנצן שטאַלט פון איר גלייַכער בויגיגער פיגור, מיט איר בריוו און מיטן שטיקל פּישביין, וואָס ביי מלכן אין טייסטער — פאַר וואָס שמייכלט זי תמיד, בעת זי זעהט אים, חיים-משהן, דורכגיין? פאַר וואָס קוקט זי אויף אים תמיד פון דער ווייַטנס מיט אַזאַ עזותדיגן שמייכל אין די אויגן, גלייַך זי איז גרייט צו זאָגן:

— ער איז דאָך אַראָפּגעקומען אַהער נאָר צוליב מיר, אָט דער חבר מלכס, חיים-משה, ער האָט דאָך מער ניט געהאַט צוליב קיינעם אַהער אַראָפּצוקומען. פאַר וואָס-זשע גייט ער צו מיר גלייַך נישט צו און זאָגט ניט אויס דעם אמת?...״

פלוצים האָט ער זיך דערמאַנט אָנם עקסטן ליידיג-גרינעם שטאָט-פלאַץ און אַן חנקע ליובער, וואָס איז דאָרט אַוועקגעגאַנגען פון אים באַליידיגט און בלאַס מיט אַ סך אויפרע-

גונג אונטער דער ברוסט. ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט שטאַרק זינדיג און שלעכט און האָט זיך גענומען דרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער:

— טפו! האָב דיר אַכציג שוואַרצע יאָר!

און אין דער זעלבער צייט האָט ער געדיינקט, אז מיט אָט דער קללה פלעגט זיך שעלטן זיין טאַטע, אַז ס'איז אַ קאַריקאַטור, אָט דאָס, וואָס ער שעלט זיך פונקט ווי זיין טאַטע, און אַז אַפילו אָט דער לעצטער געדאַנק זיינער איז שוין אויך ניט ניי, און ער האָט אים שוין פיל מאָל געטראַכט:

— די גרעסטע קאַריקאַטור,—האָט ער געטראַכט,—אז א מענש איז ענליך צום טאַטן.

מיטן טאָגליך האָט ער גענומען איינדרימלען מיט אַ טיפער איבערצייגונג, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אויף זיין לעבן געטראַכט, טויג אויף כפרות, אַז ער, חיים-משה, איז אַ פוסטע כלי און אַז בכלל דרייט ער זיך אַרום אַלע זיינע יאָרן ליידיג, און אָט צוליב וואָס, אַ שטייגער, איז ער איצט אַראָפּגעקומען אַהער קיין ראַקיטנע? דעם ענין, וואָס ער האָט דאָ אָפּצוטון, האָט ער גרינגער ווי אַלץ געקאָנט אויספירן דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געלעבט. און אין תוך... אין תוך איז קיינעם קיין נפקא מינה ניט, אויב דאָ אין ראַקיטנע אין עק בית-עולם וועט אין איין שורה מיט מלכס קבר צוקומען נאָך איינער, אַ נייער... ער איז אנטשלאָפן געוואָרן. אַקעגן אים איז געזעסן מלך מיטן שטיקל פישביין אין האנט און האָט געשמייכלט מיט אזאַ מינע, גלייך ער וויל זאָגן:

— דאָס איז אַלץ, חיים-משה, אַלץ, וואָס איך האָב גענומען פון דער געליבטער פרוי און פלוצים איז מלך פאַרשוואונדן. און דאָ אַרום אים, חיים-משהן, איז שוין נאָר געזוען חוה פויזנער — זי איז געזוען ניט איינע, נאָר עטליכע. זי איז געווען עטליכע חוה פויזנערס, וואָס כאַפּן שטאַרק דעם אנבליק איינע פון דער צווייטער און אַלע האָבן זיי געזונגען מיט דינע האַרציגע ברוסטן-שטימען, אין צו אלעמען האָט באַגלייך געצויגן דאָס האַרץ

ער איז אפּגעשלאָפן ניט מער ווי אַ שעה דריי. פונדעסטוועגן איז ער נאָכדעם אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה אַ צופרידענער און פאַרגיטיגטער, אַזאַ גרינגער, גלייך פאַר דער נאכט האָט ער מיט אַ מאָל אָנגעוואוירן אַ גאַנצע האַלב פון זיין וואָג. פלוצים האָט אים שטאַרק אַ ציה געטאָן צו די ניט-דערשריבענע שורות, וואָס זיינען פון נעכטן געבליבן אויפן טיש, און דאָס האַרץ האָט געגעבן וועגן זיי אַ קלאַפּ מיט פרייד:

— און ווער איז אייביג?

— „אייביג בין איך, דער געשטאָרבענער מלך...“

ער האָט זיך אָפּגעוואַשן ביי זיך אין צימער אַקעגן שפּיגל און האָט באַמערקט די מאָגער-געוואָרענע באַקן, וואָס אויף זיין אויסגעצויגענעם געזיכט. די אויגן האָבן געגלאנצט מיט פייערלאָך אַזעלכע, מיט בייגקשאַפט צו די ניט-דערשריבענע שורות, וואָס ביי אים אויפן טיש. איצט איז אין אים אַלץ געווען פאַרטיג: אין אָט דעם שטילן זומערדיגן טאָג מיטן הויכן בלויען הימל, וואָס ציהט זיך רוהיג איבער אים, איז חוה פויזנער שוין מער נישט געווען איינע אליין — זי איז געווען אַ סך, אַ סך, און אַלע האָבן זיי געהאַט קליינע געטעלאַך אַזעלכע און האָבן זיי געדריקט צום האַ"ץ, יעדערע — איר אייגן קליין געטעלע. אַלע ביי טאָג האָבן זיי אויסגעצויגן זייערע געטעלאַך און זיי געלייגט שלאָפן:

— באַי, באַי, — האָבן זיי געוויגט זייערע געטעלאַך און האָבן דערביי געזונגען מיט דינע און האַרציגע ברוסטן-שטימען.

זיי זיינען געשלאָפן, אָט די געטעלאַך, נאָר איינס פון זיי האָט געהאַט אַ שעמעוודיגן שמייכל אויפן בלאַסן קלאָרן געזיכט — מלכס שעמעוודיגן שמייכל...

ארום דריי אזייגער בייטאג איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין צימער מיט אזא הייס-פארוויטלט פנים, אז ער האט זיך פון ס'נייע געמוזט אפוואשן מיט קאלטן וואסער. ער איז געווען אויפגעלייגט און צופרידן. ער האט זיך געווערטלט אין דער צווייטער האלבער זייט מיט דער קראנקער יצחק-בעריכע, ער האט זיך אנגעטאן אין א נייעם אנצוג און האט זיך איינער אליין אוועקגעלאזן אין שטאט.

ער איז געגאנגען מיטן שמאלן שטעגעלע, וואס באהאלט זיך אין גרינעם וואקסנדיקן גראז, און האט געזעהן פון ווייטנס גאנץ ראקיטנער שיפוע. די צוויי קלויסטער-שפיצן מיט דער שול-יארמלקע האבן געשטעקט העכער די דעכער, העכער אלע שטאטישע געשטאלטן און האבן געשפילט מיט פארוויכלטער זון פון זומערדיגן האלבן טאג. און אלץ וואס דארט איז געווען, האט איצט אויסגעזעהן פון דער ווייטנס, ווי דער חלום פון זיינע קינדער-יארן; ער האט ניט אויפגעהערט אהין צו קוקן, און די שעמעוודיגע שאטנס פון די קינדער-יארן האבן ניט אויפגעהערט צו פלאנטערן זיך ארום זיין נשמה. ער האט זיך דערמאנט, ווי ער איז א מאל דא, אין אט דער שטאט געווען שטארק רעליגיעז. דאס הארץ האט דערביי געטאן זעהר א שנעלן קלאפ, און אין דער זעלבער צייט איז שוין דער מה געווען פארשכורט פונם געדאנק, וואס טוט פלוצ"ם א'ן אים א בליץ:

— דער עלטסטער ליגנער—דער קינדערשער כידור זיינער וואלגערט זיך דא ערגיץ אויף א בית-מדרש-בוידעם צווישן אלטע פארשטויבטע שמות.

און ער האט ווי נקמה געהאט אין אט דעם אלטן גרויסן ליגנער.

אין שטאט האט ער זיך דעמאלט געפילט גרינגער, ווי אלע מאל. איטליכס מאל, וואס יידן האבן אים דארט געפרעגט, וואס טוט ער עפעס דא אין ראקיטנע, האט ער קיים קויב אונטערגעשמייכלט און האט געענטפערט, אז גארנים:

— ער איז געקומען אהער זיך א ביסל ארומשלאיען.

און אליין האט ער דערביי גוטמוטיג ארייַנגעקוקט די יידן אין די פנימער ער האט געהאט הנאה, וואס ער ענטפערט זיי מיט אזא טאן, ווי זיי איז ניחא. ער האט נים אויפגעהערט צו געדיינקען די גרינע טאפאלן, וואס מאכן יום-טוב'דיג דאס גראז נעבן עוזר ליובערס שטיב. ס'האט געצויגן אהין צו הנקען, צום גיטן ווארט, מיט וועלכן ער דארף זי איבערבעטן, נאר אליין איז ער נאך אלץ געשטאנען, געשמועסט מיט די יידן וועגן דעם אלטן קבצנישן טייל שטאט אין האט געזעהן, ווי די טרעפלאך נעבן עזריאל פויזנערס גרויסער קלייט זיינען ליידיג— אפנים חוה פויזנער איז נאך אלץ געווען אין קרייז-שטאט. פלוצים האט זיך אים שטארק פארוואלט אראפ א בארג צום אלטן קבצנישן טייל שטאט און צו די נידעריגע ניט-ברוקירטע געסלאך, וואו ער איז אמאל אויסגעוואקסן. ער האט באנייס קוים שמייכלדיג גענומען ביי די יידן זיך נאכפרעגן:

— וואס-זשע הערט זיך עפעס דארט, אין די נידעריגע געסלאך?

און געענטפערט האט מען אים, אז גארנישט:

— וואס זאל זיך דארט הערן?

— קוזיגע געשעפטן.

— קבצנים, ווי א מאל.

---

אין די אונטערשטע ניט-ברוקירטע געסלאך איז, ווי תמיד אין דער צייט, געווען שטארק לעבעדיג און רעשיג, קינדער האבן געשפילט אין אלע שמאלע דורכגיינג, און די שעה איז שוין געווען ניט קיין פריהע—די זון האט געהאלטן ביי זעצן זיך; דער שטויב, וואס יעדער

דורכלויפנדיגע פור האָט געלאָזט נאָך זיך בארג-אַראָפּ אין דער לופט, האָט אויסגעזעהן אַ גאָלדענער, אַן אַמאָליגער, אייגעלאַך און פנימלאַך האָבן אין אים געבלאָנדזשעט, ווי אין אַ קריינקליך זעהונג, און נאָך זיי האָט געבלאָנזשעט נאָך עפּעס—אַ חלום פון די הומש-יאָרן. פון ערגיץ אַ שטוב האָט זיך געלאָזט הערן אַ לאַנגאַניג שטעפּן פון אַ מאַשין; אַ מאַמע אַ שלאק האָט דאָרט איצט צו זון-זעצן געהאַלטן אין איין עסן איר איבערגעוואַקסן מיידל די ברויט-געבערין, אַלמאַי זי האָט גענומען אַ ניי-מאַשין אויף אויסצאָלן:

— אז איך האָב געזאָגט, האָב איך: איך דארף אים אויף כפרות, זאלקערן דעם אגענט, און וויל. ביי אים ניט נעמען קיין מאַשין.

נאָר אָט איז א שטוב א צווייטע און א דריטע. אין אַן אָפּענער טיר באווייזט זיך א באָרויס ווייבל; זי גיט א שטעק ארויס דעם קאָפּ און כאַפּט אים באלד אריין צוריק:

— אוי, איך וועל זיך א מעשה אָנטון—חייב-משה גייט!...

און באלד האָבן זיך אין טיר ארויסגעשטעקט א קאָפּ א צווייטער און א דריטער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָ אין די אלטשטאָטיגע הינטער-געסלאך, וואו ער איז אמאָל אויסגעוואקסן, דערמאָנט מען אָפּט זיין נאָמען—מען געדיינקט אים נאָך פון די קינדער-יאָרן. מען וויל נאָר וויסן: ער איז נאָך אזא וואוילער, ווי אַמאָל, חייב-משה? איינעגע ווייבלאך קערן אים נאָך דאָ דערצו אָן קרובות. מ'האָט געשמייכלט, בשעת מען האָט אים געפירט צו זיך אין די קליינע אָריב-אויסגעמעבלטע צימערן, און אויך ער האָט געשמייכלט, בשעת ער איז זיי אהין נאָכגעגאנגען:

— גאָרניט,—האָט ער געשמייכלט,—וואָס זאָל זיך הערן?—מען לעבט.

און אלע האבן זיך געקלאָגט אויף כמעט איינעם און דעם זעלבן: פריהער מיט עטליכע יאר, ווען די טארן-פאבריק אונטער ראקיטנע האָט געארבעט, האט מען דארט עפּעס גע-האָט, און איצט איז אודאי ערגער—מען מוז שטוקעווען.

און אלע האבן געוואלט, אז חייב-משה זאל צו זיי אריינקומען, אז ער זאל ביי יעדערער פון זיי אין שטוב א ביסל זיצן.

אויף איינער אן אלטער אקעגנדיגער שטיב ווייזט דארט חיים-משה אליין אן מיטן פינגער:

— אט איז זי!...

דער לאנגער טשערעפּענער דאך איז געלעגן אויף אט דער שטיב אויסגעקרימט, ווי דער רוקן פון א קאץ, בעת זי ציהט זיך, און איז אין גאנצן געווען פארגאסן מיט דער שיין פון פארגייענדיגער זון. די שטוב האט ניט געהאט קיין גאניק. איר פארנטיגע טיר איז געווען צעפּראלט אפן און צוגעבונדן צו דער וואנט מיט א שטריקל, כדי זי זאל זיך ניט פארמאכן. דער פידאשעק איז געווען אָפּגעוואַלעט, און אויף דער הויכער שוועל איז דארט געשטאנען א לאנגער יונגער מאן מיט אן אויס-געצויגן און לאנג פּנים. ער איז געווען אנגעטאן אין אן אלט צעריסן שטיב-רעקל; ער האט געהאלטן א קליין זויג-קינד אויף די הענט, דאס צווייטע קינד, א יינגעלע פון א יאר דריי, האט אים געשטופּט דאס קעפּל צווישן די לאנג-טאטעדיגע פיס, און אליין אין די גרויסע שווארצע אויגן און אינם גאנצן מאטן אומעטיגליכן געזיכט האט ער געהאט עפּעס פון די יוצאי מצרים און פון דער זון, וואס פארגייט.—דאס איז געווען פישל ריכטמאן, אמאל אין די יונגע יארן איז ער אויך געווען אן עקסטערן, און איצט פארט ער צוויי מאל אין וואך צום וואקזאל און האנדלט, ווי דער שווער זיינער, מיט זעק. — דאָס איז ער אַ מאָל געווען חייב-משה'ס אַ חדר-חבר, דאָ אין ראקיטנע—דאָס איז ער דער ערשטער געפאָרן איינאיינעם מיט חייב-משה'ן פון וואקזאל.

— חיים-משה! — האָט ער צו אים געשריגן פון דער אָפּענער טיר מיט אַ צו פיל אויסגעצויגן קול, ווי אַ יידענע. — און ווען וועסטו שוין אַרײַנגיין צו מיר, חיים-משה?

— טאַקע באַלד, האָט חיים-משה אים געענטפערט פון קעגן-איבער דער גאַס, — טאַקע די מינוט, פישל.

נאָר אויפן וועג אַהין האָט אים איבערגענומען נאָר איינע אַ באַיאָרטע קרובה זײַנע צוליב זײַן כבוד האָט זי זיך נאָר וואָס אויסגעשלייערט אינם ברוינעם נאָך ניט געניצטן זײַדענעם טיכל, און איצט האָט די גאַנצע גאַס געקוקט, ווי זי דערנעהנט זיך צו אים מיט אַזעלכע בריח'ש-ווײַבערשע טריטעלאך, גלײַך זי וועט אים באַלד אָננעמען פאַר דער האַנט און וועט זיך דאָ אין מיטן גאַס אַוועקלאָזן מיט אים אין אַ קונציגן מחותנת-טאַנץ.

— וואָס-זשע דען? — האָט זי געזאָגט, — זי ווייסט דען ניט, אַז חיים-משה איז שוין היינט פון די גרויסע, גאָר גאָר פון די גרויסע?

און אַרום-אַרום איז מען געשטאַנען אין די אָפּענע טירן און מען האָט געקוקט, ווי דער גוטער יאָר האָט זי נאָך ניט גענומען, אָט די קליינינשקע פּעסי זאַליוואַנסקי; זי קאָן נאָך שיין רעדן מיט אַ מענטשן — ניט אומזיסט איז איר מאַן עליו השלום אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ חשוב, אַ בורר און אַ כלה-אָנקוקער בײַ אַלע ניי-שטעטיגע גבירים, וואָס אין איבערשטן ברוקירטן טייל ראַקיטנע.

— זעה נאָר, האָט זי זיך געוואונדערט, — אָט דאָ אין דרייסן וועט זי מיט אים שטיין?

און זי האָט אים גלײַך גענומען פירן צו זיך אינם קליינעם שטיבעלע, וואו די ציכטיגע פּאָדלאָגע איז נאָך געווען אָפּגעשמירט מיט פעטן עלי-נעפּט, און וואו אין איינעם אַ ווינקל איז נאָך געשטאַנען דער שרײַב-טיש פון איר געשטאָרבענעם מאַן, דעם חשוב און דעם בורר בײַ גבירים. חיים-משה איז דאָרט מיט איר געזעסן. און האָט געקוקט, ווי דער ברייטער שרײַב-טיש מיט אַלע זײַנע טיכטיגע שרײַב-מכשירים פאַרנעמט דאָרט דאָס בכבודיגסטע אָרט. אַמאָל האָט ער געגעבן פרנסה דאָ אין שטוב, אָט דער טיש, און איצט האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ יורד — אַ פּוסטע כלי.

פּעסל האָט עפּעס דערציילט וועגן זיך אין וועגן איר אַלמנה'שאַפט, און חיים-משה האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אָט דעם טיש. פּעסל האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אַז ווער האָט מיך איצט אין זינען? — האָט זי געזאָגט, — אַז קיינער האַלט ניט אונטער אין אָט דער שלעכטער צײַט.

און פון אָט די לעצטע ווערטער אירע איז חיים-משה געוואָרן ווי צעטראָגן; ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טון.

— אמת, — האָט ער פאַרוואו-דערט איבערגעחזרט, — ס'איז אַ שלעכטע צײַט; קיינער האָט יענעם ניט אין זינען.

און פּלוצים האָט ער דערזעהן, ווי זי לאָזט אַראָפּ די אייגן, פּעסל זאַליוואַנסקי, זי בלײַבט אַזוי אַקעגן אים שטיין און וואַרט.

X.

אין געסל האָט מען דערציילט, אַז חיים-משה האָט איר דעמאָלט אָפּגעגעבן גרויס כבוד — ער האָט איר געגעבן גאַנצע הונדערט רובל. פּעסל אַליין האָט איבערגעגעבן, ווי אַזוי חיים-משה איז מיט איר געזעסן ביים שרײַב-טיש און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר הויז-געזינד: וואו איז אַהינגעקומען איר יונגע שיינע טאָכטער, וואָס האָט אַמאָל חתונה

געהאַט פֿאַר אַ רײַכן יונגן-מאַן, זי האָט זיך געגט? ער האָט דערמאָנט אַלע קלײניגקײַטן פֿון אַמאָל, ער האָט בײַ איר געפֿרעגט:

— איז וואָס-זשע וועט זײַן ווײַטער, אַ, פֿעסל?

— וואָס זאָל זײַן? — האָט געענטפֿערט פֿעסל, — איך, חיים-משה, בין שוין ניט קיין יוגנט. כ'בין שוין פֿאַרזאָרגט. און דו דאַרפֿסט חתונה האָבן, חיים-משה.

— חתונה האָבן? האָט זיך געוואונדערט חיים-משה.

און בײדע האָבן פֿרײַנטליך געלאַכט—זי און חיים-משה.

ווען די קלאַנגען וועגן דעם האָבן דערגרײכט צו עזריאל פּויזנער אין דער גרויסער קלײט, האָט מען דאָרט פֿאַרפֿירט וועגן דעם אַ שמועס. מ'האָט באַוואונדערט חיים-משה'ס גוט הארץ. עזריאל פּויזנער אַלײן האָט דעמאָלט אויפֿגעהערט אַ ווײַלע איבערצושרײַבן פֿון אײן בוך אין צווײטן.

— אַזוי? — האָט ער זיך גע'חידושט,—גאַנצע הונדערט רובל?

און נאָכדעם האָט ער מיט גרויס ישוב-הדעת איבערגעלײגט דאָס היפּשע שטיקל וואַטע פֿון אײן אויער אין אַנדערן; ער האָט גענומען זוכן צווישן די חשבונות אײנעם אַ טעות און האָט בשעת מעשה צוגעגעבן:

— נו, זעהר פֿײַן.

ער האָט בכלל ליב געהאַט די ווערטער „זעהר פֿײַן”, און אַלע האָבן געוווּסט, אַז זײ פּאַסטן פֿאַר אים, דעם בכבודיגן פֿאַרמעגליכן קרעמער, וועמען אַלמנות און דינסט-מײדלאָך פֿאַרגלויבן אויף אַ פּשוטן קלײנעם קוויטל זײער ציטעריג פֿאַרמעגן. דער עיקר איז געווען זײַן שײנע הנהגה מיט מענשן — דער סבר פּנים יפות און די לײַטישע אויפֿפֿירונג מיט די יונגע לײַט, וואָס קומען אַרײַן צו זײַן שײנער גראַמטענער טאָכטער. דאָס מאָל איז בײַ אים אין קלײט געזעסן דער מאַדאַם בראָמבערגס פֿרעמדשטאָטיגער קרוב — אַ רײַכער יונגער בחור, אַ סטודענט, וואָס האָט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר זיך באַקאָנט מיט זײַן טאָכטער ערגיץ וואו אין קרים און האָט פֿון דעמאָלט אָן גענומען נאָכשלעפּן זיך נאָר איר אהער קײַן ראַקיטנע. ער איז געווען אַ בנעימותדיגער און אַ שטילער. אויפֿן שטעקל און אויפֿן זילבערנעם פּאַרט-ציגאַר האָט ער געהאַט אַ סך גילדענע מאָנאָגראַמעס, וואָס האבן דערמאָנט, אַז אַ סך מענשן האָבן אים ליב און שײנקען אים מתנות, און אַלײן האָט ער ליב געהאַט סקולפּטור. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אהער אַראָפּגעקומען, האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט מלכ'ס פּנים און האָט אים גענומען אויסקנעטן. די סטאַטוע איז אַרויס אַ מיניאַטיור-קלײנע, אַ חנ'עוודיגע, אַ באַשײַנטע מיט מלכ'ס שטילן שמעוודיגן שמײכל. נאָר חוה פּויזנער איז שוין דעמאָלט געווען ערגיץ וואוהין אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער הײם. זי האָט אים געלאָזט אײנעם אַלײן אין ראַקיטנע, און ער האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט דער סטאַטועטע צו טון. ער האָט זי סוף-כל-סוף אַוועקגעשײנקט חנקע ליובער צום טאָג פֿון איר געבוירן, און אַלײן האָט ער נאָך נאָכדעם אַרומגעבלאָנקעט עטליכע טעג דאָ אין ראַקיטנע און איז סוף-כל-סוף אַוועקגעפֿאָרן צוריק אין דער גרויסער שטאָט, פֿון וואַנען ער שטאַמט. איצט איז ער ווידער אהער אַראָפּגעקומען. ער האָט ניט געטראָפֿן חוה פּויזנער אין דער הײם, איז ער געקומען זיצן צו איר פֿאָטער אין קלײט—ער מיט די פֿיל גילדענע מאָנאָגראַמעס אויפֿן שטעקן און אויפֿן זילבערנעם פּאַרט-ציגאַר, וואָס דערמאָנען, אַז אַ סך מענשן האָבן אים ליב.

— איז וואָס-זשע הערט זיך? האָט בײַ אים פּויזנער מיט בטוחישער לײַטישקײט געפֿרעגט,—שוין מן הסתם חתונה געהאַט, אַ?

— נײן נאָך, האָט דער סטודענט מיט אַ שולדיגן שמײכל געענטפֿערט און האָט זיך פֿאַרשעמט,—דוקא נײן...

— אַזוי גאָר?

עזריאל פֿייזנער האָט געפּרובט מיט אַ גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בײַ אים ריין, און האָט זיך געחידושט. נאָר באַלד האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט און האָט מיט דעם זעלבן וואונדער צוגעגעבן:

— אַזוי? נו, זעהר פֿײַן.

און דאָס אַלץ איז געווען געזאָגט געוואָרן פֿון הוילער לײַטישקײַט וועגן, כּדי דעם צווייטן ניט צו פֿאַרשעמען.

אייגנטליך אָבער האָט זיך פֿויזנער אין יענעם הייסן זומער-טאָג ניט איבעריג רוהיג געפֿילט און האָט צו אָפּט געוואָרפֿן בליקן אין מאַרק אַרײַן. אַ ביסל שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו דער שוועל פֿון דער אָפֿענער קלייט און ווידער אַ מאָל, ווי אין דער פֿריה, גענומען קוקן, צי ס'פֿאָרן ניט די וואָקזאַל-בעלי-עגלות פֿונם צווייטן צוג. די זאַך איז באַשטאַנען דערין, וואָס חוה פֿויזנער, די גראָטענע טאָכטער זײַנע, איז געווען אַוועקגעפֿאָרן אין קרײַז-שטאָט, וואו זי האָט זיך נאָך אַמאָל באַדאַרפֿט באַגעגענען מיטן יונגען בעריזשינעצער דעסלער'ן. סוף-כּל-סוף האָט באַדאַרפֿט קלאָר ווערן, צי איז ער פֿאַר איר אַ פּאָר, צי ניין. נאָר אָט איז שוין אַריבער אַ וואָך און צוויי, און זי האָט זיך נאָך אַלץ פֿון קרײַז-שטאָט ניט אומגעקערט. צי האָט עס ניט געקאָנט הייסן, אַז די פֿראַגע איז פֿאַר איר דאָרט זעהר אַ האַרבע? עזריאל פֿויזנער וואַרט מיט אומגעדולד, אַז זי זאָל אָנקומען מיט יעדן צוג. אַלע מאָל גייט ער צו צו דער אָפֿענער טיר פֿון קלייט, שטעלט צו אַ פֿלאַכע האַנט צום שטערן, כּדי צו פֿאַרשטעלן די זון, און קוקט זיך איין — אַ בעל-עגלה'שער פֿאַעטאָן שוואַרצט זיך אין דער ווײַטער טיף פֿון גאַס. גלעקלאַך קלינגען, אַ היטל-פּודל זיצט פֿאָרנט מיטן פֿורמאַן אויף דער קעלניע, נאָר דער פֿאַעטאָן פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַט-געסל; אַ פֿרעמדער מיידלשער וואוּאַל טוט אַ שווינדל דורך פֿאַרבײַ די אויגן. דערצו נאָך זיצט דאָ אין דער טיף פֿון דער קלייט-קילקייט אָט דער פֿרעמד-שטאָטיגער סטודענט, דער מאַדאַם בראַמבערגס רײַכער קרוב, רויכערט פּאַפּיראָסן און זאָגט ניט אויס, אויף וועמען ער וואַרט. איטליכס מאָל, וואָס צו אים, עזריאל פֿויזנער, אין קלייט קומט אַרײַן זײַן פֿרוי, שטערט זיי אָט דער סטודענט זיך דורכצורעדן. עזריאל פֿויזנערס פֿרוי שטייט מיט אַ שוואַרצן גאַרעסענעם שאַרף אויפֿן קאָפּ בײַ דער שוועל פֿון קלייט, זי שטייט אויסגעפּוצט, זי זעהט נאָך אויס גענוג יונג און שיין און קוקט צוזאַמען מיט איר מאַן אין דער טיף פֿון גאַס.

— נו, וואָס? — פֿרעגט זי בײַ אים.

עזריאל פֿויזנער ענטפֿערט ניט. ער קוקט אין גאַס און טראַכט; זײַן פּנים איז אַ ביסל פֿאַרקנייטשט.

— דו! — זאָגט ער פּלוצים צום עלטערן קלייט-משרת, וואָס שטייט די גאַנצע צײַט אין גרויסן שטיל-שווײַגנדיגן דרך-ארץ קעגן - איבער דער סטויקע — דו, ווי אַזוי רופֿט מען דיך?

— יוסף, ענטפֿערט דער עלטערער קלייט-משרת.

— יאָ, יוסל. אַהער-צו-גיי. שטיי דאָ בײַ דער קאָנטאָרקע, יוסל.

און אַליין פֿאַרשפּילעט ער אויף זיך די שוואַרצע לוסטרינענע קאַפּאָטע און לאָזט זיך פֿאַמעלאַך אַראָפּ פֿון די טרעפּלאַך. ער גייט פּויל, ווי אײַנער, וואָס האָט אין מיטן הייסן וואָכעדיגן העלן טאָג באַשלאָסן צו באַזוכן אַ באַקאַנטן אַן אָבל. ער גלעט אָהן אויפֿהער די באָרד צום האַלז-צו, און אַז ער באַגעגנט מענשן, קוקט ער אויף זיי פֿון דער זײַט מיט צוזאַמענגעצויגענע קורצזיכטיגע אויגן און דערקאָנט ניט קיינעם. גלײַך ער געפֿינט זיך אין אַ פֿרעמדער שטאָט. אַזוי פּעלט ער אויס דעם מאַרק. ער גייט אים אַרום פֿון דער

לינקער זײַט און לאָזט זיך אַראָפּ באַרג אַראָפּ צו דער אַלטער נידעריגער שטאָט און צו די ווײַטסטע אָרימע געסלאַך.

דאָרט, אין דער טיפער נידעריג, אויפן פלאַץ, וואָס פאַרן אונטערשטן שלעכט-ברוקירטן מאַרק, גרייט מען זיך צום גרויסן יאָר-יריד, וואָס אין דער צווייטער נאָכ׳שבועות׳דיגער וואָך. ביידלאַך ווערן אויפגעשטעלט שורות-ווײַז און צעוואָרפן, האַמערס קלאַפּן, שאַלאַשן ווערן פאַרטיג, פורן לאָדן זיך אויס נעבן אויפגעשלאָגענע געצעלטן. און דער טאָג איז הייס און נודנע, ווי דאָס לעבן פון אָט דער גאַנצער אַלטער שטאָט, ווי דאָס לעבן פונם שלים-מזל דעם מלמד, וואָס קנעלט נאָך דאָ ערגיץ-וואו אין אַן עק-געסל. ס׳הערט זיך פון דאָרט, ווי ער חזרט מיט זײַנע אָפּגעריסענע חדר-קינדער די אַלטע נאָכ׳פּסח׳דיג-נודנע פּרשה חומש:

— ואם—און אויב, בבית—אין שטוב, ישוב—ווער זיך אומקערן, ופרח—און ווער בליהען, הנגע—די פּלאָג. ואם—און אויב...

קלאַפּט דער האַמער, וואַקסן די געצעלטן, חזרט דער מלמד. און אַ קליינער פאַרבלאָנזשעטער חדר-ייִנגל פאַרגעסט שוין אויף לאַנג, וואו ער געפינט זיך, שטייט אָפּ גאַנצע שעה׳ן דאָ נעבן די ניי-אויפגעשטעלטע ביידלאַך און קוקט מיט זאַונדער-אויגן: עפּעס פרעמדשטעטיגע ווײַבלאַך פאָרקען זיך אין דער ביידל-קיל דאָרט אינעווייניג ביי די סחורות — האַראַפּאַשנע ווײַבלאַך און רירעוודיגע אַזעלכע מיט פלינק-ווײַבערשע הענט. זיי עסן אָהן טעלער פון די געבראַכטע טעפּלאַך און שמייכלען צו צו די יונגע-לײַט, וואָס מען קאָן ניט וויסן, צי זײַנען זיי זייערע העלפער צי זייערע געליבטע.

עזריאל פויזנער איז שוין דורכגעגאַן פאַרביי דעם גאַנצן אַלטן מאַרק און שאַרט זיך פון איין הינטער-געסל אין צווייטן. מיידלאַך קוקן אויף אים פאַרחידושט, זיי האָבן אים נאָך קיין מאָל דאָ אין די הינטער-געסלאַך ניט געזעהן. ס׳איז ניט נאָך זײַן כבוד-נאָך, ער זאָל דאָ גיין, און נאָך אין מיטן דער וואָך. ביי איינער אַ מיידעלע פרעגט ער וועגן עפּעס, ער שטעלט זיך אָפּ. דאָס מיידעלע ווײַזט אים אָן אויף איינער אַ שטוב אין מיטן געסל, אויף זײַנוול פּאָטשטערס האַלב-אַכסניה׳דיגער שטוב.

— אָט דאָ, —זאָגט דאָס מיידעלע, —וואוינט ער; מ׳גייט אויף דער הינטער-טיר.

נאָר ביי זײַנוול פּאָטשטאַר וואוינט דאָך איצט קיינער ניט, אחוץ פרעגערן, דעם פאַרוואַלטער פון תּלמוד-תּורה, וואָס איז אַמאָל געווען פאַרליבט אין חוה פויזנער און וואָס איצט, זאָגט מען, שטייט ער צו צו הייקע דער דינסט פון אײַנפאָרהויז און זאָגט, אַז ער וועט זי נעמען.

— „אויף צו להכעיס שונאים, זאָגט ער,—וועט ער זי נעמען“.

---

ביי זײַנוול פּאָטשטער אינם לאַנגען אַכסניה׳דיגן אונטער-הויז קלאַפּט מען אין אַ שטייסל. זײַנוולס ווײַב, די קליינע דאַרגופּיגע עקרה, זיצט דאָרט מיט אַלע פיר אויף דער ערד, זי זיצט אין דער קיל, נעבן דער קיך-טיר, ווײַט פונם פּיטש-נאַסן פערדישן מיסט, וואָס טריקנט קיין מאָל ניט אויס נעבן אָפענעם הויז-טויער; זי שטויסט צימערינג צוליב שבועות׳דיג געבעקס. און אַ ביסל ווײַטער, אין איינעם פון די קליינע און קילע זײַטיגע חדרימלאַך ליגט פרעגער ביי זיך אויפן האַרטן באַנק-בעטל. ער ליגט אינם ברייטן בלאָהזײַדענעם שטוב-העמדל און אין די ווייכע געשטריקטע שטעק-שיך און רוהט אָפּ פון נאָך זײַן שווערער טאָג-טעגליכער לערער-אַרבעט אין תּלמוד-תּורה — ער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט אַהיים. ער האָט אָהן מידקייט געאַרבעט מיט דריי פול-איבערגעפולטע קלאַסן כסדר. הײַנטיגן טאָג האָט ער באַוויזן וואונדער—ער האָט דערוויזן דעם צווייטן לערער,

ווי אַזוי מען קאָן אין די לעצטע הייסע טעג פאַר די זומערדיגע וואַקאַציעס מיט אַ מאָל לעבעדיג מאַכן אַלע קלאַסן. ער האָט נאָך הוץ דעם צום לעצטן מאָל געדעפּעטירט און געגרייט די קינדער-אַרטיסטן צום יערליכן אָוונט, וואָס דאַרף געגעבן ווערן לטובת דער תלמוד-תורה. איצט איז ער צופרידן-מיד און פילט אונטער זיך זיין קראַפט — אַ גאַנצע געגנט איז מקנא ראַקיטנע אויף דער תלמוד-תורה, וואָס ער האָט דאָ אָוועקגעשטעלט; אַ גאַנצע געגנט געדיינקט אַ מעשה:

צוריק מיט אַ יאָר פינף איז קיין ראַקיטנע אַראָפּגעקומען ער, פרעגער — אַ באַרימטער עזות ניק, אַ שאַרפער קאָפּ, אַ צו-להכעיס-יונג און אַ ווילדער אַפּיקורס; ער האָט שוין אפשר אַליין אַרויסגעלאָזט וועגן זיך אַ קלאַנג, אַז ער האָט ציפּיל ליב דעם ביטערן טראָפּן. יעדנפאַלס האָט אים קיינער קיין מאָל ניט געזעהן שיכור. ער האָט זיך באַלד צעקריגט מיט אַלע השובסטע ראַקיטנער בעלי-בתים און זיי גלייך געגעבן צו וויסן, אַז זיי זייַנען ביי אים בלאָטע. ער האָט מיט דריי מיטלסטע פינגער געגעבן אַ דריק-צו די פענסנע צו דער נאָז און האָט זיי געזאָגט:

— איר זענט ביי מיר ערגער פון שאולקע הפקר-יונג, פון שאולקע שניידער, מיט וועלכן איך כאַפּ אָפּט אַ שנאַפּס ביי זייניול פּאָטשטער אין אַ זייטיג חדר.

ער האָט באַלד פאַראינטערעסירט ראַקיטנע. אין אים האָט זיך פאַרליבט עזריאל פויזנערס זעכצעהן-יאָריג געראָטן מיידל — חוה.

אַלע מאָל האָט דעמאָלט ה״ה פויזנער פון ס׳ניי צוגעזאָגט טאַטע-מאַמע, אַז זי וועט זיך מער מיט אים ניט באַגעגענען, און אַלע פרייטאָג-צו-נאַכטס איז זי דאָך געלאָפן צו די בראמבערגס אין הויז און האָט דאָרט געוואַרט, אפשר וועט ער קומען.

— אמת? — האָט זי ביי דער מאַדאַם בראמבערג געפרעגט, — ער האָט אַן אומגעווייַנליכן שטערן...

דאָס איז געווען פריהער, מיט גאַנצע פינף יאָר צוריק.

איצט אָבער נעמט זי ביי אים שטיקער-ווייַז די נשמה, אָט די אויסגעוואַקסענע, שענער געוואָרענע חיה פויזנער, און קיין עק וועט ער ביי איר קיין מאָל ניט דערגייַן. איר אויף צו להכעיס שטייט ער איצט צו צו הייַקע דער דינסט און זאָגט אַלעמען, אַז ער וועט זי נעמען, נאָר הוה פויזנער אַרט דאָס ניט. פרעגער געדיינקט, אַז זי געפינט זיך שוין די צווייטע וואָך אין קרייַז-שטאָט און אַז אָהן איר איז ראַקיטנע פוסט מיט אַלע אירע שיינע זומערדיגע טעג; ער קוקט אויף דער סטעליע און וויל וויסן:

— וואָס וויל פון אים האָבן חוה פויזנער?

און נאָך:

— סוף-כל-סוף וועט זי אים פאַרמאַטערן.

פלוצים — אַ שטילער קלאַפּ אין טיר און נאָך אַ מער שטילער אַרייַנקומען פון אַ מיושבדיגן פאַרמעגליכן טאַטן, וואָס האָט אַ גלהיש-אויסגעאיידלטע צורה און זעהט אויס אַ ביסל פאַרענדערט, גלייַך ער פילט, אַז ער איז אין אַ וואָכעדיגן טאָג געקומען גוט-יום-טוב ביטן.

פון גרויס אומגעריכטקייט פאַרגעסט פרעגער, אַז זיין פענסנע ליגט אויף דער שוואַרצער סיראָטע אויפן טישל און טוט אַ דריק די מיטלסטע דריי פינגער צו דער הוילער נאָז, נאָר סוף-כל-סוף טוט ער די פענסנע אָן און רוקט זיך צו נעהענטער צום טישל.

— זיצט, כ׳בעט אייַך. — אַזוי זאָגט ער צו עזריאל פויזנער און קוקט ניט צו אים.

און ביידע זיצן אַ ווייַלע איינער קעגן אַנדערן און שווייַגן.

— כ'בין אײַך שוין לאַנג שולדיג אַ וויזיט,—אַזוי זאָגט עזריאל פּויזנער און טוט דערבײַ אַ שמײכל און בויגט אַ ביסל אײַן זײַנע גלחיש-ברײטע פּלײצעס.

בײדע קוקן נאָך אַלץ נישט אײנער צום צווייטן.

אַ פּויזע.

איצט, האָבנדיג געקומען צו זיך, ווייסט ערשט ניט פרעגער באַנײס אַ קאָן, וואָס קאָן באַטײַטן אָט דער געהויבענער וויזיט. צווישן אים מיט אָט דעם מיוחסדיג-רײַכן און באַוואוסטן קרעמער, דעם פּאָטער פון זיין געליבטן מײדל, זײַנען אײן מאָל פאַר אַלע מאָל איבערגעהאַקט געוואָרן אַלע וועגן. די לעצטע צײַט האָט ער אויפגעהערט אַרײַנצוקומען צו אים אין הויז. אײן מאָל אום ווינטער—חנוכה-צײַט איז דאָס געווען, איז פרעגער צוגעגאַנגען תחילת אָוונט צו עזריאל פּויזנערס נײַעם הויז, אַ ביסל נידעריגער פונם אײַנגעבראָכענעם האַלב-קײַלאָכיגן מאַרק, און האָט דאָרט געטראָפן וואַרטן פאַר דער פאַראַד-טיר אַן אויסגעפוצטע פאָר פערד מיט אַן אויסגעפוצטן שליטן. צי איז דאָס ניט געווען דעם יונגען דעסלערס אויסגעפוצטער פּוילישער שפּאַן? אין דרויסן האָט געשאָטן אַ שנײ פון אָנהויב אָוונט, דער פורמאַן אויפן שליטן האָט זיך געהויקערט און געדרימלט, און אינעווייניג אינם קלײנעם באַלויכטענעם קאָרידאָר, וואוהין פרעגער איז אַרײַנגעקומען, איז אײַנע אַלײן געשטאַנען פּויזנערס פרוי און מיט גרויס ליבשאַפט געגלעט דעם שפּאָגל-נײַעם מאַרדערנעם טולופּ, וואָס איז געהאַנגען אויף דער שאַראַגע; צי איז דאָס ניט געווען דעם יונגען בעריזשינעצער דעסלערס שפּאָגל-נײַער מאַרדערנער טולופּ? זי האָט זיך אויפן אַרײַנגעקומענעם פרעגערן אפילו ניט אומגעקוקט.

— הערט, —האָט געזאָגט פרעגער און האָט דערבײַ פאַמעלאַך אויסגעווישט די פאַרהויכטע פענסנע, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון נאָז,—בײַ אײַער מאַן איז, דאַכט זיך, אויך פאַראַן אַן אמתער מאַרדערנער טולופּ?

— יאָ, — האָט, ניט אומקוקנדיג זיך, געענטפערט פּויזנערס פרוי, — אָבער מײַן מאַנס טולופּ איז שוין אַזאַ אַלטער, אַן אָפּגעטראָגענער.

זי האָט ניט אויפגעהערט צו גלעטן דעסלערס טולופּ. דעמאָלט איז פרעגער אוועקגעגאַנגען און האָט אַלעמען אין שטאָט דערצײלט וועגן דעם וואָרט, וואָס ער האָט דאָרט דער פרוי פּויזנער געזאָגט:

— איר מיט אײַער מאַן,— האָט ער איר פאַרן אוועקגײן געזאָגט, — איר מיט אײַער מאַן זענט אפשר אויך אמאָל געווען נײַ; מן הסתם, זענט איר אמאָל געווען ענליך צו מענשן, נאָר איצט זענט איר שוין אָפּגעטראָגן... שטאַרק אָפּגעטראָגן און אַלט.

און פון דעמאָלט אָן האָט ער מער ניט אַריבערגעטרעטן פּויזנערס שוועל. זעקס חדשים צײַט איז ער דאָרט אין שטוב ניט געווען און האָט זיך סוף-כל-סוף דערוואַרט אויף אָט דעם געהויבענעם וויזיט, דאָ בײַ זײַנוול פּאָטשטער אינם זײַטיגן חדר. נאָר פאַרוואָס פילט זיך אַזוי שטאַרק, אַז פּויזנער איז געקומען צו אים ניט מער, ווי אויף געצײלטע מינוטן? ער זיצט — ווי אויף שפּילקעס זיצט ער.

— פון אײַך, פרעגערן, זאָגט ער,—האָב איך שטענדיג געהאַלטן. וואָס, וואָס — אַ גוטן קאָפּ האָט איר, און מײַן טאָכטער, גלויב איך, זענט איר אַן אמתער גוטער פרײַנט, אפשר דער בעסטער גוטער פרײַנט. אז ניט, וואָלט איך איצט צו אײַך ניט געקומען.

פרעגער שפּרינגט שוין שיער ניט אונטער.

— איז וואָס-זשע?—פרעגט ער, ניט אויפהויבנדיג דעם קאָפּ.

נאָר פּויזנער טוט דערויף ניט מער ווי אַ קלײנעם שאָקל מיטן פּנים.

— עס, — זאָגט ער און וואַרט אָפּ.

ער שמייכלט צו:

— איר זענט שוין גאָר ניט—זאָגט ער—אַזוי יונג, ווי אומגעדולדיג...—דאָס וויל ער געבן צו וויסן, אַז אַחוץ דעם, וואָס ער איז לחלוטין ניט פּאַסיג פאַר זיין טאָכטער, איז ער נאָך עלטער, אַ סך עלטער פון איר.

— אין שטאָט,—זאָגט ער,—רעדט מען צופּיל וועגן אייך און וועגן מיין טאָכטער. מסתמא ווייסט איר עס גלייך מיט מיר; שוין עטליכע יאָר, זינט מען הערט ניט אויף וועגן דעם צו רעדן. מסתמא ווייסט איר אויך, אַז צו מיין טאָכטער האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבן צו פאָרן דער יונגער בעריזשינעצער דעסלער—דער אינזשענער דעסלער. און איר זענט דאָך מיין טאָכטער אַן אמתער גוטער פריינט—אין דעם גלויב איך... און אַן אָרנטליכער מענש זענט איר...

נאָר פרעגער קאָן שוין מער ניט וואַרטן.

— איז וואָס-זשע ווילט איר?—פרעגט ער און הויבט זיך מיט א מאָל אויף פון אָרט—וואָס דאַרף איך פון אייערט וועגן טון?

נאָר פויזנער איז רוהיג. ער שמייכלט צו:

— כדי אין שטאָט זאָל מען אויפהערן צו רעדן וועגן אייך און וועגן מיין טאָכטער, בעט איך אייך אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיין ווייב און פון מיין טאָכטער, איר זאָלט אויף אַ חדשים פינף-זעקס אַוועקפאָרן פון ראַקיטנע.

— אין נאָמען פון אייער ווייב און פון אייער טאָכטער?...

נאָר וואָס אַזוינס איז פלוצים געשעהן מיט פרעגערן? וואָס האָט אים מיט אַ מאָל אַזוי אָפּגעבריהט? ער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער. ער האָט געגעבן אַ שטייפן דריק-צו די פענסנע צו דער נאָז און געשווינד גענומען אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק איבערן חדר-אָקאָרשט אין אַ ווײַלע אַרום, ווען פויזנער איז שוין פון זיין צימער געווען אַרויסגעגאַן, האָט ער זיך פלוצים אַן עפּעס דערמאָנט. ער איז געשווינד אַרויס אין אונטער-הויז צום אָפענעם טויער און האָט פון דאָרט גענומען נאָכשרייען פויזנערן אויף אַ קול:

— הערט, איר זענט אַן אומגעוויינליך איידעלער מאַן—איר מיט אייער ווייב און מיט אייער טאָכטער—אַן אומגעוויינליך איידעלער מאַן...

---

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט פרעגער אָפּגעפּראַוועט אַ פריילינען שנעפּסל ביי זיך אין צימער. פרעגער אַליין האָט שוין דעמאָלט אפילו דאָס פאַרהאַנגל ניט אַראָפּגעלאָזן און דאָס אָפענע פענסטער ניט צוגעשלאָסן. אַזוי גלייכגילטיג איז ער געווען צו אַלץ, וואָס גאַנץ ראַקיטנע וועט וועגן אים זאָגן. דער עיקר איז ביי אים געווען, ס'זאָל זיין פריילין.

— איר זיצט אויף אַ געהויבן אָרט,—האָט ער געשריגן צו שאולקע-שניידער, צו שאולקע הפקר-יונג, וואָס מאָנט איין זאַלקער דעם אַגענטס חובות ביי די אָרטיגע שניידער— צוריק מיט אַ פּאָר טעג איז דאָ אויף אייער אָרט געזעסן עזריאל פויזנער אַליין.

און אַלע אַרום טיש האָבן דערפון פריילין געלאַכט, כאָטש קיינער האָט אויף קלאָר ניט פאַרשטאַנען, אין וואָס סע באַשטייט דער אויפטו. זאַלקער, דער בעריזשינעצער אַגענט פון זינגערס ניי-מאַשינען, האָט געלאָזט פריי זיין קליין יינגלש-רירעוודיג גופל. ער האָט פריילין געריבן די הענטלאַך איינס אָן צווייטן און האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען צו זיך די יונג-גראָהע וואָנסעס, גלייך ער האָט דאָ אומגעריכט געטראָפן אויף אַן אומ-געוויינליך אָנגעלייגטן ברית. נאָר נאָכן פערטן גלעזל האָט ער באַקומען אַ סך פלעקן אויפן

שייַגעצדיגן רויטן פנימל און אויפן פּעכטן, נאָך מער רויטן קאַרק און האָט זיך ברייטליך אָפּגעוואָרפן צום ווענטל פון שטול.

— ווי איך בין אַ ייִד, פרעגער, האָט ער געזאָגט,—קומט צו מיר פאַר אַ שותּף, לאָמיך קריינקען, אויב איר וועט ניט פאַרדינען פינף מאָל אַזוי פיל, ווי נעבן די בעל-הבתּישע שרצים אין תּלמוד-תּורה.

דערויף האָט פרעגער געענטפערט מיט אָנגיסן אַלעמען נייַע פולע גלעזלאַך.

— לחיים, האָט ער געזאָגט,—זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער געהויבענע און לייַטישע בעלי-בתּים.

און ביידע זייַנען דערפון אַרויס פון די כּלים—סייַ זאַלקער דער אַגענט און סייַ שאולקע שניידער. אָט דער ראַקיטנער הפקר-יונג מיט דער ציגייַנערש-שוואַרצער טשופּרינקע אויפן קורצן שטערן און מיט די היפּשע פּלוידערדיגע אויגן איז קוים אייַנגעזעסן פון פרייד. ער איז צו מיטן פולן גלעזל אין האַנט צו זייַנוול פּאָטשטער, וואָס קוקט די גאַנצע צייַט אַרייַן דורך דער אָפּענער טיר פון קאָרידאָר, און האָט זיך גענומען שווערן, אַז אין פרעגערן האָבן אַלע פּראָסטע מענשן אַ טאַטן דאָ אין ראַקיטנע.

— אַן אמתן גוטן ברודער, ווי איך בין אַ ייִד... און עפּעט אַ קאָפּ, אַ? פאַרשטייט אין די קליינע אותיות...

דעמאָלט האָט זייַנוול פּאָטשטער אַ הויב געטאָן די באָרד, זיך פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס און אַרויסגעלאָזט דעם רויך הויך צום באַלקן. ער איז געווען אַ רויטליכער גבר אַ ייִד. נאָר אין דער יוגנט האָט ער געמסרט דרייַ יידן, איבערגעטראָגן אויף זיך אַ פינף-יאָריגן חרם און איז געוואָרן ווי אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער שטאָט. פון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן אַ שטייַפער שווייַגער; געשמייכלט צו זיך אין דער רויטער באָרד, וואָס הויבט אָן גראָה ווערן, און מער גאָר; געשטאַנען גאַנצע לאַנגע זומער-טעג אָנגעשפּאַרט אָנם גרויסן טויער פון זייַן אַכסניה׳דיגן אונטער-הויז, געפּיפּקעט פונם לאַנגען הילצערנעם ציגאַר-שפּיץ, געוואַרט אויף זייַנע צעהן פערד-און-בודקעס, וואָס צעפּירן דעפּעשן אין דער אַרומיגער געגנט, און געדיינקט, אַז ער האָט אַמאָל געמסרט דרייַ יידן. פון פרעגערן, זייַן קוואַרטיראַנט, האַלט ער פון תּמיד אָן, אַ ווועלט האַלט ער פון אים. נאָר ער שווייַגט—ער ווייסט ניט, ווי אַזוי וועגן דעם צו רעדן. פּלוצים דרייט ער זיך אַוועק פון קאָרידאָר צו זיך אין די חדרים, קערט זיך אום פון דאָרט מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט אין די שבת׳דיגע לייַכטער און שטעלט זיי אַוועק נעבן פרעגערן אויפן טיש. צי מיינט ער מיט דעם די שמחה דאָ אין חדר צו פאַרגרעסערן? צי אפשר וויל ער נאָר, מען זאָל דאָ אים, זייַנוול פּאָטשטער, באַמערקן?

— זייַנוול, — שרייַט זאַלקער דער אַגענט, — אַ קריינק אין דייַנע ביינער, כעק זיך אַנידער און טרינק.

— וואַרט, — שרייט אויס פרעגער אינם צעכראַסטעטן בלאַה-זייַדענעם העמדל מיטן פולן קעלישיק אין האַנט.

ער וויל שטייענדיג האַלטן אַ קליינע רעדע וועגן דעם פּינטעלע מענש, וואָס איז דאָס געבליבן? ניט מער, ווי אינם פּשוטן גוטן ברודער, אינם אַגענט פון זינגערס נייַ-מאַשינען, אין שאולקע הפקר יונג און אין זייַנוול מסור. נאָר זאַלקער שלאָגט אים איבער די רייד. ער געפינט פּלוצים אונטערן טיש אַן איבעריגן פוס אין אַ לאַקירטן שטיוול און וויל וויסן, וועמענס איז ער: זייַנער, צי שאולקע שניידערס. דער פוס אינם שטיוול, לאָזט זיך אויס, איז שאולקעס, נאָר זאַלקער לאָזט אים ניט אָפּ — ער וויל, אַז שאולקע זאָל די מינוט זינגען „כּבקרת״; ער קייכט פון געלעכטער. אַ יידענע אין געסל קראַצט זיך מיטן אַרויס-

געשלעפּטן זאָקן־שפּיזל אין קאָפּ און הערט, ווי שאולקע זינגט און רייסט זיך איבער, און אַ פּאָר יינגעלאך קוקן אַריין דורכן אָפענעם פענסטער: זיי שטייען אויף די שפּיץ באָרוויסע פיס און האַלטן זיך אָן מיט די הענטלאַך אן דער שאַלעוואַניע. וואָס קומט דאָרט פאָר אין חדר? ס'איז דאָרט אָנגערויכערט און הייס, ס'ברענען איפן טיש צווישן פולע און ליידיגע פלעשער צוויי ליכט, און שאולקע שניידער שלאָגט זיך מיט ביידע פויסטן אין האַרץ און וויינט, אַלמאַי זאלקער האָט אים ניט ליב:

— ווי איך בין אַ ייד, — וויינט ער, — ער מיינט, אַז איך דין ביי אים פאַר געלט, מיינט ער. און איך האָב אים ליב... אָט זאָל איך ניט פאַרמאָגן, וואָס אָט דער קעלישיק בראָנפן באַטרעפט. און אייך, פאַני פרעגער — די נשמה, ווי איך בין אַ ייד, אָט פרובט, זאָגט אַ וואָרט...

---

נאָך אָט דעם געוויינליכן הברשן טרונק ביי זיינוול פאָטשטער אין זייטיגן חדר איז פרעגער ביי אַ וואָך צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַ קאַליע געוואָרענעם האַלז און האָט גערעדט הייזעריג, ווי אַ שטיק האָלץ, ווי נאָך אַ הולקע אויף אַ לאַנגער גוט־יידישער חתונה. אין דרויסן האָט דעמאָלט געדרעגנט. ביי דריי מעת־לעת כסדר איז די שטאָט גע־שטאַנען פאַרקילט, פינסטער און פיטש־נאַס. מע איז געגאַנגען אין גאַס מיט פאַרקאַשערטע הויזן אין קאַלאָשן; מע האָט געטרעטן מיט די פיס אין בלאָטע, פול אָפּגעריסענע גרינע בלעטער. און אז דער רעגן האָט אויפגעהערט, זיינען ווי אויף שטענדיג הייגגען געבליבן די פייכטע שוואַרצע וואָלקנס, די קילקייט מיטן ווינט. ער האָט געפייניגט דעכער און שטאַרק צעשאָקלטע ביימער, אָט דער ווינט. ער האָט געטריבן וואָלקנס און האָט פאַרפינסטערט מיט זיי די לופט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער הייסער זומער איז אין זיין אָנהייב אַוועק אויף אייביג — ער וועט מער קיין מאָל ניט קומען צוריק.

אין יענע קילע טעג האָט דער פאַרוואַלטער פרעגער פאַרענדיגט זיין לערן־סעזאָן אין תלמוד־תורה און אַליין האָט ער שוין ווידער געהאַלטן אין איין צושטיין צו חייקע דער דינסט פון איינפאָרהויז און אין איין זאָגן, אַז זי געפעלט אים, און אַז ער וויל מיט איר התונה האָבן, אויף צו להכעיס גאַנץ ראַקיטנע חתונה האָבן.

די רירעוודיגע הייקע מיט די פאָר האָרעפּאַשנע בריהשע הענט איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען אויסגעפּוצט, ווי אַ כלה־מיידל, און די בעל־הביתטע, אַ קראַנקע יידענע אַן עגונה, האָט זיך געהאַלטן אין איין קלאָגן, אַז די מויד האָט דאָס געגאַר.

— זי האָט שוין אויפגעהערט אפילו ראָמען אין די צימערן, די מויד.

נאָר חייקען איז דאָס ווינציג אָנגעגאַנגען. זי אַליין האָט געזאָגט, אַז אין פרעגערן האָט זי אזאַ אמונה, פונקט ווי אינם צלב:

— אַז פרעגער, האָט זי געזאָגט, — רעדט, און דער הונט אין דרויסן בילט, איז ביי מיר אַלץ איינס.

פונדעסטוועגן האָט זי זיך אַלע פאַרנאַכט אויסגעפּוצט און איז אַלע מאָל געלאָפן אַ קוק טון, צי פרעגער וואַרט ניט אויף איר ביים פאַרקאַן אונטערן טויער. פרעגער האָט דאָרט אין דער פינסטער געקאָנט אָפּשטיין מיט איר גאַנצע שעהן, ווי אַ פאַרעבאָק מיט אַ שיקסע, גלעטן איר די הענט און איר איינרעדן, אַז נאָך דער התונה וועלן זיי אַ גאַנצן זומער אָפּוואוינען אין עקסטן עק שטאָט אויף דער זון ביי אַ גוי אין אַ שטיבל, און חייקע וועט דאָרט האָבן אירע הינדעלאַך און וועט זיי שיטן פראָסע.

— נו,—האָט ער בײַ איר געפרעגט, — ווי געפעלט עס איר, חייקען?

דערויף האָט אים חייקע געענטפערט מיט אַ פריינטליכן קוק, מיט אַ רייצנדיגן שמייכעלע און מיט אַ פייערל אין די יצר-הרע-אייגעלאַך.

— פרעגער, — האָט זי דאָרט אים געענטפערט, — דער רוח זאָל אייך וויסן, פרעגער...

## XI.

זוה פּיזנער האָט זיך אומגעקערט פון קרייז-שטאָט פונקט פרייטאָג—ערב-שבועות, און אויף זיין פנים איז גאָרנישט ניט געווען קענטיג—מע האָט ניט געקאָנט וויסן, צי זי וועט סוף-כל-סוף חתונה האָבן פאַר דעסלערן, צי ניין.

פאַרנאַכט איז זי, ווי איר שטייגער, געזעסן אויף די טרעפּלאַך פון דער געשלאָסענער קלייט, און אינאיינעם מיט איר איז דאָרט געזעסן אַנשל צודיק—אַ דרײַסיג-יאָריגער וואוקסיגער בחור, אַן אָרטיגער פקח, וואָס האָט שוין איין מאָל געדרוקט מאמרים אין אַ העב־רעאישן זשורנאַל און האָט זיך ניט לאַנג אומגעקערט פון פּאַלעסטינע. געזעסן איז דאָרט אויך דער רייכער און שטילער סטודענט, דער מאַדאַם בראָמבערגס פרעמד-שטאָטיגער קרוב. אַך יאָ, אָט דער רייכער און שטילער סטודענט—אים איז, אַ פנים, געווען אַלץ איינס, צי זוה פּויזנער וועט חתונה האָבן פאַר דעסלערן, צי ניין. דער עיקר איז געווען, ער זאָל דאָ נעבן איר קאָנען רוהיג זיצן און רוהיג רויכערן די פּאַפּיראָסן פון זיין שיינעם זילבערנעם פּאָרטסיגאַר. ער האָט זיך דאָ מיט פאַרגעניגן באַקאַנט מיט חוה פּויזנערס אַלע נאָהענטסטע און איז יעדן פון זיי געווען אַ האַרציגער גוטער פריינט. דער עיקר איז געווען, אַז חוה זאָל מער ניט אוועקפאָרן און אים מער ניט לאָזן זיך אַרומדרייען דאָ איינעם אַליין. וואָס איז שייך צו געדרוקטע מאמרים, האָט ער אַ מאָל געשריבן אין דער גרויסער רוסישער קאָמער־צישער צייטונג, וואָס זיין רייכער פאָטער האָט אין דער גרויסער און ווייטער שטאָט סוב־סידירט. אַ שאָד נאָר, וואָס אַנשל צודיקס מאמרים זיינען געשריבן אויף העבּרעאיש, אויף אַ שפּראַך, וועלכער, דער סטודענט, פאַרשטייט ניט.

— נאָר אפשר געפינען זיך ביי צודיקן איינינע איבערגעזעצטע זאַכן — ער וועט זיי מיט פאַרגעניגן דורכלייענען.

זיין באַציהונג צו גאַנץ ראַקיטנע איז געווען, ווי צו אַ שטאָט, וואָס באַשטייט בלויז פון איין משפּחה—אַלע אײַנוואוינער קערן זיך אָן קרובים. און אָט איז ער, דער פרעמדער און רייכער סטודענט — אַן אָפּגעריסענער איבר פון עפּעס אַ גרויסער ווייטער שטאָט: ער האָט זיך צו ראַקיטנע צוגעשאַרט און איז שוין געוואָרן אַן אַלגעמיינער קרוב, אַלעמענס אַ פריינטל. אַלע רופן אים ביי זיין פּשוטן נאָמען.

— באָרי, — זאָגט מען, — אָט איז דורכגעגאַנגען באָרי.

אז זוה פּויזנער איז ניט געווען אין דער היים, אָדער זי איז געשלאָפן שפּעט אויפן טאָג, איז ער געגאַנגען זיצן צו חנקע ליובער אַהיים און האָט דאָרט לאַנג געקוקט אויף מלכס מיניאַטיור-קליינער סטאַטועטע.

— אַ שאָד, — האָט ער געזאָגט, — פון אָט דער סטאַטועטע וואָלט אפשר נאָך עפּעס געווען געקאָנט אַרויס.

אים האָט באַנג געטאָן, וואָס מלך איז אזוי יונג געשטאָרבן, און גערעדט האָט ער וועגן דעם אָפט, אָפט, גערעדט האָט ער וועגן דעם אויך איצט, זיצנדיג מיט זוה פּויזנער און מיט צודיקן אויף די טרעפּלאַך.

חיה פייגנער אבער איז געווען פארטראכט. זיצנדיג אויף די טרעפלאך האט זי ארומגענומען מיט ביידע הענט די קניהען, אזוי, אז זי זאָל קאָנען אָנשפּארן אויף זיי דעם קאָפּ, און האט באוואונדערט ראָקיטנן:

— ווען מע רעכנט צו די אלטע שטאָט צו דער נײַער, פארמאגט ראָקיטנע ביי נײַן טויזנט אײַנוואוינער, פונדעסטוועגן האט זי ביז איצט נאָך ניט ארויסגעגעבן קיין איין אינטערעסאַנטן מענשן.

זי האט דערביי געהאלטן אין איין שמייכלען און אין איין קוקן אויף אַנשל צודיקס וואלוועלן פּאָווער. טענליך, אז זי האט עס געזאָגט נאָר אים אויף צעפּוקעניש. זי האט ניט געהאַלטן פון יידישע יונגע לײַט. נאָר צודיק איז געווען ביי זיך צו געדולדיג, אַז דאָס זאָל איב געמען. ער האט אַ פּאָר יאָר געלערנט אין ביירוט. חוץ דעם, האט ער אין פּאַלעסטינע פּערזענליך געקאַנט ברענדרן און נאָך אייניגע אָנגעזעהענע מענשן. אַלעמען האָבן דאָרט פאַראינטערעסירט זײַנע מאמרים, נאָר ניט דאָ איז געווען דער אָרט וועגן דעם צו רעדן. אויב ער איז אָפט געגאַנגען צו חיה פייגנער אהיים און איז אָפט געזעסן מיט איר דאָ נעבן דער געשיקטעגער קלייט אויף די טרעפּלאָך, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, וואָס זי איז אַ שיין מיידל; חיה פייגנער האָט עס סוף-כל-סוף באַדאַרפט פאַרשטיין אָהן לשון, פשוט פונם קרומען שמייכל, וואָס ביי אים אויף די ליפּן:

— Так, — האָט געזאָגט אַנשל צוריק, און דער שמייכל אויף זײַנע ליפּן איז נאָך געוואָרן אַ ביסל קרימער.

דער שמועס אָבער האָט זיך שוין ווידער געהאַט געדרייט אַרום דעם געשטאָרבענעם מלכן און אַרום חיים-משהן.

— וואָס טוט ער דאָ, חיים-משה?

— פאַר וואָס האָט אים מלך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און אַזוי אָפט וועגן אים גערעדט?

— פאַר וואָס פילט זיך, אַז חיים-משה מיט מלכן זײַנען געווען מאָדנע נאָהענטע, ווי איין מענש — עפּעס ברידער און ניט ברידער?

— מיט וואָס באַשעפטיגט ער זיך בכלל, חיים-משה?

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מאָדנע בראָכבערגס קרוב דער סטודענט ווייסט שוין עפּעס אויך וועגן חיים-משהן — חיים-משהן קאָן ער פון דער גרייטער שטאָט, וואו עס האָט געענדיגט דער אָרטיגער דאָקטאָר גראַבוי — חיים-משה איז אַ כעמיקער, אַן אינזשענער.

— פאַר וואָס גראַד אַ כעמיקער? ס'איז שווער צו זאָגן. ער האָט בכלל אַן אומגעווינליך-גוטן קאָפּ און קען אויסגעצייכנט מאַטעמאַטיק, אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר גראַבוי; ער איז אַן אָפּגעלאָזענער, אַן אַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט שוין געוויס ביז איצט געווען באַרימט. נאָר וואָס כ'איז שייך צו זײַנע פאַרדינסטן, גיט ער, דאַכט זיך, אורעקן פון מאַטעמאַטיק און האָט אָפּגעדרוקט כך הכל צוויי ביכער, וואָס סטודענטן ניצן פאַר די עקזאַמענעס, און איז לחלוטין ניט רײַך.

דער סטודענט געדענקט אויך, אַז די הונדערט רובל, וואָס ער האָט ניט לאַנג געגעבן טעמפּל וואַליוואַנסקי, זײַנען פאַר אים ביז אַ גרויסע נתינה. ער קאָן רעדן וועלטליך, אָט דער סטודענט, און איז, ווײַזט אויס, בטבע ניט קיין שלעכטער.

— יעדנפאַלס, — זאָגט ער, — איז הונדערט רובל לחלוטין ניט לויט זײַן באַשטאַנד.

און אַלע הערן עס מיט אינטערעס. מע שווײַגט אַ ווײַלע און מע רעדט ווידער.

— וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען מלך לעבט און קומט איצט צו אַהער צו די טרעפּלאָך?

און אַלעמען וואונדערט, וואָס אַט די פראַגע גיט אויף רוקט זי — חיה פייגנער — צו

הייסט עס ניט, אַז צווישן איר און מלכן איז ווירקליך אַ מאָל עפּעס פּאָרגעקומען? צי הייסט עס ניט, אַז ווען מלך לעבט איצט אין גייט אהער צו, וואָלט זי געבעטן צודיקן מיטן סטודענט אוועקגיין און וואָלט מיט אים געבליבן דאָ זיצן ביז אַ שפּעטער שעה נאָך אַ האַלבער נאַכט?

---

ביי הוה פּויזנער איז די שטימונג פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ מער אויפגערעגט און פריילין אויפגערייצט.

אַלע פּאַרנאַכט איז זי געזעסן נעבן דער געשלאָסענער קלייט אויף די טרעפּלאַך, און וואָס מער טונקעלער דער פּאַרנאַכט איז געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיך געלויכטן און געגלאַנצט אירע היפּשע, כמעט בולטע אויגן. איר גאַנצער אויסזעהן איז געווען אַזאַ, גלייך זי האָט אַלע יאָרן געוואַרט אויף איינעם אַ מאָדנע אָנגעלייגטן גאַסט. און אָט איז שוין שבועות; ס'איז פּאַרנאַכט: די גאַס איז צוגעקערט, זי איז אָנגעטאָן, און דער גאַסט איז נאָך אַלץ נישטאָ...

זי האָט מער דעסלערס נאָמען ניט דערמאָנט.

דערצו נאָך האָט זי געהאַלטן אין איין אַרומגיין מיט וויזיטן. זי איז געקומען צום דאָקטאָר גראַבּיי און האָט זיך פאַר אים געקלאָגט אויפן קלינגען, וואָס זי הערט שטענדיג אין לינקען אויער. דאָס איז געווען אַרום פינף אַ זייגער ביי טאָג. דער מיטלוואוקסיגער ציגיינערש-שוואַרצער דאָקטאָר האָט זיך נאָר וואָס מידערהייט געהאַט אומגעקערט פונם זעמסקי שפּיטאָל, וואו ער אַרבעט טאָג-טעגליך פון אין דער פריה אָן, און ביי אים אין ווייס-געקאַלכטן נייעם הויפּל איז געווען שטאַרק הייט פון זון, וואָס פאַרגיסט עס אַ גאַנצן טאָג, און פון דאָקטערשער טרוקנקייט. זי האָט דאָרט דעם דאָקטאָר גלייך באַוויזן דעם קליינעם געטאָקטן אויער אירן—ער איז געווען שטאַרק רויט און האָט געברענט, ווי אַ העליש פייער; ער האָט פונקט געשמעקט, ווי אירע האָר, ווי אירע קליידער. נאָר דער דאָקטאָר גראַבּיי האָט איר אין אויער אַפּילו קיין קוק ניט געוואָלט טון און האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט—דאָס לאָזן איר גריסן אַלע זיידעס גוטע יידן פון איר מוטערס צד, און מער גאָר:

— ס'איז נעכטיגע טעג.

ביי אָט דעם באַליבטן און שטאַרק-אָנגענומענעם ראַקיטנער דאָקטאָר איז אַלץ געווען נעכטיגע טעג—אַפּילו דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַן אָנגעזעהענער פּאַרטיי-רעדנער ערגיץ-וואו אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געענדיגט, און איצט דערמאָנט דאָרט קיינער ניט זיין נאָמען; אַפּילו דאָס, וואָס אים האָט צוריק מיט אַ היפּש שטיקל צייט אוועקגעוואָרפן זיין אומגעוויינליך-שיינע פרוי, די געריסמטע פּאַרבוליך, און האָט אים דאָ אין ווייס-געקאַלכטן, מיט זון-פאַרגאָסענעם הויזל געלאָזט איינעם אַליין מיטן קליינעם גערעטענעם מיידעלע און מיט דער אויסגעמוטשעטער גוישער דינסט.

— ס'איז נעכטיגע טעג, האָט געזאָגט דער דאָקטאָר גראַבּיי.

דערביי האָבן געשמייכלט זיינע יונגליכע גראָהע אויגן, און די פיל קנייטשן אַרום זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אין אַזא מינע, גלייך זיי ווילן הצגן זיך זאָגן:

— קלוג ווי פּויזנס דוהות אייער דאָקטאָר גראַבּיי, אַ? -- האָט נאָר אויף אונז גיט קיין רחמנות.

און כדי קיינער זאָל אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן; כדי הוה פּויזנער זאָל ניט טראַכטן, אַז אויפן פערציגסטן יאָר און זיין דאָקטערשן לעבן נויטיגט ער זיך שטאַרק אין

שלאָפן בײַטאָג, האָט ער זיך אָנגעטאָן כּה און איז הוה פּויזנער געגאַנגען באַגלייטן — ער האָט בריהש געוויגט זײַן שווערליכן און מידן קערפּער אויף די קורצע און פעסטע רנ־סאָרנדיגע פּיכלאַך און האָט געהויבן מיט חסד די שליאַפּע אַלע מאָל, וואָס אים האָבן זיך געגריסט זײַנע אָרטיגע פּאַציענטן־חסידים. ער האָט זיי ווי ניט באַמערקט, אָט די חסידים זײַנע, נאָר דאָך געענטפערט אויף זייערע גרוסן. אין די אויגן האָט ער געטראָגן אַ טרויעריקע מידקייט — אַ לאַנגאַנענדיגע און פאַרנעפּלטע, ווי דאָס גאַנצע מולדיגע לעבן פון אים, דעם באַליבטן און אויף דער גאַנצער געגנט באַוואוסטן דאָקטאָר. און אַז ער האָט אין מיטן וועג באַגעגנט חייב־משהן, האָט ער זיך מיט אים אָפּגעשטעלט, ניט קוקנדיג דערויף, וואָס הוה פּויזנער איז מיט אים ניט געווען באַקאַנט:

— אָט איז נאָך איינער, — האָט ער אַ טײַטל געטאָן אויף חייב־משהן מיטן פינגער און האָט אַ שמייכל געגעבן מיט אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זײַנע לאַנגליכע גראָהע אויגן: גלײַך אויך פאַר איב, חייב־משהן, פילט ער זיך פון אַמאָל פאַר עפּעס שולדיג און וויל, ער זאָל אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן.

— באַקאַנט זיך — האָט ער באַלד צוגעגעבן: ער האָט צעטראָגענערהייט פאַרלייגט די הענט אַרונטער, אונטערן ווײַסן זומערדיגן רעקל און האָט גלײַך גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער, דער דאָקטאָר גראַבוי, האָט אַמאָל פינף יאָר נאָכאַנאַנד נאָכן ענדיגן דעם אוניווערסיטעט דעם כּטורענטישן סורדעט מיטן סטודענטישן הוט ניט אויסגעטאָן און האָט געהאַלטן איין גלענצנדיגע רעדע נאָך דער צווייטער. זײַן פּאַרטיי איז דאָרט אין דער גרויסער שטאָט געווען די שטאַרקסטע. געדיינקט ער, ווי הײַנט, איינעם אַ טאָג.

— דער גרויסער דיסקוסיאָנס־טאָג האָט מען אים גערופן.

דאָס איז געווען אום יום־כּפּור — אַ פאַרשפּעטיגטער זומער־טאָג, וואָס בריהט, ווי אום תּמוז. גרויס־שטעטיגע שולן זײַנען איבערגעפּולט און די שול־הויפן — נאָך מער. אינעווייניג שרײַען טאָטעס דעם אַלטן „ונתנה תּוקף״, און אין די פול־געפּאַקטע הויפן דיסקוטירט יונגוואַרג. איב, דעם דאָקטאָר גראַבוי, פירט מען דעמאָלט אַרום פון איין שול־הויף אין צווייטן, מען טוט אים גלײַך יאַ הויב אויף די הענט, און ער רעדט — ער טראַכט שוין לחלוטין ניט וועגן אינהאַלט — אַזוי פיל מאָל האָט ער שוין זײַן רעדע איבערגעחזרט און זיך איבערצייגט, אַז זי קלעפּט זיך און ווירקט. און אומעטום, אין יעדן שול־הויף, באַגעגנט ער זיך דעמאָלט מיט די אויגן פון אָט דעם (דער דאָקטאָר גראַבוי האָט נאָך אַ מאָל אַ טײַטל געטאָן אויף חייב־משה׳ן און ווידער אַ שמייכל געטאָן מיט אַלע קנייטשן אַרום די אויגן): איז אָט נאָך דעמאָלט האָט ער, דער דאָקטאָר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן:

— ער דאַרף זײַן ניט קיין נאַר, אָט דער רויטליכער יאַט.

וואָס האָט געוואָלט דער דאָקטאָר? צי האָט ער געמיינט פּשוט חיים־מעהן פאַר הוהן אין די אויגן אַ היפּה טון? צי אפשר איז דאָס שוין געווען ניט מער, ווי איינער פון זײַנע מאַנירן — אַ מאַניר אויף בוצוציהען דאָ אין ראַקיטנע חסידים צו זיך, דעם געלונגענעם דאָקטאָר גראַבוי, אין פאַרגעסן כּאָכן אַלצמען אַן דער מידקייט, וואָס ער טראָגט שוין מיט זיך, און אנט ווײַב — דער פאַרשוין, וואָס האָט איב, ניט קוקנדיג אויף אַלע זײַנע מעלות, אַוועקגעוואָרפן...

---

חייב־משה האָט זיך געפילט שלעכט. ער האָט ניט געוואוסט פון וואָס צו זאָגן. ער איז נאָר וואָס געקומען פון וואַלד, וווּ ער האָט געהאַט אַ געלונגענעם טאָג — אַ געלונגענעם און אַ צעטראָגענעם אַ ביסל — ער האָט געשריבן. און איצט האָט ער פּלוצים צום

ערשטן מאָל דערזועהן הוה פויזנער אַזוי נאָהענט נעבן זיך. ס'איז געשעהן אַ נס: אַ גאַנצן פריהמאָרגן האָט ער געטראַכט וועגן איר און וועגן מלכן און איצט ביים אָנקומען אין שטאָט אַרײַן האָט ער זי גלײַך דערזעהן. איר שטאָלטנע בויגיגע פיגור איז, ווי תמיד, געשטאַנען אויף די הויכע שיך-קאָרקעס אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי אויף שטאָלצן, נאָר די אויגן אירע זיינען שוין גאָרניט געווען אזעלכע בולטע, ווי דאָס האָט זיך פון ווײַטנס געדאַכט— זיי זײַנען נאָר געווען גרויס און איבערגעשפיצט-קלוג ערגיץ ווײַט אין דער טיפסטער מיידל-טיף זייערער, אין איטליכס מאָל, וואָס זיי האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט ער געמוזט אָפּווענדן זײַן פּנים אין אַ זײַט,—אַזוי שטאַרק האָבן זיי אים דערמאַנט אן זיך, חיים-משהן, אנם ערשטן טאג פון זיין קומען קײַן ראַקיטנע, אנם געשטאָרבענעם מלכן, און אפילו אנם לעמפּל, וואס זי האט מלכן אנגעצינדן אויפן צווייטן טאג נאך זיין טויט.

— מלך איז אמאל געשטאַנען נאהענט צו אַרבעטער?

— האַ?

חיים-משה האט זיך מיט אַ מאל ווי אויפגעכאַפּט. און אַז ער האט זיך אויפגעכאַפּט, האט ער דערזעהן, אַז דאָקטאר גראַבּיי איז פארטראַכט, אַז אלע דרײַ שפּאַנען זיי אין איין שורה אַראָפּ-גאַס צום מאַרק, און אַז די ווערטער „מלך איז אַמאל געווען נאהענט צו אַר-בעטער" האט ביי אים געפרעגט הוה פויזנער; זי האט זיי אַ זאג געטאן מיט אַ ביון, אַפּנים, מיט אַ ווילן אים צו פאַרוואונדערן און אים בשעת מעשה אַ פּארש טון מיט די אויגן.

— יאַ, —האט ער איר מאדנע וואכעדיג געענטפערט און האט זיך צו איר ניט אומ-געקוקט,—מלך איז דערפאַר געווען צוויי יאהר האַרשיקט.

— ני, און נאכדעם? נאכדעם האָט ער זיך באַזעצט אין ראַקיטנע?

— נאכדעם? — איצט האט ער אויף איר אַ קוק געטאן — נאכדעם איז מלכן געווען אַ בזיון, וואס ער איז שיער, שיער ניט געווארן אַ גרויסער מענש.

און פלוצים האט ער דערפילט אַן אומצופרידנקייט מיט זיך אליין, מיט דעם, וואָס ער ענטפערט צו פיל וואכעדיג און צופיל קלוג,—אַן אומצופרידנקייט, וואס זיין געפיל צו איר, הוה פויזנער, איז שוין אזא לאַנגאנעדיגס און אויסגעשטאַנענס, אַ געזירשנטס פון מלכן און אַן איבערגעחזרטס וויפיל מאל אין הלום. ער האט דערזעהן, ווי ס'קומט אינטער דער מאַדאַם בראמבערגס קרוב, דער סטודענט, האט ער זיך וואכעדיג געזעגנט און האט זיך אומגעקערט אַן אומצופרידענער צוריק מיט דער גאַס צו מלכן אין שטיבל—וואס טוט ער אייגנטליך דא אין ראַקיטנע?

ער וויל דא פארענדיגן זײַן אנגעהייבענע זאַך, און מער גאר. ער וויל דא אפּוואיינען א פאר חדשים ביי יצחק-בערן אין וואלד און אויספרובן, צי ער איז פעהיג אפּציטן איינעם א ענין... ער וועט אים שוין גאר אין גיכן אויספרובן, אט דעם ענין... נאר אט האבן פון מלכס מוטער דער אלמנה אנגעהויבן אנקומען זעהר אומרוהיגע בריוו—מען רייסט דארט פון איר די הויט אין דער ליי-און-שפּאר-קאַסע, וואו זי האט פאר מלכן די עטליכע רובל געליגן, און אויף אים, חיים-משהן, ליגט שוין אויך אין דעם זין א שטיקל חוב—ער מוז פריהער איבערשרײַבן אַלץ, וואס אין אַפּטייק-מאַגאַזין איז געבליבן, און ציהען זיך אַ קונה אויפן אינווענטאר מיט די מעדיקאמענטן, איידער ער ענדיגט זיין זאך.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

ער האט געאַרבעט רעגלמעסיג אלע בײַטאג אקעגן א פאר שעה ביי מלכן אין קליינעם אפּטייק-מאגאזין, געעפנט דארט ניט מער, ווי איינעם א פארנטיגן לאדן און גע-סארטעוועט די סחורות.

אפטמאל האט ער זיך דארט אויף א היפשער ווײַלע געקאנט פארגעסן און זיך מיט גרויס אינטערעס נעמען גראַבלען אינם צווייטן קלענערן חדרל צווישן די פאפירן ביי מלכן אין שופלאד; געלייענט איין בריוו נאכן צווייטן, געשנישטערט, געזוכט און ווידער געלייענט. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז חיה פויזנער האט איין צײַט געשריבן מלכן בריוו פון אומעטום, וואו זי איז געפארן. מלך איז דעמאלט אין זיין גראד געווען א קליינער קיסר. נאר חוה פויזנער האט דאך אין יעדער בריוו אירן פארדרייט איר התימה אזוי, אז קיין בן-אדם זאל זיך ניט אנשטויסן, אז זי האט זיי געשריבן; גלייך זי וואלט ניט גליבן איר אייגענער איבערגעגעבנקייט צו אים און וואלט מורא האבן, אז אט די בריוו זאלן איר שפעטער ניט שאדן. נאר אויב אזוי, איז מלכס גאנצע חתן-ווייכקייט בנוגע צו דער ניט איבעריג-שיינער און שווײַגנדיגער עטל קאדיס שוין געווען ניט מער, ווי א קונץ, אדער א חוב-זאך? ווי אזוי האט מען באדארפט דערויף קוקן?

איצט איז געווען קלאר, פאר וואס חנקע ליובער האט זיך אזוי באליידיגט דאן, ווען ער, הייב-משה, האט איר באוויזן דעם בריוו מיטן אפגעבראכענעם שטיקל פיש-ביין און האט ביי איר געפרעגט:

— קלערט איר, הייסט עס, אז דעם בריוו האט אנגעשריבן חוה פויזנער?

— ווארט, האט זי בלאס-ווערנדיג איבערגעפרעגט,—איך האב דען געזאגט?

אט די גבירישע, לײַטיש-אויפגעצויגענע חנקע האט געקאנט בלאס ווערן און זיך שטארק באליידיגן נאר דערפאר, וואס מען איז זי חושד, אז זי איז פעהיג צו רעדן אי-בעריגס; אז זי קאן אויסגעבן א צווייטנס אויסבאהאלטענע סודות... ס'האט מיט א מאל א ציה געטאן צו איר דאס הארץ; ס'האט זיך געוואלט איבערבעטן זי, פארפירן מיט איר, ווי פריהער, א לאנגען רוהיגן שמועס אין ארויסבאקומען נאך איניגע קליינינגקייטן, איניגע איינצלהייטן וועגן מלכן און וועגן עטל קאדיס. נאר ווען ער איז געקומען צו איר אהין אין זוזר ליובערס רייכן הויז, האט ער זי ניט געטראפן אין דער חיים — זי איז געווען אוועקגעפארן מיטן קליינעם מאטיקן אין דער אייגענער רויטער, פיר-גארנדיגער בײַטל-מיל, וואס געפינט זיך אנדערטהאלבן ווערסט פון שטאט און גרייט זיך איצט אויסארבעטן עלעקטריע פאר גאנץ ראקיטנע. זוזר ליובער אליין האט זיך נאך אלץ געפונען אין קיעוו, פון וואנען ער האט צוליב דער עלעקטריע איבערגעשיקט איין מאשין נאך דער צווייטער, און אין הויז איז קיינער, אחוץ די דינסטן, ניט געווען. בײַ חנקען אין צימער, אויפן ווײַסן פוקס, וואס נעבן בעט, האבן זיך געוואלגערט דעם קליינעם מאטיקס א פאר שפילכלאך, און אייפן פארפוצטן טישל איז געלעגן ניט מער, ווי דער אלבאם, אין וועלכן ס'איז גע-שטאנען, אז דאס לעבן איז א ים:

— א ים פון ליבע אויסגעטאקטע קלייניגקייטן און פון פרייליכער פארהוילענער דארשט.

הייב-משה האט אים דארט פון ס'ניי א בלעטער געטאן, אט דעם אלבאם. ער איז דארט געשטאנען א ביסל און האט זיך אומגעקערט צוריק אין מלכס קליינעם אפטייק-מאגאזין.

נאכדעם איז געקומען נאך איינער א טאג—א נײַער א וואכעדיגער און א הייסער.

א לופטל א בײַטאגעדיגס שאקלט דאן פאמעלאך אין עק גאס מיט די יונגע בוימלאך, וואס זײַנען ארומגעגריזעט פון בהמות און פון ציגן, אין הײַזער דרימלען אזוי אין גרויס היץ, אדער אפשר באהאלטן זיי אין זיך א קיל מיט א פאר פרויען, וואס דרעליוען ווײַמפערלאך. אין שטאט קומט ניט אן קיין פור.

א וואלקן, אלע מאל א נײַער, לויפט נאר געשווינד איבערן בלויען הימל, לויפט

אויך א שאטן אין דער נידער, יאגט איבער גארער ליינג פון גאס און איבער קיילאכיגן מארק; יום-טובדיג גאלד אנטלויפט און וואכעדיגער שאטן יאגט איבער. און אויך אזוי איז שוין דארט ביי עמיצן אין הארץ—יום-טובדיג גאָלד אנטלויפט און וואכעדיגער שאטן יאגט איבער. א שכנה אין עק גאס ארבעט א זאק גאבן די כרעפלאך פון איר שטוב אוןווארפט אלע מאל א בליק לינקס צו מלכס קליינעם אפטייק-מאגאזין—שוין עטליכע טעג זינט זי באמערקט, אז דער אפטייק-מאגאזין איז אלע בייטאג אפן. זי קומט סוף-כל-סוף אהין ארײן און דערזעהט חיים-משהן. ער שטייט איינער אליין אין א נייעם אנצוג צווישן די היכע געשפּיגלטע אפטייק-שאפעס, וואס קוקן פון הינטערן שטוב גרויזאם און פארטראכט, ווי א שבעה-זיצער. ער וועגט מעדיקאמענטן, שרייבט אין א ביכעלע און פארפאקט איין פעקל נאכן צווייטן.

— זעה נאר, וואונדערט זיך די יידינע,—און איך האב געמיינט, אז דא איז עמיצער פאראן.

חיים-משה שטייט אין די ווייסע ארבל און טוט אויף דער יידענע ניט מער ווי א קוק — אזוי פארנומען איז ער און באשעפטיגט. נאר אז די יידענע גייט אוועק, געדויערט סך-הכל א קליינע ווײלע ס'טוט ווידער א קלונג דאס שארפע אפטייק-גלעקל, און ס'שטעלט זיך ארײן חוה פויזנער. איר גלייכע פיגור שטייט, ווי תמיד, א ביסל אנגעבויגן אויף די היכע שיך-קאָרקעס. נאר אליין איז זי אנגעטאָן אין א ווייס גארעסן קאָפּטל און אין א שארף אויפן קאָפּ — מער איינפאך, האָט זי, דאכט זיך, אָנטון זיך ניט געקאָנט. אזוי קומט מען פארברייגגען צו א מענשן אן אייגענעם, א נאָהענטן.

— איך וועל אייך ניט שטערן?—פרעגט זי באלד ביים ארײנקומען, ביי דער טיר.

און איר בליק איז, ווי שטענדיג, א שמייכלדיגער, אן זוּתדיג-קלוגער און פארוואונדערטער. פון צעטומלטקייט הארט חיים-משה לחלוטין זיך ניט איין אין אירע לעצטע ווערטער, קוקט אויף איר פארוואונדערט און ווייסט ניט, וואָס צו טון. אז ער קומט סוף-כל-סוף צו זיך, זיצט זי שוין אויפן בייגקל, וואָס ער האט צוליב איר מיט זיין נאָז-טיכל אָפּגעווישט פון שטויב. און ער שטייט נאך אלץ אקעגן איר גרייט צו דינען. ער איז פארוואונדערט און האלט זיין פארשטויבט טיכל אין האנט.

— ווארפט אוועק אייער טיכל, — זאָגט זי און שמייכלט.

דאָס איז איר געוויינליך קול. אירע אייגן קיקן אויף אים נאך אלץ שפּאטיש און זוּתדיג קלוג — זי הייסט, ער זאל אוועקווארפן זיין טיכל.

דעמאָלט באמערקט אקאָרשט חיים-משה, אז ער האלט ווירקליך די גאנצע צייט א פארשטויבט טיכל אין האנט. ער פילט זיך שולדיג און פאָלגט זי.

— אָך יאָ, זאָגט ער.

און ער ווארפט אוועק זיין טיכל. צום אנהויב דאכט זיך, אז איר גאנצער וויזיט איז א פארשייטער פרוב, און ניט מער — א לצנותדיגער אויפטו. הייסן הייסט עס אזוי:

— איצט אין מיטן לאנגען און הייסן זומער-טאָג וואָט זי שאפן אן אינטריגע.

נאָר חיים-משה קוקט אויף איר און באמערקט: אירע אויגן פאָלן פלוצים ארײן אין א פארטראכטקייט און באקומען מיט א מאל א סך טיפן. זי קוקט זיך ארום דאָ ביי אין מאגאזין, ווי אין אן אלטער היים.

— גלייך איך האב דא א מאל עפּעס געקויפט...

אזוי זאָגט זי, בשעת זי הויבט זיך אויף פונם בייגקל און פרובט א שפּאציר טון אין טיף פון צימער.

דעמאָלט שלאגט חיים-משה איר פלוצים איבער די רייד.

21.653

— גלײַך איר האָט דא א מאָל עפּעס געקויפט, — זאָגט ער, — און האָט פארגעסן אָפּצוצאָלן.

— יאָ, טאַקע, — הזרט איבער חוה פײַזנער מיט אַזאַ פאַרוואונדערט פּנים, גלײַך זי גלויבט ניט, אַז ער חײם-משה האָט עס געזאָגט, — גלײַך איך האָב דאָ אַמאָל עפּעס געקויפט און האָב פאַרגעסן אָפּצאָלן.

זי זעצט זיך צו צוריק אויפן בײנקל און זיצט אזוי אַ ווײַלע מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. איר איז, א פּנים, מיט א מאָל געוואָרן זאַ שווער, שטארק שווער. און חײם-משה קוקט אויף איר און שווײַגט. איצט געדיינקט ער אירע בריוו, וואָס ליגן בײַ מלכן אין שופלאָד. קײן מאָל האָט ער זיי נאָך ניט געדיינקט אזוי קלאָר, ווי איצט, בשעת ער קוקט אויף איר — איבערגעבונדענע ליגן זיי דאָרטן, אויסגעציילטע.

— איר בלײַבט דאָ, אין מאגאַזין?

אזוי פרעגט חוה פײזנער, אין דער קאָפּ איז בײַ איר נאָך אלץ אראָפּגעלאָזן און די אויגן קוקן נאָך אלץ פארטראכט ערגיץ וואיהין אונטער דער סטויקע ארונטער.

— אָך, ניין.

חײב-משה האט שוין דא איצט מער ניט, וואָס צו טון. ער איז גרייט צו גיין, מיט אלע כבודן גרייט. ער פארשליסט אייף גיך די קאָנטאָרקע און דעם דרויסנדיגן שלאָס בײַ דער טיר און באגלייט זי אראָפּ צו דער טיר פון שטאָט. ער גייט מיט אזא אויסזעהן, גלײַך ער האלט זיך אין דער מעלה — איצטיגס מאָל מוז ער בייזבײַין דעם נסיון פון דאַמען-ערע. און אָנהויב מארק שנײַדט זיי איבער דעם וועג די אָרטיגע קאָמיסיע, וואָס גיט אכטונג אויף ריינקייט. בראש פון דער קאָמיסיע גייט דער שטאָט-דאקטער גראָבוי. ער גייט, ווי זײַן שטייגער איז, פּײַלבליך און שווער, און זיין פּנים איז אויסגעמאטערט, צי פון גימנ שלאָפן בײַטאָג, צי פון יידישע צרות. ער איז פארטראָגן. נאָר דערזעהענדיג חוה פײַזנער מיט חיים משהן, גיט ער זיך העפליך א נייג. זײַנע היפּשע גראָבע אויגן טוען זיך פלוצים אזא דערשרעק. גלײַך מע האָט אים נאר וואָס אויפגעוועקט פון שלאָף, און באלד טוען זיי זיך צוריק אַ צינד אן און שמייכלען שוין מיט אלע פיל קנייטשן, וואָס ארום זיי.

— קלוג ווי טויזנט רוחות, — שמייכלען זיי וועגן זיך אליין, — איך פארשטיי אלץ און גיב אייך מיין ברכה.

אז ער גייט אפּ אַ ביסל, קוקט ער זיך נאָך א מאל אים און טיט ווידער א שמייכל, נאָר ס׳ענטפערט אים ניט קיינער, ניט חוה פײַזנער און ניט חיים-משה. זיי זײַנען שוין נאָהענט צו עזריאל פײַזנער׳ס בייטעם הויז. זיי שטעלן זיך אָפּ נעבן גרויסן גאניק, וואָס גייט ארויס, ווי אן אָפענע ווערראנדע צום איינגעבראכענעם מארק, און ס׳דאכט זיך, אַז עמיצער פון זיי וועט באלד אנהויבן רעדן. זיי ווארטן אויף עפּעס.

שטייען זיי אזוי א ווײַלע און ווארטן, נאר קיינער הייבט ניט אן צו רעדן. א פאַר־בײַגייענדיג יינגעלע פארהאלט זיך גאר נאָהענט נעבן זיי; באטראכט זיי מיט שעמעוודיג־קייט אין די אייגעלאך, מיט אַ שמייכעלע אינם איינגעבייגענעם געשטאלטל, און זיי באַ־מערקן עס ניט.

— איך האָף, אז איר וועט נאָך אריינקומען צו אונז, — אזוי זאָגט חוה פײַזנער, און אירע אויגן קוקן שוין ווידער צו אים ארויף האלב-שמייכלדיג, שעמעוודיג קלוג — געכשרטע אויגן.

— יאָ, — ענטפערט צעטראָגענערהייט חיים-משה, — געוויס.

און א ווײַלע שטייט ער נאָך פארטראַכט אויפן ארט; קוקט איר נאָך, ווי זי גייט

ארײַן אין הויז אין געדיינקט די זאַך, וואָס ער שרײַבט דאָרט בײַ יצחק-בערן אין וואלד —פּאר וואָס איז שטענדיג, ווען ער קיקט אויף איר, ווילט זיך אים וואָס גיכער ענדיגן די זאַך? — ער מוז איצט קומען צוריק אין וואלד ארײַן און זיך נעמען פאר דער זאַך.

## XII.

מילא, האָט חוה פּויזנער ניט געהאַט מער, וואָס צו פאַרלייקענען, און האָט געשוויגן. אירע קאָרטן זײַנען געווען אָפּן. גאַנץ ראַקיטנע האָט געוואוסט, אַז איר פּרעגער שטייט איצט אָפּ גאַנצע אָוונטן נעבן פּאַרקן, הינטערן אײַנפאָר-הויז, וואָס נעבן מאַרק, שטייט ער און גלעט דאָרט חייקע די דינסט פאַר דער האַנט. אַ שטיקל צײַט האָט זי ליב געהאַט מלכן. דאָס איז געשעהן פּונקט דאַן, ווען גאַנץ ראַקיטנע האָט געוואַרט, וואָס דאָ וועט אַרויס-קומען.

— „מלך, האָט מען געזאָגט,—האָט בײַ זיך געפּילט התונה האָבן מיט עטל קאַדיס, און אַז חוה פּויזנער שיקט אים אַ צעטעלע, ער זאָל קומען, קומט ער צו איר, אַ? ער קומט״.

דעמאָלט איז חוה פּויזנער בכיון אַוועקגעפאָרן פון דער היים אויף אַ לייגערער צײַט, כּדי זי זאָל קאָנען שרייבן מלכן שיינע בריוו. און נאָכדעם האָט געטראַפן דער נס— דעסלער הייסט דער נס; דעסלער פון די טאָרף-זומפּן אין פונם גרויסן בעריזשינעצער בראַ-ווער; אַן אינזשענער, זאָגט מען, איז ער; ער איז רייך, שטאַרק רייך. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו אים, חיים-משה? וואָס גייט עס אים אָן?

ער האָט פאַרגיכערט די טריט:

— אַ מענש, וואָס איז געקומען קיין ראַקיטנע אויסצופירן אַ גרויסן ענין, דאַרף גיין מיט גיכע טריט.

ער איז געקומען אין מיטן הייסן העלן טאָג צוריק אין וואַלד אַריין, צוריק צו זיך אין צימער און האָט דאָרט גאָרנישט געקאָנט טון:

— טפו, צו אַלדי שוואַרצע יאָר. ראַקיטנע נעמט צו אָהן שיעור צייט, און מער גאָר.

די פענסטער זיינען געווען אָפן. די זון האָט דורך זיי שטאַרק געבאַקט. האָט ער אַראָפּגעלאָזט די קורצע רויטע פאָרהיינגלאַך און האָט זיך אין די ווייסע אַרבל צוגעלייגט אויפן בעט. נאָר די אַראָפּגעלאָזענע פאָרהיינגלאַך האָבן ניט געהאָלפן. די פּיסטקייט פונם לאַנגן הייסן זומערטאָג האָט זיך אַהער געלאָזט פילן—פון דער זון, וואָס באַקט דעם וואַלד, האָט זי זיך אַהער געלאָזט פילן און פון דער אייסגעוועבטער וואָכעדיגקייט, וואָס ציהט זיך אַהער מיט אַלע וועגעלאַך און שטעגעלאַך פון ראַקיטנע דער שטאָט:

— ס'אַראַ פּוסטע וואָכעדיגע שטאָט! און ווי אַזוי האָסטו דאָ געלעבט, מלך?

אָט שטייט ער, חיים-משה, דאָרט, ביי דער גרעבליע. אין סאַמע אָנהויב ראַקיטנע שטייט ער,— אַזוי שטעלט ער זיך פאָר—און קוקט, ווי ווייט, ווייט אין דער גאַס, אין איר טיפן הינטערגרונט יאָגן זיך אירע וואָכעדיגע שאַטנס נאָך איר וואָכעדיג געלד. און די שטאָט אַליין איז אויסגעוועבט, אַלט, אויסגעהוילט און טויט. מאַמעס שטאָפּן אייער אין די קינדער און שוויצן צו; אַ טאַטע אַ קרעמער, אַ לוסטרינענער טאַטע, שטייט אויף דער שוועל פון דער גרויסער קלייט און געדיינקט, וויפל פאָר פוישטן לייגן ביי אים אויפן בוידעם צוגעגרייט אויפן ווינטער. ער פרובט אַלע מאָל, צי די לונגען זיינען ביי אים ריין און לייגט איבער די שטיקלאַך וואַטע פון איין אויער אין צווייטן. און מלך האָט אָפּט געקענט אָפּזיצן אַ היפּשע צײַט נעבן אָט

דעם רייכן קרעמער אויף די טרעפּלאַך און פירן מיט אים אַ שמועס,—אַזוי דערציילט יצחק-בער.

— וואָס-זשע מיינט איר, שמייכלט דאָרט איין מאָל צו אים שעמעוודיג מלך,—צוויי יאָר פאַרשיקט זיין קאָן טאַקע אַ מאָל אויך זיין אַ שטיקל ענין. אַ מאָל קאָן מען דערפון האָבן אַ שטיקל נחת-רוח.

נאָר דער קרעמער גלויבט ניט אין אַזאַ מין נחת-רוח.

— עט!—אַזוי זאָגט ער און קראַצט זיך פּאַמעלאַך אין דער באָרד. ער געדיינקט נאָך אַלץ די פיל צוגעגרייטע פיישטן, וואָס ביי אים אויפן בוידעם. ער גענעצט. נאָר מלך הערט ניט אויף צו שמייכלען..

— פונדעסטוועגן,—זאָגט ער שטילינקערהייט,—פונדעסטוועגן מוז מען מודה זיין, אַז ביי איינגע מענשן איז ניט דער גאַנצער עיקר—פרנסה.

נאָר עזריאל פויזנער וויל ניט מודה זיין.

— עט!—זאָגט ער און גענעצט ווידער,—ס'איז חלומות, אינגאַנצן חלומית.

דעמאָלט קומט פלוצים אונטער דער פּאַרוואָלטער פרעגער און כאַפּט גלייך, אין וואָס עס גייט דער שמועס. ער האָט פון תמיד אָן ניט ליב אָט דעם לוסטרינענעם טאָטן. ער טוט עזות'דיג אַ דריק צו די פענסנע צו דער נאָז און זאָגט:

— איז אפשר, זאָגט ער, וועט ר' עזריעל פּייזנער כאָטש אין עפּעס מודה זיין? אפשר וועט ער, לפחות, מודה זיין, אַז עמיצער אויף דער וועלט... אַז עוזר ליובער, למשל, פאַרמאָגט מער געלט פון אים?

אין דעם איז פרעגער זיציג. ער איז זיכער: ער האָט ער אים געפּאַקט, אָט דעם קרעמער-אין עפּעס וועט ער אים פאָרט מוזן מודה זיין. ער קוקט, ווי דער קרעמער לייגט באַנייס איבער די שטיקלאַך וואַטע פון איין אויער אין צווייטן און קנייטשט מיט די אַקסלען. אין עפּעס וועט ער פאָרט מוזן מודה זיין. נאָר עזריאל פּייזנער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און בלייבט ווידער קאַלט, אינגאַנצן קאַלט.

— עט!—זאָגט ער,—ביי עוזר ליובער האָט קיינער ניט געציילט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איז אָט...

חייב-משה האָט זיך פלוצים דערמאָנט אָן מלכס פנים:

— איז וואָס-זשע בין איך מיט דעם אויסן, מלך?

— אַז גאָרנישט, חייב-משה,—אַז אַ קרעמער האָט ליב צו ציילן.

— און דו שמייכלסט אַלץ, מלך?

— יאָ, חייב-משה, ווייל איך די... איך די האַלטסט אין איין ציילן. און ניט ווי אַ קרעמער ציילסטו, נאָר ווי אַ טייוול.

— ווי אַ טייוול?!..

אַך יאָ. מאָדנע, ווי קלאָר דער שעמעוודיגער מלך זעהט עס איצט אַלץ פון דאָרט, פון יענער וועלט... וואָס ארט, אייגנטליך, דעם טייוול, אויב גאָט און אויב נאַרן זיך איינער אָנ'ם צווייטן? דער עיקר איז, וואָס גאָט האָט אויבן געבענשט... שמחה — ביי אים אין הויז; אַלע וואָך קומען זיך צונויף די קינדער, און דער טייוול גייט ארום און ארום דעם הויז, וואו ס'קומט פאָר די שמחה, און ציילט און ציילט—אַ פרעמדוועלטיגער גייכט אָהן ליידנשאַפטן, אָהן אייגענעם באַגער ציילט פרעמדע אומגליקן און פרעמדע גליקן.

— אָבער אַ טעות, מלך, אַ גראָבער טעות.

ער, הייב-משה, איז נאָך צופּיל געבונדן מיטן הויז, וואו ס'קומט פאָר די שמחה, און טראָגט אויף זיך אחריות—דעם שכומען פּראָטעקט... ער וויל מער ניט זיין דאָ אין ראַקיטנע, קערט ער זיך אום צוריק אַהין אין דער גרויסער שטאָט. ער שטייט דאָרט אויף אין איינעם אַ זומערדיגן פריה-מאָרגן, באַגלייך מיט אַלע גרויס-שטעטיגע לייט שטייט ער דאָרט אויף, און לאָזט זיך אַוועק אין גאַס. ער האָט ליב די גאַס אין איר פריה-מאָרגן; ער האָט ליב די זון, וואָס באַקט דעם שטיין, און דעם קילן שאָטן, וואָס אין דער זייט. פאַרשיידענע גליקליכע און אומגליקליכע מענשן איילן אין פאַרשיידענע זייטן, און אויך ער, הייב-משה, איילט מיט זיי, ער איז איינער פון זיי. אין מיטן בריק איז געפאַלן אַ פערד און גוסס'ט, און מענשן דערשיסן עס דאָ אויפן אָרט,--מענשן זיינען גרויסשטעטיגע און באַשעפטיגט; זיי האָבן קיין צייט ניט צו וואַרטן, ביז דאָס פערד וועט אליין אויסגיין, און דערשיסן עס מיט זיכערקייט, אַז זיי טוען רעכט... נעכטיגע טעג, זיי קוקן זיך ניט אום צו אים, הייב-משה'ן, זיי פרעגן ביי אים ניט, צי ער גיט דערויף זיין הסכמה...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אויפן טראָטואַר, מלך, גייט ארום אַן אַלטער קבצן, אַ בלינדער, און טאַפּט מיטן שטעקן דעם שטיין.

— כ'בין אַלט נײַנציג יאָר, חזרט דער אַלטער — איך בין אַלט נײַנציג יאָר, גיט מיר אַ נדבה.

און ארום ווימלט די גאַס, מענשן גייען אָפּ און אויף, און אויך ער, הייב-משה, גייט מיט זיי — ער איז איינער פון זיי. איינע אַ פרוי, זעהט ער, האָט זיך אָפּגעשטעלט קויפן ברויט; זי דינגט זיך פאַרן ברויט; זי צעצאַלט זיך. נאָר, אַז זי קוקט זיך אום, דערזעהט זי, אַז נעבן איר איז ניט געבליבן איר קליין פיר-יאָריג קינד. די שרעק פון גאָר דער וועלט איז ביי איר אויפן פּנים.

— אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן,—פלעסקעט זי אויס מיט די הענט, — ניטאָ מיין קינד!

אַ ביסל ווייטער שטייט מען אַרום אַ האַלב-נאַקעטער פרוי. זי האָט אַ צעריסן לייב —אַ משוגע'נע, אַ פּניב; זי רייכט זיך פאַר די פונאַנדערגעלאָזטע האָר און קלאַפּט מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ; זי דערציילט וועגן אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן:

— אַלע יאָרן, דערציילט זי, — האָט זי ביי זיך אין דער היים געוואַרט אויף גאָט; זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט קומען — נאַרישקייטן, ער האָט געמוזט קומען. און היינט אין דער פריה איז ער צו איר געקומען און האָט זי ניט געטראָפן אין דער היים—זי איז אויף אַ רגע'לע אַוועקגעגאַן פון דער היים.

און אויפן טראָטואַר, מלך, אין דער זייט גייט נאָך אַלץ אַרום דער אַלטער קבצן דער בלינדער און טאַפּט מיטן שטעקן דעם שטיין. ער הערט נישט גאָרנישט און זעהט נישט גאָרנישט, מלך; ער געדיינקט נאָר זיך און זיינע נײַנציג יאָר און די נדבה, וואָס אים קומט פאַר זיי:

— כ'בין אַלט נײַנציג יאָר, חזרט דער אַלטער,—איך בין אַלט נײַנציג יאָר—גיט מיר אַ נדבה.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— וואָס-זשע איז דערפון געדרונגען, מלך?

— אַז גאָרנישט, הייב-משה,—אַז דעם אַלטן מוז מען מאַכן זעהענדיג.

— אָבער ער איז אַלט נײַנציג יאָר, מלך — ער איז אויסגעהאָדעוועט אויף נדבות...

— און וואָס קלערסטו טון?

— כ'האָב אַ מיטל מלך, אַ זיכער מיטל... וואַרט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

וואוהין זשע איז דאָס פּלוצים מגולגל געוואָרן, ער, חײב-משה?- אין אַ פרעמדער שטאָט איז ער מגולגל געוואָרן. ער קאָן ניט די גאַס. ער קאָן ניט די הײזער. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פרעמדער פאַראַרנע טיר, ער האָט אָנגעקלונגען און זיך געשטעלט וואַרטן. קײנער האָט אים ניט געעפנט. ער האָט אַלײן אַ שלעפּ געטאָן די טיר — זי איז אָפן. ער איז אַרײַנגעקומען אין פעדער-צימער און האָט דערזעהן הײנגען אַ פּאָר רעק. „גוט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — רמזים אויף מענטשן". נאָר די מענטשן אַלײן זײַנען נישטאָ. ער וואַרט אַ ביסל און קומט אַרײַן אין עס-צימער. נאָר אויך דאָרט איז קײנער נישטאָ. אָפּגעטרונקענע גלעזער טײ איבער טיש, און אַ סאַמאָוואַר אין דער זײַט; דו טוסט אים אַ טאַפּ — ער איז נאָך וואַרים; אַן אָפּגעגעסענער בוך ליגט איבער טיש. עמיצער האָט, אַ פּנים, אין אים נאָר וואָס געלײענט. נאָר וואָס געוואַכט מיט די אויגן צווישן די שורות. טירן זײַנען אָפן דורכאויס אין די אַרומיגע צימערן, נאָר אויך דאָרט איז קײנער נישטאָ. ער רופט, נאָר קײנער ענטפערט ניט. ער וויל אַוועקגײן, נאָר ער קען ניט — ער האָט מורא, טאָמער... טאָמער קומט אַרײַן דער גנב...

— איז אָט, מלך, וואָס-זשע דאַרף איך, נאָך דײַן מײנונג, טון?

— היטן, חײב-משה — היטן, ביז וואַנען ס'וועט קומען דער בעל-הבית.

— נו, און דו מלך? וואַרט... ווי אַזוי ביסטו אַוועק?

אך יאָ, מאָדנע: ווי אַלע דאָ אין ראַקיטנע מײַדן אויס דעם שמועס וועגן מלכס אַוועקגײן, וועגן מלכס טויט. בײ יעדערן איז פאַראַן אַ חשד, אַז מלך איז געשטאָרבן ניט פון זײַן האַרץ-פעלער אַלײן, נאָר קײנער וויל דאָ וועגן דעם ניט רעדן. חנקע ליובער ווערט בלאַס איטליכס מאָל, וואָס ער, חײב-משה, פּרובט פאַרפירן מיט איר וועגן דעם אַ שמועס, און יצחק-בער דער לאַנגער לאָזט אַראָפּ די ברעמען, קנײטשט מיט די אַקסלען און שווערט זיך, אַז ער ווײסט ניט: זאָל אים שוין אַזוי ווײסן בײ.

— וואָס זאָל איך דיר דערויף זאָגן, — פרעגט ער, — איך ווײס? ער האָט אודאי געהאַט בײ זיך אין אַפּטײק-מאַגאַזין אַלע גוטע זיבן זאַכן...

נאָר אָט האָט מען אויך נאָך אים, חײב-משה'ן, דאָ אין ראַקיטנע אָנגעהײבן נאָכשפּירן — דער השד איז געוואָרן ברײטער... נעכטן בײטאָג גײט ער אײנער אַלײן איבער דער גאַס. די גאַס איז פּוסט, און אַקעגן גײען דרײַ דאַמען. אַלע דרײַ קוקן אויף אים פון דערווײטנס; אַלע דרײַ מאַכן אַזעלכע אָנשטעלן, גלײַך זײ קאָנען בײ זיך בשום אופן ניט באַשליסן, צי זאָלן זײ אים אָפּשטעלן, צי נײן. אײנע פון זײ — די מיטלסטע, די געפּאַקטע — איז די מאַדאַם בראַמבערג. זי טראָגט פּענסנע און קוקט דורך איר האָפערדיג, ווײַל זי האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען — אַלע דאָ אין שטאָט כּוען איר גאָך. אַלע ווײסן, אַז זי איז אַ מוסטער פאַר דער שטאָט. זי האָט אַזאַ צונײפגעשנורעוועט פּיסקעלע, גלײַך זי האָט נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט אַ חכמה און וואַרט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זי קומען אויסקישן. די צווײטע דאַמע איז אַן אומבאַקאַנטע, אַ נידעריגע, אַ שוואַרצע מיט אַ נײגעריג אײנגעפאַלן נעזל, און די דריטע — די ײנגסטע, איז אויסגעצויגן לאַנג און דאַר, ווי נאָך אַ טיפוס — דאָס איז די פרײַע צוהערערין אסתר פּיך, וואָס איז צוריק מיט עטליכע טעג אַראָפּגעקומען אַהער אויף די זומערדיגע וואַקאַציעס. זי איז מיד, פון אַ סך לערנען אין דער גרויסער

שטאָט. זי איז אָנגעטאָן אין אַ לײַוונט-ווײַסן אַנצוג מיט לאַנגע שלעכט-געפּרעסטע פראַ־וועס; זי האַלט איינגעבויגן דעם קאָפּ און שמעקט פונם קליינעם געלן בלימל, וואָס זי האַלט אין האַנט, זי שמעקט פונם בלימל אַזוי נאָהענט, אַז אויפן שפּיץ-נאָז בלײַבט ביי איר אַ געלער פלעק. איר קליין אויסגעמאַטערט פּנימל איז פאַרצייגן מיט אַ געפּודערט אָפּגע־ברענט הײַטל, נאָר די קליינע אייגעלאַך גלאַנצן מיט אַ הונגעריג פייערל, און אין איר איינגאַנצן צאַפּלט נאָך איינס אַ מאָדנע לעבעדיג אָדערל און לאָזט זי ניט רוהען—דאָס אַרבעט זי מער פון אַלע, מען זאָל אים, חיים-משה'ן, אָפּשטעלן. די דאַמען לאָזן אים דורך גאָר נאָהענט נעבן זיך און קוקן אויף אים, נאָר אַז ער גייט אָפּ עטליכע טריט, רופן זיי אים דאָך צוריק—ס'טרעט אַרויס מיט אַ קליין שמייכעלע די מאַדאַם בראָמבערג און בעט, ער זאָל קיין פאַראיבל ניט האָבן.

— די זאַך, זאָגט זי,—באַשטייט דערין, וואָס זיי אַלע דרײַ—אָט די, וואָס חיים-משה זעהט דאָ פאַר זיך, האָבן אויך זיך געגומען דעם אָוונט, וואָס דאַרף אין גיכן גע־געבן ווערן לטובת ד״ר תלמיד-תורה. ווילן זיי אים, חיים-משה'ן, בעטן: ערשטנס, פאַרשטייט מען, ער זאָל אויפן אָוונט זײַן, און צווייטנס—צווייטנס ווילן זיי, אַז חיים-משה זאָל זיך באַטייליגן אין דער פּראָגראַם.

— אין דער פּראָגראַם?

חיים-משה זאָגט זיי, אַז צום באַדויערן, האָט ער ניט מיט וואָס צו באַטייליגן זיך. חוץ דעם, וועט ער צום אָוונט געוויס שוין דאָ אין ראַקיטנע ניט זײַן... ער וועט שוין געוויס האָבן אַוועקגעפאָרן.

— נאָר אויב אַזוי, זאָגט די מאַדאַם בראַמבערג און וויל זיך אַנטשולדיגן,—אויב אַזוי פאַלט דאָך אָפּ די גאַנצע זאַך...

נאָר דאָ שלאָגט איר איבער די רייד די פרייע צוהערערין אסתּר פּיק. זי גלויבט ניט, אַז חיים-משה זאָל צו יענער צייט שוין האָבן אַוועקגעפאָרן פון ראַקיטנע. זי שטייט די גאַנ־צע צײַט אין איין שורה מיט דער מאַדאַם בראָמבערג און שמעקט איר געל בלימל. אירע אויגן קוקן אויף חיים-משה'ן אָהן אויפהער פון אונטן אַרויף—מיט אַ שמייכעלע און מיט נײַגעריגקייט קוקן זיי אויף אים און הערן אים ניט אויף צו פאַרשן.

— איר קלערט דען בכלל אַוועקפאָרן פון ראַקיטנע?—פרעגט זי ביי אים.

און אין אַ רגע אַרום—ווידער מיטן זעלבן שמייכל אין די אויגן, מיט אַ רמזל פון אַ קלוגיטשקער, וואָס ווייסט כלומרשט זײַן סוד.

— איר זײַט דען פון אָנהויב אָן ניט געקומען קײַן ראַקיטנע מיט דער דעה, אַז איר זאָלט דאַ פאַרבלײַבן?.. אַז איר זאָלט מער קיין מאָל פון דאַנען ניט אַוועקפאָרן?...

— איך? — פרעגט חיים-משה,—פאַר וואָס מיינט איר אַזוי?

זיי לאָזן זיך גיין אַראָפּ מיט דער גאַס. אין איין שורה מיט אים גייט די פרײַע צוהערערין אסתּר פּיק, און די איבעריגע צוויי דאַמען גייען נאָך פון הינטן.

— מלך,—זאָגט אסתּר פּיק,—מלך האָט איך פון אָנהויב געזאָגט, אַז ער פאָרט פון דאַנען אַוועק...

זי זאָגט עס, ווי גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. און חיים-משה באַמערקט, אַז שפּאַנען שפּאַנט זי גיך, גיך, און בשעת גייען קוקט זי אַראָפּ צו דער ערד. דערביי האָט זי אַ טבע איינצובויגן זיך אין צווײַען, ווי אַ דינע זאַנג. ער געזעגנט זיך און קערט זיך אום אין וואַלד אַרײַן. ער שטרייכגט זיך אָן און וויל זיך דערמאַנען, צי ער האָט זיך ניט ווען עס איז פאַר עמיצן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן דעם אַלעמען, אויף וואָס די פרײַע צוהערערין אסתּר פּיק האָט געוואָרפן אַ רמז—ניין. אַלץ, וואָס ער האָט ווען ס'איז וועגן דעם

געטראַכט, איז געווען פאַרנעפּלט, פאַרנעפּלט אַפילו פאַר אים, חייב-משה'ן אַליין. די פרייַע צוהערערין אסתּר פיך האָט געהערט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריַין. נאָר אייב, אַזוי וועט ער, חיים-משה. שוין מוזן זייַן אייגן אָוונט לטובת דער תּלמוד-תּורה. אסתּר פיך וועט דאַרט אויך זיין, און דעסלער און ח״ה פיונגער... און איך ער, חיים-משה—ער וועט דאַרט מוזן זיין.

## XIII.

אסתּר פיך איז ביז שפּעט אין אָוונט זיך פאַרזעסן ביי חנקע ליובער אין דער הייב. אַרייַנגעקומען אויף אַ רגע, אויף איבערצורעדן מכּח די טפּרווענסן און טישטובער, וואָס חנקע האָט צו געבן איפן אָוונט אין תּלמוד-תּורה, און פאַרזעסן זיך מיט גלייַכגילטיגקייַט צו היים, צו שלאָף, צו אייגענעם פאַנפּצוודיג-דינעם קוליכל. איר אויסועת, איז געווען אַ טרויע-מעריש-לאַנגווייַליגער, האַלב-אויפגערעגטער, האַלב-דרימלענדיגער. איר איינציגער ווייַסער אַנצוג, וואָס מיט די לאַנגע שלעכט-געפּרעסטע פּראַסטעס, האָט אויסגעזען פאַרייתומט, ווי זי, די פרייַע צוהערערין אסתּר פיך אַליין. זי האָט שוין ניט געהאַט קיינעם דאָ אין שטאָט, אַחוץ אַן עלטערן ברודער, אַ האָלץ-הענדלער. איר פאָטער און מוטער זייַנען שוין לאַנג געשטאָרבן, און קיינער האָט ניט געוואוסט, צי מיט איר שוועגערין לעבט זי בשלום, צי ניין. זי האָט גערעדט מכּח דעם, וואָס ראַקיטנע פאַנקט:

— ניט מע שטאַרבט, ניט מע לעבט אין ראַקיטנע, נאָר מע גוססט.

חנקע האָט זיך צוליב איר אויף גיך באַפרייַט פון דער קיכנס השבּוֹנוֹת. זי האָט געלייגט מאָטיקן שלאָפן און האָט זיך אויף די שפּיץ-פינגער אומגעקערט פון זייַן פינצטער חדר צוריק אין גרויסן עס-צימער. פרוס גרויסן ברענענדיגן הייַנג-לאָמפּ האָבן די הוליכע ווענט גענומען אויסזעהן בייַנאַכטיג און שטאַרק שיַנעם, און די פרייַע צוהערערין איז דאָ נאָך אַלץ געזעסן און נאָך אַלץ גערעדט. ווער איז זי אַזעלכס געווען, אַט די פרייַע צוהערערין? זי האָט דאָ אין שטאָט ניט געהאַט איר גלייַכן. מעגליך, אַז אַ פרייַע צוהערערין איז זי געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס אַלע דאָ אין ראַקיטנע זייַנען געווען קורסיסטינס. איצט האָט זי, נאָך פינף יאָר לערנען, זיך אומגעקערט אַהער כמעט אַ געענדיגטע, כמעט אַ יוריסט. זי קוקט דאָ אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ, און איר איינציגער נאָהנטער פרייַנט איז דאָ דער דאָקטאָר גראַבּיי — זי האָט גערעדט מכּח דעם, וואָס פון זומער צו זומער קומט זי אַהער אַראָפּ אויף וואַקאַציע-צייט און טרעפט דאָ אַלץ מער לאַנגווייַליגקייט, מער פּוסטקייט.

— און אָט איז שוין געשטאָרבן מלך אליך—אויף זיין אַפּטייק-מאַגאַזין הייַנגט אַ שלעסל...

איַרע אויגן האָבן זיך געשמאָלט אין צוויי קליינע שלעפעריגע שפּאַלטיקלאַך. דער קליינער מאָגערער קערפּער איר גראַמען ווייַזן אַנציג האָט זיך געשפּאַרט איפן גלייַכן זאַנטיק, און דאס מויל האָט גערעדט און גערעדט, אַזוי אַ, קוקנדיג אויף דעם, האָט זיך געדאַכט, אַז רעדן רעדט עס פון זיך אַליין, אָט דאָס מויל; ס'איינגעס נים אָפּ ניט פונם מח און ניט פונם גאַנצן שלעפעריגן קערפּער; ס'איז אַ באַשעפעניש אַליין פאַר זיך אין סאַ רעדט. איז אָט: אָקאָרשט נעכטן בייַנאַכט איז די פרייַע צוהערערין אינאיינעם מיט חייב-משה'ן אַרייַנגעקומען אין מלכ'ס אויסגעצאָקסענעם אַפּטייק-מאַגאַזין; זי האָט דאָרט דערזען אין בוידעם קלענערן צימער דאָס אָפענע בוידעלע אַפּטייק-בידעלע, וואָס ליגט איפן פּאַרשטייבטן טישל, און האָט מיט אַמאָל פאַרשטאַנען, אַז אַלע דאָ אין ראַקיטנע זייַנען פּערד— פּשוטע פּערד:

— מלך איז דאָ געגאַנגען צום טויט מיט קליינע וואַרע טריט, און קיינער האָט עס גישט באַמערקט—אַזוי האָט זי, די פרייַע צוהערערין, דאָרט געזאָגט צו חיים-משה,—דער סם, וואָס מלך האָט אויסגעקליבן, איז געווען אַ גרינגער, אַ גאַנץ געוויינליכער, און

אײַנגענומען האָט ער אים אין משך פון אַ וואָך צײַט אַלע טאָג צו ביסעלאַך — טאָר אַ גרויל! אײַנגענומען סם אין משך פון אַ וואָך צײַט אַלע טאָג צו ביסעלאַך...

— געשיקט זיך?! - האָט זיך געוואונדערט חייב-משה,—איר מיינט עס באמת?

— וואָס-זשע דען?- האָט אים דערויף געענטפערט זי, די פרײַע צוהערערין, — איך טרײַב מיט אײַך קאַטאָוועס?

אליין דער דאָקטאָר, דער דאָקטאָר גראַבּיי, איז אָקאָרשט איצט איר, דער פרייער צוהערערין, מודה:

— ער היבט זיך אָן דערמאָנען, זאָגט ער — בעת מ'האָט מלכ'ן באַלד נאָכן טויט אָפּגעהויבן פונם בעט, האָט ער דערזעהן אונטערן קישן אַ קליין קיילאַכיג אַפּטייק-פּורעלע, אַ ליידיגס און אָפֿנס, און נעבן דעם האָט זיך געוואַלגערט דאָס קליינע דעקעלע. דאָס פּודעלע איז אינעווייניג געווען געל, ווי פון יאָדאָפאָרם, אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר, — נאָר אים איז דעמאָלט גאָרנישט ניט אײַנגעפאַלן.

די גאַנצע צייט, וואָס מלך איז געלעגן צו בעט מיטן פאכיר איין אויפן האַרצן, פלעגט ער, דער דאָקטאָר, צו אים אַלע בײַטאָג אַרײַנקומען און פאַרברייגען מיט אים אַ שעה אָנדערטהאַלבן אָדער צוויי. פאַרן אַוועקגיין האָט ער אַלע מאָל געבעטן מלכן זיך אויפזעצן און האָט בײַ אים אויסגעהערט דאָס האַרץ.

— נעכטיגע טעג,—האָט ער דעמאָלט צו מלכן געזאָגט,—ס'איז גאָרנישט; דאָס האַרץ וועט מוזן אויסהאַלטן.

— יאָ, געוויס,—האָט דערויף מלך געשמייכלט, — מן הסתם, וועט דאָס האַרץ מוזן אויסהאַלטן.

און דאָס איז געווען דאַן, ווען דעם סם האָט ער אײַנגענומען מיט אַ רגע פריהער, אָדער מיט אַ רגע שפּעטער נאָכן דאָקטאָרס אַוועקגיין—ער האָט געצירט אַלעמען פאַר דער נאָז, מלך...

וואו זשע זײַנען דעמאָלט געווען מלכס גוטע פריינט?

די פרייע צוהערערין שפּעט אָפּ פון אַלע גוטע פרײַנט מלכס. אַז זי לאַכט, הערט זיך, ווי גיפטיג ס'קלינגט איר דין פאַנפּעוודיג קולכל. אין איר'ע אייגעלאַך צינדט זיך אָן אַ פייערל.

— עטל קאַדיס,—זאָגט זי,—האָט, דאַכט זיך, געהאַט, פאַר וואָס צו זײַן מלכן געטרײַ, פונדעסטוועגן האָט זי אים אפילו איין מאָל דעם קישן ניט איבערגעשלאָגן און האָט ניט געוואוסט, וואָס בײַ אים צו קאָפּנס טוט זיך — ס'איז אן אקט...

— און חוה פּיינער האָט זיך פאַרקריגט מיט מלכן פונקט ערב זײַן קריינק. „זי האָט ניט פאַרגונען”, אַזוי זאָגט מען אין ראַקיכנע... זי האָט ניט געוואָלט הערן, ווי מע שמועסט צימערינג בײַ עטל קאַדיס אין דער היים און ווי מע גרייט זיך דאָרט צו דער חתונה, איז זי אוועקגעפאָרן אין קרייזשטאָט, זיך זעהן מיט דעסלעדן. נו, מילא... אָבער פאַרוואָס האָט זי זיך נאָכדעם אומגעקערט און האָט אים אָנגעצונדן דאָס לעמפּל אויפן צווייטן טאָג נאָך זײַן טויט?

בכלל מוז די פרײַע צוהערערין מודה זײַן, אַז זי פאַרשטייט ניט אַ סך זאַכן. אָט איז, למשל, איצט אַהער אַרײַנגעקומען אָט דער חבר מלכס, חיים-משה, און דרייט זיך דאָ ארום. ער גייט דאָ, זאָגט מען, אַרײַן אין די זעלבע הייזער, וואו ס'פלעגט אַרײַנגיין מלך; ער באַגעגנט זיך מיט די זעלבע מענטשן... הכלל קאָן איר ניט קלאָר מאַכן:

— וואָס טוט ער דאָ?

ביי אסתר פיך איז, הייסט עס, געווען אַ חשד, אַז חיים-משהן געפעלט דאָ שוין צופיל אַלץ, וואָס מלך האָט דאָ געטאָן... חנקען איז צוויי מאָל איבערגעגאַנגען אַ גרויל איבערן לייב, נאָר זי האָט געשוויגן. צום אָנהויב איז איר געווען איינגענעמען, — זי איז געווען די יינגסטע פון אַלע מיידלאַך דאָ אין שטאָט — קיין מאָל האָט זי נאָך ניט גערעדט מיט איר אזוי ערנסט, ווי איצט, די פרייע צוהערערין אסתר פיך. דערנאָך האָט חנקע ביסלאַכווייז טיף אין זיך אָנגעהויבן וועלן, אַז די פרייע צוהערערין זאָל אוועקגיין—וואָס מער זי איז געזעסן, אַלץ מער האָט זי געוואָלט זי זאָל אוועקגיין. זי האָט אַליין פאַרשלאָסן נאָך אסתר פיך די פאַרשאַר-טיר און האָט זיך נאָכדעם אויסגעטאָן ביי זיך אין צימער מיט אַן אומצופרידן געפיל בנוגע צו זיך אַליין, צו דער פרייער צוהערערינס שפעטן זיצן און צו אַלץ, וואָס זי האָט דאָ גערעדט — וואָס האָט זי אייגנטליך געוואָלט, אָט די פרייע צוהערערין אסתר פיך? זי איז שוין געווען ניט קיין יונגע, להלוסין ניט קיין יונגע — זי איז געווען עלטער פון אַלע מיידלאַך דאָ אין שטאָט. דער איינציגער פאַסיגער מענטש, מיט וועמען זי האָט זיך דאָ אין ראַקיטנע געקאָנט צונויפגיין, איז געווען דער העברעישער אנשל צודיק—אָט דער, וואָס איז שוין איין מאָל געווען אין פאַלעסטינע און וואָס מע האָט שוין געדרוקט אייניגע זיינע העברעאישע מאמרים. די גאַנצע שטאָט האָט געוואָלט, ס'זאָל זיין אַ שידוך. נאָר מיט אנשיל צודיק האָט זי זיך דאָ אין ראַקיטנע אָן שטענדיג אָן געקריגט. תמיד, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי געטוועט מיט עפעס באַליידיגן איינער דעם אַנדערן, אַריינגעמען אין כעס און זידלען אַזוי שטאַרק איינער דעם צווייטן, אַז זייטיגע מענטשן זאָלן זיי דאַרפן פונאַנדערנעמען.

---

אין אַ פּאָר נעכט אַרום האָט זיך חנקען געחלומט, אַז אַהער קיין ראַקיטנע איז ווידער אַמאָל אַראָפּגעקומען מלכס שוועסטער, די פרעמדשטעלדיגע פּראָוויזאָרין, אַז עטל קאַדיש האָט זיך כלומרשט אייך אַהער אומגעקערט, און אַז אַלע דריי — מלכס שוועסטער, עטל קאַדיש און זי, חנקע — גייען זיי נאָך נאָך אַ גרויסער לויה. זיי קלערן ניט וועגן דער לויה און ווייסן ניט, וועמענס זי איז. אין אין דרויסן איז מאָדנע — ס'איז פאַרנאַכט; אַז זיי קומען אויפן בית-עולם, זעהען זיי, ווי מע נעמט גראָבן אַ גרוב אין עק בית-עולם, נעבן קאַרשן בוים — אין איין שורה מיט מלכס קבר נעמט מען גראָבן דעם גרוב — מע איז מקבר דעם זשורנאַליסט, וואָס וואוינט אין קרים מיט דער אַנטלאָפענער דאָקטאָרשע גראַבבאַי, נאָר אַז מע לאָזט אים אַראָפּ אין גרוב און מע דעקט אויף זיין פּנים, זעהט מען, אַז ס'איז ניט ער — ס'איז חיים-משה'ס פּנים...

חנקע האָט זיך פּלוצים, אין מיטן חלום, אויפגעזעצט אויפן בעט און האָט מעכאַניש, מיט פאַרשלאָפענע פינגער און פאַרשלאָפענע גלידער, גענומען איבערפלעכטן אויף זיך דעם צאָפּ—תמיד ווען זי איז געווען אומרוהיג, האָט זי מעכאַניש איבערגעפלאָכטן אויף זיך דעם צאָפּ.

חנקע האָט קיין מאָל ניט איבערגערעדט אירע חלומות. זי האָט אין זיי ניט געגלויבט, נאָר מיט די חלומות אַליין איז זי געווען אינעווייניג געבונדן; אַ האַלב יאָר, איידער איר מוטער איז געשטאָרבן, האָט זי זי געזעהן אין חלום אַ טויטע, און מיט אַ חודש פריהער, איידער זייער טראָגענדיגע גלייטע וועשערין האָט געבוירן, האָט זיך איר געחלומט די וועשערין מיט אַ קליין מיידעלע אויף די הענט, אַ קליין מיידעלע מיט בלייע אויגן און מיט ליכטיגע האָר, פּונקט אַזאַ, ווי זי האָט נאָכדעם געזעהן.

חנקע האָט איבערגעלעבט אַ שרעקליך אויפגערעגטן צעדרייטן פריה-מאָרגן און האָט מיט צו פיל מאָמעדיגער בייזקייט אָנגעשריגן אויף מאָטיקן:

— מאָטיק, זיץ איין!

— מאָטיק, לאָז מיך צורוה, איך בעט דיך.

איטליכס מאָל, וואָס פון דער פאָראַד-טיר האָט זיך דערהערט אַ קלונג, האָט זי באַקומען אַ בלאַס פנים און האָט זיך אַהין איינגעהערט מיט אַזאַ פאַרשטאָרבן האַרץ, גלייך דאָס גייט מען איר אָנזאָגן, אַז איר חלום איז מקוים געוואָרן. זי האָט זיך געפילט שטאַרק מיד, און דער קאָפּ האָט איר אַ ביסל וויי געטאָן. דערצו נאָך האָט זיך דער טאָג אַליין אויסגעגעבן זעהר אַ הייסער, אַ נודנע טאָג און אַ מאָדנע לאַנגער. אין אַזאַ טאָג, האָט זיך געדאַכט, קאָן געשעהן אַלץ.

בייטאָג האָט חנקע אָנגעטאָן יום-טוב'דיג זיך און מאָטיקן און האָט גענומען אויף עמיצן וואַרטן. נאָר צו זיי אין הויז איז קיינער ניט געקומען. און אַלץ אַרום האָט נאָך פון ביינאַכט אָן אויסגעזעהן מאָדנע—דער הייסער זומער-טאָג איז דאָך געווען אַ פשוטער, אַ וואָכעדיגער, און ערגיץ וואו נעבן דער קיך האָט מען גאָך אַלץ געהאַקט מיטן שווערן האַק-מעסער, געהאַקט איילנדיג, ווי אום ערב-שבת. חנקע האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז די הייסע זון האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט. פון די הייזער האָבן מיט גרויס פוילקייט גענומען אַראָפּקריכן די קורצע שאָטנס. דעמאָלט האָט חנקע גענומען מיט זיך מאָטיקן און איז אויסגעפוצטערהייט אַוועקגעגאַנגען מיט אים אַראָפּ מיט דער לאַנגער גאַס, צו גאַסט צו דער יונגער מאַדאַם בראָמבערג. פון איר האָט, ווי תמיד, געשמעקט מיט פולן פריש-אויסגעזייפטן פנים און מיט ריח פון נייעם לייקענעם בייטעלע, נאָר איינס אָן אויג האָט ביי איר אונטערגעציטערט, און דער קאָפּ האָט נאָך אַלץ פון ביינאַכט אַ ביסל וויי געטאָן—ס'האָט איר געשאָסן אין אַ שלייף.

נאָר ביי דער מאַדאַם בראָמבערג אין דער היים האָט קיינער ניט דערמאָנט ניט דעם וואַלד, ניט יצחק-בערן, ניט חייב-משהן—הייסט עס, אַז דאָרט איז מיט חיים-משה'ן גאָרנישט ניט געשעהן. ביי דער מאַדאַם בראָמבערג איז, ווי תמיד אין שטאַרק-הייסע זומער-טעג, געווען היימליך קיל און גוט, ווייל די בעל-הבית'טע איז געווען אַ גרויסע בריה און ווייל אויף דריי טרעפלאַך און הינטער אַ שווערער פאָרטיער האָט מען זיך אויפגעהויבן אין קליינעם עס-צימער. געזעסן זיינען דאָרטן די מאַדאַם בראָמבערג, די פּראָוויזאָרין ליפשיץ און די נייע ראַבינערשע מיט, איינגעפאַלענעם נעזל און מיט די אָפענע קלעפּיג-קלוגע טינט-שוואַרצע אייגלאַך, געזעסן כמעט אַלע מיט האַנט-אַרבעט אין שויס, מיט אַן אויסזעהן פון מענשן, וואָס באַהאַלטן זיך דאָ אויס אין דער קיל פון שטאַרק הייסן דרויסן, און גערעדט האָט מען וועגן דעם, וואָס פאַרביי ראַקיטנע דאַרף איינציכן אָנהויבן דורכגיין אַ קוריער-צוג, און וועגן דעם, וואָס אין די גרויסע שטעט האָט מען שוין ווידער אָנגעהויבן טראָגן פשוטע קליידלאַך, גלאַטע אַזעלכע און שמאָלע:

— מע פּלאָנטערט קוים מיט די פיס.

חנקע איז דאָרט אָפּגעזעסן ביז נאָך בייסאָגעדיגן טיי; אָפּגעזעסן מיט שווערקייט, מיט אָנשטענדיגער לאַנגווייליגקייט — דרך ארץ פאַר דער בעל-הבית'טע, וואָס איז געווען איר געשטאָרבענער מוטערס נאָהנטסטע פריינד. און אוועקגעגאַנגען איז זי סוף כל סוף מיט דעם מיט דער זעלבער אומצופרידנהייט, מיט דער זעלבער אויפרעגונג, מיט וועלכע זי איז אַהער געקומען—אַרויסגעגאַנגען אויסגעשפּאַנט מיט מאָטיקן אין דרויסן און ווידער אַמאָל דערזעהן דעם ברענענדיג-הייסן זונען-אויסגאָס—דעם לאַנגען תמוז'דיגן טאָג. ער איז געווען פיינליך און אומענדליך, אָט דער טאָג. זיינע קורצע שאָטנס האָבן זיך קוים גערוקט, קוים געקראָכן אין

די אינעווייניגסטע אומרוהיגקייט—אויך. אויפן טראָטואַר אין שאָטן זיינען אויסגעפּוצט, ווי אום יום טוב, ארומגעגאַנגען ביידע משרתים פון בראָמבערגס סקלאַד פון ערד-מאַשינען, זיך ליידיג-גייעריש געווערטלט און ליידיג-נייגעריש געקאַנגלט, און אין די צוויי קלויסטערס, וואָס אין ביידע עקן שטאָט אונטער די בערג, האָבן שוין ווידער נאָך לאַנגער בייטאָגע-דיגער רוה גענומען קלינגען די גלאָקן; אָפּגעוואַרט איינער דעם צווייטן, אָפּגעוואַרט שפּיצעריש און יונג און ווידער אַמאָל גענומען פאַריאָגן, פאַרקלינגען איינער דעם צווייטן —ס'איז געווען אַ מיטוואָכדיגער גוייִשער חגא-טאָג—אַ חגא-טאָג, וואָס געהייליגט ווערט ער אין די וואָכע רוהיגע דערפער אַרום. און וואָס דאָס שטעטל דאָ נאָגט אים טיילווייז אויס און איז אים האַלב מחיל: ס'האָבן זיך ליידיג-נייגעריש געלאַנגווייליגט אין מאַרק אַ פּאָר פאַרגעסענע גוייִשע פורן, זיך געלאַנגווייליגט מיט ביינקשאַפט צו די אָוועקגעשאָקלטע האַלב-שכורע בעל-הבתים—פויערים: ס'איז געווען פוסט אין שטאָט, און פון ווייט, פון'ם שפּיצדיגן באַרג, וואָס אַקעגן, האָט זיך אַהער אַריינגעבלאָזט דער גרויסער וואַלד מיט זיין אָנהייב געדיכטעניש—אַ שניי-גלייכער בלאָהער וואַלד, וואָס קייַטלט באַרג און הימל און טרייבט איצט אין דער גרויסער היץ מיט בלאָהער פאַרדרייכלטקייט אַרום זיך און אַרום זיינע זיפן, און אַזוי נאָהענט דאָרט איז איצט אַהין; אַזוי נאָהענט און אַזוי ווייט—דאָרט געפינט זיך איצט חייב-משה... פלוצים איז חנקע געוואָרן שטאַרק רויט, קוקנדיג אַהין צו אָט דעם וואַלד: זי האָט מאָמענטיג אָפּגעהאַלטן מאָטיקן, ער זאָל ניט לויפן אויף פריהער, און אַליין איז זי געוואָרן שטאַרק רויט, און די ברוסט האָט זיך אָנגעהויבן הייבן און ווערן פול מיט האַרץ; פול מיט האַרץ—דאָס ערשטע מאָל איז איר איצט אַריינגעקומען אַ גע-דאַנק, נעמען מאָטיקן און אַריינגיין מיט אים אַהין אויפן באַרג צו חייב-משה'ן; דאָס ערשטע מאָל האָט אַהין צו אים אַזאַ שטאַרקן ציה געטאָן, און זי איז געוואָרן רויט, שטאַרק רויט—אייגנטליך, איז ער איר געווען אַ פרעמדער, אָט דער חייב-משה. כך הכל אַ מאָל דריי איז ער געווען ביי זיי אין הויז און מער איז ער שוין ניט געקומען—ער האָט אויפגעהערט צו גיין. חנקע האָט אָפּגעהאַלטן מאָטיקן מיט כעס אין קול:

— מאָטיק, לויף ניט, איך בעט דיך.

און שווער איז געווען צו וויסן, אויף וועמען איז זי אויפגעטראָגן; אויף זיך פאַרן געפיל, וואָס ציהט אַהין אין וואַלד, צי אויף מאָטיקן, וואָס פאַרלויפט אויף פריהער און פלאָנטערט זיך יעדערן פאַר די פיס.

---

אין עק מאַרק אין אלכסון האָט חנקע דערזעהן די יצחק בעריכע. זי איז געזעסן איינע אַליין אויף דער זון אויף אַ ווייַס-געפאַרבטער בריהענדיגער באַנק, וואָס אַקעגן אַ קלייט פון געצעס.

חנקע האָט זיך נעבן איר אָפּגעשטעלט:

— פרעג איך אייַך: אין אַזאַ היץ!...

די קריינקלין-געלע יצחק-בעריכע איז געזעסן אויפן ביינקל אויסגעפּוצט ווי אום שבת-בייַטאָג; זי האָט פון גרויס היץ צעבונדן אויף זיך דאָס זיידענע קאָפּ-טיכל און האָט געפאָכט מיט ביידע עקן אויפן שוויציגן פּנים.

— אוי, איז היץ, — האָט זי זיך געקלאָגט מיט אַ מינע פון פאַר חלשות, — מע קאָן אויסגיין... און חנקע, — חנקע איז נאָך אַ קינד, איינגאַנצן אַ קינד, אויב זי פרעגט, נאָך וואָס יצחק-בער דערלאָזט, זי זאָל זיך קראַנקערהייט אין אַזאַ היץ עלעפן אין שטאָט אַרייַן.

די זאַך באַשטייט דערין, וואָס יצחק-בער האָט זיך פון פרומקייט אָפּגעשאָקלט:

— שוין איינגאַנצן אָפּגעשאָקלט — טעג אין וואָכן — אין שטיבל דאָרט, צווישן די פּילשטיקעס, און אין גאָט גלויבט ער ניט... ווייס איך, וואָס... ער גלויבט ניט.

נאָך יענע וואָך האָט ער געהאַט יאָרצײַט, יצחק-בער, אין פאַרגעסן, גאָרניט גע-גאַנגען אין שטאָט אַרײַן; זיך ניט אָפּגעוואַשן אפילו.

— איז נו, מילא. יצחק-בער? — ווי ער וויל זיך, נאָר זי, די יצחק-בעריכע — זי האָט מורא פאַר גאָט; זי איז קראַנק... האָט זי איבער אָט דאָס גענומען מיט זיך, אַ פונט ליכט, און איז געקומען אין שטאָט אַרײַן. ליכט פון אַ יאָרצײַט זיינען אסור ווי אַ חרם. אָט דאָס זיצט זי דאָ אויפן בייגקל ניט ווײַט פון דער שול און וואַרט: די שול איז נאָך פאַרשלאָסן. ס'וועט קומען דער שמש, וועט זי אים די ליכט אָפּגעבן. און יצחק-בער? יצחק-בער ווייסט דערפון אפילו ניט — יצחק-בער איז נאָך גאַנץ פריה אַוועקגעפאָרן ערגיץ מיטן וואַלד-פערד-און וועגל.

חנקע איז רויט געוואָרן.

— און חיים-משה?

זי האָט זיך פאַרלוירן. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט האָט זי גע-פרעגט אויף חיים-משהן. — זי האָט ניט געוואוסט, וואָס וועט וועגן איר מיינען די יצחק-בעריכע. נאָר די יצחק-בעריכע האָט גאָרנישט געמיינט.

— ווער? אָט דער רוח?—האָט זי זיך געוואונדערט.

זי האָט אָנגערופן חיים-משהן „רוח", ווייל קיין מענש אין דער וועלט איז ניט אין שטאַנד צו לעבן אַזוי, ווי ער לעבט. זי אַליין האָט באַלד נאָך פסח געהייסן יצחק-בערן אָנ-שרייבן חיים-משהן, ער זאָל קומען. זי האָט געמיינט: ער וועט דאָ ארויפנעמען אויף זיך אַ ביסל לייב. נו, איז דאָך עס אָבער אַ רוח, ניט קיין מענש — א ניט עסט ער? צי ער טרינקט? א ניט שלאָפט ער?... ער איז צעיאָגט — ער טומלט, און געגנוג.

— אַנומלטן איז געקומען צו פאָרן אין וואַלד אַרײַן יצחק-בערס שוועסטער מיט איר מיידעלע. שוין ניט קיין יונגע — אָט דאָס מיידעלע אירס — אַ יאָר אַכטצעהן אַ־ראַי, רעדן רעדט עס שעפּעליאַווע און אַליין איז עס געבליבן ביים קינדערשן שכל — זיצט גאַנצע טעג אין דרויסן בײַ דער שטוב אויף דער ערד און שפּילט אין טשעריק. ציילט און ציילט און שפּילט נאָך אַ מאָל און ציילט נאָך אַ מאָל. האָט ער געקענט אַזוי אָפּזיצן אַקעגן איר גאַנצע שעהן, חיים-משה, און קוקן, ווי זי שפּילט.

— איז וויפיל האָסטו שוין געמאַכט? — פרעגט ער אַזוי ביים מיידעלע.

— שוין טוידנט, — ענטפערט דאָס מיידעלע, — אַ תך, אַ תך מאָל טוידנט.

— און איצט, וואָס וועסטו טון?

— איך וועל מאַכן נאָך טוידנט.

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער און קוקט איר אין פנים אַרײַן, — מאַך נאָך אַ מאָל טויזנט.

ער גייט אַוועק צו זיך און פאַרשפאַרט זיך. ער טוט דאָרט, אַפּנים, עפּעס. ווער ווייס אים? תמיד שמייכלט ער, אַז מע פרעגט אים, וואָס ער טוט, שמייכלט ער אין ענט-פערט ניט, און אונטער די אויגן איז אים שוין בלאָה, ער איז היט און ביין. בײַנאַכט רעדט מען שעהן לאַנג ביי אים אין צימער. זי, די יצחק-בעריכע, כאַפּט זיך איך אין מיטן דער נאַכט און הערט, ווי מע רעדט דאָרט.

— חייב-משה,—קלאַפּט זי אים טיף-בל-סוף אָן אין וועגטל, — ווער רעדט עס דאָרט בײַ דיר, חיים-משה?

— ס'איז גאָרניט, — שרייט ער צו איר פון יענער זײַט וועגטל און איז פריילין.

ער האַכט.

— ס'איז שדים, — שרייט ער צו איר, — שדים טאַנצן ארום מיר בײַ מיר אין צימער.

— זי, די יצחק-בעריכע, מוז זיך פֿאַר הנקען מודה זײַן: זי איז שוין ניט צופֿרידן, וואָס ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, הייב-מ״ה. זי האָט מורא פֿאַר אַזעלכע ווערטער. ווען חיים-משה זאָל זיך איצט ווענדן בײַ עמעצן ערגיץ אַנדערש, וואָלט זי אים געזאָגט אַ גרויסן דאַנק .. נאָר פֿאַרוואָס איז הנקע אַזוי בלאַס?... וואָס איילט זי אַזוי, הנקע? זי גייט שוין אַהיים? און דער שמש פֿון דער שול איז נאָך אַליין נישטאָ. זעהט נאָר, איך בעט אײַך: די זון איז שוין נאָר אַרײַן דאָך, און די שול איז נאָך אַליין געשלאָסן. ווען קומט שוין אַ מאָל דער שמש? נאָר הנקע גייט שוין טאַקע? אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג.

---

הנקע איז געווען ניט אַזוי דערשראָקן, ווי בלאַס. פֿאַרוואָס האָט זי פּלוצים דערפֿילט אין חיים-משהן אַזאַ אייגענעם, אַזאַ נאָהענטן, נאָהענטן, גלײַך ער וואָלט געווען אירער אַן עלטערער געראָטענער ברודער. נאָך אַ סך, אַ סך אַ נאָהענטערער ווי איר אייגענער עלטערער ברודער — ער איז אַ סך, אַ סך יאָרן ניט געווען אין דער היים, ער האַלט ניט פֿון דער היים, און איצט איז ער אַראָפּגעקומען. נאָר פֿאַרוואָס האָט זיך געטראָפֿן, אַז פֿאַרפֿאָרן איז ער ניט גלײַך צו זיך — צו זיי אין הויז, נאָר אין וואַלד אַרײַן, צו דער יצחק-בעריכע, וואָס וואָלט געווען צופֿרידן, ווען ער קלײַבט זיך פֿון איר אַרויס? פֿאַרוואָס זאָל זיך דאָ אין ראָקיטנע ניט געפֿינען עמיצער, וואָס זאָל אים דאָס זאָגן? זי האָט אין זײַטיגן הינטערגעסל דערזעהן פֿון ווייטנס דעם דאָקטאָר גראַבײ און האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט: — אפֿשר וואָלט עס אים געזאָגט דער דאָקטאָר גראַבײ? — ער קען דאָך חיים-משהן נאָך פֿון דער גרויסער שטאָט. אפֿשר וואָלט זי אים געבעטן...

נאָר דער דאָקטאָר גראַבײ איז דורכגעגאַנגען גאָר נאָהענט פֿאַרבײַ איר און האָט זי ניט באַמערקט. זײַן פֿריש געגאָלט פּנים, וואָס מיט די גראָבע און לויכטיגע פּריציעשע וואָנסעס, איז געווען שוואַרץ-אָפּגעבערענט און פֿאַרשוויצט. צעבראַג און אויסגעמאַטערט-מיד פֿון ניט שלאָפֿן בײַטאָג, האָט ער געוויגט זײַן פֿעטן קערפּער אויף די קורצע און פֿעסטע רעסאָרנדיגע פֿיסלאַך און איז איצט בײַ זון זעצן אַרומגעגאַנגען אין די הינטערגעסלאַך מיט פֿאַרנאַכטיג-שפּעטע וויזיטן צו זײַנע חולאים. צעטראָגענערהייט האָט ער געטראָפֿן אין אַ פֿרעמדער שכונה, ניט אַהין, וואוהין מע האָט אים גערופֿן. אַ פֿאַרפּוצט מיידל האָט אים פֿון דאָרט אַרויסבאַגלייט מיט גרייס דרך ארץ און האָט אים שמייכלדיג אָנגעוויזן:

— אָט אַהין... אין יענער שטוב האָט מען געוויס דעם דאָקטאָר געבעטן.

און ער האָט דעם מיידל שוין אפֿילו קיין דאַנק ניט געזאָגט: ער האָט דערזעהן הנקען מיט מאָטיקן דורכגיין, האָט ער פּלוצים אויפֿגעוואַכט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זײַנע פֿאַרדרימלטע אויגן, און האָט אַ מאַך געטאָן צו הנקען מיט דער האַנט:

— אָט אַהין — אין יענעם הויז, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז אַלצאיינס.. געכטיגע טעג...

XIV.

דער דאָקטאָר גראַבײ איז אַרומגעגאַנגען מיט דער קאָמיטע, וואָס גיט אַכטונג אויף ריינקייט.

ער האָט שלעכט באַזוכט זײַנע הולאים, אָפּגעכאַפּט ווײַן אַרבעט אין שפּיטאָל און פּריציש-שטום געטראָגן דעם עול פֿונם אָראָפּגעקומענעם אינספּעקטאָר, דעם דאָרן פֿטריינגען גוי, וואָס טראָגט בלאָהע ברילן און איז אין כּעס — משוגענערווייז אין כּעס. יידן האָבן דאַן גנבי׳ש אונטערגעקוקט פֿון יעדן שמאָלן סיטקעלע; ס׳איז געווען כּדאי צו וויסן:

— ווען פֿון זײַנע באַקאַנטע וועט דער דאָקטאָר לאָזן מאַכן אַן עקט?

נאָר דער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ מיד פֿאַרשטיינערט פּנים, געהאַלטן די הענט אַרונטערגעלייגט אונטערן ווײַסן זומערדיקן רעקל און נאָכגעגאַנגען דעם אינספּעקטאָר מיט אַן איבערזעהן, גלײַך ער, דער דאָקטאָר, וואָס שטייט הנכבר פֿון אים, מישט זיך בפֿירן ניט און האַלט שטאַט — ער לאָזט אָפּ דעם שלעכטן וואָריאַט, דעם גוי, מאַכן אַקטן, ווען ער וויל.

דרײַ טעג כּסדר איז דער דאָקטאָר גראַבּיי געווען, אַזוי צו זאָגן, פֿאַרקנעכטעט, שלעפֿעריג און עפּעס, ווי ניט מיט אַלעמען. און אויפֿן פֿערטן טאָג נאָך ווארימעס, ווען די קאָמיסיע איז אַוועקגעפֿאָרן, איז ער באַזוכט געזעסן נעבן אַלטן מיל-שטיין דעם טיש, וואָס אין שטאָט פֿון עזריאל פּויזנערס גרויסער קלייט. איצט איז שוין דאָ ווידער מער קיין על-טערס פֿון אים ניט געווען. ער האָט געשמייכלט, געטרונקען די פֿלעשלאָך לימאָנאַד, וואָס דער עלטערער קלייט-משרת עפֿנט פֿאַר אים מיט אַזאַ דרך ארץ, גלײַך ער איז אַ השובער קינה, אַ גלה. ער האָט שעלביג געשמייכלט און האָט גערעדט מכּה דעם, וואָס אַלץ איז גאָרנישט, בלאָטע שבבלאָטע:

— גלויבט-זשע מיר, ר׳ עזריאל פּויזנער, נעכטיגע טעג!

— די הויפּט-זאַך באַשטייט דערין, וואָס די לופֿט איז פֿיל מיט זיגער... חיפֿיל מענשן, אַזוי פֿיל זיגער, און יעדער פֿאַר זיך; יעדערער — אַ גרויסער, גרעסער יערנפֿאַלס פֿונם צווייטן... און אָט איז נאָך איינער, אַ?

דאָס האָט ער דערוועהן דעם לאַנגן אַנשל צוריק צוגיין, האָט ער צו אים אַ שמייכל געטאָן מיט די פֿולע פּריצישע וואָנסעס, מיט די אויגן און מיט די פֿיל קלוגע קנייטשן אַרום זיי און האָט אים געגעבן די האַנט. ער האָט אים געבעטן זיצן דאָ אַקעגן אים אויף דער באַנק און האָט אים שעלמיש אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל.

— אויך אַ זיגער! וואָס? בישט אַזוי?...

אַנשל צוריק האָט נאָר וואָס פֿאַרן אַרויסגיין פֿון דער היים געהאַט באַטראַכט אויף זיך אַקעגן שפּיגל זיין ווײַסן קראַגן און האָט באַשלאָסן, אַז ס׳איז ניט מסוכן — אַז מע קוקט זיך ניט צו גאָר נאָהענט, זעהט מען ניט, אַז דער קראַגן איז אַ גומענער. איצט איז ער געווען רוהיג און האָט, ווי זיין טבע איז דאָ אין גלות, געקוקט בהכנעה אויף דער וועלט און אויך אויפֿן דאָקטאָר גראַבּיי. ס׳איז איצט געווען שטאַרק מאָדנע אויף אים צו קוקן, אויף אָט דעם דאָקטאָר. די גאַנצע שטאָט איז געווען פֿול מיט קלאַנגען הײַנט דעם, וואָס זיין אַנט-לאָפֿענע פֿרוי, די זעלטענע מאַרסיין, געפֿינט זיך איצט אין דער נאָהענטער קרייז-שטאָט אין האָטעל, אַז צוואַנציג מיט איר געפֿינט זיך איצט דאָרט דער גרויס-שטעטיגער זשורנאַליסט, וואָס וואוינט מיט איר די גאַנצע צייט אין קרים, און אַז זי גרייט זיך אַראָפּצוקומען אַהער אַ קוק טון אויפֿן קינד. יעדן טאָג האָט זי געקאָנט אַהער אַראָפּקומען. די גאַנצע שטאָט האָט אים געהאַט אין מויל. און ער איז דאָ געזעסן מיט אַזאַ איבערזעהן, גלײַך אים איז אַלצאיינס, וואָס מע רעדט וועגן אים. ער האָט גערעדט מכּה דעם, וואָס די לופֿט איז פֿול מיט זיגער, און אַלץ איז בלאָטע.

— נעכטיגע טעג.

דעסלער, דעסלער פֿון בעריזשינעץ למשל, פֿאַרט אָפּט אין קרייז-שטאָט — ער האָט

דאָרט, זאָגט מען, געשעפטן. ער שטייט אויפן וואָקזאַל בײַ דער בילעט־קאַסע, אינם האַרטן געווינטן דוחק און אין די לאַנגע הענטעלעך שטייט ער דאָרט, און פאַר אים שטייען נאָך דרײַ צי פיר מענטשן. אַלע דאַרפן בילעטן אין דריט־קלאַס. יעדערער זאָגט דאָרט צום קאַ- סיר: „גיט מיר אַ בילעט אין דריט־קלאַס". נאָר אַז ס'קומט צו דעכלערן, גיט ער אַ שטילן הוסט און זאָגט: „און מיר אַ בילעט אין דריט־קלאַס" — ווײַל ער האַלט, אַז ער איז ניט גלײַך מיט אַלעמען, ניין, בשום אופן—פון אים הייבט זיך אָן אַ נײַע צאָל; ניט „ער פאָרט אויך", נאָר „ער" פאָרט. און אַנדערע „פאָרן אויך". איז, דער דאָקטאָר, איז שוין אפילו אַ חידוש, ווי דערלאָזט עס דעכלער, אַז די ערע זאָל זיך אָנהייבן ציילן ניט פון אים, נאָר פון קריכוסן, כע, כע, כע..

דער דאָקטער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט פריציש און גרינג און האָט געגעבן אַ אַ קלאַפּ צו מיט דער האַנט אויפן קאַלטן לימאַנאַד, וואָס אין גלעזל:

— נאָר אָט ברענגט מען אַנוכדן צו אים, דעם דאָקטאָר, אין שפּיטאָל נאָך איינעם אַ זיגער... דאָס איז אַ גלײַבליך דאַר און בלאַס עקסטער־יינגל פון אַ נאָענט שטעטל.

— ער האָט שוין שטודירט אין חדר און קלאַסן ניט בײַנאַכטס, אַזוי דערציילט די מוטער זײַנע, — יאָ, יאָ, זאָגט זי, — איר מעגט אים גלויבן.

נאָר דאָס יינגל אַליין שווײַגט און קוקט זיך אַרום גרויס־מוטיג, ניט אויפן דאָקטאָר קוקט ער, נאָר אויף די וואַנט־בילדער, אויף די ביכער אין שראַנק. איינמאָל דאָ אַ וואָרט רעדנט ער נידעריגער פון זײַן כבוד. ער גלייבט ניט אין מעדיצין — אַזוי ווייזט זיך נאָכ- דעם אַרויס:

— ניט וואָר, — פרעגט ער בײַם דאָקטאָר, — קאָנט איר היילן אָפּגעשוואַכטע ליבע? איר האָט ניט מיט וואָס זי צו היילן.

ער האַלט בכלל ניט פון וויסנשאַפט. אַלע געזעצן, זאָגט ער, רירן אים קיין אין פּיאַטע.

— איר קענט, — זאָגט ער, — באַשטראָפן אַ מענטשן, וואָס צעבראָכט מיר אַ ריפּ אָדער אַ ביין. אָבער מיט וואָס וועט איר אים באַשטראָפן, אייב ער צעבראָכט מיר אַ גע- דאַנק אָדער אַ געפיל? איר האָט אפילו קיין מאָל ניט געטראַכט, אַז ס'קומט אים באַשטראָפן.

ער טיילט זיך אויס פון אַלע. ער זאָגט „איך" און „איר". קלאָר — ס'איז אַ „זיגער". נאָר דעם דאָקטאָר אינטערעסירט דאָך איין זאַך:

— הערט, — פרעגט ער בײַם זיגערדיקן יינגל, — צי ווייסט איר ניט וועגן איינעם אַן אײַנזשענער דעכלער? וועגן דעכלער פון בעריזשינעץ?

— וועגן וועמען?

— אַך ניין, דער עקסטערן יינגל האָט קיינמאָל וועגן אים ניט געהערט.

דער דאָקטאָר האָט זיך ווידער פריציש און גרינג פונאַנדערגעלאַכט, זיך פונאַנדער- געלאַכט פון דעם, וואָס איין „זיגער" אַנטדעקט ניט דעם צווייטן, און האָט דעריש אַרויפ- געלייגט די האַנט צו אַנעל צודיק אויפן אַקסל:

— נאָר אָט איז ער, דער דאָקטאָר ווראַבי אַליין — איך אַזוי צו זאָגן אַ „געוועזענער זיגער"...

ער האָט איצט געוואָלט רעדן, דער דאָקטאָר, טרינקענדיק לימאַנאַד דאָ אין שאָטן פון עזריאל פויזנערס קלייט און רעדן, רעדן אָהן אַ ברוך. ער האָט ניט געהאַט, וואוהין צו אײַלן. ווען ער קומט איצט אַהיים, וועט ער געפינען זײַן קליין דאָקטאָרש־ברוקן הייפל פאַרגאָסן מיט זון און אינעווייניג אין די צימערן וועט ער קיינעם ניט גע טראָפן, אַחוץ דער יונגער אויס- געמוטשטירטער גויה, דער דינסט, און אַחוץ זײַן איינציג זעקס־יאָריג מיידעלע, וואָס די

אַנטלאָפענע פרוי האָט אים דאָ געלאָזן—ס'איז ניט לאַנג געוועזן קראַנק מיט דיפטעריט, אָט דאָס מיידעלע, און האַלט איצט אין געזונט ווערן; סע זיצט אין ווייַסן אָפּעראַציאָנס-צימער אויף דער הילצערנער קאַפּקע, מיט אַ פאַרבאַנדאַזשעוועט העלדזל זיצט עס דאָרט און שפּילט זיך מיט דער אַלטער פידל, וואָס די דינסט האָט אַראָפּגעבראַכט פון בוידעם — דאָס איז דעם דאָקטאָר גראַבייס פידל. דעם ערשטן זומער, ווען ער איז קיין ראַקיטנע אַראָפּגעקומען, האָט ער נאָך געשפּילט גאַנצע שטיקער פון מענדלסאָנס קאָנצערט. שטאָט-לייַט האָבן דעמאָלט געקאָנט אָפּשטיין גאַנצע זומער-אָוונטן אונטער זייַנע אָפענע פענסטער, הערן און שמועסן מכח דעם, וואָס ער שפּילט גוט, דער דאָקטאָר:

— ווי גאָר די גרויסע שפּילער שפּילט ער.

און איצט איז אָט די פידל געווען אָהן אַ גריף און סך הכל מיט איינער אַ מיטלסטער סטרונע, אַן אויסגעצויגענער אזאַ און אַ פאַרדאַרטער—אַז מע האָט זי אַ פּיק געטאָן, האָט זי כמעט ניט ארויסגעגעבן קיין שום קלאַנג. דאָס איז געווען דעם דאָקטאָר גראַבייס אפגעשפּילטע פידל.

אנשל צודיק האָט זיך געפילט לעפּיש דערפון, וואָס דער דאָקטאָר האַלט אַ לייַנגערע ווייַלע די האַנט אויף זייַן אַקסל; ער האָט פויל אונטערגעשמייכלט און האָט געקוקט אויפן דאָקטאָר סקעפּטיש:

— אַ שטילער וואָרים, אָט דער כלומר'שט העפליכער דאָקטאָר, וואָס רעדט שטענדיג וועגן עולמותן. אין אַ קאַפּיקע פונדעסטוועגן גלויבט ער... מע זאָגט: ער האַלט אויסגעבאַהאַלטן דרייַסיג טויזנט ערגיץ אין קרייז-שטאָט אין אַ באַנק.

און דער דאָקטאָר האָט אַלץ גערעדט וועגן דעם, וואָס ער האָט אַ מאָל נאָכן ענדיגן אוניווערסיטעט פיר יאָר נאָכאַנאַנד דעם סטודענטישן סורדעט ניט אויסגעטאָן — זייַן פּאַרטיי האָט אים דעמאָלט ארומגעשיקט פון שטאָט צו שטאָט, און ער האָט אָבגעהאַלטן איין גלאַנציגע רעדע נאָך דער צווייטער. און אומעטום, וואוהין ער קומט, טרעפט ער אַ גרויסע זאַל איבערגעפּולט מיט מענשן — ער קען קיינעם ניט, נאָר אַלע קאָנען אים, דעם דאָקטאָר גראַביי.

— קומט ער איין מאָל זומער בייטאָג אין אַ גרויסער שטאָט און אין זעלבן אָוונט רעדט ער. די זאַל איז מער געפּאַקט, ווי תמיד. אַ סך יונגע לייַט, מיידלאַך, און איינע אַ מיידל באַגלייט אים נאָכדעם ארויס פון זאַל. אַ שלאַנקע שיינע מיידל אין העכער פון אים, דעם דאָקטאָר גראַביי, העכער מיט אַ גאַנצן קאָפּ. זיי גייען ביידע אַראָפּ פון דריטן גאָרן מיט די טרעפּ. און ארום איז פינסטער. די עלעקטריע אויסגעלאָשן. זיי רעדן פרייליך. פלוצים טוט זיך אַ דריי ער, דער דאָקטאָר, נעמט ארום דאָס מיידל און טוט זי אַ קוש...

נאָר פאַר וואָס פאַרבאַפּט זיך פלוצים דער דאָקטאָר און שטעלט זיך אָפּ? צי איז אָט דאָס מיידל ניט געוואָרן נאָכדעם זייַן פרוי, אָט די, וואָס איז פון אים פאַר צוויי יאָרן אַנטלאָפן און וויל איצט פון קרייז-שטאָט אַראָפּקומען אַ קוק טון אויפן קינד?... יעדנפאַלס איז זי אויך זעהר אַ שלאַנקע, אַ שיינע און איז אַ סך העכער פון אים, דעם פריציש פולבליכן דאָקטאָר גראַבייַ, העכער מיט אַ גאַנצן קאָפּ. דער דאָקטאָר רעדט מער ניט. ער האַלט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש און קוקט פאַר זיך אין מאַרק אַרייַן. אַנשל צודיק קוקט אויך. און פלוצים דערזעהען זיי, ווי גאָר נאָהענט פון דער קלייטס זייַט טוט זיך אַ שלייך ארויס הנקע לייבער אין איר ווייַסן היטעלע און אין איר ווייַטן זומערדיגן קלייד. זי טראָגט עפּעס אַ שווערע זאַך איינגעוויקלט אין אַ שאַרף און וויל, אַ פּנים, אַז קיינער זאָל ניט זעהן, אַז די זאַך איז איר שווער צו טראָגן. דערזעהענדיג דעם דאָקטאָר מיט אנשל צודיק ביים טיש זיצן, טוט זי זיך ווי אַ כאַפּ צוריק און ווייסט ניט וואָס צו טון מיט דער שווע-

רער זאַך. נאָר באַלד שטאַרקט זי זיך, זי טוט אַ שוואַכן שמייכל צו די, וואָס זיצן נעבן דער קלייט ביים טיש, און לאָזט זיך אַוועק ווייטער מיט דער מיטלסטער לאַנגער גאַס און מיטן וועג, וואָס פירט אַרויס פון שטאָט.

---

טעג זיינען אַלץ געשטאַנען טרוקענע, בריהענדיגע. זון האָט גע׳גיהנמ׳ט. חנקע איז אין משך פון אָט די טעג צוויי מאָל געווען אין וואַלד, צוויי מאָל געטראָגן אַהין איינגע-וויקלט אין שאַרף מלכס סטאַטועטע. און ביידע מאָל ניט געטראָפן חייב-משהן אין דער היים — אויף זיין טיר איז געהאַנגען א שלעסל — און ביידע מאָל זיך ביטער ניט געעקט פון היץ. איר יונג פּילבליך פּנים איז געווען ביז צעגליהט אָנגעפּייערט אין רויט, און נעבן די שלייפן און העכער דער אויבערשטער ליפּ זיינען איר אַרויסגעטרעטן פיל פּיצעלאַך קליינע טראָפּנס שווייס. זי האָט זיך געפּאַכט און האָט גערעדט מיט דער יצחק-בעריכע וועגן יצחק-בערן, וועגן איר קריינק און וועגן פאַרשיידענע שטוב-זאַכן — זי איז געווען דאַנקבאַר דער יצחק-בעריכע, וואָס זי פרעגט זיך ניט נאָך, צוליב וואָס זי, חנקע, איז גע-קומען אין וואַלד אַריין.

— פאַר וואָס זאָל זיך די יצחק-בעריכע ניט קורירן, ווי ס׳איז געהער צו זיין? פאַר-וואָס זאָל זי מיינען, אַז ס׳איז מער ניטאָ קיין רפואה, אחוץ טרוקענע באַנקעס און סינאַפּיזמעס?

און אַרום און אַרום האָט געשמעקט מיט ערדענעם שטויב, מיט לייטיגער פּאָרלאָגע און מיט סאָסנעדיגע קרייטאַכבער — מיט פרישן גרינעם אָטעמעס, וואָס וואַל-גערט זיך געבן בעט אין אונטער די פיס און זעהט אים כּאַרבע, דערנאָך, וואָס אין דרויסן איז שטאַרק הייס און אין די פענסטער זיינען דורכאויס אַראָפּגעלאָזן די קורצע רויטע פאָרהאַנגלאַך.

סוף-כל-סוף האָט חנקע באַשלאָסן איבערצולאָזן חיים-משהן א צעטעלע:

„זי האָט אים געבראַכט מלכס קליינע סטאַטועטע: זי קלערט, אַז די סטאַטועטע גע-הער געוויס גיכער צו אים, חיים משהן, איידער צו איר. ער איז דאָך טאַקע געווען נעהענ-טער ווי אַלע מיט מלכן. זי איז זיכער, אַז דער מאַדאַם בראָנבערגס קרוב, דער סטודענט, וועט אויך אַקעגן דעם גאָרניט ניט האָבן. זי האָט די סטאַטועטע געוואָלט צוטראָגן אים, חייב-משהן, צום טאָג פון זיין געבוירן, נאָר זי ווייסט ניט, ווען ער יאָרט זיך — קיינער דאָ אין ראַקיטנע ווייסט ניט, ווען ער יאָרט זיך".

זי האָט נאָך א מאָל איבערגעלייענט איר צעטל און האָט זיך דערשראָקן, זיך דער-שראָקן טאַקע געראַנג, וואָס זי שרייבט אים, חיים-משהן, א צעטעלע. חוץ דעם האָט זיך איר איר האַנטשריפט אויסגעדאַכט כּראַקליך. קיין מאָל אין לעבן האָט זי ניט באַמערקט, אַז זי האָט אַזאַ מיאוסע, קינדישע האַנטשריפט, ווי זי באַמערקט עס איצט. זי האָט דאָס צעטעלע צעריסן און האָט געלאָזט די סטאַטועטע ביי דער יצחק-בעריכע. זי איז באַנייט שטאַרק בלאַס געוואָרן, באַקומען א סך איבערצייגונג אונטער דער ברוכס און געבעטן די יצחק-בעריכע איבערגעבן חייב-משהן, אַז זי בעט אים אַריינקומען צו זיי אין הויז — פון אָנהייב דער נייער וואָך בעט זי אים צו זיי אַריינקומען.

## XV.

אין אָנהייב נייער וואָך האָט אַראָפּ-באַרג, אויף דער אַלטער-שטאָט, גענומען לאַרעמען דער גרויסער זומערדיגער יאָר-יריד; ער האָט געדויערט גאַנצע דריי טעג. זונטאָג איז געווען דער ערשטער טאָג פון אָט דעם יריד.

דאָס איז געווען אַ פרייליכער טאָג אויף דער אַלטער שטאָט פון ראַקיטנע.

די שניט-קרעמער, וואָס אין אונטערשטן שלעכט-ברוקירטן מאַרק, האָבן אַרויסגעהאַנגען רויטע יום-טוב'דיגע פאַטשיילעס אויף די טירן און האָבן פאַרפלייצט די געגנט מיט אַלערליי לייוונטן און מיט וואָלוועלע שלעכט-שמעקעוודיגע ציצן—זיי האָבן שמיידיג, פון פריה-מאָרגן אָן, געוואָרפן זייער גליקליכן טומל אַקעגן שפּאָגל-נייער זון, אַקעגן בריהענדיגן אָטעם פון יונגען הייסן זומער און אַקעגן ווייטן שהחינו-בלויען הימל. און פון אַרום-און אַרום, פון דערפער, וואָס ליגן באַגראָבן אין טיפע פאַרטרויבטע טאָלן, פון שטעגעלאַך, וואָס פאַלן שעמעוודיג אַראָפּ פון גרינע באַהאַרבעטע בערג, האָבן פאַרשוויצטע פוס-גייער און פורן גאָך אַלץ געהאַלטן אין איין ציהען.

אַרום עלף אזייגער אין דערפריה האָבן די איבערגעפולטע געסלאַך, וואָס אין טאָל, שוין אָפּגעוואָרפן פון זיך אַ לאַנגאָנגעגדיגן טויזנט-מיילערדיגן געמורמל, און אויסגעמישטן מיט עפּעס אַן אייביגן הבל-הבלים, מיט קלאַפּנדיגן פיסק פון באַריידעוודיגער גויה און מיט פוילע בלאָנזשענדיגע טענער פון אַן אייביג-פאַנפעוודיגער האַרמאָשקע. איבערן ריה פון פריען גוגעטריקנטן גראָז האָבן דאָרט אָהן אויפהער געניכט די אויסגערוהטע דאָרפישע פערד, געהויבן די קעפּ אין דער לופט און פריילך געהירזשעט ערגיץ אַרויף צום הויכן בלויען הימל. און אין דער זעלבער צייט איז דער רייכער און ציכטיגער טייל-שטאָט, יענער, וואָס אין דער הייך, נאָך אַלץ געבליבן רוהיג, טיף אַריינגעטאָן אין דער נגידישער שטילקייט פון זיין לאַנגער און פוסטער זומערדיגער וואָך. אַ פאַרהאַנג אויף אַן אָפענעם פענסטער האָט געוואַרט, אַז אַ מינדסט ווינטל זאָל אים קומען אַ ריר טון, און אַ קבצן אַ פאַרנודעטער האָט דאָרט געליטן פון גרויס היץ, אַרומגעשפּאַנט פון הויז צו הויז און גע-פּרובט אַ קלעפּ טון איין געשלאָסענע פּאַראַד-טיר נאָך דער צווייטער.

אויף דער לאַנגער מיטלסטער גאַס זעהט מען קיין מענשן נים. זי איז זוניג און פוסט. אין אָנהייב בעריזשינעצער וועג, נעבן די יונגע גרויע טאָפּאָלן, איז אויך פוסט. אויף עוזר ליובערס אָפענע וואָקזאַל-פענסטער הייגען די לאַנגע גבבידיגע פאָרהאַנגען, און אויך דאָרט איז נישטא קיין מינדסט ווינטל, וואָס זאָל זיי אַ ריר טון. אינעווייניג אין הויז איז קיל און פריש; עוזר ליובער איז נאָך אַלץ נישטאָ אין דער היים, און דער קליינער מאָטיק טוט אין כויט אַריין, מען זאָל אים פירן אַראָפּ אַ באַרג אויפן יריד. ער זיצט אויפן פאַרקעט און קלאַפּט מיט די פיס; ער וויינט אויפן קיל, און חנקע דרייט זיך נעבן אים און איז אויפגערעגט.

גאַנץ פריה, ווען אַלע אין הויז זיינען נאָך געשלאָפן, האָט עמיצער געטאָן אַ שאַרפן קלונג מיטן גלעקל פון פּאַראַד-טיר. דאָס האָט געקאָנט אַ קלונג טון איינער פון די שקצימלאַך, וואָס פאַשעט זייערע גענז אויפן עקבסן ליידיג-גרינעם פּלאַץ; אַ קלונג טון האָט דאָך אָבער געקאָנט אויך עמיצער אַנדערש—אַרויס דער שטאָט אויפן שיפּועדיגן באַרג איז דאָ דער וואַלד; אין וואַלד וואוינט חייב-משה, און די יצחק-בעריכע האָט אים דאָרט געקאָנט איבער-געבן... אַלעדינג, וואָס זי, חנקע, האָט געבעטן, האָט אים דאָרט די יצחק-בעריכע געקאָנט איבערגעבן. חנקע וואַרט, נאָר קיינער קומט נים.

בייטאָג, ווען די בריהענדיגע זון רוקט זיך אָפּ אַ ביסל אין אַ זייט, מוז חנקע צוליב טון מאָטיקן און זיך מיט אים אַראָפּלאָזן אַראָפּ אַ באַרג אויף דער אַלטער שטאָט צום יריד. מאָטיק שינדט פאַסן, מען זאָל מיט אים גיין גיכער, און חנקע פאַרקרימט אַ ביסל איר פּנים און האַלט אים אָפּ מיט גוואַלד, ווי אַ מאַמע:

— וואוהין לויפט ער?.. אָט איז מען שוין שיער נים איבערגעפאָרן אָט דעם מזיק.

דערביי שפּילעט זיך איר אָפּ איינע אַ נייע לייקענע הענטשקע, און פון דער האַנט

פאַלט איר אַרויס דער לויכטיגער אויפגעטשעלטער זאַנטיק און בלייבט ליגן אויף דער ערד. די קיכנע, אַ פעטטע געשטופּלטע יידינע, וואָס קומט אַ פּוּ, מאַרק פאַרבוויצט מיט אַ שווערן קלימעק אויפן בויך, הייבט חנקען אויף דעם זאַנטיק און גזפּינס, און אַט דער קלייגער מאַטיק איז גאָר קיין קינד נישט; ס׳איז נאָר עפּעס אַן אַנטיקעניש. אַ שטיק קויעק-ווילבער איז עס:

— ער וואָלט געקראָכן פערד אונטער די בייכער, אַט דער טאַטיק.

אין אָנהייב יריד אַוועשן די ערשטע צוויי שורות אויטגערוהטע פערד, וואָס שטייען באַרג-אַראָפּ מיט די קייענדיגע מיילער צו די אייכגעשפּאַנטע וואָגנס, פּאָכען מיט די ווידלען און מיסטיגן אַהער צום וועג-צו, באַגעגענען זיי זיך מיט דער מאַדאַם בראָמבערגס שוואַרץ-אַבלעסענעם פּאַלטאָ און מיט דער קורצפּיסיגער און קורצנעולדיגער ראַבינערשע, וואָס איז דאָ אין שטאָט נאָך אַ נייע. די פרוי בראָמבערג פירט זי תמיד אַרום אונטער דער האַנט; די פרוי בראָמבערג רעדט, און זי קוקט מיט די קלעפּיג-אָפּענע שוואַרצע אייגעלאַך און שווייגט. ביידע זעהען זיי איצט אויס אַזוי יום-טוב׳דיג, גלייך זיי קערן זיך אום פון אַ באַדעקנס. איבערהייפּט די פרוי בראָמבערג — זי טראָגט איצט איר גאָלדענע פּענסנע, און אַז זי זאָגט אָפּ אַ חכמה, שנורעוועט זי צונויף דאָס פּיסקעלע און וואַרט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל קומען זי אויסקושן: זי געדיינקט תמיד, אַז זי איז אַ מוסטער — צוריק מיט אַ יאָר פערצעהן האָט זי די ערשטע דאָ אין געגנט חתונה געהאַט פאַר איר געשוועסטער-קינד „פּאַ ליובווי“, און איצט ווייסן עס אַלע אין געגנט: אַלע אין געגנט מאַכן איר נאָך... איצט גייט זי פונם יריד: זי האָט געהאַפּט קריגן עפּעס רעכטס צווישן די אַרויסגעפירטע ציגן — זי האָט געמיינט קויפן אַ מתנה איר דינסט.

דריי אויפגעשטעלטע פּרויען-זאַנטיקס שטייען אַ ווייַלע, ווי אַ סגל, דאָ אויף דער זון צווישן די מיסטיגנדיגע פערד, און די מאַדאַם בראָמבערג האָט דערווייַל אין איין שלעפּן דעם בריגון מאַטיקן פאַרן אַראָפּגעלאָזטן בערדל. זי פאַרבייכט אויש מיט די ליפּן:

— פאַר וואָס איז ער תמיד אזאַ שלעכטער, אַט דער מאַטיק? אזאַ שלעכטער...

אַלע פאַנקעווען אים, אַט דעם מאַטיקן; אַלע ווייסן, אַז זיין עלטערער ברודער בומע איז אַן אומגליק, אַ ניט געלערנטער און אַן אויכוואורף. ער האָט איין מאָל צוגעפּאַקט אַ היפּשע סומע געלט אין רעב הירש און איז אַנטלאָפן: ער איז געווען פאַרמישט אינם סטודענט ברילס מיאוסע מעשים מיט לאַה׳קע דער שוואַרצער גיסאָרין, און איבער ביי דריי-און צוואַנציג יאָר האָט מען אים קיין באַנטאַט ערגיץ אין אייכאָנער אין אַ טעכנישער מיטל-שול און מע פאַנקעווען מאַטיקן — מע געדיינקט, אז די נקראָבענע מאַמע איז אים צו יונג געשטאָרבן.

מע שטייט אַ ביסל און מע שמועסט מכח דער אנטלאָפענער דאָקטערשע נראַביי, וואָס געפינט זיך איצט אין קרייז-שטאָט. צו וועמען, אַטש גייט, ווענט זי איצט אין ראַיסנע פאַר-פאָרן? — געוויס צו דער מאדאם בראמבערג אהיים.

מע שטייט נאָך אַ ביסל, מע קוקט זיך אין די אויגן, ווי פאַרליבטע, און מע שווייגט. ביי חנקען ברענט שוין אַ גאַנצע האַלבע ווייַס פון פּנים. זי ווייסט ניט, וואָס וויל פון איר אַט די נייע קורצנעולדיגע ראַבינערשע. וואָס קער זיך אָן גאָר נאָהענטע קרובים מיטן יונגען סטודענט בריל. די ראַבינערשע עסט זי ממש מיט די אויגן.

— ווען מאַטיק, זאָגט חנקע, — איז אַ געשריי ברודערל, וואָלט ער זיך באַלד אומגעקערט אהיים; ער וואָלט זי איצט מער ניט ארומגעשלעפּט.

נאר מאַטיק פּכינקעט אונטער און שלעפּט זי דוקא אראָפּ, דיקע אין טאָמע שיכער געדיכטעניש פונם מאַרק-יריד, וואו מען גוים רייבן זיך הייגער אן אנדערן אין באַלעגערן די ביידלאַך פון סעלצער-וואסער. די היץ איז דאָרט גרויס; עס שמעקט מיט מענשן-שוויס,

מיט פוילן געדויכערטן פישל און מיט נייעם פּעטן שטיוול. אז די מענשן-כוואַליע נעמט זיי דאָרט נאָר אריין, שלעפּט זי זיי שוין אָהן אויפהער מיט זיך. מע שטויסט זיי פון הינטן. הנקען שטויסט עמיצער די גאַנצע צייט פון הינטן אינם עלנבויגן פון דער האַנט, און וועלכער זי האַלט דעם אויפגעשטעלטן זאַנטיק. זי וויל אַ קוק טון, ווער ס'שטויסט זי, נאָר זי קאָן זיך ניט א דריי טון—זי איז אנגעטאָן אין גאַרטעט. פּלוצים וואַרפט זיי די איינגע מענשן-כוואַליע אַרויס אין אַ צווייטן מאַרק, א פרייערן און א גרעסערן. ער רינגלט אַרום דעם גוישן בית-עולם און ציהט זיך נאָכדעם אַוועק אין ווייטן פעלד אַריין. דאָ איז די לופט פול מיט פאָכערייַ פון וויידל און מיט געדרוך פון פריש פערדיש קויט. אַ ים פון דישלעס שטעקן אין דער הייך, ווי אַ וועלדל, און מאָטיק רייַסט זיך צום יונגען לאָשיקל, וואָס הירושעט מיט שרעק, פאַרלירנדיג אויף אַ רגע די אוועקגעלאָפענע שקאָפּע-מאַמע. דאָ פאַרקויפט מען פערד, און דער טומל איז גרויס — מע לויפט אַדורך מיט די פערד פאַר די סוחרים, און קיין איין סוחר לאָזט זיך ניט נאַרן. און אַ ביסל ווייַטער אָן אַ זייַט באַווייַזט מען צוויי גרויסע גלאַנציג שוואַרצע פערד דעם יינגען בעריזשינעצער דעסלערן. צוויי שטאַרקע און ספּריטנע פערד, וואָס האָבן קייַלאָכיגע שטייַף-אייַנגעבויגענע העלזער מיט גוואַלדיגער גבורה אין די מוסקלען. מיט יעדן פון זיי פּאָרקעט זיך אַ באַוונדערער מענש און האַלט זיי קוים איַין, און דעסלער קוקט אויף זיי רוהיג קאַלט. ער קוקט זיך ניט אום צו די פאַרשוויצטע ליווראַנטן, וואָס חנפענען איבו. ער איז אייסגעפּוצט אין זיין נייעם שוואַרצן פּאַלטאָ מיט נייַע לייַקענע הענטשיקעס, מיט נייַע לאַקירענע שיך און מיטן באַזילבערטן אנטיק-שטעקעלע אין האַנט, און איבן קאָפּ טראָגט ער א נייעם האַרטן אין בהוינעם הוט, כאָטש די גאַנצע וועלט טראָגט שיין פון לאַנג שוואַרצע היט און ווייַכע — אים געפעלן אויף צו להכעיס דער וועלט דוקא האַרטע היט און ברוינע — אַלע מאָל קויפט ער זיך אַ נייַעם ברוינעם אין האַרטן הוט. זייַן געגאָלט און קורץ בערדל, וואָס אינטערן דינעם האַרט געשלאָסענעם און געגאָלטן מויל, איז אָפּגעהאַקט און שאַרף. שאַרף איז אויך דאָס טיפע שטרייַנגע פּיַערל, וואָס אין זייַנע קלייַנע שוואַרצע אויגן. די פאַרשוויצטע מעקלער פאַרקען זיך אַרום אים, מע חנפעט איבו, נאָר ער ענטפערט קיינעם ניט קיין וואָרט. אים וועט קיינער ניט נאַרן, ער קוקט רוהיג צו די פערד. איבט מיט ער עפּעס אַ זאָג צו יאַנען — דעם יונגען אייסגעדינטן גוי, וועמען ער האָט אַראָפּגעבראַכט מיט זיך פון זייַנע מקומות. מע זאָגט: ער איז אין איבו שטאַרק פאַר-גלויבט, און אָט דעם יאַנען. און יאַן האַרט אים מיט גרויס אַפּשיי. ער ענטפערט אים תמיד ניט מער ווי ״Такъ точно״, „Никак нѣтъ״, און אויך געשווינד, גלייך מע טוט אין אים אַ דריק עפּעס אַ פאַרהוילן קנעפּל. ער איז אייסגעפּראַוועט און קאָן זיך התמעגען, אָט דער יאַן—ער כראַפט צו צ׳ באַטראַכטן די פערד און קוקט זיי צוערסט אַרייַן אין די מייַלער: ער ציילט בייַ זיי די יונגע ציין און ווישט עפּעס בייַ זיי צווישן די איערן, ער הייבט אויף בייַ יעדן פון זיי אַ פאָרנטיגן פיס און באַקוקט אויף גיך די פּלאַטעס, ער פירט איבער מיט דער האַנט איבער זייערע גלאַטע רוקנס פון האַלז ביז די וויידלען און ענדיגט אַלע מאָל מיט אַ שלעפּ, מיט אַזאַ שטאַרקן שלעפּ פאַרן וויידל, אַז דאָס גאַנצע פערד טוט ווי אַ וואַקלענדיגן ציטער. און דאָס אַלץ טוט ער אָט אין אַזאַ זגיילעניש, מיט אַזאַ פאַר-געניגן, אַז סע פאַרכאַפּט בייַ אים דער אָטעם. ער בלייַבט שטיין צוריק און איין שורה מיט דעסלערן און קוקט נאָך אַלץ מיט חשק — ער האָט ניט וואָס צו זאָגן; די פערד געפעלן איבו. דעמאָלט מאַכט דעסלער אַ קלייַנע אָנשטריינגונג אויף צו טון אַ שמייכל, נאָר קיין שמייכל קומט ניט אַרויס. זייַן לייַנגליך טונקל-ברוין פּנים בלייַבט פאַרהאַרטעוועט, ווי געוועזן. ער טוט עפּעס אַ זאָג צו די ליווראַנטן. ער נעמט אַרויס דעם טייסטער און ציילט אויס די ליווראַנטן געלט—נייַ געלט אין שמעקנדיגס; תמיד איז בייַ דעסלערן זייַן געלט

ניי אין שמעקט ניט פֿאַרפֿומען. ער קויפֿט איצט ניט אַט דעם געלט אַלע שענסטע זאַכן אין געגנט, אין איצט, זאָגט מען, ווערט ער אין גיכן אַ חתן פֿאַר הו; פֿויגנער — זי איז אויך די שענסטע מיידל אין ראַקיטנע, די שענסטע מיידל אין דער גאַנצער געגנט.

נאָר מאַמיקן האָט פֿון דערווייל עמיצער אָנגעטראָטן אויף אַ פּיסל; ער ווייגט. הנקע בויגט זיך אָן, כדי צו נעמען אים אויף די הענט, פֿליצים אָבער פֿאָרט אָן אַ פֿור מיט אַ סך אונטערגעבונדענע בערד; ס'רוקט זיך אָן אַ געשריי מיט אַ טראַק. אַ שווידער טוט אַ יאָג איי-בערן גאַנצן לייב, מע שפּריצט איינער דעם גוויסן. עמיצער נעמט אָן חנקען איבאיינעם מיט מאַמיקען און רוקט זיי אַז אין אַ ווײַט. און מיט אַ מאָל, צווישן דעם טומל און מיש-מאַש. טוט גאָר נאָהענט אַ ווינדל אַ האַלבע זײַט פֿון חיים-משה'ס פּנים מיט איינעם פֿון זײַנע אַק-סלען. כ'טוט אַ נאָג אין האַרץ. בײַ דאָס האָט ער זיך אומגערוקט אין אַ ווײַט? און בכלל, צי איז ער דאָ געשטאַנען די גאַנצע צײַט און האָט געקוקט, ווי דער יונגער דעסלער פֿון בעריזשינעץ קייפֿט זיך נײַע פֿערד? אַך, נייך. חיים-משה שמייכלט: דאָס איז ער געווען, זאָגט ער ביי איר, חנקען, אין דערהיים. ער האָט זי שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט זעהן.

## XVI.

אין יענעם זעלבן זונטאָג איז קײַן ראַקיטנע אויפֿן יריד מיט זײַן אייגענעם אויסגע-פּוצטן פֿערד-און-וואָגן אַרויסגעפֿאָרן דער בעריזשינעצער אגענט פֿון זינגערס נײַ-מאַשינעס זאַלקער.

אַרויסגעפֿאָרן איז ער גאַנץ פֿריה, ווען די זון האָט נאָך ניט שטאַרק געבראָטן, און די הויכע גראָזגראַס אין ביידע זײַטן וועג האָבן נאָך אָפּגעוואָרפֿן דעם נשאר פֿון טינקל-בליכטע ביאור-שאָטנס. דאָס פֿערד האָט פֿריילעך אינטערגעשפּרינגען, דאָס געלע אָפּגעטאַקטע רעסאָר-ברישקעלע האָט געצינקלט מיט באַשלאָגענעם מעש, מיט פֿיל-פֿאַרביגע קיסאָסן, וואָס אין דער יאַמשאָווער בייטש אין אין די הויך-געלע ליבע; די קיילאַביגע גלעקעלאַך האָבן פֿאַר-קלונגען די קורצע לויפֿנדיגע וויאָרסטן, און זאַלקער אַליין מיט זײַן קליינעם ייִנגלש-ייִ-רעוודיגן גוף, מיט שייגעצדיג-רויטן פּנים און מיט די אייגנע לאַקירענע שטיוול, איז גע-זעסן אין ברישקעלע, ווי פֿאַרשלאָפֿן. ער האָט זיך רגע צו רגע געדרימלט, זיך פֿון רגע צו רגע אויפֿגעכאַפּט ניט שרעקיגן וואונדער, מיט פֿאַרשלאָפֿענע התפּעלות, וואָס ס'איז פֿאַראַן אַ זונטאָג, גאַנץ בריה אויף דער וועלט און וואָס אין מויל איז אים ווייך און קלע-פּיג — זווער פֿון די נעכטיגע שבת'דיגע ביסלאַך בראַנפֿן, פֿון דער אייגענער בײַרוקײַט און פֿונעם אייגענעם לאַנגען פֿעקרעכנעם ווייב, וואָס דאַרט אין בעריזשינעץ אין דער שטילער פֿאַרוואַרפֿענער היים איצט, פֿאַרנדיג אַזוי איינער אַליין און דרימלבויג אויף האַלב, אויף דריי פֿערטל, האָב זיך די נעכטיגע צײַט געדינקט, ווי אַזוי אַז דאָס ווייב ווײַגט רעדט תמיד פֿעקראָכן אין בייז; עלטער איז זי פֿון אים סך הכל אויף אַ קלייניגקייט, אויף אַ פּאָר יאָר. גאָר פֿאַרמאָגן פֿאַרטראָגט זי שוין ניט קיין; און אייגענעם צאָן אין מויל. אַז זי לייגט זיך שלאָפֿן, נעמט זי אַרויס די צוויי קאָסטנע פֿרעמדע ציין פֿון מויל, ווייקט זיי אײַן אין אַ גלאָז וואַסער און שטעלט זיי אונטער אויפֿן נאַכט-שאַפֿקעלע צווישן ביידע בעטן; און נאָכ-דעם שלאָפֿט זי שוין אַזוי אַ גאַנצע נאַכט — אַ גאַנצע נאַכט אָהן איין צאָן אין מויל.

— טפֿו!

זאַלקער האָט צום לעצטן מאָל אויסגעשפּיגן פֿון נאָך די נעכטיגע שבתדיגע ביסלאַך בראַנפֿן, פֿון נאָך דער נעכטיגער בייזקייט און האָט מיט באַשלאָסנקייט פֿאַרקערעוועט לינקס מיט דער בערע, וואָס ציהט זיך אינטערן ראַקיטנער באַרג פֿאַרבײַ די ריטניצער

זומפּן, נעבן זוניג-זילבערנעם ריטניצער טײַכל האָט ער דערזעהן די גוישע פור, וואָס האָט מיט אמאָל געגעבן אַ יאָג אַרויס פונם קלײנעם זײַטיגן כוטאָר אין וואָס איז געשווינד אַוועק באַרג אראָפּ מיטן ראַקיטנער וועג אויפן יריד. ער האָט געפּרובט אַ וואונק טון צו דער אויסגעפּוצטער שיקסע, וואָס איז געזעסן דאָרט אויפן וואָגן מיט די פּלייצעס צו טאַטע גוי, וואָס טרײַבט די פערד; דערבײַ האָט ער אויך גיך אָפּגעשפּילעט זײַן רויט געליאַמעוועט פּאָר-כאַלאַטל. ער האָט געשווינד אראָפּגענומען דעם קאַסקעט פון קאָפּ און האָט באַוויזן דער שיקסע אַ שייגעצדיג-רויט פּנימל מיט אַ קונציג-אונטערגעשוירן בערדל, אַ שטעכעדיגס אין אַ יונג-גראָהליכס, און מיט אַ גלאַנציגן לאַקירענעם דאַשיק בײַם היטל. ער האָט צוגעמאַכט איינס פון זיינע גרינע עזותדיגע אייגעלאַך, פאַר וועלכע ס'ציטערן אַלע שנײַדער אין געגנט, און מיטן צווייטן אייגעלע, דעם אָפֿענעם, האָט ער געטאָן צו דער שיקסע אַזאַ מין וואונק, וואָס האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן. נאָר די שיקסע איז געבליבן קאַלט, גלײַך ניט זי מיינט מען. זי האָט פּיל אויסגעשנייצט די נאָז אין דער גאַנצער האַנט אריין און האָט נאָכדעם לאנג די האַנט געווישט אין הילצערנעם זײַטל פון וואָגן. דעמאָלט האָט זאַלקער דער אגענט זיך פּלוצים דערמאַנט אַן לאַה'קע דער שוואַרצער בייטאָרין פון ראַקיטנע, וואָס האָט פאַר פּסח גענומען בײַ אים אַ ניי-מאַשין אויף אויסבאָלן, און זיך מיט אַמאָל דערפילט יינגלש אין פריילך; מיט אַמאָל האָט ער דערפילט, אז ער האָט פײַנט זײַן צעקראָכענע ווײַב, אז צוליב איר, לאַהקע דער שוואַרצער, איז ער הײַנט אום זונטאָג אויפגעשטאַנען בײַ זיך אין דער היים אַזאַ גרויסן גאַנץ פריה אין פאַרשלאָפענערהייט דאָרט גענומען באַטראַכטן זײַן בויטשקעלע, צוליב איר פאָרט ער איצט קיין ראַקיטנע אויפן יריד. און — זעהן, ער ווייס זי באַלד זעהן... פריילך און רירעוודיג האָט ער צעשמיכן זײַן פערד, איבערגעיאָגט די גוישע פור, וואָס איז גיך געבליבן ווײַט פון הינטן, אין איז געשווינד אַוועק באַרג אראָפּ. באַלד האָט ער גענומען אויספּעלן פאַרשיידענע שווער-באַלאָדענע פּירן אויף רעכטס און אויף לינקס — ער האָט דערגרייכט די הילצערנע ראַקיטנער גרעבליע, וואָס איז שוין באַגאָסן מיט שטאַרק הייסער זון און איז באַלעגערט מיט די פיל שווערע שוואַרצע פורן, וואָס ציהען צום יריד.

---

הימל האָט געבלאָהט. באַזונטע ערד האָט ווי פּריטיק געבריהט אין די פּיאַטעס, און בארוויסע שיקסע-פּיס האָבן אויף איר געטראָטן, געטראָטן.

זאַלקער האָט געגעבן אַ שטאַרקן ציה די באַפּוצטע העל-געלע לייצן און פּלוצים אָפּגעשטעלט זײַן פערד און וועגל.

— דו, אהערצו גיי!

אין אָנהייב יריד צווישן די ערשטע גלחישע פּירן, וואָס שטייען האַלב אויסגעשפּאַנט נעבן די קלייטן, האָט ער דערזעהן שאולקע שנײַדער – שאולקע הפקר-יונג, וואָס מאַנט אים איין די היבות בײַ די ראַקיטנער שנײַדער, אין האָט אים צו זיך גערופן:

— הער נאַר, דו!

שאולקע האָט זיך אָבער ניט אײַנגעהערט. פאַר'מה'ט מיט אַ פאַררוקט היטל צום אקן און מיט אַ קורצן ברוינעם שטערן, וואָס שוויצט אונטערן ארויסגערוקטן ציגיינעריש-שוואַרצן טשופּיק, איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין אַ וואָגן, געקייעט אַ שטרוי און געקוקט פאַר זיך מיט פאַרטראַכטע במורא-טפּריטנע אויגן. איין רוף איז ער סוף-כל-סוף צוגעגאַן פאַרטראַכט, ווי ניט ווילנדיג. נאָר זאַלקער האָט שוין אין זײַן זײַט ניט געקוקט. טוענדיג אַ פּאַק מיט דער יאַמשאָוועער פּײַטש ערגיץ אין אַ זײַט, האָט ער באַקומען אַ פאַרטשיינערט פּנים און גענומען קוקן ערגיץ ווײַט איבער'ן פערדס אויערן. פון נאָכן

לאַנגען אָפּגעשווינגענעם פּריהמאָרגן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט פאָרנדיג, האָט איצט זיין קיל אָפּגעקלונגען א ביסל געלעגערט, הייזעריגליך און ביין.

— מיכל קראַוועץ האָט איינגעצאָלט?

— אָ?

שאולקע האָט פייל אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן נידעריגן אַרויפקריך פון וועגעלע און האָט אַלץ אויסגעזוכן פּאַרמוהט. ער האָט אַלץ געקייעט די שטרוי.

— איינגעצאָלט, האָט ער פייל געענטפערט, — וואָס זשע?

— און יאָסל קירזשנער?

— געסילק'ט.

— דער אמעריקאַנער שניידער?

— שוין לאַנג, נאָך שבת צו נאַכטס,

— וואָרט, די בוטווינעוואָקער גלח'טע?

— יאָ, נאָר וואָס.

— נו, און לאהקע די שווארצע?

שאולקע האָט פאַרמאַכט איין אויג און מיטן צווייטן, דעם שמייכלענדיגן, האָט ער אַ קוק געטאָן צו זאַלקערן חבריש און בעטלעריש.

— אָט דאָס וואָרט איך אויף איר... זי האָט צוגעזאָגט... אָט תּיכּף. ווי איך בין אַ ייד, פּאַני זאַלקער!..

נאָר ביי זאַלקערן האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגעצונדן דאָס שייַנענדיג רויטע פּנים. די גראָבע עוותדיגע אייגעלעך האָבן פּלוצים געגעבן אַ גלאָז אויף שאולקען און זיינען אַזוי אויף אַ ווײַלע אין זייער בייזקייט פאַרגליווערט געוואָרן:

— וועסט מאַכן מיט דער שווארצער קינדן נאָכדעם, אַז זי וועט איינצאָלן... דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר, פערד איינער!

און ניט אויסרעדנדיג מער אַ וואָרט, ניט אומקוקנדיג זיך צו שאולקען אפילו, האָט ער אוועקגעשמיסן ווייטער מיט דער טיפער געדיכטעניש פון יריד. ער האָט פאַרביי־פאָרנדיג אַריינגעשריגן אַ פּאָר ווערטער אין איינעם אַ באַקאַנטן ביידל, וואו מע פאַרקויפט גוי־שע קאָרעלן און האָט, אויסמיידנדיג דעם יריד, אוועקגעשמיסן אַרויס שטאָט מיט זון און מיט וועג, וואָס פירט אין וואַלד אַריין. ער האָט דאָרט ביי יצחק־בערן אין וואַלד־שטיבל ניט געטראָפן קיינעם, א חוץ דער קראַנקער יצחק־בעריכע, וואָס ליגט אין בעט, און האָט איר איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַ קונה אויפן איגווענטאר מיט די מעדיקאַמענטן, וואָס ביי מלכן אין אפטייק־מאַגאַזין.

— איז אָט: ווי הייסט ער, אָט דער יונגער מאַן, וואָס וויל פאַרקויפן די מעדיקאַ־מענטן? חיים משה הייסט ער? נו גוט, טאָ זאָל ער זיך מטריח זיין צו אים, זאַלקערן — ער שטייט איין אויף דער אַלטער שטאָט, ביי זיינוול מסור, ביי זיינוול פּאָטשטער שטייט ער איין. מע קאָן אים דאָרט טרעפן אַ גאַנצן ביטאָג.

---

ביי זיינוול פּאָסטעטער איגם לאַנגען אכסניה'דיגן אונטער־הויז ביים טויער שמעקט מיט נאַסן פערדישן געלעגער און מיט בהמה'שן הויף. אונטערן לעכערדיגן דאַך גוואדזשעט אַ קיילאָכיג יאָר אונטער די פיס. ס'איז דאָרט תמיד מאָרגע און חייכ, פליגן ווידמענען זיך אויף זונגען־בּרעקן צווישן אומריינע ערטער, און דער האַרבער ריח פאַרגייט דאָרט תמיד ביז צום ניסן, ביז דערוואַרגן צו ווערן. איצט פילט זיך נאָך אָהער דער ווייט־צעפריטער יריד. פון ער־גין גאָר נאָהענט קלינגט מען מיט לאַנגע שטאָלענע שנייד־מעסערס; ס'הירושען פרייליך פערד

גאָר אַנדערש איז אַ ביסל טיפער אין הויז נעבן דער שוואַרץ-אָפּגעסמאָלעטער קין-טיר און נעבן דער דייזשע· דאָרט איז די גריבלדיגע ערד ריין-פּארקערט און בעל-הבתיש באַגאָסן פון אַ טעיַניק. דער שט״ב שמעקט דעריבער מיט פריש-אויסגעקערטן בית-מדרש; די לופט איז קעלערדיג-קיל און שטיל און רופט אַרויס אַ חשק צו דרימלען—זיצן אַזוי רוהיג, גאָרנישט ניט טון און דרימלען.

ביַי דער קאַמער, נעבן אַ פאַרשפּרייט טישל, זיצט אַ היפּשער ברייט-ביינערדיגער פאַרשוין אין אַ ברייטער גרין-וואָלענער בלוזע. ער מאַכט צורעכט דעם קלאַווישן-טייל פון אַ גרויסער פונאַנדערגעשרויפטער האַרמאָניע. אַ נאָז האָט ער אַ ברייט-איַינגעפאַלענע, פאַר-ריסן צו די איגן צו מיט היפּשע און שוואַרצע צוויי פּיראַמידן-לעכער, ליפן—אַנטבלויזטע, פולע, וואָס שאָקלען זיך אינערט, איידער דאָס מויל הויבט אָן רעדן, און אַ באָרד—עטליכע געציילטע אָהן-קאָלירענע האָר, וואָס זיַינען ביַי אים, אַ פּנים געצערטלט, און טיַיער, שטאַרק טייער. טוענדיג זיַין אַרבעט, וואַרפט ער בליקן צו דעם גרויסן אָפענעם טויער, צו די זונען-פלעקן, וואָס אויפן פיטש-נאַסן פערדישן מיסט. ער זעהט, ווי זאלקער דער אגענט פאַר-פאָרט אין הויז אריַין - גריַימליך, ווי אַ פריץ, פאַרפאָרט ער. דער הינקענדיגער שייגעץ דער סטרוזש שפּאַנט אים אויס דאָס פערד, און זאַלקער אַליין שוויַיגט. ער ציהט ביַיזליך אַראָפּ פון זיך זיַין פאַרשטויבט פאָר-כאַלאַטל און זעצט זיך צו אויפן שטאפל פון לייטער, וואָס פירט איפן בוידעם. ער זיצט אזוי ברייטליך און באַטראַכט אויף זיך די איינגע און קינציגע לאַקירטע שטיוול—ער וויל איצט איף צו להכעיס ניט טראַכטן ניט והעגן שאולקען און ניט וועגן לאהקע דער שווארצער—שפעטער, ביַיטאָג, וועט ער זיי זעהן, נאָר דערווייל וויל ער ניט.

אָט שרייט ער ביַיזליך אָן אויפן קרומען שייגעץ, וואָס איז זיך נוהג ניט ווי ס׳געהער צו זיַין מיט די צוויי שפּאָגל-ניַיע ניי-מאַשינעס, וואָס ער נעמט אַראָפּ פון בריטשקע:

— דו! ווי דו גייסט דאָרט! פּאַמעלאַך! מיט איגן קוק...

און פּלוצים האָט זיך פון דער קאַמער-זיַיט דערהערט אַ געכפּל׳טער הוסט פון אַ מענשן, וואָס פאַרלאַנגט, מע זאָל אים באַוויליגן:

— קכע! קכע!

זאַלקער האָט זיך אַהין אומגעקוקט. ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז און מיט די קיַילאַכיגע ברייט-צעשטעלטע איגן, וואָס אין אירע ביידע זיַיטן, — אויגן, וואָס שטאַמען, אַ פּנים, ניט פון דער היגער וועלט און זאָגן דאָ, אויף דער היגער וועלט, גאָרנישט —זיי זיַינען שטומע.

— יעס, יעס,—האָבן אַרויסגעשאָקלט די פולע אַנטבלויזטע ליפן, -זינגער עט קאָמ-פּאַ... אויך אַ שטיקל סחורה, קאָן מען זאָגן, אַ? первый классъ исключительно!

זאַלקער האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף אים און אויף זיַין גרינער בלוזע. ווער איז ער, אַ שטייגער, געווען, אָט דער פאַרשוין? אן אורח ביַי זיַינעל פּאָטשטער, אַ דורכגייער אַ וויַיטער, אַ יריד-מענש- פאָרט אַרום פון יריד צו יריד און מאַכט צורעכט פרעמדע קאַליע האַרמאָשקעס. און קיַין היים האָט ער, מן הסתם, ניט און קיַין טאַטן אויך ניט, אַז מען וויל זיך פאָרשטעלן, ס׳ אַר אַ טאַטן ס׳האָט געהאַט, קאָן מען ניט.

— טצע!

זאַלקער האָט אויסגעשפּיגן קונציג פון צווישן-צונויפגעדריקטע ציין. ער איז נאָך אַלץ געווען ביַיז. ער האָט זיך דערפרעגט, צי דער פאַרוואַלטער פרעגער איז דאָ אין דערהיים, און איז אַוועקגעגאַן צו אים אין צימער.

פרעגער האָט שוין געהאַט פֿונאַנדערגעקלאָרט די תלמוד-תּורה אויף זומער. אין אַ טאָג צעהן אַרום שטעלט ער דעם כפּעקטאַקל מיט די קינדער—ס'גייט דער אָוונט לטובת דער תּלמוד-תּורה. און נאָכדעם פֿריי; גאַנצע אַכט וואָכן פֿריי און גוט אויפֿן האַרצן—גיט, וואָס פֿאַר זײַן עזות האָבן אים ראַקיטנער יידן פֿײַנט, ניט ווייניגער, ווי ער זיי. גוט, וואָס חייקע די דינסט גייט שוין אַרום גאַנצע טעג אויסגעפּוצט, ווי אַ כּלה. גוטע פֿרײַנט זאָגן איר, אַז זי איז משוגע:

— פרעגער וועט דיך אין אַ יאָר אַרום אָוועקוואַרפֿן, דו נאַר איינע.

און זי ענטפֿערט זיי, ווי אַן עקשן—הוילער עקשן:

— איין יאָר מיט פרעגערן, — זאָגט זי, — איז בעסער, ווי אַ גאַנץ לעבן אָהן איהם.

— „מאַלאָדיעץ, חייקע!“ — פרעגער פֿילט, אַז זי איז ווערט צו זיין זײַן כּלה. ער איז פֿריי און צופֿרידן.

און אָט איז אַ הייסער שבת'דיגער פֿריה-מאָרגן אַ טאָג אַ הייליגער, אַ שטאָט אַ שבת'דיגע, אַ זון, וואָס בריהט, און ווײַטע טשאָלנט-אויוונס זײַנען דורכאויס באַקלעפּט מיט שוואַרצע פֿליגן - מיט אהן אַ שיעור שוואַרצע פֿליגן.

וואַייל איז די הײַזער, וואָס האָבן שבת פֿון גאַנץ-פֿריה אָן אַן אייגן שטיקל שאָטן אַרום די אָפֿענע פֿענסטער. ס'הערט זיך פֿון זיי ניט מער, ווי מיידלאַך רעדן. שבת'דיג אַזוי רעדן זיי, בנעימות און מיט בושה, גלײַך דעם דרויסן קאָן פֿאַרדריסן, אַלמאַי זיי גייען אין אונטערשטע ווײַסע קליידלאַך בײַ טיי טרינקען. און מאַנסבלען פֿעלן — מאַנסבילען זײַנען אין שול.

פרעגער גייט אויפֿן פּוסטן בריק. שבתדיג-לאַנגווייליג, שבתדיג באַגאָכן מיט זון ציהען זיך אין דער לינקער זײַט די געשלאָסענע קרייטן. ס'קומט ניט אַן קיין פֿור. פרעגער באַגעגנט ניט קיין איין מאַנסביל. אים דערמאָנט עס זײַן ערשטן זומער דאַ אין ראַקיטנע. ער איז צופֿרידן. ער טראָגט אַ האַנטוך אין האַנט און גייט זיך באָדן. נאָר אַז ער גייט דורך אין עק שטאָט פֿאַרבײַ די פֿונאַנדערגעעפֿנטע שול-פֿענסטער, וואָס אויף אַ בערגל, אַקעגן נידעריגן שמאָל-באַגרינטן טייך, דערהערט ער דעם שבתדיגן ניגון פֿון „ברוך שאמר“. ס'אַר אַן אַלטער איינגעזעסענער ניגון! ער לייקנט אַלע נייטן, וואָס זײַנען איינגעטאָן אויף דער וועלט. און פרעגערן פֿאַרדריסט פּלוצים, אַלמאַי דער ניגון איז אַזאַ איינגעשפּאַרטער; אַלמאַי איז ער, פרעגער, ניט קיין רויכערער. אויף צו להכעיס אַלע פֿײַנע מורה-יידן, וואָס קוקן אים נאָך פֿון די אָפֿענע שול-פֿענסטער, וואָלט ער איצט פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער באָדט זיך נאָכדעם אין שמאָלן טייכל בכיון אויף אַזאַ אָרט, אַז מען זאָל אים אויסזעהן פֿון די אָפֿענע שול-פֿענסטער. זאָלן זיי דאָרט זעהן, ווי ער זייפֿט זיך און פּלושקעט זיך לאַנג, לאַנג, ביז ער ווערט מיד. און די אויגן בלענדט דאָס שמאָלע טײַכל, זונט און שטראַלט, און די אויערן מורמלט, גלײַך זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט וואַסער, און פרעגער ווישט זיך, ווישט זיך אין ווישט. ער טוט זיך אָן. ער הערט, וואו מע האַלט אין שול:

— „אור חדש על ציון תּאיר“.

אין פֿלוים דערזעהט ער, ווי אויפֿן צווייטן ברעג, קעגן-איבער דעם שמאָל-באַגרינטן טײַכל שימערט עפּעס אויף דער זון. אַ גרין-ייַדן קאָפּטל רוקט זיך דאָרט אונטער אַ הענטרויטן ווײַדענעם זאָנטיק. ווער זאָל דאָס זײַן? אים טוט פּלוצים אַ ציאָך אין האַרצן:

— ס'איז ניט חיה פּויזנער?... ניין, ס'איז ניט זי.

און אין אַ רגע אַרום — נאָך אַ גרעסערער ציאָך — „יאָ, ס'איז זי“. דאָס שטעגעלע דאָרט אויפֿן צווייטן ברעג טײַכל באַהאַלט זיך און הייבן גראָז. אַרויס פּיס ווערן דאָרט

פארפאַלן, מע זעהט זיי ניט גיין, אין דער רויט-זיידענער וואַטיק מיטן גריגעם קאַפּטל שוועבן, שוועבן — כדי אויסצומיידן די שול, איז זי, אַפּניט, אַרומגעגאַנגען דעם טייך מיט די גוי'שע סטדלאַך און איז אָנגעקומען מיטן צווייטן ברעג — זי גייט זיך באָדן. אָט דער־גרייכט זי דאָרט דעם אנהויב פון יונגען געדיכטן וועלדל און פארשווינדט אונטער א בוים. זי קומט אַרויס פון דאָרט אין אַ לאַנגען ווייסן העמד און וואַרפט זיך אַריין אין טייך אַריין. זי שווימט. זי קאָן שווימען. כ'איז ביי איר אַ ירושה - זאך. איר טאַטע שווימט אויך איבער־אַמאָל אין אַ פרייטאג פארנאַכט דעם גאַנצן טייך אין דער לענג, און יונגלאַך, מיט וועלכע ער האָט קיין מאָל קיין וואָרט ניט גערעדט, שטייען דערבאַרט ביים ברעג און קוקן. איר שטאַלטנער קערפּער אינם ווייסן ברייטן העמד ליגט אין גאַנצן פון אויבן אויף דעם וואַסער, די האָר וויַנען צוזאַמענגעבונדן הויך אויפן קאָפּ, כדי זיי זאָלן זיך ניט פארנעצן, די שיינע שלאַנקע הענט צעברעכן שטראַלן מיט יעדן שטרעק, און דאָס פּנים, דאַכט זיך, שמייכלט. נאָר וואָס איז דאָס פאַר א מין? — אין שול תּאלם מען ערשט „אל אדון", הייבט עס, אַז ער, פרעגער, האָט א טעות געהאַט. אים האָט זיך פריהער געדאַכט, אַז ער הערט קלאָר דעם נוסח פון „א'ר חדש על ציון תאיר"... נאָר אויב אזוי, איז נאָך פריה — ער קאָן נאָך אַ ביסל אַוועקגיין מיטן ברעג טייך אין יונגען וועלדל. וויפיל יאָר איז, אַז ער, פרעגער, איז אַרומגעקומען אהער קיין ראַקיטנע? אַ יאָר זעקס. דעמאָלט זיינען נאָך דאָ אין יונגען וועלדל געווען צעוואָרפן א סך אלטע הויכע ביימער. און איצט האָט מען זיי שוין אַלע אויסגעהאַקט. געבליבן זיינען פון זיי ניט מער ווי וואָרצלען, יעדערער מיט זיין פאַרעלטערט-געלן אָפּשניט. זיי זיינען צעוואָרפן איבערן גאַנצן וועלדל און זעהען אויס, ווי ביינקעלאַך. פרעגער זעצט זיך צו אויף איינעם פון זיי. ער שאַרט נעבן זיך מיטן שטעקל, נאָר פונם מח גייט אים ניט אַרויס דער שטאַלטנער קערפּער אינם ברייטן ווייסן העמד, וואָס שליינגלט זיך מיט הנאה פון אויבן אויפן וואַסער. ער האָט זי שוין לאַנג ניט געזעהן אַזוי נאָהענט, ווי היינט, הוה פּויזנער. און דאָס הארץ נאָגט דערבאַר אַזוי, נאָגט און נאָגט, ווי צוריק מיט עטליכע יאָר, ווען זי פלעגט אָפט ביינאַכט ארויסקומען צו אים אַהער אינם דאָזיגן וועלדל. איצט איז ער פאַר איר אַזאַ ווייטער, ווייטער. זי ענטפערט ניט אויף זיינע בריוו, ער ווייסט ניט, צי זי האָט אים איצט געזעהן אקעגן — אויפן צווייטן ברעג טייך, צי ניין.

נאָר אָט טיאָפּקען טריט הינטער אים אויפן שטעגעלע. דאָס איז זי, הוה פּויזנער; דאָס זיינען אירע טריט. זי קערט זיך אום דאָ-אַרום אַהיים; זי וועט דאָ דורכגיין גאָר נאָהענט. נאָר פאַרוואָס טופּעט זי אַזוי שטאַרק מיט די פיס? צי וויל זי ניט, אַז ער, פרעגער, זאָל זיך צו איר אומקוקן? — ניין. זי זעהט אים. זי טוט זיך אַפילו קיין נויג ניט. א שפּאַציג קנייטשעלע באַגראָבט זיך נאָר אין לינקען ווינקל נעבן אירע ליפּן, אירע הימשע, כמעט בולטע אויגן טוען אויף אים אַ קוק מיט וואונדער, גלייך זיי וואָלטן ניט גלויבן, אַז דאָס איז ער. ער לעבט נאָך? ער איז נאָך אַלץ דאָ אין ראַקיטנע? און מער גאָרניט, גאָרניט. זי איז שוין פאַרביי, אין קוקט זיך אַפילו איין מאָל צוריק ניט אום. זי דערווייטערט זיך און פאַרשווינדט. נאָר אָט... צי ווייסט זי, אַז הייקע די דינסט פון איינפאָרהויז גייט אַרום גאַנצע טעג אויסגעפּוצט, ווי א כלה, און אַז אין איינפאָרהויז טוט זי שוין גאָרנישט — זי האָט געהייסן איר בעל-הבית'טע זיך צוזוכן וואָס גיכער אַן אַנדער דינסט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איז אָט פון יענעם שבת אָן האָט פרעגער באַמערקט, ווי הייקע די דינסט הויבט אָן ווערן צו אים אַלץ מער און מער אָנגעקילט. פרעגער האָט גענומען ארבעטן אויף אַלע כלים מיט אימפּעט און גרויס פאַספּן. ער האָט צוגעזאָגט הייקען, אַז אויף דער חתונה וועט ער אַראָפּברייגנגען די בעריהמטעסטע כלי-זמר. מע וועט גיין איבער דער שטאָט מיט א

מאַרש. צו דער חופּה װעלן, אַחוץ די פֿידלען, שפּילן צװײ קלײנע טרױבעלאַך, אַ פֿלײט, אַ קלאַרנעט מיט אַ טראָמבאָן; מע װעט קלאַפּן אין דער גרױסער פּויק. פֿאַר די כּלי־זמר װעלן לױפֿן באַרװיסע ייִנגעלאַך מיט שיקסעלאַך, און זאַלקער דער אַגענט װעט פֿון מיטן עולם צינדן פֿײַערװערק. און העט װאַרפֿן אין דער לופֿט אַזעלכע שװעבעלאַך, װאָס ברענען לאַנג. הײקע מעג זיך שױן אױף זאַלקערן פֿאַרלאָזן — ער קאָן קריגן אַלץ. אָבער אױך דאָס האָט אױף הײקען װײניק געװירקט. זי איז שױן װידער געװען אָנגעטאָן אין די צעריסענע שיך אױף די באַרװיסע פֿיס און צוריק געאַרבעט אין אײנװאָרהױז, װי אַן אײזל. זי האָט מודה געװען פֿרעגערן, אַז ער איז איר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. זי װעט אים אײביק ניט פֿאַרגעסן. נאָר װאָס זאָל זי טון, אַז אַלע לײַטישע מענשן האַלטן זי אָפּ — אַלע זאָגן איר, אַז זי װעט זיך נאָכדעם באַװײנען אױף אירע יאָר.

— אַלע ל'ײטישע מענשן? אדרבא...

פֿרעגער האָט געװאָלט װיסן בײַ הײקען, װער זײַנען די לײַטישע מענשן. נאָך זײַן מײנונג זײַנען אין ראַקיטנע בכלל קײן לײַטישע מענשן נישטאָ. אדרבא, זאָל זײ הײקע אָנרופֿן בײַ די נעמען. נאָר הײקע איז שױן צוריק געגאַנגען אין די צעריסענע שיך אױף די באַרװיסע פֿיס און איז געװען עקשן, תּײַלער עקשן — זי האָט קײנעם ניט געװאָלט אָנרופֿן.

דערצו נאָך האָט רצמאָלס גו הײקען הינטערן אײנפֿאָרהױז אַלע פֿאַרנאַכט אָנגעהױבן קומען דער עלטערער משרת פֿון פֿײזנערס קלײט — יוסף, — אַ געזונטער פֿיר־און־צװאַנציג יאָריגער בחור, אַ רירעװדיגער, מיט קרומבליכע אױגן און מיט נײַע גלאַנציגע שטיװל, װאָס האָבן געהאַט אױף אײבן װײַטע, געניסטע שטעך. צו פֿרעגער האָט אים אײן מאָל פֿאַרנאַכט דאָרט הינטערן אײַנפֿאָרהױז געטראָפֿן װאַרטן און איבגעדרעגט, װאָס טוט ער דאָ, האָט אים יוסל גאָרנישט ניט געענטפֿערט. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אױף אים און אַלכסון מיט די קרומבליכע אױגן. ער האָט זיך אָנגעבױגן, אױפֿגעהױבן אַ שטרױ און האָט גלײַך גענומען אָפּטרעטן. ער איז אַריבערגעקראָכן איבערן פּליט פֿונם נאָהענטן פּראָװאָקסענעם גױשן גאָרטן און איז דאָרט פֿאַרשװאונדן.

דעמאָלט איז פֿרעגערן גלײך אײנגעפֿאַלן דער חשד;

— איז אָט, װער די לײַטישע מענשן זײַנען!...

ער האָט געפּאַקט צו זיך אַהײם דעם קלײנעם לײזערן — דעם צװעלף־יאָריגן לעבעדיגן און תּמיד שמײכלענדיגן פּעמפּיק, װאָס מ'האָט צוגענומען פֿון דער תּלמוד־תּורה צו פֿײזנערן אין קלײט און מע האָט אים דאָרט אָנגעטאָן אַ פֿאַרטוך. אין די פֿרײ־בײַטאָגעדיגע שעהן איז אָט דער לײזער געשטאַנען אין פֿאַרטוך מיט פֿרונטערגענומענע הענט אױף דער שװעל פֿון פֿײזנערס גרױסער קלײט, געשטאַנען מיט דרך ארץ צום בעל־הבית, װאָס שרײַבט דעמאָלט איבער פֿון אײן בוך אין צװײטן, און מיט אַ שמײכל צו אַלע דורכגײער, װאָס קאָנען אים, דעם פּעמפּיק, און װײסן, אַז ער איז אַ דורכגעטריבענער, אַ קלוגער.

פֿרעגער האָט אָפּגעהאַלטן אָט דעם לײזערן בײַ זיך אין צימער אַ גאַנצן שבתדיגן בײַטאָג און איז בײַ אים געװאױרע געװאָרן אַ סך װיכטיגע זאַכן:

חוה פֿײזנער, איז ער געװאױרע געװאָרן, האָט די לעצטע צײַט אָנגעהױבן זיך זאָרגן פֿאַרן פֿאָטערס געזונט. זי איז אים מיט אַ מאָל געװאָרן אַזױ געטרײַ, גלײַך מער האָט זי שױן קײנעם ניט אױף דער גאָרער װעלט. בײַטאָג, װען ער לײגט זיך שלאָפֿן, קומט זי אים פֿאַרבײַטן אין קלײט אַרײַן. זי זיצט מיט אַ בוך נעבן דער קאַסע, זי קוקט אַרײַן, נאָר לײענען לײענט זי קנאַפּ. זי פֿאַרטראַכט זיך. זי פֿאַרקוקט זיך אַזױ אױף יוסלען, דעם עלטערן משרת, און זאָגט, אַז ער איז אַ גאַנץ פֿײַנער בחור. אַ שײנער, זאָגט זי, איז ער, נאָר אַ נאַר, אַ גרױסער נאַר:

— פאַרוואָס, למשל, זאָל ער זיך ניט שדכענען צו חייקען פון איינפאָרהויז? פאַרוואָס זאָל ער ניט חתונה האָבן?

יוסל ווערט רויט, ווי אַן אינדיק, און ווייסט ניט, וואוהין צו קוקן מיט די קרומבליכע אויגן. ער קוקט דערפאַר צו איִם, לייזערן, וואָס שטייט איִף דער שוועל.

— דו! — שרייט ער צו אים, — וואָס קרימסטו די אָפּצאַסן?

נאָר לייזער קרימט ניט די אָפּצאַסן; ער שטעלט נאָר אַרויס יוסלען די צונג. סוף-כל סוף זאָגט יוסל אַרויס זיין מיינונג:

— חייקע, — זאָגט ער, — איז אַ דינסט.

נאָר חוה פויזנער געפינט, אַז ס'איז ניט ריכטיג.

— איוף חייקען קאָן מען בשום אופן ניט זאָגן, אַז זי איז אַ דינסט. חייקע ציהט זיך איוף ביי איטע-לאהן איִן איינפאָרהויז פון קינדווייז אָן. איטע-לאה איז אַ קראַנקע און האָט קיין קינדער ניט. איר מאַן, וואָס איִן אַמעריקע, האָט זי שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן. ער האָט דאָרט אַן אַנדער ווייַב. איטע-לאה אַליין זאָגט, אַז אויב חייקע וועט זיך האַלטן אין דער מעלה, איִב זי וועט חתונה האָבן פאַר אַ פיינעם יונגען-מאַן, וועט זי איִר איבער הונדערט-איִן-צוואנציג יאָר לאָזן דעם איינפאָרהויז מיט אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט...

אָך, איז אָט וואָס? — איִם, פרעגערן, רעכנט ניט חוה פויזנער פאַרן עייגענעם יונגען-מאַן. זי האָט זיך איִנגאַנצן איבערגעביטן, חוה פויזנער, און שפּילט אַ ליבע מיט איִר טאַטן, דעם רייַכן קרעמער. זי איז געוואָרן מיושבדיג און בעסער, אַ סך בעסער, ווי זי איז געווען. זי טוט, זאָגט מען, אַ סך טיבות אָרימע יידן ביי דעסלערן איִן פילט זיך פאַר איִך פאַרענטפערטליך — זי וויל פשוט א טובה טון חייקע דער דינסט און איִר קלאָר מאַכן, אַז זי וועט זיך נאָכדעם באַוויינען — זי וועט אַריינפאַלן אין שלעכטע הענט.

און אפשר... אפשר טיט עס שוין חוה פויזנער ניט גאָר פון היילער גוטסקייט, אפשר פאַרדריסט זי נאָך אַ ביסל, וואָס חייקע וועט האָבן איִם, פרעגערן?... זי קען עס ניט איבערטראָגן... נאָר איִב אזוי, טייַטשט זיך עס גאָר אַנדערש. צי הייסט עס ניט, אַז ער, פרעגער, האָט נאָך אַ האָפענונג? איִן איינעם אַ פאַרנאַכט קאָן חיה פויזנער שטילערהייט אַרייַנקומען צו אים אַהער צו זיינוול פאָטשטער איִן זיין צימער און זיך דאָ אנטשולדיגן, ווי אַ מאָל — זיך נעמען שלאָגן על-חטא...

אין יענעם שבתדיגן בייַטאָג דריקט פרעגער אינטענסיווער, ווי אַלע מאָל, די פענסנע צו דער נאָז. ער דרייט זיך אַרום ביי זיך איִן צימער און טראַכט. סוף-כל-סוף שרייבט ער חוה פויזנער אַ בריוו:

„ער ווייסט פין א סך מעלות אירע. ניט לאַנג האָט ער געזעהן, ווי זי קאָן שווימען... נאָר פין איר לעצטער מעלה האָט ער ניט געוואוסט — ער האָט ניט געוואוסט, אַז זי קאָן קאַליע מאַכן שידוכים”.

ער ווייסט, אז אויך אָט דער בריוו זיינער וועט בלייבן אָהן ענטפער, נאָר ער וואַרפט אים דאָך אַרייַן אין פאָסט-קאַסטן, ער דערוואַרט זיך קוים ביז פאַרנאַכט און גייט אַוועק צו חייקען הינטערן איינפאָרהויז.

— נו, וואָס הערט זיך? חייקע האָט זיך שוין באַטראַכט? זי האָט זיך אַרויסגעשלאָגן דאָס משוגעת פין קאָפּ? וואָס, ניין? זי איז נאָך אַלץ עקשן? זי אַרבעט נאָך אַלץ אין איינפאָרהויז, ווי אַן אייזל? פאַרוואָס זשע שווייַגט זי? פאַרוואָס זאָל זי ניט זאָגן קלאָר און אָפן, אַז ער, פרעגער, געפעלט איר מער ניט? פריהער איז ער איר געפעלן, איִן איצטער ניט. נאָר אויב אַזוי, איז נאָך אפשר ניט אלץ פאַרפאַלן. ער קאָן אויף זיך נעמען ווערן לייַטישער. ער וועט זיך דאָ איִן ראַקיטנע מער מיט קיינעם ניט קריגן. ער האָט ניט קיין

פּלעפערן — ער האָט נאָר אַ שטיף-מאַמע ערגיץ אויף דער וועלט, וועט ער איר אָנטרייבן, זי זאָל קומען, זאָל זי פירן צו דער חופּה. זאָל מען וויסן, אַז אויך ער שטאַמט ניט ערגיץ פון הינטער אַ פּלויט... נאָר פאַרוואָס שטייען ביי חייקען טרערן אין די אויגן? זי קאָן ניט ליידן, ווי ער ליעגט? וועט ער מער ניט רעדן. ער בעט נאָר, זי זאָל אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענטפערן: יאָ אָדער ניין. נאָר חייקע וויל געבן דעם ענטפער ערשט דינסטאָג נאָכן יריד... איז מילא, וועט ער וואַרטן—וועט ער וואַרטן ביז דינסטאָג נאָכן יריד.

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אויף דער אַלטער שטאָט און האָט באַנייס גענומען חרומשפּאַצירן ביי זיך אין צימער. באַנייס א קאָן געדריקט מיט די כיפּלסכע פינגער די פענסנע צו דער נאָז:

— ווי אזוי דאַרף מען אויסשטייטשן חייקעס וואַרטן ביז נאָכן יריד? צי חייסט עס ניט, אַז זי האָט פאַר אַט דער צייט זיך באַך א מאָל זעהן מיט חוה פייזנער און נאָך אַ מאָל פרעגן ביי איר אן עצה? נאָר אויב אַזוי, וועט איר חייקע דערציילן אַלץ, וואָס ער, פרעגער, האָט איר היינט געזאָגט, אפילו די מעשה מיט זיין שטיף-מאַמע וועט זי איר דערציילן —דערויף איז זי חייקע...

ביי פרעגערן קלאַפּט פון גרויס אויפרעגונג אין האַרץ. ער וואַרט, ער לעבט אין האַלב-שכורן מצב. די קלאָרע חיינ-וומערדיגע טעג ווינען איצט זיינע אייגענע: זייער נאָמען איז — חוה פייזנער. זיי זיינען הפּל-בלוי און פיל מיט איר געדעכעניש. סוף-כל-סוף דער-וואַרט ער זיך:

אין איינעם אַ ביַיטאָג ברייננגט מען אים אריין א קליין בריוועלע פון פּאָסט און מע בריהט אים אָפּ — דאָס בריוועלע שמעקט מיט חוה פייזנערס האַנטשריפט און באַשטייט סך הכל פון צוויי ווערטער:

„Это развратъ". —

אָך! איז אָט וואָס: חיה פייזנער נעמט אָ, אייף איר אייגענעם חשבון אַלע גוטע ווערטער, וואָס אַ פיינער מאַנטביל זאָגט חייקע דער דינסט, ווען קיינער הערט ניט, הינטערן איינפאָרהויז. חוה פייזנער ווייסט, אַז זי איז מיידל נומער 1. זאָל מען אַ קוק טון ביי איר אין צימער אייף איר וויכן בעט און אויף אַלע קליינינקייטן אַרום, וועט מען גלייך מודה זיין, אַז די פּרוי—דאָס איז זי, חוה פייזנער; אַלע איבעריגע זיינען נאָכגעמאַכטע, פאַלשע אַסיגנאַציעס. נאָר אויב אַזוי, איז גוט. זיין פאַרבינדונג מיט חיה פייזנער איז נאָך אַלץ ניט איבערגעריסן. הוראַ! זאָל לעבן די פאַרבינדונג מיט חוה פייזנער אַפילו דאַן, ווען ציהען ציהט זי זיך ניט מער, ווי דורך איין חייקען דער דינסט.

---

זונטאג יריד. אַרום צוויי אַ זייגער ביי‌טאָג, ווען אויף דער אלטער-שטאָט ארום זיינוול פּאָטשטערס אכסניה-לאַנגען חייז האָט זיך גענומען שטאַרקן מיטן קלונג פון די לאַנגע שטאָלענע שנייַדמעסערס, וואס מען פאַרקויפט דאָ ביי ווייט נעבן דער שטוב, דאָס פרייליכע הירושען פון די פערד, האָט מען ביי פרעגערן אין צימער זיך געזעצט צום מיטלסטן פאַרשפּרייטן טישל.

זיינוול פּאָטשטער האָט געהאָט געלע קאָרענע „סטאַרקע" פאַרבראָוועט מיט מאַראַנצן-שאָלאָכץ און מיט וואָרצלעך. ווען זאלקער מיט פרעגערן האָבן אויסגעטרונקען פון אָט דער „סטאַרקע" די ערשטע צוויי קעלישיקלאַך, האָבן זיי גלייך אַ קוק געטאָן איינער דעם צווייטן אין פּנים אריין און האָבן ביידע מודה געווען, אַז דער שנאַפּס איז א גלאָטער, ווי אַ

בוימל. אין מויל פילט מען אים, ווי געוויינליכע לעבליכע וואַסער, נאָר אַז ער קומט אַראָפּ אינעווייניג, כוט ער גלייך אַ בריה — ער ציגדט אָן.

— איז וואָס-זשע קלערט איר?

— איבער׳הור׳ן? אַ?

— אַודאי.

מע האָט אַפּגעביכן מיט קאַלטע וויערע אוגערקעס, געביטן זיי גאַנצערהייט אַזוי, אַז די זאַפּט איז גערונען איבער די פריש-געגאָלטע אונטער-מיילער, און האָט געגעסן און האָט געקילט. מע איז געווען רוהיג. נאָר נאָכן עסן גלעזל האָט דאָך אַ מאָדנע פרייד אַ ברויז געטאָן איבערן גאַנצן קערפּער און געגעבן אַ שלאָג גלייך אין קאָפּ אריין. ס׳האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרשטאַרקט דער קלאַנג פון די שנייד-מעסערס, דאָס הירזשען פון די פערד; די גויס מיט די גויים האָבן אנגעהויבן רעדן העכער, דרייסטער, און דער גאַנצער פריילעכער יאָר-יריד, דער טומל איצט מיטן הייסן העלן זומער-טאָג האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ טרעט-צו צו דער שטוב מיט די אָפענע פענסטער און האָט זי ארומגענומען. אַלץ איז געוואָרן נאָהענט, מיט די הענט צו דערלאַנגען, און אפילו זי, חוה פויזנער — פרעגער האָט זי דערפילט אזוי נאָהענט, גלייך זי שפרייזט ארום נעבן זיין צימער אונטער דער שטוב. און אין הארצן האָט געגעבן אַ כוואַליע פון נייער יונגער פרייד:

— וואַרט! וואו-זשע איז נאָך עולם?

— וואו איז דער גלגול ?

— ווער? דער וואָס מאַכט צורעכט קאַטערינקעס ?

— זיינוולו! ברייננט אים אהער!

ער האָט ווירקליך איצט געכאַפּט דעם אנבליק פון אַ גלגול, אָט דער, וואָס מאַכט צורעכט הארמאָניקעס. ער איז אריינגעקומען אהער אין צימער מיט אַ גרויסער הארמאָניע אונטער דער האַנט. אַז מע האָט אים דאָ געבעטן זיצן, האָט ער זיך פאַמעלאַך אראָפּגע-לאָזן נים איבערן גאַנצן ביינקל, נאָר אויף אַ שפּיץ. מיט זיינע דאַרע לאַנגע פינגער האָט ער אַ טאַפּ געטאָן דעם עק פון די איינציגע שיטערע האָר, וואָס שטעקן אונטער זיין מויל און זיינען ביי אים, אַ פנים, שטאַרק טייער. דערביי האָבן זיינע שטומע אויגן קיים קיים אונ-טערגעשמייכלט און געקוקט אזוי מאָדנע, גלייך ער גלויבט ניט, אַז אים האָט מען טאַקע באמת אהער גערופן — ביי אים איז רעכט, אז אין אַ רגע ארום זאָל מען אים הייסן נעמען דעם וועג.

— פון וואנען זייט איר, פעטער?

— פון אומעטום.

— און מעד טרינקט איר?

— כע... כע...

— טאָ גיסט אים אָן, זאַלקער; ער וועט אונז שפילן.

— היידא, פאני!

דער גלגול האָט זיך פאַררייטלט פאַר נאָכן צווייטן גלעזל און האָט פאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס: אַנגעשפּאַרט אָן שפּיציגער קניה די גרויסע הארמאָניע, וואָס איז באַ-שלאָגן מיט פיל צינקיג-אויסגעריבענע מעשענע צוועקלאַך, און זיך נידעריג, נידעריג איבער איר איבערגעבויגן. ער האָט זי געגעבן אַ שלעפּ פאַר די אויערן און גלייכצייטיג — אַ דריי מיטן קאָפּ אין ביידע זייטן, גלייך ער ווייסט נאָך ניט, מיט וואָסער אָן אויער זאָל ער זיך אָנהויבן צוהערן: מיטן רעכטן צי מיטן לינקען. און מיט אַ מאָל איז דאָס הדר פיל געוואָרן

מיט אומרוהיגע קלאַנגען, וואָס פאַרלויפן טאַנצנדיג איינער פאַרן צווייטן, שטעלן זיך הינטער־פיסלאַך און קיליען זיך, קיליען זיך, ווי די קליינע פריילוך־שפּרינגענדיגע קאָמעדיאַנטלאַך.

— וואָס שפּילט איר? שאָפּענען, פּעטער?

— יעס. יעס. ס'טרעפט צווישן איין יריד און צווייטן, כע... כע... מע מוז גיין איבער די דערפער, מע שפּילט אין די פּריצישע הויפן...

און ווידער קלאַנגען, קלאַנגען. ער האָט געאָטעמט שווער, ניט ווינציגער, ווי דער היפּשער פיל־געקנייטשטער אינסטרומענט. ער האָט געקייכט און געפּאַמפּעט אינאיינעם מיט די קלאַנגען. און אַלע זיינען געווען נתפּעל. קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי אין טיר האָט זיך צוויי מאָל באַוויזן שאַלקע שניידער — איין מאָל אַ פאַרוואַונדערטער, מיט אויגן, וואָס גאַפן און גלויבן ניט, אַז דאָס, וואָס זיי זעהען, קומט ווירקליך פאָר. און דאָס צווייטע מאָל אַן אונטערטעניגער און נישטיגער, מיט מתנות אין די פול־געשטאָפּטע טאַשן, מיט אַ מינע פון אַ געכאַפּטן גנב, וואָס חנפ'עט זיך און וויל, מע זאָל אים באַוויליגן, פאַרגעסן זיין שולד.

— הערט זשע אויס, פאַני זאַלקער!

דאָס שפּילן האָט זיך מיט אַמאָל איבערגעריסן.

— אַוועק פון די אויגן, ממזר!

— גוט, וועל איך נאָר אַנידערשטעלן אויפן טיש אָט דאָס־אָ.

און ער האָט, ווי אַ קונצן־מאַכער, גענומען שלעפּן פון אַלע טאַשן פאַר'חתמעטע פלעשלאַך פון פאַרשיידענער גרייס. אין יעדערן פון די פלעשלאַך האָט זיך געבוי'טעט אַ שווער געטראַנק. סאַר אַ טיפע טאַשן אָט דער שאַלקע שניידער האָט געהאַט! אויפן טיש זיינען שוין געשטאַנען ביי אַ האַלב טוץ פולע פלעשלאַך, און די טאַשן זיינען נאָך אַלץ ניט געווען אויסגעליידיגט. דאָס האָט ער, אַ פּנים, געוואָלט זיך פאַרגינען.

— פאַני פּרעגער, — האָט ער זיך ביים פאַרשווינדן פאַרוואָלטער געבעטן, — זאָגט איר. איך בעט אייך — וואָס האָט ער פאַראיבל?

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אים איז עפּעס איינגעפאַלן:

— אָט זאָל ער זאָגן איין וואָרט, — האָט ער אַ וואונק געטאָן אויף זאַלקערן, — זאָל ער נאָר אַ פּיפּס טון, ברענג איך אים באַלד ס'אַהער די שוואַרצע. ווי איך בין אַ ייד, כ'ברענג זי אים ט'אַהער... נו? וואָס? — זאָל איך גיין?...

פּלוצים האָט זיך אין צימער מיט אַן אומרוהיגן פּנים באַוויזן דער לאַנגער זייגוול און האָט מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן אַזאַ צייכן, גלייך ס'איז עפּעס געשעהן —

— וואָס איז?

ס'איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל. זאַלקער האָט באַוויזן אַראָפּצוכאַפּן אַ פּאָר פלעש־לאַך פונם טיש און ווי אַראָפּשטעלן אונטערן בייגקל. אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַנגעקלעפּט אָן דער טיר, און אויף דער שוועל הינטער דעם היכן זייגוולס פּלייצעס איז שוין געשטאַן אַ העל־בערדלדיגער יונגער מאַן אין אַ גרוי יעגער־רעקל מיט טונקעלע בלישטשענדיג־פאַר־וואונדערטע אייגן. די אויגן האָבן געשמייכלט צוזאַמען מיטן בלאַסן פּנים און באַוואונדערט, אַ פּנים, וואָס בילד. דאָס איז געווען דער יונגער מאַן, וואָס וואוינט ביי יצחק־בערן אין וואַלד און וואָס אין שטאָט רופט מען אים חיים־משה — מלכס חבר חיים־משה. ער האָט געפרעגט אויף זאַלקער דעם אגענט — ער האָט געוואָלט מיט אים זיך דורכרעדן וועגן דעם קונה אויפן איינגעוועטאַר און אויף די מעדיקאַמענטן, וואָס ביי מלכן אין מאַגאַזין.

# XVII.

איפן יריד נעבן טומלדיגן פערדישן מאַרק, ניט ווײַט פין גוישן צווינטער, וואו חיים-משה מיט חנקען האָבן זיך פריהער אַ ביסל באַגעגנט, איז געווען אוממעגליך איינצושטיין — מע האָט געשטויסן פין אַלע זײַטן. חייב-משה האָט אָפּגעפירט חנקען אַ ביסל אָן אַ זײַט און זיך אָפּגעשטעלט מיט איר רעדן:

— נו?

און פלוצים דערזעהן עפּעס אין אירע בלאַהליכע פאַרשמאַכטע אויגן — פלוצים באַנומען מיט ברוסט און האַרץ די אויסגעציטערטע אומרוהיגקייט, וואָס זיי באַהאַלטן אויס אין זייער שטומער טיף, בשעת זיי האַלטן צו אים אזוי אין איין שטומען אַרויפקוקן:

— וואָס קומט פאָר? חנקע...

און נאָך:

— איר זייט צוויי מאָל געווען אין וואַלד?

נאָר ווידער קיין ענטפער ניט באַקומען, אחוץ דעם שטומען אונטערטעניגן קוקן.

— וואַרט.

פין הינטן איז באַנײַס אָנגעפאָרן אַ פור מיט אַ כך אונטערגעבונדענע פערד. האָט ער חנקען נאָך טיפער אָן אַ זײַט אָפּגעפירט, ער האָט זי גענומען אונטער דער האַנט, האָט זי אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און האָט אויפגעוואַכט:

— וואו איז מאָטיק?

— אָט איז ער.

מאָטיקן האָט מען דאָ אויפן אָרט געמוזט קויפן אַ קײַלעכיגן הילצערנעם לעפל, אַ רויטיג-גלאַנציגן, מיט גאָלד באַקעקסלטן — איינעם פין די פיל לעפל, וואָס אַ באָרוויסער, פאַרוואָרבטער גוי האָט געהאַלטן נעבן זיך צעשאָטן איף דער ערד אויף אַ זאַק. דערנאָך האָט מאָטיק זיך ווידער אַ מאָל צעוויינט אויף אַ קול, ער האָט דערזעהן טראָכימען — זייער פורמאַן, וואָס קערט זיך אום מיט אַ נאַס-אָפּגעוואַשענער געלער ברימסקע און מיט אָפּגעבאָדענע פערד ערגיץ פין אַרויס שטאָט, פונם טײַך. מאָטיקן האָט מען געשיקט מאָטיקן מיט טראָכימען אַהיים. און אַליין זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען ווײַטער — מיט אַ נײַעם זײַטיגן מאַרק. לעמער האָבן דאָרט אויף דער הייסער זון געמעקעט געבונדענערהיים, בעת מע האָט זיך איף זיי אָנגעלייגט און געשוירן זייער וואָל. פון ערגיץ ווײַטער האָבן חזירים געגרילצט מיט אַזעלכע קולות, גלײַך מע איז זיי דורס, מע קוילט זיי אויפן אָרט. און אַקעגן איז שוין מער קיין יריד ניט געווען — אַקעגן האָבן פרייע גראָזיגע פעלדער אַרויסגעפירט זייערע ברייטע שטיליבינע וועגן ווײַט אין וועלט אַרײַן, אין אַ פור, אַ זוניג-פריילעכע, אַ וואָגלענדיגע אין געבייכשלטע, האָט שוין אויף איינעם פין אָט די וועגן געהאַט געטראָגן איר שמיידיגן אַוועקלויף — די ערשטע פור, וואָס ווידערשטעניגט און אַנטליפט פון ירידעוודיגער שטאָט אין פין סאַמע טומלדיגן מיטן פין הייסן ברענענדיגן בײַטאָג.

— און מיר, ווי אָט די פור...

חנקע האָט ווידער אַ מאָל, ווי אין ציטער, אויפגעוואַכט. ווער האָט עס געקאָנט זאָגן אָט די ווערטער: חיים-משה? נאָר אפשר האָט זיך איר נאָר אויסגעוויזן, אַז זי הערט זיי. יעדנפאַלס האָט חייב-משה איצט ניט געהאַט קיין אויסזעהן פון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָר וואָס עפּעס געזאָגט — ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט, שטאַרק פאַרטראַכט.

זיי זײַנען געגאַנגען מיט אַ גראָהליך-שמיטהדיגן הפקר-פעלד, געגאַנגען גלאַט אזוי ווי אָהן אַ ציל. און נאָכדעם זײַנען זיי מיט אָט דעם פעלד צוגעקומען ביז אַ גרין-צעשאָקלטער זאַנגען-בייט אין ביז דעם שטילן באַהאַלטענעם וועג, וואָס צווישן אָט די זאַנגען — אַ

שמאָלן וועג, וואָס פירט צו אַ ווייטן עק וואַלד אַקעגן — צו יענעם ווייטן עק וואַלד, וואָס מע האָט אים שוין צוריק מיט אַ יאָר אַכט איינגאַנצן אויסגעהאַקט און איצט איז דאָרט וויסט, — יונגע ביימלעך איבער גאָרן וואַלד צעשפּרייט, און פּאַרהאַקטער טייער היט זיי דאָרט, און קיינער, קיינער דאַרף אַהין נישט פאָרן.

זיי האָבן אָנגעזעצט זיך. זיי זיינען געזעסן אויפן פריש־באַגראָזטן הייכן גראָבן געגן אָט דעם יונגען וועלדל און געהערט, ווי קריכווארג גרילצט אינם גראָז.

— חיים־משה...

און מער האָט זי ניט געקאָנט רעדן. ער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, מיט גוטן, ווי האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן, נאָר בשעת זי האָט זיך באַגעגנט מיט זיינע אויגן, וואָס באַהאַלטן עפּעס אויס ערגיץ אין דער טיף פון זייערע קלוגע גוטמוטיקע פייערלאַך, האָט זיך איר פּלוצים גענומען דאַכטן, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי וויל אים זאָגן, ווייסט ער שוין פון לאַנג — זי איז שוין איין מאָל געזעסן דאָ מיט אים אויפן גראָבן; זי האָט אים שוין איין מאָל געזאָגט. נאָר אויב אַזוי, וועט זי אים זאָגן נאָר איין וואָרט:

— איר איז גוט... פון אַלץ איז איר איצט אין אָט דער רגע גוט, אפילו פון דעם, וואָס כאָטשיק האָט קיין באָמע ניט... ווי מאָדנע דאָס איז!... זי האָט איצט יאָר געוואָלט זאָגן, אַז זי פאָדערט פון אים גאָרניט. זי ווייסט... ניין, ס'איז גאָרנישט... ס'איז גאָרנישט אָט דאָס, וואָס זי ווייסט. זי האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן מלכן... נאָר אָט...

זי האָט געבראַכט אַ ביסל פרייד אונטער דער ברוסט און אין די אויגן. דעם גאַנצן וועג, וואָס חיים־משה האָט זי באַגלייט צוריק אַהיים, האָט זי ניט געקאָנט רעדן. זי האָט ניט געפרעגט, ווען זי וועט זיך נאָך אַ מאָל זעהן מיט חיים־משהן. דער עיקר איז געווען, וואָס חוץ קליינעם מאָטיקן איז איר איצט אין מיטן הייסן זומער צוגעקומען אַ נייַ און גרויס לעבן. איר איז, אַ פּנים, געווען גוט, שטאַרק גוט.

אַז חיים־משה האָט זיך נאָכדעם אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַריין, האָט ער זי גע־דיינקט אין איינעם מיט אָט דעם נייעם צוגעקומענעם לעבן איריקן, זי געדיינקט נאָכדעם, ווען ער איז שוין נאָך אַ מאָל געווען אויף דער אַלטער שטאָט און האָט אָפּגעזוכט וואלקער דעם אַגענט ביי פרעגערן אין צימער — וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען ער קערט זיך איצט אום צו חנקען אַהיים און זאָגט איר דאָרט אויס אַלץ און הייבט אָן רעדן מיט איר אָפן, ווי מיט מלכן? וואָס וואָלט געווען, ווען דאָרט, ביי עזור ליובער אין הויז, קומט פּלוצים אַ קלונג דאָס טירער־גלעקל, און חנקע דערזעהט, אַז אַריינגעקומען איז נאָך אַ מאָל ער, חיים־משה? נאָר אַליין איז ער שוין געשטאַנען אויף דער אַלטער שטאָט, אין נידעריג־געבויטן אַכסניה־הויז אויף דער שוועל פון פרעגער דעם באַרוואַלטערס שמיר־וואַרנדיקן צימער און האָט געזעהן פאַר זיך ליידיגע און פולע פלעשער פון פאַרשיידענער גרייס. פלעשער־העלזלאַך שטעקן דאָ און דאָרט אָהן אַ סדר, ווי אין אַ טומלדיקן ווינשיינק, און צווישן זיי שאָקלען זיך די פאַר־רויטלטע און בלאַסע פּנימער פון די, וואָס טרינקען. איינער האָלט אַ גרויסע האַרמאָניע אויפן שויס, אַ צווייטער, אַ רירעוודיג, טפּסטער מיט זיינע לאַקירטע שטיוול, שרייט אָן אויפן לאַנגן, דעם שניידער־יונג, וואָס שטייט מיט טולדיגע פלוידער־אויגן ביי דער טיר; ער קלאַפּט מיטן צעכליובעטן קעלישיק אָן טיש:

— איז געגאַנגען און געבראַכט די די טינוף! די הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר, הונט איינער?

און יענער קראַצט זיך פויל אין אַקן און פאַרשווינדט.

חיים־משה האָט געפרעגט:

— און וואו איז דאָ זאַלקער? זאַלקער פון בעריזשינעץ?

האָט זיך פון בײַנקל אויפגעהייבן דער זעלבער קליינינטשקער מיט די איינגע לאַקירענע שטיוול, וואָס האָט נאָר וואָס געקלאַפּט מיטן קעלישיק אָן טיש.

— איך. וועגן אינוועטאַר מיט די מעדיקאַמענטן אפשר?

— יאָ, יאָ.

— איז אָט פּרעגער: דאָס מעקלערײַ — איין שנאַפּס, ווי איך בין אַ ייד — ביז איין פּרוטה. דערקט זיך ניט, פּאַני, זיבט... מיר זײַנען מענטשן פּשוטע. איר וועט פאַרזוכן אַ קאָטלעט?

און מע האָט אים גלייך אָנגעגאָסן עטיצנס אַ קעלישיק, וועלכן מע האָט פריהער אפילו ניט אויסגעשווענקט און זיך גענומען קלאַפּן מיט אים אין גלעזל.

— לחיים!

— פאַר אײַער געזונט.

— זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער פּײַנע און לײַטישע בעלי-בתים.

---

— טרינקט!

דער גלגול מיט דער צעפּלעטשטער נאָז האָט גלײַך באַמערקט, אַז דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרן ניט צו אים. ער האָט שטיל געגעבן אַ הוסט, אַ טאָפּ געטאָן מיט די לאַנגע פינגער די שיטערע האָר אונטערן מויל און האָט זיך אָפּגערוקט מיטן בײַנקל אַ ביסל ווײַטער פון טיש. ער האָט דערהילט, אַז ער גייט אָפּ איפן צווייטן פּלאַן. פּלוצים האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַלע טענער פון דער האַרמאָניעס געעפנטע קלאַווישן און האָט זיך אָפּגעהאַקט. דאָס האָט ער ארויסגעלאָזן פונם אינסטרומענט די לופט און איז אזוי געבליבן זיצן.

— איר זײַט דאָך עפּעס אַ רעוואָלוציאָנער, אַ?

— אַ רעוואָלוציאָנער?

הייב-משה האָט געמוזט אָפּטרינקען פון גלעזל; ער האָט זיך אומגעקוקט אויף פרעגערן.

— ניין. ער ווייסט ניט. אפשר אַ מאָל געוועזן...

— וואָס-זשע? איר שעמט זיך, פּאַני?

דאָס האָט זאַלקער אויסגעצויגן די פיס מיט די איינגע לאַקירענע שטיוול אונטערן טישל, זיי אויסגעצויגן אינגאַנצן אויף זייער גאָרער לייגג אין זיך פרייט פונאַנדערגעוואָרפן אויפן אָנלען פון בײַנקל.

— כע, כע!

„בײַ אים, זאַלקערן, איז אויך פאַראַן אַ יינגערער „בראַטאָק", אַ רעוואָלוציאָנער. דרייט זיך ארום די גאַנצע צײַט ערגיץ צווישן כערסאָן און ניקאָלאַיעוו. אַ „כוואַט" אַ בחור. באַגעגנט ער זיך מיט אים איין מאָל אין אָדעס, מיט אָט דעם בראַטאָק זײַנעם. פּשוט אויף דער גאַס באַגעגנט ער אים און זאָגט צו אים אַזוי:

— „וואָס-זשע הערט זיך עפּעס, יונה? — זאָגט ער צו אים.

— „וואָס זאָל זיך הערן, — ענטפערט יונה, — ס'וועט זײַן גוט.

— „ניין, ניט דאָס מיין איך, — זאָגט ער צו יונהן — ס'איז דאָך שוין אַ פּאָר יאָר אינגאַנצן שטיל בײַ אײַך.

— „האָב קיין יסורים ניט — ענטפערט יונה".

— „טאָ זעה, זשע — זאָגט ער צו יונה'ן — זעה-זשע, ס'זאָל די גבירים נאָך אַ מאָל אַ קיל טאָן אין פּופּיק. כע-כע-כע!"

ער האָט זיך ווידער צעלייגט אויפֿן ביינקל, אַזוי אַז זײַנע פֿיס אונטערן טיש האָבן זיך געגעבן אַ הייב־אויף אין דער לופֿט, און האָט זיך פֿריילעך פֿינאַנדערגעלאַכט אויפֿן קול. נאָר פֿרעגער האָט שוין אַפֿילו ניט געפֿילט די פֿאָר פֿליגן, וואָס ביי אים אויפֿן גלאַנציגן פליך און אויפֿן היכן שטערן. ער איז געווען ערנסט:

— וואָרט...

די אויגן זײַנען ביי אים געווען אָנגעגאָסן, די צונג — אַ ביסל געלעגערט, נאָר דער מוח האָט שנעל געאַרבעט. ער האָט געוואָלט רעדן... דריקן די פּענעמער צו דער נאָז און רעדן.

— ער וויל, ראשית־כּל, טרינקען לחיים פֿאַר חייב־משהן. ער גלויבט ניט קיין גע־לערנטע — זיי טראָגן צוויי פּאָר ברילן, דעמאָלט, ווען זיי קאָנען זיך באַגיין מיט איין פּאָר; זיי זײַנען מפֿהר אַ טרען מיט קיין טעמים. נאָר אַ טרען בלייבט אַ טרען. חיים־משה, אָבער, טראָגט בכלל ניט קיין בריל; ער, פֿרעגער, האָט עס שוין איין מאָל געזאָגט ביי בראָמ־בערגן אין הויז. אַזוי דאַכט זיך אים. און דערפֿאַר וויל ער אויסטרינקען פֿאַר אים. לחיים! מלך איז אויך געווען אַזעלכער. ער האָט זיך געפֿירט גלייך מיט אַלעמען — עליו השלום, מסתמא. ווען ער, פֿרעגער, איז נאָכגעגאַנגען נאָך מלכ׳ס לויה, האָט ער אַ טראַכט געגעבן: „געשיקט זיך, אַז אַ מענטש האָט קיין מאָל אין זײַן לעבן קיינעם ניט געוואָלט אָנ־שפּייען אין פּנים אַרײַן?״ נאָר אייב יאָ, איז ער, פֿרעגער, ניט מחויב זיך פֿאַר אים צו שפּייען. איז אַקעגן וואָס־ושע זאָגט ער עס?.. אַקעגן דעם, וואָס ער, פֿרעגער, האַלט ניט פֿון שלום: ער איז איין צד, און גאַנץ ריאַקציאָנער — אַ צווייטער צד. מע זאָל זאָגן זאַלקער. ער, פֿרע־גער, איז אַ רעוואָלוציאָנער, כאָטש ער האַלט אַ ביסל פֿון פּאַלעסטינע — ניט דערפֿאַר, וואָס ער איז, חלילה, אַ ציוניסט. נאָר פּשוט, ווײַל אין פּאַלעסטינע, גלייבט ער, קאָנען ניט אויס־וואַקסן אַזעלכע טאַטעס, ווי עוריאל פּיזונער. דאָס איז אַ ווידערנער קרעמער: יאָ ער, פֿרע־גער, זאָגט. „דאָלקי דאָרט ייִדנס פֿון די קרעמער״ נאָר עוריאל פּיזונער וויל ניט פֿאַרשטיי־הען פֿון זיך דאָס ייִדנס אין טראַוועס אַלע טרײַטאַג־צו־באַבעס טישן. ער טאָרבעט איין מאָל אים, פֿרעגערן, בײַ דעם ... אין בעט אים דאָרט געהר אײדיל, ער זאָל אויפֿהערן זיך באַגעגענען מיט זײַן טאָכטער. „מיתת — זאָגט ער — זי איז נאָך אַ יונג קינד, און איר אַנטויטט די אין אַ־ביגע אידעאַלן.״ — „אין וועלכע אידעאַלן?!״ — אַזוי שרייט ער דאָן אויס צו עוריאל פּיזונער — „איר האָט איר דען עפּעס געגעבן, אַ חוץ קנאַבל און ברויט?״

— מאָלאַדיעץ! אַזוי, — האָט פֿריילעך איבערגעלאָגן זאַלקער. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון האַלבן דרימל, אַ ציה געטאָן פֿרעגערן פֿאַרן אַרבל און געוואָלט קלאַפּן זיך מיט אים אין די גלעזלאַך:

— אין פּאַטיליצע אים, דעם ממזר!

ער האָט זיך געוואָלט קושן.

נאָר פֿרעגער האָט זיך צו אים ניט אומגעקוקט. ער האָט זיך אין דער געבראָכענער בלוזע אויפֿגעהויבן פֿון ביינקל און ער האָט אויסגעלאָזן:

— דערום זאָג איך: לחיים! זאָלן ברענגען אַלע ייִדענע קרעמער... זאָלן... נאָר פֿאַר וואָס וויל שוין אויסקויפֿן חייב־משהן?.. פֿאַר וואָס אײַלט ער אַזוי?... וואָס־ושע, זײַנע שיפֿן אויפֿן ים וועלן אונטערגיין?

— אָך יאָ, — חיים משה געבינט, אַז אין אַ געוויסער מאָס איז פֿרעגער טאַקע גע־ריכט, זײַנע שיפֿן אויפֿן ים וועלן ניט אונטערגיין...

ער קאָן דאָ נאָך אַ ביסל זיצן. ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אַז מלך וואָלט מיט פֿרע־גערן געוויס ניט מסכּים געווען. מלך וואָלט געזאָגט: „מע דאַרף אַראָפּציען פֿונעם ייִדנס דעם קרעמער.״ נאָר דאָס זײַנען קלייניגקייטן... דער עיקר איז, וואָס דאָ אין צימער איז הייס,

שטאַרק הייס — אַ הויכע אַטמאָספער... זי ווירקט. זאָל אים, חיים-משהן, ערלויבט זײַן, זיך נאָר איבערצוזעצן זײַן, נעהענטער צום אָפענעם פענסטער. ער האָט אויך איינינע טענית קעגן ראַקיטנע — אויך ער איז ניט מיט אַלץ צופרידן. ווי שטאַרק הערט זיך אַהער פון אַלע זײַטן דאָס ווימלען פונם ירידי! אָט למשל: ווען ער מיט פרעגערן לייגן זיך אַנידער אין איינעם אַ פריהמאָרגן אין שטאַרבן אַוועק, וואָלט מען זיי דאָ געלייגט אין עק בית-עולם בײַם פאַרקן. אין ראַקיטנע האָט מען אַזאַ טבע: מע לייגט יונגע לײַט אין עק בית-עולם בײַם פאַרקן. פאַרוואָס, למשל, האָט מען דאָרט געלייגט מלכן? ער, חיים-משה, הייבט עס ניט אָן צו פאַרטײַטשן. ער פרעגט זיך נאָך, נאָר דעם אמת קאָן ער בײַ קיינעם ניט דערגיין... און מעגליך, פינדעסטוועגן... מעגליך, אַז פון ראַקיטנע זאָל בלייבן ניט מער, ווי דער בית-עולם, און אויפן בית-עולם איז מלך דער עיקר — ער וואָלט דאָרט באַדאַרפט פאַרגע-מען דעם אויבן-אָן — דעם ערשטן פּלאַץ. איז אָט: להייבו... זאָל פרעגער מוחל זײַן, וואָס ער האָט זיך אַ ביסל פאַררעדט אין אַ זײַט... ער האָט להלוטין ניט געמיינט מיט דעם, ווי פרעגער זאָגט, „זיך אָנגעטאָן אין ברילן.“ ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אַן זײַנס אַ באַקאַנטן היכטאָרקער, וואָס איז איין מאָל אַרויפגעקומען אויף אַ בית-עולם און האָט זיך דאָרט געזעצט שרײַבן די געשיכטע פון דער נאָהענטער שטאָט. פאַר געשיכטע, מוז ער צוגעבן, זײַנען שטענדיג די טויטע לעבעדיג און די לעבעדיגע — טויט. — נאָר אייגנטליך האָט ער, חיים-משה, איצט געוואָלט עפּעס פרעגן בײַ אים, פרעגערן — ער האָט געוואָלט וויסן—ווער איז אַזוינס אָט די חוה פויזנער, וואָס גאַנץ ראַקיטנע האָט זי אין מויל? אים אינטערעסירט עס איבער געוויסע טעמים.

— ווער? חוה פויזנער? פרעגער קאָן עס אים זאָגן מיט גרויס פאַרגעניגן. דאָס איז אַ מענטש, וואָס וואָלט אַ בעלן זײַן גלײַכצײַטיג פליהען און גיין האַרט בײַ דער ערד. דאָס איז פערזענליך זײַנע, פרעגערס, אַ צרה. נאָר אַז ער וויל, איז דאָס ניט נאָר זײַן צרה, דאָס איז אַ צרה פון דער גאַנצער וועלט. זי איז געוואַקסן אין איר טאַטן. אַ מאָל האָט זי אים שטאַרק פײַנט געהאַט, דעם טאַטן, און איצט טוט זי אַלץ, וואָס ער הייסט. זי איז אין אים פאַר-ליבט... זי צעטלאַכט אַליין אַלע פריהמאָרגן פון זײַנטוועגן די אייער, זי באַזאָרגט זיי אים און כאַפּט מען איר ניט אָפּ, ביז וואַנען ער זעט זיי אײַנגעגעסן ניט אויס... זי האָט כלומרשט הרגה אויף אַלע אירע בײדלעגע זינד, נאָר אַז מען ווערט דאַרפן, ווערט זי אָנהייבן ווינדיגן באַנײַס אַ קאָן, נאָך מיט מער איבערגעט. נאָר וואָרט, זאָלקער!.. וואוהין? ! פון נאָר אַ קיקי-ווער קלאַפּט דאָרט פון יענער זײַט טיר?

---

איינע צווייטע מוכטן אַכסניה'דיגן חדר פון יענער זײַט טיר, האָט זיך שוין עטליכע מינוט צײַט געפונען לאַלקע — לאַלקע שנײַדער מיט לאַהקע דער שוואַרצער. לאַהקע די שוואַרצע איז געווען אײַנגעהילט אין איר מוטערס לאַנגען וואַרימען שאַל און האָט געוואַרן אָט דער ווערימדיגער-שנײַדער יונג האָט זי אָפּגענאַרט — ער האָט זי געהייסן אויסטענען זיך בײַם אַגענט, פאַרוואָס זי האָט ניט אײַנגעצאָלט פאַר איר מאַשין דאָס וואָכן-געלט אין דער צײַט, און האָט זי אַרײַנגעפירט אין אָט דעם ליידיגן אַכסניה'דיגן צימער. וואו ס'איז ניעט געשטאַנען גאָרניעט, אַחוץ אַ בעט מיט אַן אומריינעם מאַטראַץ. לאַהקע האָט באַלד בײַם אַרײַנקומען געוואָלט פאַרקערעווען און אַוועקגיין צוריק אַהיים. נאָר שאַלקע האָט איר אויף דער שוועל פאַרצוימט דעם וועג.

— וואוהין?

— לאָז!

— האָב צײַט!

לאהקע די שוואַרצע האָט מער פֿון שניידער-יונג קיין וואָרט ניט געוואָלט אויסרעדן. זי האָט אַראָפּגעצויגן די שאַל איבערן קאָפּ, אַזוי אַז פֿריי געבליבן זײַנען בײַ איר מער ניט ווי די נאָז, דאָס מויל און די אויגן, און האָט מיט שפּיצע פֿינגער קוים געצויגן אַרום-שפּאַנען איבערן גומער. דער עיקר איז בײַ איר איצט געווען ניט צו לאָזן אים אויף זיך קוקן. נאָר דער שניידער-יונג איז געבליבן רוהיג. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַרום-געווישט דעם שווייס פֿון אונטער דער סטופּרינקע און האָט גענומען פֿאַרדרייען אַ ציגאַר:

— אַ דו! סטערווע אײנע, אַנטלויפֿן?... נאָר דו גאָר אַנטלויפֿן? און פֿון ברילן, פֿונם סטודענטיק פֿון דײַנעם, ביסטו אויך אַזוי גיך אַנטלאָפֿן?...

דעמאָלט האָט לאהקע שוין מער ווידן אָנגעהויבן — זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלײַך צו דער זײַטיגער טיר פֿונם צווייטן חדר, פֿון וואַנען ס'הערט זיך רעדן, און האָט גענומען אין איר מיט אַלע כּחות קלאַפּן. נאָר שאולקע האָט ניט דערלאָזט. טוענדיג אַ וואָרף אָפּ פֿון זיך דאָס היטל מיטן ציגאַר, וואָס ער האָט גענומען דרייען, האָט ער זיך גלײַך אַ יאָג געטאָן אויף איר און האָט זי אַ כאַפּ געגעבן פֿון הינטן אַרום דער טאַליע:

— קום אַוועק, זאָג איך דיר!

— איכ'ל ניט גיין.

— קום, זאָג איך!...

לאהקע האָט ניט געפֿאָלגט. דעמאָלט האָט זיך בײַם שניידער-יונג מיט אַ מאָל דאָס פּנים מיט די אויגן מיט רויטן אָנגעגאָסן. ער האָט זי געגעבן אַ טלעפּ אָפּ פֿון טיר, צוגעדריקט זי צום בויך און צו דער ברוסט און זי אונטערגעהויבן. ער האָט זי אַזוי גענומען טראָגן צוריקצו-וועגנס צום בעט מיטן ברודיגן מאַטראַץ. נאָר אײבן וועג האָט זי זיך געגעבן צו אים אַ דריי איבער אויג צו אויג און מויל צו מויל. דעמאָלט האָט ער זי אַ הויב געטאָן העכער; ער האָט זי אַנידערגעוואָרפֿן מיט די פּלייצעס אויבן בעט און אָנגעלייגט זיך אויף איר מיט זײַן גאַנצער וואָג. אירע הענט זײַנען געווען שטײַף און בויגיג, ווי רעכאָרן. ער האָט נאָך מער אָנגעלייגט זיך אויף זי. בײַ אים האָט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם:

— אַ — זעה נאָר אַ מאָרדימשקע, אַ פֿאַכטע! און שמעקט אַזוי אַז דעם סטודענטיק ברילס שמעקאַכצן?

זײַנע אויגן האָבן געקוקט, ווי געשווינד זי דרייט אַהין און צוריק מיטן פּנים, זי לאָזט ניט, ער זאָל באַקן מיט די ליפּן איר מויל. זי טוט זיך אַ וואָרף אונטער און גראָבט אײַן די פֿײַן טיף טיף אין זײַן לינקען אַקסל. און פּלוצים הויבט זיך אָן שפּענען פֿון הינטן דאָס טירל צו פֿרעגערן אין חדר...

---

חיים-משה איז שוין דאָרט אין צימער ניט געווען. ער האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן זאַלקערן אַלע חשבונות פֿונם איבייענאָר מיט די מעדיקאַמענטן און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד. דער גלגול מיט די שיסערע האָר אונטערן מויל איז שוין ווידער געזעסן איבערגעבויגן איבער דער בעבייגיגער האַרמאָניע און האָט געפּאַכעט און געכאַרכלט צוזאַמען מיט אַלע קורץ-אָטעמדיגע און לאַנג-אויסגעצויגענע טענער. פֿריגער איז געלעגן אויפֿן האַרטן סאָפֿקעלע מיט ביידע עלנבויגנס אונטערן קאָפּ און האָט פֿאַרטראַכטערהייט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פֿון דעם, וואָס ס'איז הײַנט פֿאָרגעקומען—אים איז הײַנט, נאָך

לאַנגען פֿאַרשווייגן, אויסגעקומען נאָך אַ מאָל צו רעדן וועגן חיה פּויגער. ער האָט זיך געפֿילט אינגאַנצן איבערגעריסן פֿון מיר. אין איין ציטער אַרײַן האָט זיך שוין פֿון דרויסן געפֿילט דער נאָהענטער פֿאַרנאַכט, די זון, וואָס האָט בײַ זעגן זיך, אין דער ערשטער יריד-טאָג, וואָס האָט שוין אָפּגעפֿרימט און האָט פֿײַ גיסן — פֿורן צעפֿאָרן זיך שוין מן הסתם מיט די וועגן אין אַלע עקן שטאָט, לויפֿן אַזוי, אײַלן, און חזירים קוויטשען — ליגן אַזוי געבונדענערהייט אין די אויפֿקלויפּנדיקע וועגן און קוויטשען; ערגיץ קלאַפּט מען אין אַ בובן — אַ גוישע חאַסלירע דאָרט, בײַ גלאָז אַזוי: שקצים זײַנען שיכור, שיקסעס טאַנצן. זאַלקער, וואָס איז איינער אַליין געבליבן בײַם טיש מיט די ליידיקע און האַלב פֿולע פֿלעשער, האָט גענומען האַלב שכּורהייט רוסן זיך און צווייטן צימער שאולקען מיט לאָזקע דער וואַרצער. דעמאָלט האָט זיך פּרעגער אויסגעוויבן פֿון סאַמקעלע, זיך אָנגעטאָן און איז מיט זײַן האַלב-ניכטערן, האַלב-אויסגעדרייטן צושטאַנד אַוועקגעגאַנגען בלאָנקען אַהין שוין גיל איבערן יריד. דער הײַנטיקער יריד-טאָג איז מער אים פֿון אַלע יאָר געווען אַ מאָדנע — אין הײַנטיקן יריד-טאָג האָט ער געקענט ניין איבער פֿאַרשיידענע מערק און זעהן, ווי זײַנע תלמידים, זײַנע תלמוד-תורה-יינגלאַך, שטייען דאָ און דאָרט אונטער די ביידלאַך און העלפֿן לייזן די פֿאַרשוויצטע קרעמער—סאָסעס. זיי האָבן אים ליב, אָט די קינדער זײַנע.

— המורה, שרײַען זיי צו אים פֿון אַלע זײַטן פֿון הינטער די ביידלאַך — און זײַנען גליקליך, און זיי לאַכן.

און פֿאַרנאַכט, אַז ער גייט דורך די ליידיק געוואָרענע מערק, זעט ער ווי ווידער אַמאָל, אָט די קינדער-תלמידים זײַנע. זיי האַלטן דעמאָלט אין איין שאַרן צווישן פֿאַרשיידנפֿאַרביקן פּאַפּיר און צעבראָכענע קעסטעלאַך, וואָס בלײַבן נאָך די שטעלן — אין איין שאַרן און זוכן, און איין שאַרן און זוכן.

XVIII.

ס'איז געווען דינסטאָג פֿאַרנאַכט, ווען די לעצטע יריד-פֿורן זײַנען זיך צעפֿאָרן, ווען אין די פּוסטווערנדיקע מערק בויגן זיך קינדער שאַרן און זוכן צווישן צעבראָכענע קעסטלאַך און פֿיל-פֿאַרביקן פּאַפּיר.

אין שטאָט דרייט זיך דאָן אַרום אַ שפּאָגל-נײַער בלאַסקענדיקער פֿאַעטאָן, אַ טיפֿער, אַ בכבודיק-שווערער, אויף גומענע רעדער, מיט ווייכע רעסאָרן און מיט אַ הויכן און ווייכן בלאָ-קאַוטשוקעם אַנשפּאַר, וואָס באַשטייט פֿון געהעפֿטע פֿיר-עקיגע קישעלאַך—שטאַרקע פֿערד מיט פֿריילעך-געבויגענע העלזער לויפֿן מיט אים יונג איבער די גאַסן, טלאָהען מופֿען, רעסאָרן וויגן זיך און ברומען; שנעל-רירעוודיגע רעדער-שפּיצן דרייען דעם פֿאַרבײַלויפֿנדיקן בלאַסק פֿון פֿאַרגייענדיקער זון, און דער פֿורמאַן איז יאַן — דעמאָלט בעריזשינעצערס יאַן — ער טראָגט אַ געקנייטשט סיראָמען היטל מיט מעשענע קנעפּ אינם לאַנגען בורנעס און די בייטש האַלט ער, ווי גאָר די גרויסע פֿורמאַנס.

ס'איז בכלל אַ ביסל קשה: צוליב וואָס, אַ שטייגער, דרייט ער זיך אַרום גאַנצע שעהן איבער ראַקיטנע?

נאָר אויף מאָרגן פֿאַרנאַכט באַווייזט ער זיך דאָ ווידער; ווידער יאָגט ער פֿריילעך אַרום אַהין און צוריק איבער די גאַסן — צי הייסט עס ניט, אַז פֿאַר אָט די שטאַרקע שוואַרצע פֿערד איז אַ פּאַרטיון פֿון בעריזשינעץ קיין ראַקיטנע גאָרנישט ניט ווערט? צי אפֿשר איז אָט דער שפּאָגל-נײַער שפּאַן מיט עפּעס גייט צוגעבונדן געוואָרן צו ראַקיטנע? — שטאָט איז נײַגעריג; זי וויל וויסן.

איצט זיצן אייפן פאַטשאָן דעסלער מיט חיה פויזנער: דעסלער—אין זײַן האַרטן ברוינעם הוט מיטן קאָפּ אַ ביסל אין אַ זײַט, און חיה פויזנער—אין אַ ווײַס דעקאָלטירט באַטיסטן קלייד מיט הוילן קאָפּ, מיט אנטפּלעקטן שמייכלענדיגן פּנים אַקעגן פליהענדיגער לופט און מיט גלאַט-געקעמטע, קוים געגרייזלטע האָר, וואָס הויבן זיך אין ציטערן אויף בײַ יעדער קילן בלאָז פון שוואַכן ווינט.

ווײַבער קוקן אויף איר פון יעדער געגענטער טיר; ווײַבער שמועסן, אַז זי איז שוין רעכט שיין, אָט די חוה פויזנער:

— אַ מלכות׳דיגע צורה.

— און בכלל...

— וואָס-זשע דען?

— מע האָט דען פריהער ניט געוואוסט, אַז ס׳איז קינדערשע זאַכן; זי האָט זיך כּמעט דאָ אַרומגעשלעפּט מיט פּרעגערן; זי האָט זיך סוף-כּל-סוף באַטראַכט און איז געקומען צום שכל.

און געזעהן איז גראַד טונקלדיג — אַ האַלב-פאַרכמאַרעטער שעמעוודיגער דרויסן.

קורצע פאַרוומפּעגע קנאַלן הערן זיך צו בין-השמשות צו פון לינקען ווייט-פאַרשוואַרצטן הימל-ווינקל—אָפּגעריסענע און ווייטע קנאַלן, אזוי אַז מע קאָן ניט וויסן, צי דאָס דונערט, צי דאָס לערנט מען זיך שיסן ערגיץ אינס זומערדיגן לאַגער, ווייט אַרום בעריזשיצען. זומערדיגער גליווער. מע ווייסט ניט—אָדער ס׳וועט גיין אַ רעגן אָדער נײן. ס׳שמעקט מיט פייכטער גראָז, און דער בלאַסקנדיגער פאַטשאָן האַלט זיך אַלץ אין איין אַרומקוקן — טראָגט זײַן שטילן רעסאַרנדיגן מורמל באַרג אַראָפּ, אויף דער אַלטער שטאָט. וואָס האָבן דאַרט דעסלער מיט חוה פויזנער צו טון? זיי באַלידיגן דאָרט ניט קיין איין קלײן און ניט-טיג הינטערגעסל און אַפילו דאָס געסל, וואו ס׳געפינט זיך זײַנוול פּאַטשטערס אַבסנית׳דיגלאַנג אונטערהויז און וואו ס׳וואוינט פּרעגער — דער פאַרוואַלטער פּרעגער. ווען זיי פאָרן עס אַדורך, אָט דאָס געסל, האַלט חוה פויזנער פּונקט און מיטן דערציילן עפּעס דעסלערן, פּונקט אין מיטן לאַכן אויפן קול. און אויך דעסלער שמייכלט; ער טוט איר אויף אזוי פיל צו ליב און הויבט אָן מיט חסד צו שמייכלען.

---

איז אָט. אין יענעם זעלבן פאַרנאַכט שיקט מען עס רופן עוריאל פויזנער פון קלייט אַהיים. מע זאָגט אים, אַז זײַן פרוי רופט אים:

— זי דאַרף אים עפּעס זאָגן.

פויל אזוי גיט מען עס אים איבער אין פייל לאָזט ער זיך אַהיים גיין; טרעפט די פרוי איינע אליין אין עס-צימער אין אַ מאָרנע איילנדיג בעל-הבית׳עווען איצט צו פאַרנאַכט צו און בלײַבט שטיין אַ ביסל אָן אַ זײַט, בלײַבט מיט קאַלטער וואַכענדיגקייט אין די אַקסלען, מיט געלאַסענעם וואַרטן און קורצזיכטיגן בליק און מיט פאַמעלאַכער האַנט, וואָס גלעט די באָרד, ווי זײַן טבע איז, אַרונטער צום האַלז צו:

— נו?

— גאָרניט. וואָס זאָל זײַן?

און ווינקען ווינקט זי אהין, צום ווייטליכן צימער, וואו ס׳געפינען זיך איצט חיה מיט דעסלערן.

— איז זי פריהער אַ ביסל אַרויסגעגאַנגען, חוה, און האָט געוואָלט, אַז מע דאַרף עפּעס צוגרייטן: „היינט אין אָוונט, זאָגט זי, וועט זײַן דאָס קנס-מאַל“.

— אזוי ?...

און ווידער געבליבן אזוי שטיין מיט וואָכעדיגקייט אין קיל און אין קורצזיכטיגן בליק, געגלעט פּאַמעלאַך און פויל די באָרד ארונטער צום האַלז צו. נאָר פּלוצים דערזעהן, ווי די פרוי נעמט אויף גיך פאַרשפּרייטן אַ ניי-געפּרעסטן ווייסן סערוועט אויפן צערוקטן טיש, און מלמדיש אָנגענומען דעם סערוועט פאַר די געבליבענע פרייע צוויי עקן — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער געהאַלטן דער פרוי פאַרשפּרייטן דעם טיש מיט אַ ווייסן טערוועט. ווי אויף צו להכעיס איז די דינסט ניט געווען אין דער היים—זי איז נאָך ביי־טאָג אויסגעפּוצטערהייט אוועקגעגאַנגען צו אירע קרובים אויף דער אלטער שטאָט. מע האָט אוועקגעשיקט דעם קליינעם לייזערן זי זוכן.

עזריאל פויזנער איז אריינגעקומען אין שלאָף-צימער. ער האָט ארויסגערוקט די שבתדיגע שיך פון אונטערן בעט, זיך צוגעזעצט און גענומען אויף זיי פאַרטראַכט קוקן, נאָר געטראַכט האָט ער ניט וועגן זיי, נאָר וועגן זיך, וועגן דעסלערן און וועגן שידוך, וואָס ער מאַכט.

— עו איז רייך, דעסלער—שטאַרק רייך.. דעם שידוך מיט דעסלער מיט חוה'ן, און מער ניט מיט קיינעם.

אויב ער, עזריאל פויזנער מיט דער פרוי, וועלן זיך איצט נעמען שטאַרק אויספּוצן, וועט עס הייסן, אַז זיי זיינען פון דער הינטער-גאַס, איינגעקומענע זיינען זיי... קליי-בינקע...

אז די פרוי איז אריינגעקומען זיך איבערכטון, האָט זי אים נאָך געטראָגן אזוי זיצן.

— כ'מיין, מע דאַרף גאָרניט, — האָט ער אויסגעהאַלטן, ווי פון אונטער דער נאָז, צו דער פרוי אַ זאָג געטאָן. — ט'מעג זיין אזוי...

— אַ? — האָט די פרוי אין וואַרטעניש איבערגעפרעגט.

און געבליבן איז, אז מע וועט זיך ניט איבערטון — מע בלייבט אין דעם, וואָס מע טראָגט.

מע האָט זיך אומגעקערט צוריק אין עס-צימער און געהאַלפן דער פריש געקומענער דינסט דעם גרויסן לאָמפּ אָנצינדן. נאָר איז עק עס-צימער ביים אריינגאַנג איז שוין גע-שטאַנען דער שמש פון דער נאָהענטער שיל — א קליין יידל אַ קאַרליק, וואָס איז אין דער וואָכן אַ קירזשנער און האָט דערפאַר תמיד כינט-שוואַרצע הענט. אָט דער שטייפער רי-רעוודיגער קאַרליק האָט שוין ערגיץ אָנגעשמעקט וועגן דער שמחה, אָנגעשמעקט געשווינד, ווי אַ קברות-מאַן שמעקט אָן אַ מת. ער איז געקומען מיט אַ גרייט צעטל פון אלע פויז-נערס גוטע פריינט. נאָר עזריאל פויזנער האָט אים אינגאַנצן דאָס צעטל אויסגעמעקט אין האָט אים געהייסן רופן ניט מער, ווי דעם חזן, דעם רב און נאָך איינעם עפּעס אַן אלטן אָרימען קרוב זיינעם, וואָס וואוינט אויף דער אלטער שטאָט. ער האָט נאָכדעם צוריקגע-רופן דעם שמש נאָך אַ מאָל און האָט ביי אים געפרעגט, צי אויף אַ קנס-מאַל מוז מען רופן דעם שוחט אויך — ער איז, אַ פּנים, דאָך געווען אַ ביסל צעטראָגן, עזריאל פויזנער. פונקט איצט, אינם דאָזיגן מאָמענט, האָט ער פאַרגעסן, צי ס'איז אַ מוז-זאַך און צי אויף אַ קנס-מאל מוז מען רופן דעם שוחט אויך.

---

אויפן ווייס געשפּרייטן טיש, צווישן אַ פּאָר בלומען מיט הויכע גלעזערנע כיבוד-קלאַשן, האָבן געברענט ליכט—העלע לוסטיגע ליכט; געשטאַנען אזוי אין זילבערנע רערן-לייכטער און געציטערט צנועה'דיג מיט פולע יום-טוב'דיגע פלעמלאַך.

אין מריב-און- אריום איז געווען וואך גרויער ווארבאריגער איינג נאך ליאנבען יאר-יריד.

עזריאל פויגנער, אין וואלעדיגן ליסכריבענעם בורדעם, האט ניט פאררואגם קיין איין איינציג וואָרט, מיט וועלכן ער וואלט זיך איבט קאָנען ווענדן צום ווינושעגער דעסלער; געזעסן אויבן-אן, ווי מיט גווואלד, געקאָוילעט אויף זיך די קנעפלאך, און אז עמיצער האט א זאָג געטאָן:

— מחותן! —

האט ער געדאכט, אז דאָס רופט מען ניט אים, נאָר עמיצן א צווייטן, א סך און על-כערן און בכבודיגערן. וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן, לאַנג אוועק און פארשוואונדן פון דער וועלט.

חיה פויגנער איז אויך געווען אָנגעטאָן אינם זעלבן גלאַטן ווייס-באַטיסטענעם קלייד, אין וועלכן זי איז א גאַנצן פאַרנאַכט אריבערגעפאָרן מיט דעסלערן איבער דער שטאָט; זי איז ווי א פאַרגאָסענע געזעסן ביי דער ווייט ווייט פונם מיט אויפן קליינעם קורצן מאַנ-קעלע און האט געהאט אוא גלייכגילטיגן אויסזעהן, גלייך אַז דאָס קנס-מאָל לעבט זי אי-איבער דאָס צעהנטע מאָל אין משך פון איר לעבן: ס'איז נמאס, און זי וויל, ס'זאָל זיין וואָס גיכער ענדיגן.

דערפאַר, וואָס דעסלער איגגט נייעס ווייס-רעקל און מיטן ווייסן טיף-אויסגעשניטע-נעם האַרץ, איז געזעסן ביים-מיט אתן א היטל און. האט געפּרעדט רוסיש, האָבן זיך דער רב, דער שוחט און דער חזן געהאַלטן אין הערט, געזעסן אין איין שורה און אין אלץ, ווי מאַלפעס, נאָכגעטאָן איינער דעם צווייטן. זיי האָבן דערבאַר אויסגעזעהן, ווי סטאַטיסטן אין געליגענע קאָפּאָטעט מיט צוגעקלעפּטע בערד. זיי האָבן געמאַכט איבעריגע לעפישע באַוועגונגען אין ניט געוואוסט וואָס צו נעמען זיך דער פיי. סוף-כל-סוף האָבן זיי זיך אהן שום ווייטיגער איניציאַטיוו איבערגעזעצט צום קליינעם ווייס-פאַרשפרייטן טישל און ביי דער שיין פונם איין-און-איינציגן ליכט אלע אינאיינעם גענומען שרייבן די תנאים — גלייך אויף אָט דער אַרבעט איז קאַרג איינער. און נאָך דער אָרימער קרוב פויגנערס, דער גרייז-גראָהער ייד פון דער אַלטער שטאָט, איז, ווי פריהער, רוהיג געבליבן זיצן אין עק טיש. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א נייעם סאַמעטענעם קאַשקעט, מיט א גאַרטל אויף דער אַלטער אבלעסנער קאַפּאָטע, און זיין פּנים מיט דער היפשער גראָהער זקנה האָבן זיך גע-דאַכט, ווי פריש פון מרחק. — ער האָט צוגערוקט צו זיך איינעם א דריי-רערנדיגן לייכטער און זיך ערנסט אָנגעבויגן איבער זיין אלטן היפּשן ספרל און געהאַלטן אין איין ערנסטן זאָגן, אין איין זיכן וואַרטן, צי אויף עולם-הבא, צי אויף די געשמאַקע מאכלים, וואָס ער וועט היינט אין אוונט עסן. באַלד האָט זיך דערהערט א ריף פונם קליינעם זייטיגן טישל, וואו מע שרייבט די תנאים.

— מחותן!

האָט עזריאל פויגנער געצווונגען אהין צוגיין, געמוזט היסן אונטערשרייבן אלץ, וואָס גע-הויבענע מחותנים שטעלן אין די תנאים אריין, און, אז ס'איז געקומען צום אָרט, וואו מע דאַרף אונטערשרייבן דעם חתן, האָט קיינער ניט געוואוסט, ווי אזוי זיין פאָטער הייסט — אלע האָבן געוואוסט, אז ער וואוינט אין דער ווייטער גרויסער שטאָט, ער איז דער רייכ-סטער בעל-טאַקסע אויף גאָר דער וועלט, נאָר ווי אזוי מען רופט אים ביים נאָמען, האָט קיינער קיין מאָל ניט געהערט; מע האָט געמוזט אלץ וואַרטן רויק אין מיקוקן, ווי דער ספק ניט צו צי דעסלערן אין פרעגט עס ביי אים, — ביים חתן אליין. פלוצים האָט מען צווישן די געזעסענע רעגנבאָגן ... פון עס-צימער אין קאָרידאָר אריין און פון

דאָרט ווײַטער — אין קיך אַרײַן. זי האָט זיך דאָרט אָפּגעזאַמט סך הכל אַ פּאָר געציילטע מינוטן, נאָר אַז זי איז נאָכדעם אַרײַנגעקומען צוריק, האָט בײַ איר פֿון גרויס כעס געברענט דאָס פּנים, און איינער אַ מויל-ווינקל האָט בײַ איר עטליכע מאָל אַ ציטער געטאָן די אונטער-שטע ליפּ. איר איז פֿון קיך נאָכגעגאַנגען די מומער און האָט בײַ איר עפּעס געפֿרעגט, נאָר זי האָט ניט געקאָנט רעדן.

— Как нахально и грубо — האָט זי געזאָגט, — זי האָט זיך קיין מאָל ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַ מענטש איז פֿעהיג אויף אַזעלכע מיאוסע גראָבע טריט.

---

נאָכדעם האָט מען געשמועסט אין שטאָט:

ארים איינס אַ זייגער בײַנאַכט נאָך תנאים-לייענען און נאָך טעלער ברעכן איז מיט אַמאָל געוואָרן פֿריילעך בײַ פֿויגנערן אין הויז. געקומען זײַנען אַהין אָפּגעבן מזל-טוב די מאַדאַם בראַמבערג מיט דער נײַער ראַבינערשע און מיט נאָך איינציגע נאָהענטע מענטשן: מע האָט דאָרט כלומרשט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט. און פֿריִער אַ ביסל איז אַהין אויף דער הינטער טיר כלומרשט אַרײַנגעקומען איינער אַ מענטש — ער איז אַרײַנגעקומען אויף דער קיך און האָט זיך דערפֿרעגט בײַ דער דינסט:

— ס'איז ריכטיג? — ס'קומען טאַקע פֿאַר תנאים בײַ חוה פֿויגנער מיט דעס-לערן?

קײַנער האָט ניט געוואָלט אָנרופֿן אָט דעם מענטשן בײַם נאָמען, און אַלע זײַנען דאָך אויף מאָרגן נאָכן קנס-מאָל מיט גרויס אינטערעס געלאָפֿן צו דער טיר אַ קוק טאָן אויפֿן דורכגייענדיגן פּאַרוואַלטער פֿרעגער. דאָס האָט געקאָנט זײַן פּשוט דערפֿאַר, וואָס אַלע דאָ אין שטאָט זײַנען אים געווען שונאים — מיט דרײַ פֿערטל שטאָט איז ער געווען צעקריגט. פֿרעגער אַליין אָבער איז געווען רוהיג און קאַלט. אַך, יאָ — ווען ער זאָל געוואָלט וועלן דערלאָזן, ס'זאָל אים אָנגיין כאָטש אַ האַלב פֿון דעם, וואָס ראַקיטנע ווינשט אים, וואָלט שוין לאַנג געווען געבליבן פֿון אים ניט מער ווי אַ ביסל אַש און שטויב. ער האָט נאָר מיט אַ מאָל אָנגעוואוירן זײַן גאַנצן אימפּעט בנוגע צו חייקע דער דינסט. ער איז מער ניט געגאַנגען צו איר הינטערן אײַנפֿאָרהויז. אים האָט ניט געאַרט, ס'זאָל דאָרט מיט איר גאַנצע פּאַרנאַכטן אָפּשטיין יוסל דער קלייט-משרת. אדרבא, אויף דעם דאָזיגן געביט האָט ער איר געוואונשן אַלדעס גוטס, אָט דער חייקען.

אַליין האָט ער זיך צו מאָרגנס נאָכן קנס-מאָל, ווי אַ געזעצטער באַיאָרסטער מענטש, באַוויזן אין שטאָט אין זײַן וואַרימען ברוינעם בורנעס. נאָר אויך דאָס האָט געקאָנט זײַן פּשוט דערפֿאַר, וואָס אין שטוב איז אים זיך שווער געזעסן, און אין דרויסן איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווינטיג און עסעריג-קיל, גלײַך דער זומער האָט זיך שוין אינגאַנצן געפּעלט און ס'גייט אַ ביטערע בײַט — ס'גייט ווינטער אויף דער וועלט. פֿרעגער האָט דעם גאַנצן בײַטאָג פֿאַרבראַכט בײַ בראָמבערגן אין הויז און האָט דאָרט גערעדט, אַ סך גערעדט. דער-נאָך האָט ער זיך באַגעגנט אין גאַס מיט הייב-משהן און האָט מיט אים באַנײַט פֿאַרפֿירט אַ שמועס:

— צי דאַכט זיך ניט אויך הייב-משהן, אַז די שטאָט האָט אַ גאַנצע נאַכט געהוליעט ערגיץ אויף אַ שמחה און איז נאָכדעם געשלאָפֿן שפּעט אויפֿן טאָג? ער, פֿרעגער, האָט איצט יעדנפֿאַלס אַזאַ באַגריף — וואָס ער באַגעגנט ניט מענטשן, געבן זיי; געגעמען גרויסע מײַלער און געניצן... נאָר אָט, ווי געפֿעלט עס הייב-משהן? הײַנטיגע נאַכט איז ווירקליך אין שטאָט עפּעס פֿאָרגעקומען — הײַנט בײַנאַכט איז חוה פֿויגנער אָפֿיציעל אַ כלה געוואָרן פֿאַר דעס-

לערן פון בעריזשינען... פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ — היינטיגע נאַכט האָט דער רוח חתונה געהאַט מיטן טײַוול.

פרעגער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַזאַ הנאה און מיט אַזעלכע פונאַנדערגעטרייסלטע אַקסלען, אַז די פענסטער האָט זיך אים כמעט אײַנגעגאַנגען פון דער נאָז אַראָפּגערוקט, און ער האָט זי געמוזט אונטערכאַפּן מיט ביידע הענט.

— ניין, ער זאָגט עס ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

ער האָט זיך פאַמעלעך געלאָזט גיין אין איין שורה מיט חיים־משהן און אַ ביסל אַראָפּ מיט דער גאַס צום ברייטן האַלב־קײַלעכיגן מאַרק צו:

— דער עיקר איז, וואָס אַט דער דעסלער איז טאַקע ווירקלעך אַ טײַוול — ער האָט זייער ווייניג ענלעכקייט צו אַ מענטשן, כאָטש ער איז אַן אײַנזשענער — ער שפּיט קײַלעכיג.

צוריק מיט אַ יאָר פיר, ווען ער איז אַהער אַראָפּגעקומען און האָט געקראָגן אַ חלק אין די ריסניצער סאָרף־זומפּן, האָט ער אָנגעטאָן לאַנגע קטיוול און האָט צוויי וואָכן צײַט אַרומגעשפּאַנט איבער די זומפּן — ער מיט יאַנען, דעם געטרײַען גוי, וואָס ער האָט מיט זיך אַראָפּגעבראַכט. און באַוועצט האָט ער זיך נאָכדעם אין בעריזשינען ניט ביי אַ ייִדן, נאָר ביי אַ גוי — ביים וועג־בייסטערס אַלמנה אין אַ האַלבער ווײַס שטיבל, און האָט דאָרט אַ גאַנצן אָנהייב ווינטער אַרומגעשפּאַנט אינם לאַנגען גראָמען כאַלאַט און אין די ווייכע שטוב־פּאַנטאָפֿלעס.

— יאַן! — האָט ער גערופן זײַן געטרייען גוי דורכן פענסטער, — יאַן!

און אַז יאַן איז אַרײַנגעקומען, האָט ער אים געהייסן אַ קוק טון אויפן זייגער:

— דו וועסט אַרײַנקומען צו מיר פּונקט אין זיבן־און־פערציג מינוט אַרום, — פאַרשטאַנען?

— Так точно, האָט געענטפערט יאַן.

און ער איז אַרײַנגעקומען פּונקט אין זיבן און פערציג מינוט אַרום — געזעסן אין דרויסן אויף דער פריזבע מיטן סאָלדאַטן־זייגער אין האַנט און אַכטונג געגעבן, ער זאָל ניט פאַרשפּעטיגן אויף קיין סעקונדע.

דאָס האָט דעסלער אויסגעמוסטרט זײַן גוי — יאַנען. אַז ער פאָרט אין קרייז־שטאָט, דעסלער, פאַרגעסט ער ניט בריינגען פון דאָרט אַ פּאָר שפּיי־טעפּלאַך — ער שטעלט אַוועק די שפּיי־טעפּלאַך אין קאָרידאָר צווישן זײַן האַלב און צווישן דער האַלב, וואו ס'וואוינט דעם וועג־מײַסטערס אַלמנה, און לערנט די גויה אַ גאַנצן ווינטער, אַז זי מיט די קינדער דאַרפן שפּײַען ניט אויף דער הילצער פּאָדלאָגע, נאָר אין די טעפּלאַך — פּונקט אין די טעפּלאַך. דערנאָך קומט דער זומער, און ביי אים אין בעריזשינען ווערט פאַרטיג זײַן נײַער גרויסער בראַוואַר. אַלע פרייטאָג־מאָרגן גייט ער אַהין אויסגעפּוצט אין זײַן נײַעם פּאַלטאָ, אין די הענטשקעס און אינם האַרטן ברייטן הוט, ווי אויף אַ ברית. און אַז אַ ייִד אַ מעקלער גייט אים דעמאָלט נאָך מיט אַ פראַגע געריסן אין האַנט, קוקט ער זיך ניט אום און ענטפערט ניט קיין וואָרט. ער פאַרקרימט נאָר אַ ביסל דאָס מויל און שפּאַנט אַוועק ווייטער.

הייסן הייסט עס:

— „אין קאָנטאָר בין איך פאַר אייך אַ סוחר און אין גאַס — קיין מחותן ניט“.

ער זאָגט עלטערע ייִדן „דו“.

אין אין בראַוואַר דאָרט ביי אים, בעת ער קומט אַרײַן — אַ בית עולם: שטאַרק שטיל. זאָגט קער דער אָנגעבּ איז דאָרט איין מאָל געווען, דערציילט ער, אַז פליעשער ציטערן. און די שליסלען פאַרגליווערט ער דאָרט נאָר יאַנען דעם גוי, און מער קיינעם.

קומט ער איין מאָל אין אַ הייסן זומערדיגן בייטאָג אַהין צו זיך אין קאָנטאָר,

דעסלער, און טרעפט דאָרט דעם בוכהאַלטער — פרויקע נעכעס, בעת ער זיצט איבער די ביכער אָהנ׳ם רעקל, אין די ווייַסע אַרבל זיצט ער, און ארום שטייען עטליכע קונים און ווארטן — ער גיט זיי ארויס חשבונות. דעסלער זאָגט דעם בוכהאַלטער גאָרנישט. ער גייט אַרייַן גלייַך אין זיין באַזונדער צימער. נאָר אַ ביסל שפּעטער שיקט ער דעם בוכהאלטער אַרייַנרופן און זאָגט אים, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג.

— איר הערט, וואָס מע רעדט צו אייַך? — זאָגט ער, — נעמט אייך דעם וועג!

ער שרייבט באלד אָן א בריוו און שיקט אוועק יאַנען אין קרייז-שטאָט נאָך אַן אַנדער בוכהאלטער. דער בוכהאַלטער שטייט. ער וויל וויסן פאַר וואָס? ער וויל עפּעס זאָגן.

נאָר דעסלער וויל ניט הערן.

— קיינע טענות.

בייַ אים אין קאנטאר, הייסט עס, איז ניט קיין בית-מדרש, וואו מע שפרייט זיך פונאנדער אין די ווייַסע ארבל.

דער בוכהאַלטער האַלט אויס דאָ אין ראַקיטנע א מוטער אן אלמנה — אירע קלענערע יינגלאך לערנען אלע בייַ אים, פרעגערן, אין תלמוד-תורה, גיים זי אריין צו אלע אָנגעזעהענע מענשן און וויינט:

— אַז וויי און ווינד איז מיר — מיין פרויקע איז דאָך שוין פרייַ... ער גייט שוין ווידער אַרום מיטן בייטשל...

נאָר קיינער קאָן איר מיט גאָר ניט העלפן — דעסלער האלט ניט פון קיינעם. דעמאָלט נעמט אויף זיך די זאַך חוה פויזנער. זי געפינט זיך פונקט אין אזא צייַט, ווען זי איז געוואָרן לייַטיש און טוט טובות א סך אָרימע מענשן. זי דינגט דעם שענסטן פאַעטאָן אין ראַקיטנע און פאָרט אוועק גלייַך צו דעסלערן אין בראָוואר; זי פארבריינגט מיט אים אַ שעה צייַט אין קאנטאר און פועלט בייַ אים. זי מאַכט אים שמייכלדיג:

— „גוט, ער נעמט אים צוריק צו, דעם בוכהאלטער“.

— איז אַט:

דעמאָלט איז עס געשעהן בייַ חוה פויזנער און בייַ דעסלערן. פון יענער גוטער זאַך אן האָבן זיי אָנגעהויבן, אזוי צו זאגן, מיטשפּילן איינער דעם צווייטן.

נאָר וואָס איז אַזוינס מיט חיים-משהן? ער זעהט אויס צעטראָגן. ער הערט כמעט ניט, וואָס מע רעדט צו אים. ער שטייט אין מיטן גאַס אין איין שורה מיט פרעגערן און האלט אין איין קוקן אַראָפּ צום אייַנגעבראָכענעם האַלב-קיילאַכיגן מאהק צו און צו פויזנערט גרויסער קלייט. דאָרט איבם שמאָלן געסעלע, וואָס נעבן אָט דער קלייט, באווייַזט זיך אַ פיגור פון א מיידל, אָנגעטאָן אין ווייסן מיט א זאָנטיק אין האַנט. צוויי מאָל באווייזט זיך דאָרט די פיגור. ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס איז חנקע ליובערס פיגור. זי קוקט זיך אהער אייַן, זי לאָזט זיך אהער גיין, נאָר זי באַקומט איבער עפּעס חרטה און קערט זיך אום צוריק. ס׳דאַכט זיך, אַז פונקט אהין קוקט צעטראָגענערהייט חייב-משה. נאָר ניין. ער וואַרט, אַז פון בערישינעץ זאָלן אָנקומען די צוויי פורן, וואָס זאלקער דער אגענט דארף צושיקן נאָכן איבווענטאַר מיט די מעדיקאמענטן פון מלכס מאגאַזין.

— אַ מאָדנע זאַך, -- זאָגט ער, — די פורן האָבן נאָך באַדאַרפט קומען נעכטן.

און פלוצים דערמאַנט ער זיך אָן עפּעס און אנטשולדיגט זיך פאַר פרעגערן, — ער מוז באלד זיך אומקערן צוריק אין מלכס אפטייק-מאגאזין. ער האָט דאָרט עפּעס פאַרגעסן.

נאָר פרעגער האָט איצט ניט וואוהין צו איילן. ער איז גרייט באגלייטן חיים-משהן אין אפטייק-מאגאַזין.

דאָרט אין מאגאזין איז שוין אַלץ פארפאַקט, אָפּגערוקט פון די ווענט און גרייט צוליב די פירן, וואָס דארפן קומען פון בעריזשינעץ. די שפיגל-שאפעס זיינען ארומגעוויקלט מיט רעדנעס און אין מיטן ציכער ליגן אָנגעוואלגערט איינס אויפן אנדערן אַ סך פארפאַקטע קאַסטנס. איצט געדיינקט פרעגער די מיאָסע-בלעטלאך. ער פלעגט זיי נעמען ביי מלכן נאָך יעדער שנאַפּס, כדי דער בראנפן זאָל זיך ניט פילן.

— זעלטענע בלעטלאך...

נאָר חייב-משה ענטפערט ניט גאָרנישט. ער איז פארנומען מיט אויסליידיגן איינעם אַ שופלאד פון מלכס טיש און פארפאַקן דאָס אלץ א באזונדער קעסטל. חיים-משה נישטערט דאָרט געשווינד צווישן די פאפירן און זוכט עפעס. ס'פליהען פון שופלאָד אין קעסטל אריין גאנצע חיופנס בריוו, א גרויסער טייסטער מיט א פאָר טאַשן-ביכעלאַך. אין די אויגן מיט סוף-כל-סוף אַ שווינדל א קליין נישטיג פעקעלע, וואס חייב-משה ווארפט עס געשווינד אראָפּ צו זיך אין די הויזן-באַש. איצט איז שוין אלץ פארטיג. חייב-משה פארקלאפּט דאָס קעסטל מיט מלכס בריוו און בעט פרעגערן דערמאנען דעם אגענט זאלקערן:

— דאס איז א באזונדער קעסטל — ס'געהער ניט צום אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן.

---

פרעגער האָט זיך נאָכדעם אָפּגעוואלגערט אקעגן א פאָר מעת-לעת ביי זיך אין צימער אויפן הארטן סאָפּקעלע און האט געווארט אויף א נס:

— זאָל כאָטש עמיצער ווער קומען צו אים אהער אין זיין חדר.

נאָר קיינער איז צו אים אַהער ניט געקומען, אחוץ שאילקע שניידער, וואָס האָט געמיינט דאָ טרעפן זאלקער דעם אגענט. סוף-כל-סוף איז שאילקע אויך געווען ביי אים אַ גאַסט. ער האט געגומען גרובן ביי אים זיינוולס „סטארקע", אזוי פאמעלאַך, ניט ערנסט, נאָר דאָך ארייגגעצויגן געוואָרן צו ביסעלאך. ער האָט אזוי פארבראכט אין איינעם מיט שאולקען אַ קארגן מעת-לעת.

אין נאָכדעם איז פרעגערן, ווי געוויינליך נאָך א לייגגערן טרונק, געווען מיאוס דאָס לעבן דאָ אין ראַקיטנע. ס'האָט זיך געוואָלט אוועק ערגיץ אין דער וועלט אריין. ער איז ווידער געלעגן ביי זיך אויפן הארטן סאָפּקעלע און האָט געטראכט וועגן זיך, וועגן חוה פויזנער און וועגן פארשיידענע מיטלען, מיט וועלכע מענשן מאַכן אַמאָל א סוף צו אַן אומאָנגענעמענער לאַגע. ניט וועגן זיך האָט ער געטראַכט, נאָר וועגן אַנדערע מענשן.

אויפן זינען זיינען אים ארייפגעקומען אַ האַנטוך, אַ פשוטער לאַנגער האנטוך, וואָס הייגגט אויף א קריוק אין מיטן סטעליע, און א פעקעלע, א קליין פעקעלע, וואָס האָט אויף זיך אַן עטיקעטל מיט אַ שווארצן שארבן און מיט צוויי איבערגעצלמטע מענשן-ביינער

— וואו האָט ער, פרעגער, ניט לאנג געזעהן אַזאַ מין פעקעלע?

ער האָט אָנגעשטריינגט אין גאנצן דעם זכרון און האָט זיך דערמאנען ניט געקאָנט.

סוף-כל-סוף איז אין אַ פאָר טעג אָרום געקומען דער אַגענט זאלקער. ער האָט אים באַדאַרפט איבערגעבן וועגן באזונדערן קעסטל, וואָס שטייט ביי מלכן אין קליינעם צימער און געהער ניט צום אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן. און פלוצים האָט זיך פרעגער דערמאנט אגם פעקעלע, וואָס חייב-משה האָט דאָרט אויף גיך אויסגעטיילט, זיך דערמאָנט נאָר געגליבן אזוי פארוואונדערט און ניט געגלויבט.

# XIX.

חיים-משה האָט אומגעקערט חוה פּויזנער אײניגע פון אירע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען בײַ מלכן — אַזוי האָט מען איבערגעגעבן אינם נאָמען פון אסתּר פּיך.

— נו, יאָ, — האָט חיים-משה כּלומרשט געזאָגט, — וואָס וועלן זיך אָט די זאַכן וואַלגערן בײַ יצחק-בערן אין וואַלד? — ער, חיים-משה, האָט זײ ניט וואולהין צו נעמען.

דערנאָך האָט מען חיים-משהן אַ גאַנצן בײַטאָג געזעהן אויף אַ סך ערטער אין שטאָט, און אַן אויסגעזעהן איז בײַ אים געווען אַזאַ, גלײַך ער פּאַקט די טשעמאָדאַנעס און גרייט זיך אין וועג אַרײַן — ער אײַלט אין וויל פאַרטיג ווערן וואָס גיכער. ער האָט זיך אַראָפּ-געלאָזן אויך אויף דער אלטער שטאָט און איז דאָרט געווען בײַ פּישל ריכטמאַן אין שטוב — בײַ יענעם זעלבן פּישל ריכטמאַן, וואָס האָט דאָ אַ מאָל אין אײנעם מיט אים אין אײן חדר געלערנט, און האָט נאָכדעם אויך געפּרובט זײַן אַן עקסטערן, און איצט האַנדלט ער, ווי דער שווער זײַנער, מיט אלטע זעק.

— וואָס-זשע הערט זיך עפּעס, חיים-משה? — אַזוי האָט בײַ אים געפרעגט פּישל ריכטמאַן. ער איז געזעסן בײַ זיך אין דער אלטער גע׳ירשנטער שטוב מיט אַ קלײן קינד אויף די הענט און האָט געוואַרט אויפן ווײַב, וואָס איז אוועקגעגאַנגען צו גאַסט אויף דער נײַער שטאָט.

— איז וואָס, חיים-משה, האָסטו עפּעס מתקן געווען אין ראַקיטנע?

דערויף האָט אים חיים-משה געענטפערט, אז גאָרניט.

— וואָס-זשע מײנסטו, פּישל? — האָט ער אים געענטפערט — כ׳האָב דאָ טאַקע גאָרנישט מתקן געווען.

און ער איז דערפון, אַ פּנים, געוואָרן אַ ביסל אומרוהיג — ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב. ער האָט אויסגעהערט בײַ פּישלען אַ סך נײַעס פון שטאָט, דערנאָך האָט ער ווי דער אַ מאָל גענומען אײַלן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַרײַן צוריק צו זיך אין צימער:

— דער עיקר איז אומרוה, מלך.

און נאָך:

— ביסט גרייט, מלך?

— כ׳בין גרייט, חיים-משה.

— טאָ קום, מלך, קום צו דין וחשבון.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— אויב אפילו יצחק-בער, אויב יצחק-בער איז עפּעס אויסן געווען מיט זײַן שטומען ערנסט, איז יעדנפאַלס ניט נאָכצוטון דיר, מלך, נאָר פאַרקערט, טון דעם היפּוך. ער האָט זיך דאָך נאָך אין די יונגע יאָרן צעקריגט מיט גאָט.

— איז צוליב וואָס נוצט די ווירקלעכקייט בנוגע צו אַ וועלט, וואָס מע אנערקענט זי ניט? צוליב וואָס שמײכלסטו, מלך?

נאָר אַקעגן, אויפן ניט-געפאַרבטן קאָמאָד, שטייט מלכס קלײנע סטאַטועטע און שמייכלט אלץ מיט איר שטענדיגן שטעמוודיגן שמייכל.

חיים-משה זעהט זי פון אַקעגן, פון בעט, און ווערט אומרוהיג:

— וויפיל פאַנאַטיזם! וויפיל עקשנות אין אָט דער גוטסקייט מלכ׳ס!...

— און דו האָסט דאָך אויך ניט אָנערקענט די וועלט, מלך — פאַרוואָס-זשע ביסטו אַזוי שטיל אוועקגעגאַנגען?

אדרבא:

— אוועקגיין דארף מען מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון טיר, און זאָל אַ ציטער טון די שטוב — זאָלן זיך אויפכאַפּן די קליינע קינדער.

נאָר יצחק-בער איז אָפּגעשטאַנען און אַלט. ער ווייסט ניט, ווי אַזוי אַ קלאַפּ צו טון מיט דער טיר, און טראָגט שטומערהייט דעם יאָך פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך נאָך אין די יונגע יאָרן צעקריגט מיט גאָט.

אַלע פּאַרנאַכט, נאָך חשבונות מיט פּילעטשיקעס, נאָך קריגערייַ מיט פרומער יידענע-ווייב און מיטן צווייטן יינגערן וואָלד-נאַמן, ווען ער איז חושד אין גנבה און פאַרגלויבט אים ניט די קאַסע, — קומט ער אַהער צו אים, חיים-משהן, אין צימער. יצחק-בער, קומט מיט פאַרלייגטע הענט אין די אַרבל און מיט גרייס אומעט פון אַן אבל, וואָס האָט באַ-גראָבן זיין גאָט. ער זאָגט דאָ גאָרנישט. ער שפּאַרט זיך נאָר אָן מיט די פּלייצעס אָן וואַנט און שטייט דאָ אָפּ אַזוי שעהן לאַנג אין דער פינסטער מיט טיפן אנגסט, מיט שטומען מאָנען, אַז ער, חיים-משה, זאָל „נתנלה ווערן"...

הייסן, הייסט עס אַזוי:

— „איך, יצחק-בער, האָב אָנגעהויבן, און דו, חיים-משה, מוזט ענדיגן — אויף דיר ליגט דער חוב".

נאָר וואָס קאָן דען ער, חיים-משה, טון?

פּרעגער דער פּאַרוואַלטער זאָגט, אַז ער איז זיך ניט מחויב צו שפּייען פאַר מלכן.

— „זאָל יעדער, — זאָגט ער — שפּייען פאַר זיך אליין".

אַך יאָ, מאָדנע:

— ער אָנערקענט ניט קיינעם, אָט דער פּרעגער.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

פּרעגער שפּייט איינער אליין פאַר זיך — ער נעמט אַרייַן צו זיך אין צימער זאַלקער דעם אגענט מיט שאולקע שניידער און טרינקט מיט זיי לחיים:

— „זאָלן פלאַצן אַלע געהויבענע און פייַנע לייַט!"

און איצט גייט ער אַרום אין שטאָט, פּרעגער, און דערציילט אַלעמען, אַז צו אים אין צימער איז אָנומעלטן געקומען ער — חיים-משה:

— „ער האָט בייַ מיר פאַרבראַכט, — זאָגט ער, — אַ גאַנצן בייַטאָג".

אַזוי גיט איבער פּישל ריכטמאַן.

מע פרעגט בייַ אים:

— „פּרעגער, ווי איז אייַער מיינונג וועגן חיים-משה'ן?"

דעמאָלט טוט ער ערנסט ביט די מיטלסטע דרייַ פינגער אַ דריק צו די פּענסנע צו דער נאָז און זאָגט, אַז דער עיקר איז, וואָס אויך ער, חיים-משה, איז אַן אומצופרידענער.

— פון אומצופרידענע, — זאָגט ער, — וועט געהאָלפן ווערן די וועלט.

נאָר אין דעם איז אַנשל צודיק שוין בשום אופן מיט אים ניט מסכים — ער איז איינער פון די, וואָס שטייען אין מיטן מאַרק אַרום פּרעגערן און הערן, ווי ער רעדט שטותים.

— נו, און אַז זאַלקער דער אַגענט, — זאָגט ער, — איז ניט צופרידן מיט זיין ווייַב, און אַז שאולקע שניידער וויל לאַקע די שוואַרצע און קאָן זי ניט דערגרייכן, וועט אויך דערפון געהאָלפן ווערן די וועלט?

ער איז אַ כקעפּטיקער, אַנשל צודיק, און שוין אַ פּאָר יאָר געוועזן אין פּאַלעסטינע — ער גלויבט בכלל ניט, אַז דאָ אין גלות זאָל עפּעס אויפגעטאָן ווערן.

אזוי האָט אים, חייב-משה'ן, דערציילט פּישל ריכטמאַן וועגן אַנשל צודיק. דערנאָך איז פון דער נייער שטאָט צוריק געקומען פּישלס ווײַב און איז געווען צופרידן, וואָס הייב-משה פאַרברייננגט ביי איר אין שטוב.

— זעה נאָר, — האָט זי געזאָגט, — טאקע א געהויבענער גאַסט.

זי האָט צוגענומען בײַ פּישלען דאָס קליינע וויג-קינד, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אויף די הענט, און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט דעם אַקעגן זיי בײַם טיש. זי האָט נאָר געוואָלט פאַרשפּרייטן דעם קאָלירטן סערוועט אויפן הילן טיש, און אז חיים-משה זאָל ניט אוועקגיין פון טיי — זי וועט שטעלן דעם סאַמאָוואַר.

— אז שוין יאָ אזאַ גאַסט, — האָט זי געזאָגט, — מאָ זאָל כאָטש זיין אין שטוב יום-טוב.

און זי האָט איינס אין צוויי אים געמאַכט, אָט דעם יום-טוב. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז זי איז שוין גאָרניט אַזאַ פּראָסטע, אָט די פרוי פּישלס. ניט אומזיסט האָט זי פון אלע יונגע לײַט דאָ אין ראַקיטנע אויסגעקליבן דוקא פּישלען, וואָס איז אַ מאָל אויך געווען אַן עקסטערן. מיטן פּנים איז זי אַ ביסל עלטער פון פּישלען, נאָר אַליין האָט זי אין זיך אַן אָדער פון אַ מענשן, וואָס שטרעבט צו אַ העכערער מדרגה. זי איז בטבע געווען אַ שטילע. איר גאַנצע אָרטיגע אָפּגעקומענע משפּחה איז געווען א שטילע, נאָר זי ווייסט פון אַלע זאַכן, וואָס טוען זיך אָפּ אין שטאָט. זי רעדט בכלל פּאַמעלאַך. זי רעדט ווי אַ רביצין, וואָס האָט פיינט יענעם צו באַרעדן. נאָר יעדער זאַך איז שוין, נאָך איר מיינונג, גאָרניט אַזוי פּראָסט.

— יעדער זאַך, — זאָגט זי, — האָט אויף זיך אַן אויבערשלאָק און אַן אינטערשלאָק, און אין מיטן איז נאָך אויך עפּעס פאַראַן.

— ווי, ווי? — פרעגט איבער חיים-משה, — און בײַ אים ציגרן זיך אָן צוויי שמייכלדיגע פייערלאך אין די אויגן.

— וואָס-זשע? — זאָגט זי, — ביי אײַך איז עס אַ נײַס?

נאָר איר מיינונג, האָט חוה פּוזנער שוין גאָרניט אזוי גרינג דערגרייכט דעסלערן.

— ער איז איר אָנגעקומען, — זאָגט זי, — מיט די גרינגע ווערים.

זי בײַט איבער דאָס קינד פון איין ברוסט צו דער צווייטער און גיט צו:

— ווארום רירן אַזאַ מין אײַז, ווי דעסלערן, נאָכדעם ווי מע האָט אַליין שוין געהאַט זיבן אנדערע, איז שוין אייך ניט גאָר פון די גרינגע מלאכות.

— און עוזר ליובער, — זאָגט זי, — עוזר לייבער בלייבט להלוטין ניט אומזיסט גאַנצע דריי חדשים אין קיעוו.

— ס'אַ סברא, אַז ער האָט שוין שכל צו לעבן דאָרט מיט עמיצן, און דוקא ניט מיט קיין יידישע... דוקא מיט אַ גויה. וואָס הערט ער די שטאָט? אַז ער מאַכט פאָרט גליקליכע געשעפטן אין דער מיל. מע וועט געוואוירע ווערן וועגן דער גויה? וועט ער געבן נאָך אַ טויזנטער אויף שטאָט-זאַכן.

— און חנקע ליובער? גאָר אַן אנדער זאַך איז חנקע. זי איז ווי צוויי טראָפּן געראָטן אין דער מוטער אירער — זי, פּישלס ווײַבל, האָט זיך אנגעקערט מיט איר ווייטע קרובים און האָט זי שוין איין מאָל גוט געקאָנט.

— אזוינס, — זאָגט זי, — איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

אָך יאָ, אָט די חנקע, וואָס איז געראָטן אין איר מוטער, און וואוינט אַליין מיט מאָטיקן דאָרט, אינם גרויסן הויכן הויז, און קיינער ווייסט ניט, צי זי ווייסט, וואָס איר פאָטער טוט דאָרט אין דער גרויסער שטאָט, צי ניין — ס'איז געוויס כדאי געווען צו. זיצן

דאָ נאָך אַ ביסל און אויסהערן וועגן איר פּישל ריכטמאַנס פּרוי. נאָר חיים-משה האָט שוין, אַ פּנים, מער קיין צייט ניט געהאַט דאָ צו זיין — ער האָט געאײַלט, זיך געזעגנט און געאײַלט.

---

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט חיים-משה דאָך באַגעגנט זיך מיט חנקען נעבן די יונגע גלייכע טאָפּאָלן, וואָס אויפן עקסטן ליידיק-גריגעם פּלאַץ. דאָס איז געווען אין אַ הייסער שעה בייטאָג, ווען אויף דער גאַס איז שטיל און פּוסט — גאָט איז געוויינט צו מיידלאַך, וואָס זיצן דאַן אין דער היים אין דער קיל.

ביי חיים-משהן האָבן זיך אָנגעצונדן די שמייכלדיגע פֿייערלאַך איןביידע אויגן. נאָר ביי חנקען איז מיט אַ מאָל פֿאַרשטאָרבן געוואָרן דאָס האַרץ. די ערשטע ווײַלע האָט זי לחלוטין ניט געקאָנט רעדן.

— איר פֿאָרט אַוועק, — האָט זי סוף-כל-סוף ארויסגערעדט. — מיר האָט געזאָגט אסתּר פּיק.

— אסתּר פּיק?

— יאָ. איצט, — האָט אסתּר פּיק געזאָגט, — איז שוין באַשטימט, אַז חיים-משה פֿאָרט אַוועק.

— ווארט...

אים האָט ווירקליך אנומלטן באַגעגנט אסתּר פּיק. — „וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער רײַזע?" — האָט זי ביי אים געפּרעגט. — „וואָס זאָל זיך הערן?" — האָט ער איר געענטפֿערט — „מסתּמא וועל איך סוף-כל-סוף אַוועקפֿאָרן".

— מער האָט ער איר בכלל גאָרנישט ניט געזאָגט.

דעמאָלט געשעהט עפּעס מיט חנקען. אַ פּנים, ס'וואַרגט זי אין האַלז — זי הויבט פֿאַמעלאַך אויף די לאַנגע וויעס און טוט אויף חיים-משהן אַ קוק. איצט גלויבט זי אים, אַז מער האָט ער אסתּר פּיק גאָרנישט ניט געזאָגט. זיי לאָזן זיך ביידע גיין אַרויף מיטן גרינעם פּלאַץ, מיט די יונגע טאָפּאָלן, וואָס פֿירן נעהענטער צו ליובערס הויז. נאָר חנקען איז נאָך אַלץ שווער צו רעדן.

— מעגליך, זאָגט זי, אַז זיי וואָלטן זיך איצט באַלד באוואַרפֿט צעשיידן — זי און חיים-משה.

— חנקע אײַלט ערגעץ?

— ניין. גלאַט אַזוי...

א פּויזע.

חנקע קוקט ניט צו אים. זי זאָגט:

— אויב זי און ער זיינען אַרויסגעגאַן פֿון דערהיים, כּדי צו גיין אין פֿאַרשיידענע זײַטן, וואָלטן זיי אפשר אַזוי באַדאַרפֿט טון אויך ווײַטער... זי אײַלט ניט אין ערגיץ. זי קלערט נאָר, אַז אַזוי וואָלט געווען גלײַכער — זי וואָלט איצט צוגעגאַן אָט דאָ ניט ווײַט, סך הכּל צוויי גאַסן, און וואָלט זיך דערפֿרעגט, צי עטל קאַדיס קומט ניט די טעג אַהיים. דערנאָך וואָלט זיך אומגעקערט צוריק אהיים, דעמאָלט וואָלט מיט איר גאָרניט ניט פֿאָרגעקומען. נאָר אָט... אָט האָט זי חיים-משה איצט אָנגענומען פֿאַר דער האַנט, און זי פֿילט, אַז מיט איר קומט פֿאָר... ניין, ס'איז ניט קיין נאַרישקייטן, ווײַט ניט קיין נאַרישקייטן. זי פֿאַרגעסט אין גאַנצן אָן מאָטיקן.

— די ערשטע צייט האָט זיך איר נאָר געדאַכט, אַז זי דאַרף גאָרנישט פֿון אים,

חיים-משהן — זי דאַרף אים אפילו ניט זעהן. זאָל ער נאָר זיין אין וואלד. און זאָלן קלינגען צו זיי אין פאַראַד-טיר פאַרשיידענע מענשן — זי וועט דאָך קלערן, אַז דאָס איז ער. דערנאָך האָט זיך איר שטאַרק פאַרוואָלט אים זעהן. דאָס איז געווען איין מאָל, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון פויזנערס קלייט אין האָט דערזעהן, ווי ער, חיים-משה, מיט פרעגערן שטייען פּין ווייטנס. פאַר וואָס איז דאָרט חייב-משה אזוי לאנג געשטאנען פון ווייטנס?.. מסתמא איז ביי איר, חנקען, דאַן געווען אַ נאַריש אויסזעהן. זי האָט זיך אלע מאָל געלאָזט גיין צו אים און האָט זיך אלע מאָל אומגעקערט צוריק... זי שעמט זיך עס דערציילן: זי האָט קיין מאָל ניט געקלערט, אַז זי קאָן עפּעס אָנשרייבן, נאָר די טעג האָט זי דאָך עפּעס אָנגעשריבן. ס'איז געווי'ס נאַריש; זי האָט עס געכטן ביי'טאָג צעריסן, נאָר געסאָן האָט זי עס נאָר דערפאַר, וואָס איר האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט אים זעהן... זי האָט פון תמיד מורא פאַר שטאַרק ווערן. אפשר איז זי רעליגיעז, ווי איר מוטער איז געווען. זי ווייסט ניט. דאָס איז געווען, ווען איר מוטער איז געשטאָרבן, און מאָטיק איז געבליבן אַ קליינינקער. דערווי נאָך האָט דעמאָלט איר עלטערער ברודער צוגענומען פון דער קאַסע אַ ביסל געלט און איז אַנטלאָפן — דעמאָלט האָט זי, חנקע, דערפילט, אַז אויב זי וויל עפּעס שטאַרק, איז עס אַ פאַרברעך — זי, חנקע, טאָר עס קיין מאָל ניט דערלאָזן... נאָר אָט, פאַר וואָס טראַכט זי כסדר, אַז אים, חיים-משהן, איז ערגער פון איר... תמיד זיצט זי און טראַכט, אַז אים איז אַ סך, אַ סך ערגער. זי ווייסט ניט, וואו וואָלט, אַ שטייגער, אים, חייב-משהן, געווען גוט. דערצו נאָך קומט צו איר אָפּט אָט די פרייע צוהערעריך אסתר פיך און רעדט און רעדט: „אָט וועט איר זעהן, זאָגט זי, הלואי איך זאָל ליגן זאָגן..."

— אָך, ניין.

חיים-משה באַמערקט, אַ פּנים, אַז חנקען איז שוין ווידער אַ מאָל שווער צו רעדן, און וויל איר מאַכן גרינגער: -- ס'איז גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט ניט ווערט:

— אים איז להלוטין ניט ערגער. אדרבא, צייטנוויי'ז ליידט ער דערפון, וואָס אים איז בעסער—פיל בעסער, למשל, ווי יצחק-בערן. חנקע קען יצחק בערן? נאָר איצט האָט ער גראד אין איינעם אַ זומער נאָך אַ מאָל אַ פרוב געטאָן אויף זיך ראַקיטנע, די שטאָט, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, און איצט האָט ער שוין פאַרקויפט דעם אינוועטנטאַר מיט די מעדיקאַמענטן זאלקער דעם אַגענט און הערט, ער זאָל צושיקן דאָס געלט פאַר מלכ'ז מוטער און זאָל צונעמען די זאַכן. ער גייט אַלע טאָג אין שטאָט אַריין, נאָר זאלקער שיקט ניט צו די פורן. איצט איז ער געגאַנגען צו חנקען אַהיים און האָט זי שטאַרק געוואָלט זעהן — ער טראַכט וועגן איר אָפּט דאָרט אין וואַלד — ער טראַכט וועגן איר אויך איצט, בעת ער האַלט זי אַזוי פאַר דער האַנט און קוקט איר אַריין אין פּנים אַריין: וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען מלך לעבט, און ער מיט חנקען וואָלטן איצט צו אים אַריינגיין? חנקען וואָלט זיך ניט וועלן איצט זעהן מלכן?... נאָר פאַר וואָס ווערט חנקע בלאַס?... פאַרוואָס דאַכט זיך אים, חיים-משהן, אַז אָט, אָט וועט חנקע פאַרמאַכן די אויגן און וועט אָנהויבן שעפּטשען, בעטן פאַר עמיצן גאָט מיט די ליפּן? אָך ניין — אויב דאָס שרעקט זי, וועט ער מער אַזוי ניט רעדן —ער וועט זי נאָר צופירן ביז זייער הויז און וועט זיך אומקערן צוריק אין וואַלד אַריין. ער האָט דאָרט נאָך עפּעס צו טון — ער מוז דאָרט עפּעס פאַרענדיגן.

און ער האָט זיך אומרויהיגערהייט אומגעקערט צוריק אין וואלד אַריין, צוריק צו זיך אין צימער; ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אָפּגעהיט ביי זיך אין מח דעם געדאַנק:

— אָך יאָ, אָט דער מלך...

ער האָט זיך גלייך צוגעזעצט צו די ניט דערשריבענע בלעטלאך, וואָס ביי אים אויפן טיש.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— אייגנטליך איז בײנקשאַפט גאָרנישט ניט ווערט, מלך — בײנקען בײנקט מען נאָך געשטאָרבענע.

— זיי ווערן באַנײַס געבוירן, חיים-משה.

נאָר אין צימער איז שוין געווען האַלב-טונקל און פאַרנאַכטיג טריב. שטומער וואַלד-אָוונט האָט פון דרויסן בלאָס פאַרקלעפט די אָפענע פענצטער. בלאָהע בליאַדקייט האָט פאַ-מעלאָך געמעקט דעם שמייכל פון מלכס קליינער סטאַטועטע, און ווידער האָט מען אים, חיים-משהן, דאָ געשטערט פאַרענדיגן זײַן זאַך. פריהער האָט זיך געהערט, ווי אין גאַנצן קאָרידאָר האָט שטיל אַ סקריפּ געטאָן די טיר, אַ סקריפּ געטאָן נאַכטיג אזוי, שלעפעריג און זיך שטילערהייט פאַרדרייט. און נאָכדעם האָט פאַמעלאַך גענומען סקריפּען אין עפענען זיך די טיר, וואָס פירט צו אים, חיים-משהן, אין צימער, און עמיצער האָט אָנגעהויבן אַהער גיין.

— ווער איז דאָרט, אַ?

— ס'איז קיינער ניט — ס'איז איך, יצחק-בער, חיים-משה.

## XX.

סוף-כל-סוף זײַנען פון בעריזשינעץ געקומען וואָלקער דעם אגענטס צוויי פורן און האָבן פאַרנומען דעם אינווענטאַר מיט די מעדיקאַמענטן פון מלכס אַפּטייק-מאַגאַזין.

אַ גאַנצן פריה-מאָרגן זײַנען די פורן געשטאַנען אין דרויסן נעבן מאַגאַזין און האָבן זיך באַלאָדן, זיך געפּאַקט פויל, אָהן חשק. די האַלב-איינגעשפּאַנטע פערד האָבן היימליך געכראָמטשעט דעם האָבריק פון די נידעריגע זעק — פרעמדע פערד, וואָס פאַרגעסן אַ רגע, אַז זיי קייען, שטעלן אָן די אויגן און קוקן און דערקאָנען ניט די שטאָט.

סוף-כל-סוף האָבן זיך די פורן גערירט פון אָרט. אַרום צוויי אַ זייגער בײַטאָג האָבן זיי אוועקגעסקריפּעט אַראָפּ שטאָט מיט דער מיטלסטער לאַנגער גאַס, הויך באַלאָדן מיט שראַנקען, טאַפּקעלאַך און קאַסטנס. פון אויבן — מלכס צוגעבונדן בעט, און נאָך העכער — אַ פּאָר איבערגעקערטע בײנקלאַך, וואָס שטעקן מיט די פיסלאַך צום הימל און שאָקלען זיך אַראָפּ, אַראָפּ צום באַגרינטן בעריזשינעצער וועג.

איצט איז שוין אין שטיבל גאָרנישט ניט געבליבן, אַחוץ הוילע קויטיגע ווענט און אַחוץ פּאַפּירן — אַ סך צעריסענע פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט דורכאויס אויף די פּאָדלאָגעס אונטער די פיס — פון דרויסן אויף דער טיר איז שוין מער ניט געהאַנגען דאָס שלעסל, און חיים-משהן האָט מען שוין גאָר זעלטן געזעהן אין גאַס.

נאָכדעם האָט זיך פלוצים אײַליג גענומען אַנריקן דער טאָג מיטן אָוונט לטובת דער תלמוד תורה. און אַלע זײַנען מיט אַ מאָל געוואָרן אומגעדולדיג און צעיאָגט, ווי אום ערב אַ גרויסאַרטיגער שמחת-חתונה, ווי אום ערב חתן-מאָל, אויף וועלכן גאַנץ ראַקיטנע זײַנען מחותנים — אַלע גרייטן זיך צום טאַנץ.

אין יענעם טאָג האָט מען זיך פריהער, ווי תמיד, אָפּגעפּאַרטיגט מיט די מיטאָגס.

מאַמעס האָבן פון פריה-מאָרגן אָן געצוואָגן די קינדער; טאַטעס האָבן געמסחרט פויל, אָהן שום זיכערקייט און אָהן גלויבן, ווי אויף קאַטאָוועס; ווינטיגע הייסע זונען-לופט האָט געבריהט און געדינט, בריה'ש פאַרטריבן די שווימענדיגע שטיקער כמאַרע — דעם חשד פון רעגן — צום עקסט- ווייטן הימל-ווינקל, און אויפן ראָג פון זייט-געסל, גאָר נאָהענט הינטער בראָמבערגס ראָז-געפאַרבטע הײַפלאַך, איז שוין געשטאַנען אויסגעפוצט, אויסגע-ווייסט און אויסגעשטעלט דער גרויסער אָפּגעדונגענער מאַגאַזאָן, וואו דער אָוונט וועט

פּאָרקומען. חנקע ליובע און אסתר פיך זיינען דאָרט געבליבן די לעצטע; זיי האָבן אויף גיך פאַרשפּרייט די טישן און זיינען אַוועק אַהיים זיך איבערטון.

מע האָט געשמועסט, אַז די מאַדאַם בראָמבערג האָט אָפּגערעדט מיט צוויי קאָמפּאַניעס כלי-זמר — מיט דער אָרטיגער און מיט דער בעריזשעניצער, אַז אַחוץ'ן ספּעקטאַקל, אַחוץ'ן געזאַנג מיט דער דעקלאַמאַציע פון די תּלמוד-תּורה-קינדער, וועלן פאָרקומען נאָך צוויי נומערן: אנשל צודיק וועט נאָכמאַכן אַ פרומען בעל-דרשנס אַ רעדע און איינער אַ גימנאַזיסט פון אַ נאָהענט שטעטל וועט קומען אויפן אָוונט אינאיינעם מיט זיין עלטערער שוועסטער דער קורסיסטין און אינאיינעם מיט איר רייכן חתן, וואָס וועט זיך לאָזן קאָסטן אַ סך געלט — דער גימנאַזיסט וועט שפּילן אויפן פידל און וועט אין דער זעלבער צייט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירן אויף דער פּיאַנע. מיט אַמאָל איז געוואָרן ארום דריי אַ זייגער בייטאָג, און איבער דער שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז עוזר ליובער איז געקומען. מע איז געוואָרן אַנטציקט: עוזר ליובער האָט דאָך פון תּמיד אָן אריינגעטראָגן אויף אָט דעם אָוונט מער הכנסה, איידער אַלע איבעריגע — דאָס איז געווען זיין חזקה.

מע האָט געשמועסט:

— נו, ווי געפעלט ער אייך, עוזר ליובער?

— זעה נאָר, ער האָט'ך טאַקע אין זינען געהאַט אָנצולויפן פונקט צום אָוונט.

— פיין. זעהר פיין.

מע האָט גענומען איילן מיטן איבערטון זיך. און פּלוצים, ווי אומגעריכט האָבן אויפן ראָג נעבן בראָמבערגס הייפל אַ זעץ געגעבן ביידע קאָמפּאַניעס כלי-זמר מיט אַ מאָל, אַ קלאַפּ געטאָן דעם ערשטן מאַרש מיט ביידע קליינע און גרויסע פּויקן, מיט אַלע מעשענע טרויבעס און מיט אַלע פלייטן און פידלען. מע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טירן קוקן: אַ פאַרשאַרקטער היציגער ווינט דאָס מיט אַ מאָל געגעבן אַ פּאַטש איבערן גאַנצן שטויב, וואָס אויף דער לאַנגער ניכלכטער גאַס, געגעבן אים אַ הייב אויף אין דער לופט, איינגעהילט אין איב די טענער און האָט אַוועקגעיאָגט אַראָפּ אַראָפּ, צו ווייטן ווינקל, וואוהין ער האָט אַ גאַנצן טריה-טאָרגן געטריבן די שוואַרצע שווימענדיגע שטיקער וואָלקן. און פון אַקעגן, פון יענער עק-שטאָט, וואָס גרינט אוועק צו גויישע הייזער צו, האָבן זיך שוין אַהער געטראָגן לאַנגע הערטן פּאָרוויטע שקצים'לאַך און פיל-פאַרביגע שיקסעס; אַ באָרוויטע ניאַנקע האָט אַהין אַוועקגעשאַנצלט מיט היפּנדיגע טריט, מיט אַ צעטרייסלט וויג-קינד אויף די הענט, און מיט דאָריקט צו פרייד, צו קלאַנג פון מעשענע געשרייען און פון הילכיג קלינגענדיגע טאַצן. און כלי זמרישע כלים האָבן נאָך אַלץ אהין געבעטן און גערופן, נאָך אַלץ געדאַלפן אין איין אינטערטרייבן די, וואָס קעמען זיך איבער ביי זיך אין דער היים. אַ פּאָר נאַקעטע אָקסלען האָבן אויף אַ רגע אַ ווינדל געטאָן אין אַ געעפנטער טיר, — אַ פּאָר נאַקעטע אָקסלען פון אַ פרוי, וואָס טוט זיך איבער; אַ נאַקעטע יונג-מיידלשע האַנט האָט זיך דאָרט אויסגעצויגן אַ קניפּ צו טון דאָס קליינע ברידערל, וואָס זאָגט זיך איצט אָפּ פון צו פאָלגן אַ גאַנג. און די מיטלסטע גאַס איז שוין געווען רוהיג און אינגאַנצן פוסט; מע האָט דאָרט קיינעם ניט געזעהן. מיט אַ געפודערט פּנים און מיט צופיל פעטע פרישע געקעמטע האָר דאָט דאָרט נאָר אַדורכגעאיילט די נייע קורצנעזידיגע ראַבינערשע — זי האָט אויפן אָוונט אָנגעפירט דעם בופעט און האָט באַדאַרפט קומען אהין די ערשט.

---

עולם האָט זיך אויפגעקליבן אין מאגאזאן — שוואַרצע און ווייסע פלעקן האָבן גע-

בלאָנושעט אין זיין צוגעגריטעטער קיל. נאָר אין מאַגאַזאַן איז נאָך אַלץ געווען גראַם — ער איז געווען גרויס, שטאַרק גרויס.

נאָהענט ביי דער טיר, נעבן די כלי־זמר האָבן אַ פּאָר מיידלאַך־חברטעס גע־פּרובט זיך אַ דריי טאָן דעם וואַלץ, וואָס די כלי־זמר שפּילן גלאַט אַזוי פאַר זיך. נאָר ניט אַרויסגערופן קיין שום אינטערעס ביי די אַרומיגע, גאַט אייסגענומען, און מיט אַ מאָל אי־בערגעריסן, איינגעהערט — זיך פונאַנדערגענאַנגען חסיד'יש, מיט שולדיג שמייכלענדיגע פּנימער. אין אַ טונקל טויערן אנגיי און מיט אַ בוזיל ווייסן געפּרעסטן קראַגן — אַ גראַמליבן, ווי אַ גרויסיגער, האָט דורכגעבלאָנקעט דער פּאַרוואַלטער פונער און גענומען ניסטערן און זובן, און אַנגעקליבן די תלמיד־תורה־יינגלאַך אין ווי אַ שפּאַרן אין ווייסן ווינקל הינ־טער; אַראָפּגעלאָפן סטענע־זאַרהאַנג. זיך געיאָגט בגדולטגרתיש. האַלב־היזוועריג אין האָט געשריען. באַלד האָט דער עולם אַנגעהויבן זיך אַריינשפּאַרן אין וואַקסן—די לופט אין זאַל איז געוואָרן טונקל. מע האָט געגרעבט אַלע אינאייגעם, און אין דרייטן איז עמיצער גע־קראָכן אויפן דאַך, — מע האָט געשיקט אַרויפשלעפּן פון דאָרט דאָס פּייליך־צעהוליעטע שייגעצל, וואָס קריכט משוגענערווייז אויפן דאַך, נאָר אַרויסשפּאַרן זיך אין דרויסן איז גע־ווען כמעט ווי אוממעגליך — אַזוי פיל עולם האָט דאָרט שיין געשטעקט, זיך געפּרעסט און געשטופּט ביים טויער. פון הינטן אין סאַמע עק פון אָט דעם עולם איז געשטאַנען די האַלב־קראַנקע יצחק־בעריכע. געפּרובט אַ פּאָר מאָל זיך דורכשליכן, נאָר אַלע מאָל אָפּגע־שטויסן געוואָרן און געבליבן אומבאַהאָלפן און ווייט פון הינטן.

— זעהט נאָר, איך בעט אייך, — האָט זי זיך געקלאָגט — ס'איז דאָך גאָר ערד־טרעטעניש, ממש ערד־טרעטעניש.

זי איז געווען אָנגעטאָן שבת'דיג מיטן נייעם ווירעגעם קאָפּן־טיכל און האָט געהאַלטן איינגעקניפּט אין עק נאָז־טיכל דאָס ביסעלע געלט, וואָס זי וויל געבן צו לייזן לטובת די אָרימע תלמוד־תורה־יינגלאַך. איר איז דאָ סוף כל סוף געקומען צו הילף שאולקע שניידער — שאולקע שניידער, וואָס העלפט דאָ איבערטראָגן די טישן און אויסשטעלן די בייַנק.

— לאָזט דורך! —האָט ער געשריען, — ס'איז די יצחק־בעריכע.

ער האָט זי אָנגענומען, ווי אַ קליין קינד, פאַר דער האַנט און זי גענומען נאָך זיך שלעפּן — שלעפּן און שטופּן זיך, טרעטן אויף פיל באָרוועסע שיקסע־פיס. און פלוצים האָבן די כלי־זמר אין מאגאזאן גענומען שפּילן אַן אײַלנדיגן „וויוואַט". און, פון אָנהייב איז מען געווען פאַרוואונדערט; מע האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז לכבוד דער אַריינגעקומענער מאַדאַם בראָמבערג, וואָס האָט אַלע יאָר דעם גרעסטן חלק אין אָט דעם אָרום. דער דאָקטאָר גראַבוי אַליין האָט איר געזאָגט, אַז ער הייסט שפּילן פון אירעט וועגן אָט דעם „וויוואַט", און אַלע האָבן איר גענומען פּליעסקען — מע האָט זיך געוועצט צו די לאַנגע ווייס־געשפּרייטע טישן, וואָס פאַרביי די ווענט, און מע האָט גענומען טרינקען טיי.

חנקע ליובער איז נאָך אַלץ געשטאַנען קעגנאיבער דעם בופעט נעבן דער נייַער ראַ־בינערשע. געשטאַנען אינם ווייַס־געשטיקטן האַלב־טיוזענעם קלייד און אין די לאַנגע ווייַסע הענטשקעס אָהן די פינגער און האָט זיך געשטאַרקט. דער פאָטער איז פלוצים געקו־מען פון וועג מיט צעהן מינוט פריהער, איידער זי האָט באַדאַרפט אהער אַוועקגיין; מאטיק — מאַטיק איז דאָרט געבליבן מיט אים אַליין. זי האָט שטייענדיג דאָ, אַנקעגנאיבער דעם בופעט, געמוזט האַלטן קאָפּ און געדיינקען, וויפיל מע דאַרף לייזן פאַר יעדער מאכל, וואָס צווישן די בלומען. און פלוצים האָט זי אין מיטן זאַל דערזעהן חייב־משה'ן אין זיין גראָהען וואָכעדיגן יעגר־רעקל — אזוי איז ער אַהער אַריינגעקומען: צעטראָגן, און אומגע־

ריכט, און פּנוט אין זיין גראָהען וואָכעדיגן רעקל — ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן — ער האָט געזוכט עמיצן מיט די אויגן.

— חנקע, חנקע! לאָזט דורך!

זי האָט געמוזט דורכלאָזן צווישן זיך און בופעט דער מאַדאַם בראַמבערגס גרויכן אויפגעזאָדענעם וואָקזאַל-סאַמאָוואַר, וואָס צוויי מענטשן האָבן איבּ געטראָגן. זי האָט אָפּגעטראָטן אַ ביסל אין אַ זייט, נאָר דאָרט — אין דער טיף נעבן חייב-מעה׳ן איז שוין געשטאַנען הוה פויזנער אין איר גלאַטן דעקאָלטירטן שוואַרצן קלייד און אויף די שטאַרק הויכע שיך-קאָרקעס. אויף אַ רגע האָט ער זיך פון דאָרט באַגעגנט מיט חנקעס אויגן. דערנאָך האָט זיך חנקע אויף אַ רגע אָנגעבויגן צו אַ יונגער מוטער מיט אַ קליין מיידעלע, וואָס פאַרדרייט די יאָר און האַלט אין איין קלויבן צווישן די זיסע זאַכן אויפן בופעט. חנקע האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז דער גאָרטעט איז אויף איר אייגג, שטאַרק אייַנג, איר האָט פאַרקלעמט בייַם האַרץ:

— וואָס ווילסטו, מיידעלע?

און אַז זי האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט, האָט זי שוין דערזעהן הוה פויזנער זיצן מיט חייב-מעה׳ן אויפן רויטן סאַמעטענעם סאָפקעלע, וואָס אין ווייַטן עק. ער האָט אַלץ געוואָרפן בליקן אַהער צום בופעט-צו, חיים-משה, נאָר ער האָט געשמייכלט, געהערט, וואָס חוה פויזנער דערציילט אים, און האָט געשמייכלט.

---

אַלע האָבן דאָ געוואָלט כבוד, ווי אויף אַ חתונה.

אסתר פיך האָט זיך באלד צעקריגט מיט א פּאָר ווייבער, וואָס זיינען אַליין געקומען מיט די גלעזער צום סאַמאָוואר זיך אנגיסן טיי. אסתר פיך האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן זיין אַזוי גוט אין אנידערשטעלן די גלעזער, זיך אַנידערזעצן אויף זייערע ערטער און וואַרטן — מע וועט זיי דערלאַנגען. נאָר די ווייַבער האָבן געענטפערט, אַז זיי זיינען שוין גענוג געזעסן און האָבן שוין גענוג געוואַרט — זיי האָבן באַצאָלט פאַרן אַרייַנגאנג גלייך מיט אַלעמען; זיי האָבן ניט געקלערט, אַז דאָ גיט מען כיבוד נאָר אייגענע, באַקאַנטע. דערויף האָט זיי אסתר פיך געענטפערט, אַז זיי זיינען ביידע „נאכאלקעס״, זיי קענען נעמען זייער געלט צוריק און זיך גיין געזונטערהייט. די ווייבער האָבן זיך באַליידיגט און האָבן געמאַכט א גוואלד, נאָר אסתר פיך האָט געשריגן, אַז קיין טיי וועט זי שוין ניט געבן, זיי זאָלן אַפילו צעשפּרונגען ווערן. ס׳האָבן זיך געמוזט אַרייַנמישן זייטיגע און זיי אייַנגעשטילט. די כלי-זמר האָבן דערפאַר אויפגעהערט צו שפּילן, און אַלעמען איז מיט א מאָל געוואָרן לאַנגווייליג און ניט גוט. אַלע האָבן מיט אַ מאָל באַקומען אַזאַ געפיל, גלייַך מיט זייער קומען אהער זיינען זיי אויכן געווען ניט קיין שיינע כוונות. דערנאָך האָבן די כלי-זמר נאָך אַמאָל אַנגעהויבן שפּילן, און מיידלאַך האָבן נאָך א מאל אַנגעהויבן טאַנצן. געפּרובט מיט א כונה צו פאַרגעסן אָן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, נאָר פאַרגעסן ניט געקאָנט.

אויבן אָן, ווי מחותנים בייַם אָנגעזעהנעם ווייַט-געשפּרייטן טיש, זיינען געזעסן צוויי גבירים פון שטאָט, עזר ליובער און דער יונגער בראַמבערג—ביידע אין שוואַרצע סורדוטן, ביידע שווערלייַבע, בכבודיגע, מיט אַזעלכע ריין-אויסגעזייפטע האַלז-און-אַקענס, גלייך זיי האַלטן זיך תמיד אין דער תּים אין איין צוואָגן, נאָר ביידע אָרטיגע שטאַרק-האַנערדיגע, און דערפאַר וואָכעדיג-קאַלטע, גלייכגילטיגע צו דעם, וואָס מע האָט זיי דאָ

אנידערגעזעצט איינעם אקעגן אנדערע. ס׳האט זיך געדאכט, אז זיי וויקן איך צו להכעיס איינער מיטן צווייטן ניט רעדן. דער יונגער בראמבערג האט דאך פון הוילער לייטישקייט וועגן געגעבן אזא קנייטש מיט די קורצזיכטיגע אויגן, גלייך ווי ער וואלט זיך וועלן דערמאנען, וואס האט ער געזאגט אויף אט דעם אוונט פאראיארן. ער האט זיך סוף-כל סוף א שאקל געטאן.

— וואס אמת איז אמת, — האט ער געזאגט, — דער פארוואלטער פרעגער האט פארט געמאכט א לייט פון דער תלמוד תורה.

נאר עוזר ליובער האט אים געהאלטן פאר א קליינעם חכם. אים איז ניט אנגעגאנגען, וואס ער זאגט. ער האט זיך דערפאר צו אים ניט אומגעקוקט און האט ווי פריהער געקלאפט מיט די פינגער איבערן טיש, ווי אין א פארטעפיאן. ער איז געווען באוועגליכער און לעבעדיגער פון אלע סאטעס. פון אים האט געשמעקט מיט שטארקן אדעקאלאן, מיט טייער שמיקל זייף, און אונגעגנבן מיט זיין גרים-געקעמטן רויטליכן בערדל, וואס קומט אן אקארשט היינט פון וועג. האט ער דערמאנט אן דער גויה׳קע, מיט וועלכער ער וואוינט. די גילדענע פענסנע האט געריטן האפערדיג אויף זיין גראבליכער נאז, און אליין האט ער געהאט אזא פריילין אויסזעהן, גלייך ער איז תמיד גרייט צו זאגן:

— א חיות, בנאמנות, אייסצוואקסן אין א קורצער ציים מיט א גרייסער און רויטער דריי-גארנדיגער מיל, מיט אן אייגן ציקאווע הויז און מיט א נאמען אין מיט אן ארויסגעשטעלטער פייג איבער דער גאנצער געגנט.

אויף א רגע איז דא דורכגעגאן דער דאקטאר גראבוי, געוואלט, א פנים, זיך פארהאלטן נעבן חות פוזנער מיט חיים-משהן אין עפעס זאגן. נאר באלד אוועק צוריק צום בופעט און געהייסן דארט פארמאכן דאס פענסטער, וואס מע האט שוין ווידער געעפנט פונקט אנטקעגן דער טיר — סוף כל סוף זיינען דא איצט געווען אלע זיינע פאציענטן; אליב עמיצער פון זיי וועט כאפן א צוג-לופט, וועט ער סיי ווי סיי אויסגיין צו זיין קאפ.

— איי, איר דארט! — האט ער געשריגן — פארמאכט, וואס סטייט איר?

און אז ער האט זיך אהער אומגעקערט, האט מען שוין געקלונגען צום דריטן מאל. אלע האבן זיך איך גיך איסגעזעצט אויף די בינקלאך, און די סצענע האט זיך געעפנט — ס׳האט זיך פארגעשטעלט א וואלד: קינדער האבן געבלאנושעט אין א וואלד. די ערשטע צוויי קינדער האבן אפגערעדט, אז זיי לאזן זיך אין צוויי פארשיידענע זייטן זוכן דעם וועג. פלוצים האבן אלע די, וואס זיצן אויף די ביינקלאך, אין דער טונקלקייט גענומען דרייען די קעפ צום גרויסן טיער פון אריינגאנג; אלע האבן זיך אנגעהייבן שעפטשען, אז דעסלער איז געקומען:

— דעסלער פון בעריזשינעץ.

די מקדש בראמבערג איז אים געגאנגען באגעגענען. די קינדער איף דער סצענע האבן זיך אויף א רגע פארלוירן. דער ספעקטאקל האט זיך ווי אנגעשטעלט. און נאכדעם האט מען שוין אין די רייהען געהערט די גאנצע צייט, וואס דער ספעקטאקל איז געגאנגען. קיינער האט ניט געהאלטן פון דעסלערן, און אלע האבן זיך דאך געהייבן פון די ערטער, כדי צו זעהן אים אין פנים. און נאכדעם האבן זיך שוין אין א ווייטן ווינקל אין עק געהאלטן אין איין סודען דער נימנאזיסט פון נאהענטן שטעטל, זיין שוועסטער די קורסיסטין און איר חתן, וואס האט זיך דא געוואלט לאזן קאכטן א סך געלט. אלע זיינען זיי געווען שטארק איפגעבראכט, אלמאי מע האט זיי דא אפגעגעבן ווינציג כבוד, און האבן

איצט, אין מיטן ספּעקטאַקל. געוואָלט אוועקפאָרן אַהיים. מע האָט צו זיי אונטערגעשיקט חנקען, וואָס האָט פאַר זיי שיער ניט געוויינט:

— מע וועט זיי אָפּגעבן אַן אָרט אָט ביי יענעם באַזונדערן טישל. מע פאַרזיכערט זיי, אַז זיי וועלן זיך דאָרט פילן גוט.

און פּלוצים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיט חנקען—מיט חנקען אַליין איז דאָרט עפּעס געשעהן.

מע איז געגאַנגען צו איר הינטערן בופעט אינם פאַרהאַנגענעם האַלב-פינסטערן ווינקל, וואו די טישן זיינען געווען פול מיט אָנגעשניטענע געבעקסן און מיט געבּעס. געגאַנגען איז אַהין אויך עוזר ליובער. מע האָט איר דאָרט געגעבן אַ זופּ טון וואסער און מע איז געוואָרע געוואָרן, אַז ס'איז איר גאָר ניט, חנקען—זי זאָגט זיך אָפּ פון צו גיין מיטן פאָטער אַהיים, זי וויל דאָ בלייבן אויף ווייטער. דעמאָלט האָט מען זיך אומגעקערט צוריק אין מאַגאַזאַן און מע האָט דערזעהן, אַז דער ספּעקטאַקל האָט זיך שוין געענדיגט, מע רוקט אָפּ אַלע טישן אין אַ זייט צו די ווענט, און שאָולקע שניידער באַגיסט די ערד פון מאַגאַזאַן פון אַ טשייניק, כדי דער שטויב זאָל זיך אָפּזעצן. מע שטייט שוין ווידער ביי אַ גרויסער קיילאַכיגער ראָד און מע וואַרט אַלץ עפּעס נייס.

מע' האָט געהייסן שפּילן די כלי-זמר.

---

אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט איז עמיצער אנטדרימלט געוואָרן אין עק מאַגאַזאַן אויף אַ ביינקל. אנטדרימלט געוואָרן זיצנדיג און אָפּגעדרימלט אַזוי אַ ווײַלע מיט אַ צעשאָקלטן קאָפּ, וואָס באַמבלט זיך פאַרלוירענערהייט אַראָפּ אין אַרויף. נאָר פּלוצים געגעבן אַן אומגעריכט-צעשראָקענעם בליק מיט די שווערליכע פאַרשלאָפענע אויגן אַקעגן זיך און האָט דאָס אָרט ניט דערקאָנט—אַזוי פאַרענדערט אין טיף-נאַכטיג האָט אויסגעזעהן אַלץ אין מאַגאַזאַן:—ס'האָבן זיך געזעצט אַלע דריי הייגענדיגע בליץ-לאָמפּן און זיך געוויקלט צי אין נעפּל, צי אין שטויב. אויף דער פּיק איז שוין לאַנג, אָפּנים, געהאַט אנדרימלט געוואָרן די פּאָץ, און געקלאַפּט האָט זי דערפאַר איינטאָניג, פייל אין פון זיך, ווי אין חלום. די כלי-זמר האָבן געשפּילט דרימלדיג און מיד, אין דער עולם אין דער גרויסער בלייענער ראָד האָט נאָך אַלץ, ווי פאַרשכורטע, ווי אויף צעפּוקעניש עמיצן אַ שטאַרקן אין גרויסן, זיך געדרינגלט אין אַ פאַרשוויצטער שווינדלענדיגער איילעניש, געהײַעט און געטופּעט דעם מאָדנע לאַנגען טאַנץ, זיך אָפּגעשטעלט אַלע ווײַלע מיט אַ שטאַרקן אָפּגעהאַקטן קלאַפּ פון פּויק, געלאָזט אַן אָטעם טון די כלי זמר און זיך ווידער אַמאָל גענומען דרייען און אויפהויבן דעם שטויב.

דעסלער האָט שוין געהאַט אָפּגעגעבן דער מאַדאַם בראַמבערג זיין שמעקנדיג געלט אין קאָנווערט און איז פאַרפאַריה אַוועקגעפאָרן אַהיים. עוזר ליובער ניט בראַמבערגן האָט מען שוין דאַ אויך מער ניט געזעהן, און יונגוואַרג איז דערפאַר געווען פריי און לוסטיג. דער גימנאַזיסט אין מיטן טאַנצנדיגער ראָד האָט באַוויזן, ווי אַזוי צעהן מענשן קאָנען זיך אָנהאַלטן איינער אַן צווייטן און גיך דרייען זיך אַזוי משוגענערווייז, אַז דער קאָפּ זאָל זיך שווער פאַרדרייען און זיי זאָלן נאָך אַלץ שמייכלען, אָפּאָטעמען מיטן לעצטן אָטעם און שמייכלען און ווידער אַמאָל זיך נעמען דרייען, זיך הילן אין גאַנצע וואָלקנס שטויב.

— אוי, ס'שטיקט...

— גייט אַרויס פון דאַנען.

אסתר פיך האָט געהאַט קראַנקע לונגען. דער דאָקטאָר גראַבײ האָט זי עטליכע מאָל אַוועקגעשיקט צו דער אָפענער טיר, נאָר זי איז געווען אַ ביסל אויסגעטרונקען און האָט געוואָלט זיין דווקא דאָ, וואו ס'זיינען דער דאָקטאָר מיט חיים-משהן.

— ניין, זי וועט זיין דאָ. זי וועט דאָך ניט לאָזן, אַז דער דאָקטאָר מיט חיים-משהן זאָלן אַוועקגיין, איידער ס'וועט ווערן טאָג. פאַראַ-יאָרן איז אויף אָט דעם אָוונט איז געווען מלך, און אויך אים האָט מען דעמאָלט ניט געלאָזן אַוועקגיין, איידער ס'וועט אָנהויבן טאָגן — זי און נאָך אַנייער אַ מענש האָבן אים דעמאָלט ניט געלאָזן. איצט איז אָט דער מענש אַנטלאָפן, אַזוי צו זאָגן, אויפן בייזשן פלאַן... איר קוקט אים איצט אָן, אָט דעם מענשן?... כי, כי, כי...

און זי האָט געגומען ווינקען איף חוה פויזנער, וואָס זיצט ווי פאַרגאַסט איינע אַליין אין עק מאַגאַזאַן אויפן קורצן סאַמעטענעם סאָפּקעלע.

אין יענעם אָוונט האָט פרעגער דער פּאַרוואַלטער באַוויזן פון ס'ניי צו באַליידיגן חוה פויזנער און זי אָנריירן מיט אַ פּאָר ווערטער, אַזוי, אַז זי זאָל ווערן שטאַרק אויפגעבראַכט און רויט און זאָל זיך נאָכדעם קיין אָרט ניט געפינען אַ גאַנצן אָוונט. פון אָנהייב האָט זי געפרובט רעדן מיטן דאָקטאָר אויף אָט די אַלע יידישע יונגע לייט, וואָס טאַנצן.

— קוקט, ווי זיי שפּרינגען, האָט זי געזאָגט צום דאָקטאָר,—ס'איז מיאוסע באַוועגונגען; קוקט, ווי זיי זיינען אַלע העסליך.

אָבער אין זיי איז, נאָך איר מיינונג, געווען עקלדיג. זי, חוה פויזנער, האָט בכלל אין משך פון איר לעבן אַזוי זעלטן וועגן זיי געטראַכט:

— איין מאָל זיינען זיי אין זיי אַריינגעקומען צו איר אהיים. זי איז נאָך דעמאָלט געלעגן אין בעט, נאָר זי איז געווען גרייט זיי גלייך אַריינצולאָזן צו זיך אין צימער—אויף אַזוי פיל האָט זי זיי ניט גערעכנט פאַר מאַנסבילען.

חוה פויזנער האָט אויך געפרובט זיצן אַ ביסל מיט חיים-משהן און אים פאַראינטערעסירן.

— יצחק בער דאַרף זיין, נאָך איר מיינונג, אַן אינטערעסאַנטער מענש, אַן אָפּגעשלאָסענער—ער גלויבט זעהר ווייניג מענשן.

נאָר חיים-משה האָט נאָר געהערט און מער גאָר, געהערט און געשמייכלט, גלייך אויך ער איז עפּעס יוי אנגעטשעפעט אויף איר, אייך ער גלויבט איר ניט.

סוף-כל-סוף איז חוה פויזנער געבליבן זיצן איינע אַליין אויפן קורצן סאַמעטענעם סאָפּקעלע אין געטויבען וואַרטן, ס'זאָל טאָג ווערן.

— געשיקט זיך, אַז דאָ וועט זיך ניט געפינען קיינער, וואָס זאָל זי איצט באַגלייטן אַהיים!?

זי האָט געקוקט, ווי דער עולם טאַנצט און היצט אַרום זיך דעם שטויב, און געפילט, אַז דאָרט אין ווינקל, קעגן-איבער די פאָרהאַנגען, וואו ס'שטייען די טישן מיטן געפעס און סימן געבעקס, האַלט זיך עפּעס אין איין כּח—מע האָט זי דאָרט אין זינען.

און, יאָ. דאָרט הינטערן פאָרהאַנג איגט חלב-מיגכטערן ווינקל האָט זיך די גאַנצע צייט עפּעס געטאָן.

שאילקע שניידער האָט דאָרט באַקומען זיין לוין דערפאַר, וואָס ער האָט געהאָלפן אויפן אָוונט באַדינען. ער האָט געזעהן פון אַלץ ניט אויסגעליידיגטע טעלער. געטרונקען האָבן דאָרט, חוץ אים, פרעגער, אנשל צדיק און אויך אסתר פיך. אסתר פיך האָט דאָרט ווי אַ מאַנסביל געפרובט אַריינגיסן אין זיך עטליכע פולע ביסלאַך בראָנפן און האָט געהאַלטן אין איין לאַכן אויף איר דינעם פאַנטאַנדיגן קולכל. פרעגער האָט דאָרט געפרובט

אַלעמען איינשטילן—ער האָט גערעדט אויף אַלע לייטישע און געהויבענע ראַקיטנער בעלי בתים. נאָר דער אויסגעטרינקענער אנשל צדיק האָט ניט געוואָלט הערן און איז געבליבן שטאַרק אויפגעלייגט און צופרידן. ער האָט געקוואָלן פון זיך, אנשל צודיק אַליין, פון דעם וואָס ער אַליין טרינקט, און פון דעם, וואָס ער אַליין פאַר זיך רעדט אויף חוה פויזנער.

— אַ קרעפּס! האָט ער געשריגן, — אויפן ערן-וואָרט — אַ קרעפּס!

און ער האָט אַלץ געטייט מיטן פינגער אהין צום כאַמעטענעם סאָפּקעלע, וואו ס'זיצט חוה פויזנער.

שכורעדהייט, מיטן גלעזל אין האַנט, איז ער אַלע מאָל צוגאַנגען צו עמיצן פון די אָרומיגע, צוגעגאַנגען מיט אַזאַ מינע, גלייך ער האָט מורא, אַז יענער וועט אים נעמען קיצלען, און גענומען עפּעס שעפּטשען אויפן אויער. אים איז ארויף אויפן זינען אַ גלענצענדער איינפאַל:

אַ קרעפּס האָט אַ עטיקל צייט, ווען ס'פאַלן אים אַראָפּ פון די קלעמערס די האָרן-ביינדלאַך — ער האָט זיך דערמאָנט ניט מיט וואָס צו קנייפּן — ער פאַרקלייבט זיך דאַן אין אַ ווינקעלע, ווי אַ סטאַטעק, און וואַרט איבער די שלעכטע צייט. איז אָט:

— פּונקט ווי חוה פויזנער איצטער . . .

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער געדאַנק איז אַ גלענצענדער. נאָר קיינער האָט אים ניט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף. שכירערהייט איז ער נאָך אַ מאָל מיט אָט דער המצאה צוגעשטאַנען צו הייב-משה'ן — ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז שוין איין מאָל צו אים צוגעשטאַנען.

— טוט אויף איר אַ קוק,—האָט ער אָנגעקוואָלן.

נאָר הייב-משה האָט ווידער אַ מאָל גלייכגילטיג אויסגעהערט. ער האָט בכלל איצט געזעהן גלייכגילטיג צו אַלץ, וואָס דאָ אויפן אָוונט קומט פאָר. ער האָט אַלץ געמאַכט אַ-זעלכע באַוועגונגען, גלייך ער זוכט עמיצן מיט די אויגן. נאָר כל-סוף איז ער ארויס-געגאַנגען צום אָפענעם טויער פון מאַגאַזין און זיך געשטעלט וואַרטן, ס'זאָל טאָג ווערן. פון הינטן, הינטער די פלייצעס האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט די פּויק. ס'האָבן זיך נאָך אַלץ גע-זעצט די לאָמפּן, און פאַר די אייגן האָט זיך געבלאַנקט דער אינעווייניגסטער ציכטיגער פּאַסאַד פון בראָמבערגס אָרומגעפּוצטן ראָז-געפאַרבענעם הויז. ערד-כאַטענעס האָבן זיך דאָרט געשוואַרצט, געגרינט אין לאַנגע, לאַנגע שורות, און שפּיכלערס האָבן געדרימלט אין דער זייט — פולע שפּיכלערס, זיכערע אַזעלכע אין גאַשטאַטע, באַשטאַטע — מאָדנע ווי פּעכט ער האָט זיך דאָ אייגעפונדעוועט, אָט דער פּאַטעלאַכער, קורצזיכטיגער און פול-בליכער בראָמבערג. נאָר אָט: וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן עס קומען איצט ארויף אים, הייב-משה'ן, אויפן זינען . . . וואָס גייט עס אים אָן? ס'איז אפשר גלייכער, וואָס ער איז כל-סוף ניט צוגעגאַנגען צו הנקע ליובער. און די נאַכט, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט? — ער האָט פון אָנהייב אָן אַזוי געטראַכט: „תמיד שלאָפט מען ניט אַ נאַכט, איידער מע פירט אויס אַ געוויסן ענין". נאָר אָט אַקעגן הייבט שוין אָן גראָהע ווערן און טאָגן דער פייכטער סוף פון נאַכט. ס'איז דאָ מער נישט געבליבן וואָס צו טון — ער האָט זיך אומגעקוקט צוריק אין מאַגאַזין אריין, צו די ... הענגענדיגע לאָמפּן, וואָס זעצן זיך נאָך אַלץ אין נצפל — איי-גנטליך דאַרף ער, חיים משה, זיך מיט קיינעם דאָ ניט געזעגענען. ער מעג גיין.

ער איז געגאַנגען איינער אַליין מיט דער סוף-נאַכטיגער גראָהקייט אריס דער שטאָט, געשפּאַנט שמייכדיג מיטן טייאַיג-פייכטן שטיבל אויפן וועג און האָט נאָך אַליין אין זינען געהאַט דעם פריהערדיגן געדאַנק:

— תמיד שלאָפט מען ניט אַ נאַכט, איידער מען פירט אויס אַ נעמליכן ענין.

גערירט מיט אַ יאָר האָט אויף אָט דעם אָוונט פונקט אַזאַ נאַכט פאַרבראַכט מלך. נאָר מלך איז אין דער פרית אַוועק פון דאָרט ריחיג, מיט זיין שטענדיג שעמעוודיגן שמייכל — מלך האָט געגעבן אַנדערע. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט א נאַכט פריהער. איידער ער איז שטיל אייַנגעגאַנגען. ער איז געווען אויסגעהאַלטן ביזן ביז, סדר, און האָט געשמייכלט. — אייב שטומער, נאָר „שטומער בראָסעסט“, איז קיינעם ניט פאַרוואונדערן. אָך יאָ, ער, חיים משה, האָט שוין, דאַכט זיך, איין מאָל וועגן דעם געטראַכט:

„— פאַרוואָס ביזטו אזוי שטיל אַוועק, מלך?“

„— דו ווייסט, חיים-משה.“

„— כדי ניט אופצואוועקן קליינע קינדער?“

„— יאָ, חיים משה. זאָלן דרימלען קינדער. זאָלן דרימלען קינדער מיט בלאַסע בעקלאַך.

„— אָבער ס'איז דאָך הוילער שד, מלך, — הוילער שד — אין גוטסקייט און אין שע-מעוודיגן שמייכל“ . . .

ער איז אַריבערגעלאָפן דעם וואַלד-טויער און האָט געטראָפן די טיר פון יצחק בערס דרימלדיגן שטיבל, ווי אין שטילער וואַרטעניש, ניט פאַרריגלט פון אינעווייניג — אָך מאָדנע. מאָדנע, ווי אָט דער יצחק בער האָט זיך תמיד פאַר אים, חיים משה'ן, געזאָרגט. דאָס האָט ער, אַפנים, נעכטן אין אָוונט אין זינען געהאַט די ארומצוגיין און פאַרמאַכן צו דרויסן די לאָדן פון זיינע, חיים משהס, צימער — ער האָט אין זינען געהאַט נאָר צו פאַרריגלען פון אינעווייניג די טיר, כדי ער, חיים-משה, זאָל ניט דאַרפן קלאַפן.

ער איז שטיל אַריינגעקומען צו זיך אין צימער און האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, און אָקאָרשט נאָכדעם באַמערקט, אַז ער האָט אין דרויסן פאַרגעסן צוצומאַכן די לאָדן פון זיינע פענסטער. נאָר אומקערן זיך און צומאַכן איז געווען איבעריג. דער גראָהער אָנ-הויב-טאָג האָט שוין פיי ווי אריינגעדרונגען דורך די פענסטער און האָט געלויכטן. ער האָט זיך אינגעלעגט אויפן בעט און איז אזוי געבליבן ליגן לאַנג, לאַנג, מיט אָפענע אויגן אַקעגן דער סטעליע.

וואָס איז איצט געבליבן צו טון?

זיך שלעפן פאַר די האָר און אויפריימען, ווי ס'פאָדערט יצחק-בער — „נתגלה'“ ווערן און טון דעם שמואַיקן קלאַפּ מיט דער טיר — אדער נאָכגעבן דעם געפיל, וואָס האָט היינט א גאַנצע, אַ גאַנצע נאַכט צו איר — צו חנקען, געצויגן, נעמען מיט זיך חנקען אהין צוריק אין דער גרויסער שטאָט, און זאָל זי זיצן דאָרט ביי אים הינטערן פאַרהאַנג — זאָל זי הערן, ווי ער קנעלט מיט היפשע יינגלאַך און מיט מיידלאַך מיטן זעלטן ניגון פון פרק

„И так чему равняется $(a+b)^2$ — ...“

און נאָך אַן אויסוועג איז פאַראַן, נאָך אַ מיטל:

— אָך יאָ, מאָדנע, ער געדענקט עס געוויס . . .

איין מאָל, שאַרנדיג ביי מלכ'ן אין שופלאָד צווישן זיינע פאַפירן, האָט ער גע-פונען אַ קליין פעקעלע מיט אַ שוואַרצן מענטשן-שאַרבן אויפן עטיקעטל און מיט צוויי אוי-

בערגעצלמטע ביינער. ער האָט עס דעמאָלט אָראָפּגעלאָזן צו זיך אין הויזן-טאַש, נאָר ער געדענקט ניט, וואוהין ער האָט עס נאָכדעם אַהינגעטאָן:

— ער קאָן זיך בשום אופן ניט דערמאָנען, וואוהין ער האָט עס דעמאָלט אַוועקגע-לעגט.

ער איז מיט א מאָל געוואָרן אומרוהיג. ער האָט אויף גיך אריסגערוקט פון הינ-טערן קאמאד זיינע צוויי טשעמאָדאַנעס און האָט געשווינד גענומען אין זיי זוכן. ער איז אזוי געשטאַנען אויף די קני׳הען נעבן די טשעמאָדאנעס און האָט געהאלטן אין איין גיש-טערן אין זיי און זוכן. און פלוצים האָט ער מיט א מאָל אויפגעהערט – ער האָט אָנגע-שטעלט אן אויער צו דער שיין פון איינעם אַ לאָדן-שפּאַלט און האָט זיך גענומען איינ-הערן:

מע האָט געקלאַפּט אינם לאדן, שטיל אווי אין ניט זיכער האָט מען אין לאָדן גע-קלאַפּט, אָפּגעהיפּערט אַלע מאָל א גייע וואַרטענדיגע ווייַלע און ווידער אַ מאָל געגעבן עט-ליכע שטילע, ניט זיכערע קלעפּ. פּאַמעליך און אויף די שפּיץ פינגער, גלייך ער קאָן עמיצן אויפוועקן, איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער און דאָט עס געעפנט אין דרויסן ארויס, דאס פענס-טער, אינאיינעם מיטן לאָד—ס׳איז שוין געווען אינגאנצן טאג, ממש טאג. ערגיץ ווייט, פאַרשטעלט מיט די ווייטסטע און העכסטע בוימער-שפּיצן פון וואַלד, איז אויפגעגאַן די זון, און אקעגן נעבן דעם פייַכטן קאלטן ביישטידל פון פענסטער, איז מיט א בלאַס און צעשראקן פּנים געשטאנען חנקע — זי איז געווען אנגעטאן אינם זעלבן גאָהעפט-ווייסן האלב-סיולענעם ק׳ייד מיט די זעלבע ווייַסע און לאַנגע העגטשקעס אָהן פינגער, אין וועלכע זי איז גע-ווען ביינאכט אויפן אָוונט — זי איז נאָן, אפנים, אלץ ניט געווען אין דער חיים, און דאָס הארץ איז ביי איר געווען פאַרשטארבן - אירע אויגן האבן אויף אים געקוקט גלייך פון אקעגן— ווי פארגליווערטע האבן זיי אויף אים געקוקט, ווי גלעזערנע — זי האט ניט גע-קאָנט רעדן.

— אָך, חנקע . . .

חיים משה האט זי אנגענומען פאר דער האנט, פאר די קאַלטע, קאלטע פינגער. ער האט זי אריינגעפירט צו זיך אין צימער און זיך אנידערגעזעצט קוקן איר אין פּנים אריין:

— נאך וואָס איז זי אזוי פריה געקומען, חנקע?

ל. קוויטקאָ.

# ל י ר י ק.

## מ ע נ ש.

### דו, וואָס גייסט מיר נאָך...

דו, וואָס גייסט מיר נאָך פוס-טריט;
וואָס געדיינקסט מיך,
ווען איך פאַרגעס זיך;
וואָס היטסט מיט אייביג-בליקן
מיין צעשטראָמט לעבן;
דו, וואָס געדיינקסט מײַן טאַטן
און וואַרטסט אויף מײַן קינד —
דו אייביגער פאַרבאָרגענער פרײַנט! —
באַוויליג מײַן באַגער:
ניט ווײַז מיר מײַנע אָפּגעלעבטע לעבנס...

אַלע מאָל איז טאָג געוואָרן —
בין איך שוואַך...
אַלע מאָל, פון קינדווייז אָן,
אויף די ראָגן בין געשטאַנען,
אַלע מאָל האָט שוואַך זיך דורכגעשלייכט
די יאַטרעדיגע וואונד,
האָב איך מיט גאַל געשפּיגן
אויף יעדער ראָג,
אויף יעדער ראָג...
אַלע מאָל איז טאָג געוואָרן —
בין איך שוואַך...

פרײַנט!
פאַרשטעל פון מיר דעם אָפּגעלעבטן טאָוול,
פאַרשטעל עס מיטן קרומען פּנים
צו גרויסער שוואַרצער וואַנט—פאַרגעסנהייט!

פרײַנט!
פון אדמען ביז היינט
האָב איך נאָך אַלץ איין קאָפּ, איין האַרץ,
פון אדמען ביז היינט

נאָך אַלץ אַ טונקעלע,
אַ טונקעלע נשמה...
און אַלע מאָל איז טאָג געוואָרן —
בין איך שוואַך.
פאַרשטעל פון מיר מיין אָפּגעלעבטן טאָוול
צו גרויסער שוואַרצער וואַנט — פאַרגעסנהייט.

## עשו.

עשו,
באַוואַקסענער, געבענשט מיט שמעקנדיגן פעלד!
דיר קומט פון מיר אַ גרייזער חוב,
ער ליגט פאַרזונקען אין מיין טיף,
באַגראָבן אין מיינע פאַרשאָמענע אוצרות...

עשו,
שטיל, הינטער דיינע פלייצעס,
שטיל האָב איך געזויגן די ריחות פון דיין מזל,
דאָס קרעפטיגע געטראַנק
פון דיר, עשו, שמעקנדיג פעלד.

עשו,
האָריגער, מיט בלינדן טאַטנס ברכה
אויף וואלדן-קאָפּ,
אויף מילדן בלאָנדן...
עשו,
מאָן מיך ניט אַצינד... מאָן מיך ניט אַצינד...
טראָפּוויַיז דיינס איז איינגעזונקען
אין מיין גרייזן אומעט,
טראָפּווייז — אויסגעהויכט
מיט אַלע מיינע טויזנטער נשמות,
אויף אַש פון גיינג,
אויף אש פון זיין...

עשו,
אויף ברייטן, ברייטן פיינען-פלאַך פון שימל-אוראלט
איז אויסגעשפינט,
אויסגעשטיקט,
אויסגעשטריקט
מיין אור אלט האַרץ,
מיין גרייזער טרוים,

מײַן טונקל-גלאַנציק קוקן...
זיך דאָרט, זיך...

עשו,
קער זיך אָפּ פון מיר צו דײַנע שעפּסעלאַך, —
צו דײַנע שמעקנדיקע קוואַלן,
לייג ארויף דײַן האַנט אויף זיי,
דײַן האריג אַלטע האַנט...

## מיט מײַנע יונגע...

מיט מײַנע יונגע, ניט-דערוואַקסענע פעדערלאַך,
אין טונקלעניש,
פאַר טונקלעניש, —
זיץ איך אויף מײַן הויכן דרימל-לייטער —
פּיפּס, פּיפּס: —
„א־ראַלט, אוראַלט,
„מיט לעגענדע, מיט פאַרוועבטע אויגן,
„אוראַלט, עלטסטע —
„זאָג, ווער זײַנען מײַנע עלטסטע טאַטע-מאַמע?—
„ווער זײַנען זיי?
„וואו זײַנען זיי?"
„—ניין, חלילה—
„ניט זיי שעלטן,
„ניט זיי בענשן,
„שטילינק-שטיל זיי איבערגעבן
„אין די אוראַלטע מא־רות: —
„—טאַטע עלטסטער,
„מאַמע עלטסטע,—
„כ'בין אין סאַמע מיטן אָוונט,
„צימרינג-געדעמפּטן
אָוונט, אָוונט; —
„הילן מיך די ווייכע פעדערלאַך,
„הויבן מיך די יונגע פליגעלאַך,
„און פון שטאַפּל
„אויפן צ־ווייטן
„הויב א־יך אויף זיך,
„הויב איך אויף זיך,
„הויב איך אויף זיך איבער אָוונט —
„העל איז, העל איז—איבער אָוונט! —

„טאַטיִ עלטסטער,
„מאַמע עלטסטע,
„וויל איך וויסן:
„—וועמענס שאָרשען
„זיידיג-גרייזע
„אָטעם-אָטעמען אין מיר?...
„—וועמענס שטילע טריט
„הילכן העלע אַפּ
„און ציטערן אין מיין געמיט?"

—זיך איך אויף מיין היכן דרימל-לייטער —
פּיפּס, פּיפּס,
קומט אַמאָל אַ גרייז-געוויסער
אייף הויכער הייך,
וויגט זיך אום.

## אויף דער קינדער־גאַס.

אויף דער קינדער-גאַס,
ביי די העלע קינדער-הייזער
האבן סעדער
פריה׳ר פאַר אַלע בליהען אָנגעהויבן.

פריה׳ר פאַר אַלע
אומגעקערט זיך
מיט די פירות,
מיט דער יוגנט,
צו די העלע קינדער-הייזער.

אין מיינע גאַסן,
אויף מיינע שטיינער-הויקערס,
קוקן אויס די אויגן זיך
וואָלקן-פויגלען,
—קוקן אויס די אויגן זיך...

— אין מיינע גאַסן
שלעפּ איך נאָך מיין אומגעלומפער.
כ׳האב דינע פיסלאך,
כ׳האב ווייכע אַקסלען,
כ׳האב יונגע ווײ-טעג —
שלעפּ איך נאָך מיין אומגעלומפער...
— וועלכן טאַטנס? —
— וועלכער מאַמעס? —

מיט ווײַ, מיט ווײַטאָג
רײַס איך שטיקלאַך
אומגעלומפּער
און וואַרף אויף שטיינער-הויקערס,
כ'וואַרף די גאַסן, —
— מײַנע גאַסן. —

אַ פאַרקירצטער,
אַ פאַרשמאָלטער,
מיט ווײַטאָג-ווינטלאַך
אַדורכגעהויכטער —
קום איך אָן אין קינדער-גאַס: —

אויף די ווײַסע טראָטואַרן,
וואַר'מע,
וואַר'מע טראָטואַרן,
ליגן קינדערלאַך און דרימלען,
ווײַסע וואָלקענדלאַך,
וואַר'מע וואָלקענדלאַך.

אַלע שטאַמיג!
אײַנגעלײַביג! —
נאָר אין מײַנע אַלע הערצער
איז אײַנגעוואַקסן,
אײַנגעאָדערט
וועלטיש-פרעמדער אומגעלומפּער!
— וועלכן טאַטנס? —
— וועלכער מאַמעס? —

## פון גרויסן שאַריען...

פון גרויסן שאַריען
בלאָזט אויף מיר,
שטראָמט אויף מיר
בלענדענדע העל;
פון שוואַרצן פאַרגייען
הויכט אויף מיר,
דעקט אויף מיר
שטאָך-שוואַרצע וויסט.

און ווינטן פון אַל',
און ווינטן פ'ן גאָר—
אויף רעדל מײַן קרײַנס,
אויף בינטל מײַנס יאָר.

איך אויף מײַן וועלט
אַ שטיינדל אויף שטיין...

זאָג איך מיר איין מאָל:
כ'האָב נאָך אַ שמייכל,
כ'האָב נאָך פיר עקן
אויף לעבן און קוקן,
אַ הייכינקע שוועל.
איך בין נאך די גרייס דאָ,
די מיט אין די עקן,
פּאָר בינטעלע בלינדינקע יאָר
איך וועל קלעקן.
וואָס פעלט נאָך? וואָס פעלט נאָך?
וואָס פעלט?! —

בלאָזט אויף מיר,
שטראָמט אויף מיר,
בלענדענדע העל
פון גרויטן שאריען.
הויכט אויף מיר,
דעקט אויף מיר
שמאָק-שווארצע וויסט
פון שוואַרצן פאַרגייען...

## כ'האב ביי מיר אין דר'היים...

כ'האָב בײַ מיר אין דר'היים אַ שטיקל גלאָז —
וואו אַ טיף געפיל,
וואו אַ כורות-שפיל,
וואו אַן אונטער-גרונט
פון בײנקעניש און ציהען —
שפילט און טריפט און טיפט
מיט ציכטיג צאַרטע גליהען
אין דעם מײַן שטיקל גלאָז.

ס'איז פאַרפעלט פון מיר
דער יום-טוב פון מיין פאָלק,
דער יום-טוב פון מײַן קלאַס.
עלנד בלײַבן זיי אין זייערע אבדות...
ווײַל: —
אַל' געזאַנגען מיינע זינקען אײַן
אין דעם מיין שטיקל גלאָז.

פעסטער פון אַלע איכ'ן מיַינע,
שטאַרקער פון די טרויערן, יום-טובים
פון מיַין מעכטיג וואַקסנדיגן קלאַס —
איז קראַפט פון דעם
מיַין שטיקל גלאָז.

איך ציה צונויף
מיַין צעשטראָמטע, צעפלויגענע נשמה,
מיַין צעלאָפן יונג לעבן,
איך זיץ מיט זיי,
איך זינג מיט זיי—
פאַר דעם מיַין שטיקל גלאָז...

* * *

דוד ה.

איך לעב אזוי:
מיט שטיקלאַך זאַפטיג ערד אויף אויגן,
מיט ערד-פאַרלעגטע אויגן
נעם איך אויף
די שאָטענדלאַך פון אלע פאַרבן,
די אלע פאַרבן
פון גאָרן הימלדיגן רעגנבויגן,
און וויג מיַין האַרץ
אויף זייער שימער-וויג
און וויג מיַין זעהענדיג געמיט ...

איך הויב די ערד-פאַרלעגטע אויגן אויף,
כ'פרוב מיט זיי דאָס רוים-געוועב,
כ'שמעק מיט זיי די רוימען-טיף
און נעם ארום דעם רוימען-גאַט ...
איך וועגד זיי 'הער, אויף ערד,
כ'זעה די אָדער-קניפעלאך פון צווייַגן-הויט —
ווי זיי ציהען בלינדע זיך
און שליסן זיך,
צעטראָגן פרייד,
בלינדע פרייד
צו בליהענדיגע קעמערלאך.
איך קניפ זיך צו
און טראָג די פרייד מיט זיי ...

אַלע, אַלע, צאַפּלענדיגע,
קאַלירנדיגע זיידע׳לאך,
וואָס הוידען ארום מיר —
נעם איך דורך
און פלייץ מיט זיי —
בלענדענדיגע איבערפלוסן
אויף מוסערפּערלדיגן אל,
אויף מוסערפּערלדיגן גאָר —
איך מיט מיינע ערד-באַלעגטע אויגן.

זייטיגע! — מיט שפּאַקטיוועלאַך,
שפּאַקולן,
מיט קאָלירנדיגע פּרוב-גלעזלאַך,
גייט אוועק! —
גייט וועבן נעצן אייך,
גייט פּענטען שלייפעלאַך
פאַר כוואַליענדיגן,
קוועלנדיגן,
כלינענדיגן —
לעב-קוואל,
טויט-קוואל . . .
לאָזט —
איך גיי ארום מיט שטיקלאַך זאפטיג ערד אויף אויגן.

---

# פּאָלק.

## כ׳האב אַ יונג׳ אַ בליהענד לעבן...

כ׳האָב א יונג, אַ בליהענד לעבן,
ציטער איך אַזוי פאַר דעם;
איך פאַרגלויב עס נישט דער נאַכט,
איך פאַרגלויב עס נישט דעם טאָג,
נישט מיין אייגענעם טריט.
אַך —
אונטער די פאַרביטענע פענסטער
בליהען בוימער,
קליינע, שוואַכע גראָזן!...
ס׳אַראַ שרעק! —
שטייען אַלע אָפּגעדעקטע
פאַר דער אָנ׳נער גאַס!...
ס׳אַראַ וואונדער! —
טרויען טאָג און טרויען נאַכט

איך קוקן איבער דעם משונה וואָר
צום גאָלדנעם צאַנק
פון זייער געלן ענד...

כ'האָב אַ יונג, אַ בליהענד לעבן, —
ציטער איך אַזוי פאַר דעם.

## טאָג ווערט פינסטערער...

טאָג ווערט פינסטערער און פינסטערער,
כאַפּטעס רוקן אַן זיך אויף דער שטאָט,
כאַפּטעס גיפטיגער פון שליינג,
שרעקליכער פון טויט,
שרעקליכער פון קינדער-טויטן;
רוקן אָן זיך להיט'ע,
רייסן קעפּ,
פאַרחלשטע, מרה-שחורהדיגע קעפּ, —
אויך נאָך מיינעם יונגן קאָפּ
און נאָך מיין האַרץ, וואָס האָט פאַרוויגט אין זיך
די פרייד פון ליבע...

...אַן אומגליקליך פאַרבליבענער
וועט איבערציילן די הרוגים,
ער וועט מיין טויטן נאָמען
גלייך מיט אַלעמענס פאַרשרייבן מיט קליינע אותיות
אינ'ם לאַנגן צעטל.
אָ, ער זאָל כאָטש ניט פאַרגעסן צו פאַרצייכענען,
וויפיל איך בין אַלט געווען!...
ער זאָל כאָטש אויך דערמאָנען,
אַז בלוטיג-יונג מיין האַרץ געווען,
אַז שטאַרק, ווי שרעק, געווען מיין ווילן לעבן,
שטאַרק און ווייטאָגדיג,
ווי מיין דער לעצטער טאָג!

## איך זאָל כאָטש ענדיגן...

איך זאָל כאָטש ענדיגן מיין דינינק פידעלע,
וואָס כ'שניץ און טעסע עס אַ גאַנצן פריה.
פון שוועבלאך-קעסטעלע, מיט פינגער פיבערשע,
איך שניץ און טעסע עס אַ גאַנצן פריה.

— בייז געוויטער, וואַרט אַ ווייל פון יענער זייט! —
איך מוז פאַרטעסען נאָך דעם אונטער-טייל.

און דו, טויט, שטיי א ווייל ביים שוועל און וואך אויף מיר—
איך מוז פארגלעכן נאך דעם איבער-טייל.

אַט שטעלן שטיפּטעלאַך אין גלאַטן העלזעלע,
און ציהען הערעלאַך אויף גאַנצער לענג. —
די רוצחים הויליען שוין אין הויף דעם שכניש׳ן,
און שוין פאַרהאַקט מיין טיר מיט זייער בליק.

אָ, נאַך אַ הערעלע פון קאָפּ אין פידעלע...
אַ, ליבע, ציטער נישט, לאָז, נאָך אַ האָר —
אַ קליינע פידעלע דעם בלאַסן קינדעלע,
אָ, זאָל עס זיין אים נאָר צו לאַנגע יאָר!

דעם קליינעם קינדעלע אַ דינינק פידעלע,
מיט דינעם פעדימל אויף הערצל דעם;—
זיב-זים מיט שמיציקל, ווי קליינע פליגעלע:—
„דעם טאַטנס פידעלע... דער מאַמעס פידעלע..."

## טראָגט די שטאָט...

טראָגט די שטאָט איר שווערן גורל
פאַר דעם וויסטן טאָג און נאַכט,
ציילט זי שטיל די יאָרן איבער
פאַר דעם וויסטן טאָג און נאַכט.
זאָגט אָפּ ודוי,
שליסט די אויגן,
טראַכט:
„כ׳וועל צו חלום אפשר קומען
„יענעם זון-קוואַל
„אינם ווייטן פרייהייט-פריה.
„איך וועל זאָגן:
„— „זון-קוואַל לויטער!
„איך בין חלום
„פון אַן אַלטער
„שטאָט, אַ טויטער
„יידן-שטאָט.
„אין פאַרשטאָפּטן לאַנד געאָטעמט,
„פון פאַרשטאָפּטן פאָלק פאַרפייניגט
„יידן-שטאָט."

„וועלן קינדער אפשר קומען
„ביי דעם זון-קוואַל פירן שפּילן

„און פון זון-קוואַל הערן מעשיות...
„און ביז טיפן האַרץ פאַראַכטן
„ס'גראָבע פאָלק פון לאַנד פאַרשטאָפּטן;
„און ביז טיפן בלוי געדיינקען
„און אַ לידל צערטליך זינגען
„נאָך דער טויטער שטאָט, דער אַלטער
ײדן-שטאָט."

## פון „ניט זיין"...

פון „ניט זיין" צו „ניט זיין"—
אין פאָרם פון מענש בין איבערגעגאַן;
פון „ניט זיין" צו „ניט זיין"—
בין אַ צאַפּלדיג לעבן געווען.
ציהט זיך אַ בעט איבער ערד,
ראָד אַרום ערד,
ציהט מען מיך פיינענדיג פיין
ראָד אַרום ערד,
צוימט מען מיט צוואַנגען מיין לייב,
צאַפּלדיג לייב,
צוימט מען מיין קאָפּ צו די פיס
ראָד אַרום ערד.
פון „ניט זיין" צו „ניט זיין"—
אין פאָרם פון מענש בין איבערגעגאַן;
פון „ניט זיין" צו „ניט זיין"—
בין אַ צאַפּלדיג לעבן געווען.

## מיין קינד.

אונטער דיין האַרצן טראָגסטו מיין קינד,
דעם וואַר פון מיין יונגן ציטריגן טרוים . . .
אונטער דיין האַרצן טראָגסטו מיין קינד,
איינציגע, האַרציגע דו!

פלאַקערט דער טאָג און דערפלאַקערט אויף אַש —
דו גייסט אויף די אַשיגע פלאַכעס אַרום,
טרויערסט מיט אָוונט אויף וואַרימען אַש,
דו מיין, טרויערסטו דאָרט.

זעהסט מיך ניט, אָבער איך גיי דיר 'הין נאָך
און גילד דיר דעם גרוי מיט מיין צאַפּלענדן בליק,
שמייכלסט און זויגסט . . . און טרויערסט אויף אַש —
אונטער דיין האַרצן טראָגסטו מיין קינד . . .

## ווילט זיך ניט קלאָגן...

ווילט זיך ניט קלאָגן, קלאָגט זיך דאָס האַרץ,
קלאָגט זיך מײַן יונגער בליהענדער טרוים:
זײַן וועט מײַן קינד, מײַן פריידיגער בליט
אַ טרויעריג קינד, אן אומעט-געמיט.
זײַן וועט מײַן קינד אַ שרעקיגער צווײַג,
מיט פחד באהויכט,
מיט אָוונט באגרויט.

בעט איך דיך, טאָג,
בעט איך דיך, נאַכט,
פעלט אויס מיין שוועל מיט אייער געקלאָג,
מיט אײַער געקלאָג.
לאָזט מיר מײַן ווײַל,
איך וועב זי אליין,
אַ מענטעלע צאַרט,
פאַר ווײלכל, מיין קינד.

בעט איך דיך, ווינט,
אייך, אויגן פון ווינט,
רחמים איך בעט:
גײט אײַך פאַרבײַ,
שלייכט אייך פאַרבײַ.

## וועלט.

### גאונים.

אין אויסגעטיפטן,
אויסגעלייטערטן שימעריי,
וואס ציהט זיך העלנדיג
פון אייביגס ערשטן ריר,
וואס ציהט זיך קלאָרנדיג
ביז אייביגס לעצטן ריר—
אין אויסגעטיפטן,
אויסגעלייטערטן שימעריי,
קומען זיי זיך שטיל צונויף —
יעדער גרעסטער גאון פון זיין פאָלק,
יעדער טיפסטער אָטעם פון זיין פאָלק,
קומען זיי זיך שטיל צונויף...

שטעקן איין די פאַרשײַדנפאַרביגע,
פאַרשיידן-לענדערישע שטאָקן-שפּיצן,
שפּיצן איין
אין גאָלדנדיגן פלאַקערדיגן פעסט-ריינג —
זון —
ווערט פאַרוואָרפן
דאָס גרויסע,
קלאָר-שײַנענדיגעביידל
אין אויסגעלייטערטן,
אויסגעטיפטן שימערײַ.

יעדער פאָלק —
קלײנינקע,
בײַ-דר'ערדיגע,
טונקלינקע,
מיט אָנבליקן צוגעשלאָגענע,
דרייען זיך אַרום,
יעדערער אַרום זײַן גאון,
אַרום זײַן שטאָק, —
מיט פינטלדיגן קוקן,
מיט געוויינטן גייען,
דרייען זיך און דרייען
אַן אויסגעשטעלטן גאַנג...

די גאונים
פון זייערע ערטער
קוקן זיך איבער
אין שימער אויסגעבלויטן;
יעדער מיט זיין אייגנלייכטנדיגן בליק,
אייגן-פליסנדיגן אומעט,
אייגן-אומעטיגן בליק...

יעדער פאָלק,
טונקלינקע,
מיט פינטלענדיגן קוקן,
מיט פאַרוויגטן גייען,
(גאָרניט צו דערזעהן),
גאָרניט צו דערגייען,
דרייען זיך און דרייען
אַן אויסגעשטעלטן גאַנג...

ווען גליהענדיג,
פלאַקערדיג
ווערן ערדן, שטחים,

געצלמ׳ט און געקרײַצט, —
ווען אויף תבואה־פעלדער
וואַקסן שווערדן —
גרינע גאַל; —
טרעטן אָפּ די פעלקער־היטער
פון די שטעקנס,
פון די פעלקער,
מיט לײַכט געוויטער
אויף לויטערע נשמות, —
טרעטן אָפּ
און לאָזן זיך צום באַרגס,
צום גרויסן באַרגס, פאַרגיין;
די פילע, די צאָליגע פעלקער־היטער,
מיט דויערדיגן האָפן, —
אויפן איינציגן,
גאָרן איינציג,
וואס וואלט געמוזט
אַל׳זוניג אויפגיין,
פאַר אַלע פעלקער,
טונקלינקע,
וואס דרײַען אַלץ זיך, דרייען
רינגס די איינע שטעקנס —
דעם אויסגעשטעלטן גאַנג...

מיט זיי גייען,
יעדער אויף זיין אייגנפליסנדיגן שטעגל,
ווי זיי קומען אלע זיך צונויף
צום גרויסן באַרגס פאַרגיין,
בלייבן זיי פאַרציטערט שטיין: —
אין באַרגס נעפלדיגע וויגן
שטײַף־געוויקלט ליגן
קינדערלאך אין זייער אלטער צאָל,
(ווײַ, אין די גאונים׳ס צאָלן!)
מיט אייגן־גלאנצנדיגע אייגעלאך,
מיט אייגן־חנ׳עווידיגע מײַלעכלאך,
שמייכלען זיי אין נעפלדיגע וויגן,
חנ׳ען זיי אין גרויסן באַרגס פאַרגיין...

מיט פאַרמישטע אויגן,
מיט פאַרמישטע טריט,
מיט אומעט גאָרן שווײַגן,
מיט זינקענדע געמיטער,

לאָזן זיך אַראָפּ די פעלקער-היטער,
יעדער אויף זײַן אייגן-עלנט-שטעגל
פון גרויסן באַרגס פּאַרגיין...

## זייטלאך פון „איסיים".

### אינטראָדוקציע.

זײַנען מיר געוואַקסן,
זײַנען מיר דערצויגן
אינעם אַלטן ווײַנגאָרטן,
וואס עלטער-זיידעס
האבן אים געפלאַנצט! —

אַכטן מיר די עלטער,
היטן מיר דעם קעלטער,
ליבן מיר דעם ווײַנגאָרטן,
וואס די עלטער-זיידעס
האבן אים געפלאַנצט.

זײַנען מיר די יונגע,
זײַנען מיר די טרוימער
פונ'ם אַלטן ווײַנגאָרטן
אויף דער אלטער ערד! —

טרינקען מיר די זונען,
זאַפן מיר די טויען
אין די אלטע ווײַנגערטנער
אויף דער אלטער ערד.

קומען אלע מאָרגנס,
קומען העלע קניהען
צו דעם מעכטיג'ווײַנגאָרטן
פאַר זײַן גרײַזן רום! —

אַלע... נאָר איין מאָרגן,
לויטערסטער און קלאָרסטער,
זאַמט און טוט ניט קומען
פאַרן מעכטיג' ווײַנגאָרטן,
פאַר זײַן גרײַזן רום.

אַכטן מיר די עלטער,
היטן מיר דעם קעלטער...
סע באַשווערט אינז ווײַנגאָרטן

ברייינגען יענעם פריה! —
אַכטן מיר די עלטער!
היטן מיר דעם קעלטער!
ליבן מיר דעם ווייַנגאָרטן! —
זוכן מיר דעם פריה!...

. . .

פירן מיר דעם מאָרגן
אין די טוי-געזאַנגען,
אינ׳עם גין-גאָלד ווייכן
צו דעם מעכטיג׳ ווייַנגאָרטן —
פאַר אַ לויב-געזאַנג! —

קוואַלן קוועלן קוואלנדיג,
טרוים מיט פליגל שטראַלנדע,
וואָרי אין בלויע ווייַסן
טאַנצן דעם באַגעגן-טאַנץ
פון דעם קלאָרסטן מאָרגן
מיט דעם אַלטן ווייַנגאָרטן,
ליבן לויב-געזאַנג...

I

רעגנבויגנדיגע,
אויף רעגנבויגנדיגער וועלט,
זייַט צום יוב-טוב גרייט! —
יונגע, יונגע,
אוראַלט אומגעקערט צו אונז
מיט באַוואקסן ווילדן פנים,
קוקט מיט חידוש,
קוקט מיט קנאה,
העלע צוקונפט אויסגעשטרעקט, אַ וויע אויפגעעפנט,
מורמלט שטראַליג: —
„— אַ מזל פון אַ דור...
„אַ מזל פון אַ דור״.

II

— נייַער העל —
פיל-געשטאַלטיג,
פיל-פנימ׳דיג,
פיל-זוניג,
קומט פאַר אונז אַרייַן

אין רעגנבויגנדיגער וועלט —
מיט שטראַלנדיגע איבערגליסן...

. . .

— נייַער העל —
פאַמעלאַכן שטייט אוין,
פאַמעלאַך קומט אַקעגן
די צוגעשמידטע מענשן-וועלט,
שמייכלט,
בליצט מיט שטיל-פרייד —
ווערט באַהעלט —
פון לעצטן אוראַלט-שטיין
ביז לעצטן שטאַפּל
בלויען ציהענדיגן „זיין“...

. . .

— נייַער העל —
די פּייַקלען-טענץ,
טרומייטן-פרייד
וויגן, וויִען, ווינטלען,
שטראָמען, שטראָמען קאָלירן
אויף גאָרן פליסנדיגן פּערלמוטער.

. . .

— נייַער העל —
בייַנאַכט, יום טובן לבניש,
זילבערצאַפּלדיג,
פאַרגעסענע בית-עלמינס
פון גאָרער וועלט...
— נייַער העל —
ציהט אייַך אויס
מיט וואונדערזעהענדיגע אויגן,
שנירט אַרום,
דרייט אַרום
קאָלירנדיג,
אַרום קאָלירנדיגער ערד.

טוי שמייכלענדיג,
טוי זינגענדיג: —
„בליהען אינ'עם ווייַנגאָרטן,
„ביי די זייַטן העלענישן,
„זעהענדיגע, פרייענדיגע,
„האָפנדיגע, גייענדיגע
„ראָד אַרום דעם ווייַנגאָרטן —
„העל, העל, העל.“

י. דאָברושין.

# לידער אהן א נאמען.

I.

אינם לאַנד פון פאַרלאַנגען, אינם לאַנד פון פארלאנגען
דאָרט איז מיין מזל, מיין נאָמען פארגאנגען.
מענשן פון שטעט, פון די מערק, פון די קראָמען,
ניט איר וועט געפינען דעם וועג צו מיין נאָמען —
אינם לאַנד פון פאַרלאנגען, אינם לאַנד פון פאַרלאַנגען
דאָרט איז אין אייביג מיין וואָרט אויסגעגאַנגען.

II.

דער וואָס ווייסט שוין, ווייסט,
דער וואָס ווייסט ניט, וועט דאָס וויסן —
ס'האָט דער גאָט די וועלט פארשטויסט
און דעם גליק אויף צוויי צעריסן.
וואנדלט גליק און זוכט א טרייסט,
מוז מיט בייִנקשאפט וועלט פארגיסן.
דער וואָס ווייסט שוין, ווייסט,
דער וואָס ווייסט ניט, וועט דאָס וויסן...

III.

אָט אַזוי האַלט איך אין גיין.
כ'מאַך א טראָט און בלייַב באַלד שטיין.
כ'גיי און ווייס ניט אָפּט וואוהין,
כ'זוך און ווייס ניט, ווען כ'געפין.
וואקסן נעפּלען טיף אין מיר,
טאַפּ איך אָן אַ שוואַרצע טיר,
טראָג צונויף אַהין מייַן גליק
קריג עס קיין מאָל ניט צוריק.
כ'בלאָנזשע אום אין פרעמדן לאַנד,
פירט די וועלט מיך פאַר אַ האַנט.
וועלט, כ'בין בלינד
און בין דייַן קינד.

IV.

טויזנט, טויזנט, טויזנט וועגן
גייען אין מייַן גאנג אנקעגן,
וויקלען מיך מיט שטומע שטויבן,

מוז איך, גייער, ווענן גלויבן.
ווענן זיינען גראָה און וואַרטן
אויף דעם גייער איינגעשפּאַרטן.
גיי איך, גיי איך, גיי איך איינער,
לאָז קיין צייכן ניט אויף שטיינער,
קריץ מיין נאָמען ניט אויף יאָרן,
טריט אין שטויב פון וועלט פאַרלאָרן.
און ווער קאָן א גייער פרעגן
אָהן א נאָמען אויף די ווענן?...

.V

כ'בין געוואָרן געוואוירע:
וועלט האָט קיין ריכטער, קיין קלאָגער, קיין בורא.
מענש האָט נאָך קינדווייז א פּלעמל צעגליהט
און פאַרגעסן.
קאָן ער אויף עלטער שוין זעלבסט ניט
פאַרלעשן.

.VI

האַלט איך אין איין וואנדערן,
גייען מיט מיר טעג
איינער נאָכן אַנדערן,
גייט מיר וועלט נאָך טראַט ביי טראַט.
וואָס זוכט וועלט?—
גאָט.
גייען מיר באַזונדער אונזער וועג,
איך—און טעג.

.VII

ס'אַ פּנים, אַ מוז,
כ'זאָל שטענדיג צופוס
גיין צו מיינע ווייטן,
קיין מאָל ניט פאָרן, ניט רייטן.
ס'אַ פּנים, אַ מוז,
כ זאָל נאָר טייטן
אויף ווייטן
מיט פינגער—
דערפון ווערט ניט גרינגער,
דערפון ווערט ניט גרינגער...

VIII.

רויטלם, שעמט זיך מייַן נשמה,
וואָס אויף וועגן כ׳האָב קייַן אָרט.
וואָס אויף וועגן און אָהן נאָמען
שטאַרבט פון הונגער אויס מייַן וואָרט.

וועל איך בעסער גיין און שווייגן,
ציילן טריט זיך שטילערהייַט,
וועט ווער אפשר נאָך מיר שטייַגן,
מיינען, כ׳האָב א סוד פארזייט.

ניט קיין זונען כ׳וועל דערלאנגען,
ווען מיך ציהט אויף וועג אין שייַן—
מיט זיך שאקלענדיגע זאַנגען
כ׳וויל אויף פעלד א זאנגל זיין.

IX.

ניין, איך גיי שוין מער אין ערגיץ,
ס׳זיצט מייַן עלטער דאָרט אויף וואך,
קוקט מיך אויסעט שוין אויף וועגן
און אויף וועגעלאַך אַ סך.

וועלן אַלע וועגן פירן
מיך צו עלטער גלייַך אין שויס,
און די עלטער רינגלט טירן,
יעדער טיר—אַ וועלט די גרייס.

בלייבט מיר וועלט דאן הינטער פּלייצע,
און מיט פלייצע כ׳גיי צוריק,
און געהאַלזט מיט טיפער עלטער,
מיט איר שימל אין מייַן בליק.

ניין, איך גיי שוין מער אין ערגיץ —
זאָל טון לעבן, וואָס עס טוט —
פויל, דו וועלט, און פוילט אין, וועלטן,
אט איך גליווער, ס׳איז מיר גוט.

X

געניג פאַר מיר—
ווען טונקל העלט
אין מערב-זייַט,
און ערגיץ ווייַט
אין מיט פון וועלט
בייַם שטילן זויב
שווייַגט אַ בוים.

XI.

לערנט זיך, מענשן, בייַ מיר שווייַגן.
זיך אַליין אין איגן קיקן
מיט אַ שמייכל
מיט אַ קאַלטן,
גארנישט ניט פון זיך באַהאַלטן.
שווייַגן,
בייַ די זוימען פון פאַרגאַכטן
טאָג, וואָס גנב'עט זיך, פאַראַכטן
און פאַרהאַכן,
גאָרנישט אויסזאָגן די גאַסן.
לערנט זיך, מענשן, בייַ מיר שווייַגן.

XII.

און ווען דער מלאָך-הדומה גייט
מיך פרעגן נאָכן טויט,
ווי
האָב איך דאָ היע
פאַרבראַכט אַ לעבן,
וועל איך אים אַן ענטפער געבן:
כ'האָב איך שעה'ן לאַנג
די איגן צוגעמאַכט,
וועלטן מייַנע באַטראַכט,
וואָס זייַנען הין און צוריק
פאַר מייַן בלינדן בליק
אומגעלאָפן—
און זאָל מיך גאָט דערפאַר איצט
שטראָפן.

*

כ'האָב ליב יענע שטילע, שטילע לעבּנס,
וואָס קײַקלען זיך דורך, ווי רוהיגע שבתים
איבּער וואָכעדיגע טעג,
יענע טיף פאַרוויקלטע נשמות,
וואָס קניילן זיך אין לעבּן, ווי אַ מעשה אָהן אַ בּרעג.
ס'דאַכט:
זיי גייען אום אויף שטילע שפּיץ-פינגער
הארט נעבּן אַ סודות'פולער וואַנט,
און פון יענער זײַט כּשופט זיי אַ פאַרבּאָרגענער זינגער,
און פון יענער זײַט פירט זיי אַ פאַרבּאָרגענע האַנט.
און ס'דאַכט:
איבּער דורות און צײַטן
שמייכלען זיך אַלע איבּער פון דערווײַטן,
ווינקען זיך, ווי פלעמעלאַך, אין אַ חושך-נאַכט פאַרשוואומען,
זיי, די שטילע, שטילע לעבּנס, וואָס זײַנען ניט געבּוירן,
נאָר ווי פון ערגיץ אַהער געקומען,
איינער זוכן, וואָס דער צווייטער האָט פאַרלאָרן—
זוכן אויף וועלטס וועגעלאַך די פילע—
כ'האָב זיי ליב, די שטילע, שטילע...

# אין דער מדבר.

עפנט זיך אַלע נאַכט אין הימל אַ פענסטערל אויף, שטעקט זיך דורך דאָרט אַ קאָפּ אַרויס און זאָגט:

— ווער ס'איז אַ וואַכנדיגער אַצינד, ווער ס'איז אויף נאַכטלעגער אין פעלד געבליבן, אָדער ווער אין אַ שטאָט און אין אַ גאַס אַן עלנטער, זאָל ער אהערצו צוגיין, זאָל ער אַ האַנט אויסשטרעקן, וועט מען אים ארויפנעמען, וועט מען אים ארויפבריינגען.

דערזעהט און דערהערט דעם קאָפּ ווען עמיצער, שטעלט ער זיך אינטער דעם פענסטערל און אונטער דעם הימל-אָפענעם אַנידער, טוט ער, ווי מ'האָט אים געהייסן, ווערט ער אין הימל אויפגעבראכט, אין שטילן און אין דעמאָלטיגן, אין הויכן און אין ביינאכטישן. דערזעהט ער דאָרט:

וויַיט און פּאַרלאָזטליך, ווי אויפגעראָמט און אָפּגעליידיגט זעהט דאַן דער הימל און זיין ווייטער שטח אויס, פינסטערליך און ווי נאָך אַן אָוונט-געבעט, אנטשוויגן און צוגעשלאָגן, ווי אַ געבעט-הויז נאָך אָוונט; איז דאָרט דרימלענדיג און פוסט ארום, שלאָפט דאָרט אַלץ און ווי אויף דער ערד דער שלעפריגער, נאָר ווייט און אין אַ ווינקל ערגיץ אַ שיַין אַ מאָל באווייזט זיך, אַ שוואַכע שיַין און אַ צאַנקענדיגע, אַ פין-ווייט-קומענדיגע און קיב-לויכטנדיגע. גייט מען אַהין צו, דערזעהט מען דאָרט:

ארום אַ פיַיערל, ארום אויף אַ באָד-ברענענדיגס עפּעס אַ הימל-עדה זיצן, אַן אַלטע און אויף נאכט-פאַרבליבענע, נישט קיין שלאָפנדיגע און וואָס תמיד אויף די ביינאכטן בלייבט; זיצן זיי דאָרט ארום פייערל איסגעזעצט, אַלע זיינען זיי ערנסט און אין דער שעה דער דעמאָלטיגער, שטילע אין בארוהטע—און אין דער נאַכט דער שפּעטער; זיצט צווישן זיי אַ גרייזער זקן אַ הימלשער, אַ ציטערנדיגער און אַ חשובער און פון אלע ארומיגע אַ געערטער; הערן זיי זיך צו אים צו, צו אים און צו זיין אלץ-וויסן, צו זיין אלטקייט און געניטקייט, און וואָס ער האט געזעהן און איז בייגעווען, און וואס ער האט געהערט און אויך פון אנדערע, אין אלע איגן זיינען צו אים געקערעוועט, אלע איגן צו זיין מויל און רייד—און ער דערציילט.

עטיל און פינסטערליך איז ארום-און-ארום, און אויף אלע עקן פאַרוואָרפענע דער הימל-באָדן ליידיג, ווי אָפּגעליידיגט און אָפּגעקערט און פון קיינעם און נישט באזוכט דאַן; אליין נאר און אויף אַ האָריזאָנט ערגיץ אַ פאררוקטן דער שטערן-בער דאָרט דרייט זיך, מיטן שטערנדל אין קאָפּ און איפן מויל אים זיין מויל-שלאָס; און בעריש און ביי-דר'ערדיג, אין שווארץ און שווער-גופיג, אין מיטן מויל אין ער נישטערט, און מיטן קאָפּ און קערפּער דעם באָדן באשמעקט ער; זעלטן-זעלטן קומט אמאָל אהין און אויך צו דער עדה צו, קומט ער איר פון הינטן אָן, אינטער רוקנס און אונטער פּלייצעס זייערע; שטעלט זיך אָפּ אין בלייבט שטיין און הערט אויך און הערט, און פון קיינעם און נישט אָנגעזעהן, אין פין

קיינעם און נישט באמערקט, גייט ער זיך דערנאָך צוריק אוועק, פארלאָזט ער זיי און אין מיטן, און שטיל און ווי אָנגעקומען, שווייגנדיג אין אזוי ווי ער איז צוגעגאַנגען, אויף ווייטער גיין און אויף צו זוכן, אויף אַכטונג געבן און אלץ אין הימל ארומקוקן, אין אלץ ארומזעהן און באטראכטן, אין אויף נאכטישן און ווי באוואָרענען, און אליין און נישט גע-דרעמלט איבער אַל-דאָרט דעם דרעמלענדיגן.

און דער אלטער דערציילט און די איבעריגע הערן.

און איין מאָל אין אַ ביינאכט אזא מין האָט דער זקן אַזוי דערציילט:

— אַמאָל אין אַ פרייטאָג אַ גרויסן איז אין די ווייטסטע הימלען כביכול פאר דער קדושה דער פריהמאָרגעדיגער אויף זיין כסא-הכבוד געזעסן... שטיל און וועלט-שטילקייט האָט דאַן אויף דעס אָרט דאָרט געריהט... און אומגעהייערע מלאכים-ראָד, אַ ווייטע און אָפגעטראָטענע, אַ קיילאָכיגע און פון אַ פארנעם אַ געוואלדיגן האָט כביכול'ן אין זיין מיט און זיצן ארומגערינגלט; אַ בלאָהע ליכט אַ סוף-נאָכטישע, אַ שוואכליכע און אַ האלב-ליכט, האָט איבער אלץ אין אלעס דאָרט און ארום-און-ארום געהערשט; אַ ווייסער חסד-פאָדים האָט זיך פון איבער זיין שטול און פון כביכולס מיט אין כבוד ארויסגעצויגן, ארויס-געצויגן און דאָס בלאָהקייט אָנגעזעהן געבאכט, ארויסגעגאנגען און ווי מיט טאָג אין נאכט געקומען. האָט כביכול דאַן פון זיין מיט און שנילקייט געקוקט, פארטאָג און מיט מנוחה פארטאָגיגער, און אַלע האָבן אים מיט זייער בליקן געוואַרט, געוואַרט און זיך שטיל געהאלטן און מיט גאָרנישט אין מיט נישט דאָס שטילקייט יענס נישט געשטערט—נישט מיט קיין ריר און מיט קיין באוועגונג, נישט מיט קיין פליגל און מיט קיין פאָך קיין מינדסטן; האָבן זיי זיך אַזוי געהאלטן, און אַ צייט אין אַ לאַנגע צייט. האָט זיך פלוצים און אין שטילקייט יענער דער הייליגער גייסט אין געשטאַלט אין אין פאָרם פון אַ טייבעלע אַ ווייס זיך באוויזן און פארן כסא-הכבוד געקומען, האָט ער פריהער אַרום כביכול זיבנמאָל שוועבן און רעדלאך מאכן גענומען, ארומגעפלויגן און געדרעדלט שווייגנדיג, דערנאָך צו אים צוגעכראָטן אין געפרייט זיך, אונטערגעקומען און אים געהייליגט שוועבנדיג, און דאַן —אין מיט ציטערניש גרויסן, מיט פאָרכט אין ערע גרעסערער האָט פאר זיין פנים זיין ליכטיגן זיך אָפגעשטעלט, און אים אזוי אַ פרעג געטאָן:

— צי דען ווייסט נישט כביכול פון זיין ערד און זיין מדבר דאָרט דער גרויסער?

— ער ווייסט,—האָט כביכול געענטפערט.

— און צי ווייסט ער אויך פון זיין נזיר, פון זיין דינער דאָרט דעם הייליגן?

— ער ווייסט,—האָט כביכול ווייטער געענטפערט.

און דער גייסט האט זיך אָפגעשטעלט און אויסגעווארט אַ ווײַלע, דערנאָכדעם צוגע-געבן און צום לעצטן מאָל געפרעגט:

— און צי וואָלט ער אים איצט אין זיין פריהמאָרגן-תפלה און אין זיין מדבר-געבעט זעהן געוואָלט?

— געוואָלט,—האָט כביכול נישט דערגעגן געהאט.

— זאָל ער זשע איצט מיט אונז אלע אויף דער ערד זיך ארויפלאָזן אין פון די ווייטע הימלען צו דער מדבר שוועבן.

— שוועבן...

און אויפגעהויבן האָט זיך כביכול פון דער שטול אין פון שטילקייט דאַן דעם רוהיגן, ער פארפריהער, און דער גייסט באַלד נאָך אים, ער פאָראויס און נאָך אים די ראָזן צענו-מען, און שטיל און שווייגנדיג, מיט חיל-פיל און מיט מחנה-אויסגעשטעלטער, פון אָרט און

קדושה-דיגן זיך אָפּגעטאָן, און שטיל און פון הימלען אַראָפּ, מיט פאַרטאָג און מיט פליגלען פאַרטאָגיגע צו דער ערד און צו דער מדבר זיך אָוועקגעלאָזט.

אין אָנגעקומען זיינען זיי אַהין און צום אָרט דעם דאָרטיגן אין דער פריה און צום זונען-אויפגאַנג: ווייַט און רוים, נאַכטיש אין מדבריש איז די זון נאָך אויפן האָריזאָנט און אין עק-הימל געשטאַנען, טויט אין זאַמד-רוה האָבן נאָך איך מיילן און אין טאָגלופט געהערשט, אין בערג מיט בימלאַך מדברישע זיינען נאָך דער נאַכט נאָך בלאַסע און אָפּגעצערטע געשטאַנען... זאַמדן און גראָזן האַרטע האָבן זיך נאָך אין כונקלקייט געקילט, און מיילן אַרום האָבן מיט טאָגן געטאָגט, און די מדבור האָט דאַן געשוויגן טאָגנדיג. האָט די זון אויף דעם אַלעמען און פון האָריזאָנט אַרויס געקוקט, געקוקט און ווי אויסגעוואַרט, אַרויסגיין צו זיין, אָנקומען, צו אויפן הימל-עק בלייַבן, און דערווייל און נאָך געשטאַנען שטייענדיג, און דערווייל און ווי נאָך צייט און ישוב געהאַט...

האָט זיך פלוצלים דער הימל דאָרט, אין ווי גרויס ער איז געווען, איבער מדברישן און איבער שטח אומגעהייערן אויפגעעפנט, און כביכול אין דער מיט און מלאכים אַרום אים האָבן פאַר דער ערד אין פאַר וואָס אינטן איז געווען, פאַר פאַרטאָג אין פאַר פאַרטאָג-פאַרכטיגקייַט, זיך באַוויזן.

און דערזעהן האָבן זיי, ווי שטיל אין איינער אליין אין מדבר און פאַר אַ זאַמדבאַרג פאַר איינעם איז אַ מענש דאָרט קניהענדיג געלעגן, און שטיל אין פאַר דער זון דער ווייַטער זיין פריהמאָרגן-געבעט געבעטן. געקניהט און מיטן פנים צו מזרח געקערעוועט, האָט ער פאַר מדבר און פאַר גראָזן, פאַר טאָג און זייַן אַרויסגיין מתפלל געווען, פאַר זון און איר אין מדבר-זייַן און פאַר איר ליכט דאָרט דער פאַרגאָסענער, פאַר דער זאַמד און איר לעכצן, און נאָך אַ טראָגן איר חלשן, פאַר לופט אין דער אָנגעגליהטער אין אַרום איר קיין שאָטנדל: קיין וועג און קיין פיגל, קיין קומען און אָנקומען; אין דער טאָג איז אַ גרויסער, אין קיינער באַפוילט אים, און קיינער נישט ווייזט זיך פאַר אים אין עק הימלען, אין קיינער דאָרט זעהט אים — זיין גרייס אין זיין אימעט, קיין פאָרער, קיין גייער איך זיין סטעזשקע נישט טרעטן, קיין וואָלקן דערמאָנט אים נישט איין מאָל, נישט קיין מאָל, אליין נאָר די היץ אין אַרום די צעגליהטע, אליין נאָר דאָס ברענען איך ווייט און מיט פייער, אליין אויך דער מענש אין נאָר איינער, וואָס טאָגט דאָרט, און זעהט אים, באַגלייט אים פון אויפשטיין ביז לייגן — אין דער פריה מיט אַ תפילה און פאַר נאַכט, און ער בעט אים, מהילה ביי אים פאַר זיין צער אין זיין מיהונג, פאַר זיין עלנט און פוסטקייט און גאָר נישט געבוירן: „זאָל מוחל זיין טאָג, קדוש-טאָג אין דער מדבר, כביכולן זיין טיילן, וואָס ער האָט פאַרבייגט אים, כביכולן זיין זעהן, וואָס ער האָט פאַרזעהן אים, ווייל מסתם איז זיין מיין אין ווי תמיד פאַרהיילן, אין זיין דאַרף אַזוי, ווי זיין ווילן געוואָלט האָט“. —

אין אויסגעהערט האָט כביכול אין דער הייך און הימל אויבן דעם מענשן אין זיין תפלה און זיין קניהען אונטן: אויסגעהערט, און אַז דער מענש האָט זיין פנים פון דער ערד אויפגעהויבן, אין די זון נאָך נישט קיין אויפגעגאַנגענע געפונען, די מדבר איז נאָך בלאַס געווען, און דעם הימל אויף דער מדבר הויך אין אויפגעעפנט געטראָפן, — אַזוי האָט ער מיט אַ מאָל און דערשראָקן זיין קאָפּ אויף אַרויף אין אויף הימל-מיט אַ הויב געטאָן, און כביכול'ן אין דער הייך און אַרום אים די מלאכים אַלע אין אַ ראָד און אין אַ קיילאַכיגער, אַראָפּקוקנדיג אין פונקט אויף אים די אויגן אין די קעפּ זייערע אָנגעשטעלט, דערזעהן. האָט ער באַלד ווידער אַ מאָל צו דער ערד אַ פאַל געטאָן, האָט ער דעם קאָפּ אין זאַמד באַגראָבן, און אין באַגרעבעניש די אויגן געשלאָסן, און שטיל און מיט רחמים נאָר פון אונטן אַרויף, און פון זיין ליג-אָרט צום הימל געשעפּטשעט: —

— וואָס וויל דער הער פון זיין קנעכט האָבן?

— שטיי אויף! — האָט זיך פון הימל און איבער זיין קאָפּ אַ קול דערהערט.

— כ'בין נישט אין שטאַנד און נישט זוכה.

— שטיי אויף! — האָט אים דאָס קול צום צווייטן מאָל באַפוילן.

און אַז דער מענש האָט געפאָלגט און פון דער ערד אין געפאַלנקייט אויפגעשטאַנען, און דעם קאָפּ דאָך אַראָפּגעהאַלטן, די אויגן צו דער ערד און די בליקן צו די פיס געקע־רעוועט, האָט זיך דאַן ווידער אַ מאָל דאָס קול פון הימל און איבער זיין קאָפּ דערהערט און אים אַזוי געפרעגט:

— און ווי פון לאַנג שוין וואוינט דער מענש אין דער מדבר?

— פון מיין יוגנט, און זינט מיין שכל איז מיר געגעבן.

— און ביז ווי לאַנג נאָך בלייבט דער מענש אין דער מדבר?

— ביז דער באַגער און דעם הימלס ווילן וועט זיין.

און אַנטשוויגן געבליבן און מער נישט געפרעגט האָט אים שוין דאָס קול פון דער הייך און פון הימל־קומענדיגע, איז דאָס אַנטשוויגן געוואָרן. איז דער מענש אַזוי פון אונטן געשטאַנען און די אויגן אַרויף אין צו די הימל־פאַרזאַמלטע נישט אויפגעהויבן: איז ער אַזוי געשטאַנען. כביכול האָט אים אין זיין שטיין און אין זיין ערד־אַ געבויגנקייט געזעהן און לאַנג אויף זיין אונטערטעניגקייט און אויף זיין הכנעה־קאָפּ געקוקט; האָט ער אים באַטראַכט, האָט די טויב די הייליגע שטיל זון אין יענער צייט ווידער אַרום כביכול'ן אַרומשוועבן אין אַרומדרייען זיך גענומען. אַרום אים רעדלאָך מאַכן אין אים הייליגן, אים לויבן און מיט לופט און טייבל־פרייד זיך פרייען. און אַז זי האָט זיך אָפּגעפרייט, און אַז דער גייסט דער הייליגער האָט זיך פון לויב און ליבן אָפּגעשטעלט אין שטיין געבליבן, און אַז אַלע, וואָס האָבן דאָס צוגעזעהן, האָבן געקוקט און אָפּגעקוקט, און זייער צייט איז אַריבער, — האָט זיך כביכול דאַן שטיל און פון זיין מיב־אָרט דערהויבן און אין די וואָלקנס פאַרשוואונדן, נאָך אים דער גייסט דער הייליגער און פון זיין פאַרשוואונדנקייט און נישט אָפּגעשטאַנען, און נאָכן גייסט די מלאכים־ראָד און אין יענעם אַפּליה־וועג פאַרפלויגן; איז דער הימל דאַן אַ צייט אָפּגעראַמט און אַליין, אויפגעעפנט און מיט קיינעם נישט פאַרנומען געווען, איז ער אַזוי געשטאַנען און געוואַרט. האָט ער זיך דערנאָכדעם פאַרמאַכט. האָט ער זיך געשלאָסן, איז דער מענש דאַן אונטער זיין פאַרשלאָסנקייט, אַליין אין ווי געווען, אין דער מדבר און אין פריה־מאָרגן געבליבן. און... דאָ הויבט זיך ערשט דער עיקר מעשה אָן.

## א.

שטיל און נישט באַמערקט פון קיינעם האָט זיך בשעת'ן הימל־שליסן־זיך פון הימל און פון אַ זייט, פון דער הייך אין פון אונטער די מלאכים, אַ קליינס און אַ וואָלקנדיגס, אַ פיצלדיגס און ווי אַ שאָטנדל זיך אָפּגעטיילט, און שטיל אין אָהן שאָרך אָהן מינדסטן, שטילער, און אָהן פליגל־נאָך אַפילו, פאַרשטעלט און פויגלדיג. אויף דער מדבר און אויף דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז דער שטן מיט זיין קנאה פאַרבאָרגענער, דער שטן מיט זיין מיין זיין תמיד'יגן, אַהין און צום הייליגן, אויף אים זעהן, און אויף אים דער־קענען אַראָפּגעקומען.

וואָרום ווייט און פאַררוקט איז ער אין דער פריה און פאַר דער קדושה דער פריה־מאָרגנדיגער אין הימל און מן־הצד ערגיץ געשטאַנען. האָט ער דעם הייליגן גייסטס פרייד און זיין פאַר כביכול'ס באַרימען זיך געזעהן, האָט ער דאָס צוגעקיקט און בייגעווען, האָט

ער געשוויגן און זיך שטיל געהאַלטן, זיך איינגעהויקערט און אין זיין זייט־אָרט פאַרשטעקט. און דערנאָך, אין אַז אַלע האָבן זיך פון יענעם אָרט אָפּגעטאָן אין צו דער מדבר זיך אַוועקגעלאָזט, איז אויך ער דאַן און ווי אַ פויגל אַ פאַרשפּעטיגטער הינטן און נישט באַמערקט פון קיינעם נאָך דער מחנה נאָכגעפלויגן, צום הימל־עפענען אָנגעקומען און אַלץ, וואָס דעמאָלט איז געשעהן, צוגעזעהן. און לסוף, און אַז דער הימל האָט זיך געשלאָסן, און אַז אַלע האָבן אים פאַרלאָזט און צוריק אין אין די הייכן פאַרפלויגן,—האָט ער דאַן קליין און אַ שאָטנדל, ווי אַ פלעק און אַ טונקעלער, פון הימל אַראָפּגעגלידערט, און לאַנג און אויפן טאָג, ווייט אין אין דער מדבר־ווייַטקייט, אַליין אויף זיך צו באַטראַכטן, און אַליין אויף זיך אין עצה האַלטן געבליבן...

לאַנג און דעם טאָג דעם גאַנצן איז ער אַזוי אויף זיין אָרט און ווי באַגראָבן, איינגעפּויגן אין מיטן קאָפּ צו דר'ערד, געזעסן, נישט אויף דער ווייט און נישט אויף דער מדבר, נישט אויף דער זאַמד און נישט אויף אַרום געקוקט, נאָר שטיל אין אַליין, פאַרטראָגט אין אַרייַנגעטראַכט געווען. די זון האָט אים דעם ריקן געברענט און זיין שאָטן־אָרט באַלויכטן, די מדבר האָט זיין באַגראָבעניש געזעהן, זיין פאַרשפּעט־זיין און זיין פאַרטראַכט־זיין דאָרטן, האָט זי אים און זיין קערפּער אַ קליין ערטעלע נאָר אָפּגעטיילט, האָט זי אים און זיין שאָטנדיגקייט צו נישט מאַכן געוואָלט. איז ער אָבער האַרט און פאַרביסן אויף זיין אָרט געזעסן, האָט ער, קליין, אָבער פינסטער, דעם גרויסן ליכטיגקייט נישט אָפּגעטראָטן, נישט קיין שעה און נישט צוויי, נישט דעם פריהמאָרגן, און נישט נאָך האַלבן טאָג. די זון האָט געברענט, און ער איז אויף זיין אָרט געבליבן, די זאַמד האָט געגליהט, און ער האָט נישט אָפּגעטראָטן. האָט די זון זיין אָרט און זיין זיצנדיגס, זיין פאַרפעסטיגטס און נישט אָפּגעטרעטנס פאַרלאָזט, אַליין אויפן טאָג אין אויף מדבר זיך אַוועקגעלאָזט, די גאַנצע צייט אויף דער מדבר אין אויף דער מיט דאָס שוואַרץ־פאַרזעהעניש געזעהן, דאָס זיך־שטיל האַלטן און זיך נישט רירן, דאָס איבערוואַרטן אין ווי ביז דעמס צייט וועט קומען,—און אַז די זון איז לסוף שוין צו מערב־זייט געקומען, און אויף דער ליינג אין אויף דער ברייט האָבן זיך אויף מדבר און איר גרייס שאָטנס און טונקלקייט ציהען גענומען, פון האָריזאָנטן אין פון ווייט, פון עקן אין פון אָנקומען, פון דער שטיל און דער אויפגעגאַנגענער, — האָט זי דעמאָלט אַהין און צו יענעם אָרט, צום טאָג־פלעק און צו דעם שטן־זיצן אַ קוק געטאָן און—דערזעהן:

שטיל און אויסגעוואַקסן, אויפגעהויבן און אויסגעגלייַכט האָט זיך פאַרן טאָג דעם גאַנצן איצט דאָס פאַרזעהעניש דאָרט דאָס שטענדיגע, זיכער און אַרומזעהענדיג־זיך, בטוח'ער און גלויביגער האָט זיך עס איצט פון דער ערד אויפגעהויבן, אויף צורוק־און־אַרום, אויף די שאָטנס זיין וואָס מערן זיך אַרומגעקוקט, ווי זיי קומען צו און ווערן גרעסער, דערנעהענטערן זיך און צו זיין אָרט דעם אויסגעזעסענעם, האָט עס זיך געשטאַרקט, האָט עס זיך איבערנעמענדיג און ווי שוין איינגענעמענדיג צו דער זון דער פאַרגייענדיגער און צו דער אויפנאַכט־אַנטשוויגענער געקוקט, מיט שטאָלץ און גרייס ביי זיך, מיט נצחון און וואָס־האָט בנין ביי־טאָג געוואוסט; האָט עס נאָך געוואַרט און געשטאַנען אַ ווייַלע, ביז די זון וועט זיך זעצן, און די מדבר וועט דער נאַכט זיך אונטערגעבן. און אַז ס'האָט זיך אויסגעוואַרט, אַז שטיל זון אַרום־און־אַרום האָבן זיך נאָך זון־פאַרגייען די זאַמדן באַלייגט, און טונקלקייט און שווייַגעדיגקייַט זייַנען פון אַלע ווייַטן און האָריזאָנטן אַהער און צו מדבר־בעט און אויף נאַכט געקומען,—האָט זיך עס פון דאָרט דאַן אָפּגעטיילט, פון לאַנגען און אויסגעוואַרטן, פון גאַנצטאָגעדיגן און אויך איצטיגן, האָט זיך עס אַרויסגעשפּאַנט, און אין געשטאַלט פון אַ בריאה'לע אַ צווייפיסיגס, אַ קליינס און ביידר'ערדיגס, אַ מענשעלע און

אַ הויקערל, האָט אין מדבר און אויף וועג, און צום אָרט, וואו דער הייליגער האָט געוואוינט, זיך אַוועקגעלאָזט.

שטיל און מיט שטילע שריט-טריט, נידעריג און אויף אַ שטעקן אָנגעשפּאַרט, איז זיך עס אַזוי אויף דער ערד און אויף פאַרנאַכטישן אַרויסגעגאַנגען. פון זונען-שיין איז שוין קיין זכר נישט געווען און די פאַרגיי-שמראָלן זיינען שוין אויסגעלאָשן די לעצטע, און אין מדבר האָט דאַן אַ שטילקייט געהערשט, אַן אָוונטיגס און באַשטענדיגס און פון קיינעם נישט געשטערטס, און קיין פויגל-פליגל האָט די מדבר נישט באַפּוילן, און קיין ווינט און ווינטעלע האָט איר שטויב נישט דערהויבן. איז זיך דאָס הויקערל פון זיין אָרט אַרויסגעגאַנגען, פון פאַרנאַכטישן, אויף נאַכט און אויף מדבר, בנעימות און שטיל און מיט שטעקן-שפּאַן און מיט הויקער-זיפצעלאַך פאַמעלאַך, און דאָס קלייד איז דעם ביז דר'ערד געווען און ביז איבער די פיס-קנעכל דערגרייכט דאָרט, און לאַנג און גרויס-אַרבלדיג, פּאַלעדיג און ברייט-בזיריש, האָט עס אין דעם געשפּאַנט, האָט עס מיט די הענטלאַך און מיט די פיסלאַך אין די אַרבל און אין פּאָלעס זיך געפּלאָנטעט, האָט עס אַלע מאָל דעם שטעקן אין זאַמד אַריינגעשטעקט און מיט מיה און מיט שווערינקייט, מיט פיס און טריט אים נאָכגעטרעטן, דעם שטעקן, און אזוי און אים נאָכטרעטנדיג, און אַזוי, און פון אים נישט אָפּשטייענדיג, איז לסוף אין אָוונט און אין שפּעטן פאַר דער הייל און פאַר דעם הייליגנס צוגעקומען און צוקומענדיג אָט-וואָס דערוועהן:

ווייט און פון אַלעם לעבעדיגן דערווייטערט, מדבריש און כון גאָר דער וועלט אַרויסגענומען, האָט טיף אין הייל ביים הייליגן אַ נאַכט-לעמפּעלע דאָן געברענט, פון מדבר-גראָזן דער קנויט און פון בוימל דורך אַ געבעט אַ באַקומענער; האָט דאָס לעמפּעלע די ווענט און די סטעליע, דאָס הייל-טיפקייט און דאָס אָוונטיגע באַלויכטן, און אויף הויז-ראַד און כלים דאָרטיגע, און אויף טיר און אויף שוועל פאַרשמאָלטע אַ שיין געוואָרפן. איז דער הייליגער דאָן אליין און פאַר זיין שלאָפן געווען, איז ער פאַר זיין געלעגער, מיטן פנים צו דער וואַנט געשטאַנען, און פאַר נאַכט און פאַר לייגן-זיך אין אַ תפלה און אין אַ ווייניגער אַריינגעטאָן געווען.

איז דער הויקער נעהענטער צו דער שוועל און צו דעם אַריינגאַנג צוגעקומען, צוגעגאַנגען און זיך שטיל באַוויזן, שווייגנדיג און פאַרן אַריבערטרעטן זיך פאַרהאַלטן; איז ער אַזוי שטיין געבליבן, האָט ער פריהער די הייל און דאָס אינעווייניגסטע אַרומגעקוקט, דערנאָך דעם הייליגן און פאַר זיין וואַנט-זיך-האַלטן באַטראַכט, און געקוקט אויף אים און נישט אויפגעהערט, לאַנג און לייגנער און פון זיין פלייצע קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, און דורכדרינגענדיג און מיט געניטן קוק, מיט מבינית און מיט פאַרשטאַנד מיט דורכנעמענדיגן, און לסוף און אָפּקוקנדיג, און דערנאָך און אַלץ, וואָס געדאַרפט, דורך זיין קוק געוואוירווערנדיג, האָט אַ הוסטעלע אַ שטילס, אַן אומיסטנע און פון דער ברוסט-אַרויסגערופנס, אַרויסגעהוסט און וועגן זיך אין וועגן זיין אָנקומען, וועגן זיין שטיין און אויף דער שוועל געפינען-זיך מודיע געווען.

און נישט געהערט, און נישט אָנגעהויבן „ער האָט דער הייליגער דאָס הוסטעלע פון הויקער. איז ער לאַנג און אַ צייט נאָך זיך נישט אויסדרייענדיג און מיטן פנים צו דער וואַנט געשטאַנען, פאַרטיפט און מיט זיין תפלה פאַרנומען געווען, פאַרמאָן און וואָס הינטער אים טוט זיך נישט געוואוסט. נאָר אַז ער האָט געענדיגט, אַז ער האָט פאַמעלאַכן און באַרוהט, ווי פון אַ ווייטער און אַנדער וועלט אַראָפּקומענדיג, זיין קערפּער אויף צוריק צו דער הייל און פון זיין וואַנט אויסגעקערעוועט, אַזוי האָט ער פלוצלים און פון דער שוועל דער דרויסנדיגער עפּעס אַן אָנקומענדיגס און אַ נישט-געוויינטס דאָרט-זיין דערפילט. האָט

ער אהין דעם קאָפּ אויפגעהויבן, האָט ער אַהין אַ קוק געטאָן און מיט א מאָל, און אומגעריכט-זיך, אויף דער טיר און אויף דער היילישער דעם הויקער מיט זײַן שטעקן, מיט זײַן שטיין און מיט זײַן שטילקייט געטראָפן.

האָט דער הייליגער שטיל און אַ פּאָר מינוט, ווי נישט צופרידן אין פרעמד, נישט פריינטליך און נישט גערן באַטראַכט דעם הויקער, באַטראַכט און אויף דער שוועל נאָך שטייענדיג, געקוקט אויף אים און אים פון דערווייטנס האַלטנדיג; צוריק דער הויקער, אויפן הייליגן קוקנדיג, האָט נאָך מער זיך אײַנגעהויקערט. זײַנען זיי אַ ווײַלע אַזוי איינס אַנטקעגן אַנדערן געשטאַנען, און דער הייליגער האָט געזאָמט, געוואָרט און ווי זיך געקווײַנקלט; און דאַן און נאָכן קווינקלען ווייניגן האָט דאָך זיך צום הויקער געקערעוועט און פון שוועל אין הייל אים אַרײַנגעבעטן:

— קום אַריין און טרעט אַריבער.

אין דער הויקער האָט געפּאָלגט, דער הויקער איז די שוועל אַריבערגעגאַן, און דער הויקער איז אין הייל צערייגעטרעטן און פאַרן הייליגן אין פאַר זיין היימיש-זיין מיט זײַן נ י ש ט-היימישקייט און קליין-געוואוקס געקומען.

— און וואָס וועט זאָגן דער הויקער אין דער מדבר?

נישט געענטפערט און נישט וויסנדיג געמאַכט האָט זיך דער היקער אויף אָט דער פראַגע פון הייליגן, האָט ער נאָר שטיל אין ווי אַן אורח אַן אָנקומענדיגער פריהער אויב-און-אַרום די הייל און דאָס היילישע אַרומגעזעהן, די ווענט און די סטעליע, דעם באָדן און דעם שוועל-אַריבערטריט באַטראַכט, די גאַנצע צייט אין בשעת קוקן ווי אַן אָרט אויף זיך זעצן און אויף אַראָפּלאָזן זיך געזוכט; און דערנאָך און אַלץ באַטראַכט שוין, האָט זיך מיט די אויגן אויפן הייליגנס בעטל אָנגעשלאָגן, און באַלד און דאָס דערזעהענדיג, האָט די אויגן צום הייליגן אויפגעהויבן, און קרעכצנדיג און ווי אויף מידקייט זיך קלאָגנדיג, רשות אויף אַן אָרט דאָרט, אויף זיך אַראָפּלאָזן און אויף אַ פלאַץ פאַרנעמען געבעטן:

— איך בין מיד און פון וועג פון ווייטן, — האָט דאָס הויקערל געזאָגט.

— זעץ זיך, און ס'דיר ערלויבט זיך זעצן, — האָט דעם דער הייליגער געענטפערט און דער הויקער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

— און א טרונק אין דער מדבר קריג איך? — האָט דער הויקער געפרעגט.

— יאָ, — האָט אים דער הייליגער געענטפערט און אים באַדינען גענומען.

אין דער הייליגער איז צו דער שוועל צוגעגאַנגען און פון דאָרט די וואַסער-קרוג גענומען, האָט ער זי צום הויקער און צו זיין זיך-אָרט צוגעבראַכט, אין אין זיין האַנט און צו זיין מידיגקייט, אויף צו טרינקען און אויף זיין דאָרשט צו שטילן זי דערלאַנגט.

אין געטרונקען אין געשלונגען, אין נישט אָפּגעשטעלט אין נישט אויפגעהערט, האָט לאַנג דער הויקער דאָס וואַסער פון כלי, די גאַנצע צייט דאָס פּנים פאַרשטעלט געהאַלטן, נאָר מיט איין אויג אויף אינעווייניג, אין מיטן אַנדערן אויף אַריבער-און-אַרויס געקוקט. און אַז ער האָט אָפּגעטרונקען, און אַז ער האָט מיט דאַנק און דערפרישט צוריק דעם הייליגן די קרוג און שוין נישט גאָדאַרפט אָפּגעגעבן, האָט ער צו אים די אויגן און שוין גלייך צו זײַנע אויפגעהויבן, און שוין היימישער אין ווי צו-זיך-קומענדיגער, אויפגעלייגטער אין פריי-זיך-האַלטנדיג, נאָר מיט אַ מיינעלע און א געלעכטערל אים אָט וואָס א פרעג געטאָן;

— כע, כע... און וואָס אַזוינס האָב איך דאָרט ביי דיר געזעהן אין כלי?

— וואָס אין כלי? — האָט דער הייליגער איבערגעפרעגט אין נישט פאַרשטאַנען.

— עפּעס האָב איך דאָרט געזעהן טרינקענדיג.

— וואָס געזעהן ?

— טו א קוק און זעה אליין. — און דער הויקער האָט דעם הייליגן מיט א האנט אויף דער קריג אָנגעוויזן און אויף אינעווייניג און אויף דעם וואַסער דאָרט אים אַריינקוקן געהייסן.

און אז דער הייליגער האָט געפּאָלגט, די קריג צו זיין פּנים גענומען, אהין אַריינגעקוקט און טיף אין אין וואַסער אַריין די אויגן געווענדט, אזוי האָט ער פּלוצלום אין אין טונקלקייט דאָרט אָט וואָס דערזעהן:

א מדבר אין א פּאַרטאָג, ער אויף דער זאַמד אין זון נאָך אויף עק הימל... ס'איז פאַר דעם זון-אויפגאַנג און פון איר אַרויסוויַזן זיך, און אַלץ אין דער מדבר נאָך שלאָפט און אין נאַכט אין אין חלום פאַרזונקען. ליגט ער דאָן אין דער מדבר-מיט, ווי באַשטענדיג אין ווי פאַרטאָג זיין שטייגער, גאַנץ-בריה און מיט אויף זיין מויל זיין תפלה; ליגט ער און קניהעט, און אויף זיין קאָפּ איז אַ הימל נאָך א נאַרטישער — אַ צו נאַכט איבערגעגעבענער און א שטילער, און דער הימל איז געעפנט... און דאָס געעפנטע איז טיף, און ווי אין הימל קאָן געבן, זיין אין טיפן איז א מלאך-ראָד געוואַכט, אַ גרויסע אין א קיילאַכיגע א לעבעדיגע, אָבער א טווייגנדיגע, אָן אויפקוקנדיגע און א פאַרגאַפטע... און אין דער ראָד, און אינעווייניג, אַ טייבעלע דאָרט דרייט זיך, דרוט זיך, ארום זויבערקייט, וואָס מיט קיינעם איז פאַרנומען, קוקט אַראָפּ און קוקט אַרויף און פאַר מלאכים באַרימט זיך, מיט הייך און מיט זיך אין מיט אונטן-פאַרטאָגן, מיט ערד דאָרט און שטיל און מיט ווייַט-ווייטער מדבר, מיט זאַמד נאָך אָהן זון און מיט מענש, וואָס ער קניהעט דאָרט...

— הא! — האָט דער הייליגער די אויגן פון דער כלי ציגעכאַפּט און אויפן הויקערל, אויפן בעטל-זיצנדיגן זיי אָנגעשטעלט: — ווער ביסט דו?

— אן אורח אין דער מדבר, — האָט דער הויקער געענטפערט.

— און וואָס געדאַרפט האָבט דו אין דער מדבר?

— צו דיר און צו דיין חסד האָב.

— און וואָס אזוינס?

— די קנאה האָט מיך אויפגעגעסן.

— איז וואָס?

— איז דאָס א מעשה, און דו דאַרפסט מיך אויסהערן.

— הער איך.

און דער הויקער האָט אָנגעהויבן:

— האָב איך אין גאָט און זיין לייַט געגלויבט, האָב איך מיט גוטן מיין שטראָף און מיין הויקער געטראָגן, פון מיין קינדהייט און פון שטוב אַרויס, פון דער יוגנט און אין גאָט אַריינגעקומען. האָב איך זיך מיט קינדער געשפּילט און פון זיי אָפּגעזונדערט געוואָרן, עלטער געוואָרן, און ע ל ט ע ר ע האָבן מיך אויסגעטיילט. האָב איך זיך קלאָגן אָנגעהויבן, האָב איך זיך דערווייטערט און מן-הצד געהאַלטן, האָב איך זיך אָפּגעטיילט און אין מיינע חברים ווענן נישט געגאַנגען. זיינען זיי עלטער געוואָרן און מיך פאַרגעסן, האָבן זיי מיט אַלע לעבנס געלעבט און פון צייט און יוגנט וואָס געקאָנט גענומען. פלעגן זיי מיך אַ מאָל באַגעגענען — האָבן זיי מיך נישט געדיינקט, בין איך זיי הינטער און פאַר זייער נאָז געקומען — האָבן זיי אויף מיר רחמנות געהאַט. האָב איך דאָס אַלץ צוגעזעהן און זיי אויסגעמיידט, בין איך אויף זייער סטעזשקע נישט געקומען און מיין לייד און לאַגע נישט געוויזן, האָב איך זיך פאַרשטעקט און אַליין מיר א קבר געבליבן, האָב איך די נעכט מיט מיין בעטל און די טעג מיט פיר ווענט פאַרבראַכט. האָב איך מיך באַטראַכט: האָב איך

דאָך פון מענשן און פון עלטערע וועגן פּישוך-מאַכער און פעלער-היילער געהערט, האָב איך זיך געקלערט; — איך וועל גיין אין איך וועל גיין אין צו זיי וועל איך קומען, און וואָס זיי וועלן פאָדערן — פאַר מיר אין מיין לעבן. בין איך צו זיי געקומען, האָב איך זיי מיין פעלער און הויקער באַוויזן, האָבן זיי מיך געהיילט: פריהער און פון א מינדסטן פינגער מיר בלוט געצאַפּט, אַ טראָפּן און אַ טראָפּנדל, און „געזאָגט“ אין געשפּראָך, האָט עס נישט געהאָלפן; האָבן זיי מיך דערנאָך מיט זייער שוואַרץ-קונץ רויכערן גענומען, האָב איך זיך געלוזט און אין קעלערס געקראָכן, האָב איך געגלייבט און פאַר פייער-צאַנגען מיט געווירצן געשטאַנען, האָבן זיי מיך געראָיכערט און פאַררויכערט, האָבן זיי מיך דערנאָכדעם צו זיך אין פאַר אַ זייערן גענומען. בין איך ביי זיי און אויף צו דינען זיי און אין זייערע קעלערס געבליבן, מיט אלט-קעץ און מיט פגר-הינט און מיט פוילוואַרג און מיט שמאַטעס, מיט לצים און מיט אָפּגעקראָכענע, מיט געבראָכענע און געבראָכטע, און מיט שדים און מיט אַלטע, און מיט בלינדע און מיט פליכעס. האָב איך זייערע זאַכן געטאָן און געפאָלגט, זייערע באַפעלן געהערט און געמוזט הערן, האָב איך זיי געדינט און ביי זיי זיך אויסגעדינט. האָבן זיי מיך לסוף צום שטן-האַר פאַרקויפט, פאַר אַ רענדל און פאַר אַ פלעדער-מויז אויף זייער שוועל אַ געקוילעטער. בין איך אין זיין רשות אַריין, האָט ער מיט מיר געטאָן און מיך געפּייניגט, איז ער זיך מיט מיר מיאוס באַגאַן און מיך פאַראומרייניגט, געשענדט און ממטמא געווען און דערנאָך אויף מיר געשפּיגן, און לסוף ביי מיר דאָס האַרץ אַרויסגענומען, דאָס אויף שדים-מערק פאַרהאַנדלען, און אזוי און מיך באַנומען און אזוי און מיך פאַראומווערדיגט, אויף וועלט און אויף וואַנדערן מיך אָפּגעלאָזט. בין איך געגאַנגען און געגאַנגען, לאַנג געשלעפּט זיך און איבער ישובן און מענשן, איז מיר מיין וועלט און מיין לעבן נמאס געוואָרן און אויך מיין שלעפּן-זיך דאָס אומזיסטיגע. האָב איך זיך לסוף אין פון די ישובן אַרויסגערוקט און אַ וועג אין דער מדבר זיך אָנגעטראָגן, און לאַנג און נאָך מאַטערן זיך גרויסן אַהער און אַהינד, צו דיר און צו דיין הייל געקומען.

— און נו?

— און איצט אויף דיר, אויף מיין איינציגן, אויף דיר און מיין לעצטער הילף: ביסט גרויס און הייליג, און דער חסד איז דיינער.

— וועל איך פאַר דיר בעטן.

— און אַז דו וועסט נישט געהערט ווערן?

— איז דאָך פון הימל.

— ניין! — האָט דער הויקער אָפּגעענטפערט און שטאַרק און שרייענג אויפן הייליגן זיין קוק אָנגעשטעלט.

— וואָס ועדכט דו, הויקער?

— דאָס, וואָס דו הערסט, און דעם ריינעם זמת.

— פאַר וואָס?

— ווייל גרויסע האָבן נישט אַזוי געטאָן.

— ווי דען?

— זיך אויסגעצויגן און אויסגעמאָסטן און דעם טויט אויף זיך גענומען.

— איז וואָס וואָלסט דו געוואָלט?

— ביסט גרויס און מעכטיג און קאָנסט דערטראָגן.

— איז וואָס?

— זאָלסט דו אויף זיך מיין הויקער און אומריינקייט נעמען, און מיר דיין ריינקייט און דיין גליקלעכקייט געבן.

און פאַרשווינגן און שוין גאָרנישט נישט געענטפערט האָט דער הייליגער דעם הויקער אויף די ווערטער זײַנע לעצטע. האָט ער נאָר שטיל און ערנסט אויף אים די אויגן אָנגעשטעלט און אויף אים געקוקט, צוריק דער הויקער אויפן הייליגן און דעם קוק און נישט אויסגעהאַלטן, און לסוף און נאָך קוקן הייליגנס, נאָך לאַנגען און נאָך מיושבדיג, נאָך פאַרשטאַנענעם, אין ווער ס׳זיצט פאַר אים, האָט ער זיך ווידער אַ מאָל צו אים געקערעוועט און נאָך אַ מאָל זײַן ערשטע פראַגע איבערגעחזרט:

— ווער ביסט דו, הויקער?

— מיט מײַן פעלער צו דײַן חסד געקומען — האָט דער הויקער געענטפערט.

— נישט אמת, — האָט דער הייליגער געזאָגט און באַלד צו אים צוגעגאַן, אויף זײַן אַקסל אַ האַנט אַרויפגעלייגט אין מיט גוטן און דאַך אַ האַר אויף אים, שאַפנדיג און היי־סנדיג, ווי זיך מורה זײַן געהייסן.

און אויפגעשטאַנען און אויפגעשטעלט זיך האָט דער הויקער פון בעטל אין פון זיבן לאַנגן נאָכן הייליגנס צוגיין און זײַן האַנט אויף אים אַרויפלייגן דעמאָלט, איז ער פאַר זײַנע פיס און פאַר זײַן הייך געבליבן, נידעריג און קליין און פאַרן הייליגן, ווי פאַר הדור, און דעם קאָפּ אַראָפגעהאַלטן און די אויגן צו דער ערד געצווונגען. איז ער אַזוי געשטאַנען, געשטאַנען און נישט גערירט זיך, געשוויגן און ווי די שטראָף אויף זיך גענומען, און אַזוי און שטייענדיג, אין אַזוי און שטיל־שווײַגנדיג, דאָס ווײַטערדיגע און וואָס ס׳וועט פאָרקומען ווײַטער, ווי שוין נישט אויסמײַדן און נישט אַנדערש מאַכן געקאָנט.

— ווער ביסט דו, הויקער?

און דערזעהן האָט דער הייליגער, ווי שטיל און אומבאַמערקט האָט זיך פונם רוקן אונטן און פון אונטער קלייד־אַרויס פון הויקער אַרויס אַ פליגל־שפיץ אַן איינער, אַ שטעכיגער און אַ שוואַרצער, אַ צעשפרייזטער און ווי פון אַ ראָב אַ גרויסער זיך באַוויזן, זיך באַוויזן און היינגען געבליבן, נישט אויפן אָרט און משונה, און ווי אַ שלעפּ־איבר, און ווי ס׳מאַכט זיך; און דאַן און אַ צווייטער האָט זיך נעבן ערשטן און עטוואָס אָפּגעטרעטן אַרויסגעוויזן, און עוין אַ פּאָר, אָבער נישט גלײַכע, נאָר דער ערשטער לייגער, און דער צווייטער קירצער אָנגעזעהן. האָט זיך באַמעלאַך־פאַמעלאַך און בשעת פליגל־אַרויסווײַזן־זיך דער הויקער פון אונטער דעם הייליגנס האַנט אין זײַן האַלטן אים אַרויסגערוקט, נישט געזאָגט און זײַן אַקסל באַפרײַט. אין דער הייליגער האָט אים געלאָזט, און דער הויקער האָט זיך צו דער טיר אַוועקגעלאָזט.

איז דער הויקער אַזוי צו דער טיר געקומען און שטיין געבליבן, האָט ער אַ ווײַלע אַזוי געזאַמט און געוואַרט אין אויסגעוואַרט, האָט ער דערנאָכדעם דעם קאָפּ אויף אַרויס און האַלבן קערפּער, ווי אויף אין דרויסן אַ קוק טון איבערגעבויגן, אין געקוקט און לאַנג געקוקט, און דערנאָך און ווי וואָס געדאַרפט דאָרט דערזעהן. האָבן זיך בײַ אים פלוצלים די פליגלען פון אונטער קלייד באַוויזן און אויפן הויקער־אָרט אַרויס, און מיט אַ מאָל און אויף דער פּלייצע קומענדיג לעבעדיג און איינס אַנטקעגן אַנדערן זיך אַ שטעל געטאָן, און שוועבנדיג און באַפעדערטע, מעכטיגע און אָנגעדרודלטע און אויף אַרויספליהען שוין גרייטע.

און מיט אַ מאָל — און אַ מאַך מיט זיי, און דער הויקער האָט זיך פון דער שוועלשטייענדיג צום אין דרויסן א הויב געטאָן, און אַרויס און אין נאַכט דער גרויסער, אין דער הייך און אין דער מדבר אַוועק...

און שטיין געבליבן איז דער הייליגער אַליין אין הייל דאַן נאָכן אָפּפליהען און נאָכן פאַרשוואונדן־ווערן פון הויקער, איבערגעלאָזט און פאַר די ווענט פאַר זײַנע, אַליין און פאַר זײַן לעמפּעלע אין אָווענט, געשטאַנען און נישט גערירט זיך, נישט אַרויסגעגאַן

און וואוהין דער הויקער איז אַוועקגעפלויגן נישט נאָכגעקוקט, נאָר שטיל און מיט אַ מחשבה אַ זיינער, אַ שווייגנדיגער און דערהויבענער, אַ הייליגער און פון הייליג-שטאַמענדיגער, נאָכן טאָג-פאַרגאַנגענעם און נאָכן אָוונט-פאָרגעקומענעם אַליין און אויף דער נאַכט, און אַזוי אין איר צו בלייבן געבליבן.

## ב.

און יענע נאַכט איז פאַרגאַנגען, און דער מאָרגן איז געקומען. און דער הייליגער האָט זיך צו זיין סדר אין צו זיין לעבנס-שטייגער גענומען, ווי תמיד און ווי אַלע מאָל אין די פאַרטאָגן אויף אַוועקגיין, אין דער מיט און אין דער מדבר, אויף זיינע תפילות, אום מתפלל צו זיין, און דערנאָך און אין דער הייל זיך אומצוקערן, און אויף פריהמאָרגן שוין דאָרט בלייבן, איף צו טון און זיך אַרומקוקן אין אויפן טאָג זיך דאַן פאַרגרייטן, וואָס צום עסן און וואָס צום טרינקען, און אַ מענשן וואָס איז נויטיג. פלעגט ער אין הייל ערשט מיטן זון-אויפגאַנג זיך אומקערן, פלעגט ער דאַן פריהער די ווענט און אַרום און אַלץ היימישע באַטראַכטן, און זיך נעמען און דאָרט צוקלייבן, און אַלץ אין אָרדענונג דאָרט ברייננען, און דאָס בעטל זיך פאַרבעטן, און אויף אָוונט לאמפּ פאַרגרייטן. און דערנאָך און אַלץ שוין אָפּגעטאָן, פלעגט ער ערשט צו דער שוועל און צו דער טיר דאַן צוגיין, פון דאָרט די וואַסער-קרוג נעמען און מיט איר פון הייל אַרויסגיין, און שטיל און איבער מדבר זוניגער ווייט צו זיין קוואַל, אין וואָס פאַר-איב-אַליין-נאָר-וויסיגן, זיך לאָזן.

און געפינען האָט זיך דער קוואַל ביי אַ פעלז און ביי אַ צופּיסנס אַ פעלזישן, אין אַ גראָבן און צווישן ריטלאַך-געוויקסן דאָרט איינגעדעקטן; האָט דער קוואַל פון אַ טיף און פון אַ פאַרבאָרגעניש אויף אַ זאַמד און איף אַ קלאָרער ארויסגעקוועלט, פון אַ קאַלטקייט און פון אַ פארשטעלטקייט מיט אַ מויל אין מיט א וואַסער-מיילעכל; האָט דאָס וואַסערל, דאָס זויבערע און שטיל-שטראָמיגע, פּאַמעלאַך און אַ ריטשקעלע זיך מאַכנדיג, אויף אַרויס און פון אונטער פעלז געציורקעט. פלעגט צו דעם דער הייליגער מיט דער קרוג קומען, פלעגט ער זי אין אַ גריבל-דאָרט-געמאַכטן אינטערן ריטשקעלע אַוועקשטעלן, אַוועקשטעלן און אונטער וואַסערל, און אַליין פאַר דעם שטיין—דאָס אויסוואַרטן און דערויף קוקן, ווי דאָס וואַסער קומט אין כלי, און דאָס וואַסער גייט צו וואַסער: פריהער צו ביסעלאַך און אויפן באָדן קלינגענדיג, און דערנאָך אַלץ אנפילנדיגער און מערער. און אַז די קרוג איז דערפילט געוואָרן, און אַז דאָס וואַסער איז שוין איבער די ראַנדן אַריבער און איבער מויל און גיסנדיג געגאַנגען,—אויפהויבן און צונעמען פלעגט דאַן דער הייליגער די קרוג פון גריבל, מיט איין האַנט זי פאַרן אויער אננעמען און, מיט דער אַנדערער פאַרן באָדן זי אונטערהאַלטנדיג, פלעגט ער זיך מיט איר אַזוי אַ ווײַלע נאָך פאַרן קוואַל פאַרזאַמען, מיט דער אָנגעפילטער, און זאַמענדיג און פאַרן קוואַל, וואָס ער קוועלט נאָך, פלעגט ער אַזוי און מיט איר שטייענדיג אויפן קוועלנדיגן קוקן און שטיל און אַזוי קוקנדיג קוואַל אויף ווייטער קוועלן בענשן. אָפּגעבענשט, פלעגט ער זיך דאַן צום פעלז און צום קוואַל מיט דער פלייצע אויסקערעווען, פלעגט ער זיי פאַרלאָזן און זיך אַוועקגיין, און שטיל און מיט אַ פולער קרוג אַהיים און צו זיין הייל זיך אומקערן. אַהיים געקומען — און אָנבויגן און אַראָפּלאָזן פלעגט דאַן דער הייליגער די קרוג צו שוועל און אויף איר אָרט, ווי תמיד, זי אַוועקשטעלן און דערנאָך זיך אויפהויבן און אַליין אין הייל אַרייַנגיין, און שטיל און נאָך אין הייל און-וואָס-מען-באַדאַרפט דאָרט צוגרייטן, צו דער סעודה און צו דער טאָגעדיגער, זיך נעמען.

פלעגט דער הייליגער אין הייל ביי אים די קרייַטאַכצער, די אין-דער-מדבר-אָנגעקליבענע, באַקומען, פלעגט ער זיי אַרומרייניגן און איבערקלויבן, די נישט-גוטע דערוויי-

טערן, און די גוטע אין אַ זייט אָפּלייגן. פלעגט ער זיי דערנאָך אין וואַסער און אין אַ
שיסל שווייַנקען, זייַנען זיי ריין געוואָרן, פלעגט ער דערנאָך מיט זיי אין דרויסן אַרויס-
גייַן און אויפן מויל פון הייל קומען, פלעגט ער דאָרט אין אַ גריבל אַ געמאַכטן אַ פייַער
צעלייגן, פון גראָזן און פון דער זון פאַרדאַרטע, פון מדבר'שע און פון גרינג-ברענענדי-
גע. האָט ער דערויף די קרייטעכצער און די איבערגעקליבענע, די גוטע און די איבער-
געוואַשענע, אין אַ כלי צוגעשטעלט און אַליין און זיך בייַ דעם אָוועקגעזעצט, אויף אַ
שטיין און דאָרט פון לאַנג אָוועקגעלייגטן, און דערבייַ אַזוי געזעסן. פלעגט ער שטיל און
אַלע מאָל דאָס פייַער פאַרריכטן, אונטעררוקן און אַלע מאָל נייַע גראָזן דעם אונטערלייגן,
האָט זיך עס צעברענט—אויפגעפלאַקערט און אויפגעפלאַמט און זרויף און אויפגעגאַן,
און דאָס געקעכטס האָט זיך דערויף געקאָכט. און אַז ס'האָט זיך אָפּגעקאָכט, פלעגט דער
הייליגער דאָס פון פאַרטיג-געוואָרענעם און פון פייַער אַראָפּגענומען און אין אַן אַנדער כלי דאָס
איבערלײדיגן, פלעגט ער מיט דעם אין הייל אַרייַנקומען, דאָס אויף אַ באַנק אָוועקשטעלן
און אַליין זיך וואַשן, און דאַן, און זיך אָפּגעוואַשן אין וואָס געדאַרפט פאַרן עסן אָפּגע-
זאָגט, פלעגט צו זייַן סעודה און צו זייַן הייליגער זיך אָוועקזעצן. געגעסן און אָפּגעגעסן,
פלעגט דערנאָך דער הייליגער מיט די כלים און. מיט קרוג און וואַסער פון הייל אַרויס-
גייַן און זיי איבערוואַשן, זיי איבערוואַשן און אויף דער זון, אָוועקשטעלן אויף צו טרי-
קענען-זיך און אויפן טאָג דעם גאַנצן, אַליין דאַן און צוריק זיך אומקערן און אין הייל
און אויף צו בלייַבן, אויף לאַנג און אויף צו שווייגן און אויף פיר די ווענט צו קוקן, אַ
מאָל אַ שעה און אַ מאָל מער און אַזוי מיט זיי פאַרברענגען, און דערנאָך און די הייל
פאַרלאָזן און אין גרויסן טאָג צו קומען.

און אָוועקגיין און אָנקומען פלעגט דער הייליגער, אין טאָג אין העלן, אין דער
מדבר און צו אַן אָרט אַ באַשטימטן. האָט ער עס אויף אַלע טעג אין אויף אַלע תמיד פון
אַלע ערטער אויסדערוויילט, איז דאָס אָרט העכער פון אַל-אַרומיגן באַרגיש-אָנגעשיט, פאַר-
קיילאַכיגט און פון זאַמד געמאַכט געווען; האָט עס ווי אַן אַלט-קבר אין אַ סטעפּ אַ גרויסן,
אַן אוראַלטער און פון קדמונים-פאַרבליבענער, אויסגעזען. פלעגט צו דעם דער הייליגער
אין הייסן טאָג און אין מיטן טאָג מיט שטילע שפּאַן און מיט צייַט-האָבנדיגע אונטער-
קומען, פון זייַן הייל און פון דער ווייַט ליגנדיגער, דורך דער מדבר און וואָס איז אויפ-
געראָמט געלעגן, און שטיל און פון קיין לעבעדיגס נישט דערמאָנט געוואָרן, נישט פון
קיין בריאה און נישט פון שאָטן קיין בריאה'דיגער, נישט פון קיין פויגל און נישט פון
קיין דורכפליהענדיגן קיין מאָל; פלעגט דער הייליגער אַזוי צו יענעם אָרט דאַן צוגיין, צו-
גיין און זיך פאַר דעם אָפּשטעלן, בייַם צו פוסנס פון אָנגעשיטן און בייַם ברעג דעם באַר-
גישן, און שטיין און זיך פאַרהאַלטן פאַר דעם אין שטילן, און קוקן און באַטראַכטן דאָס
מיט מנוחה. און דאַן, און נאָך באַטראַכטן דאָס באַקאַנטע, פלעגט ער זיך בייַ דעם און
בייַם רוהיג-אויסזעהענדיגן אַראָפּלאָזן און אויף זייַן אָרט, און אויף זייַן באַשטענדיגן, ווי
זייַן שטייגער איז געווען און ווי געוויינט, זיך אַראָפּזעצן.

פלעגט זיך אַ מאָל מאַכן: ווי דער הייליגער איז אַזוי בייַם באַרג און פאַרטראַכט
געזעסן, מיט די אויגן צו דער מדבר געקערעוועט און מיט זייַן קוק אין ווייַטן ערגיץ
אַרייַנגעטאָן, אַזוי פלעגט זיך פון אַ זייַט און פון הינטער אים, פון הינטער באַרג-קייַלאָ-
ביגקייַט און פון הינטער פאַרשטעלטקייַט דאָרטיגן, אויסגעוואַקסן און אומגעריכט, אַ חיה
זיך באַווייזן, אַ גרויסע און אַ שטיל-טאָגעדיגע, אַן אנקימענדיגע און פון מדבר-שווייַגעדיג-
קייַט פון ערגיץ, און אַזוי מיטן אנקום אומגעווייַנליכן און אַזוי מיט שטילקייַט און אומגע-
ריכטקייַט גרויסן, פאַרן הייליגן און פאַר זייַן אָרט זיך דאַן אָוועקשטעלן.

דאָס איז א לייב אין א מדבר'שער, אַ זאַמד-איינוואוינער אין אַ לאַנגאַנעדיגער געוועז, דעם הייליגנס באַקאַנטער, זיין טאָג-באַזוכער און זיין פריינט דער איינציגער. פלעגט ער צו אים צוקומען, פלעגט ער אים פון הינטער דער זייט ארויסגיין און פאר זיין פנים זיך באַווייזן. פלעגט ער פאַר אים שטיין בלייַבן, און אַזוי און פאר אים בלייַבנדיג מיט זיין שווייַגן אין מיט זייַן שטיל-באַשטאַנד, ווי דעם הייליגנס שוין דארט-לאַנג-זיצן, זיין פון-פריהער קומען אין אויף אים ווי דארט אויסווארטן, באַגריסן; אָפּגעגריסט און אָפּגעשטאַנען אַ ביסל — און אונטערקומען פלעגט דאן דער לייב צום הייליגן און צו זיין זיץ-אָרט דעם באַרגישן, פלעגט ער זיך ביי זייַן זייט אַראָפּלאָזן, אַ שטילער און א קניהענדיגער, אַ שווייַגנדיגער אין וואָס איז געוויינט צו שווייַגן, האָט ער זיין קאָפּ אויף זייַנע פעדער-פיס אַראָפּגעלאָזט, און זייַן קערפּער אויף הינטער-פיס און מיט רוהיגקייט זיי אונטערגעבויגן, האָט ער זיך אוועקגעלייגט, האָט ער דעם קאָפּ און די אויגן אין דער זעלבער ריכטונג, און וואוהין דער הייליגער האָט געהאַלטן, געווענדט: אין דער מדבר און אין ווייַטקייט ליגנדיגער, אין מאַגעדיגקייט אין מיט באַרוהטקייט נישט געשטערטן — נישט פון קיין קול און נישט פון קיין קלאַנג קיין מינדסטן, נישט פון ארום און נישט פון ערגיץ קומענדיגן.

האָבן זיי אַהין געקיקט אין לאַנג געקוקט, אין שטיל און נישט אויפגעהערט, און איינער האָט דעם אנדערן נישט געשטערט, אין ביידע זייַנען זיי, ווי דער מדבר, געטרייַ געוועזן אין דעם טאָג און זיין עלנטקייט איבערגעגעבן, אין ביידע האָבן זיי זיך שטיל געהאַלטן, און איינער האט דעם אנדערנס געדאַנקען נישט איבערגעשלאָגן, דער געזעסן און דער געלעגן, און ביידע זיי, ווי איינער, פון גאָר דער וועלט און אויסגעטאָן און צו דער מדבר נאר יחידים, צום בייטאָג און צו זייַן איינזאַמקייט און פאר זון נאר שטילע עדות. האָבן זיי שטיל אין נאר מיט אויגן געקוקט אין צווישן זיך קיין וואָרט נישט גערעדט.

זעלבן-זעלטן, א מאל נאָר, פלעגן פון לאַנגן אין-ווייַטקייט-קוקן די אויגן אויפהויבן און איינער אויפן אַנדערן זיי אנשטעלן, פלעגן זיי זיך דאן באַטראַכטן, דער הייליגער אויפן לייב און דער לייב אויפן הייליגן קוקנדיג, און דאַן, און נאכן קוקן אזוינעם, פלעגט דער הייליגער זייַן האַנט און וואָס פון דער לייבן-זייט אויפהויבן, און מיט איר אויפן לייבס האַלז און א מאָל אויפן לייבס רוקן קומען, קומען און גלעטן, אויפן רוקנס גלאַטקייט און אויפן האַלז-באַוואַקסנקייט אין שטילן. און אַזוי און די האַנט דארט האַלטנדיג, און אזוי איבערן לייבס פעל אין האר זי פירנדיג, פלעגט זי דאָרט לסוף פארגעסן, אין ווייטער מיט די אויגן צו דער מדבר-ווייַטקייט זיך ווענדנדיג, פלעגט זי דאָרט פארלאזן, אין שטיל און זי נישט-געדיינקענדיג, פארטראַכט און שוין אליין נישט-מערקנדיג, פלעגט סתּם און צווישן האר נאר, צווישן פעל אין באַוואַקסנקייט מיט איר בלאָנדזשען.

אַזוי א מאל און אזוי פלעגט זיך מאַכן, און לייב מיט הייליגן פלעגן זייער צייַט און זייער באַשטימטע אפּזיצן, אפּזיצן און אין דער מדבר זיך אנקוקן, שווייגנדיג, אין זייער צייט איז אַריבער, פלעגן זיי זיך דאַן פון זייערע ערטער אויפהויבן: דער הייליגער פון זיין זיץ-אָרט און דער לייב פון זיין נעבן-אים-ליגן, פלעגן זיי זיך אויפשטעלן, פלעגן זיי א ווייַלע נאָך אויף די ערטער זייערע בלייַבן, פלעגן זיי איינער אויפן אנדערן און מיט בליקן זייערע זיך נאָך פארהאלטן, א מינוט אין צוויי און שטיל אזוי זיך באַטראַכטן, און דאַן און אָפּגעבאַטראַכט זיך שווייַגנדיג, פלעגן זיי איינס צום אנדערן מיט די רוקנס און מיט די פלייצעס זיך אויסקערעווען, און יעדערער איז זיך זייַן וועג, און יעדערער איז זיך צו זיין היים אַוועקגעגאַנגען.

און די טעג פלעגן אַוועקגיין אין די אײַפֿדערנאַכטן פלעגן קומען, די נאָך-יוניגע אין שוין אויסגעלאָשענע, די האַלב-טויטע אין פֿין גאָר דער וועלט פֿאַרגעסענע. אין די מדבר האָט דאַן קיין חיות נישט געהאַט, אייסער זאַמד-בערג אַנגעהויפֿנט, און פֿון די בערג האָט מיט וויסטענ׳יש געטראָגן, מיט אָפּגעשלאָסנקייט אין פֿון אַ מינדסטן לעבעדיגקייט דערווײַטערט. און די מדבר האָט דאַן מיט פֿאַרגעסן-לאַנד געשוויגן, מיט זאָרג און מיט טויט-מלוכה האָבן זיך אויף מײַלן אַרום די בערג און די ווײַטקייטן אָנגעבלאָזן און מיט דאָרטיגקייט און מיט נאַכט זיך אײַנגעהילט, מיט ווײַטער און אויף אַל-דאָרט הערשנדיגער, מיט וויכט-קייט-קיניגנדיגער און אויף אַלע גרעניצן וואַכנדיגער. איז אויף נאַכט און אויף אַרום-און-אַרום, אויף אַלע האָריזאָנטן אין קײַלעכיג אַ הימל דאַן געלעגן, פֿון דער מדבר ווי אַ ווײַט-זיך-האַלטנדיגער, און דאָך צו איר אַ געהערנדיגער. האָט זיך דער הימל דאַן ווײַט און איבער אַלע עקן אויסגעשפּרייט, אין דער מוט און הויך-הויך, און בײַ די עקן אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. איז ער אין דער סאַמע-מיט מיט שטערן-סך און פֿון פֿאַרשיידענער גרייס אָנגעזייעט געווען, אין אַראָפּ און צו די נידעריגקייטן, פֿאַרבלאָזן אין טונקל, און זעלטן ווען פֿין דאָרט מיט אַ שטערנדל-בלאַס געפֿינקלט. זײַנען די שטערן, די אין-דער-מיט-לייכטנדיגע, די גאַנצע הימל-לייגג, ווי מיט אַ ניבּט-גלײַכער וועג-סטעזשקע, איבערגעגאַן און איבערן קאָפּ פֿון דער מדבר מיט אַ שטילער הייך איבערגעטרעטן.

פֿלעגט דער היליגער אין אַלע אָוונט און פֿאַר-לייגן-זיך אַהין און צו דער מדבר-מיט אין פֿאַר דעם שטערן-הויכקייט קומען, קומען אין זיך אַוועקשטעלן, אין קאָפּ אין אויגן אַהין אין הויכקייט אויפֿהויבן, און אַזוי, און מיט קאָפּ און אויגן אַהין געווענדט שטייענדיג פֿלעגט איך זיך די נאַכט און איר שטילקייט געבן, און אײַנער אַליין אין צו די שטער זיך דאַן אײַנציגן.

שטיל און לאַנג, קוקנדיג אין די אויגן נישט אַראָפּנעמענדיג, ער אײַפֿן אַרויף, און דאָס אויבנדיגע אויף זיין פֿון אונטן-שטיין, פֿלעגן די שטערן אויף זײַן קאָפּ זייער, בלאַסליכקייט און קאַלט-ליכט גיסן, אין זײַן פּנים מיט אַ שײַן, מיט נישט קײַן מענשליכער און נישט קײַן ערדישער, באַלויכטן. איז דער היליגער אַזוי איבערגעגעבן און פֿאַרטאָן, אַרײַנגעטאָן אין פֿין אַלעם ארומיגן אַרויסגענומען געשטאַנען, זײַן אָרט און די צײַט פֿלעגט פֿאַרגעסן, און די שעה אין דאָס שפּעטקייט נישט געדיינקען. פֿלעגט ער זיך פֿאַמעלאַך-פֿאַמעלאַך, אַזוי אין זיך-פֿאַרגעסנדיג, ווי מיטן הימלישן דאָרט צונויפֿגיסן, דאָס ווײַטקייט און דאָס דערווײַטערטקייט נישט פֿילן, וואָס פֿאַר אַ מהלך און ס׳שיידט זיי אָפּ צוויטן. פֿלעגט ער דאָרט אַלץ הימישער און היימישער ווערן און פֿין אונטן און ערדישקייט זיך אָפּטיילן פֿון זײַן שטיין און זײַן אין-מדבר-זײַן, פֿון זײַן אַריפּקומען און פֿון זײַן אײַנציגקייט אין דער מדבר; פֿלעגט ער דאָרט פֿאַרבלײַבן, אויף אַ שעה און אויף מער, אַ מאָל אויף לאַנג און אַ מאָל אויף זעהר. נאָר תּמיד און באַשטענדיג פֿלעגט אַ שטערן-שײַן און אַ פֿינקל-שווינדל אים אין די אויגן אַרײַנקומען און זיהין אַ טרער אַנטרייבן. פֿלעגט ער זיך אויפֿ-כאַפּן, ווי פֿון ווײַט אין ווי פֿון אַ שלאָף אַראָפּקומען, און זיך אויפֿוואַכן און פֿון זײַן אָרט עטוואָס אַ גיי טאָן, פֿלעגט ער פֿון דאָרט אַטרעטן אין שטיל און ווי פֿונם אַרומיגן זיך אָפּטיילן, און צו זיך, און צו דער הייל צו זײַניגער, אויך זיך לייגן און אויף דער נאַכט פֿאַרברייינגען, אַוועקגיין.

אַזוי תּמיד און אַזוי כּסדר, אַזוי אַלע נאַכט אין פֿאַר די שטערן דער אײַנציגער, שטיל פֿאַר זיי שטיין און שטילער זיך זאַמלען, און דאַן אין אין הימל-הייך קוקן אין אַ צייט און דאָרטן אָפּזיין אין דער הייך און דערנאָך אין צו דער מדבר זיך אומקערן, צו זיך און צו דער הייל צו זײַנער...

—

נאָר איין מאָל, אין אַן אָוונט אין איינעם האָט זיך מיטן הייליגן אַט-וואָס געטראָפן:

שטיל און ווי אַלע מאָל איז די מדבר דאַן מיט איר זאַמד און מיט אירע האָריזאָנטן שוין איינגעדרימלט געלעגן נאָכן פאַרנאַכטישן און נאָכן פאַרגאַנגענעם, נאָכן שטיל-געוואָרענעם און לעצטן ליכט אויסגעלאָשן. נאָר ווײַט און אין מערב-זײַט, אונטן און בײַ דער ערד דאָרט נידער איז אַ שיין-פּאַסיקל פונם זון-פאַרגאַנג אין פון דער געוועזענער פאַרבליבן. אַ זיך-אויסלעשנדיגס אין אַ בלייכליכס, אַ האַלב-טויטס און אַן אָהנמעכטיגס, האָט דאָס ליכטיגקייט און דאָס שיין-פּאַסיקל אין מדבר-אָוונטקייט מיטן לעצטן און מיטן נשאר-ביסעלע דערלאַנגט, דערלאַנגט און נישט די מדבר-מיט באַלויכטן, נאָר אויפן הימל-ברעג און אויפן שטאַדק-דערווייטערטן זיך געדײַלטן, זיך אויפהאַלטנדיג און געצאַנקען, אויסגייענדיג און מיט שפּאָר מיט גרויסן.

איז צו יענער צײַט שוין דער הייליגער, אין ווי זיין שטייגער איז געווען, אין דער מדבר און אין דער מיט געקומען, אויף זיין געבעט און אויף זײַן בײנאַכטיש אָפּצוריכטן, און מיט קאָפּ און קוק שוין אין הימל אַרײַנגעטאָן געשטאַנען און מיט מחשבה און אויפמערקזאַמקייט צו די שטערן און צו די אַלץ-זיך מערנדיגע געווענדט. איז צאָט, ווי דער הייליגער איז א צײַט שוין דאָרט אַזוי פאַרטאָן געשטאַנען, און ווי תמיד און ווי זײַן געוויינשאַפט, פון אַרום און וואָס דאָרט טוט זיך, נישט געוואוסט, אַזוי האָט אים פּלוצלים אין פנים און וואָס צום הימל אויפגעהויבענעם עפּעס אַ ווינטל דאַן אַ בלאָז געטאָן, אַ ווייענדיגס און פון אַ ווייט אָנקומענדיגס, אַ נישט-געוויינליכס און וואָס סע מאַכט זיך זעלטן, האָט עס אויף אים אַ וויי געטאָן; האָט דער הייליגער באַלד דעם קאָפּ און ווי אויפוואַכנדיג פון דער שטערן-הייך צוגענומען, און אויף מדבר, און פון וואַנען דאָס ווינטל האָט אַ ווייע געטאָן, געקערעוועט, האָט ער אַהין געקוקט און ווי דאָס ווייטקייט נישט דערקאַנט, לאַנג-און לייגער-אויפמערקזאַם—און דאַן ערשט אַ פאַרענדערניש דערזעהן און באַלד פאַרשטאַנען, דאָס דערזעהענדיג:

אַ נײַס און נישט ווי אַלע מאָל וועט דאָ זײַן, אַן אומגעוויינליכס, און וואָס סע מאַכט זיך זעלטן, וועט דאָ פאָרקומען, און זאָל ער גרייט זײַן און זיך צוגרייטן דעם פאָרקומענדיגן און דעם פארשטייענדיגן אנטקעגן, און זאָל ער גרייט זיין און זיך צוגרייטן דאָס נישט-געזעהענע און דאָס נישט בײ-געוועזענע מקבל זײַן.

און באמת:—

ווי דער הייליגער איז אַזוי פאַרן ווײַטן און פאַרן האָריזאָנטישן געשטאַנען און מיט אויגן און אַריינגעטאָנענקייט צו דעם, וואָס דאָרטן קומט פאָר, געווענדט, אַזוי האָט ער באַמערקט, ווי ווײַט אין אַנרוקנדיג זיך, מיט ערד זיך אויסמישנדיג און מיט פאַרבלאָזנקייט פון ווײַטן, האָבן זאַמדן אויפן האָריזאָנט ווײַט אויף מדבר-גרעניץ און אונטער הימל-דאַך זיך אָנגעקליבן, זיך אָנגעקליבן און שוין אַ ווייטע האַלבע ערד און הימל-ראַד פאַרבלאָזן, אַ שטויבנדיגע און אַ דרייענדיגע, אַ באַאומרוהיגנדיגע און אַן אויפרודערנדיגע; האָבן די ווינטלאַך, די דערווײַל אויפן האָריזאָנט זיך האַלטנדיגע, געדרייט און געגרייט זיך, נאָר פון דאָרט נאָך נישט אַרויסגעגאַן און די מדבר-גרעניץ נישט אַריבערגעטרעטן, ווי זיך געקווייקלט, אין געקייקלט געוויקלט און דערווייל געשטאַרקט זיך אין דער ווײַטקייט. האָבן זיך די זאַמדן דאָרט, פון ווייט און פון אַ יענער-זייט ערגיץ אָנקומענדיג, געזאַמלט, געזאַמלט און אויף דער מדבר-גרעניץ זיך אויפגעהאַלטן, ווי זיך אָפּגעשטעלט און איר פריי-פּלאַץ באַטראַכטנדיג, און דערווייל געווייעט, און פון ווײַט נאָך זײַענדיג, און זעלטן-זעלטן נאָר פון דער מיט פון זייערער מיט אַ חיה-אויג און מיט אַ ווילד-פײַערל אַרויסגעבליצט.

דאָס זײַנען חיות, אין דערווײַל נאָך אײנציגווײז, אָנגעקומען אין זאַמד-אנקים אַרײַן, פון דאָרט איז מדבר נאָר אַ קוק געטאָן און באַלד צוריק זיך אויסגעקערעוועט, ווי איך אַ קוק צו טון אין געשיקט אַהער, און באַלד איז אויסדרייען זיך אין איך צוריק ערגיץ אַ ידיעה געבן. האָט זיך אַלע מאָל אין ווינטלדיקן גאַן אין פאַר-באַר-קומענדיקן אַ גרויסע חיה און אַ שטילע חיה מיט אַ ברען-און-שאַרן-קוק זיך באַוויזן, אַרײַן אין פאַרבײַ דער גרענעץ נאָר דורכגעגאַנגען, מיט אַ זײַט אין פאַרבײַגייענדיק און באַלד צוריק פאַרשוואונדן. האָבן די זאַמדן דערנאָך שוין אײנציגע שטײַף-דרײדלאַך אויך אַריבער דער גרענעץ אַרײַנגעשיקט, אויף צו זעהן אין איך צו אײַנזען אין צוריק זײ קומען זאָגן, ווי ס'האַלט די ווײַטע מדבר, צי ווערט יאָן, צו ז'איז גערן, צי זי האָט עפּעס דערגעגן. זײַנען זײַנען זײ אַרויס, האָבן זײ בײַ דער ערד, וואָס בײַ דער גרענעץ נאָענטער, אײַנגעראָגט, זי אַרומגעשמעקט, אין אים איר זאַמד-דעה צי וויסן. האָט די ערד דאָרט אײַנגעשניכט אין מיט שטויבן זיך געהבר'ט, דאָס זי צו יענע שטויבן איך אירע צוגעגעבן און אײנאײנעם מיט יענע צו דער מדבר זיך געלאָזט.

האָט זיך דאַן אין פון האָריזאָנט פון ווײַטן אַ ווינט אַרויסגעלאָזט, אַ גרויסער אין אַ שטאַרקער, אַ פליִענדיגער אין איך זײַן וועג אַלץ-אויפהויבנדיגער; איז ער איך דער מדבר אין איך פליגל געקומען — מיט ווינט און מיט זאַמדן, מיט שטייגנדיגקייט און מיט שטויבן גרויסע; האָט ער פאַרווייעט אין פאַרבראַשעט אין און אויך אַ גרויסע מדבר-שטיק, וואָס פאַר דעם הייליגן איז געלעגן, שוין אויפגעהויבן. האָבן זיך אין זײַן זאַמדיגקייט אין אין זײַן אויפגערודערטן שוין אָפּטייער היות באַוויזן, זיך צערײַנדרייענדיגע אין איך ערטער נישט אײנשטייענדיגע, אין צערודערטע אין מיט אומרוהיגקייט מיט גרויסן. און די ווינט-וואנט האָט געפינסטערט ווינטלדיג, געבלאָזן אין געפרייבט-געשטורעמט, אין אלע מאָל מיט אן אַנדער חיה-זין-באַווייזן אויפגעבליצט. האָבן זיך די חיות געכאַפּט אין געריגלט—אַרום זיך אַליין און אײנס אַרום אַנדערן, אַרום רעדער-חיה'שע און מיט מאַכט-טריט טרעטנדיג. האָבן זיך לייבן פאַראויס און פאַרפריהער געוויזן און אײנער אַרום אײנע מיט גבורה און מיט לייבן-ראָד זיך גערעדלט, מיט קערפּער-גרויס אין מיט רוקנס אָנגעצויגן אין עקן אויפגעשטעלט, און מיט קנעפּ און ביסל-האָר אויף קנעפּ דאָרטן; האָבן זיך נעבן זײ אין בײַ די פיס בײַ זייערע טיגערס און לעמפּערטן געפּלאָנטעט, מיט קעץ-קערפּערדיגקײַט, שבאַז-לאַבעדיג, דעם באדן-שמעקנדיג, אין מיט קעפּ און אַרונטער און איינגעקערצוועט געהאַלטן, אין געפּאַרקעט אין געניסט מיט ערדן אין אלע מאָל ווי אַ שלוקערס אין אַ ווילד-פליישיגס אַרויסגעלאָזט; און דאַן, אין נאָך די טיגערס האָבן זיך פלעק-קעץ באַוויזן, גרויסע אין שווער-גופיגע, בײַדר'ערדיגע אין שפּרינגע, אין מיט פלאַב-אייגן אַרויסגעפּלאַמט, מיט מאַכט און מיט זייער מעכטיגקייט און מיט ברען מיט זייערן פין באַשטענדיג ברענענדיגקײַט; אין די פלעק-קעץ האָבן זיך אין חיה-פּלאָנטער געפּלאָנטעט. אַלע מאָל ווי זיך פּצרטשעפּעט און אין עפּעס זיך אָנגעשלאָגן, געשטרויכלט געוואָרן אין צוריק זיך אויפגעשטעלט, און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערע זיך פון טרעטן פאַרהאַלטן, דעם קאָפּ אַרויף און ווי צום הימל פאַרריסן, אין אויסגעשריגן אין גאָר דער וועלט אַרײַן, איך מדבר און איך שטורעם אָנקומענדיגן, אויף שטורעמדיגן אין מיט ווילד-געשריי מיט פלעק-קעצישן; האָבן זיך אַרום די קעץ מדבר-וועלפלאַך און מדבר-הינט זיך געוויזן, דאַרע און בייזע, אויסגעהונגערטע און די ביינער זייערע איבערצוציילן, און מיט פאַרשפּיצטע הונט-פּיסקעס און מיט וואַיען-קללות געוואָיעט; און היענעס אין נבלה-שמעקערס מיט קעפּ אין העלזער איך אַרויף פאַרריכטע, מיט זייערע מיאיסע נעז און מיט זייער איסזעהן העסליכן, האָבן געהײַלט און קיין נבלה נישט געהאַט אין ווי פון דער מדבר און פון אַרומיגן געמאנט.

האָט זיך דאַן פין אַלע מיט א מאָל און פון אַלע אינאיינעם אַ געמיש אין אַ געדיכטעניש געמאַכט, אַ גרויס אין אַן אָנגעלאָפענס, אַן אינאיינעם-זיך-האַלטנדיגס און איינס פון אַנדערן נישט אָפּשטייענדיגס, און אַלע האָבן זיך מיטן איינגעלויף און מיטן געדראַנג גערוקט, מיט שטורעמדיגן און מיט ווינט-וואָגט און אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער מדבר-מיט און צו זיין איר שטייענדיגן הייליגן אונטערגעקומען.

און אַז דער הייליגער האָט שוין דעם שטורעמס אָנקום, זיין קול און זיין גענעהענען פאַרנומען, און אַז דער הייליגער האָט זיך פין אָט דעם פלוצלימדיגן און שוין פאַרכאַפּט געפינען, זיך אויסקערעווען אין אויסדרייען געוואָלט, אין אַן אָרט און אַ שוץ-אָרט ערגיץ אָפּצוזוכן,—אַזוי האָט ער פלוצלים אין ביי די פיס ביי זיינע עפּעס אַן אַנדערן דערפילט, און ביי דער ערד אין ביי זיין באָדן-שטייענדיגן עפּעס אַ לעבעדיגס און ווי אַ באַשעפעניש זיך דאָרט פלאָנטערן: — דאָס איז דער שלאַנג, דער גרויסער אין געפלעקטער, דער וואָרגער אין דער מסכּנער, מיט זיין ליינג און מיט זיין אויסגעבייגלטקייט פאַר אים געלעגן אין מיט זיין פלאַטש-קאָפּ אין מיט זיין פין דער ערד-אויפגעהויבענעם דעם הייליגן פין זיין שטיין, פין זיין פאַרנומענקייט און פין זיין אומגעריכטקייט געטאָרעט...

— דער שלאַנג?! — האָט דער הייליגער, אַראָפּקוקנדיג אין דעם שלאַנג דערזעהענדיג, ווי עטוואָס אָפּגעטרעטן און זיך פאַרוואונדערט: — דער שלאַנג?

— יאָ, הייליגער! איך.

— און וואָס טוסט דו דאָ?

— צו דיר און מיט אַ זאַך געקומען.

— איצט? אין אַזאַ צייט אין פאַר אַזאַ שטורעם?

— טאָקע צוליב דעם און צוליב דעם שטורעם.

— וואָס הייסט עס?

— הער מיך אויס: איך בין אַ געשיקטער.

— פון וועמען?

— פין אָט דעם אַלעם, וואָס סע גייט אַהער, פין אָט דעם גרויזאַמען, וואָס סע רוקט זיך אָן אויף דיר.

— אויף מיר?

— יאָ, אויף דיר, וואָס דו ביסט דער רעכטער עיקר. יאָ, צו דיר, וואָס האָט דאָס גרעסטע שייכות.

— איך פאַרשטיי נישט אין הויב נישט אָן פאַרשטיין.

— ס'איז לאַנג אין אויף דערציילן זעהר, אָבער ווייל ס'איז קיין צייט ניטאָ, און דער שטורעם דערנעהענט זיך, הער מיך אויס און—בקיצור.

— איך הער.

האָט דער שלאַנג, אויף שטורעם זיך אומקוקנדיג, אַהין די אויגן אָנגעשטעלט, האַלב אַהין אין האַלב צום הייליגן, און אַלע מאָל גנקוקט און אַלע מאָל זיך אומגעקוקט, און אַזוי זיך איילנדיג אין אים נישט צו פאַרשפּעטיגן, און אַזוי אויף גיך אין דאָס בקיצור מאַכן וועלנדיג, האָט אָט וואָס דערציילט:

אַ מאָל האָט דורך דער מדבר אַן אַראַבער דורכגעריטן, אַ שטאַרקער און אַ ווילדער, אַ פאַרווינדיגטער אין פין זיין שבט אַן אַרויסגעטריבענער, אין פאַרשאָלטן און וואָס האָט זיין היים און ישוב פאַרלאָזט. האָט ער אין איר לאַנג מיט זיין פערד אין שפּיז געבלאָנדזשעט— איבער מעג און איבער זאַמדן, היין אַ היל און אַהן אַ זיגען, אָן אַ וועג און אָהן שוין כּוח, און אויף דער זון און אויף דער בראָטנדיגער... דאָס פערד איז מיד געוואָרן און קוים מיט

די פיס געפּלאָנטעט, דער רײַטער איז פאַרשמאַכט געװעסן אין דעם קאָפּ אין שפּיז שױן אַראָפּ געדאַלטן. אין די זון האָט געברענט — אין בײַטאָג אַהן רחמנות, און די מדבר געדאָרשט האָט בײַנאַכט אויך פאַר שטערן. און דער רײַטער מיט פערד שױן אַ צײַט אין אָהן װאַסער, אָהן אַ קװאַל און אָהן אַן אױסגאַנג, אָהן הילף און אָהן האָפענונג. אין די צײַט איז געגאַנגען, און די כוחות האָבן זיך אױסגעלאָזט, און די מדבר איז גרױס אָהן אַן עק און אָהן אַ ברעג דאָרט, און קײַן נפש, הײַנט זײ, און גרים אין פאַרשלאָסן. האָבן זײ זיך לסוף אין אַ בײַטאָג אַ מאָל אין אַ מיט אָפּגעשטעלט — דאָס פערד אין דער שטיל אין דער רײַטער אויף פערד דאַן, און בײדע פאַרלאָזטע פון הילף אין פאַר אױסגײן אין בײדע פאַר לעצט אין פאַר מדבר'שער װדוי... איז דער רײַטער פון פערד אַראָפּגעגאַנגען, צו דעם זיך אָנגעשפּאַרט אין דערבײַ געשטאַנען, אַ שעה און צװײ אין אָנגעלענט און געשװיגן, זײַן קאָפּ אױף פערדס רוקן אין מיט לעצטן מיט לעבן, פאַר הבר פון לאַנג, װאָס אײנאײנעם געטײלט האָט זײַן יוגנט מיט אים אין זײַן װאַקסן אין שבת, דערנאָך אויך זײַן אױפֿװאַקס, זײַן פרײד אין זײַן ליבע, אין דאַן אויך זײַן זינד, װאָס פאַר איר איז פאַרטריבן, אַהער אין דער מדבר, אין ביז לעצטע מינוטן... אין דער רײַטער האָט מיט פאַרדאַרכטע ליפּן אין מיט נשמה־לעצטן צום פערד זיך ציגערירט, דאָס אַ קוש געטאָן, און אַזױ און אױפן זאַמד, מיטן פנים אַרױף, פאַר דער מדבר און פאַר גאָט געפאַלן.

אין דערװעהן האָט דאָס גאָט פונם הימל אין פון זײַן טאָג רוהען דעמאָלט. האָט ער באַלד פון דער הײך אין אין דער מדבר אַראָפּגענידערט, צום אָרט, װוּ דער רײַטער איז געלעגן אין זײַן פערד נאָך געשטאַנען, האָט ער אויף זײ געקוקט אַ װײַלע, געשטאַנען און זײ באַטראַכט נאָר אין שטילן אין באַלד און צו דער מדבר אַ געשרײ געטאָן: װאַסער!

אין אַז די מדבר האָט געזאָמט אין זיך אַ װײַלע אָפּגעהאַלטן און דערנאָך זיך געשטעלט און בײ אים אַ פרעג געטאָן: פאַר װאָס, האַר מײַנער? פאַר װאָס איז דײַן רחמנות אױפן מענשן, װי אױף דער מדבר, גרעסער? און פאַר װאָס פון מענשנס זינד פאַרהױלסט דו דײַנע אױגן און פון דײַן אַלטע קללה אױף מיר נישט? — האָט אױף איר גאָט אָנגעשריגן און אַזױ געזאָגט:

— קלער נישט נאָך, און פרעג נישט איבער און טו, װאָס מ'הײסט דיר.

און די מדבר האָט באַלד בײַם געלעגער און צוקאָפּנס פון מענשן אַ קװאַל אַרױסגעצױגן, האָט דאָרט פון דער טיף אין תיכף אַ װאַסער אין אַרױסזעצן געגעבן. האָט דער מענש דאָס דערפילט, האָט ער באַלד דעם קאָפּ און צום קװעלנדיקן אױסגעדרײט און זיך געקילט, האָט ער פאַרשמאַכט און מיט אױגן פאַרמאַכטע פון דעם װאַסער געטרונקען אין זײ געעפנט, איז ער אױפגעשטאַנען אין צו זײַן פערד צוגעגאַנגען, איז ער צוגעגאַנגען אין דאָס פאַרן צײמל אָנגענומען, און אויך דאָס צום קװאַל צוגעפירט אין אויך דעם פערד טרינקען געגעבן.

אין גאָט האָט זיך צו דער מדבר געקערעװעט און איר אַזױ געזאָגט: „דו דאָסט געהערט און האָסט געפאָלגט, האָסט געטאָן און נישט דערװידערט, איז דערום אַצינד אויך דײַן געבעט געהערט געװאָרן, אין הער: דײַן הילף װעט פון אַ מענשן קומען. אין שפּעטער, אין אַז די צײַט װעט קומען, זאָלסט דו זעהן אין זיך נאָכפרעגן בײַ די חיות און בײַ די עופות, אױף אײנעם אין אַזױנעם, אױף אַ ליבן און אַ הײליגן, אױף מײַן ליבן און מײַן הײליגן — ער װעט צו דיר קומען און בײַ דיר אין אַ הײל װאױנען."

אין די מדבר האָט דאָס אױסגעהערט, אין די מדבר האָט דאָס פאַרדײנקט, זײַט דאַנק אין פון האָפענונג דערפרײט, גאָט אין הימל אין מיט די אױגן דאַן באַלײט, רוהיג אין אױף

צייטן-לאַנג ווייטער איר גורל און איר באַשערטן אויף זיך גענומען, און מיט געדולד און מיט שווייַגנדיגקייט אויף איר הילף און זיך אויסוואַרטן רוהיג.

און זי האָט זיך נאָכגעפרעגט: לאַנג און צייטן-לאַנג איז נישט איפגעהערט, האָט מען איר נישט איין מאָל אויף אַ מדבר-מענשן אָנגעוויזן און אים הייליגן אָנגערופן, איז זי צו אים געקומען און גאָרנישט נישט געפועלט, יאָרן און לאַנגע יאָרן און אויפן רעכטן געוואַרט. און אַצינד, און אַז זי האָט זיך אייסדערוואַרט, האָט זי מיט זיך אַלע חיות און שליינג און עקדישן מיטגענומען, אויף צו דיר צו גיין און צו דיר קומען, און פאַר דיר און פאַר דיינע פיס פאַלן, און צו דיר אַזוי זאָגן:

— אַצינד, אָדער קיין מאָל נית! און איצט מוז איר הילף דאָ זיין! — און העלפסט דו איר נישט, און ווערסט דו זי אַצינד פון איר צער נישט אויסלייזן, אַזוי ווערט זי איר שבועה ברעכן, אַזוי ווערט זי מיט היי־ און זאמדן אויף וועלט און אויף ישוב קומען, מיט חירבה און מיט חרוב-מאַכן, איף אַלע אָרדענינגען און אויף אַלץ אומצוברייגען, און צוריק און צום אירגאַלט, און צוריק און צום תוהו-ובוהו זיי אומקערן — און אַט גייט זי!

און אַז דער הייליגער האָט פון זיינע פיס און פון שלאַנגס דערציילן דעם קאָפ אויף מדבר און אויף פאַר אים אָנקומענדיגן אייפגעהויבן און אַהין און וואו דער שלאַנג האָט אים אָנגעוויזן אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט ער דערזעהן:

איילנדיג און וויכער-כמאַרעדיג האָט אויפן כדבר-הימל אַ שטורעם און אַ צעשטריי-טער, אַן אַנלויפנדיגער און אַ גיך-גייענדיגער זיך געטראָגן, מיט איילעניש און מיט אימפעט, מיט יאָגעניש, און ווי פאַר עפעס פאַרשפעטיגן מורא דאַבנדיג, און מיט שטיקער שטורעם און אָפגעריסן, אפגעטיילט און פאַר פריהער-פאַרלאָזענע; און ערד פון אונטן איז דעם הימל-גיכקייט נאָכגעגאַן און אויך מיט שטרעמדיגקייט און מיט עטוביגקייט אים נאָכגע-לאָפן, און אויף גיך און אים נישט צו פאַרזאַמען, איילנדיג און פון דעם איבגרעטן נישט אָפציטטיין און אינאיינעם אין זיך אייכטיגלייכן און דאָס הימלדיגע נישט אַליין און נישט פאַר פריהער לאָזן. זיינען זיי ביידע אויף מדבר און אויף מיט אַרויס, מיט שנעלקייט און מיט גיכקייט, מיט אימפעט און מיט מוראדיגקייט זיך טראָגנדיג, און מיט חיות און אויך זיי זיך איילנדיגע, מיט צעטראָגענע און צעטומלטע, אויפגערודערטע און איינס אַרום אַנדערע אַרומלויפנדיגע, און מיט קולות שוין איצט דעם הימל שפּאַלטנדיגע, און איינס דאָס אַנדערע מיט ווילד-געשרייען זיך איבערשרייענדיגע: און לייבן-דינערן האָבן די מדבר און דאָס שטורעם-געיעג געשטערעט, און לייבן-מאַכט-מעכטיגקייט האָבן זיך פון זייערע קראַפט-גופים און קולות-רוקנס געריסן; און לעמפּערטן און טיגערס האָבן די לייבן איבער-געשריגן, און אַלע מאָל פון די טיף-בייכער מיט ערד-טרייסלנדיגע און מיט לופט-דערשי-טערנדיגע זיפץ-שלוקערצן אַרויסגעשלוקערצט; און פלעק-קעץ האָבן די מיילער און ביז די אַנגלען-שלעסער איפגעריסן און מיט רייסנדיגע העלזער און ביז די לונגען אַרויס אַרויס-געוואָרצט; גבלה-שמעקערס האָבן די קעפ און אַרויף און צו די הימלען איבן אַרויפגעהויבן, און אין זיי קיקנדיג, און אין זיי דעם שטורעם זעהענדיג און פאַר זיך מורא האָבנדיג, האָבן קולות און אויף זייער אופן אויף זיי אייפגעהויבן; מדבר-הינט און מדבר-וועלף האָבן זיך אַלעמען און פאַר די פיס דאָרט געפלאָנטעט, און הונגעריגע און מיט צער געוואָיעט; און שליינג און עקדישן האָבן זיך אין דער לופט צעכווישטשעט, מיט קערפּער-בייגען זייערע און מיט גיפטן פון די העכט-מיילער אַרויסגעשטעקט. זיינען זיי אַזוי אַלע טרייבנ-דיגע און אינאיינעם מיט שטורעם זיך טראָגנדיגע, דול און מטורף, מבולבל און צעמישט איינס אַרום אַנדערן אַרומגעלאָפן, אַ ראָד געמאַכט און אַ פאַרדרייטע, אַ גריס-געדיכטע און אַ היה'שע, אַ ביין-רוקנדיגע און איינס אָן אַנדערן זיך-רייבנדיגע, און נים עקן דאָן

טיף און צוויען די פיס פאַרשטעקטע, און מיט קאָפּ אין קערפּער אין ווילדקייט און אין אויסגעקרימטקייט געהאַלטן, און מיט ציין און אויגן אין שטורעם און אין פינסטערניש געשטורעמט. האָבן זיי זיך אַזוי אין דער ראָד אין דער דרייענדיגער געטראָגן, געדרייט אין אַלע אַרום אַלע און אַלע אינאייגעם און מיט ראָד זיך געריקט און אַזוי און זיך רוקנדיג, און אַזוי און מיט דער גאַנצער מאַסע זייערער—מיט קומען און מיט קילות, מיט קערפּער און געדיכטעניש מיט גרויסן—צום הייליגן אין צו דער מדבר, צו זיין שטיי-אָרט און צו פאַר זיין פנים געקומען...

— וואָס וויל די מדבר?—האָט דער הייליגער אין שטויב און אין שטורעם, אין פינסטערניש אַריין און אין חיה-געדיכטעניש אויסגעשריגן.

— אויס מדבר ווערן! — האָט ער אַ קול אַן ענטפער דערהערט.

דאָס האָט דער שלאַנג זיך ווייטער פאַר דעם הייליגנס פיס און באַשטאַנד זיך באַוויזן, דעם קאָפּ און אַ האַלבן קערפּער אין דער לופט און אַנטקעגן דעם הייליגנס פנים אויפגעשטעלט, און אַזוי און מיט גיפט אין דרויסן פאַר אַלע און פון פאַר דעם הייליגן-אָנקומענדיגע, פאַר אים שטייענדיגע און פאַר אים שטורעמדיגע ארויסגעענטפערט: — אויס מדבר ווערן!

און דער שלאַנג האָט אויפן הייליגן געקוקט און אויף זיין וואָרט און ענטפער געוואַרט:

— הייליגער, מיר וואַרטן.

און דאָ האָט דער שלאַנג מיטן עק אין דער ערד אַ קלאַפּ געטאָן, און באַלד האָט זיך פאַרן הייליגן אויף אַ שטח אַ טייכלדיגן אַ וואַסערל און אַ לויטערס, אַ קלאָרס און אַ זיך-שפּיגלענדיגס באַוויזן, אַ זיך קנייטשנדיגס און אַ בנעימות'דיגס, צווישן די ברעגעס ליגנדיגס און אין דער ווייט אַוועקגייענדיגס. האָט זיך דער שלאַנג דאַן אין נאָכן טייכעלע אַרויסגערופן און נאָך מער זיך פאַרן הייליגן אויפגעשטעלט, און מיט הכנעה און מיט חניפה אים אין די אויגן אַריינגעקוקט, און אַזוי און אין אים אַריינקוקנדיג, און אַזוי אויף אים די אויגן אָנגעשטעלט-האַלטנדיג, אים אָט-וואָס געזאָגט

— הייליגער, איין וואָרט, און פון דעם וואַסערל וועט אַ טייך, און פון די ברעגעלאַך וועלן ברעגעס ווערן, און מיט גראָזן און מיט גרינס, און מיט געוויקסן און מיט בוימלאַך פאַרשיידענע, און מיט ישוב און מיט אַלעם ישובדיגן, און די מדבר איז אויסגעלייזט:

— איין וואָרט!

האָט דער הייליגער איין מינוט דעם שלאַנג אין פנים און אין די אויגן געקוקט, נאָך זיין אָפּזאָגן און נאָך זיין תחנונים-קוק אין בעטן, האָט ער געזאַמט און חי אַ ישוב וויינינגן געהאַט, געשוויגן און גאָרנישט נישט אָפּגעענטפערט. נאָר באַלד אין אַז די מינוט איז אַריבער, האָט דער הייליגער תיכף זיינע אויגן אין שלאַנגס אויגן אַריינגעטאָן, און מיט אַ קול מיט אַ מעכטיגן, מיט אַ שטים און אויף דער גאַנצער שטורעם-מדבר קלינגענדיגער און מיט אַ וואָרנדיגער און אַ דראָהענדיגער האָט אָט אַזוי אַ געשריי געטאָן:

— שלאַנג!

— וואָס שלאַנג? — האָט דער שלאַנג זיך נאָך העכער אַ הויב געטאָן און בײַם הייליגן אַ פרעג געגעבן.

— ס'איז ליגן!

— ווער און וואָס?

— דו און די גאַנצע מעשה דיינע.

— און ווער וועט דאָס באַווייזן?

— די מדבר! — און דאָ האָט דער הייליגער זיין פנים אין אויגן פון שלאַנגס פנים און שלאַנגס איגן צוגענומען, אויף שטורעם און אויף מדבר, אויף היה-אָנקום אין אויף פאַר אים שטייענדיגן, געווענדט, אין מיט זעלבן קול און מיט מער נאָר כח, מיט זעלבער שׂכים אין מיט מער נאָך שאַפֿנדיגער, האָט צו דער מדבר זיך געקערעוועט און צו איר וואַנט און שטורעם-גרויזאַמקייט אַזוי גערופן:

— דעם אמת, מדבר!

שטיל און שווייגעניש...

— דער אמת איז ביי גאָט אין ביי זיין הייליגן אין דער **מדבר**, — האָט זיך דערנאָך פֿין אינעווייניג אין פון געדיכטענ ש אַ קול דערהערט.

און אָפּגעקערעוועט אין באַלד זיך אויסגעדרייט האָבן די היות מיט די רוקנס זייערע אויף צוריק און פון וואַנען זיי זיינען געקומען דעמאָלט, שטילע אין אינטערגעגעבענע, אַנטשוויגן-געוואָרענע אין נישט-דערווידערנדיגע, זיינען זיי אַלע מיט אַ מאָל און יעדערער באַזונדער זיין וועג זיך אַוועקגעגאַן, אין אָהנמעכטיג און ווי אָפּגעשמיסן, אָפּגעלאָזן אין פאַרשעמטע און ווי די קולות אין די מאַכט פאַרלוירן, האָבן זיי זיך פונם שטורעם אין פון שטויבאייפגעהויבענעם אַריסגעריקט, אַרויסגעגאַן אין צוריק זיך נישט אומגעקוקט. אויך די שטויבן און די אָנגעלאָפענע זיינען שטיל אין שווייגנדיג געבליבן אין שוין געשטילטע אין באַרוהטע אויסגעזעהן. אַליין נאָר דער שלאַנג, און אויף דער העלפט פֿין דער ערד נאָך אויפגעשטעלטער, איז אויף זיין אָרט, אין ווי פריהער אויפגעשטעלט-געווען געשטאַנען, געשטאַנען, אָבער זיך שוין שוואַך געהאַלטן, אָהנמעכטיג און אָפּהענטיג און ווי זיך נישט אַראָפּלאָזן געקאָנט. און אַז דער הייליגער האָט זיך דאַן צו זיין פוסט-געוואָרענעם אין צו זיין פאַרלוירן-שטייענדיגקייט געקערעוועט און אויף אים מיט זיינעם אַ מוסר-קוק אַ קוק געטאָן, — איינגעשרומפּן און ווי קלענער געוואָרן, זיך איינהויקערנדיג און ווי נישט בלייבן-ווילנדיג, האָט זיך דער שלאַנג דאַן אויף צוריק און פֿון אונטערן הייליגנס קוק אַרויסגערוקט, צום טייכעלע, פֿין אים אַליין געשאַפענעם אין איצט שוין אויסגעטריקנטן זיך צוגערוקט, זיך צוגערוקט און צום נשמה'ל פאַרבליבענעם, צום איינגייענדיגן און אַלע מאָל קלענער-ווערנדיגן. אין אַז דאָס טייכעלע איז אין גאַנצן נישט געבליבן, אין אַז פונם היפן אין וואַסערדיגן איז נאָר ווי אַ שפּעלטעלע און אַ קליינס געוואָרן, אַזוי האָט זיך דער שלאַנג דאַן און גראָד נעבן דעם איבערגעבליבענעם געגראָבן, האָט ער זיך איבער דעם איבערגעבייגן אין אַהין דעם קאָפּ אַריינגעטאָן אין מיט אים אַהין אַ ריין, אין דאַן, אין שוין דאָרט מיטן קאָפּ שטעקנדיג, און דאַן, און אַ ווײַלע דאָרט אַזוי זיך זאַמענדיג, איז דערנאָך אַהין אויך מיטן קערפער אַריינגעקומען, אַריינגעקומען אין שוין נישט אויף אַרויסצוגיין, אַראָפּ און שוין דאָרט אויף פאַרשוואונדן ווערן אין גאַנצן.

ג.

אין צום דריטן מאָל, אין ווידער אין אַן אָוונט, איז מיטן הייליגן אָט-וואָס פאָרגעקומען:

אין געווען איז דאָס אַזוי: — ווי דער הייליגער איז דאַן אויף זיין אָרט פון זיינע נאַכט-געבעטן אין דער מדבר-מיט אין אַליין אין אונטער שטערן-הויך געשטאַנען, און ווי ער האָט שוין לאַנג זיין צייט אין אונטערן הייכקייט דאָרט אָפּגעפּאַרבראַכט, און קאָפּ און איגן פֿין דאָרט שוין צוגענומען, אויף דער מדבר און אויף פאַר-אים-ליגנדיגער זיך אַרומצוזעהן, אויף זי צו באַטראַכטן אין פאַרן פאַר-שלאָפן אָפּגיין, אויף איר אַ קוק צו טון אין פאַרן איינהייל זיך אומצוקערן, — אַזוי האָט ער דערזעהן, ווי ווייט אין פון הינטער אַ האָריזאָנט אַרויס, ביים סאַמע עק, אין וואו ערד און הימל צונויפגייען זיך, האָט זיך דער הימל און פון זיין

פֿאַרמאַכטקייט געעפֿנט, און פֿאַרמעלאַך אין מיט אַן עפּעניש, מיט אַזוינעם אין וואָס אין הימלען נאָר מאַכט זיך, אין מיט אַן אָרט, און וואַדליג עמיצער זאָל פֿון דאָרט אַרויסגיין קאָנען, אָבער מיט אַ שמאָלן און פֿון־אַ־זיך־געקומענעם, מיט אַ לאַך־פֿאַרמײַן און נישט פֿון קיין פֿאַרנעם קיין גרויסן; האָט זיך עס אויפגעעפֿנט, איז דאָס פֿריהער פֿרײַ אין נישט פֿאַרנומען געווען, אינעווייניג אין געפֿינסטערט און נאָר בײַ די ברעגעס אין בײַ די זוימען אַרום איז מיט עפּעס אַ שײַן און אַ שוואַכליכער, מיט אַ קאַלט־שטערנדיגער און מיט אַ ווייכליכער אַרומגעזוימט געווען; איז דאָס אָרט דאָרט אַ ווײַלע אין צווײַ ווי איבערגעלאָזט און ליידיג געשטאַנען, און קיינער האָט זיך אין דעם נישט מיט קיין קאָפּ אין נישט מיט קײַן קערפּער באַוויזן, אַליין נאָר די שײַן, וואָס בײַ די זוימען־ברעגעס, האָט זיך געשנאַרקט און אַלע מאָל אַלץ ליכטיגער און העלער געוואָרן, אין פֿריהער דאָס אויסווייניגסטע און דאָס ברעגעדיגקייט מיט ליכטיגקייט באַלויכטנדיג, האָט אייך דערנאָך אין אינעווייניגסטן און אין טיפֿקייט מיט שײַן אַרײַנגעצײַנט.

האָט זיך אין דער מיט דאַן אין אין באַשײַנט פֿריהער אַ קאָפּ, דערנאָך אַ האַלבער גוף, און לסוף די קערפּער אין אַ גאַנצער, זיך באַוויזן, און אַרויסגעקומען מיט אַ שטילקומען, מיט אַ ווײַס, און אַ הימלריגן, מיט אַ דאָרטיגן אין ווי פֿון אַן אַנדער וועלט אַ ווײַטער. האָט דער קאָפּ דאָרט זיך אָנגעשטעלט אין שטיין געבליבן, און פֿון האָריזאָנט און פֿון הימל־פֿענסטערל איינגעצפּנטן אויף מדבר און אויף איר ווײַטקייט אַרויסגעקוקט, אויף דער ליידיגער און מיט גאָר־נישט־פֿאַרנומענער, אויף דער אויפגעראַמטער אין וואָס קיינער האָט זיך אין איר נישט געפֿונען דערמאָלט, נישט אין איר אַרום און נישט אין איר ערגיץ־קיילאַכיגקייט, נישט אויף אירע האָריזאָנטן, און וואו קיין פּינטעלע הויט געפֿינט. האָט דער קאָפּ דאַן אַזוי די מדבר און איר פּוסטקייט אויסגעזוען, האָט ער אָבער פּלוצלים דעם הייליגן און אויך זײַן אָרט שפּײַן דערזעהן: אויף זײַן שטילן און מיטנדיגן, אויף זײַן אָפּגעזונדערטן און זײַן עלטן אין דער מדבר, ווי ער שטייט אַזוי און צום קאָפּ און צו זײַן האָריזאָנט געקוועוועס, און ווי ער שווײַגט אַזוי און שטיל אויף קאָפּ און די אויגן אָנגעשטעלט האַלטנדיג. האָט דער הייליגער אַזוי אויפֿן קאָפּ געקוקט און באַטראַכט אים פֿון ווײַטן, און אויך דער קאָפּ אויף הייליגן האָט צוריק געקוקט און פֿון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. האָבן זיי זיך אַזוי באַטראַכט: ביידע שטילע, ביידע גלײַכע, ביידע זיך־זעהנדיגע און גײַנס צום אַנדערן מיט קיין טריט זיך נישט דערנעהענדיגע. האָבן זיי זיך אַזוי אײַנגעוואָרט, האָט לסוף און נאָכן אָנקוקן־זיך לאַנגען, דער קאָפּ פֿון הימל־פֿענסטערל זײַן קוק און זײַנע אויגן פֿאַרן הייליגנס קוקן אין הייליגנס אויגן אַראָפּגעלאָזט. און דאַן, און נאָכן אויגן־אַראָפּלאָזן שטילן, און דאַן, און נאָך אַ ווײַלע אַזוי זיך־אויפֿהאַלטן אַראָפּקוקנדיגן, האָט דער קאָפּ לסוף אַ פּוס און פֿריהער איינעם פֿונם אָרט און פֿון אין־הימל־אײַנגעעפֿנטן אַרויסגעשטעלט, און נאָכן ערשטן פּוס אַ צווייטן, און נאָכן צווייטן מיטן דריטן און אויך מיטן פֿערטן אַרויסגעקומען, און שטיל און אַזוי אַרויסגייענדיג דאָס אָרט און פֿון וואַנען ער איז אָנגעקומען פֿאַרלאָזט, אין מיט קערפּער און מיט גאַנצן זײַנעם שוין אויף הימל און אויף פֿרײַען זיך באַוויזן.

דאָס איז דער שטערן־בער, דער הימלשער און דער שווײַגנדיגער, דער הימל־שומר און דער נאַכט־דאָרט־היטער געווען. האָט ער זיך מיט זײַן אָנקומען פֿאַר דער מדבר באַוויזן און מיט זײַן היטער־באַזוך אין הימל־עק אין יענעם, אין ווי זײַן שטייגער אין הימל אויבן, האָט אויך אין דער מדבר דאַן זײַן שטראַל־שטערנדל אין קאָפּ און אויף מויל אים זײַן מויל־שלאָס געטראָגן אין, אויך ווי דאָרטן, האָט אויך דאָ נאָר אַרום זיך און אַרום זײַן נאָהענטקייט געדרייט זיך, און מיט זײַן קאָפּ און מיט זײַן מויל־שלאָס און אויף

באַדן ווי געבענטשטערס. האָט ער זיך אַזוי אַרום דעם אָרט, אין פֿון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַן, אַרומגעקוקט, אַרומגעזעהן און זיך אַרומגעזעהן, ווי אויסגעזעהן און וואָס געדאַרפֿט דאָרט נויטיג, און דערווייל נאָך איבער האָריזאָנט און נאָך אונטן זיך געהאַלטן, און פֿון מדבר-הימל און פֿון זיין הויכקייט נאָך נישט געדיינקט און נישט געטראַכט אַפילו.

האָט זיך דאָס אָרט, און פֿון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען, דערווייל זיך לעשן און צומאַכן גענומען: פֿריהער די שיין און וואָס פֿון אינעווייניג איז אויסגעגאַן, דערנאָך אויך דאָס ליכטיגקייט, וואָס האָט דאָס איפּגעעפֿנטקייט און דאָס ברייטיגקייט באַלויכטן. האָט דאָס אָרט פּאמעלאַך-פּאַמעלאַך אַלץ איינגעשרומפּענער און פֿינסטערער גענומען ווערן, און געגאַנגען און איינגעגאַנגען און געצאַנקען און געלאָשן זיך אויסגייענדיג. האָט זיך עס לסוף אין גאַנצן אויסגעלאָשן, האָט זיך עס דערנאָך אויך אין גאַנצן פֿאַרמאַכט, איז דאָס אָרט שוין פֿון אָרום און פֿון גאַנצן איבעריגן הימל-עק דאָרטיגן מיט גאָרנישט און נישט דערקאָנט געוואָרן, נישט מיט קיין שיין און נישט מיט קיין פֿון-פֿריהער-פֿאַרבליבענער, און נאָר ווי דער גאַנצער האָריזאָנט און ווי דאָס גאַנצע האָריזאָנטישע געזינסטערט. אַליין נאָר דער שטערן-בער איז, ווי נאָך זיין אַרויסגיין, אויך נאָכן אָרט-פֿאַרמאַכן-זיך פֿאַרבליבן, און שטיל אין אַזוי פֿאַרבלייבנדיג האָט ווי עפּעס ביי איינעם אַ שטערן זיך פֿאַרהאַלטן, און אַזוי און זיך פֿאַרהאַלטנדיג, איז אויף יענעם אָרט דאָרט שטיין געבליבן.

אַזוי אַ מינוט און אַזוי צוויי, אין געשטאַנען און נישט גערירט זיך און פֿאַרטראַכט און דעם קאָפּ אַראָפּ און צום באָדן דאָרט אַראָפּגעלאָזט, האָט ער אים אַראָפּגעהאַלטן און ווי באַדיינקט זיך עפּעס בעריש, און געוואַרט און אויסגעוואַרט, אין ביז ער וועט פֿון באַדיינקען-זיך זיינעם צו עפּעס אַ דערמאָנונג קומען. איז אים לסוף דאַן ווי אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריינגעקומען, האָט ער זיך ווי אַן עפּעס דערמאָנט, האָט ער דעם קאָפּ פֿון צום באָדן-אַראָפּגעלאָזטקייט און פֿון צום-שטערן-קוקן אויפֿגעהויבן און צו מדבר און איר מיט, און צום אָרט, וואו דער הייליגער איז געשטאַנען, אַ קוק געטאָן. האָט ער דעם הייליגן, ווי פֿריהער, און אויף זיין אָרט נאָך געטראָפֿן, אויף זיין שטילן און אויף זיין אויסוואַרטנדיגן, אויף זיין אַלייניגן און אין זיין מיט אין דער מדבר, האָט ער אים ווייטער באַטראַכט, באַטראַכט און שטיל געוואַרט און נאָך אַ ווײַלע אין מיט זיין קוק אויף אים זיך אויפֿן געהאַלטן. און דאַן, און נאָכן אַפּקוקן נאָך שטילן, האָט די פּיס און פֿון זיין אָרט דאָרט אָפּגעטיילט, האָט ער דעם הימל-עק און דעם האָריזאָנט פֿאַרלאָזט און ווי מיט דער דעה צו זיין הייך, צו זיין מיט און וואָס איבערן קאָפּ פֿון הייליגן אויפֿצוגיין.

און דער שטערן-בער איז אויפֿגעגאַנגען: —

שטיל פֿון האָריזאָנט, פֿון אַראָפּליגנדיגן און פֿון פֿאַררוקטקייט פֿון דאָרטיגן איף הימל אין אויף העכערן, איף אויפֿגייענדיגן און אויף אויסגעשטערנטקייט שוין פֿון אויבן, איז ער עוין איף דער שטערן-שטעזשקע, דער נישט גלייך ליגנדיגער, דער מיט פֿלעקן-ליכט באַפֿלעקטער און מיט שטערן-שטויב באַשפּריינקלטער און באַשאָטענער דאַן געקומען, געקומען און דורך דער סטעזשקע אין הימל אַרויפֿגעגאַנגען אין אַרויף און אין דער הייך געשפּאַנט, און מיט צייט אין מיט הימל-רוהיגקייט מיט זיינעם, מיט שפּאַנענדיגקייט און מיט בער-געדולד מיט גרויסן אין אויך מיט דרייען-זיך און אַלע מאָל דעם קאָפּ אויף אַן אַנדער זייט קערעווענדיג, ווי זוכנדיג און אויסזעהענדיג און איף אַלץ, וואָס איף וועג אין פֿאַר אים דאָרט ליגנדיגן אַכטונג געבנדיג. איז ער איפּגעגאַנגען, איז ער לסוף אין נאָכן איפּגיין פּאַמעלאַכדיגן אין הימל און צו זיין העכסטער הייך געקומען, און דעם הייליגן אויפֿן קאָפּ פּונקט, אויף זיין אונטן-שטיין און אויף זיין מדבר׳שן געשטעלט זיך. האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אין שטיין געבליבן, און נישט גערירט זיך מער און זיך

פאַרהאַלטן דאָרטן, און נישט געגאַן שוין מער אין מער שוין גיין ווי נישט גערעכנט,— אין שטיל און אַזוי זיך פאַרהאַלטנדיג, אין נאָך שטילער און פון דאָרט שוין נישט אפּגיי-ענדיג, איז אויף לאַנג אין אויף אַ צייט אַ לאַנגער ווי איך עפּעס דאָרט טון און איך עפּעס דאָרט אויספירן פאַרבליבן ...

שטיל און אייניגע מינוטן ... און דערוועהן האָט דאַן דער הייליגער אויפן אָרט, אין וואו דער בער האָט זיינע פעדער-פיס פאַרהאַלטן, ווי שטיל אין אין הימל-באָדן האָט זיך אַ שפּעלטיקל אַ קליינס אין הייכקייט און אין הימלשן אויפגעעפנט, אַ פּיצעלע אין אַ מינדסט, און וועדליג אַ שטראַל, און וועדליג נאָר אַ שוואַכער זאָל פון דאָרט אַרייַנ-שטראַלן קאָנען. האָט זיך טאַקע באַלד אין דורך דעם הימל-טינקלקייט דאָרטיגן אַ שיין זיך דורכגעשלאָגן—אַ שוואַכע שיין און אַ קייכ-אָנגעזעהענע, אַ בלאַסע און ווי אין שווערקייט און אין מאַטקייט געבוירענע. איז זי אַזוי פאַמעלאַך און דורך דעם שפּעלטקל דאָרט דורך, און איף הימל אין פאַר מדבר זיך באַוויזן, און מיט ווייטקייט אין פון הויך-געקומענע, מיט אַנגעצערטקייט אין קויב-זיך-דורכגעשלאָגענעם פון הייכן, האָט זי זיך אָבער באַלד און געשטאַרקט אין שפּעלטיקל און דאָס פאַרברייטערט און דאָס צוגעמען באַלויכטנדיג, אין אַזוי, און דאָס פאַרברייטערנדיג, האָט פאַר דער מדבר, פאַר דער ווייט-און-אונטן-ליגנדיגער שוין ווי מיט אַ מויל און מיט אַ קוואַלעכל, מיט אַ ליכטיגן און מיט אַ לויכטנדיגן זיך אויפגעעפנט . . .

זיך אויפגעעפנט, האָבן טאַקע באַלד אין פון קוואַלעכל שיין-טראָפּעלאַך און ליכט-קאַפּעלאַך קאַפּען גענומען, פריהער קלייניקע און ווייניגע, אייניציגע אין ווי וואַסער-טראָ-פּעלאַך פאַמעלאַכנדיגע, און געפאַלן אין אַראָפּגעפאַלן; זיינען זיי געפאַלן אין אַראָפּ צו מדבר אין באַלד אויף וועג אין באַלד איף דער מיט זיך אַ יסגעלאָשן, אַראָפּגענידערט און געגאַנגען און ביז אַראָפּ און מיט שיין זייערער נישט דערגאַנגען; האָבן זיי זיך אָבער אַזוי גייענדיג און געשטאַרקט אַלץ מער, און אונטערגעקומען אין געמערט זיך, אין שוין גיכער און ליכטיגער זיך געגאָסן, אין דעמאָלט און אין גאַנג אין זייערן, טראָפּעדלאַך מיט טראָפּעלאַך און אינאיינעם זיך צונויפגעגאָסן; האָבן זיי אויף מדבר און איף איר מיט-דער-גרייס מיט אַ שיין-געלויף און מיט אַ פדייך-ליכט אַראָפּגעפּלייצט, מיט אַ מיינגעדיגקייט אין מיט אַ שטראַלנדיגקייט אזיינעם, ווי בשעת אַ רעגן אין ווען ס'איז אַ זון מיט אַ רעגן. האָט זיך אין הימל-קוואַלעכל אין הויך-הייך דאַן פריהער עפּעס אַ באַשעפעניש אין אַ קליינס זיך באַוויזן, פון ליכט-קוואַלעכל אַרויס אין אין ליכט-שטראָם אַרייַן, און זיך דאָרט געטראָגן און זיך געבאַרבלט עפּעס לעבעדיג, אין פריהער נאָר שוואַך און קוים פון אינגן אָנגעזעהן, האָט אַלע מאָל נאָר פון אונטערן הימל און אין הויכקייט זיך באַוויזן, און באַלד אין נאָכן באַווייַזן-זיך דאָרטיגן צוריק זיך אויסגעלאָשן און נישט געבליבן פלוצלים, אין אַזוי איין מאָל, און אַזוי עטליכע מאָל, האָט נאָר איפגעליכטיגט און איפגעשטראַלט, און באַלד ווי-דער נישט געבליבן, און באַלד ווידער פון אויג פאַרשוואונדן . : .

איז דאָס באַשעפעניש אָבער לסוף און שוין איינגאַנצן, שטראַלנדיג אין העל-שטראַלנ-דיג, אַרויס, און שעמערירנדיג אין גאָלער ליכטיגקייט, און מיט קעפּעלע אַראָפּ און מיט פיסעלאַך אַרויף און אויף אונטן און אויף אַראָפּ-זיך-לאָזן אָנגעגרייט, אין פליגעלאַך האָבן ביי דעם אויף די פּלייצעלאַך געפּאַכעט אין דערווייל דאָס געהאַלטן אין אויפגעהאַלטן פון אויבן. האָט עס אַ ווייַלע און צוויי אַזוי און אונטער הימל אין אין איבערגעקערטקייט זיך נאָך געהאַלטן, האָט זיך עס דערנאָך אויך אַראָפּגעלאָזט: פריהער פון דער הייך און איף דער לופט-מיט געקומען, דערנאָך איך פון דער מיט אין נידעריגער אין אויף אונטן זיך געלאָזט, אין געפלויגן און אַלץ אַראָפּ צו, און וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער און צו דער

ערד זיך דערנעהענט, — אין אזוי און אין ליכט זיך דערנעהערנדיג, איז לסוף איף מדבר און אויף גרד, איף באָדן און אויף זאמד געקומען, און פאר הייליגן, פאר זײַן שטיין, מיט שײַן און מיט העל, מיט ליכט און מיט לויכטנדיגקייט געבליבן.

דאָס איז א ליכט-מלאכל און א שטראלנדיגס, א קליינס אין ווי א קינד-די-גרייס, פין היילער שײַן און פון הוילן שטראלנדיגקייט געווען, אין מיט א שמייכעלע אויף די ליפעלאך אין מיט א געלעכטערל אין די אייגעלאך, אין די הימלש-קינדערשע; איז דאָס אזוי, און פון דער הייך ארונטערקומענדיג, פארן הייליגן אין פאר זײַן באשטאנד געבליבן, און שטיל און פונקט אים פאר די אויגן אנטקעגן, און שמייכלענדיג און אויף אים די אייגעלאך אָנגעשטעלט, און אזוי, אין זיי אויף אים אנגעשטעלט האלטנדיג, און אזוי, אין מיט זיי אויף אים און אין זײַנע קוקנדיג, האָט די גאנצע צײַט אין איין שמייכלען און אין איין ליכט-לעכעלען געהאלטן.

— וואָס לאכסט דו, ליכט-מלאכל? — האָט דער הייליגער צום פאר אים שטייענדיגן ליכט-מלאכל זיך געקערעוועט און געפרעגט.

— פון זיך און פון דיר און פון הנאה פין גרויסער, — האָט דאָס מלאכל גע-ענטפערט.

— פון וואָס אזוינס?

— פון דעם, וואָס איך האָב, וואוהין געדארפט, געטראָפן, און פון דעם, וואָס בײַ אונז וועט מען צופרידן און פרײליך זיין.

— וואו „בײַ אונז”?

— אויפן טײַך די-נור, אויפן טײַך פון פײַער.

— ווער איז דאָרט און וואָס טוט זיך דאָרט?

— הער מיר אויס, און ביז איך וועל פון פליהען אָפרוהען. — און דאָ האָט זיך דאָס ליכט-מלאכל פון הויכקייט און פון אראָפנידערן, פון הימלדיגן און פון אָנקומען אָפּאָטעמען גענומען, איז דאָס באַלד פונם אָרט, וואו ס'האָט זיך בײַם אראָפפליהען און צופעליג גע-כראָפן אָפגעגאַן, אָפגעגאַן ווי אַ בעסער אָרט און אַ באַקוועמערס זיך אָפגעזוכט, און ווי פעסטערער און פרײַערער זיך דאָרט אוועקגעשטעלט. איז דאָס דאָרט שטיין געבליבן, האָט דאָס פריהער דאָס געלעכטערל און דאָס שמייכעלע פון די אייגעלאַך און פון די ליפעלאַך איבערגיין געלאָזט, דערנאָך די פליגעלאך און נאָך אויף די פלייצעלאַך פאָכענדיגע — אָפ-רוהען און אײַנשטעלן זיך פין פאָכען. האָבן זיי זיך אײַנגעשטעלט, איז דאָס מלאכל דאַן ווי שוין ערנסטער און געזעצטער געוואָרן, האָט עס דאַן די אייגעלאך און שוין אין ערנסט-קייט און אין געזעצטקייט צום הייליגן געקערעוועט, געקערעוועט און מיט זיי צו אים אין ארויף אָרויפגעקוקט, אין אַזוי, און מיט זיי צו אים אָרויף און גלײַך קוקנדיג, האָט זיך לסוף אָפגערופן און אזוי געזאָגט:

— און איצטער בין גרייט.

— אויף וואָס?

— אויף דיר פון אונז און אונזערע דערציילן, און אויב דו ווילסט אין באַגערסט מיך פון אָנהויב ביזן סוף אויסהערן.

— איך וויל.

האָט דאָס מלאכל זיך ווי אין אַ פאָזע אוועקגעשטעלט, האָט עס אַ הענטעלע פון פאַר דעם ברוסטעלע און פאָראויס ארויסגעשטרעקט, האָט דאָס אַ געשטאַלט און ווי פון אַ שיין-רעדנער באַקומען, האָט עס ווי אַ משל און אַ געזאַנג אויפגעהויבן, אויפגעהויבן און אזוי געזאָגט;

— ביים טייך די-נור, ביים טייך פון פייער, זיצן אויסגעזעצט, ליגן אויסגעלייגט מלאכים טויזנטער, מיט מהנית רוהען דאָרט... — וואָס זיי טוען דאָרט? — אין טייך די-נור, אין טייך פון פייער, ברענען-בראָטן זיך, נשמות זינדיגע, ווײַ-פאַרשאָלטענע, ווײַ-און-ווינדיגע. און ביים ברעג פון טייך, ביי דעם רויכיגן, ביי דעם ברענענדיגן און ביי דעם בראַנדיגן, גייט אַ שמש אום, אַ פאַררויכערטער, און פון אַש פאַרשוואַרצט, און פון פעך פאַרפּעס, גייט מיט שטעקן אום, מיט אַ לאַנגען דאָרט, מיט אַן אײַזערנעם, ווי אַ דראַנג די ליינג, — גייט איף ברעג אַרום, קוקט, גיט אַכטונג דאָרט... — אויף וואָס? — מאַכט אַ מאָל זיך ווען, אַ נשמה-זינד גייט פון צער עוין איס, פון ווייטאָג-ליידעניש, און פון בראַנד אוז דאָרשט, און האָט קיין אָטעם נישט, בעט און חלשט שוועך, פאַר אַן אַנדערער אין פאַר גסיסה שוין — פאַר אַ שכנה: אפשר קאָן זי זי, אפשר מעגליך איז, איך זיך צו נעמען זי, איף אירע אַקסעלאַך, אויף זי צו אויפהויבן, איף טייך און איבער-פלאַך, איך לערן אָפּלעבן, אויף דאָרשט צו אָפּפרישן — אין י ע נ ע באַגלייט. און נשמה דאַן שטעלט אויף יענער זיך, אויף דער צווייטער גוט, איף דער שכנה-וואָויל, און מיט קערפער קומט איף דעם טייך אַרויס, אויף דעם איבער-פלאַך, אין אויף פרישער לופט. דערזעהט דער שמש דאַן, דערזעהט דער שווערער דאָרט, וואו ער זאָל נישט זיין, ווי ווײַז נישט אָפּגעהאַן, — קומט און אײַלט אַהין, מיט זיין שטעקן באַלד, שטרעקט צום אָרט אים אייס, צום אָרט, וואו איינגעזאַן נשמות זינדיגע, און... טוקט זיי ביידע איין, צוריק אין טייך אַריין, צוריק צום פייערשפּעט, צו זייער שטענדיגקייט...

— „וואָס-זשע טען דאָרט מלאכים טויזנטער, וואָס-זשע שווייגן זיי, די באַרימהאַרציגע, אַז זיי זעהען עס, פאַר וואָס-זשע העלפן נישט? צי ס'אַרט זיי נישט, צי ס'רירט זיי נישט, יענע ליידן גאָר, פון די לעבנס דאָרט, יענער טייך פון צער, יענע קוואַל פון אנגסט — אַז זיי זעהען אים, פאַר וואָס פאַרלעשן נישט?"

— ניין, ס'איז ניט אַזוי, ניין, ס'אַרט זיי יאָ: — אויף דער לענג פון טייך, איף ביידע ברעגעס גלייך, זיצן אויסגעזעצט, ליגן אויסגעלייגט מלאכים טויזנטער אין צענער טויזנטער, און זיי וויינען דאָרט, און פאַרגיסן שטיל טרערן עלנטע אין אומבאהאָלפענע, ווייל העלפן קאָנען נישט: דער טייך מוז ברענען דאָרט, און שמש אַכטונג גיט, ער זאָל נישט אויסקילן, ער זאָל נישט אויפהערן, פאַרקערט, זיך שטאַרקן זאָל און שטאַרקער פלאַקערן, — מלאכים קאָנען נאָר, אַ מינדסט פאַרגרינגערונג, א לייכט פאַרלייכטערונג — אַהין אַרייַנוויינען: זיצן וויינען זיי, טרערן פליסן זיי, אין גרויסן פייער איין, וואָס ביי ברעגעס טייך, אין עטוואָס לינדערן, אַ טראָפּ נאָר מינדערן דעם גרויסן ברען-און-בראַנד, אָבער וואָס קאָן קלעקן עס?

— „איז די עצה?"

ס'איז קיין עצה נישט, ס'איז קיין תרופה נישט, מלאכים קיין מאָל נישט, וועלן דאָס נישט בייקומען, און נ י ש ט קיין אוניערער, און נ י ש ט קיין הימלשער, און דווקא אַן ערדישער, אַן אונטן-איינוואוינער, אַז ער וועט אָנקומען, אַז ער וועט ווײַזן זיך, — איז מיט איינעם וואָרט נאָר זיינס דעם טייך וועט איינשטיקן, דאָס פייער אויסלעשן, גשמות איס לייזן און שמש אָפּטרייבן, און — דאַן אין עק וועט זיין.

— „אין פון וואַנען ווייסט מען דאָס?"

— פון הימל און בקבלה?

— „און ווער גיט דאָס איבער?"

— אַן אַלטער און געניטער.

— „און וואָס זאָגט ער?"

— אַזוי: — מלאכים ווייסן נישט, מלאכים קאָנען נישט, מלאכים אהנמעכטיג, אויף זיך צו נעמען דאָס, ווייל מלאך ווייסט דאָך נישט, און כלל באגרייפט דאָך נישט די מאַכט פון זינדיגן, די מאַכט די מעכטיגסטע, דערום באגרייפט אויך נישט, דערום באַנעמט אויך נישט די גרויס-יסורים-מאַכט, דעם גרויסן כח-צער, דערום ער ווייסט אויך נישט, דערום פאַרשטייט אויך נישט, וואָס הייסט פאַר אנדערן זיך מוסר נפש זיין. און מענשן דאָס קאָנען, און דאָס איז דער עיקר.

— „איז דערום?״

— דערום זאָגט אלטער מאַן, דערום זאָגט הימל-מאַן, אויף ערד מען זוכן זאָל, אַ מענש אַזוינעם דאָרט, אַ שטילן איינציגן, א ווייטן אָפגעשיידט, פון וועלט געזונדערטן: אים זאָל מען באַכקוקן, אים זאָל מען אויסזוכן, זיין אָרט געפינען דאָרט, צו אים און אָנקומען, און קערן זאָל מען זיך, און אים אַזוי זאָגן: — דו מענש, דו הייליגער, דו מענש, דו איינציגער, מיר האָבן באַכגעקוקט, מיר האָבן אויסגעזעהן, דיין אָרט דיין איינס אויף וועלט, דיין אָרט דאָס הייליגסטע און אויך די מעשים-דיין, און אויך דיין אויפפירונג, ווי דו פירסט זיך דאָרט, און וואָס דו טוסט אויף ערד, — זיינען מיר געקומען איצט, זיינען מיר געשיקט אַצינד, צו דיר, דיין הייליגקייט, צו דיר, דיין גנעדיגקייט, אום דיר צו פאַרלייגן אים דיר צו פאַרשלאגן, און דיר צו אָנזאָגן, און דיר אַזוי זאָגן: דו וועסט געפאָדערט, מענש, דו וועסט געזוכט אַרויף, אין הימל-הויכקייט איצט, אויף הימל-זיצונג דאָרט... און זיין אַזוי וועט דאַן, אַז מענש וועט פרעגן אייך: „אויף וואָס געזוכט ווער איך, אויף וואָס געפאָדערט ווער, אין הימל-הויכן איצט, און וואָס פאַר זכיה האָב?״... — זאָלט איר אים ענטפערן, זאָלט איר זיך אָפרופן, זאָלט איר אַזוי צו אים, אים דאַן אַזוי זאָגן: — שוין דורות טויזנטער און צעהנער טויזנטער, אַז דער טייך די-נור, אַז דער פייער-טייך, ברענט און ברענט זיין בראַנד, און ברענען הערט נישט אויף, און וועלטן ליידן דאָרט און גייען אויס פון לייד, און קיינער העלפט זיי נישט, און קיינער העלפן קאָן, נישט מלאכים-פיל, און נישט די מחנות-גרויס, וואָס זיי רוהען דאָרט, און וואָס זיי וואוינען דאָרט, און נישט די טרערן אויך, וואָס פאַרגיסן שטיל, — און שווערער שמש נאָר, ער היט דאָס פייער אָפּ, עס זאָל נאָר פלאַקערן, און זאָל נישט אויפהערן, און זאָל נישט אָפּקילן, און זאָל נישט שוואַך ווערן, נישט ביינאַכט—ביינאַכט, און נישט קיינמאָל נישט, אויף שטענדיג פייניגן, אויף שטענדיג אנגסטיגן די לעבנס דאָרטיגע; — און נאָר דו מענש אויף וועלט, און נאָר דו איינציגער, אַז דו וועסט אָנקומען, אז דו וועסט דאָס דערזעהן: דעם טייך אין פייערשאַפּס, זיין גרויסן גיהנום-בראַנד, אין אומגעהייערקייט און אומבארחמנית׳קייט, ווי ער ברענט מיט פלאַם, און ווי ער בלאָזט מיט פעך, מיט רויך און אַש גייט אויף, אין הימלס הייך אַריין, — וועסט דו מיט מאַכט דיין גרויס, פון איינעם וואָרט נאָר דיינס, פון דיין רחמנית-ווילד, פון דיין דערבאַרעמקייט, דאָס וואָרט אַ זאָג טון וועסט, דאָס איין-און איינציגסטע, און טייך וועט איינשטילן, און גיהנום אויסלעשן, און שמש בטל שוין און גאָר מבוטל דאַן, און לעבנס אויסגעלייזט אויף אייביג-אייביגקייט...

— „און נו?״

— און דער מענש וועט אייך הערן, און דער מענש וועט מיט אייך אויפגיין.

— „און דאָס וואָרט?״

— דאָס איז דאָס ליבע-וואָרט, דאָס איז דאָס הייליג-וואָרט, דאָס איז דאָס הייליגסטע; פון זיך צו מקריב זיין.

— „און וואָס דאַרף ער זאָגן?״

— אַזוי:—פאַר אַלע ליידנדיגע און פאַר אַלע אין טייך זיך-פייניגנדיגע, און פאַר

אַל-געווען, און פֿאַר אַל-וואָס-זײַן, פֿאַר אַלע צייטן אין פֿאַר אַלע דורות, איז גרייט אין אָנגע-
ברייט אין טייך און פֿייער זיך אַריינוואַרפֿן— אין מער גאָר נישט.

— „אין ווער פֿאַרערט עס דעם קרבן?"

— דער שמש.

— „אין אַז נישט?"

— גייט ער פֿון אָרט נישט אָפּ.

— „אין נו?"

— .. האָט מען דערפֿין אין הימל גערעדט אין גערעדט, האָט מען פֿריהער און
פֿון צווישן זיך אַ עליה איף דעם מענטשן אָפּצוזוכן געזוכט, האָט מען אים לסוף געפֿונען.
האָט ער יאָרן און לאַנגע יאָרן פֿונם הימל איף דער ערד אַראָפּגעקוקט, טעג מיט נעכט
לאַנגע ביי אַ הימל-פֿענסטערל אָפּגעלעגן און די ערד אין אירע ווייטקייטן אויסגעזעהן. האָט
ער גאָרנישט נישט געזעהן, האָט ער זיך דערנאָך צו אַלע הימל-ווינקלדיגע און הימל-געני-
טע זיך געווענדט: „אפֿשר ווייסן זיי אין אפֿשר איז זיי באַקאַנט אַזוינער,— איף דער ערד
און אַן איינוואינער, אַן איינציגער, אַ הייליגער אין פֿין גאָר-דער-וועלט אין אַרויסגעני-
מענער?" האָבן זיי נישט געוואוסט, האָט ער זיך ווייטער אין אַליין אין איבער הימלען אין
אַרומבלאָנקען גענומען, אויף דער ערד אַראָפּקוקן און נישט געפֿונען דאָרט גאָרנישט, און
ווייטער און צווישן הימל-לייט זיך אָנפֿרעגן: אין אפֿשר וועט ער זיך דאָרט דערשלאָגן.
האָט ער זיך אַ מאָל אין אין אַן אָוונט אין איינעם, אַרומבלאָנקענדיג און אין הימל דאַן
גייענדיג, מיטן שטערן-בער זיך אָנגעשלאָגן, האָט ער זיך צו אים געקערעוועט: אפֿשר
ווייסט ער? אין ער דאַרף דאָך וויסן, וואָס איף ערד און אונטער שטערן טוט זיך. האָט
ער אים אויסגעפֿרעגט, האָט זיך דאַן דער שטערן-בער פֿאַרטראַכט, זיך אָפּגעשטעלט און
שטיל געשוויגן, געשמאָנען אין נאָר מיטן קאָפּ און מיט שטערן אין קאָפּ שטיל די פֿראַגע
איבערגעהערט. האָט ער זיך פֿאַרקלערט, פֿאַרטראַכט אין ווי באַדיינקט זיך, געשוויגן און ווי
אַן עפּעס דערמאָנען זיך ווילנדיג; האָט ער זיך לסוף דערמאָנט, האָט ער מיטן קאָפּ אויף
יאָ און מיטן שטערן אין קאָפּ אויף געוויס אַ שאָקל געטאָן, אַן ערנסטן אין אַ בערישן,
אַ שווייגנדיגן און אַ זיכערן. האָט זיך דער שליח אויף זיין ענטפֿער יענעם פֿאַרלאָזט, האָט
ער זיך מיט אים איבער הימלען אין אויף זיין בערן-וועג גיין געלאָזט, האָט אים דער בער
דאַן לאַנג איבער הימלען און אויף נאַכטישע געפֿירט, איף ווייט-ליגנדיגע אין מיט קיין
זכר-שיין נישט שיינענדיגע, אין מיט פּוסט-און ווייסט-אָוועקגעיעדיגע, אין מיט גאָרנישט
נישט אן ישוב דערמאָנענדיגע. איז ער מיט אים אַ נאַכט אין אַ צווייטע, און נאָך איינע
און נאָך אַ דריטע געגאַנגען, זיינען זיי לסוף אין אין דער דריטער נאַכט צו איינעם אַ
הימל-עק דערגאַנגען, צו אַ שטילן אין אַן אַראָפּליגנדיגן, צו אַ פֿאַרדרימלטן אין מיט נאַכט-
פֿאַרבלאָזענעם, האָט זיך דער שטערן-בער דאָרט פֿין גיין פֿאַרהאַלטן, פֿאַרהאַלטן אין זיך
אָפּגעשטעלט, שטיין געבליבן אין פֿריהער דאָס אָרט דאָרט איבערגעזעהן; האָט ער עס
אַרומגעשמעקט און אַרומגעשנישטערט אין באַטראַכט אין לאַנג אַזוי, אין לסוף אין נאָכן
דרייען זיך אין אויסזעהן דעם לאַנגן, האָט זיך דאַן אין הימל אין איינן אָרט יענעם
שטייענדיגן ווי אַ פֿענסטערל און אַ הימלדיגס זיך איפּגעעפֿנט, אַ קליינס, אין ווערליג
דער בער זאָל דורך דאָרט אַרויסגיין קאָנען, אַ שמאָלס, אין ווערליג דער שליח זאָל פֿין
דאָרט איף דער ערד אַראָפּקוקן. איז דורך דאָרט דער בער דאַן אַרויסגעגאַן, דער שליח
דאַן נאָך אים אין שטיל און פֿאַרשטעלט אים נאָכגעגאַן, זיינען זיי פֿון הימל-עק אויף מיט-
הימל געקומען, און אויף דער הייך און איף דער מאַמע הימל-הויכקייט זיך אָפּגעשטעלט. האָט
דער בער דאַן אַראָפּגעקוקט אין ווי עפּעס געזעהן דאָרט פֿין אינטן, און דער שליח האָט

אויך אַהין—אָבער נישט געזעהן אין נישט באַמערקט דאָרט גאָרנישט. האָבן זיי אַ ווײַלע אַזוי געוואַרט, געוואַרט און געזאַמט זיך, געשוויגן און אַלץ אויף די ערטער געשטאַנען. האָט זיך אין הימל דאַן אַ ליכט-קוואַלעכל געשפּאָלטן, אַ שײַנענדיגס און אַ טריפֿנדיגס, אַן אַראָפּגיכנדיגס און פֿאַרן שליח אַלץ פֿון אונטן דאָרט באַלויכטנדיג, — האָט עס זיך געשפּאָלטן, האָט עס מיט ליכט און מיט קוואַלעכל געקוואָלן און מיט שײַן און מיט שטראַלנדיגקייט אַ וועג און אויף אונטן געמאַכט. האָט זיך דורך דעם וועג דער שליח און אַראָפּ זיך געלאָזט, און אַזוי, און זיך אַראָפּלאָזנדיג, אין אַראָפּגעקומען פֿון אונטן, און שטיל און אַראָפּקומנדיג, האָט דעם הייליגן אויף דער ערד אין אַ בײַנאַכט און אין אַ מדבר געטראָפֿן און אין אַ מיט און אויף אַן ערט, אויף אַן עלנטן און אַן אַלייניגן דערזעהן.—אין דאָס אײַנגאַנצן.

— און?

— און אָט שטייט ער, און אָט איז ער געקומען.

— ווער פֿאַר וועמען?

— איך פֿאַר דיר.—און דאָ האָט זיך דאָס ליכט-מלאכ'ל ווידער אַ מאָל מיט זײַן געלעכטערל און מיט זײַן אייגלדיגן, מיט זײַן פּנימל'דיגן און מיט זײַן שײַן-שמייכעלע צעשמייכלט. האָט זיך עס צעלאַכט אין צעליכטן, צעשײַנט און צעשטראַלט אײַנגאַנצן, און שײַן און שענערער און ליכטיגקייט און שטראַלנדיגקייט האָבן זיך דעם פֿון מויל און פֿון אויגן, פֿון אַלע איברים'לאַך און פֿון אַלע גלידערלאַך צעגאָסן.

— וואָס לאַכסטו דו, ליכט-מלאכ'ל?—האָט דער הייליגער, דערויף קוקנדיג אין דאָס לויכטנדיג זעהענדיג, געפֿרעגט.

— שוין געזאָגט,—האָט דאָס ליכט מלאכ'ל שמייכלענדיג געענטפֿערט.—פֿון מיר און פֿון דיר און פֿון הנאה פֿון גרויסער.

— פֿון וואָס אַזוינס?

— פֿון דעם, וואָס כ'האָב מײַן שליחות דערפֿילט, פֿון דעם, וואָס כ'האָב וואָס באַדאַרפֿט געפֿינען, און פֿון דעם, וואָס מײַן זוכן איז מיט גליק-געבענטשט געוואָרן.

— וואָס רעדסטו דו, מלאכ'ל?

— דאָס, וואָס דו הערסט, הייליגער.

שטיל און אַ פּאָר מינוט...

— און דײַן באַגער?—האָט דער הייליגער נאָך שווייגן אין איבהאַלטן זיך ווײַניגן צום מלאכ'ל זיך געקערעוועט.

— נישט מײַנער, נאָר דער הימלשער, — האָט דאָס מלאכ'ל דעם הייליגנס ווערטער פֿאַרריכטנדיג, געענטפֿערט:—דעם הימלס באַגער איז—דיך אַהין אַצינד אַרויפֿנעמען, דיך אַהין אַרויפֿברײַנגען און צום הייליג-הייליגסטן, אין צו דעם גרויסן קרבן-ברוך דיך שטעלן.

— און וואו איז דאָס געהערט געוואָרן?

— אַז וואָס?

— אַז מענשן זאָל אין הימל אויפֿגיין?

— און אַמאָל און אין קדמונים.

— ווי ווער?

— ווי חנוך און אליהו.

— און אין וואָס פֿאַר אַ זכות?

— דו האָסט זיי אין פֿאַרמאָגסט זיי, אין אין הימל דאָרט ווייסט מען. — און דאָ האָט זיך דאָס ליכט-מלאכ׳ל און נאָך מער צעליכטן, האָט זיך עס צעשײַנט און צעשטראַלט אויף וואונדער, און דאָס העלקייט אין דער אָפּשײַן דערפֿון האָט דעם הייליגן און די מדבר אָרום דעם הייליגן מיט אַ ליכטיגקייט און מיט אַ העלישקייט באַלויכטן. האָט זיך דער הייליגער און די מדבר אָרום אים אין אַ שײַן-שײַן געפֿונען, אין אַ ליבער און אין אַ ליכטיגער, אין אַ גאָלדענער און ווי אין אַ זוניגער אַ גרויסער. האָט זיך דאָס גאָלדנקייט און דאָס שיינענדיגקייט געשטאַרקט און געמערט זיך שטאַרקנדיג, און געגרויסט זיך און געזוניגט, געלויכטן און שוין אויף ווײַטע און אויף גרויסע מדבר-שטרעקעס דערלאַנגט. האָט דאָס מלאכ׳ל דאַן אין ליכטיגקייט און אין גרויס-געוואָרענעם—אויך אַליין אַלץ גרעסער און גרעסער ווערן גענומען, אויפֿוואַקסנדיגער און אויפֿגייענדיגער און פֿון אַ מלאכ׳ל אַ מלאך ווערן, האָט עס פֿון פֿליגעלאַך—פֿליגלען און פֿון קערפּערל—אַ קערפּער באַקומען, האָט עס דאַן פּאַמעלאַך-פּאַמעלאַך צום הייליגן אונטערגיין און גענעהנען גענעמען, און צוגעטרעטן אין פֿריהער ווי מיט אַ זײַט געדרוקט זיך, און דערנאָך זיך אויסגעקערעוועט און מיט פֿליגלען צעשפּרייטע און צום הייליגן מיט דער פֿלייצע זיך אַוועקגעשטעלט, ווי גרייט שוין און זיך אַרויפֿנעמען, ווי אָנגעגרייט, און זאָל ער זיך אויף אים און אויף זײַן זיכערקייט פֿאַרלאָזן, און דאָס אָרט אויף פֿלייצע בײַם מלאך האָט שוין שטיל געוואַרט, און די פֿליגלען אָנגעבריייט און אויסגעשטעלט: און זאָל ער זיך אַהין און צווישן זיי זיך אַרויפֿליגן... האָט ער אַזוי געוואַרט. דער הייליגער פֿון זײַן זײַט אָבער האָט זיך נאָך אויפֿגעהאַלטן, נישט אינטערגעגאַן און צו דער מלאך-פֿלייצע נישט גענעהענט, און נישט צוגעטרעטן און דאָס אָרט אויף פֿלייצע נאָך נישט פֿאַרנומען. האָט זיך צו אים דער מלאך דאַן און שוין ווי מיט אומגעדולד געקערעוועט, און פֿון אויסגעדרייטקייט און פֿון הינטן אַרום צו אים מיט אַ קוק און ווי מיט אַ בייזליכן זיך אומגעקוקט: און זאָל ער זיך זעצן, און זאָל ער נישט זאַמען, מ׳וואַרט אויף אים, און וואַרטן איז קיין צײַט נישטאָ... האָט זיך אָבער דער הייליגער ווײַטער נישט געאײַלט, און געזאַמט זיך און אַלץ געשטאַנען, און אַלץ פֿון זײַן אָרט און פֿון זײַן פֿריהערדיגן נישט אָפּגעגאַן, און נאָר געקוקט און אויף׳ן מלאך די אויגן אָנגעשטעלט געהאַלטן, אויף זײַן צו אים אויסגעדרייטקייט און אויף זײַן צו אים דאַן בייזן קוקן. איז דער מלאך דאַן און ווי נאָך מער בייז געוואָרן, האָט ער זיך פֿון אָנגעבויגנקייט און פֿון אויסגעדרייטקייט אויפֿגעשטעלט און שוין צום הייליגן און גלײַך זיך אַוועקגעשטעלט,—און אַזוי און מיט אים זײַן פּנים צו פּנים זייענדיג, און אַזוי אויף אים זײַן גלײַך קוקנדיג, האָט זיך צו אים דאַן האַרט געווענדט און אים אַזוי געזאָגט:

— און נו, הייליגער?

— וואָס „נו“, מלאך?

— וואָס זאַמסטו זיך און; וואָס פֿאַרהאַלטסט דו מיך?

— פֿון וואָס?

— פֿון אין הימל אויפֿגיין און פֿון דיך אַהין אַרויפֿברייינגען.

— איך וויל נישט און איך קאָן נישט אויפֿגיין!

— פֿאַרוואָס?—האָט זיך דאַן דער מלאך צום הייליגן צוגערוקט, ווי אויף זײַן רייד זיך פֿאַרוואונדערט, און בײַ אים שטיל געפֿרעגט.

— ס׳איז פֿאַלש און עבֿודה-זרה!—האָט אויך דער הייליגער דאַ צום מלאך צוגעטרעטן, פֿאַר אים האַרט און נאָהענט זיך געשטעלט, אים אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, זײַן שטים געהעכערט און אויסגעשריגן:—ס׳איז פֿאַלש און געצן-דינסט!

— ווער און וואָס?!

— ווער איז דער עדות דיינער, מלאך?!—האָט דער דייליגער דאָן דעם מלאך אין מיטן די רייד איבערגעשלאָגן און ביי אים נאָך מיט מער האַרטקייט און מיט מער שוין שטאַרקייט געמאָנט:—ווער איז דער עדות דייַנער?

— אויף וואָס עדות?

— אויף דייַנע רייד און אויפן שליחות דייַנעם.

— מיין עדות?—האָט דער מלאך דאָן שוואך אין שטאַמלענדיג, ווי איבערגעשראָקן און מיט שטיל שוין געפאַלענער, און בעת מעשה ארויף אין אין הימל קוקנדיג און מיט די אויגן דאָרט ווי עפּעס נישט זייענדיגס זוכנדיג, געענטפערט — מיין עדות? דער שטערן-בער, דער ... דאָ... אויבן שטייענדיגער.

— וואו און וואָס? - האָט דער הייליגער דאַן אייבגעשריגן און דעם קאָפּ אַרויף אין צים אָרט, וואו דער שטערן-בער האָט זיך באַוויזן און דעם ליכט-קוואַל אייפגעעפנט, אויפגעהויבן.

אין דערזעהן האָט דער הייליגער, אַהין דעם קאָפּ אויפהויבנדיג, אין הייך אין אויבן קוקנדיג: ווי קיל און אָפּגעקילט, פארלאָשן אין פינסטער האָט דאָס קוואַלעכל שוין יענס, שוין ווי אַלע ערטער אין איבערן גאַנצן הימל דאָן אויסגעזעהן; איז דאָס אָרט שוין גלייַך ווי אומעטום, פאַרמאַכט אין פאַרשלאָסן, מיט קיין נשאר-ליכט און מיט קיין סימן פון געוועזענעם נישט פאַרבליבן, האָט עס געט נקלט און ווי נאָך גאָרנישט נישט פאָרגעקומענעם געשטאַנען, נאָר מיט שטערנדלאַך אין ארום געשטעלט, און נאָר מיט שטערן-שייַן אין שוואך-באַלויכטן שוין ווי תמיד, און אויך פון שטערן-בער איז שוין קייַן סימן נישט געוועזן, און פון זיין שטאַנד אין שטיין דאָרט קייַן זכר נישט קייַן מינדסטער. האָט דער הייליגער אויפן גאַנצן הימל און אויף ארום מיט די אויגן אים געזוכט, געזוכט און אויסגעקוקט, און אים נישט געזעהן און פון אים קיין דערמאָנונג נישט געפינען, נאָר ווייַט און אויף אַ האָריזאָנט ערגיץ, אויף דער קעגן-זייַט, און אנטקעגן דער, פון וועלכער דער שטערן בער האָט זיך צום ערשטן אויפן הימל ארויסגעוויזן, איז איצט שטיל, אין מיטן קאָפּ אין א ווייַטקייט אין א דאָרטיגער, אין ווי פארן פארגייַן און פארשוואונדן ווער, געשטאַנען דאָרט דער בער, געשטאַנען אין מיטן הינטן צו מדבר-הימל אויסגעקערעוועט, אין ווי פאר לעצט און ווי פארן אָפּגעזעגענען-זיך מיט דאנען; האָט ער זיך דאָרט איצט אזוי געוויזן, האָט ער אזוי אין פארן פארגיין פאר דאָרטיגן אין זיך נאָך פארהאַלטן א ווייַלע,— אין אזוי אין זיך דאָרט פארהאלטנדיג, אין אזוי אין דאָרט אויסגעקערעוועט שטייענדיג, האָט פאר דער מדבר און פאר דעם הייליגן געזאמט זיך, און שטיל און אזוי זיך זאמענדיג, האָט פאמעלאַך-פאמעלאך צו פארגיין און אייַנגיין, זיך ארויסרוקן אין נישט-בלייַבן אָנגעהויבן...

— און וואָס, מלאָך? — האָט זיך דער הייליגער דאַן פון צים ווייטן-בער-קוקנדיג אויסגעדרייט און אויף מלאָך און אויף פאר אים שטייענדיגן די אויגן געווענדט, — און וואָס ווערסט דו איצטער זאָגן?

— וואָס זאָגן?

— אויף דעם בער און אויף דעם עדות דייַנעם?

— גאָרנישט... — האָט דער מלאָך, שוין פארשעמט אין אָפּהענטיג, אָפּגעלאָזן און ווי צוריק זיך רוקנדיג, געשטאמלט.

אין דערזעהן האָט דער הייליגער, אייפן מלאָך און נאָך זייַן ענטפער יענעם אויף איב קיקנדיג, ווי פאמעלאך-פאמעלאכן אייַנגייענדיגער און אייסגעלאָשענער געוואָרן איז אַלע

מאָל אַלץ מער און מער דער קערפּער דאַן פון מלאך: פריהער דער קערפּער מיט זיין העלער ליכטיגקייט, דערנאָך אויך די איברים מיט זיין קאָפּ אין אייגן-ליכטיגקייט האָבן זיך לעשן גענומען. איז ער אַלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרן, און קלענער און באַנומענער און איינגעשרומפּענער, און אייַנגעייענדיגער פון ווייַלע צו ווייַלע. האָט ער זיך דאַן אַזוי צוריק געדרוקט און ווי צו דער ערד צו זיך געבויגן, ווי דאָס הימלישע און די אויבן-השפעה פאַרלוירן און פון קוואַל און פון אייבן-קוואַל אָפּגעריסן. איז ער אַלץ געמינערטער און געמינערטער, אויסגעלאָשענער און פון ליכט-ווינציגקייט איינגעגאַנגען, האָט ער לסוף ווי אַן ערד-מראה באַקומען, ווי אַלץ דאָס ערדישע און אַרום אים ליגנדיגע, און ווי אַלץ אַרום און אַל-דאָס ערדישקייט אין דער מדבר; האָט ער לסוף ווי אַ שרצל אַ קליינס, ווי אַ קריכנדיגס און ביי דער ערד זיך-האַלטנדיגס אויסגעזעהן, און מיט אַ הויקערל אויף די פּלייצעלאַך און מיט אַ שלאַנג-נקעלע און מיט אַ לאַנגס זיך דעם נאָכשלעפּנדיג; האָט ער זיך אַזוי צו דער ערד און ווי צו איר נאָהענטקייט געטוליעט, געטוליעט און אָן איר זיך געריבן, און לסוף אין איר זאַמד און איר זאַמדיגקייט ווי אַ גריבעלע אויסגעריבן; איז ער אַזוי און נאָך לאַנגען רייבן זיך דאָרט שרצדיגן אַהין אַריין, שטיל דאָס קערפּערל און אינעווייניג אַריינגעדרוקט, און מיט קעפּעלע אין דרויסן און נאָך אַרויס אַרויסגעשטעקט, האָט עס דאָרט אַזוי געשטעקט, האָט עס פאַר לעצט און פאַר אויך-דאָס-קעפּעלע-אַהין-אַריינציהען פון גריבעלע אין מיט אייגעלאַך נאָך אַ בלישטשע געטאָן, מיט אַ לעצטן בליטש אין מיט אַ שלאַנג-בייזן, און ווי מיט דעם מיט גרייסן און מיט נישט מוחל-זיין אויף פאַרגעקומענעם, און באַלד און נאָכן אויפבלישטשען מיט אַנאָליגן איז ווידער און אויסגעלאָשן געוואָרן בלינדליב, אין שוין פינסטער און אויף איינגאַנצן, און מער און שוין נישט צו באַווייזן-זיך מיט אויגן; און אַזוי, און נאָכן אויסלעשן-זיך, און אַזוי, אין נאָכן לעצטן ליכט-אָנקיב, האָט שטיל אין אויך דאָס קעפּעלע אַרייַנגעצויגן, אין שטיל און דאָט אַריינציהענדיג, איז אויף מער און שוין נישט אַרויסצוגיין, און אויף מער שוין נישט אַרויסצוווייַזן-זיך פאַרשוואונדן.

שטיל און אייניגע מינוטן... האָט זיך אין הימל אין איבערן קאָפּ פון היילינגן אַ קול דאַן דערהערט, אַ קול פון דער הייך אין אַראָפּגעקומענס, אַ שטים און צום היילינגן אַ רופנ־דיגע. האָט זי דער היילינגער דערהערט, די שכינה, האָט ער אויף גיך דעם קאָפּ, פון לאַנג און פון צום שרצל אַראָפּקוקן, אויפגעהויבן, און אַרויף און צום הימל אים געווענדט, האָט ער דאָרט דערזעהן:

האָט זיך אין הימל אויבן און ווידער און נאָך א מאָל, און איבעראַנייס אין אַ פענ־סטערל אויפגעעפנט, אַ קליינס און אַ מילדס, און וועדליג נאָר אַ קאָפּ און וועדליג עטוואָס נאָך אויסערן קאָפּ זאָל זיך אַרויסשטעקן קאָנען, האָט זיך טאַקע באַלד און אינם פענסטערל אַ קאָפּ זיך באַוויזן, האָט ער זיך צום היילינגן, און וואָס איז פונקטליך און אונטער אים געשטאַנען, זיך געקערעוועט, און באַלד און זיך צו אים אָנגערופן און דאַן און אים אַזוי געזאָגט:

— היילינגער, דיין צייט אין מדבר איז פאַרביי, דיין צייט פון איר אַרויסגיין איז געקומען, און זיי גרייט, און זיי אָנגעברייט, און נאָך היינט ביי דער נאַכט דאַרפסט דו די מדבר פאַרלאָזן...

און דאָ האָט דער קאָפּ באַלד פון פענסטער[1] אַ שטעקן מיט אַ טאָרבע אַרויסגעשטעקט, האָט ער זיי אַרויסגעלאָזט און פאַמעלאַך-פאַמעלאַכן אויף דער ערד און ווי דורך אַ שנירל זיי אַראָפּגעלאָזט. זיינען זיי לסוף און נאָכן אַראָפּלאָזן-זיך לאַנגען צום היילינגן און צו פאַר זיין אָרט געקומען, און גלייך אין ווי אַ האַנט אַ פאַרהוילענע האָט דעם היילינגן אין אויף זיין נזיר-אָנגעטאָן און שטיל און ווי עפּעס נאָך אָנטון גענומען:—די טאָרבע אים א יתן רוקן

אין אַרויף אויף דער פּלייצע אים אַרויפגעצויגן, און דעם שטעקן אין זײַן האַנט, אין זײַן רעכטער, און זיין צוליב־דעם־אויפגעהויבענעם, אַרײַנגעשטעקט:

— גיי..

און אַז דער הייליגער האָט דאַן זײַנע אויגן צום הימל־קאָפּס אויגן אויפגעהויבן אין שטיל אין מיט קוק נאָר דעם קאָפּ אויף „וואיהין?” אַ פרעג געטאָן, האָט זיך פון הימל־פענסטער, פּאַמעלאַך אין אַ האַנט שטיל אַרויסגעשטעקט, און דעם הייליגן אויף דער מדבר, איף דער ווײַטער אין אויף דער נאַכטישער, אויף דער אויפן האָריזאָנט־אַוועקגייענדיגער און אויפן אַלכסון דאָרט אָנגעוויזן:

— אַהין...

און שטיל איז דאַן די מדבר, נאָכדעם וואָס מיטן הייליגן איז פּאָרגעקומען, געווען. שטיל ווי תמיד און ווי אין אַלע האַלבע נאַכט, איז די מדבר אויך דאַן מיט איר שווײַגנדיגקײַט און מיט איר אײַנגעדרימלטקײַט געלעגן, און מיט אירע הימל־עקן מיט די ווײַט־פאַרשלאָפענע און מיט אירע האָריזאָנטן־ווײַטקײַטן, און מיט זאַמדיגקײַטן מיט זייערע, איז דער הייליגער דאַן אויף זײַן אָרט, און וואו דער ליכט־מלאך איז אים פאַרשוואונדן געוואָרן, געשטאַנען, געבליבן אין איינער אַלײַן, ווי פאַרלאָזט און עלנט פון אַלעם מדברישן און פון אַלעם נאַכטישן אין דער מדבר אַרויסגענומען, און ווי נישט געדיינקט פון קיינעם און נישט דערמאַנט פון ערגיץ, נישט פון דער נאָהענט אין נישט פון דער ווייט דער דעמאָלטדינער, ווײַל יעדערער איז זיך דאַן ווי מיט זײַנעם פאַרנומען געווען, מיט זײַן אָרט זײַן אָפּגעזונדערטן און מיט זײַן צײַט דער שפּעטער, אין קיינער האָט דעם הייליגן נישט און זײַן שטיין און נישט אין זײַן פאַרן אָפּניין געזעהן. אַליין גאָר דער קאָפּ, וואָס האָט פון הימל־פענסטערל אַרויסגעקוקט, האָט אויפן הייליגן און די צײַט די גאַנצע פון אויף אים צו קוקן נישט אויפגעהערט, און פון אין אויג אים צו האַלטן, און אַלץ אונטער זײַן בליק זײַן הימלשן, און אַלץ זײַן האַנט אין אין דעם אלכסון אויסגעשטרעקט, און אלץ אויף דער מדבר און אויף דער פריהערדיגער ריכטונג אָנווײַזנדיג, האָט דער קאָפּ פון הימל־פענסטערל אויפן הייליגן געקוקט, אין דער הייליגער איז שטיל און פון אונטן געשלאָגען און שוין די טאָרבע אויף פּלייצעס אין דעם שטעקן אין האַנט געפילט, האָט ער נאָר אויף אַ ווײַלע די אויגן פון הימל צוגענומען און אייף מדבר און אויף איר אַרום זיי געווענדעט. האָט ער דאַן די מדבר אין די פין יאָרן אים באַקאַנטע באַטראַכט, באַטראַכט און פאַרן אָפּגיין באַלדיגן, זי אָנגעקוקט, אין ווי פאַרן געזעגענען־זיך מיט איר לעצטן, האָט ער זיך מיט איר אַזוי אָפּגעזעגנט: מיט איר גרויס און מיט איר גרויזאַמקײַט, מיט איר פין יאָרן אים היימישן אין באַלד פון אים איבערגעלאָזטן און אים שוין פרעמד־ווערנדיגן, האָט ער אַ ווײַלע, אין אַזוי זיך נאָך אין איר אײַנקוקנדיג, אויף זײַן אָרט געזאַמט, האָט ער אָבער באַלד אין הימל און אָן קאָפּ אים דאָרט אויסוואַרטנדיגן זיך דערמאָנט, האָט ער דאַן תיכף ווידער די אייגן פין דער ערד צוגענומען אין אַרויף זיי אויפגעהויבן. האָט ער ווידער דאָרט דעם קאָפּ אין די האַנט נאָך אויף די ערטער און איף די פריהערדיגע זייערע געטראָפן. האָט ער באַלד אַ גיי געטאָן אין די פיס פון זײַן אָרט אָפּגעטיילט, האָט ער שטיל און וואיהין די האַנט האָט אים אָנגעוויזן, אויף מדבר און אויף פון איר אַרויסגיין זיך געלאָזט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט, און אַזוי און זיך אַוועקלאָזנדיג, און אַזוי און צום האָריזאָנט און צום אלכסון שפּאַנענדיג, איז שטיל פון מדבר און פון פרוב פין מדבר אַרויס, אין פון יאָרן דאָרט־זײַן און פין יונגע יאָרן אין איר פאַרבריינגען אַוועקגעגאַנגען.

ענדע פון דריטן קאַפּיטל.

**דער נסתר.**

דוד האפשטיין.

I.

# פארגעפיהלן.

איך בין געוועהנט
צו דיינע גרוסן, ווייסער צפון !..
איך האָב געבלאָנזעט לאַנג
אויף הויל פון ערר,
געהערט,
ווי וויַיטן וויגן זיך,
ווי וויַיטן ווערן איינגעשלאָפן...
אין גרויער מיט
פון האַרבסטן פעלר
האָב איך געקוקט,
ווי קאַלטער טוי
פאַרפערלט שטיל
דעם טינקלען שניט
פין רערלאַך דינינקע
ביי אַלטער שטרוי—
איך האָב פין עק פין נידעריגן פלויט
פאַרטרויט
מיַין בליק
דער גרויסער וועלט...
און ווען דער האַרבסט
מאַכט קאַלט און ברייט דעם הימל,
אַ פרעמדער בלאנזע איך
אויף רוישנדיגע גאַסן —
פון הויכע מויערן דער ראַנד

פון בײדע זײַטן,
די פלאַכן די געבראָכענע
פון ברײטע דעכער אין דער װײַטן
ניט זײנען ברײטער מער,
ניט זײנען העכער
פון פיצלאַך אַלטן פלױט
אין מיט פין גרױען פעלד...
איך האָב אַמאָל, נאָך קינדװײז
(װי לאַנג איז דאָס געװען ?)
פון עק פון נידעריגן פלױט
פארטראַכט
מײן בליק
דער גרױסער װעלט !..

✦ ✦
✦

דײַן טײערן נאָמען.

דאָרט ערגעץ זױמען זיך שױן װײטן
מיט שװערן שלעפ פון טונקלען גרױ,
נאָר דאָ איז העל אַזױ,
נאָר דאָ איז אַזױ לױטער !
דאָרט אין דער זײַט
אין טױטער פיסטקײַט פון דעם הימל
נאָך גליהט די זון
מיט געלע לײװנטן פון פעלדער
(שײן באַנומענע).
מיט העלע פײערן
פון יונגע װעלדער,
מיט שטאָלן-בלױע פאַסן טײך
געזעגנט זיך די ערד
מיט קלאָרן קיניגרײך
פון שװײגנדיגן רױב..
מיט רוה
באחנט איז איר געזיכט
און ס׳ריזלט נאָך
אין יעדן קנײטש
די צאַרטע ליכט
פון בלאַסן שמײכל,

אַ דאַנק
נאָך צאַנקט
אין האַלב פאַרשמאַכטן בליק..
ער איז געווענדט
איר בליק
צו אויסגעווייַסטע ווענט
פון מענשן-וואוינונגען
און ס'שיינט
אין קלאָר
פון לעצטן טאָג
איר מוטערישער זאָג:
— פאַר מיר געננג
און אַלעמען בין איך היינט מוחל,
זון!
אין פולע שייערן
פאַרזאַמלט איז דיין גליה׳

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

אין טעג פון אַלטער קעלט
איף דיינע ווייטע גרוסן
אין שטיל פון אינדערפריה
וועלן ענפערן דיר הויכע רויכן,
און יונגע באַקן
וועלן רייצן אים, דעם גראָוון פראָסט
מיט רויטן הייסן בלוט,
און בליקן אויסגערוהטע
דורך טרערן קלאָרע
וועלן פון אים שפּאָטן
מיט פרישער מוט..
פאַר מיר געננג:
ס'איז יעדער שטאָם
שוין טיף באַטרונקען
מיט שכאַרקן זאַפּט
און רייך און איבעררייך באהאנגען
מיט זאט..
איך קאָן שוין רוהיג ליגן
מיט וואַסער-אָדערן פאַרקיהלטע
אין ווינטער דעקן פעסט פאַרהילט..

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

און וועט אַ וואַנדערער,
אַ שטילער און אַ גלויביגער
אַמאָל אין נאַכט זיך לאָזן
איבער שנייען-פלאַכן
און וועט זיין עלנד שלעפּן איבער פעלדער
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעשפּילן,
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעלאַכן:
„ ער וועט עס אומברייננען,
„ ער וועט עס אומברייננען
„ זיין ביסל וואַרימקייט
„ אין קעלט און אייביגע־...
און ער וועט געהן,
און ס'וועט זיין שאָטן מיט באַדויערן
אים וואַנקען,
און ער וועט געהן
און וועט אין שלאָף
אַך מער און מער פאַרזונקען —

. . . . . .

. . . . . .

וועל איך אַ ציה טון אים
מיט צוג
פון מיינע ווייטע, ווייטע נאָך צעגליהטע טיפן,
און ער וועט פאַלן...
און ווינטן בייזע וועלן זיך צעהוליען,
און שנייען וועלן אים פאַרהילן,
און כ'וועל צו קאַלטער ברוסט אים טוליען, טוליען...

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

און ערגעץ וועט אַ ווינט
מיט פרעמדער צווייגן-האַנט
אַ קלאַפּ טון אין אַ וואַנט,
און ס'וועט אַ האַרץ אַ נאָג טון
און ערגעץ וועט אַ קינד
זיך פלוצים דרין צעשרייען
און ס'וועט אַ פייער טון אַ פינקל
אין ווייט פון פינסטער טיפן
און מוטערישע אָרעמס,
וואָס טראָגנס שלאָף פון זיי נאָך טריפן
וועלן בלינד דאָס קינד געפינען
און צו דער פולער ברוסט
עס טוליען, טוליען...

. . . . . .

אין דער גרויסער אלעע
זיינען שטריינגער די בוימער!..
אין קלאָרע פרימאָרגנס
איז גרינג דאַרט צו שפּאַנען,
איז גרינג דאָרט צו קלערן
מיט האַרבסטיגן האַרצן...
אויף קינדער פאַרברוינטע
דאָרט וואַרטן קאַשטאַנען
(ס'איז היי־יאָר געראָטן)
און זוניגע רעדלאַך
דאָרט לעגן און רוהען
אין בלויליכע ראַמען
פון קיהלבליכן שאָטן...
אין דער גרויסער אלייע
זיינען שטריינגער די בוימער!..
אין קלאָרע פרימאָרגנס
איז גרינג דאָרט צו קלערן —
פון שטויביגן אומרוה
דאָס האַרץ צו באַשווערן...

דער לעצטער בלעטער־פאַל!...
און יעדער שפאַן
מיך פירט אין טיף פון האַרבסט...
און ווידער רופט
און מאָנט דאָס האַרץ
מיט ווייטע אויכוועלטן זיך העפטן...
דער פאַרקן ריכט מיין וועג,
און יעדער ראנד
פון שטיין, פון אייזן
דערציילט דער ווארעם פון מיין האַנט
מיט קאַלטע שטעכיגע באַווייזן,

אַז צווישן שוועסטער-קרעפטן
אין גרויסער וועלט,
דאָרט העכער צוים אין העכער ריגל
אין לופטיג-שטאָלענעם געפליגל,
דאָרט לויערט זי
די אומפאַרשטענדליכע, די אומבאַגרייפליך ווייסטע קעלט...
נאָר דאָ איז שטיל,
נאָר דאָ איז גרינג
אויף נאָך אַ זונען-גאַנג פאַרהילן
דעם קוים פאַרדרימלטן,
דעם קוים געשטילטן ווילן...
ער וואַרט
אויף נייַעם, אויף ווידער נייַעם
אויף ווידער ערשטן,
אויף ווידער פלאמיגן גענוס...

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

וואו ביזטו, נייער קוואַל,
פאר נייער דאָרשט פאר מיינער?

. . . . . . . . . . . . . . .

דורך הוילן שפיץ פון ביים,
דורך קריץ
פון שוואלבן-פליה אין בלאָהען רוים
איצט שיק איך דיר מיין בענשענדיגן גרוס!...

אויף גאָרנס איבער מיר,
אין גאָרנס אונטער מיר,
מיט אָהנמאכט נאכטיגן
אין שאלף
געוויקלט ליגן מענשן...
דורך פענסטער אָפענעם
אַ שוואַרצע שטיק פון וועלטן-שטאָף,
אין בלוי, אין העל געשטערנט,
פאַרפאָרהאַנגט מיר מיין גליהענדיגע מיה
ביי פריינדליכן געוואך
פון מיין עלעקטרע-לעמפל...
אָרום איז נאָכט.

און דאָרט, אין אַנדער האַלבן קרייז פון אַט דעם הימל,
דאָרט ליגט אַן אַנדער האַלבע וועלט
אין העלער שיין, אין טומל...
העי, אַלע איר, ווער ס'וואַכט
אַט איצט
מיט מיר!
וועך ס'קוקט אין נאַכט,
וועך ס'זינקט אין טאָג,
וועך אויגן ערשט פאַרפלאמט אין שפיל פון מאָרגן-שײַן,
מיין ווייטער ברודער, וועך דו זאָלסט ניט זיין!
איך געה מיט אָפן האַרץ צו דיר
מיין לעבן צו פאַרמערן,
און ליגסטו שטום אויף בראָכשטולן פון וועה,
און לעגסטו האַרט אַריין
אין ענג פאַרשנירטער ברוסט
דעם שטיין פון הייסן האַס,
און מורמלען פון ליבע דיינע ליפן —
פאַר אַלץ איז אָפן שוין
די טיר פון מיינע ריפן...
כ'בין איצטער אייף
אין פלוצימדיגן גליה,
דאָ נעבן ליגט אַ שטיקל נאַכט,
אַ גרויסער טומלדיגער טאָג,
און אונטן דאָרטן — אַלע מיינע יאָרן
פון שלאָף, פון וואַך
פון דורות און פון תקופות...

. . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

און יעדער רגע-קאַפּ,
וואָס ס'וויל מיין האַנט פאַרכאַפּן,
אָהן איפּהער שוועבט אַוועק
אין אלע שווינדלענדיגע עקן!

. . . . . . . . . . . . . .

וואָס קאָן מיר איצטער פעהלן?
וואָס קאָן דאָס האַרץ נאָך וועלן?
חוץ קוועלן, קוועלן
און פול און איבערפול צו זיין
מיט פיין,
מיט זיסן פיין..

. . . . . . . . . .

און וויסן, וויסן,

אַז ערגעץ איבער שוועלן
וועט נאך א הארץ געב׳סן,
אין פול און איבערפיל וועט זיין
פון מיין שוין לאַנג פאַרשוועגדטן פּיין!...

אויף ערשט פאַרהאַרטעוועטער ערד
אין פריה אין פראסטיגן
צום ברונים שפאַנען...
און פלוצים דרין דערשפיר :
ס׳איז גאָר נאָך   ניט פאַרווערט!
פאַראַן נאָך מוט, פאַראַנען
אין וועלט אין אייזיג-ראסטיגער,
און לאָזן לויפן זיך אין טאָג אין פרייען
און שפירן:
אַ טאָג אַ שטאָלענער, אַ שפּאָגל נייער,
אַ האַרץ אַ יונגס,
אַן אייזערנער אַן אַלטער עמעו׳
יך שפּילן אַלע דרייען
מיט יונגע קלינגענדיגע טענער!...
מיט שטייפער האַנט
דעם ערשטן אייז צעקלאַפּן,
ארויסרייסן אַ שטיקל טיף
און זעהן און הערן,
ווי טראָפּנס קלאָגן זיך א׳ן ווערן
און יאגן זיך,
ווי שוואַרצער טריף,
אַהין, צוריק...
אין דעם איז אויך פאַראַן אַ שטיקל גליק!...
און מיט אַ צעהנדלינג יאָרן שפּעטער,
אין טעג פון פּיין, פון צער און צאָרן,
אין סוף פון נאַכט פון שווערער ווערן פלוצים וואַך
און אויסציהען די אָפּגעקיהלטע גלידער,
דעם שטומען צימער ניט דערקאנען
און הערן, הערן לאַנג,
ווי ערגעץ דאָ ניט נאָהענט און ניט ווייט
פאַרהערן זיך קאָנאָנען,—
דורך טריבער שויב דערזעהן,
ווי ס׳שפּראָצט אַ טאָג אַ נייער דארן...

און אין דער רגע זיך דערמאַנען
אין יענעם פראָסטיגן און קלינגענדיגן מאָרגן...
אין אָט דעם פיין איז אויך נאָך גליק פאַרבאָרגן
און יעדער אויפגעוואַכטער גליד נאָך זאָגט:
— איך וויל ניט שטאַרבן!
און מיט צעשפרייטע פליגל קניהט דער גייסט
פאַר שוועבנדיגער קייט פון צייט!
אָ, לאָזט מיך, רינגען, זיך פאַרקאַרבן!..
איך ווייס נאָך ניט וואוהין איר ציהט,
איך ווייס נאָך ניט פון וואַנען!
נאָר ס'איז אזוי פיל זיסע לייד פאַראַנען
אין אייער גרויסן ציהען —
איך וויל מיין וועה נאָך ניט באַשרענקען! —
איך וועל נאָך דענקען,
איך וועל אין רעש פון קראַכן שטיל זיך מיהען,
איך וויל אין פיין
נאָך גליהען,
גליהען...

קיעוו, 10. 10. 1919

# II.

# TRISTIA.

אַלֶע פאַר דער־צייט פאַרשניטענע
געזינדמעט.
(„ימבבזרי אחוה אלוה". איוב י"ט)

## זון־פאַרגאַנג.

נאָך א שווים   פון זונען-האפן ווייסן...
ווידער כ'בין צו וויסטעניש געווענדט
פעסט ווי וועלט איז דאָ די בייט פון צײַט ...
נאָר פאַרוואָס פארברעכן זך די הענט ?

קאַלטע ערד מיט אַלע אירע ראָסטן
שווימט ווי רויך פון אינטער מיינע פיס...
גלײַך א לאסט מיר האָט מײַן טראט צעגאַסטן,
גלייך עס קלינגט מיר :  זעה נאָר ניט צעגיס !

אַלץ דאָ טויג פאר פרייעם פלאם פון לעבן...
האָט געווייין דיר אפגעזאָגט דער טאָג,
איז ביז טיפער נאַכט דיר גליה פאַרבליבן —
וועה פון ריס, פון אָפשייד ווײַט צעטראָג !...

## אין פאַלן.

...אַ וואַלגער,
און ווידער אַ וועלט איינגעפאַלן,
פאַרפאַלן אַהינצו,
אין אפגרונט פון ליידן פון דיינע—
אין שאַ...

. . . . . . . . . . . .

אין אפשר דײַן װעלט איז אין װעג נאָך ?

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אָ, אָפּגרונט !
איך מאן ניט, איך פרעג נאָר —
איך װײס שױן פון לאַנג, פון לאַנגאַנגען,
װאָס הײסט מיט דיר טענהן,
װאָס הײסט בײַ דיר מאָנען...

. . . . . . . . . . . . . . . . .

איך שטעה דאָ פון אויבן
בײַם זוים פון דײַן שלונג פון דײַן שװארצן,
איך קניה דאָ,
איך שפּרײט מײַנע הענט אויס
צו פוסטקײט צו קאַלטער און שטימער...
ס'װעט אפשר נאָך קימען
אן אָפּקלאַנג פון פאַלן,
פון װעלטישן פאַלן
אויף אײנעם אַ סטאַרטשענדן קנײטש בײ אַ זײט װאַ,
אן אָפּקלאַנג אַ טויבער,
אַ װײַסער ...
פאַר דיר דאָ,
פאַר שטעהען,
פאַר קניהען
מיט הענט אויסגעשפּרײטע,
װאָס קאָן ער באַטײַטן ?

. . . . . . . . . . . .

װאָס ביסטו אין שטאַנד נאָך ?
דאָס שענסטע,
דאָס רײנסטע,
דאָס גרעסטע —
פון װעהען, פון לײדן
נאָך קענסטו
באַקומען
אַ שנירעלע שורות
גערײמטע,
געפּרעסטע,
אַ שנירעלע שורות אויף בלעטל צעקנײטשן,
פאַרװאַלגערט דאָרט ערגעץ
אין ריזיגע קאָרבן פון יאָרן !...

. . . . . . . . . . . . . . . . .

געדענקסטו,
האָסט ענליכעס עפּעס געזעהן דאָך

אין קינדערשע יאָרן אין צאַרטע ?

. . . . . . . . . . . .

... אין שטיינערנע הויפן
ביי מיסט-הויפנס גרויסע
אין קאַסטענס פארשפארטע —
(מיט קרעציגע קעץ,
מיט פאַרוואָגלטע הינט,
וואָס זיך גריבלען פון אויבן).
ביי קאַסטענס אַווינע
אויף ראסטיגע, ברודיגע שטיינער
אַפט צוזעהן
אַ שנירעלע בלוט-טראָפנס העלע און ריינע ...

. . . . . . . . . . . . . . . .

ביזט שטענדיג פאַר זיי דאן געשטאנען
אין וואונדער אין שטומען...
פאר הארצן פאַר דיינעם
געווען איז אלץ איינס נאָך,
ווער האָט זיי פארלאָרן,
פון וואַנען אַהערצו זיי קומען ...
און אויבער
עס וועט דיך באַגליקן
און זיין וועט דיין ליד אזוי הפקר אין זויבער,
ווי גלוטיגע טראָפנס
אויף שנייען פון ווייטן סיבירען ...
עס האָט זיי באַוויזן צעזייהען
אין לעצטע מינוטן
אַ פיקכל פון צפון, אַ הינטל פון שנייען ...

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

געדענקסט, ווי עס שטארבט אַזאַ פיקסל,
וואָס האָט נאָר איין חכמה געקראָגן
פאר הימל,
פאר לייטן
אַ הייטל א פוכיגס אַ ווייסינקס
אין ווינטער אין ווייסן צו טראָגן...
געדענקסט, ווי עס שטארבט אזא פיקסל ...

. . .

שארף איז דער בליק ביי דעם פעלדישן יעגער,
ער זעהט עס, דאָס פיקסל,

נאָר פאָרט אין אַ זייט גאָר.
ער ווארפט פריהער אַנעט פון ווייטן
אַ קרייז גאר אַ ברייטן...
אין פיקסל ווייסט איינס נאר —
מיט פעלעכל ווייסן
צו ווייסקייט פין פלאַכן
זיך בויגן, זיך טוליען...
אַ קרייז נאָך אַ קרייז
אין אַלץ שמעלער און שמעלער,
און ס'שטעקן שוין שפּיזלאַך פון פחד
ביי פיקסל אין איגן—
אין וואלט עס שוין וועלן,
דאס ווייסינקע פיקסל,
זיך רייסן
און לויפן,
איז איצטער שוין שפעט דא וואס עפעס בזוויזן...

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

און שאַרף איז דאס אייג ביי דעם פעלדישן יעגער,
געפריי איז זיין ביקסל...
און טרעפט ער
אין קאָפּ ניט,
אַהין, וואו געהער איז —
אין מיט
צווישן שלייפן,
אין שניט
צווישן אייגעלאך שוואַרצע —
דאַן טרעפט ער
אין האַרצן!...

. . . . . . . . . .

נאָר טרייסט איז פאר קיינעם
אויף ערד ניט פארבאטן!
פאַר פיקסל אַווינעם,
וואס האט ניט געוואלט
און האָט פארט זיי צעשאָטן,
די בלוטיגע טראָפּנס,
אויף זייבער פון שנייען,
איז אויך נאך א טרייסט דא פאראנען —

. . . . . . . . . . . . . . . .

עס קאָן זיך טרעפן,
איין גאָט ווייסט פון וואנען,

זאָל קומען
אַ געהער, אַ זוכער
אַ טרוימער, אַ שפּאַנער,
וואס ציהט דורך זיין רייזע
דורך פעלדער דורך וויַיסע...
עס קאָן זיך דאך טרעפן,
אַז מענשליכעס הארץ זאל זיי טיליען
די בלוטיגע וועהען,
אז מענשליכער בליק זאל זיי איינציגווייז קלויבן
פון זויבער פון שנייען
די טראפּנס די רויטע...
דען איז דאס קיין טרייסט ניט?...
נו, זאָג זשע, נו, בויג זשע דעם קאָפּ אָן, זיי מודה!
אַ טרייסט אזא איז איצט דאָס גרעסטע
פאר דיר און פאר פּיקסל געמיינזאם

. . . . . . . . . . . .

א, אפּגרונט!
אויב דאָס איז דאָס גרעסטע,
וואס קאָן שוין דאָ קליין זיין?

. . . . . . . . . . . . . . .

„אסור לקראת..
בנביאים וכתובים
ומותר לקראת באיוב...
(דיני אבילות)

. . . . . . . .

„בלע המות לנצח
ומחה אדני דמעה מכל פנים..
(ישעיה כ"ה)

## קינדער־שפּרוך.

ס'איז פּאָרט שוין פעווראַל, מיט אַמאָל איז געוואָרן היינט לינדער
און קינדער
זיי האָבן צעשפּילט, זיך צעהוליעט
אויף פירעקן-שיין, וואָס דורך ווארעמע פענסטער
צום דיל צו דעם קאַלטן זיך טוליען..

. . . . . . . . . . . . . . . .

ווי האָט ער געטרויערט מיין זיידע מיין ווייטער ?
ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאָך קלייגע,
נאָך ווילדע,
וואָס ברעקלען דעם טונקלען געוועב פון מיין שווייגן
און מאַכן אים גאַנץ באלד
און וויקלען צונויף אים
אינאיינעם מיט קלאַנגען פון יונגן געפילדער...
ס'איז גרינגער
פון זייערע הענטלאַך אים ווידער באַקומען
און ווידער זיך הילן
און שפּאַנען, און שטומען, און שטומען...
מיין טאָג שוועבט זיך ווייטער
און טריבע מינוטן דורך פענסטער דורך הע"ע
מיר שיטן זיך ווידער...
איך זיפּ זיי דורך פינגער דורך מיוע,
ווי זאַמד,
ווי אהנצאָליגן זאַמד אויף אַ ברעג פון אַ ים
אויפן ראנד,
וואו צוויי גרויסע יסודות
אלץ פליסן און גיסן צונויף זיך צוזאַמען...

. . . . . . . . . . . . . . .

ווי האָט ער געטרויערט מיין זיידע ?..
עס ארט מיך נים שטאַרק. נאָר איך פרעג עס,
פון פריה היינט אין שטילקייט אַ פראַגע באגלייט מיך...
...און, ס'האָט זיך באוויזן :
א כדור אַן אלטן
(מיט דיני אבלות —
אַן אלטן בית-יעקב)
האָב איך היינט צו דאנקען
פאר מאַנעלאַך טרייסט.
פאַר א פאָר פרישע רגעס...
מיין טרייסט איז אין דעם מיר באשטאנען,
וואָס ערגעץ אַ לאנד אַזאַ עיץ איז פאראנען,
וואָס דאָרט האָט געוואוינט א מאַן איוב,
און דאָ אָט, אין שטאָט, וואָס הייסט קיעוו,
מיט יארן מיט טויזנטער שפּעטער
געמישט האָב איך גלאַטינקע בריטישע בלעטער
אָט דארט, וואו פון איוב און זיי איז פארשריב,...
ס'איז נאך מיר אַ פראגע געבליבן:

. . . . . . . . . . . .

ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאָך קליינע?
נאר ווענמען דא קאן איך איצט פרעגן?
אינגאנצן דאס האבן פארשוויגן
די אלטינקע שורהלאך רש״י...
און וועגן אַזעלעכע זאכן
מיט וואונקען, מיט פונקען נאר רעדט דאָס תנ״כל...
אין מוח אין מירן זיך בארבעלס:
פאסטערס אינסטיטוט,
אָפּטימיזם
און מעטשניקאָווס וועלט-פראָסטאָקוואַשע...
אין אפשר זיך ווענדן צו קינדער?
נאר קינדער,
זיי האָבן צעשפּילט זיך, צעהוליעט...
ס'איז פארט שוין פּעווראל, מיט אַמאָל איז געוואָרן היינט קינדער
אין קינדער, זיי האָבן צעשפּילט זיך, צעהוליעט
אויף פירעקן-שיין, וואס ציט דיל צו דעם קאלטן זיך טיליען...
איך מיש זיי שוין ווידער
די גלאטינקע ברימישע בלעטלאך

. . . . . . . . . . .

א, קלוגער אליפז,
אליפז פון תימן!
דיין קלארע חריפית
ניט ווארעמט שוין קיינעם...
מיין קאפּ איז מיט אַש ניט באַשאטן,
איך שטיי אן אַנטבלויזטער —
פאר מיר איז דא גארניט פארבאָטן!
מיין אהנמאכט, מיין מענשליכער אהנמאכט
איז נידריגער נאך פון די דילן פון קלייסטערס,
פון דילן פארבוקטע
דורך שטערנס פון דורות...
נאר ס'האָט אויך אין הייך ניט קיין גלייכן!
מיין מענשליכע דרייסטקייט —
איך וויל פון קיין טרייסטערס ניט וויסן,
אט דא אויף דער ערד צווישן וועלטן!
די גרייס פון מיין מענשליכן עלנד,
די גרייס פון מיין טרויער —
אָט דאס איז מיין כרייכט,
מיין געוויסן,
מיין דרייסט
אין מיין כח...

. . . . . . . . . . . . . .

## דערזעה איך אויף ווייטע מדבריות.

דערזעה איך אויף ווייטע מדבריות
צעגליהטע סאַמומען —
דערזעה איך אויף באַלד קאַראַוואַנען,
וואָס געהען און קומען —
וואוהין און פון וואַנען?
אין תהומישן קראַכן,
אין שפיי פון וואולקאַנען
דערהער איך די שטילקייט פון מענשליכן וויינען,
אין שפיל פון פריהיאָריגע שטראַלן
איף אַלטע פאַרראַוטעטע שטיינער
דערהער איך דעם ריינעם געפילדער
פון קינדער,
פון קינדער, וואָס קאָנען אין אויגנבליק איינעם
אי לאַכן, אי וויינען...

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

איך האָב מיין באַוואוסטזיין איף וועלט אויפגעהאַנגען —
אַ חופּה אָהן עק אין אָהן שטאַנגען —
נאָר כ'קאָן זיך קיין רגע ניט שיידן
פון ערדישע בייסן!...
איך היב מיינע אויגן
צו שטויבן פון שטערן,
נאָר קיין אַנגעץ פון ספערן
ניט קאָנען פאַרטויבן
דעם יובל פון מענשליכע פריידן,
די קלאָגן פון מענשליכע ליידן...

## אין מיט פון טאָג.

אין מיט פון טאָג
איז יעדע זאך באהערשט מיט שיין,
אין מיט פון טאָג
איז יעדער שאָטן קלענער..
אין מיט פון טאָג
פארגעהן,
אין מיט פון טאָג
אַ טרוים צו זיין
איז שענער!..
נאָר איך, נאָר איך,
נאָר מענש אליין
געבענשט בין מיט דער גאָב
נאָך פון זעניט
אליין אַראָפּ
אין תהום פון טרויער.
הער, אַלע איר, ווער ס'האָט געקאָנט
מיט הייסן דרייסן שניט
זיך אויסוואָרצלען אַליין
אַ יונגן בוים
פון ערדן-מיט,
פון וואַלד פון לעבן,—
הער, אַלע איר, ווער ס'האָט אַליין
מיט שטאַרקער גרינגער האַנט
דאָס יונגע לעבן אויפגעהויבן
און הויך געוואָרפן עס
איף טונקלער וואנט
פון מענשן-גײַסטיגקייט און איבערגלויבן,
געוואָרפן עס און נישט געדענקט
און נים צוריק גענומען, —
און די, וואָס דאָ געבליבן,
איינס געשענקט—
באוואונדערן און רוהמען! —
הער, אַלע איר, ווער ס'האָט
אין פולן רייף פון יאָר
מיט דרעשער ברענענדיגן
אַליין זיך אויסגעדראָשן!
אויב איר זיינט טרויט,
וואָס איז דאָ וואָר?
און איר, און איר,

וואָס זיינען דאָ,<br>
ווי דו, ווי דו, ווי דו, ווי דו,<br>
אין שעה<br>
אין ליכטיגסטער געוואָרן אויסגעלאָשן—<br>
צו אייך איז איצט מיין הארץ געניגט!<br>
ס'איז העל די טיר<br>
פון אייער רוה,<br>
פאַר אייער שוועל<br>
מיין גייסט זיך בויגט<br>
און קניהם,<br>
צו אייך, צו אייך,<br>
איצט גליה איך, גליה אין תפילה-ליד.

## אָ ו ג ט .

און אויב<br>
דער טאָג געווען איז היינט שוין אומקלאָר שען,<br>
און אויב<br>
די מענשן-שפּיל אויף גרויסער גאַס איז היינט געוועזן ריין —<br>
איז ווען עס בויגט צו אַנדער טייל פון לעבן,<br>
צו שלאָף-געהעפט, צו טרוים-געוועבן,<br>
איז ווען עס דערצעהלן גרינג<br>
מיט שטילן גלעט פון אויג,<br>
מיט ווערטער פּראָסטע וועגן ברויט און וועגן זאַלץ,<br>
מיט גוטן נויג<br>
צו הערעלאַך צו זוניגע<br>
אויף יונגן האַלז?<br>
און דאָרט אין דאָרט,<br>
וואו ברעקלאַך קבר-פינסטערניש<br>
מיט ליים פאַרפרוירענער זיך האָבן שווער געשאָטן<br>
דארט נאכט נאָך נאַכט,<br>
(שוין ווייך געשיכט<br>
אין ערשטע פריהלינגס נעפלען),<br>
דאָס בערגעלע דאָס גראָוס שוין האָבן שטיל באַטראָטן ...<br>
און אויב<br>
איך גלויב,<br>
אַז אויף דעם טיפסטן הינטערגרונט,<br>
אויף קלאָרסטער שויב,<br>
פון אונטער אַלע זעהונגען-געמישן<br>
וועט גאָר שוין ניט פאַרווישן<br>
דיין גאָלדן-בלוטיג בילד —<br>
איז ווען עס דערצעהלן טריי און מילד?...

# פריה׳

פון ווייטע זונען כוואליעס נאך אטראג,
און נאך א טאג, און גאך א כאג
און וואס איז זעקס, און וואס איז זיבן,
אַז יעדער איינס נאר ווייסט,
ער הייכט:
לעבן!..
לעבן!
איך ווייכ:
איך וועל נאך פאָלגן יעדער הייס,
איך וועל נאך הערן יעדער שאף
פון מינדסטן פינגער דיינעם —
אין גרויסער ווידערשפעניגקייט א קנעכט,
אין גרויסער הארנקייט א שקלאף,
אין פריידן און אין פיינען!
איך ווייס:
אן אנדער זוּליבערהאר,
א שר פון גאר אן אנדער ווילן
וועט זיך נים רוהיגן,
וועט זיך נט שטילן—
ער וועט מיך גרייפן אומגעריכט,
ער וועט מיין קלאר געזיכט
מיט בלענדעניש פארקליפן
און וועט מיך טרייבן
צו גלאנץ פון אויג,
צו גלוט פון ליפן...
נאר דיר, א כוּכ!
דער שווארצער פאן אויף דיינע שוועבנדיגע מאסטן,
אויף דיר
בין איך פון איצט שוין טריי,
ווי כ׳בין דיר טריי געבליבן,
מיין גרויסע פרייד, מיין שווערע לאסט,
מיין לעבן!...

## ביינוש שטיינמאַן.

# משיח בן יוסף.

### (דראמאטישע פּאָעמע).

## פּאָרשפּיל.

פינסטערע, שטיינערנע פעלדער, פעלזן-בערג. א פארגליווערטע וועלט, וואָס זאָגט עדות און פארציילט פון לידית מויזנטיאָריגע הערשאפט, ווען די זון איז שווארין געוואָרן, ווי אַ זאק, די לבנה — רויט ווי בלוט, די שטערן — דערשראקן און פארשוואונדן; ווען דער מענש האט זיין צלם אלהים פארלארן, א געהארכזאם קנעכט געווארן, א קנעכט, וואָס ווייס גאר זיין זאך און זיין האר. די שוויארין-בלויע לופט איז זול פינסטערן שווייגן, וואָס אין דעם פילט זיך דאָס אנקומען פון א שטורעם. פון די בערג-היילן, פעלזן-שפאלטן קוקן ארויס דערשראָקענע מענשליכע פנימער.

**איינער.** (אויסרוקנדיג זיך פון צווישן די פעלזן, אומקוקנדיק זיך ארום). גאָרנישט הערט זיך ניט.

**אַ צווייטער.** ס'אי שטיל.

**אַ דריטער.** קיין מוק.

**פערטער.** אך, ווי דער קול האָט געשריגן.

**אַ שטים פון א הייל.** רוקט זיך ניט אַרויס! וויַיזט זיך ניט ארויס! גייט אַריין אין איַירע באַהעלטענישן!

**איינער** (אריינשרייענדיג אין הייל). ס'איז שוין שטיל, אינגאַנצן שטיל.

**אַ צווייטער.** איר קאָנט אַרויסגיין פון איירע באַהעלטענישן!

**אַ שטים פון אַ זקן.** הערט זיי ניט, פאלגט זיי ניט: ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן נאָך זיַין!

**אַ צווייטער זקן.** אפשר האָט עס זיך, מיט א כיון פארבאהאלטן, כדי אונז צו פארנאַרן.

קיינער הערט אים נישט. ס'פאלק גייט ארויס פון די הייל, פריהער די יונגע און די פרויען, נאָכדעם די עלטערע.

**ס'פאָלק.** (דערשראָקן).

— טררררר האָט עס געשריגן, טררררר.

— פונקען זיַינען צום הימל געפלויגן.

— פונקען פיַיער.

— ווי עמיץ וואָלט הויפנס פונקען וואַרפן.

— וואָס קאָן דאָס זיַין?

— וואָס זאָל דאָס זיַין?

אַ זקן. די ערשטע צווי פון די צייכנס, פון די צעהן צייכנס.

אַלטע. וואָסערע צייכנס?

זקן. פון קץ.

אַלטע. פון קץ?!

איינער. וואָס וועט דאָס זײַן?

זקן. שלעכט וועט זײַן, שלעכט.

אַלטע. שלעכט?!

זקן. די וועלט קומט אום, ס׳קומט אום די וועלט!

אַ יונגער. און מיר?

זקן. און מיר מיט איר.

יונגער. פון וואַנען ווייסטו עס, זיידע?

זקן. פון מײַן זיידן. אַז איך בין נאָך אַ קינד געווען אָבֿ אומ, האָט ער מיר פאַרציילט פון דעם טאָג. (פריפעטיש) אין דעם טאָג וועלן ווילדע קולות צעהילכן די וועלט, די ערד וועט מיט פייער באַשפּײַען די הימלען, די...

אַ יונגער. (איבערשפּאַניג). איך גלויב ניט!

זקן. וואָס?!

אין דער זעלבער רגע צעשפּליטלט אַ דונער די בערג. ס׳פאָלק ווערט פאַרציטערט איינגעשרומפּן.

ס׳פאָלק. (שרייט) אָ-אָ-אָ!

זקן. איר הערט?

איינע נאָך די אַנדערע צערייסן בליצן דעם הימל.

זקן. איר זעהט?

אַ צווייטער דונער־שלאָג. אַלע פאַלן, בלייבן ליגן אָהן באַוועגונג. ס׳בליצט.

דער אַרײַנגאַנג אין לילית פּאַלאַץ. רעכטס און לינקס פון אַרײַנגאַנג צוויי פּיראַמידאַלע מענטשן־קעפּ. בײַ די פּיראַמידען צוויי זשאָלנירן. פון פּאַלאַץ גיסט זיך אַרויס אַ זונקל־רויט ליכט. אין עם דערטראָגן זיך פייער־געשרייען, באַגלייט פון ווילד מוזיק. ס׳פאָלק בײַם אַרײַנגאַנג.

ערשטער וועכטער. נאָך וואָס זייט איר זיך צונויפגעלאָפן אַהער, נאָך וואָס?

ס׳פאָלק. מיר דאַרפן זעהן די מלכּה, מיר דאַרפן זעהן די תּאוות...

צווייטער וועכטער. אַוועק פון דאַנען, אַוועק!

ס׳פאָלק. (גרויליג). זאָלן אונזערע דאָרן ניט באַרעכנען אויף אונז, זאָלן אונזערע האַרן ניט רעכענען אויף אונז: מיר מוזן זי זעהן.

ערשטער וועכטער. (לאַכט). כאַ, כאַ, כאַ, זיי מוזן זי זעהן.

ס׳פאָלק. (רופט). מלכּה, לילית, הערשערין.

ערשטער וועכטער. שטיל זאָל ווערן! (שטעכט מיט זיין שפּיז).

צווייטער וועכטער. אַוועק פון דאַנען, אַוועק!

ס׳פאָלק יאָמערט, קלאָגט און רופט.

לילית (ערשײַנט אין אַרײַנגאַנג). װער שרײַט דאָ? װאָס איז דאָ פֿאַר א טומל?

ס'פֿאָלק. (דערזעהט זי, דערפֿרײט זיך, רופֿט). לילית, מלכּה, הערשערין, לילית!

לילית. װאָס שרײַט איר, װאָס װילט איר?

ס'פֿאָלק. האָב רחמנות, דערבאַרים זיך, לילית!

לילית. נאָך װאָס זײַנט איר געקומען אַהער, און גראָד הײַנט, װען איך פֿײַער מײַן זיג? װען
עס װערט װי‑פֿיל יאָר װי אין הערש איבער מענשן און רעגיר איבער װעלט?

ס'פֿאָלק. מלכּה, הערשערין, האָב רחמנות, ערקלער אונז, גיב אונז צו פֿאַרשטײן: בלינדע
זײַנען מיר און מיר װײסן ניט און פֿאַרשטײען ניט...

לילית. שטילער! שטילער! רעדט און ניט אַלע מיט א מאָל. װאָס איז, װאָס איז געשעהן?

ס'פֿאָלק. מיר אַלײן װײסן ניט, מיר אַלײן. נאָר הײַנט באַגינען האָבן קולות געװאָרן פֿאַר-
הילכן די ערד. טררררר האָבן זײ געשריגן, טררררר. און פֿינקען פֿײַער האָבן גע-
נומען פֿליהען אין הימל. פֿונקען פֿײַער. װי ענליך װאָלט הױכע פֿײַער װאָרן.
נאָר װאָס דאָס איז, װײסן מיר ניט, פֿאַרשטײען מיר ניט, און צו דיר זײַנען
מיר געקומען איצט: ערקלער אונז, גיב אונז צו פֿאַרשטײן, זאָג אונז, זאָג...

לילית. (לאַכט). אָט װאָס עס האָט אײַך דערשראָקן! מײַנע פֿרײד-געשאַלן, מײַנע פֿײַער-
װערקן. דאָס איז דאָך נישט מער װי יום-טובֿ שפּילן. נישט מער. טאָ גײט
אײַך, גײט אײַך. (אַז ס'פֿאָלק רירט זיך ניט פֿון אָרט). נו?

אײנער פֿון פֿאָלק. (שרײַט פּלוצלינג) אָ! זעהט, זעהט!

צװײטער. װאָס איז?

דריטער. א פֿײַער אין הימל!

פֿערטער. גלײַך װי אַן אױג.

פֿינפֿטער. גלײַך װי א ליכטיגע אינזל.

זעקסטער. עס װאָרימט, עס ברענט.

זיבעטער. װאָס איז דאָס?

אַכטער. װאָס קאָן דאָס זײַן?

אײנער. דאָס איז דאָך זון

צװײטער. זון—זון

דריטער. דאָס איז דאָך זון!

פֿערטער. זון, זון!

פֿינפֿטער. אַמאָל האָט זי שײַנענדיג געלײַכט, געלויכט און געװאָרימט.

זעקסטער. דער זײַדע האָט דערצײלט, אַז איר פּנים איז גאָלדיג העל, פּורפּור-רױט.

זיבעטער. זעהט, זעהט, זי װאַרפֿט אין אַלע זײַטן שטראַלן!

אַכטער. בלאַנקע װי מעסערס, שפּיציגע װי שפּיזן.

נײַנטער. (גיט א קוק פֿון אױף איר און קאָן ניט), קוקן אױף איר קאָן מען ניט.

צעהנטער. קוקן אױף איר טאָר מען ניט!

אַלע. דאָס איז דאָך זון! זון!

זײ בלײַבן שטײן אָהן באַװעגונג, קוקנדיג אױף דער בלאַסער פֿײַערדיגער זון. לילית מיט איר מחנה ערשװינט.

אײנער פֿון פֿאָלק. זעה, זע!!

צװײטער. װאָס איז?

ערשטער. אָן דאָרט, זעהסט?

דריטער. װאָס, װאָס?

**ערשטער.** אַ פֿלעק, אַ פֿלעק!

**פֿערטער.** וואו, וואו?

**ערשטער.** ביים הימל-עק.

**זעקסטער.** אָך, יאָ. ער וואַקסט, דער פֿלעק, ער וואַקסט!

**זיבעטער.** סאיז ניט קיין פֿלעק, ס'אַ מענש.

**אַכטער.** אַ ווייסער מענש.

**ניינטער.** ער באַוועגט זיך, דער מענש.

**צעהנטער.** אָך! פֿאַר אים גלייכט זיך באַרג און טאָל.

**עלפֿטער.** פֿאַר אים לעגט זיך וועג און שטעג.

**צוועלפֿטער.** ער צילט אַהער.

**דרייצעהנטער.** ער גייט צו אונז.

**לילית.** (גייט עטלכע מאָל פֿאַרביי, קוקט זיך איין) אַ, דאָס ביסטו, דאָס ביסטו? אָבער נאָך וואָס ביסטו געקומען אַהער, נאָך וואָס? אָדער דו ווייסט ניט, אַז דיין אָרט איז דאָרטן אין דער הייך, אין הימל, ביי דיין גאָט, אַז דאָ בין איך די מלכה? אָדער ס'האָט דיר מיין פֿרייד-סאַלוט געוועקט, מיין פֿייערווערק גערעגט, אַז דו האָסט געוואָרפֿן ציילן די טרער?

**ס'פֿאָלק.** ער רעדט ניט דער מענש, ער שווייגט. ער שמייכלט נאָר, זיינע אויגן שמייכלען נאָר. ווער איז ער? ווער קאָן ער זיין? איך ווייס ניט... קיינער ווייס ניט. קיינער.

**לילית.** דו הערסט, קיינער דאַרף דיך דאָ ניט, קיינער: ניט איך, ניט זיי. זיי... זיי דערקאָנען דיך אַפֿילו ניט.

(ער קומט נעהענטער. די מחנה לאָזט זיך לויפֿן).

**לילית.** שרעקט זיך ניט, טעכטער, פֿאָרכט אייך ניט שוועסטער, ער האָט אַ טעות געהאַט, אַ טעות געהאַט און געקומען. כאָ נעמט זיך אַלע פֿאַר די הענט און זינגט מיט מיר און זאָגט נאָך מיר: העלע, געלע הימל מאַכט, מיר די טעכטער פֿון דער נאַכט דיך מיט שדים-שפּראַך באַשווערן, זאָלסט פֿאַריאָגט, פֿאַרוואָגלט ווערן אין די וויטסטע הימל-העלן, וואו דער „שוטה" כוט באַפֿעלן, און דו גולם, טוסט אים הערן, ציילסט און ציילסט דאָס קריגל טרערן... אַוועק!

(אַז משיח קומט נעהענטער, צעפּלעכטן זיך זייערע הענט).

**לילית** שרייט.

(זיי לאָזן זיך לויפֿן אויף אים פֿון אַלע זייטן, שטויסן זיך אויף אַן איטוויכבאַרן עיגול, פֿאַלן אויף דער ערד מיט אַ יאָמער און קלאָג).

**לילית.** אַ!

**כ'פֿאָלק** (דערקאָנענדיג) דאָס איז דאָך משי—ח! משיח! אונזער אויסלייזער! אונזער באַפֿרייער! זיין שליח! משיח! משיח בן דוד!

(זיי וואַרפֿן פֿאַר אַב זייערע קליידער).

**לילית.** (לויפֿט פֿאַראויס און רופֿט). משיח, משיח בן דוד! (שטילער) משיח, משיח, כ'האָב געלאַכט, כ'האָב געשפּאַכט, געלייגט, ווען כ'האָב געזאָגט, אַז קיינער וויל דיך ניט, אַז קיינער דאַרף דיך ניט. זעהסט, ווי דאָס פֿאָלק איז געפֿאַלן כורעים פֿאַר דיר, ווי עס באַגעגנט דיך, הערסט, ווי עס רופֿט צו דיר?! אויך איך, אויך איך רופֿ צו דיר: משיח, משיח בן דוד! ווייל איך האָב דיך ליב, משיח, ווייל כ'האָב דיך ליב. ווייל די אַלע לאַנגע נעכט, די אַלע שוואַרצע טעג

זיינען נאָר געווען אַ ביינקעניש נאָך דיר, אַ לעכצעניש נאָך דיר. אָ, ווי לאַנג איך האָב געוואָרט אויף דיר! אָפט פלעג איך שוין מיין האָפענינג פאַרלירן, כ'פלעג קלערן, דו וועסט שוין ניט קומען. און איצט ביסטו געקומען!

ס'פּאָלק. משיח, משיח בן דוד!

לילית (שטיל און לײַדנשאַפטליך). משיח, כ'וויל דיין ליבע, דיין כלה זיין. אין נדן וועל איך דיר ברייגען די עוד אין איר גאַנצן גלאַנץ און שיינקייט. איך בין אַליין דער ערדס אַ קינד. און, ווי זי, בין איך שוואַרץ און, ווי זי, בין איך שיין, דו זעהסט, איך לאָז פאַלן מיין שוואַרצע קלייד און אַנטפּלעק פאַר דיר מיין ווייס לייב. דו ציטערסט, דו ווילסט מיך! טאָ ווייליג איין. איצטער ביסטו נאָר דיין האַרס שליח, דו קאָנסט אָבער אַליין ווערן אַ גאָט, משיח, אַליין אַ גאָט. איך ווייס אַ וואָרט, וואָס קאָן צעשטערן אַלע זיבן הימלען, דעם כסא הכבוד איבערקערן און דיין גאָט טויטן. זאָג נאָר יאָ. איך וועל דיך דאָן באַקרוינען מיט זיין גאָלדענער עטרה, זיין זילבער-צעפּטער—אין דיין האַנט געבן. זאָג נאָר יאָ, זאָג נאָר יאָ... דו שווייגסט, דו ענטפערסט ניט, דו ווילסט ניט רעדן מיט מיר. ... אָ! כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי! משיח וויל ניט רעדן פאַרן המון. יאָ, יאָ. משיח טאָר ניט רעדן פאַרן המון. טאָ גיב נאָר אַ שמייכל, אַ גרעסערן שמייכל, ווי שטענדיג. און איכ'ל וויסן. איך וואַרט, איך קוק, איך זעה... אָך! דו האָסט זיך גאָר אַ קרים געטאָן, אַ קרים געטאָן! דו ווילסט מיך ניט, דו זאָגסט ניין. זעה, איך פאַל צו דיינע פיס, כ'קוש דעם שטויב פון דיינע טריט. (זי טוט עס) שטופּ מיך ניט אָפּ, שטופּ מיך ניט אָפּ! (משיח גייט פאַרביי).

ס'פּאָלק (שאַלט). משיח, משיח בן דוד!

לילית (שפּרינגט אויף). העכער רופט! העכער לויבט זיין גרויסן נאָמען!

ס'פּאָלק (ווײַבלט). משיח, משיח בן דוד!

לילית. ווער ער איז, ווייסט איר, צי ווייכט איר אָבער, וואָס ער האָט געבראַכט?

ס'פּאָלק. ער האָט ליכט געבראַכט!
ער האָט זון געבראַכט!
זון! זון!

לילית. ס'איז אָבער נאָך ניט אַלץ. ער ברייגגט ווידער גליק און פריידן, קערט אייך אום דעם פאַרלאָרענעם גן-עדן, און גרוסט דעם מענשן ווי אַמאָל.

ס'פּאָלק. לעבן זאָל משיח!
לעבן זאָל דער מלך המשיח!
לעבן זאָל!

לילית. יאָ, יאָ. מער נישט... נאָר...

ס'פּאָלק. וואָס נאָר, וואָס?

לילית. ... כ'האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן... ס'איז אַפילו ניט וויכטיג..

ס'פּאָלק. וואָס רעדט זי, וואָס זאָגט זי? שווייגט. זי וויל עפּעס זאָגן. שטילער רעד. מיר הערן דיך.

לילית. ... סאיז אַפילו טרויעריג, נאָר דאָס אַליין, וואָס אייערע קינדער וועלן פון דעם געניסן...

ס'פּאָלק. קלאָרער רעד, אָפענער רעד! מיר פאַרשטייען ניט.

לילית. ... זייט וויסן, פון דעם אַלעמען וועלן נאָר אייערע קינדער געניסן.

ס'פּאָלק. אונזערע קינדער? נו און מיר?

ליליט. איר וועט מוזן שטאַרבן.

ס'פּאַלק. וואָס? אָ, מיר דערקאָנען דיך, מיר דערקאָנען דיך, שוואַרצע לילית. דאָס מאָל ווילט זיך דיר אָבער ניט איינגעבן, דאָס מאָל וועסטו אונז שוין ניט אַוועקנעמען! ניין! ניין!

ליליט. איר גלייבט מיר ניט, כ'פּרעגט בײַ איר אַליין, זי מ'איין שוין ניט אַנבער! ער ט'איז שוין קיין ליגן ניט זאָגן. איך זעהס, ער שווייגט, ער לייקנט ניט, ער האָט ניט וואָס צו זאָגן אַיין. אים אַליין פאַרדריסט עס, אָבער אַזוי מוז שוין זיין.

ס'פּאַלק. פאַרוואָס?

לילית. ווייל איר האָט געזינדיגט.

ס'פּאַלק. זיינען מיר דען שולדיג געווען? אַז ס'איז נאָכט געווען, אַז ס'איז שוואַרץ געווען, אַז מיר זיינען בלינד געווע.

ליליה. יאָ, אָבער אַזוי מוז שוין זיין. און ס'איז שוין געווען איין מאָל אַזוי. נאָך אַמאָל, אַמאָל, ווען מען האָט אייך פון שקלאַוון-שטוב אַרויסגעצויגן און אין פרייהייט-לאַגער געפירט, זיינען אַלע אַריינגעקומען נאָר די קינדער, די יונגע... דער דור המדבר איז געשטאָרבן... איצט וועט ווידער זיין אַזוי.

ס'פּאַלק (אַנפּאַלנדיג אויף לילית פּיינטער). דו גלויבסט?!

לילית. יאָ.

ס'פּאַלק. (ברומט) אויב אַזוי, אַזוי, דאַרפן מיר אים ניט! אויב אַזוי, ווילן מיר אים ניט! ניט אים, ניט זיין זון, ניט זיין גאָט!

לילית (טאַנצענדיג מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ). אָט איז שוין דער גאַנצער הימל ריין. אָט איז שוין דער גאַנצער הימל בלוי.

ס'פּאַלק. שווייג! אוועק! אַניט וועלן מיר דיך מיט אים צוזאַמען פאַרשטיינען...

ליליה. וואָס, וואָס ט'איר געזאָגט?

ס'פּאַלק. נו יאָ, פאַרשטיינען, פאַרשטיינען! אַז מיר ווילן אים ניט. אַז מיר דאַרפן אים ניט. פאַרשטיינען! פאַרשטיינען! פאַרשטיינען!

(ס'פּלוהט אַ שטיין, אַ צווייטער. שטיינער פליהען אין משיחן).

שטימע. טאָ נאַ דיר! טאָ נאַ דיר! ס'אַזוי! רעכט אויף דיר! רעכט אויף אים! „אונזערע קינדער און קינדס קינדער״! נו און מיר?! אויב זון איז פאַר אַלעמען! אויב ליכט, איז פאַר יעדערן! ס'אַזוי! ס'אַזוי! ס'אַזוי!

לילית (שפּרינגענדיג פאַר פרייד). אהההאַ! פאַרשטיינט! פאַרשטיינט! איך בין ביי דיינע פיס געלעגן, געקושט דעם שטויב פון דיינע טריט. דו האָסט מיך אָפּגעשטופּט, משיח. דו האָסט מיך אָפּגעשטופּט! דו וואָלטסט אַפילו סיי ווי סיי געשטאָרבן, נאָר ניט מיט אַזאַ מיאוסן טויט, ניט מיט אַזאַ שרעקליכן טויט: דער בראַנד פון מיינע קושן וואָלט דיך טויטן, אין מיינע אָרעמס וואָלטסטו שטאַרבן... און איצט פאַרשטיינס, פאַרשטיינט, פאַרשטיינס!

ס'פּאַלק. ס'ווערט פינסטערער... ס'ווערט קאַלט... יאָמער זיך באַהאַלטן... ס'האָט מורא. אַן אימה ז'מיר באַפאַלן...

ליליה. משיח, די הערסט? און מאָרגן, מאָרגן פריה, ווען דאָס פאָלק וועט זיך אויפכאַפּן באַדיינקען זיך חרטה האָבן אויף דעם, וואָס עס האָט אָפּגעטאָן, ווען איך הייסן פונאַנדערנעמען די שטיינער, אַרויסשלעפּן דיין קערפּער און אײַנהילן אים אין הענכסטן אָרט, אַלע זאָלן זעהן, וויסן און געדיינקען! אין דיינע

אייגן, דײַנע הימל-שעלע, וואָס האָבן אזוי הייליג געשמייכלט. וועלן אויספּיקן די פייגעלען, די פייגלען פון דער לופט. און דיינע פיס, וואָס האָב אויסלייזן געצאַפּלט, און דיינע הענט, וואָס האָבן זון געבראַכט, וועל איך געבן צו די הינט, צו די הינט פון גאַס זיי וועלן עס בײַסן, שנאָרן און אויסשלעפן, ביז עס וועט זיי מיאוס ווערן. דאַן וועלן זיי עס אין מיסט פאַרוואַרפן, דיין ליכ-טיגן קערפּער, כּלה, דײַן קערפּער, וואָס עס האָט זיך געבאָדן אין הימל ליכט, אין זונען-שײַן.

(כ'ווערט פינצטער. די כלה [illegible] זיך אין פאַרצווייפלונג, די שטערן פאַלן אין [illegible] זיך).

לילית. נאַ, ערגער זיך ניט, מײַן כּלה, נאַ, פאַרכט אײַך ניט, שוועסטער! ס'איז שוין נאָך אַלעמען, נאָך אַלעמען: אונטער אַ קופּע שטיינער ליגט ער! דער באַרג איז הויך, די שטיינער שווער, ער וועט שוין ניט אויפשטיין, ער וועט שוין ניט קומען. (לילית טוט איר מתנה נעמען זיך פאַר די הענט, טאַנצן און זינגען, געבלאָזנדיג דעם קלאַנג פון די קלאָסטער-גלאָק).

כּלה. ער וועט שוין ניט אויפשטיין!
ער וועט שוין ניט קומען!
ווײַל ער איז פאַרשטיינט שוין,
ווייל ער איז פאַרשטיינט שוין...
ער'ט ניט קומען, ניט קומען, ניט קומען.

ערשטער שטערענדל. (ציטערנדיג) ער וועט נאָך קומען.

צווייטער שטערנדל. (דאָפּלינדיג). ער וועט נאָך קומען.

דריטער שטערנדל. (שטאַרבנדיג) מיר וועלן נאָך קומען.

נאַכט.

אשר שווארצמאַן.

# לידער.

(פון זיין ליטעראַרישער ירושה).

---

## פארנאכט.

ווען די זון זיך באָדט אין ים פון בליט אין מערב
און איוף שטילע פעלדער טויטע געלקייט ליגט צעגאָסן,
ציהען זיך פון ווייטן מזרח, ווי פאַרלאָזטע, ווי פאַרביינקטע,
יואָלקענס-בערג, ווי שטיקער שנייען, האַלב אין גרויען, האַלב אין רויטן...

. . . . . . . . .

וינקט די זון, נאָך איר די רויטקייט שטעהט נאָך לאַנג
אין ווארט פארצווייפלט —
ביז ציביכלאָכווייז צערינט זיך אין פאַרגעהט מיט טינקלער בלויקייט.
טוט פון וואָלקענס אָפּ זיך ס'ראזע, ווי ביים גוכס שיין פון פנים,
און איוף טיף פאַרזאָרגטע פעלדער פאַלט אָן ערנסט-שטילע גרויקייט...

## איך ווייס פון אַ זומער פארנאכט.

איך ווייס פון אַ זומער-פאַרנאַכט
און א דאָרף רויגיץ ווייט.
ס'האָט פון פעלד זיך געקערט שוין די פיה
און אַ טויאיגע באַגנדע רוה.
איז איוף טינקעלע היפן געפאַלן.
אויפן ווייט שווארצן וואלד
עמיץ טראָגט אַ רויט-פליושענע חופה אוועק
און פאַרגעהט אין פאַרשווינדט...

אויף דער שוועל פון אַ שטיב דרעמלען איינ׳עס
אַ קינד און אַ הונט.
און די נאַכט, אַזוי מליהענדיג-ווייס,
דאָרט פון טייך און פון יענער זייט מיל
קומט צו שווימען אין האַרצן צו מיר
און אַ האַנט שטרעקט מיר אויס,
ווי אַ שווימער אַ מידער צום ברעג.

## עס טרעפט זוי אָפט אין אנהויב-מאַי.

עס טרעפט זוי אָפט אין אָנהויב-מאַי:
די זון כאָטש שיינט, נאָר ווארימט שוואַך —
ס׳אַ ווינט, אַ שטויב, אַ גאַנצן טאָג
ניט רוהט זיך אָפּ די שטרוי פון דאַך –

דאַן עסט זיך ניט מיין קלוגן פערד..
פאַרבויגט וכוואָס איין הינטערשט פוס,
די אויגן דרעמלענדיג פאַרמאַכט.
ער שפיצט די אויערן אָ, און הערט...

און פלוצים ביי דער דון
טוט לייכט אַ ציטער אים די פעל.
און אָנגעדעקטער אין שינעל
ליג איך און דרעמל אויפן היי...

דער ווינט דורך שפּאַרעס קילט מיך לינד,
און דרימלענדיג זיך טראַכט: ס׳איז גוט,
וואס כ׳בין אַצינד ניט אויפן ווינט.

אויף טאַגעיורעס געגן קאַליש 1914

## די נאכט האט באדעקט מיך...

די נאַכט האָט באַדעקט מיך מיט פינסטערע פליגלען,
און ווידער מיך הילט לאַנג פאַרגעסענע רוה...
..און ס׳דאכט מיר אין סאַמע מיט-פעלד אויף די קניה
שטעהט עמיץ אַ גוטער און פליסטערט און בעט:
— מיין גאָט, אויב געוועזן איז דיין צאָרן אויף זיי,
ווען איצט דיין רחמנית ניט זיין נאָך צו שפעט.
דעם רייטער, וואָס בלאָנזעט פיינאַכט אָהן אַ וועג,

די דאָרפּישע פייערלאַך צינד אָן צוריק;
אין שטעטל, וואָס שטעהט דאָ פארפינסטערט און שטום,
אײַן זיכערן, לויכטענדן פענסטער קער אום,
אײַן יענע, וואָס טרעפן ביינאַכט זיך ווי פּײַנט,
צי ווייסטו ס׳געבעט, וואָס זיי ריכטן געהיים?
זיי פליסטערן שטיל: כ׳בין ניט שולדיג... גענוג!
קער אום מיך, מיין גאָט, צו פארלאָזענער היים!...
ווען ס׳איז שוין אין שייער קיין איינציגע שטרוי,
פאַרוואָס זאָל נאָך שטעהן ניט געאַקערט דאָס פעלד?
און אָרימע שטעטלאַך—אייסגעהן אָהן ברײַט
דערפאַר, וואָס די וועגן מיט מורא פארשטעלט?...

1915. פריהלינג.
אויף די פּאָזיציעס אין פּוילן.

# און ניט נאָר דיין שייער...

און ניט נאָר דיין שייער וועט שטעהן אָהן אַ דאַך,
אָהן טיר און אָהן פענסטער צעבראָכן דאָס הויז—
קיין זאַנג וועט ניט בלייבן צו זעמן אַ מויז
ביי דעם, וואָס געוועזן איז מיט ברויט-סטערטעס רייך.

דיין פאָלק ווערט צעפאַלן, ווי האָלץ, וואָס צעפוילט,
אַזוי ווי פון מאָל אַ צעגערענעס קלייד,
דערפאַר, וואָס מיין פאָלקס אומגעהייערע לייד
האָסטו דיר געמאַכט פאַר אַ פרייד—

דערפאַר, וואָס אַכזריש די טיר האָסט פאַרשפאַרט,
ווען ס׳קינד אַ געיאָגטס איז געלאָפן, פאַרשמאַכט,—
צו קולות פון וועהטאָג, צו וועהטאָג פון שאַנד
האָסט חוצפה׳ש געלאַכט זיך אין האַנט —

ווי ס פייכקייט פון קלייד טריקנט אויס קעגן ווינט,
וועט ביסלאַכווייז אויסגעהן דיין ערדישע קראַפט
און אויסגעבערעכט וועסטו פון פעלקער אַרויס
ווי אַ פרוכט אָהן איר זאַפט...

און טרויעריג שטיל וועט דיך בייגעהן מיין פאָלק,
ווי צעהנדלינג פאַרגאַנגענע פעלקער פאַר דיר,
און טראָגנד אַ יאָך, נאָ פון דיינעם מער שווער,
ווייטער געהן, ווייטער געהן...

1915 פריהלינג,
אויף די פּאָזיציעס אין פּוילן.

## זיי דא מיט מיר...

זײַ דאָ מיט מיר,
אין שטילער נאָהענטקייט מיט מיר —
און זײַ די ווייט פון מײַנע נאָמענלאָזע צילן,
די טונקעלקייט פון מײַנע בלאָנזענדע געפיהלן.

דײַן קערפּעס ליטערער געזאַנג
פאַר האַרצענס קימענדיגער עלטער —
ווי רוהע-קלאַנג
בײַם טונקל-רויטן זון-פאַרגאַנג
אויף מידע שלאַכטן-פעלדער.

אין שטילער אומעטקייט נאָך שלאַכט
האָט שוואַרצער אָדלער פון פאַרנאַכט
דעם קאָפּ ביז האַלז פאַרטונקען,
פון אויסגעשפּרייטן רויטן האָריזאָנט
דאָס בלוט צו טרינקען...

נאָר דאָ מיט דיר,
אין שטילער נאָהענטקייט מיט דיר
מיך ציהט נאָך ערגיץ-וואו צו נאָמענלאָזע צילן,
מיך וויגט נאָך איין אַ טונקעלקייט פון בלאָנזענדע געפיהלן.

## מיין ברודערס ליפּן בלויליך געל...

מײַן ברודערס ליפּן בלויליך געל
און ציטערן... דעם לעצטן ציטער.
וועט עמיץ קושן זיי אחוץ זײַן מוטער?

מײַן ברודערס האַנט פאַרגליווערט ווערט
און וויל די ערד אומאַר'מען,
וועט אפשר עמיצער זי אויף זײַן ברוסט דערוואַר'מען?...

מײַן ברודערס פוס איז אָפּגעדעקט,
פאַרבלוטיגקט און אין קויט,
און שטיל קוקט איר זיך איבער: טויט?...

אָ, ניין!
פון אַלץ, וואָס אײַך באַטריבט,
ז'מיין ברודער ריין.
אַ זון-באַשײַנטער ריז האָט ער זיך אויפגעשטעלט
מיט אויסגעשפּרייטער האַנט אויף גאָרער וועלט...
אַ גרויס בלוי-שווייגן איז אַצינד זיין היכל
און ס'אין זײַן זונענבליק פאַר אַלעס מוחל, מוחל...

# אין טריבן מענשן־לאַנד.

אין טריבן מענשן לאַנד,
פאַר דעם, וואס פאַלט שוין אונטער לאַסט פון פּלאָגן,
וואָס קאַן איך זאָגן ?
פאַר דעם, וואָס קילט מיט אַש
דעם וועה פון זיינע ליידן,
וואָס קאָן איך ריידן ?
מיט איינעם קלייד אויף מיינע לענדן,
מיט קאָפּ אָנטבלויוט,
מיט בלוט,
וואָס אין מיין האַרצן ברויזט,
וועל איך צו וויסטעניש זיך ווענדן...

— — — — — — —

די הייל וועט זיין מיין וואוינונג פון ביינאַכט,
און ווירבלווינט און מדבר-זאַמד מיין חבר פון בייטאָג..
און כ׳וועל אין לאַנד
צוריק נים קערן
ביז וואַנען
איך וועל דאס אויסלייז-וואָרט דאס פולע ניט דערהערן...

1919! אפּריל, קיעוו.

## פרץ מאַרקיש.

# לידער.

### ביים ברונים.

I.

מיר ווייסןביידע,
מיר ווייסן ביידע
פון שוואַרצע קראַנען,
וואָס רעגנען רעגנס...
און קאָנען אַלץ זיך ניט דערמאַנען
וואו דער וועג איז,
וואו מע געהט דאָ...

מיר ווייסן ביידע,
מיר ווייסן ביידע,
אַז טאָג שמירט אָן זיך לײַב מיט אײלן...
און קומט נאָך אַלץ ניט זעל צו זעל אָן
און קאָנען אַלץ זיך ניט צעשיידן...

און שאַרפסטו, חלף, אָן מײַן מויל אָן,
און פּאַלסט אויף מיר אַ שכור־שבײ דאָ,
דאָ רופן אונז פון בערג די היילן

צו דער עקידה...
מיר ווייסן ביידע...

און אָט איז האָלץ און אָט איז קוילן,
נאָר לעמעלע נאָך ניט איך זעה דאָ...
מיר׳ן זיך קיינמאָל ניט דערציילן!...
און ווייסטו, ווועמעס איז געשריי דאָ ?
מיר ווייסן ביידע,
מיר ווייסן ביידע...

## II.

ביינאַכט, ווען מיינע אויגן דרימלען איין אַ דרימל,
ווען ביים ניט-זיין פאַרגליווערט בלייב איך אינ׳ם פלאָג,
געהט מיין נשמה אויף צו דיר אין לעצטן הימל
און שטילערהייד דאָרט מעקט מיר אויס אַ טאָג...

און שטיל, געהיים זי בלייבט דאָרט פאַר מיר באָרגן
מיט אַ געזאַנג פון ווייטן, פון אַ שטומער קלאָג:
— צוויי אויגן העל, אַ זון א מאָרגן,
און שרייבט מיר שטילערהייד נאך צו אַ טאָג...

פאַרפלאָנטערט האָט זיך מיין נשמה היינט אין ריינע שטראָמען,
זי ווייסט נים ווער דו ביזט, זי ווייסט ניט ווי ז׳דיין נאָמען,
און דרייט זי זיך אַ פליגל אים אין ווינט פון שטומען.וועה...

היינט אויסבעטן ביי דיר אַ זון, אַ טאָג, אַ לעבן;
איב מיין נשמה וועט צו דיינע טריט דערשוועבן,
וועט זי פאַרמעקן „איינעם" און פאַרשרייבן „צוויי"...

## III.

כ׳בין חבר מיט מיין טויט...
כ׳האָב אים אַן אָרט געשיינקט אין מיינע אויגן,
כ׳האָב אין מיין האַרץ
אים אַ געלעגער אויסגעבעט...

איך האָב אים אָפגעזבונדן
פון דער קיים...

אין זאָל ער איבער מיינע קניפּנדיגע אַנגלען געהן
— מיין טויט — בין איך אַליין !...

ניט איך די אויסוועגן פאַרשטעל דיר, —
דאָ וואַקסן נעכט, דאָ בלאָנזען וועלדער...
— אַ יונגלינג, שטיל ביי זיים איך געה מיר,
נ׳שוין אַזוי נאָהענט זיינען בוימער,
און ווייסטו ניט וואָס נאָך איך וואַרט ?...

איך האָב דיך אויסגעזראַכט !...
כ׳האָב דיך פאַרנאַרט
דורך בלויען אָדערן-געדרעה
צו סאזשעלקעס די צוויי
פון מיין צעאַקערט-זידדיגן קאָפּ,
— אַראָפּ !

## IV

מיין אייוון האָט איין אויג, — אַן אלטע מכשפה, —
גלייך ווי אַ קוואָטשקע זיצט אין שטוב ביי מיר פארשפאַרט,
איר ברעם איז — אש, איר זעהן איז — שׂרפה, —
זי ווארפט מיר קאָרטן פאַרן שלאָפֿן אלע נאַכט ...

כ׳בין נייגיריג, כ׳בין גיריג, כ׳האָב ליב וויסן,
זיך אַלצדינג טרעפן, וואָס וועט זיין מיט מיר פאראויס, —
און זיץ איך זיך — אַ קינד ביי איר צופוסנס,
און קוק, ווי קאָרטן לעגן שטום זיך פאר מיר אויס ...

מיר שטענדיג פאַלן רויטע קאָרטן — פיינטלאך,
נאָר ווערים רויטע, גלעקלאַך פאַלן אויס,
— אויף איינציגע צעפאַלן זיך די ביינכלאַך,
געשוואָלענער און גרעבער ווערט די טויז ...

און פלאַקערן אין אויג ביי איר די שייטלאך,
צעכראַסטעטע אין בלוטיג-רויטן רעש;
און בקעטערן זיך פייערדיגע זייטלאך, —
פארשריבענע, געחתמעטע מיט אַש ...

## ט ש א ט י ר ד א ג.

גייען קוועלעכלאַך ביינאכט ארויס דעם טשאטירדאג באַזינגען און באליבן,
און אויף די גרינע טאָלן זיך ביי אים רשות צו בעטן;
— „מיר גייען איצט פון דיר אויף וויינגערטנער אויף טרויבן,
נ׳ווי פינגער שמעקעדיגע, זינגענדיג זיין לייב זיין שטיינעריגס זיי גלעטן ...

„מיר גייען אַנטרינקן דיין לאנד און דיין מדינה,
די רויטע פערשקעלאַך אויף צווייגן דארשטיג זיינען;
מיר גייען אָפּפרישן די וויינטרויבן, די נאכזיש-גרינע
און אלע וויינטוויבדיגע טאָלן, אַלע גערטנער זיינען דיינע ...

„דאָרט מיידלאַך באָרוויסע, ווי אינדן יונגע, אויף אונז ווארטן,
כיט אונז די אָפּגעבראנטע לייבער פון ביינאכט באשמעקן,
דערנאָך מיט טרויבן-שניידערס אויסקייטלען די בוימלדיגע הענט;

„די ארבעט אויף די גערטנער שוין געענדיגט פון פארנאכט אן“, —
— אין קאָנען קוועלעכלאך דעם טשאטירדאג מיט לידער ניט דערשרעקן,
וואָס שטייט פאַרטואַכט מיט טויבן-קאָפּ צו שוואַרצע וואַסערן געווענדט ...

און גנבענען אליין זיך קוועלעכלאַך צו וויינטרויבדיגע טאָלן עטיך ארויס,
ווי כלות זילבערנע, וואָס טשאטירדאג מיט כשוף האָט געפאַנגען;

זיי קושן זיך מיט צווײַגלאך שטיל. זיי רעדן זיך די הערצער אויס
אין ציהען מיט זיך לאנגע שנירעלאך לבנהשע געזאנגען ...
אין זינגען קוועלעכלאך אויף גלעקעלאך, אין שפילן רינשטאקלאך אויף טאַצן,
אין יעדערס זוכט זיך אָפּ זיין צווייג, און יעדערס זוכט זיך אָפּ זיין ביים,
אין יעדערער דערציילט מיט ביינקשאַפט זיין געליבטן פון געפענגענישער היים,
ווי ס'לעבט זיך דאָרט אין טשאטירדאגס פארפיצטע אינטערערדישע פּאַלאַצן ...

פאַרמאָגט דער טשאטירדאג בײַ זיך פּין ווײַן א בושפדיגן שטיין,
אַהינצו לאָזט ער קיינעם ניט ארײַנגעהן, ---
אין נאָר־ביינאכט קומען צוגעהן זיינע געפאַנגענע אהין;

פארטלעפערן איב שטיל, פארזויגן איב דעם אלטן קאָפּ מיט בארגישע געזאַנגען,
אין שוין ווי זויגערנס אויף טאלן, נידערן אראפּ אליין,
ווען ווײַנטרויבן נאך קינדער זיינען, און ווען צווייגעלאך נאך זיינען גרין ...

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי.

# דאָרשט.

I.

איין טראָפּ, צוויי... נאָך... נאָך...
שוין איבער קעפּ,
שוין איבער דעכער,
נאָר ס'איז ניט העכער,
נאר ס'איז ניט העכער!
ווייַט דער הימל,
ווייַט...
אונטער וואָלקן,
אונטער אייביגקייט...
און שוואַך די הענט,
און קורץ די גלידער,
און כ'פאַל אַרונטער,
און כ'פאַל אַנידער
פאַרן הימל
און פאַרן ווייט,
פאַרשטעל דעם פּנים
פול מיט שאַנד
פאַר עפּעס פאַר אַ האַנט,
אַ שווערע האַנט...

II.

מיט ווייכע, ניט געפּרובטע גלידער
איבערן תהום...
צייַטן בייַטן זיך אין בייטן,
כ'ווער ניט עלטער,
און איך וואַקס ניט,
און איך שטאַרב ניט איך...
איבער תהומען,
איבער פייַערדיגע פלאַמען
לויף איך איבער,
שווים אַריבער
אינ'ם רויך...

III.

דורכגעפּיבערט איבער לופט,
צערונצעלט זיך אויף ווענט,
אַריינגעקוקט אין פענסטער,
אַ בּינטל נעכטנס ט'אָנגעבּראַכט
די נאַכט..
האַלב נאַקעטע,
האַלב טויטע,
אין שטעט פאַרשלאָסענע,
פאַרבּויטע,
יאָרן שוין ווי שניי צעגאַנגענע,
און פנימער מיט צייט פאַרהאַנגענע,
דורכגעפּיבערט איבער לופט,
צערונצעלט זיך אויף ווענט,
פאַרשוואונדן אינ'ם פענסטער...
פון וואַנען ? אין וואוהין ?
איר קינדער פון דער פינסטער!?

IV.

איך פרעג מיט פּיס,
איך פרעג מיט טראָט
בּיי אַדערן פון שווייגעדיגער ערד :
וואו בּיזט בּאַהאַלטן ?
וואו איז דיין סוף ? דיין אָנהויב ?
דיין וואָג? דיין מאָס ?
איך פרעג מיט פיבּער-ציטעריגע פינגער
בּיי דיין לופט-געוועבּטן קערפּער,
און כ'הער זיך צו צום נאָמען,
וואָס זאָגסט מיר
דורך וואנדעריגע קלאַנגען,
דורך ווינטן-שטראמען —
נאָר כ'קען נאָך ניט דיין לייב,
אָ, זיידע-קינד!

V.

בּלעכלאַך קלינגען...
בּלעכלאך קלינגען...
אין הויט פארצאמט,
אין קלייד געפאַנגען.
קלינגען, קלינגען מיר אין זיי...
דאָס קלייד אין זיי געפּוצט,

דאָס האַרץ אין זיי פאַרטויבט,
הענט, ווי קנעכט, גלעטן זיי און גלעטן...
בלעכלאַך קלינגען,
בלעכלאַך קלינגען...
מחנות פליגן קומען הערן עס,
און בערג מיט שטויב ברענגט אָן דער בייזער ווינט צו זיי,
מאַכט אונז די אויגן בלינד
און מאַכט אונז בלינד...
בלעכלאַך קלינגען,
בלעכלאַך קלינגען...
הודעדיגע פליגן געהען טאַנצן...
עמיצער שטאַרבט אין הויט פאַרצאמט,
עמיצער שטאַרבט אין הויט געפאַנגען...

VI.

אויף מיין יומטוב קומען טויבע
פאַטשען מיט די הענט...
ברענגען שטיינער, האַרטע, גרויע,
ווי די אויגן, ווי די שטומע,
ווי די האַרטע ווענט...
שריי איך זיי אַ וואָרט אין אויער
און די ציינער האלט פאַרפרעסט.
קוקן זיי, ווי טויבע שטיינער,
מיינע געסט...

VII.

אַ טרוקענער, אַ דאַרשטיגער ליגט מיין קרוג.
און איך געה אים איבער די גאַסן,
און איך זוך אַ טראָפּן וואַסער,
און איך געה אויס,
און איך געה אויס
נעבן מיין קרוג.
לעג איך מיינע ליפּן
צו די וואָרצלען פון די בוימער,
ציה איך זיך מיט אויגן און מיט מויל
צו רעגנס פונ׳ם הימל,
און עס דעקט מיין קרוג אַ שימל
און ביטער איז מיין צונג פון וואָרצלען פון די בוימער,
און דאָרשטיג איז מיין מויל,
און מיד זיינען די אויגן צום הימל קוקן...
און כ׳זוך מיין קרוג
און ער איז טרוקן...

# שטאָט.

I

שווימענדיגע קעפּ, און שפּאַנענדיגע פיס
און אײַליגע באַוועגינגען פין הענט...
איך זעה ניט קיין געזיכטער
מ׳קוקט אַראָפּ,
מ׳זוכט אַן אָרט
אויף שטעלן דאָרט
אַ טראָט...
נאָר איניגע, געציילטע
לאַנג-געוואַרטע
שיקן מיר אַ פרעגעדיגן בליק
פין אונטן איף אַרויף
און שפּאַנען הפקרדיג אָהן שרעק
צום גאַס צום עק...
און ס׳רעדט די גאַס מיט צעהנדליגער מיט פאַרבן
וואָכעדיגע, יומטובדיגע, —
כ׳קאָן זיי קוים באַנעמען
מיט פאַרבן-קולות
און מיט קולות-טריט.
וואָס האָבן ניט קיין נעמען.
וואוהין? נאָך וואָס? פאַר וועמען?
מיט אַן אייביג ריידעוודיגן מויל
און מיט אַן אייביג וואַכנדיגן לעבן
וויל די גאַס קיין ענפער מיר נישט געבן...

II

איף דײַנע פינקעלדיגע פלעצער
בלאָנזעט אום אַ קינד
מיט וואַקלענדיגן טראָט,
האַלט אַ גאַנצע וועלט אין האַרצן.
ווייסט ניט וואָס עס האָט...
אין דײַנע דורכזיכטיגע שפּיגלען זײַנען טויבע,
הערן ניט קיין איינציג קלאַפּ
פין יונגן האַרץ
פון קינד,
וואָס בלאָנזעט אום אויף דײַנע ראָגן...
די קעפּ די מעשענע פון דײַנע געטער
און דײַנע אויסגעלאַסענע הענט

האָבן אים פּאַרקישט, פאַרגלעט
און איינגערעדט
דיך ליבן,
אין דיינע פלאַנטערדיגע ראָגן
אָפּגעבן זיין גוטס און גאָבן
און צעשיטן און צעזייהען
אין דיינע טונקעלע אַלעען,
קניהען
פאַר די ווייסע קערפּערס פון די פרויען,
די פאַראייביגטע אין ווייסן מירמל-שטיין,
דיינע שווימענדיגע גרופּעס
פון די דורכגעהער און סלופּעס
מיט די טויזנט, טויזנט מיילער
אין די גלאַנצעדיגע דילן
און די רופנדיגע שפּיגלען,
האָבן אויפגעשטעלט די פליגלען,
פרישע פליגלען פון׳ם קינד...

ל. רעזניק.

# לידער.

I

און איך פאַרבויג מײַן קאָפּ,
מײַן גראָווע קאָפּ,
פאַר אַלטע און פאַרהאַקטע טויערן.
איך לאָז אַראָפּ
מײַן גרינגע לאַסט,
מײַן לעצטן ביסל האָב
בײַ שווערע אײַנגעשפּאַרטע מויערן,
און וואַרט שוין אינטערטעניג דאָ
אויף לעצטער שעה.

געקלונגען האָט מײַן קייט,
מײַן גאָלדנע קייט,
אויף וואו אַ וועג נאָר אַ פאַרשאָלטענעם.
זיך אָפּגעלייט
האָט רינג נאָך רינג,
און איצטער בין איך גרייט
צעשיטן לעצטע רינגען גאָלדענע,
און אויסשטרעקן באַפרײַטע הענט
צו פרעמדע ווענט.

און מאַכט זיך ווען אַ בליץ,
אַ גרינער בליץ,
באַפלאַמען ט׳חרבע וועגן פון מײַן לאַנד, —
וועל איך שוין איצט
אין ווילדן טאָל
פאַרוואַרפן גרינעם קריץ,
אַ בלינדער טוליען זיך צו פרעמדער וואַנט,
און וואַרטן אונטערטעניג דאָ
אויף לעצטער שעה.

II.

צעעפּן איך מײַן אויג
אויף גרויער וואַנט,
און לייען שלעפּעריג און פויל
דעם סוף פֿון נאַכט,
וואָס האָט אין וועלטן זיך פאַרטראַכט
און דריקט זיך דאָ
אויף גרויער וואַנט.

*

מיט קאָפּ אין קאָלדרע איינגעדעקט —
פאַרנעמט מײַן אויער פון דער ווײַט
דאָס סקריפּען פון אַ װעלט,
וואָס דרעהט זיך אום
פון זײַט אויף זײַט,
און טוט אַן עפן אויף אַן אויג,
און כאַפּט אַ קוק,
ווי הימל העלט,
און רודערט זיך דערנאָך
די גאַנצע צײַט
ביז גרויסן טאָג.

*

איך ליג און הער מיך אײַן,
מיט קאָפּ אין קאָלדרע אײַנגעדעקט.
מיך געהט ניט אָן
די גאַנצע שפּיל
פון גרויער שײַן,
פון שאָטנס, וואָס צעשווימען שטיל.

*

אַ נאַכט דערגעהט,
פאַרכלינעט זיך
אין לויטרער ווײַט, —
אַ יונגער מאָרגן
הילכט אין וועלט אַרײַן
און רײַט.
מיך געהט ניט אָן
די גאַנצע שפּיל.
איך קוק מיר הינטערוויל
אויף גרויער שײַן.

III.

איך זוך שוין ווידער ד'רכלויכטן געשליפענע
פון אָפּגעבליאַקעוועטן גאָלד
אין קאַלטן פלאָנטער פון די בוימער-שפּיצן,
בשעת פאַרנאַכטיגן ניט וויסן וואָס צו טון.
עס וועט שוין היינט אַ הושכדיגע נאַכט
יך טוליען צו צעלעגטע פייַערן
און איַינשלאָפן געשמאַק אין קעלט
פון פעלדישע פאַרטאָגעדיגע שעהן.

איך געה שוין ווידער אום'גט אַ דערשלאָגענער
פון בלייכע אויפגאַנגען,
וואָס צאַפּלען זיך אין ווינטיגן פאַרטאָג,
און צאַפּלען אויס אַ זון, אַן-איין-און-איינציגן,
אויף אַלע אויסגעטראַכטע וועלטן
פון מיַין קוים דערוואַרטן טאָג.

אין טומלעניש פון ביז פאַרנאַכט
בין איך שוין איינגעוועבט אין בלויען אומעס,
אין אומעט פון אַ זון אַן איינזאַמער,
וואָס שלעפּט זיך אום
אַרום מיין לעצטן גלעזערנעם געצעלט.
און ערגיץ לאָקערן שוין רעגנדיגע מאָרגענס
אויף פאַנגען זי, מיַין זון די איינציגע,
און קאַפּען פון איר טעגוויַיז טריבע גלאנצן,
און קאַפּען, קאַפּען איבער ברונימעס פאַרכשופטע -
אין ליידיגן, אין אויסגעווייקטן פעלד.

איך קוק שוין ווידער אַ דערשלאָגענער
אויף דורכלויכטן געשליפענע
פין אָפּגעבליאקעוועטן גאָלד.

# אַ בבא־מעשה

## אדער

# די מעשה מיט די מלכים.

אַ מאָל איז געווען אַ מלך. אַ מלך, ווי אַלע מלכים, מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ און מיט אַ שטול אויף צום זיצן, און מיט אַלע אייגנשאַפטן און מיט אַלץ, וואָס ס'געהער צו מלכים. איז דער מלך יענער קראַנק געוואָרן. זײַן קראַנקהייט איז באַשטאַנען: — ער האָט פאַר זײַן קרוין און זײַן שטול געציטערט, ער האָט אין זײַן מלוכה און אין זײַן פאָלק נישט געגלויבט און אויך זײַנע האַרץ און זײַנע נאָהענטע נישט געטרויעט. פלעגן זיך אים באַשטענדיג אין אַלע נאַכט סמען און שאַרף-שווערדן חלומען, פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן, מרידות און איבערקערענישן גרויסע, פלעגט ער באַשטענדיג און אין אַלע שלאָפן וויסטע שרעק-זעהענישן זעהן, וואָס פלעגן אים אין קעלט און אין היץ וואַרפן, פלעגט ער זיך פון זיי אין דער מיט אויפכאַפּן, און קיין מאָל קײַן נאַכט אין קיין שלאָף נישט אויסשלאָפן. האָט מען צום מלך אַלע רופאים פון זײַן מלוכה און אויך די רופאים פון אַנדערע מלוכות גערופן, האָבן זיי אים באַטראַכט און באַקוקט, די רופאים, האָבן זיי אים אויסגעהערט און אַרומגעקוקט, און יעדערער האָט אים אַ פאַרשיידענע רפואה פאַרשריבן. האָט דער מלך יעדן רופא געפאָלגט און צו יעדער רופאס עצה זיך צוגעהערט, און אַלץ געטאָן, און וואָס זיי האָבן געהייסן טון, און אַלע רפואות זייערע אײַנגענומען, ווי ס'דאַרף צו זײַן, אײַנגענומען — און דאָך בײַם פריהערדיגן, אײַנגעפאָלגט, און דאָך בײַ זײַן שלאָפקייט געבליבן.

האָט זיך דער מלך אין די רופאים און אין די רפואות זייערע מיאש געווען, האָט ער זיי צו נעמען אויפגעהערט, די רפואות, האָט ער זיך צו שפּרעכער און צו הייליגע געקערעוועט, צו די פרימסטע און באַוואוסטע פון זײַן דור, און פון זײַן מלוכה און אויך פון אַנדערע, און אַלעמען צו זיך פאַרבעטן און פאַר יעדערן זײַן האַרץ אויסגעדערציילט, און בײַ אַלעמען און רחמים געבעטן, זיי זאָלן פאַר אים און פאַר זײַן געזונט זיך מיהען. האָבן זיי אים צוגעזאָגט, די שפּרעכער און הייליגע, האָבן זיי זיך יעדערער אויף זײַן שפּראַך צו זײַן גאָט זיך געקערעוועט און פאַר אים געבעטן, האָבן זיי אים מיט אַלערליי שפּראַכן געשפּראָכן, מיט אייגענע און וואָס האָבן אַליין געוואוסט, און אויך מיט פרעמדע, וואָס האָבן זיך בײַ אַנדערע אָנגעצפּרעגט, — און געמיהט זיך פאַר אים און אײַנגעשטעלט, און איז האַלבע נעכט האַלבע-נאַכט-תפילות פאַר אים אָפּגעריכט, און מיט אַלץ, וואָס מעגליך נאָר, אים העלפן געוואָלט, און דאָך — אים נ י ש ט געהאָלפן.

איז אַזוי אַ צײַט אַוועקגעגאַנגען, און דער מלך האָט זיך געעלטערט, און דער מלך

האָט זיך פֿון זײַנע כּוחות אַרויסגעשלאָגן, די האָר פֿון זײַן קאָפּ האָבן אים גראָהען גענומען, און דער קאָפּ אַליין האָט זיך שוין שוואַך געהאַלטן. איז דער מלך זעהר אומעטיג געוואָרן, אומעטיג און פֿאַרטרויערט און קײַן עצה און קײַן טרייסט שוין נישט פֿאַרנומען, און אָפּגעלאָזן און פֿאַרצווייפֿלט און אין זײַן געזונט און אין זײַן געזונט-ווערן שוין נישט געגלויבט, — און אַזוי אין נישט גלייבנדיג, און אַזוי און אין יאוש שוין אַרײַנגעפֿאַלן, האָט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, פֿאַרטרויערט און פֿאַרקלערט, אַליין מיט זײַן זאָרג און אַליין מיט זײַן יאוש-פֿאַרזאָרגטקײַט פֿאַרבראַכט.

נאָר איין מאָל, ס'איז אַ פֿאַרנאַכט געווען. דער מלך איז דאַן אין זײַן פּאַלאַץ און אַליין אין אין זײַן צימער געזעסן. האָט זיך פֿלוצלים זיין פֿון טויער פֿון פּאַלאַץ אַן אָרימער בעטלער באַוויזן, אַן אָפּגעריסענער און אַ פֿאַרהאָגלטער, און פֿון לאַנגען אומגיין און פֿון לאַנגען וואַנדערן פֿאַרשטויבט, און אויף די פֿיס אים קײַן שיך נישט, און אין זײַן האַנט נאָר אַ שטעקן אַ גרויסער. האָט ער זיך צום טויער צוגעשלאָגן און צום טויער-היטער זיך געקערעוועט: „ער וויל צום מלך אַרײַן, ער דאַרף צום מלך האָבן ...“ און אַז דער היטער האָט זיך געקווינקלט אין דעם בעטלער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס באַטראַכט, זײַן אָרימקייט און זײַן פֿאַרהאָגלטקייט געזעהן, און אים צו אַרײַנצולאָזן צו ניין, זיך געשעמט, — האָט דער בעטלער דאָס פֿאַרשטאַנען, האָט דער בעטלער דעם היטערס זעובן-זיך געזעהן, האָט ער זיך צו אים געקערעוועט און אַזוי געזאָגט זיך, צו אים קערעווענדיג:

— קוק נישט אויף מיר, היטער, און זאָל מײַן „חולך“ דיך נישט אַרן, גיי און זאָג: „אַ בעטלער וויל דעם מלך זעהן, דער בעטלער האָט וועגן מלכס געזונט צו זאָגן“...

האָט דער היטער דאַן געפֿאָלגט, איז ער אַוועקגעגאַנגען און וועמען מ'דאַרף דאָס איבערגעגעבן, און איין דינער האָט דעם צווייטן, און אַ נידעריגער האָט אַ העכערן דאָס איבערגעלענטערט, און אַזוי העכער און העכער, און ביז ס'איז צום העכסטן אָנגעקומען, און דער העכסטער האָט דאָס דעם מלך איבערגעגעבן, און דער מלך האָט „אַרײַנלאָזן“ באַפֿוילן.

איז דער בעטלער אין פּאַלאַץ אַרײַנגעלאָזן געוואָרן און אין מלכס צימער אַרײַנגעקומען. האָט ער דעם מלך אויף זײַן שטול און פֿאַרטרויערט, און פֿאַרנאַכט און אין פֿאַר-אומערטקייט געטראָפֿן, האָט ער זיך בײַם אַרײַנגאַנג און בײַ דער שוועל פֿאַרבייגן, האָט ער שטיל געקניהעט און, דעם מלך כּבוד אָפּגעגעבן, און דאַן און אָפּקניהענדיג, און דעמאָלט און פֿאַרן מלכס שטול און פֿאַר זײַן שווײַגנדיגקייט געגנעהענדיג, האָט ער זיך אָנגערופֿן און אַזוי געזאָגט:

— גרויסער מלך! כ'האָב וועגן דיר און וועגן דײַן שלאַפֿקייט געהערט, ווי מ'האָט דיך געהיילט, און ווי ס'האָט דיר נישט געהאָלפֿן דאָס היילן, בין איך איצט צו דיר געקומען און דיר אַ רפֿואה געבראַכט.

— און אין וואָס באַשטייט דײַן רפֿואה?

— אין אַ מעשׂה און אין אַ לאַנגער זעהר, און אין סוף, וואָס איז צו דיר געווענדט.

— הער איך.

און דאָ האָט דער מלך דעם בעטלער אויף נעבן-זיך און אויף אַ בײַנקל דאָרט שטייענדיגן אָנגעוויזן, האָט ער אים זיך זעצן געהייסן. האָט אים דער בעטלער געפֿאָלגט, האָט ער זיך דערויף אַראָפּגעלאָזט בכּבֿוד, און דאַן און גאָכן אַראָפּלאָזן-זיך און נאָך שטיל-שווײַגן אַ ווײַלע, האָט דער בעטלער די מעשׂה אָנגעהויבן און אַזוי דערציילט:

אין איינער אַ מדינה בײַ אַ מלך בײַ איינעם האָט אין אַ פֿעלד און און אַ מיט אַ

גרויסער אַ זקן און אָן אַכציגער געוואוינט, אין אַ שטיבעלע, וואָס האָט זיך קוים שוין פֿון אַלטקייט געהאַלטן, מיט ווענטעלאַך מיט אויסגעקרימטע און מיט אַ דעכעלע, וואָס איז אומעטום שוין דורכגעלעכערט געווען. איז דאָס שטיבעלע אַזוי בײַ דער ערד און נידעריג געלעגן, האָט דאָס שטיבעלע אַ פֿענסטערל און נאָר איינס געהאַט, און אַ טירעלע און אַ אײַנגעהויקערטס האָט אין איבעווייניג און אין חורבהלע געפֿירט. האָט דער אַלטער דאָרט געוואוינט, איז ער אַליין און אויף זײַן שטיבעלע בעל-הבית געווען, האָט ער טאָג און נאַכט און מיט די ווענטעלאַך זײַנע פֿאַרבראַכט, האָט ער קיין מאָל און אויסער זיי און קיין לעבעדיגן נפֿש ניט געזעהן, האָט ער אויך קיין מאָל און אויסער זיי און אין קיינעם זיך נישט געבעטיגט. אַזוי אַ צײַט און אַ לאַנגע צײַט. האָט זיך אַ מאָל געמאַכט: ווי דער אַלטער איז דאָן אין אַ פֿאַרנאַכט אויף דער שוועל פֿון זײַן חורבהלע געזעסן און אויף דער ווײַט-פֿאַרגײַענדיגער און אויף דער שטיל-זיך-אַראָבלאָזנדיגער זון געקוקט, אַזוי האָט ער באַמערקט, ווי פֿון ווײַט און פֿון אַנטקעגן אים, פֿון האָריזאָנט און פֿון דאָרט, וואו די זון זעצט זיך, האָט זיך אַ מענשעלע באַוויזן, באַוויזן — און צו אים און צו זײַן חורבהלע געשפּאַנט. האָט ער דאָס אויסגעוואַרט, דער אַלטער, האָט ער דערויף געקוקט און דאָך נישט אָפּגעלאָזט אין קוקן. איז דאָס לסוף אונטערגעקומען, איז עס דערנאָך אויך פֿאַרן אַלטן אָנגעקומען, און שטיל און פֿאַר זיצן פֿון אַלטן, פֿאַר זײַן פּנים און פֿון וועג זיך פֿאַרגעשטעלט...

דאָס איז אַ יינגעלע און אַ יונגס, נאָך קײַן צעהן-יעריגס איך אָן עלנטס געווען, און אָרים און אָפּגעשליסן, און פֿאַרלאָזט און ווי פֿון קײַנעם אין דער וועלט נישט געשיצט, אָבער מיט יוגנט און מיט פֿאַרזיכערטקייט יוגנטליכער, און מיט גלויבן און מיט האָפֿן אויף שטיצע.

— דאָס בין איך צו דיר געקומען, אַלטער, — האָט דאָס יינגעלע געזאָגט.

— אויף וואָס אַזוינס?

— אויף דיך צו באַדינען.

— איך בין אַלט און עלנט.

— בין איך יונג און וועל מיט דיר אינאיינעם זײַן.

— און ווי רופֿט מען דיך, יינגעלע?

— בבא רופֿט מען מיך. — און דאָס קינד האָט זיך צעשמייכלט, געטרײַ און היימיש אויפֿן אַלטן געקוקט, און באַגלויבט און איבערגעגעבן און אויף אים צו באַדינען גרייט בלײַבן.

איז דער אַלטער דאָן באַשטאַנען, און געשוויגן און נישט דערווידערט און אײַנשטימענדיג און געקוקט אויפֿן קינד, און שטיל און אַזוי אויפֿן קינד קוקנדיג, ווי אויף זײַן בלײַבן און פֿון אים באַדינט צו ווערן מסכּים געווען.

איז דאָס קינד און פֿון דעם פֿאַרנאַכט שוין מיטן אַלטן און אין זײַן שטיבעלע פֿאַרבליבן, מיט אים געטאָגט און מיט אים גענעכטיגט און מיט אים געטאָן און וואָס גע-דאַרפֿט אין שטיבעלע, אין קײַן מאָל און אים שוין נישט פֿאַרלאָזט, און אויך אַרום דער שטוב אוןן אין פֿעלד דערנעבן, און קײַן מאָל פֿון אים קײַן טריט נישט אָפּגעטראָטן, און תּמיד און וואו ער איז געגאַן אים באַלייט. האָבן זיי זיך אַזוי געלעבט: דער אַלטער איז וואָס אַ מאָל אַלץ עלטער געוואָרן, און דאָס קינד אַלץ קרעפֿטיגער און אונטערוואַקסנדיגער און צום וואוקס און צו דער הייך זיך געהויבן. האָט דער אַלטער שוין שוואַך און זײַן אַלט-אַרבעט געטאָן, און דאָס קינד האָט אויף זיך שוין אַלץ איבערגענומען און פֿאַר ביידע — אי פֿאַר זיך, אי פֿאַרן זקן — פֿאַרנומען געווען. האָט ער אַלע אַרבעט אין שטוב

און אַרום-דער-שטוב גֿעטאָן, אין צום עסן פאַרגרייט און שפּײַז אין פעלד געקריגן, און געקאָכט און וואָס מ׳האָט באַדאַרפט צום עסן, און דעם אַלטן שוין גרייטס אין דעם אַלטן שוין אָנגעגרייטס דערלאַנגט. האָט דער אַלטער גאָט אין הימל פאַר זײַן עלטער און פאַר זײַן נישט-פאַרלאָזטער געדאַנקט, פאַר זיך געבעטן אין פאַרן קינד אין יוגנט און תּמיד וועגן קינדס גורל און אויך נאָך זײַן לעבן געדיינקט, און שטענדיג — אין ווען דאָס קינד האָט זיך פון דער אַרבעט באַפרײַט, פלעגט ער עס צורופן, דער אַלטער, פלעגט ער דערמיט אינאיינעם זיצן, און אַלטליך אין געטרײַ מיט אים אין מיט זײַן נאָהענטקייט פאַרברייננגען.

פלעגט זיך דאַן מאַכן: אין עטילע פעלד-פאַרנאַכטן, די זון האָט זיך דאַן אין הימלעק געזעצט און דאָס פעלד איז דאָס שטיבעלע אין פעלד באַלויכטן, פלעגט דער אַלטער דאַן מיטן קינד אויף דער שוועל אין מיט די פנימער צו דעם זון-פאַרגאַנג זיצן, זיצן און באַלויכטענע, שטילע אין פון שײַן באַשײַנטע. פלעגט דער אַלטער דאַן פאַרטראַכט שווייגן, אַלטליך און מיט קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, פאַרזאָרגט אין נעבן זיך דאָס קינד פילנדיג, און אויך דאָס קינד האָט זיך דאַן ווי אָפּגעלאָזט אין פון אַלץ פאַרגעסן געפילט, פאַרטרויערט און אַזוי נעבן אַלטן זײַענדיג. פלעגט דער אַלטער נאָכן טראַכטן לאַנגען זיך אָן דעם ווי דערמאָנען, אָן קינד, פלעגט ער זיך צו דעם אויסקערעווען און אויף דעם אַ קוק טון, פלעגט ער עס מיט איין האַנט פאַר אַ הענטל אָננעמען אין מיט דער צווייטער פאַרן פלײצעלע פאַרן יונגען, פלעגט ער אַזוי שטיל און לאַנג זײַן האַנט אויפן קינדס אַקסל רוהען לאָזן, און שטיל און אַזוי זי האַלטנדיג, ווי פאַר דער זון און פאַרן קינד זיך זאָרגן ... אַזוי אַ מאָל, און אַזוי פון צייט צו צײַט.

און די צייט איז זיך דערווײַל געגאַנגען, און זון אין הימל איז אַלע טאָג אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען, און אַזוי טעג און אַזוי וואָכן, און אַזוי חדשים און אַזוי אויך יאָרן גאַנצע. און דער אַלטער איז שוין אײַנגעבראָכן געווען, און דער אַלטער איז שוין פון זײַן בעטל נישט אַראָפּגעגאַנגען, און דאָס קינד איז שוין אין אַ יוגנט אויסגעוואַקסן, און דאָס יוגנט האָט זיך שוין אין שטוב און אַליין אַרומגעדרייט און אַלץ געטאָן און איבער אַלץ ווי בעל-הבית געווען, און שטיל דעם אַלטן באַדינט און אַלץ וואָס זײַן מויל האָט אויסגערעדט, און אים אַלץ געטרײַ געבליבן און זײַן מינדסטן פאַרלאַנג דערפילט און תּמיד און פ אָ ר זײַנע נויטן און תּמיד און פ אָ ר זײַן באַדאַרף זיך געפּעדערט. האָט דער אַלטער שוין קוים און שוואַך געלעבט, און נאָר געלעגן אין נישט גערירט זיך און גאַנצע טעג אַ מאָל אויף איין זײַט נאָר, און אויף דער אַנדערער זיך נישט אויסגעדרייט, און געשוויגן און נישט געזאָגט גאָר נישט, און מיטן יוגנט אין מיט זײַנע אַלט-געדאַנקען זיך נישט געטיילט; איז ער אַזוי געלעגן, איז ער אַזוי פון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרן און פון צייט צו צײַט אַלץ מער אין מער די כּחות אָנגעוואָרן.

איז ער לסוף שוין צו זײַנע סוף-טעג געקומען, האָט ער אַ מאָל אין אַ טאָג אין איינעם שוין זיין לעצטן טאָג דערפילט. האָט ער דאַן שוין מיט די לעצטע כּוחות צו זיך דאָס ייִנגל צוגערופן, האָט ער אים צוגערופן אין וועגן דעם אים צו וויסן געגעבן. האָט ער זיך צו זײַן טויט צוגרייטן געהייסן, זיך איבערבעטן און איבערטון, זיך ריין וואַשן אין ווי ס׳געהער צו זײַן. האָט דאָס ייִנגל דאָס אויסגעהערט אין צעמישט געוואָרן אין דאָך פאַרן אַלטנס און לעצטן ווילן זיך גענומען:—אים ריין געוואַשן אין אים איבערגעטאָן, אין אים איבערגעבעט און אים צוגעגרייט, ווי ער האָט געבעטן; אין אין יענעם טאָג אין שוין מער קיין אַנדער אַרבעט נישט געטאָן, און נאָר אַרום אַלטן אין פאַר זײַן אָפּגיין אַרומגעגאַן: זיך איינגעהערט צו אים און צו זײַנע שוואַך-ווערטער זיך צוגעהערט אין איבערגעבויגן און איבער זיין קאַ-

און איבער זיינע ליפּן געשטאַנען, און אלץ, וואָס געהערט, און אלץ, וואָס איז פון זײַן מויל אַרויסגעגאַן, האָט באַלד געטאָן און באַלד דערפילט דעמאָלט,—און אזוי און איבער זיין בעט שטייענדיג, און אזוי און אלץ זײַנע באַגערן דאן דערפילנדיג, האָט אלץ דעם אַלטן דאָך באַדינט, און אלץ נישט אויפגעהערט אים צו באַדינען.

שטיל — און דער אַלטער איז שוין גרייט געווען, שטילער — און דער אַלטער איז שוין ריין און איבערגעטאָן געלעגן:—די פיס אים אויסגעצויגן, און גלײַך און אויפן רוקן זיין קערפּער, און קאָפּ אויף קושן אונטערגעהױבן, אין קאָלדרע און צודעק האָט זיין קליינע ליינג און קורץ-ליגן באַדעקט. האָט דער אַלטער דאַן שטיל געשוויגן און שטיל מיט די אויגן אויף דער סטעליע געקוקט, אויף דער נידעריגער און איבער קאָפּ אים ליגנדיגער, אויף דער שטיבלדיגער און פון טאָג-ליכט באַשיינטער; האָט דער טאָג דאַן אַזוי געטאָגט און געליכטיגט, געליכטיגט און געזאַמט זיך און מיט שיין און מיט באַשטענדיגער געלויכטן, האָט ער אָפּגעשײַנט; האָט זיך דער טאָג דאַן פאַמעלאַך און צום פאַרנאַכט-צו זיך רוקן און אַרויסרוקן גענומען, אין פון שטיבעלע און פון דעם, וואָס קומט פאַר אין שטיבעלע, דאָס ליכט און אַרויסציהען פאַמעלאַך; האָט ער דאָס אַרויסגעצויגן און דאָס שטיבעלע אין אַ שטיל-טונקלקייט געלאָזט, אין אַן אומעטיגליכן און אין אַ פעלדישן, אין אַ שווײַגנדיגן און אין אַ פאַרנאַכטישן אין פעלד; האָט דאָס שטיבעלע דאַן ווי טרויערן גענומען: מיטן פענסטערל מיטן איינעם און מיטן טירעלע פון חורבה, און מיט ווענטעלאַך אינעווייניג און מיטן בעטל דאָרט, וואָס איז מיט דעם זקן-ליגנדיגן געשטאַנען. איז דער אַלטער דאַן אזוי אויסגעצויגן און פאַרן אויסגיין געלעגן, מיט קוק אין סטעליע קוקנדיג און גאָרנישט דאָרטן זעהענדיג. און דאָס ייִנגל איז א י ב ע ר אים געשטאַנען און אויף זיין אַרויפקוקן געקוקט. האָט אין דער מינוט און פונם עק-פעלד פון ווייטן די זון מיט א לעצט-שטראַל אין פענסטערל און אין שטיבעלע אַריינדערלאַנגט, אין אריינגעשיקט און אריינגעשיינט און אויפן פּנים פון זקן דאָס אָפּגעשלאָגן, און שטיל און דערויף אזוי אָפּשלאָגנדיג, האָט ווי מיטן טאָג און מיטן פעלד, מיטן שטיבעלע און מיט דעם לעבן אין שטיבעלע זיך אָפּגעזעגנט.

האָבן זיך אין דעם מאָמענט בײַם זקן און פאַרן ס ו ף די אויגן אויסגעלייטערט, האָט ער זיי פון סטעליע און פון לאַנגען אַרויפקוקן צוגענומען, האָט ער זיי אויפן ייִנגל, וואָס פאַר און נעבן אים שטייענדיגן געקערעוועט, האָט ער אויף אים אַ קוק געטאָן און אים באַטראַכט מיט זיי, און באַלד, און אים אָפּגעטראַכט, אים אַזוי געזאָגט:

— „קינד מיינס... דו האָסט מיר געדינט און מיר געטריי געווען, דו האָסט מיך געערט און חשוב געהאַלטן, אין מיך געטרייסט און אונטערגעהאַלטן מײַן עלטער, ווינש איך דיר דערפאַר און באַגער: אַ לעבן און אַ ליב-האָבנדיגס, אַ יוגנט און א טרייסט-טראָגנדיגס, און פאַר מלכים זאָלסטו שטיין, אין מלכים זאָלסטו טרייסטן.

און הער:—מײַן לעצטע שעה פון מײַן דאָ אין לעבן זיין איז געקומען, און באַלד ווערט ביי מיר דער לעצטער מה-שפּיר און דאָס לעצטע לעבן-נשאר צוגענומען, וועל איך דאָ אויף דעם בעטל בלייבן, וועל איך דאָ א טויטער ליגן, זאָלסט דו מיך אין שטיבעלע פאַרלאָזן, זאלסט דו נאָר נאָך זיך די טיר פאַרמאַכן, זאָלסט דו באַלד פון דאַנען אַוועקגיין, און באַלד און ביי דעם ערשטן אַרויסגיין דיינעם וועט דיך דאָס ערשטע באַגעגעניש באַגעגענען און מיטן ערשטן לעבן-רוף דיך רופן”...

איז אזוי טאַקע געווען. באַלד האָט דער אַלטער פונם ייִנגל זיך אָפּגעקערעוועט און פון צו אים צו רעדן אנטשוויגן געוואָרן, האָט ער ווייטער און די אויגן צו דער סטעליע אויפגעהויבן און מיט זיי אַרויפגעקוקט און פון דאָרט זיי שוין נישט צוגענומען, האָט ער אַהין געקוקט און שטיל דאַן, און ביז זיי האָבן זיך אים פאַרמאַכן גענומען, האָט ער זיי

פאַרמאַכט און אויסן געבליבן, איז ער אזוי ליגנדיג אין באַרוהט געוואָרן, און שטיל און אַזוי באַרוהט בלײַבנדיג, האָט די נשמה זיין גאָט אין זײַן אָטעם דעם שטיבעלע אָפּגעגעבן...

איז דאָס יינגל א ווײַלע נאָך אזוי איבער זיין געלעגער געשטאַנען, געציטערט און אויסגעוואָרט, אויפן טויטן געקוקט און אין זיין טויטקייט זיך איבערצייגט. איז ער באַלד אין פין אים אָפּגעגאַנגען, האָט ער זיך מיטן אלטן און ווי געזעגנט אָפּגייענדיג, האָט ער דאָס שטיבעלע פּאַרלאָזט און אין דרויסן אַרויסגעגאַנגען, האָט ער נאָך זיך דאָס טירעלע פאַרמאַכט און אויך דער קלאַמקע אין שטילן, אין באַלד און גאָכן אָפּגיין נאָך דאָרטיגן, האָט זיך אויפן פעלד, און פון וואַנען ער איז אמאָל אָנגעקומען, אַהין, פין וואַנען ער האָט זיך אמאָל פאַרן זקן באַוויזן, אַוועקגעלאָזט.

און אָט: שטיל אין נאַכן זון פאַרגיין, אָוונטיג אין נאָך שטיבעלע פאַרלאָזן, איז דאָס פעלד און ליידיג און אויפגעראַמט געלעגן. די זון האָט נאָך זיך אַ שוואַך דערלויכטונג נאָך געלאָזן, און אויך דאָס שטיבעלע דאַן—אַ טרויעריג דערמאָנונג ביים יינגל. האָט דאָס יינגל אַן שטיבעלע געדיינקט אין אין פעלד דאַן געשפּאַנט, דעם אלטן אין זיין טויט-איבערגעלאָזטקייט אין זינען געהאַט און אזוי און מיט זינען שטילן אין יענעם פאַרנאַכט זיך געגאַנגען. האָט ער לאַנג די אויגן צו דער ערד געהאַלטן אין אויף פאַר זיך אין אויף פאַר זיין וועג נישט געקוקט, האָט ער זיך די גאַנצע צייט און קיין איין מאָל נישט ארום-געקוקט, האָט ער דערום נישט באַמערקט: ווי פון ווייט און פין דעם האָריזאָנט דעם אַנטקעגנדיגן, האָט זיך אַ רייטער באַוויזן, אויף אַ פערד אין אויף אַ גרויסן, אויף א שיין-געזאָטלטן אין איבערגעגעבן דעם רייטער, האָט ער זיך אַרויסבאַוויזן, האָט ער זיך אויפן פעלד און אויפן ארום אַרומגעזעהן און דאָס ליידיג און דאָס נאָך זון-פאַרגיין געטראָפן; האָט ער אין דעם לאַנג אין מיט די אויגן געזוכט און לסוף און דאָס יינגל אויף דעם שפּאַנען דערזעהן. האָט ער זיין פערד און צו דעם יינגלס גאַנג-ריכטונג אָנגעריכט, און אַהין, און צו דעם יינגלס אַנטקעגן-קומען דעם געהייסן, און שטיל אין נישט באַמערקט פון יינגל, אַלץ מער און מער און אזוי זיך צו אים דערנעהענט דאַן אין אָוונט. זיך דערנעהענט, האָט דאָס יינגל די אויגן פון אַראָפּגעלאָזטקייט אין פון פארטראכטקייט אויפגעהויבן, און דעם רייטער דערפילט אין אויפן פערד אים דערזעהן, אייך דער רייטער, צום יינגל אינטער-פאָרנדיג, אין איינער איז צום אנדערן אונטערגעקומען. האָט דער רייטער דאַן דאָס פערד אין פון גיין פארהאלטן אין דעם די לייצעס און די צוים נאָכגעגעבן. איז דאָס שטיין גע-בליבן, האָט זיך עס פין אָרט נישט גערירט, און אזוי אין זיך נישט רירנדיג, דאָס יינגל, דאָס דעם אנטקעגן-קומענדיגע, דאַן פאַר רייטער און אויף דעם רייטנדיגן פאַרגעשטעלט...

— אַ גוטן אָוונט, יינגל.

— אַ גוט-יאָר, רייטער.

— פון פעלד און פין אלטן גייסט דו?

— יאָ,—האָט בבא געענטפערט.

— אין דער אַלטער איז שוין טויט, און דו ביסט אים פון צו באַדינען פריי?

— פרײַ,—האָט דאָס יינגל טרויעריג געזאָגט.

— זעץ דו זיך מיט מיר אויפן פערד אַהינד אין וועסט מיט מיר אינאיינעם רײַטן.

— וואוהין?

— צום מלך.

— און וואָס וועל איך טון ביים מלך?

— גיב א האַנט, אין איך וועל דיר שוין אויפן פערד דערציילן.—אין דאָ האָט דער רײַטער דעם פון פאר אים און אונטן-שטייענדיגן יינגל אַ האַנט אַראָפּדערלאַנגט, אויך דאָס

יינגל דעם רײַטער האָט אויך זיין האַנט אויסגעשטרעקט, האָט ער אים א נעם געטאָן, דער רײַטער, און גרינג און געשיקט-רײַטעריש אים ארויף און אויפן פערד און זאָטל אַרויפגעבראַכט.

און אָט, אין אז דער רייטער האָט צוריק דאָס פערד צום האָריזאָנט צו, אין פון וואַנען ער איז אָנגעקומען אויסגעקערעוועט, און אז דאָס פערד האָט אים געפּאָלגט און שטיל צוריק זיך אויסגעדרייט אין דינפּריש, און וואויהין זיין רײַטער-האַר האָט דעם געהייסן גיין זיך געלאָזט, האָט זיך דאָן דער רייטער צום יינגל, צו דעם אינאיינעם מיט אים אויפן זאָטל זיצנדיגן, זיך געקערעוועט און אים אזוי געזאָגט:

— זאָל דיר קיין חידוש נישט זיין, יינגל, אין זאָלסט זיך נישט וואונדערן, פון וואַנען איך ווייס פון דיר און פון וואַנען איך בין דערגאַן דיין אָרט, — דאָס האָט מיך א גוטער שטערן-זעהער געפירט, דאָס האָט ער מיר אהער דעם וועג אָנגעוויזן.

— „און ווער בין איך?"

— אַ דינער ביים מלך.

— „און נאך-וואָס געשיקט נאָך דיר?"

— אָט נאָך-וואָס:—ביי אונזער מלך איז א טעכטערל פאַראַן, אַ יונגס און א שיינהייט, אַ לעבעדיגט און אין די יאָרן אין דיינע. איז דאָס ביים מלך אַ השובה אַ גרויסע, האָט זיך עס צו אים געקערעוועט, האָט זיך עס ביי אים געבעטן און אים אַזוי געזאָגט: „טאַטע-פּאָטער, אַ חברל וויל איך, א יינגל אין אין די יאָרן אין מיינע, און זאָל ער מיר אַ ברודערל זיין, און זאָל ער מיר מיין הארץ דערפרייען"... ווייל ביים מלך ביי אונזערן זיינען קיין זין און קיין יינגלאַך נישטאָ, אין דאָס טעכטערל איז ביי אים איינס, און דאָס טעכטערל איז ביי אים דאָס אויג אין קאָפּ, אין דער מלך קאָן איר נישט אָפּזאָגן, און אַלץ, וואָס איר מויל רעדט אַרויס, מוז באלד און געשאַפן ווערן פונקטליך.

האָט ער איר צוגעזאָגט, דער מלך, האָט ער זיך אָבער וועגן דער בקשה אירער מיט זיינע הארן זיך באַראָטן, האָט ער צו זיך דעם גרויסן האַרן-ראָט צונויפגערופן, האָט ער זיי אין טעכטערלס פאַרלאַנג דערציילט, וואָס זי האָט אים געבעטן, און אז איר פארלאנג מוז דערפילן, אָבער ווי אזוי און וועמען, דאָס ווייסט ער נישט און פרעגט ביי זיי. האָבן זיי אים אויסגעהערט, די הארן, האָבן זיי אים פארשטאַנען, דעם מלך, און אז אויסגעקליבן ווערן דארף אזוינס, וואָס אויסגעקליבן ווערן זאָל ווערט זיין, אין מיט מעלות און מיט אייגנשאַפטן, וואָס זיין זאָלן זעלטן. האָבן זיי זיך פארטראכט, האָבן זיי געקלערט און איבער-געקלערט, אין יעדערער האָט צווישן זיינע קינדער געזוכט, און יעדערער האָט דעם גליקליכן צווישן דיינע אייגענע געוואָלט געפינען, האָבן זיי טאקע שטיל און יעדערער פאַרגעלייגט פון זיינע אייגענע. האָט דער מלך זיי אויסגעהערט, האָט ער זייערע פארשלאגן און אויף אן איידל-אופן דערוויַיטערט, דער מלך, נישט באליידיגט קיינעם און קעגן זייערע קינדער נישט גערעדט, נישט קעגן זייערע אייגענע אין נישט קעגן די אויסגעשטעלטע פון יעדערן. און דאָך, און נישט אָנצעמענדיג פון זיי קיינעם, אין דאָך, און נישט באשטייענדיג אויף קיין איי-נעם, האָט ער זיך נאָר צום שטערן-זעהער געווענדט אין אויף אים און אויף זיין עצה זיך פאר לאָזט:—דער שטערן-זעהער ווייסט דאָך, דער שטערן-זעהער פארשטייט דאָך, פארלאָזט ער זיך אויף אים, און וואָס ער וועט זאָגן, אין וואס ער וועט פאָרלייגן.

האָט זיך אויך דער שטערן-זעהער דאַן פאַרטראַכט, האָט אויך דער שטערן-זעהער-און געקלערט אַ ביסל, און דערנאָך און צו די האַרן זיך קערעוועדיג, האָט אַזוי געזאָגט:

— די זאַך, הארן, איז אַן ערנסטע, די לאַגע, געערטע, איז אַן אויסגענומענע, און די

מלך-טאָכטער איז אונז טייער, און איר ווילן איז אונז חשוב. און דערום ווייסט: נישט קיין חברל און אויף דער צייט פאַרברייַנגען פאַדערט זיך דאָ, נישט קיין יוגנט-פרייַנט, אום ער זאָל דער מלך-טאָכטער די ברודער-פרייד פאַרבייטן, נאָר טאַקע אַ פרייַנט און מיט אַן אמת, נאָר טאַקע אַן איבערגעגעבענער און ווי פון געבוירן אַ ברודער. ער דאַרף: דער מלך-טאָכטער אין אַלע נויטן בייַשטיין, און אַלע מינוט, און ווען מ'וועט נאָר דאַרפן, פאַר איר זיין לעבן אָפּגעבן גרייט זייַן. ווייַל... זייַן לעבן וועט מען דאַרפן, זייַן לעבן וועט דער מלך-טאָכטער נויטיג זייַן, ווייַל נויטן און גאָר גרויסע שטייַען דער מלך-טאָכטער אין איר לעבן פאָר. אַזוי האָט מען מיר פון די שטערן געוויזן, און שטערן זאָגן: נישט פון הארן און נישט פון די נאָהענטע פון מלך, אויך נישט פון זייערע פריינט און נישט פון זייערע קרובים זאָל מען דאָס יינגל זוכן, און אויך נישט פון דער הויפּט-שטאָט און פון דער באַקרוינטער אונזערער, און אויך נישט פון אנדערע און בכלל פון שטעט און פון קיינע ישובים און קיין מדינה, נאָר וויַיט און פון מענשן אָפּגעזונדערט, נאָר פאַררוקט און פון אַלעם ישובדיגן אַרויסגענומען—קאָן מען אַזאַ אייַנגעשאַפט, קאָן מען אַזאַ איינעם געפינען. און—הארן—נישט אויף אייַך צו באַליידיגן און נישט אייַערע קינדער צו פאַרשעמען איז מייַן וואָרט געווענדט: איר ווייסט מיך און קענט מיך דאָך און מייַן נישט-פּאַראינטערעסירטקייַט, און קיינער וועט מיך דאָך אין גאָרניט נישט חושד זייַן, אָבער דער אמת אין פון דעם הימל-געגעבענער דאָס איז מייַן אמת און איך קאָן אים נישט אינטערן צונג פאַרלייקענען. און איך לייג פאָר: זאָל מיר דער מלך צייט דריי וָעכט געבן, איך וועל זיך אין זיי גרייטן, איך וועל אין זיי אויף זיין, און יואָס די שטערן וועלן מיר ווייַטער זאָגן, וועל דעם מלך און זייַנע דינער אויפגעבן.

איז אַזוי געווען: האָט מען דעם שטערן-זעהער צייַט דריי נעכט געגעבן, איז דער שטערן-זעהער אין זיי נישט געשלאָפן, איז ער אין זיי אויף זייַן טורעם, אויף זיין אויסערשטאָטיגן און אויף זיין הויכן אויפגעווען, די גאַנצע צייט און די נעכט אינגאַנצן דעם קאָפּ אַרויף אין די אייגן צו די שטערן געהאַלטן, און געקוקט און לאַנג געקוקט און געזוכט און אויסגעזעהן אין די הימל-הייכן, און לסוף און נאָך דער דריטער נאַכט האָט ער זיך צום מלכ'ס פּאַלאַץ באַוויזן, אין דער פריה און נאָכן אויפשטיין פון מלך. איז ער אַהין צוגעקומען, האָט ער זיך מעלדן געהייסן, האָט מען אים געמאָלדן צום מלך, איז ער פאַר אים געקומען, האָט ער זיך פאַר אים געבוקט אין כבוד אין שטיל און נאָכן כבוד-בוקן אים אַזוי געזאָגט:

— איך האָב געזעהן, מלך, כ'האָב געזעהן אין מ'האָט מיר געוויזן: אייף אַ פעלד און אין אַ ווייטן אין דיין מדינה שטייט א שטיבעלע אַ קליינס, און אַן אַלטס און אַ הורבת'לע און אַן אָפּגעלאָזנס, אין באַלד צום איינפאַלן... וואוינט דאָרט אַן אַלטער מאַן אין דעם, וואוינט ביי דעם אַלטן אַ יינגל — אַ באַדינער, דאַרף דער אַלטער און פון דער וועלט שוין אַוועקגיין, און דאָס יינגל וועט אַליין בלייַבן, און נאָכן טויט דעם אַלטנס אויך דער וועלט זיך לאָזן. דאַרף מען אים אַנטקעגן גיין און באַלד איפּן וועג אים איבערנעמען... און — דאָס יינגל וועט זיך לאָזן, ווייל דאָס יינגל האָט דעם אַלטן ליב, דאָס יינגל וועט דעם אַלטנס צוואה הערן, אין דער אַלטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דעם ערשטן, וואָס וועט זיך אים אין וועג באַגעגענען, זאָל ער זיך אים איבערגעבן און, וואוהין ער וועט אים רופן פאָלגן... זאָג איך עס דיר, מלך, זאָלסט די באַלד אין איינעם פון דייַנע געטרייריטער שאַפן, און זאָל ער באַלד דאָס פערד אָנזאָטלען, און זאָל ער זיך אין וועג לאָזן און דעם וועג צום פעלד אַהין דאַרף מען אַזוי און אַזוי פאָרן...

האָט דער מלך באַלד און מיך צו זיך רופן געהייסן, האָט ער מיר זיך תיכף און אי,

זועג אַריין גרייטן באַפֿוילן, האָב איך דאָס פֿערד אָנגעזאָטלט, און דער מלך האָט מיר דעם שטערן-זעהערס ווערטער, און ווי אַזוי מ'דאַרף פֿאָרן אַהין, איבערגעגעבן. האָב איך זיך אויפֿגעזעצט און געריטן, בין איך פֿון דער הויפּט-שטאָט אַרויס און אין אַנדערע שטעט געקומען, און אויך פֿון יענע אַרויס און אויך די אַנדערע אויסגעמיטן, האָב איך דערפֿער און ישובֿים נאָך זיך געלאָזט און אויפֿן לאַנד אין אויף פֿריי-פֿעלד זיך אַוועקגעלאָזט, און אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ לאַנגע צייט, און ביז איך האָב דיך אין פֿעלד און פֿון שטיבעלע אַרויסגיין דערזעהן. און דאָס אינגאַנצן.

און דאָ האָט זיך דער רייטער און פֿון דערציילן אָפּגעשטעלט, האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן אַ ווײַלע, אין שטיל און אויפֿן פֿערד פֿאָרנדיג, און פּאַמעלאַך און נעבן זיך דאָס ייִנגל האָבנדיג, האָט אים נאָך באַטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך און נאָכן באַטראַכטן ווײַניגן, האָט אַט וואָס צוגעגעבן:

— און אָט וועלן מיר אַזוי רייטן אַ'ן רייטן, אַ טאָג אַ'ן צוויי און איבער אונזער לאַנד דעם ווייטן, און דאַן און מיר וועלן אין הויפּט-שטאָט קומען, און דאַן וועל דיך צום מלך און צו מלך-טאָכטער בריינגען. האַ?

— יאָ, — האָט דאָס ייִנגל ייִנגלש נישט-פֿאַרטראַכט זיך און נישט איבערנעמענדיג זיך געענטפֿערט.

איז טאַקע אַזוי געווען: האָט דער רייטער אויפֿן פֿערד געריטן און וואָס אַ מאָל אַלץ מער אין מער און צום ישוב זיך דערנעהענט, האָט ער נאָך זיך שוין ווייט דאָס פֿעלד, און וואו דאָס שטיבעלע איז געשטאַנען, געלאָזט, און אַלע מאָל אַלץ ווייטער און טיפֿער און אין לאַנד אַריין אַריינגעפֿאָרן, און שטיל און אַזוי מיטן ייִנגל אינאיינעם פֿאָרנדיג, איז לסוף און נאָך טעג אייניגע אין אַ פֿאַרנאַכט און אין קרוין-שטאָט אָנגעקומען אין אויפֿן מלכס גאַס און צום מלכס פּאַלאַץ זיך צוגעשטעלט.

אָנגעקומען, האָט מען באַלד דאָס ייִנגל אין פּאַלאַץ אַריינגענומען און פֿאַרן מלך אים פֿאָרגעשטעלט. האָט אים דער מלך באַטראַכט, און פֿון קאָפּ ביז די פֿיס אים אָפּגעמאָסטן, איז דאָס ייִנגל אים געפֿעלן: מיט זיין שטיל-שטיין און מיט זיין גוט-זיך-האַלטן, מיט זיין אויסזעהן אין מיט זיין באַשיידנקייט זיין שטילן. האָט ער אים צו זיך דערנעהענט, האָט ער אים איבערן קאָפּ געגלעט אין אין די אויגן אים אַריינגעקוקט, און דערנאָך און אים אין אַ באַזונדער צימער אָפּפֿירן געהייסן, אויך אים איבערט'ן אין איבערקליידן און פֿון דער נסיעה און פֿון לאַנג געריטענעם אָפּרוהען לאָזן.

האָט מען אים אָפּגעפֿירט, האָט מ'ען אים איבערגעטאָן אין אויסגעשטאַט פּאַלאַצדיג, און אַלץ צו זיין באַדאַרף אים דערלאַנגט, אין אין וואָס ער האָט זיך גענויטיגט אים צוגעגרייט, און דערנאָך, אין אַלץ אין צימער דאָרט אָפּגעטאָן, האָט מען אים אַליין געלאָזט, און אויף נאַכט און אויף איבערנעכטיגן אין צימער.

אין אויף מאָרגן, — און אַז דאָס ייִנגל איז פֿון שלאָף אויפֿגעשטאַנען און באַרוהט און אָפּגערוהט פֿון נעכטן, אין דערפֿרישט און אויסגעגלייכט פֿון רייטן, — האָט מען אים צום מלך און צו זיין פֿריהמאָרגן-אויפֿנאַם געבראַכט, האָט מען אים אין נייעם און אין באַנייטן פֿאַר מלך און פֿאַר זיינע פֿריהמאָרגן-אויגן פֿאָרגעשטעלט. האָט אים דער מלך דערזעהן, האָט אים דער מלך און מיט אַ פֿריילעך פּנים אויפֿגענומען, האָט ער אים מיט גוט-מאָרגן געבענטשט אין אויף זיינע בייטן און זיינע באַדערפֿענישן זיך נאָכגעפֿרעגט: — אפֿשר פֿעלט אים עפּעס און אפֿשר גייט אים עפּעס אָפּ, זאָל ער זאָגן, און דער מלך וועט דאָס דערפֿילן הייסן. האָט דאָס ייִנגל זיך פֿאַרנויגט, האָט ער דעם מלך פֿאַר זיין זאָרגעוודיגקייט און פֿאַר זייז גוטסקייט צו אים נייגן געדאַנקט, האָט ער אים אָפּגעדאַנקט: און באַזאָרגט איז

מיט אַלעס, און גאָר נישט פעלט אים, אין זאָל ער געהויכט זיין און זאָל ער געקרוינט זיין, דער מלך, און דאַן, און ווען ער וועט דאַרפן, אין דעמאָלט און ער וועט זיך ווענדן צום מלך...

און דער מלך האָט דעם יינגלס רייד פאַרנומען, און ביים מלך האָט דאָס פּנים געשמייכלט, איז דער מלך זעהר אויפגעלייגט אין צופרידן געווען, און באַלד אין פאַרן אַפּלאָזן דאָס יינגל, האָט אַהער און צו פאַר זיך, אין אויפנאַך-צימער און פאַרן יינגל שטיין, אויך דאָס טעכטערל אין זיין געליבטע ברייגנגען געהייסן. האָט מען זי געבראַכט, דאָס טעכטערל, האָט מען זי פאַרן פאָטער און אויף פריהמאָרגן-ברכה פאָרגעשטעלט. האָט אויך זי און פאַרן מלך זיך פאַרנויגט, האָט זי פאַרן מלך איר יונג-קערפּערל און אירע קניהעלאַך געבויגן אין ליב און טאָכטערדיג פאַר אים און פאַר זיין פאָטער-הויכקייט געקומען.

— אַ גוט מאָרגן, טאָכטער.

— זיי געבענשט, פאָטער.

— און אָט דאָס איז דער חבר דיינער — און דאָ האָט דאָס טעכטערל די אויגן פון פאַר פאָטער און פון זיין אויף דער שטול-זיצן אויפגעהויבן, האָט זי זיי פון איט צוגענומען, אירע אויגן, און אויפן יינגל, וואָס איז אין אַ זייט און נעבן מלך-שטול געשטאַנען, מיט נייקייט און מיט פאַרחידושטקייט אַ קוק געטאָן.

— יאָ, טאָכטער, דאָס איז דער חבר דיינער, זיי מיט אים באַקאָנט און געליבט פון אים, און ער וועט מיט דיר אינאיינעם זיין, און ער וועט מיט דיר אין פּאַלאַץ פאַרבלייבן.

און דאָס טעכטערל האָט זיך פאַרשעמט קינדעריש, דאָס טעכטערל האָט פון יינגל די אויגן צוגענומען, און אַזוי און מיט קעפּעלע אַראָפּגעלאָזטקייט אין אַזוי און מיט פאַרשעמטקייט יוגנטליכן, האָט זי אירע אויגן צו דער ערד גענויגט, און אַזוי פאַר איר פאָטער, און אַזוי פאַר זיין דאָס-צוקוקן געשטאַנען...

— אין איצטער, קינדער, צו זיך, — האָט דער מלך שוין צו ביידע זיך געקערעוועט און זיי „קינדער“ אָנגערופן, — צו אייך און צום פאַרברייגנגען אייערן, צו אייך און אין די צימערן אויף פריהמאָרגן. — און דער מלך האָט אַ וואינק געגעבן, און דער מלך האָט די דינער באַפוילן, און די קינדער זיינען אין די צימערן זייערע, אויף צוריק און פונם אויפנאַם אָפּגעפירט געוואָרן.

אין אָט, און פון יענעם פריהמאָרגן איז דאָס יינגל ביים מלך געבליבן, זיין פּאַלאַץ און מיט זיין טאָכטערל צו זיין, מיט איר אינאיינעם, און דעם מלך ווי אַ קינד גערעכנט ווערן, און פאַר זיין קינד פאַר אַ מיט-חבר, פאַר אַ פריינטל אין פאַר אַן איבערגעגעבענעם אויף באַשטענדיג...

איז אַזוי אַ צייט אַוועקגעגאַן. דאָס יינגל האָט זיך אין פּאַלאַץ ערצויגן און אינאיינעם מיטן מלך-קינד געוואַקסן, און דאָס יינגל איז אויך אַלעמען באַליבט געוואָרן, און מער ווי אויף אַלעמען אויף דעם טעכטערל פון מלך. האָט דאָס טעכטערל אָהן אים קיין טריט נישט געטראָטן און קיין שפּיל און קיין קינד-פאַרברייגנגאַכן נישט פאַרגענומען, זיינען זיי כסדר אינאיינעם געווען, און געגעסן און געטרונקען אין געשפּילט און געלערנט זיך אינאיינעם. אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ ליינגערע, און ביידע זיינען זיי אייגנע יאָרן געווען, האָבן זיי ביידע און אייך וואוקס געהאַט, און ביידע און מיט איינער יוגנט באַשאָנקען געווען. האָט דאָס מלך-טעכטערל געבליהט און אויפגעצויגן זיך אין יוגנט, און דאָס יינגל איז נישט אָפּגעשטאַנען אין זיך איר נאָכגעצויגן און איר נאָכגעבליהט מיט יאָרן. האָבן זיי אין אַ צייט אַרום די געוויסע יוגנט-עלטער דערגרייכט, די נאָך-יונגע, אָבער פון שוין-צייטיגקייט, פון אונטערוואַקסן און פון דערוואַכונג פון יוגנטליכער, האָבן זיי זיך פון זייער יונג-אומשולד און פון

זיך-נישט-וויסן אויפגעכאַפּט, האָבן זיי זיך דערזעהן — אין אויסגעוואַקסנקייט און אין איין יאָר עלטער, אוי אַז ביידע זיינען זיבעצעהן יאָר שוין אַלט...

האָט מען עס באַמערקט: דער מלך מיט זיין פאָטער-אויג אויף טאָכטער, און די האַרן מיט אַ נישט-פאַרגינען-געפיל אויפן יינגל איפן פרעמדן. האָבן די האַרן צווישן זיך וועגן דעם גערעדט, און איינער דעם אַנדערן דאָס איבערגעגעבן, און אויך דער מלך האָט דאָס צוגעזעהן און דערוויל און דאָס נאָר אין האַרצן ביי זיך געהיט. האָט ער אויף די קינדער און נאָר שטאַרקער זיין שמירה אָנגעשטעלט אין פון צייט צו צייט און מיט זיין מלך-אויג זיי באַפוילן, אין זיי נאָכגעקוקט און זיי געזעהן אין זייער האַלטן-זיך: ווי זיי קומען פאַר אים און מיט אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי זיי נאָהענט און פאַראייניגט זיינען, און דאָך פאַר אים און ווען זיי פלעגן שטיין פאַר אים, ווי דערווייטערט און געשעמט זיך איינס פארן צווייטן...

האָט ער עס געזעהן, האָט זיך דער מלך וועגן דעם פאַרטראַכט, און אין אַ צייט אַרום און נאָך לאַנגען איבערצייגן זיך און זיכער-זיין און איבערגעטראַכטן, האָט איין מאָל און אויף אַן עצה צו זיך דעם שטערן-זעהער, זיין בעל-יועץ און געליבטן גערופן.

און אַז דער שטערן-זעהער איז אויפן מלכס באַפויל און רוף געקומען, האָט דער מלך נאָך אים די טיר פאַרמאַכן געהייסן, קיינעם און אויסער אים און בשעת זיין זיין-דאָ מיט אים נישט צוצונעמען, און קיינער און פון די באַדינטע און זאָל נישט איבערשלאָגן דעם מלך: — ער האָט אַן ענין אין אַ וויכטיגן, און ער מוז מיטן שטערן-זעהער, און ער מוז מיט אים אליין דאָ בלייבן.

און דער מלך האָט דעם שטערן-זעהער זיין מערקוני, און וואָס ער האָט אויף די קינדער באַמערקט, איבערגעגעבן, זיין זיי נאָכקוקן און זיין זיי נאָכשפּירן לאַנגען, זיין אַ צייט-אַן-אויג-אויף-זיי-האָבן און זיין זיי נאָכפאָרשן און וואָס ער האָט געזעהן און וואָס ער האָט באַמערקט אויף די קינדער, אין דאַן און אַלץ דעם שטערן-זעהער און דאָס אויס-דערציילנדיג איינגאַנצן, האָט זיך צו אים און צו זיין עצה, צו זיין פאַרשטאַנד און זיין קלוגשאַפט זיך געווענדט.

— און זאָל ער פאַרשטיין, דער שטערן-זעהער: דער מלך איז נאָר איינער, און די האַרן זיינען אַ סך, און די טאָכטער איז אים דאָס אויג אין קאָפּ, און איר ליבע איז אים הייליג. אָבער האַרן, אָבער הויף-לייט וועלן קריגן און זיין קעגן דעם; ווייל באמת: ווי ס'איז באַוואוסט און ווי ס'איז ידוע, האָט זיך נישט געמאַכט און נישט געטראָפן, נישט ביי זיינע עלטערן און אויך נישט ביי אַנדערע מלכים, אַז אַ זיווג און פאַר אַ מלך-קינד זאָל פון דער גאַס און פון דעם פעלד געבראַכט ווערן. און דאָ איז אַזוי: דאָס יינגל איז אַן עלנטס, אָהן אַ פאָטער און אָהן אַ מוטער, אָהן ערן-שטאַם און אָהן אַ האַרן-יחוס, און אַרום און אַזוי פיל קינדער, פונם הויף און פון צום-מלך-נאָהענטע, — און וואָס זאָל ער טון?...

האָט דער שטערן-זעהער דעם מלכס דערציילן אויסגעהערט, האָט ער זיך פאַרקלערט, האָט ער דעם מלך און זיין שווער-לאַגע פאַרשטאַנען, האָט ער אים מיטגעפילט און מיט-געפיל אויסגעדריקט, און דערנאָך און זיך ווידער פאַרקלערט. און דאַן, און נאָך קלערן לאַנגען, האָט צום מלך און אויף אים וואָרטנדיגן זיך געקערעוועט און אים אזוי געזאָגט:

— זאָל זיך דערוויל באַרוהיגן דער מלך, זאָל זיך דער מלך און דערוויל נישט קימערן; די קינדער זיינען נאָך יונג אין זייער צייט אויף זייער פאַראייניגונג איז נאָך נישט געקומען; זאָל מען דערום נאָך צוואַרטן און — די צייט איז אַ לערער. — און דאָ האָט זיך דער שטערן-זעהער עפּעס ווידער פאַרטראַכט, און געשטאַנען און געשוויגן אַ ווײַלע און ווידער אַ מאָל און ווי מיט זיין געדאַנק זיך איבערגעלייגט, און דאַן און זיך באַ-

קלערנדיג האָט אָט-וואָס מוסיף געווען: — אָבער וויסן זאָל זיין דער מלך, ווי ס'ווייַזט אויס און ווי ס'שייַנט דעם פריינט זיינעם, איז דער זיווג פון דער הייך אָנגעצייכנט, דער זיווג איז פון הימל באַשטימט, און קיין כח אין קיין שטערונג קאָן די קינדער און פון זייער ליבע נישט אָפּשטעלן. אָבער דערווייל זאָל מען עס נאָך אָפּלאָזן.

האָט דער מלך דעם שטערן-זעהער נאָך זייער באַראָטן-זיך געדאַנקט, געדאַנקט און אָפּגעזעגנט און דער שטערן-זעהער איז דאַן צו זיך אי'ן צו זיין היים זיך אַוועקגעגאַן, און דער מלך איז אויף זייַן שטול און אין זיין פּאַלאַץ פארבליבן. האָט דער מלך, אין אין פּאַלאַץ בלייבנדיג, דעם שטערן-זעהערס עצה נאָכגעדיינקט און אויף איר איינגעשטימט, אויף דער עצה, האָט ער זיך אויך דערויף און באַרוהיגט, און שטיל און ווי ביז אַ הער, און די קינדער און ווי געווען געלאָזט.

און די צייַט איז זיך דערווייל געגאַנגען, אין די קינדער האָבן זיך נאָך מער דערקאָנט, און די קינדער האָבן ווייטער געוואַקסן, און די הויף-לייַט האָבן וועגן זייער וואוקס זיך שוין געסודעט, פלעגן זיי זיך אין רעדלאַך אי'ן אין היימישע זיך צונויפקלייבן, צונויפקלייבן און וועגן דעם שמועסן, אין דאַן וועגן יינגל און וועגן זיין ראָלע דאָ בייַם מלך, און די קנאה זייערע האָט צו אים געוואַקסן, און טייל, און גאָר די געהייבענע, האָבן זי שוין נישט פאַרבאָרגן, די קנאה. האָבן זיי אים פייַנט געקריגן, האָבן זיי אויף אים פון אויבן אַראָפּ געקוקט, אין זייַן זייַן-דאָ אין מלך-פּאַלאַץ פאַר זיך אין פאַר זייער גלייכן אי'ן פאַר נישט קיין כבוד געהאַלטן. האָבן זיי אויף אים האַס געטראָגן און מיט אים זיך שלעכט באַגאַן און תמיד, און בשעת באַגעגענען-זיך מיט אים, אויף אים בייזבליקן און פאַראכטונג-קוקן געוואָרפן.

האָט דאס יינגל דאָס צוגעזעהן, און אויך די טאָכטער פון מלך האָט געוואוסט און באַמערקט זייער שנאה, אָבער ביידע האָבן דאָס אויסגעמיטן אין קיין מאָל אין צווישן זיך וועגן דעם נישט גערעדט און נישט דערמאָנט אפילו. אין ביידע האָבן נאָר מיט איגן און שווייַגנדיג איינס מלך געקוקט, אויף אים אין זייַן קלוג-פאַרשטיין, אויף זיין דאָס צוזעהן אי'ן דערווייל און דאָס פאַרשווייַגן דאָס מלכשע, האָבן זיי אַזוי געוואָרט — דער מלך האָט וועגן דעם מיט די האַרן נישט גערעדט, און די קינדער — נישט מיטן מלך, אין די צייַט איז זיך געגאַנגען, און די זאַך האָט זיך צום געלייזט-ווערן דערנעהענט, און אַלע האָבן דאָס שוין געפילט אַרום, און דערווייַל און נאָך געשוויגן אַלע.

ביז איין מאָל, און אין פּאַלאַץ פון מלך איז אָט-וואָס פאָרגעקומען. — דער מלך האָט אויף זייַן יאָר-געזיעג אַ טאָג איינעם באַשטימט, אין די היף-לייַט און די האַרן זיך צו אים צוגרייטן געהייסן. האָט מען אויף דעם טאָג זיך ריכטן גענומען. האָבן די האַרן זייערע געזיעג-קליידער אַרויסגענומען און זייערע קנעכט אויף זיי באַפּוצן איבערגעגעבן, אין די הויף-לייט האָבן זייערע שפּיזן אי'ן שאַרף-שווערדן שאַרפן גענומען אי'ן די ביקסן צו צענעמען אין יעדער טייל אויף צו אויסרייניגן באַזונדער, זייַנען זיי אַלע פאַרנומען געווען, אין אויך בייַם מלך אין אין הויף פון מלך זיינען די צוגרייטונגען אין די הכנות גרויס געווען, און קנעכט אי'ן דינער זיינען ווי פאַרכמטע אַרומגעלאָפן, און די אַרבעט אין די שטאַלן האָט געבריענט ביי די דינער: דאָס זיינען די פערד אי'ן רייַטוועגן פי'ן די שטאַל'ן אַרויסגעפירט געוואָרן און קאַרעטעס אין געשפּאַן פון קאַרעטעס אי'ן אויסגעפּוצט אין שטריינגקייט; אין אויך דאָס געווער פון מלך האָט מען פון די שיידלאַך אַרויסגענומען און דאָס איבערגעקוקט און דאָס אויסגעפּוצט און דאָס באַנייַט פאַרן מלך. אין אויך פאַר בבא'ן אין אויך פאַר דער טאָכטער פון מלך איז אַלץ, וואָס זיי נויטיג איז געווען, צו דעם געזיעג אי'ן אין דעם אָנטייל צו נעמען, צוגעגרייט געוואָרן. ווייל... צוגעשטאַנען אין געבעטן האָט דאָס מאָל די

מלך-טאָכטער פאַרן פּאָטער פאַר מלך: ער זאָל איר געבעט פאַרנעמען און זי מיטנעמען, ער זאָל איר נישט אָפּזאָגן און אין דער היים נישט לאָזן, זי וויל ביים געיעג בייזיין, און אַלץ, וואָס דאָרט קומט פאָר, צוצוזעהן. האָט דער מלך איר נישט אָפּגעזאָגט, איז דער מלך אויף איר בקשה דאַן באַשטאַנען, און דאַן און באַשטייענדיג, האָט די קנעכט און אַזאַ באַפֿויל געגעבן: אויך די טאָכטער און אויך איר מיט-חבר צווישן זיינע באַגלייטער פאַררעכענען, זיי וועלן מיט אים אינאיינעם פאָרן, זיי וועלן מיט אים און ביי זיין זייט רייטן.

און דער טאָג האָט זיך דערנעהענט, אין דער פריהמאָרגן פון יענעם טאָג איז געקומען, און אַלע הארן און אַלע יעגער-לייט האָבן זיך צום מלך און צום פּאַלאַץ צונויפגענומען, און אַלע אָנגעטאָן און פאַרפּוצט אין כבוד, און אַלע אויסגעשטאַט און ווי צום געיעג ס'פּירט זיך, און אַלע פערד זיינען אויסגערוהט געווען און אַלע הינט ביי פערד אויף צו פאַרפריהער לויפן אָנגעגרייט, און אַלץ און אין אָרדענונג איז אויסגעשטעלט געווען, און אויך ווער פאַרפריהער און ווער פון הינטן זאָל אַרויספאָרן.

האָט דער שאַל-האָרן דאַן געשאַלט צום ערשטן, און דער מלך האָט זיך אויף זיין פערד אין צום ערשטן באַוויזן, נעבן אים זיין טאָכטער מיט דעם באַגלייטער אירן און אויף אַ שיין פערד געריטן, אין דערנאָך און די הארן אַלע און איימע נאָך די אַנדערע אויסגעשטעלט, און אין סדר און ווי תמיד, און אין אָרדענונג און ווי ס'איז באַשטימט פון באַשטענדיג.

האָט דער טרומייט דאַן צום צווייטן מאָל געשאַלט, און נאָכן צווייטן און אויסגעוואַרט אַ ווייַלע, און דאַן אין באַלד דעם דריטן אַרויסגעלאָזט. איז דער מלך פון הויף און פון פּאַלאַץ אַרויסגעריטן און נאָך אים די טאָכטער מיט בבא'ן און נאָך זיי די הארן אַלע. זיינען זיי אויף דער ערשטער גאַס געקימען און זי איבערגעפאָרן, די ערשטע, און נאָך דער ערשטער אויף דער צווייטער און נאָך דער צווייטער אויף דער דריטער זיך באַוויזן, און אַזוי און פון גאַס אויף גאַס קומענדיג, און אַזוי און פון גאַס אויף גאַס רייטנדיג, זיינען לסוף דורך אַלע דורכגעריטן און פון שטאָט און אויפן פעלד אַרויסגעפאָרן, און פון פעלד און אויפן וועג, צום וואַלד, און וואוהין זיי האָבן געדאַרפט, זיך געלאָזן.

איז דער מלך מיט זיינע יעגער-לייט אין וואַלד אין זיין מיט געקומען, און די רייטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און די רייטער האָבן די פערד פאַרהאַלטן, און אויפן צייכן פון דעם יעגער-מייסטער, אויף זיין צייכן, אום דאָס געיעג שוין אָנצוהויבן, געוואַרט.

זיינען זיי אַזוי געשטאַנען אַ ווייַלע. און אין וואַלד איז דאַן אַ פריהמאָרגן געווען, אַ זוניגער און אַ רוהיגער, אַ שטילער און אַ ליכטנדיגער, און וואַלד און בוימער זיינען רוהיג און נישט גערירט געשטאַנען, און רייטער און צווישן זיי און שטיל און אויף פערד געזעסן. האָט דער יעגער-מייסטער דאַן זיין צייכן געגעבן, זיינען די רייטער דאַן פון די פערד אַראָפּ און די יעגער-הינט פון די שנורן אָפּגעלאָזט, און די הינט האָבן זיך אין אַלע זייטן צעשפּרייט, און רייטערס דאַן נאָך זיי און מיט ביקסן און מיט יעגער-געווער פאַרשיידן, און אַלע זיינען צווישן די בוימער פאַרפאַלן געוואָרן און יעדערער האָט זיך נאָך זיין שפּיר-הונט און נאָך זיין פאַרפריהער-לויפער אָוועקגעלאָזט. איז אין וואַלד דאַן שטיל געוואָרן און די רייטער-מחנה האָט זיך צעשפּרייט-צעוואָרפן, זעלטן-זעלטן נאָר האָט זיך פון ערגיץ אַ שאָרכען אין פון צווישן די קוסטעס דערהערט פון אַ יעגער-מאַן אַ שפּירנדיגן, צי פון אַ הונט דאָרט אַ דורכשנאָרנדיגן, אין קיין קול און קיין ביל האָט נישט געשטערט די רוה, און מענשן האָבן זיך וואָס אַ מאָל אַלץ ווייַטער און ווייַטער דערווייַטערט און אויפן אָרט, וואו די רייטער האָבן די פערד פאַרלאָזט, איז אַלע מאָל שטילער און שטילער געוואָרן, און

נאָר די דינער, וואָס זײַנען בײַ די פערד געבליבן, זיינען בײַ זיי געשטאַנען און זיי פאַר די צוימען געהאַלטן אין זיך אַליין און אייך די פערד שטיל געהאַלטן. אין אויך דער מלך, דער יעגער, פון בבא׳ן אין פון זיין טאָכטער באַגלייט, האָבן זיך אין אַ זײַט און אין וואַלד ערגיץ אַרײַנגעלאָזט, און ווי אַלע יעגער אויך זיי אין וואַלד-שטילקייט פאַרפאַלן געוואָרן, און ווי אלע אַנדערע אייך זיי, אין מיט יעגער-אינטערעס מיט גרויסן.

און אַט, ווי דער מלך מיט בבא׳ן מיט זיין טאָכטער זיינען שוין טיף אין וואַלד געווען פאַרשוואונדן, אין פון אַרום און אַרום האָט זיך, איסער זיי און אויסער דעם נאָכ-שפּירן זייערן, קיין מענש און קיין סימן פון מענש נישט געפילט, און נישט קיין הינט און נישט קיין קול פון הינט פון פרעמדע, און נאָר זייערע הינט און נאָר די פאַרפריתער-לויפער זייערע האָבן זיך אַלע מאָל פון קיסט צו קיסט געוואָרפן און מיט לאַנג-פיסקעס און מיט שאַרף-פיסקעס געזוכט דאָרט צווישן, און אָנגעשמעקט און דאָרט גענאָרעט און זיך אָפּגעטאָרט און ווייטער געלאָפן, און טיף אין וואַלד שוין אינאיינעם מיטן מלך און מיט די קינדער פון דעם מלך זיך געטראָפן; און ווי דער וואַלד איז אַלע מאָל געדיכטער און געדיכטער געוואָרן, צוניפגעצווייגט און פאַרביימט-פאַרפרעמדט און שטיל און אומגעוויינליך שטיל און פון קיינע קיל-שטערונגען נישט געשטערט, — אַזוי האָט זיך פלוצלים פון אַ קוסט פון איינעם אַ חיה און פון איבערגעשראָקענע, פון איר רוח דערוואַכט, פון איר באַהאַלטעניש און פון איר אי-וואַלד-זיך-האַלטן אַרויס, אַרויס און פאַרביי מלך און פאַרביי זײַנע באַ-לייטער דורכגעלאָפן, און פלוצליב, און מיט זיי זיך אָנשלאָגנדיג, אין באַ׳רעש׳ט און שוין נישט ניציל-ווערן-רעכענענדיג, האָט זיך פלוצלים און פאַר זייערע פנימער זיך פאַרהאַלטן, און וואָס צו טון נישט-וויסנדיג, און וואוהין צו אַנטלויפן נישט-האָבנדיג, — האָט מיט אַ מאָל און מיט אַ חיה-שפרונג אַ געשיקטן אויף דער מלך-טאָכטער און אויף איר ברוסט זיך אַרויפגעוואָרפן, און מיט אימפעט און מיט פאַרטומלטקייט חיה׳שן די מלך-טאָכטער אויף דער ערד אומגעוואַלגערט...

און אַ וואָרף געטאָן און דאָס געווער אָנגעשטעלט האָבן באַלד דער מלך און בבא אויף דער חיה, אויף דער צעטומלטער, האָבן זיי אין איר אויסגעשאָסן, און באַלד דער-נאָך, און באַלד און נאָכן טויטן זי, האָבן זיך צו דער מלך-טאָכטער, צו דער אויף-דער-ערד-אומגעוואָרפענער געקע־עוועט, און שטיל און איבער איר זיך אָנבויגנדיג, איר וואונד און דאָס אָרט, וואָס איז פון דער חיה געשעדיגט געוואָרן, געזוכט.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן: נישט גערירט און נישט אָנגערירט, נישט געשעדיגט געוואָרן אין נישט פאַרוואונדעט איז די מלך-טאָכטער אין ערגיץ געווען, איז זי נאָר אויף דער ערד און בלאַס געלעגן, אויסגעצייגן און מיט קיין איבר נישט באַוועגט, און די אויגן זײַנען בײַ איר אָפן געווען און געקוקט און נישט געזעהן מיט זיי גאָרנישט; האָט זי זיי נאָר אין איין פונקט און אין איין אַרויפריכטונג געהאַלטן און נישט גערעדט און מיט די ליפן נישט באַוועגט און נישט געקרעכצט און קיין קול נישט אַרויסגעלאָזט; איז זי נאָר אומבאַוועגליך אין ווי פאַרגליווערט געווען, און ווי פאַרשטאַרט און אויסגעצייגן מיט קער-פער, און אַזוי און ליגנדיג, און אַזוי און איסגעצויגן פאַרן מלך און פאַר בבא׳ן איבער איפ שטייענדיגע.

האָט דער מלך אויף גיך און אַ באַפויל אין אַ וואונק דאַן בבא׳ן געגעבן: — זאָל ער תיכף מיט זײַן האָרן שאלן, זאָל ער תיכף און אויפן גאַנצן וואַלד מודיע זיין, און זאָלן זיך אַלע יעגער-לײַט, וואָס האָבן זיך איבערן וואַלד צעשפּרייט, צוניפנעמען, און זאָלן זיי דער-הערן אַן אומגליק האָט געטראָפן...

און בבא האָט דעם באַפויל געטאָן, בבא האָט באַלד מיטן האָרן געשאַלט, און איין

מאָל מיט אַ טרויער-אָנזאָג, און דאָס צווייטע מאָל מיט אַ שרעק-ידיעה. און באַלד האָבן זיך פון אַלע זייטן און צוריק-הארנס אָפּגערופן, אין באַלד האָבן זיך פון אַלע עקן פאַרוואָרפענע צוריק-ידיעות געלאָזט הערן, און אַלע האָרן האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געדופן, און צווישן אַלע יעגער-לייט איז אַ מהומה געוואָרן, און—באַלד און נאָכן גרויסן שאַלן פון אַלע, האָבן זיך פון אַלע ווינקעלאַך און פון אַלע יעגער-באַהעלטענישן די יעגער-מענער און אנלויפנדיגע אַרויסגעוויזן, און מיט אַ מאָל, און אַלע כמעט אינאיינעם אָנקומענדיג, האָבן דעם מלך איבער זיין טאָכטער, איבער איר דער ערד-ליגנדיגע און איבער איר שטיין געטראָפן, און בבא׳ן איבער זיי ביידע און וועגן דעם אומגליק מיטן האָרן מודיע זיין.

און אַרומגערינגלט און באַטראַכט אַ ווײַלע האָבן די האָרן די מלך-טאָכטער, די פון דער חיה אומגעוואָרפענע און אויף דער ערד איצט ליגנדיגער, האָבן זיי אויף איר געקוקט אַזוי: אויף איר און אויפן מלך איבער איר איבערגעביגענעם, אויף זיין קינד קוקנדיגן און אין זיין צער זיין גרויסן, האָבן זיי זיך דערנאָך אָנגעבויגן איינציגע, האָבן זיי די מלך-טאָכטער פון דער ערד אויפגעהויבן, האָבן זיי זי שטיל און פאָרזיכטיג גענומען, האָבן זיי זי שווייגנדיג און פונם אָרט יענעם געטראָגן און שטיל און באַלייט פון אַלע צום אָרט, וואו די דינערס מיט פערד און קאַרעטעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, צום אָרט אַהין, און אין דער שטיל זי געבראַכט, זי צוגעבראַכט, האָבן זיי זי אויף דער קאַרעטע, און וואָס צום מלך האָט געהערט, זי אַרויפגעלייגט, און אַזוי און זי אַרויפלייגנדיג, און געהיט און אויפן געהעריגן אָרט זי באַשטאַטנדיג, האָבן זיך דערנאָך אַלע און אויף די פערד אַרויפגעזעצט, און טרויעריג און צווישן זיך שוין גאָרנישט רעדנדיג, האָבן פאַרפריהער די קאַרעטע אַרויספאָרן געלאָזט, און אַלע און נאָך איר, און אַלע האָבן זי אין שטיל-פאָרן באַלייט.

און אָנגעקומען און געבראַכט געוואָרן איז די מלך-טאָכטער אין פּאַלאַץ פון מלך נאָכן וואַלד און נאָכן יאָג-געיעג נאָך טרויעריגן, האָט מען זי אין איר צימער און אויף איר בעט געבראַכט. האָט דער מלך באַלד אַ באַפויל געגעבן: „און זאָלן רופאים און אַלע, וואָס היילן קאָנען, הערן, פון דער הויפּט-שטאָט און פון אַרום דער הויפּט-שטאָט, און ווער מען נאָר דער מלך מיט זיין טאָכטער זיינען ליב, און קיין טייערס וועט דעם מלך נישט טייער זיין, און זאָל מען נאָר קומען, און זאָל מען נאָר היילן“.

און אָנגעקומען אין צונויפגעזאַמלט האָבן זיך באַלד די רופאים פון דער הויפּט-שטאָט און פון אַרום דער הויפּט-שטאָט אין פּאַלאַץ פון מלך אַלע, זיינען זיי באַלד אין צימער און צו דער טאָכטער אַריינגעפירט געוואָרן, האָבן זיי זי באַטראַכטן און אַרומקוקן גענומען און זי אויסקלאַפּן און אויסהערן, האָבן זיי געזעהן: מיט דער מלך-טאָכטער איז עפּעס אומגעוויינליכס געשעהן, און נישט קיין קלאַפּ און נישט קיין שעדיגונג, און דער גאַנצער קערפּער איז נישט גערירט געוועזן, און קיין סימן נישט פון קיין חיה-ציין, און קיין זכר פון קיין וואונד קיין מינדסטער, און דאָך, און די מלך-טאָכטער איז ווי טויט געלעגן, אין נאָר דער דפק און דער שוואַכער אירער, האָט אויף לעבן און אויף אַ באַהאַלטן לעבן געוויזן. האָבן די רופאים צווישן זיך אין זיך געפּעצהט, און שטיל גערעדט אין אויף רופא-לשון, און אַלע זיינען עפּעס ערנסט געוועזן, און גאָר די חשובע און גאָר די ערנסטע צווישן זיי האָבן זיך שטיל און אויפגעהאַלטן געהאַלטן, און פון זייערע אויגן און פון די שוויַיג-בליק זייערע האָט אַן ערנסט-לאַגע און ווי אַן אומבאַהאָלפנקייט אַרויסגעקוקט: „די לאַגע איז שווער, און דער צופאַל איז אַן אומגעוויינליכער, און דער, וואָס אין הימל, איז אַ היילער, און ער נאָר קאָן העלפן...“

און געהיילט און געטאָן האָבן די רופאים, וואָס פאַר נויטיג און מ׳באַדאַרף זיי האָבן געפונען, האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט ביי מלכ׳ס טאָכטער און אין איר צימער געפונען,

נישט אָפּגעגאַן און פאַרנומען געווען אין אַלע מאָל זיך ווידער געעצהט אין אַ נייע רפואה געפּרובט, און אלץ נאָר, וואָס זיי האָבן געוואוסט, און אלץ, וואָס נאָר זיי האָבן אין זייער רופאים-שול געלערנט און אַלץ געפּלייסט זיך אין אַלע כּוחות אַוועקגעלייגט — און אום דעם מלך זײַן צער צו פאַרגרינגערן און אים זײַן טאָכטער צום לעבן צו ברײנגען; האָבן זיי אָפּגעטאָן, די רופאים, און אַלעס אויסגענוצט אין טאָג אין יענעם, און פאַר נאַכט, — און אַז דער מלך האָט צו זיי און צו זייערע עלטסטע צוגעטרעטן און זיי אויף זײַן קינד, און ווי דאָס שלאָפקײַט גײַט, געפרעגט, האָבן יענע אויפן מלכ'ס פּנים זייערע ערנסט-פּנימער אָנגעשטעלט, אָנגעשטעלט און אים אַזוי געזאָגט:

— די זאַך איז אַן ערנסטע, דאָס שלאָפקײַט איז אַן אויסנאַם, און געטאָן האָט מען, וואָס מעגליך איז געווען, און באַגאַן איז מען זיך, און נאָך אַלע געזעצן פון רפואה, און דאָס איבעריגע איז נישט אין די רופאים געווענדט, און אויפן איבעריגן האָט מען פון אויבן צו זאָגן. — אָפּגעזאָגט און זיך צעגאַנגען.

און ליגן געבליבן און אָהן פאַרבעסערונג און אָהן פאַרגרינגערונג איז די טאָכטער פון מלך, פון יענעם טאָג און פון יענעם יאָג-געיעג-זיך-אומקערן, און נישט געהאָלפן און נישט פאַרגרינגערט האָבן נישט די הויפּט-שטאָט-רופאים און אויך נישט די, וואָס זײַנען פון אַנדערע שטעט צו איר אײַנגעלאַדן געוואָרן. איז די מלך-טאָכטער, אין ווי בײַם ערשטן פאַל, אַזוי אויך אויף ווײַטער און נישט גערירט און ווי פאַרשטאַרט געלעגן, מיט אָפענע אויגן און מיט קוקנדיגע, אין איין מאָס און אין איין אַרויפריכטונג און מיט זיי גאָרנישט נישט זעהענדיגן. האָבן זי אויך שפּרעכערס און שפּרעכערינס געשפּראָכן — און אויך די שפּראָכן האָבן נישט געהאָלפן: אין די מלך-טאָכטער איז אַלץ נישט טויט און נישט לעבעדיג געלעגן, און דער מלך איז נעבן איר געזעסן און איר בעט און איר נשמה געהיט. פלעגט ער נעבן איר אַזוי זיצן, און לאַנגע נעכט און אין שטילע טעג, און פון איר קײַן אויג נישט אַראָפּנעמען, און געקוקט אויף איר און נישט אויפגעהערט צו קוקן, און געהאָפט און געגלויבט, אויף איר קוקנדיג: — אין אפשר וועט זיך בײַ איר פאָרט אַן איבער אַ ריר טון, און אפשר וועט זי פאָרט אַ מאָל מיט אַן אויג אַ פּינטל טון... — איז ער אַזוי געזעסן, און אויך בבא, און אויך דער געליבטער פון מלך-טאָכטער, פלעגט פון צײַט צו צײַט און אין איר צימער אַרײַנקומען, אַרײַנקומען און זי באַטראַכטן — אין איר פאַרגליווערטקייט און אין איר האַלב-טויטער לאַגע, האָט ער זי באַטראַכט, און אויך דעם מלך און דעם איבער איר זיצנדיגן — אין זײַן פאַרלוירנקייט און אין זײַן פאַרגעסנקייט זײַן גרויסן; האָט ער אים באַדויערט, דעם מלך, און זײַן עלנט און זײַן פאָטער-טרויער טרייסטן געוואָלט, האָט ער אָבער נישט געקאָנט און נישט געהאַט מיט גאָרנישט. פלעגט ער אים פאַרלאָזן, אַליין בײַ זײַן טאָכטער און אַליין איבער איר אומגליק זיצן, און ווײַטער בײַ איר בעט, און ווידער אויף טעג און אויך אויף נעכט גאַנצע, און אַ מאָל נאָר און אויך פון שטערן-זעהער באַזוכט צו ווערן, פון זײַן בעסטן און פון דעם מלך-פרײַנט דעם ליבסטן.

— הא? — פלעגט זיך דער מלך יעדערס מאָל, און ווען דער שטערן-זעהער האָט אים מיט אַ באַזוך באַזוכט, זיך צו אים קערעווען און פרעגן: — וואָס זאָגסטו צו מײַן אומגליק?

— יאָ, פרײַנט-מלך, — פלעגט אים דער שטערן-זעהער דאַן ענטפערן, — דײַן אומגליק איז גרויס און דײַן צער איז נישט אויף צו טרייסטן, אָבער... גאָט איז אַ פאָטער, און דײַן קינד איז נישט קיין פאַרפאַלנס.

— וואָס רעדסט דו, ליבער?

— געווינק מײַן וואָרט און פאַרליר נישט דעם בטחון, ווייל שטערן זאָגן: די זאַך איז נישט קיין פאַרפאַלענע, די זאַך דאַרף אַן אויסשטאַנד האָבן, און אויף דײַן קינד וועט

אַן אויפריכטונג קומען — צו איר אַן אויפריכטונג, און דיר אַ טרייסט אַ פּאָטערליכער און נאָך מיט אַ נחת און נאָך מיט אַ פרייד פאַר אייך אַ גרויסער.

און דער מלך האָט געגלויבט, און דער מלך האָט יעדערס מאָל אויפן שטערן־זעהערס באַזוך געוואַרט, אויף זיין קומען און אויף זיין אים פאַרגרינגערן: און אפשר וועט ער אים אַ בשורה ברענגען, אַן אָנזאָג און אַ שטערן־וואָרט אַ שטאַרקנדיגס, און אפשר וועט אויף זיין קינד לכּוף שוין די הילף קומען, און אפשר אויך צו זיין צער אַ סוף און אַן אויסלייזונג אַן זמת׳ע.

און די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען, און די מלך־טאָכטער איז אַלץ אויפן בעט געלעגען, און דער מלך איז ביי איר געזעסן, און בבא האָט זיך אַרום זיי שטיל אַרומגעדרייט, און האָרן האָבן אַליין די מלוכה געפירט, און דער מלך האָט זיך נישט געמישט אין זייער פירונג. און די מלך־טאָכטער איז אַלץ נישט געהאָלפן געוואָרן, און קיין רפואה און קיין היילונג האָט זיך נישט געפונען פון ערגיץ, און דער מלך האָט אַלץ נאָר אויפן שטערן־זעהער אַרויסגעקוקט, און דער שטערן־זעהער—אויף שטערן באַשטענדיג: ביז איין מאָל:

— — און אָנגעקומען און געמעלדן זיך האָט אַ מאָל דער שטערן־זעהער נאָך אַ בייגאַכט און נאָך לאַנגען אויף אין־היכל־אַריין־קוקן דערמאָלט, האָט ער זיך צום פּאַרטאַג צו צום מלכס פּאַלאַץ גוגעשלאָגן, האָט ער זיך מעלדן געהייסן, האָט מען אים געמעלדן, האָט אים דער מלך אַריינקומען געהייסן, איז ער אַריינגעקומען, האָט ער זיך פאַרן מלך און אינם פאַרטאָג פאַרנויגט, פאַר מידן מלך און פאַר איינגעמאַטערטן, פאַר שלאָפלאָזן און וואָס ער האָט שוין לאַנג אַזוי די נעכט פאַרבראַכט, האָט ער זיך פאַר אים פאַרנויגט, האָט ער אים מיט גוט־מאָרגן געבענטשט, און שטיל, און בשעת אים בענשנדיג, האָט פון זיין פנים און פון זיינע אויגן מיט עפּעס נייס און מיט עפּעס אָנזאָגנדיגס אַרויסגעשיינט:

— אַ גוט־מאָרגן, פּריינט, און וואָס אַזוי פריה, און צוליב וואָס זיך אַזוי געעדערט?

— צוליב אַ נייס און צוליב אַ בשורה.

— אַ בשורה?

— יאָ, פריינט־מלך.

— און וואָס?

— די צייט פון דיין הילף דערנעהענטערט זיך, די צייט פון דיין צער־אויסלייזונג קומט אָן.

— און נו?

— הער מיך אויס:—און דאָ האָט דער שטערן־זעהער זיינע אויגן, וואָס פון זיי האָט געטרייטאָפּט, איבערגעגעבנקייט און מיטלייד אַרויסגעקוקט, צום מלכס פנים און צום מלכס צער־אויגן אויפגעהויבן, אויפגעהויבן און אים אַזוי געזאָגט:— באַפויל, מלך, און היינט, און צום האַלבן טאָג נאָך, זאָלן זאָגער און צום פּאַלאַץ צו דיר אַלע האָרן און אַלע זין פון די האָרן צונויפגעזאַמלט ווערן, אַלע קינדער און אַלע זין פון זיי, וואָס האָבן אויף דיין טאָכטער אַרויסגעקוקט און איר האַרץ־באַגער באַגערט; זאָלן זיי זיך צונויפנעמען, און זאָל דיין טאָכטער דיין שלאָף־ליגנדיגע צו איר חתונה און צו איר חופה צוגעגרייט ווערן, און אָנגעטאָן און ווי ס׳געהער פאַר אַ כלה, און אויסגעצירט און קיין זאַך זאָל נישט פעלן, און אויך בבא זאָל אַהין איינגעלאַדן ווערן, און אויך איך וועל בעת־מעשה זיין,—ווייל די שעה איז אַן ערנסטע, ווייל די שעה וועט אין דיין טאָכטער־לעבן אַ גרויסע און אַ וויכטיגע זיין.

האָט דאָס דער מלך אויסגעהערט, האָט ער באַלד און נאָך אין יענעם פריהמאָרגן זיינע האָרן און צו וויסן געגעבן:—זאָלן זיי וויסן און אַלע זאָלן גרייט זיין, צו יענער שעה, און וואָס דער שטערן־זעהער האָט באַשטימט, צו קומען, און זאָלן זיי זעהן און מיט זיך און

זייערע זין נעמען, און קײַן איינער זאָל נישט פעלן, ווײַל אַלע זײַנען הײַנט דעם מלך נויטיק.

האָבן די האַרן דאָס געהערט, האָבן די האַרן זיך פאַרחידושט און דעם מלכס מײַן און דעם מלכס באַפויל נישט פאַרשטאַנען. האָבן זיי צווישן זיך און וועגן דעם גערעדט און איינער בײַם אַנדערן האָט וועגן דעם און זיך אָנגעפרעגט, אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוואוסט צו זאָגן, ווײַל קיינעם האָט דער מלך פאַר פריהער נישט אויסגעזאָגט. האָבן זיי זיך געוואונדערט און זיך אָנשטויסן געוואָלט, זיך געחידושט, און די זאַך נישט דערגײן געקאָנט, און דאָך, אין צו דער שעה, צו דער באַשטימטער, האָבן זיך אַלע און ווי איינער צום פּאַלאַץ און, ווי געהייסן איז געווען, זיך צונױפגעקליבן. זיך צונױפגעקליבן — אין אַרײַנגעפירט און געבראַכט געוואָרן זײַנען די האַרן די פאַרזאַמלטע אַלע אין דער גרויסער אויפנאַם-זאַל פון מלך דעמאָלט, זײַנען זיי אהין אָנגעקומען, האָבן די זיך אַלע אין די חשובֿסטע דאָן אין אויג איף אויג געפונען, האָבן זיי זיך דאָן ווײַטער איבער־שמועסן אין וועגן דעם געשעהעניש איבעררעדן געגומען, אין גערעדט און געסודעט זיך צווישן, און געטיילט זיך און מיט השערות, מיט פאַרשיידענע, — אין אזוי און זיך איבער־שמועסנדיג אין אזוי און צווישן זיך מיט השערות זיך טײלנדיג, האָבן דערווײַל געוואַרט און אינאיינעם געווען, אינאיינעם געוועזן און צו קײַן באַשלוס און צו קײַן קלאָרן נישט געקומען.

האָט זיך דערנאָך, און נאָכן צונױפגײן זיך פון אַלע, מיט אַ מאָל אַ טיר, און וואָס אין דער אויפנאַם-זאַל אַרײַנפירט, אויפגעעפנט, האָבן זיך אין איר דעם מלכס באַדינערטע מיט אַ בעט א געטראָגענער באוויזן, אין אין בעט איז די מלך-טאָכטער — די שלאָפע און די פאַרשטאַרטע, די זיך-נישט-רירנדיגע און פון אַלע האַרן שוין מיואשדיגע — געלעגן, האָבן זי די דינער שטיל און אויפן בעט אַרײַנגעטראָגן און, צום מלך-אָרט און דאָרט, וואו די מלך-שטול איז געשטאַנען, זי צוגעבראַכט; האָבן זיי זי דאָרט אַוועקגעשטעלט, און די האַרן האָבן אָט-וואָס דערזעהן:

אָנגעטאָן און אויסגעפוצט, ווי צו חופה און צו טאָג פון חופה, איז די מלך-טאָכטער דאָן געווען, און זויבער און אין זויבערקייט אין גאַנצן און אין ווײַס און אין זײַדנס אַלע, און ווי ס'פּאסט אין ווי ס'קומט א מלך-כלה, און איבן קאָפּ איר איז דער דעק-טוך גע־ווען, און אויפן שטערן פון קאָפּ אַ דיאַדעמע-שטיין א מלכותדיגער, און באַצירט און מיט צירונגען אינגאַנצן, און איבערגעדעקט און ווי תּמיד איז געלעגן, און נאָר די רעכטע האַנט איז ביי איר פון אונטער דער קאָלדרע ארויסגענומען געווען און נאָר די רעכטע האַנט איז ביי איר אָפּגעדעקט און פון אויבן געלעגן.

שטיל און שווײַגנדיג, איבעררעשט און נישט פאַרשטייענדיג, האָבן די האַרן אזוי אויף דעם בילד און אויף דער מלך-טאָכטער געקיקט, געקוקט און געשטוינט, נישט פאַרשטאַנען און דערויף קײַן באַשיידונג נישט געפונען. האָט זיך דעמאָלט ווידער און א צווייטע טיר, וואָס פון מלך-צימער און ווידער אין אויפנאַם-זאַל פירט, אויפגעעפנט, האָט זיך אין איר דער מלך באוויזן, און אָנגעטאָן אין מיט א טאגע-קלייד, און געקרוינט און מיט זײַן צעפּ־טער, און ווי פאַר א געשעהעניש און פאַר א מלוכה-אקט א גרויסן. האָט ער זיך באוויזן, איז ער אין זאַל און צווישן די האַרן געקומען, האָט ער צו זײַן שטול און צו זיין רעכט־פאַרטיגער גענעהנט, האָט ער זיך פאַר די האַרן און פאַר די פאַרזאַמלטע זיך פאַרנויגט, און שטיל און נאָכן פאַרנויגן-זיך פאַר האַרן, איז אויף זײַן שטול, און אויף זײַן מלך-שטייגער אויפגעגאַן. אויפגעגאַן, האָט זיך באַלד אין דורך דער זעלבער טיר, דורך וועלכער דער מלך איז אַרײַן, דער שטערן-זעהער און אין זײַן געלערנטס-אָנגעטאָן באוויזן, מיט זײַן

לאַנגען קלייד, און וואָס האָט ביז דער ערד דערגרייכט, און מיט זיין שמאָלן און שוואַרצן, און וואָס האָט זיין קערפּער און זיין איידעלן געפּאַסט, איז ער אַריינגעקומען, האָט ער זיך אין זאַל אַריינגעלאָזט, און הינטער אים און מיט עניוות מיט גרויסן האָט אויך בבא, און הינטער זיין פּלייצע, אים נאָכגעפאָלגט.

און צוגעגאַן איז דאַן דער שטערן־זעהער צו פאַר מלך־שטול און צו נעבן־בעט פון טאָכטער־מלך, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט, האָט ער פריהער אויף דער מלך־טאָכטער אַ קוק געטאָן און אין די אויגן ביי אים האָט זיך אַ גרויס רחמנות־געפיל באַוויזן, דערנאָך אויף די האַרן און אויף די פאַרזאַמלטע — און אַן ערנסט און אַ גרויסער האָט זיך אין זיי אויסגעדריקט, און דאַן, אין צום מלך און צום אויף דער שטול־זיצנדיגן אַ קוק־טוענדיג, האָט דאָס וואָרט גענומען און אַזוי געזאָגט:

— אין רשות פון מלך און אין רשות פון אַלע האַרן זיך דאָ־צונויפגעזאַמלטע, נעם איך דאָס וואָרט מיר דאָ און וויל מודיע זיין: זייט וויסן, האַרן, שטערן האָבן מיך צום מלך געשיקט, שטערן האָבן מיר אים זאָגן געהייסן, אין צום שלום און צום גונסט פון מלך — אַזוי: — זיין טאָכטער קאָן געזונט נישט ווערן, זיין טאָכטער וועט נישט געגעזן ווערן, ביז זי וועט צו איר געליבטן, אין ביז זי וועט צו איר באַגערטן נישט קערן. און אָט האָבן מיר זיך צונויפגענומען דאָ, און אָט זייגען דאָ אַלע זין פון האַרן, און אַלע יענע, וואָס האָבן איר האַנט געזוכט, — און אָט איז די האַנט פון מלך־טאָכטער, און אָט איז אויך די קידושין־רינג פאַראַנען, — און זאָל אַציגד, און ווער סע וויל פון אייך אַרויסגיין, אַרויסגיין און די קידושין־רינג נעמען און דער מלך־טאָכטער זי אָנטון, און זאָל ער איד אַ מאַן און אַ שאַפער זיין, און אויך אַ קרוין־יורש אין אַן איבערנעמער פון מלוכה... אָבער וויסן זאָל ער זיין, דער וואָס נעמט אויף זיך די ליבע, אַז נישט תיכף און נישט באַלד געזונט וועט ווערן די מלך־טאָכטער, אַז אַ צייט אַ לאַנגע דאַרף נאָך אויף איר בעטל ליגן, און ער אַליין דאַרף אין וועג און אויף וועלט זיך לאָזן, אין אַ סך אויסשטייאונגען דאַרף אויסשטיין און אַ סך שטערונגען און שטרויכלונגען דאַרף איבערקומען, און לסוף, און אַז ער וועט דאָס ביי־קומען, וועט ערשט דאַן צו זיין ליבער, וועט ערשט דאַן צו זיין געוואונשענער קומען. — און אָט איז די רינג פאַר אייך!

און דאָ האָט דער שטערן־זעהער אין דער הייך און אין די אויגן פאַר אַלעמען אַ קידושין־רינג אַ גאָלדענע און אַ גרויסע אויפגעהויבן, האָט ער זי פאַר האַרן אין פאַר די זין פון האַרן געוויזן, און אַזוי און זי ווייזנדיג, און ווידער גערופן:

— האַרן און זין פון האַרן, די קידושין־רינג און די מלך־טאָכטער וואַרטן, אין דער מלך אויף דער שטול — אויפן גליק און אויף דער הילף פון זיין טאָכטער... זאָל דערום ווער אַרויסגיין, זאָל דערום ווער געגעהנען, זאָל ער די קידושין־רינג דער מלך־טאָכטער אָנטון און זאָל ער, זי אָנטוענדיג, אין דער מלך־טאָכטערס האַנט זוכה זיין.

און נישט געגעהענט און נישט אַרויסגעגאַן איז דאַן פון אַלע פאַרזאַמלטע, פון אַלע זין און פון דער געגנבער חתן־יוגנט אויפן רוף און אויפן רינג־באַווייז פון שטערן־זעהער דעמאָלט קיינער, האָבן זיי זיך אַלע און ווי דערשראָקענע אויף צוריק זיך גערוקט, אויף בעטל קוקנדיג און אויף דער מלך־טאָכטער, דער האַלב־טויטער, אויף איר אויסזעהן אויסגעצויגענעם און אויף איר האַנט דער בלאַס־ליגנדיגער, האָט זיך קיינער און אויף שטערן־זעהערס רוף נישט אָפּגערופן און נישט געגעהענט צום בעטל. האָט דער שטערן־זעהער אַ ווײַלע אין די קידושין־רינג נאָך אין דער הייך און אויפגעהויבן געהאַלטן, — און דער מלך האָט אויפן עולם געקוקט, און געשוויגן און געוואַרט פון דאָרט פון צווישן, און אויך די טאָכטער האָט אויף דעם עולם די אויגן און ווי אָנגעשטעלט און ווי פון דאָרט אויף דעם ערשטן

צו איר אַרויסגייענדיגן און צו איר־אַריינטרעטענדיגן געוואַרט, און אַז זיי האָבן זיך נישט אויסגעוואַרט, און אַז דער שטערן־זעהער האָט לסוף די האַנט און פון זי דעם־האַלטן אַראָפּגעצלאָזט — דער מלך די אויגן — און ווי פאַרשעמט צום באָדן, און די כלה־טאָכטער — פאַרלאָזט און נישט דערבאַרעמט און נישט געליבט פון קיינעם, — האָט זיך דאַן דער שטערן־זעהער צום עולם אין צום לעצטן מאָל זיך געווענדט און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט:

— דאָס לעצטע מאָל, זין פון הארץ, דאָס לעצטע מאָל רוף איך אויס: ווער וויל די מלך־טאָכטער נעמען, ווער וויל אין דער מלך־טאָכטער זוכה זיין?

— קיינער! — האָט פון עולם קיינער זיך נישט אָפּגערופן.

— איך! — האָט זיך דעמאָלט פון אַ זייט, און נישט באַמערקט, פון פאַררוקטקייט און פון נישט אָנגעזעהענקייט ביז־אַהעריגן, פון הינטער די פּלייצעס פון שטערן־זעהער אַ קול זיך דערהערט, — איך! — האָט זיך דאָס קול אין שטיל אַרויסזאָגן דערהערט, און פון הינטערן שטיין און פאַרשטעלטקייט פון שטערן־זעהער האָט זיך בבא אַרויסגערוקט.

און אין איבערנומענעם און דערפרייט האָט זיך דאַן דער שטערן־זעהער מיט אַ פּנים־פרייד צו בבאן זיך אויסגעקערעוועט, אויפגעלייגט און דערמינסטערט האָט דער מלך דאַן זיינע אויגן פון פריהערדיגן אַראָפּגעלאָזטקייט און פון טרויעריגן אַראָפּגעפאַלנקייט אויפגעהויבן, און אויך ביי דער טאָכטער פון מלך האָבן זיך אין די אויגן, און די אָפּ־קוקנדיגע, ווי אַן אויפלעבונג און אַ דערפרייאונג זיך באַוויזן... באַוויזן — און צוגעגאַן און אַ האַנט אויסגעשטרעקט האָט בבא דאַן צו דער רינג, וואָס ביים שטערן־זעהער אין האַנט זייענדיגער, האָט ער זי אויסגעשטרעקט און די רינג גענומען, האָט ער זיך מיט איר אָנגעבויגן און ביי מלך־טאָכטער די האַנט, וואָס איז אויך דער קאָלדרע און אָפּגעדעקט געלעגן, אָנגענומען, אָנגענומען, און איר די רינג אָנגעטאָן: — „צו מיר און איך געהערן, אויף פאַרבונדן זיין און אויף נישט צעשיידן־זיך, און אויף אַלץ און אויף אַלעמען, און וואָס מיך און דיך און און לעבן וועט נישט טרעפן“. — און דאַ האָט זיך בבא איבער דער האַנט פון מלך־טאָכטער, אויף דער־שוין־מיט־דער־רינג־אָנגעטאָנענער און צו אים־שוין־געהערנדיגער מיט זיין קאָפּ, געזיכט און ליפּן זיך דערנעהנט, און לאַנג און צו איר אָפּגעדעקטקייט, און אויף לאַנג און צו איר מיט אַ קוש צוגעפאַלן.

איז אויך דער מלך דאַן פון זיין שטול און פון זיין זיצן און פון דער הייך אַראָפּגעגאַן, האָט ער פריהער צו זיין כלה־טאָכטער גענעהענט און זי און שטערן אַ קוש געטאָן, און דערנאָך און צו בבאן זיך אויפגעהויבן, אויף אים מיט אַ פרייד־קוק אַ קוק געטאָן און מיט אים זיך געפריינד־געאָרעמט, און דאַן און צו דעם שטערן־זעהער בוגעגאַ, צו זיין בעסטן און צו זיין פריינט זיין איינציגסטן:

— צו מזל, הארץ־פריינט!

— צו מזל און צו ברכה, — האָט דער שטערן־זעהער דאַן דעם מלך איינגעלייגט און מיט פרייד געענטפערט.

און אַ באַפויל געגעבן און אַ ווייז געטאָן האָט באַלד דער מלך די דינער, וואָס האָבן די טאָכטער פריהער אין זאַל אַריינגעבראַכט און צו זיין שטול זי צוגעשטעלט, אַ ווייז געטאָן — האָבן באַלד די דינער דאָס בעטל פון זאַל אַרויסגענומען און צוריק אין טאָכטער־צימער דאָס אומגעקערט, האָבן זיי זי אַוועקגעטראָגן, די טאָכטער, און מיט איר נישט געבליבן. איז דער מלך מיט די הארץ אַליין און אין זאַל דאַן פאַרבליבן: מיט די אַנט־שוויגענע און דאָס־אַלץ־פאַרגעקומענע צוזעהענדיגע, און ביי זיך אַראָפּגעלאָזטע און פאַרן מלך איצט זיך שעמענדיגע. זיינען זיי אַ ווייַלע אַזוי פאַרשעמט און שטיל געשטאַנען, האָט זיי דער מלך אָפּגעזעגנט, זיינען זיי זיך צעגאַן, אַליין דער מלך נאָר מיט שטערן־זעהער און

בבאַן זייַנען אויך אויף ווייַטער איבערגעבליבן, און דאַן אין אויג איך איג אליין זייַענדיג, האָט זיך דער שטערן-זעהער באַלד צו בבאַן געווענדט און אים אזוי געזאָגט:

— און איצט, בבא, טו זיך איבער... פאַר אַ גייער און פאַר אַ בעטלער... אין אַזוי וועסט די זיך איך דער וועלט לאָזן, און אַזוי וועסט דו באַלד דעם פּאַלאַץ פאַרלאָזן. און מער דייַן כלה וועסט דו שוין נישט זעהן פאַר דייַן אַוועקגייַן, און מער דייַן געליבטע און נישט אָנקוקן ביז איר געזונט-ווערן. און גיי: אין זאָל דיר די ברכה, מיט וואָס דייַן אַלטער האָט דיך געבענשט, בייַשטיין, און זאָל דיך זייַן בענשונג און דייַן קאָפּ דיך שיצן, און פאַר בלכים זאָלסט דו שטיין און מלכים זאָלסט דו טרייסטן. און ווייס: און יעדער מלך וועט דיר פאַר דייַן טרייסט אַ זאַך עפּעס געבן, פון יעדער מלך וועסט דו פאַר דייַן גוטס אַ געשאַנק באַקומען, און לסוף, און אַז דו וועכט פאַר דעם דריטן און פאַר דייַן לעצטן אָנקומען — געדיינק: דייַן הילף איז דאַן נאָהענט... און אָט האָסט דו דיר אויך פון מיר אַ מתנה. — און דאָ האָט דער שטערן-זעהער זייַן האַנט אין זייַן קלייד-טאַש אַרייַנגעטאָן און פון דאָרט עפּעס ווי אַ שטערן-שטיין אַרויסגענומען, האָט ער עס איבערגעגעבן בבאַן, און שטיל און דאָס אים איבערגעבנדיג, אים אַזוי געזאָגט: — זאָלסט עס טראָגן און זאָלסט עס אָפּהיטן, זאָלסט דאָס אין זינען האָבן און אָן דעם געדיינקען, און אין דער ערשטער און דער צווייטער זאָלסטו דאָס באַנוצן, און אום דייַן נויט צו באַזייַטיגן...

און באַלד, און דער שטערן-זעהער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט בבא'ן, האָט ער אים די האַנט געדריקט און אים גליק געוואונשן, האָט ער אים זייַן קאָפּ געגלעט און מיט הארץ-בליקן אים באַהאַרצט, און דאַן און נאָכן געזעגענען-זיך מיט אים האַרצליכן, האט אים אויך פאַרן מלך צוגעפירט, האָט ער בבאַס האַנט אין מלכס האַנט געגעבן, און אַזוי, און האַנט אין האַנט זיי געבנדיג, האָט זיי פאַראייניגט אין אויף תמיד, אויף זיך ליב האָבן און אויף שטענדיג, אויף געטרייַ-זיך-זייַן און געטרייַ-זיך-איבערגעגעבן אויף אייביג.

און בבא איז באַלד פון אויפנעם-זאַל אַרויסגעגאַן און באַלד זייַנע קליידער און פון מלכס פּאַלאַץ אַראָפּגעוואָרפן, האָט ער אַנדערע און בעטלערשע איך זיך גענומען און אין אָרימען און אין געמיינעם זיך אָנגעטאָן, און אַזוי און בעטלעריש און אויף ס'נייַ באַקליידט, האָט באַלד דעם פּאַלאַץ און אַלץ, וואָס ליב אים איז געווען אין פּאַלאַץ, פאַרלאָזט, און אויף שכאָט און אויף אויסער-שטאָט, אויף וועגן און אויף וואָגלען זיך אַוועקגעלאָזט.

* *

*

און בבא איז אַוועקגעגאַן און בבא איז שוין ווייַט געווען, און בבא האָט זיך ווייַט פון פּאַלאַץ שוין געהאַט דערווייַטערט און פון זייַן יוגנט און פון זייַן פאַרברייַנגען דאָרט מיט ליבער. האָט ער אַזוי געוואָגלט אין אויף דער וועלט געוואַנדערט אין אַ צייַט און אַ לאַנגע צייַט אין גיין שוין אין גייערשן. האָט זיך בבא נישט פאַרהאַלטן אין ערגיץ, און וואו געטאָגט נישט גענעכטיגט קיין מאָל, און בבאַן האָט זיך אויף זייַן וועג נישט געטראָפן גאָר נישט, און בבאַן האָט זיך אין זייַן גיין נישט באַגעגנט קיינער. האָט ער אַלץ ווייַטער און ווייַטער געצויגן, אין נאָר אין מאַרבע, וואָס מיטן עסנוואַרג זייַן ווייניגן, האָט אויך די מתנה, און וואָס דער שטערן-זעהער האָט אים מיטגעגעבן, געטראָגן. און אַזוי, און נאָר די מאַרבע טראָגנדיג, און אַזוי און נאָר מיט איר און מיט זייַן מתנה גייענדיג, האָט איין מאָל, נאָך לאַנג גיין און נאָך גרויסן מיד-ווערן, אין אַ פאַרנאַכט אין איינעם, אין אַ שטילן און אין אַ זוניגן, אין איינער אַ מדינה צו אירער אַ שטאָט, און צו איר הויפּט-שטאָט, זיך צוגעשלאָגן.

פאַרנאכט איז דאַן געווען. די זון האָט זיך איף יענער זײַט הויפּט-שטאָט, אויף הינטער אירע מויערן און הינטער אירע געבײַען געזעצט, זיך געזעצט און אָראָפּגעלאָזט, און דער שטאָטס אויסזעהן און די מויערן-דעכער מיט אַ לעצטער פאַרגיי-שײַן באַשײַנט. איז די שטאָט דאַן ווייט און ווי אין אַ ווינקל צונויפּ׳עדריקט געשטאַנען, אין מיט בנינים און ווי צינויפגעגאָסן און מיט ליכט אין מיט פאַרנאַכטיגן באַליכטן. איז דאַן בבא פון איר צווייטער זייט און צו איר אנטקעגנקײַט צוגעטראָטן און זי אין באַלויכטנקייט און אין דערווייטערטקייט געזעהן. האָט ער זיך צו אירע טויערן אין צו איר ארייגאַנג דערנעהענט, און מיט דער דעה אין איר אויף נאכט, אין מיטן געדאַנק איף אין איר צו איבערנעכטיגן אָנצוקומען. האָט ער זיך אָבער באַלד, אין ווי ער איז נאר צום טויער צוגעטרעטן, אָן אַ שומר און מיט געווער אין האַנט זיך אָנגעשלאָגן, אין באַלר אין ווי דער שומר האָט בבא׳ן צום טויער גענעהנען דערזעהן, אזוי האט ער אים באלד דעם וועג איבערגעטרעטן, האָט ער אים פאַרשטעלט דעם וועג, און באַלד אין אים פאַר פנים קימענדיג, האָט אים אזוי געפרעגט:

— ווער ביסט דו און וואָס דארפסט דו?

— אַ בעטלער בין איך און אין שטאָט און דאָרט איבערנעכטיגן וויל איך.

— דו טאָרסט נישט, און ס׳איז דיר פאַרווערט דער ארײַנגאַנג.

— פאר וואָס?

— ווײַל דאָ איז די הויפּט-שטאָט, און פאַר וואָגלער און פאַר אלע שלעפּער איז פאַרשטעלט דער וועג.

— און ווער האָט דאָס פאַרווערט?

— אליין דער מלך.

— און פאַר וואָס?

— איבער אַ מעשה.

— איבער וואָסערער?

— איבער איינער,—אין דאָ האָט דער שומר איף בבא׳ן אין אויף זיין אייסזעהן אַ קוק געטאָן, פריהער אויף זיין פנים און דערנאָך זײַן „הולך” באטראכט און דאן אין אים אין גאנצן, פון קאָפּ ביז די פיס אים אָפּגעמאָסטן; איז ער אים עפּעס געפעלן געוואָרן, בבא, האָט ער בײַם שומר חן געפינען, האָט ער אויך צייט געהאט, דער שומר, אין אומעטיג איז אים געווען און פון היטן לאַנג, אין פון לאנג פין פאר טויער שטיין אין מיט אַ מענשן אין זיך זעהן זעלטן,—האָט ער איצט דאָ בבא׳ן דערזעהן, האָט ער פאַמעלאַך זיין ביקס און פין זיאויפן-אַקסל-האַלטן אַראָפּגענימען און אויף דער ערד און אויף אונטן זי אַראָפּגעלאָזט, האָט ער זיך אויף איר אָנגעשפּאַרט, און אזוי אין זיך אָנשפּאַרנדיג, אין אזוי און בײַ איר זיך האַלטנדיג, האָט צו בבא׳ן און צו פאַר אים שטייענדיגן זיך געווענדט אין אים באַוויליגט און אים די מעשה דערציילן געוואָלט.

און דער שומר האָט אזוי דערציילט:

בײַ אונזער מלך איז אַ ווײַנגאָרטן פאַראַנען אַ גרויסער און אַ וואונדערליכער, אַ זעלטענער און וואָס אויף חידושים קומט מען צו אים. האָט זיך דער מלך אין ווײַנגאָרטן אַ פּאַלאַץ אויסגעבויט, אַ שיינעם און אַ זומערדיגן, אַ לײַכטן און אַ לופטיגן. קימט ער אַהין איף זומער מיט מלכה און מיט קינדער פרינצן, פאַרברייננגט ער דאָרט צווישן בוימער און צווישן ווײַנשטאָקן דאָרט די וואונדערליכע, שפּאַצירט ער דאָרט אין דער פריה און פאַרנאכט אויף די סטעזשקעס די דאָרטיגע, גייט ער דאָרט פאר טײַכלאַך און פאַר די פאָנטאַנען פאַרבײַ, רוהט ער זיך בײַ זייערע וואסערן און בײַ זייערע קיל-שפּריצן אָפּ, קימט אים זייער רוה און שטילקײַט אין קערפער ארײַן, הערט דער מלך געשטארקט און באַרוהט פאַרן זומער, און

כחות און כח-באַנייאונג אויף ווײַטער און אויף מלך-ארבעט דאָרט זאַמלט. אזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר, אזוי אַ זומער נאָך אַ זומער, און אזוי שוין לאנג און זינט דער מלך איז געוואָרן, און אזוי פון תמיד און אזוי שוין אײַנגעפירט, און זינט דער מלך האָט זיך אויף דער שטול געזעצט.

האָט זיך אָבער אַ מאָל געמאַכט, מיט אַ יאר צוריק און אויכעט אום זומער—דער מלך האט דאַן אין זײַן ווײַנגאָרטן געוואוינט און, ווי אלע תמיד, אין אלע פריהמאָרגנס און אין אלע פאַרנאַכטן שפּאַצירט אין אים,—האָט זיך אַ מאָל געטראָפן, אַ פארנאכט אין פאַר זון-זעצן-זיך, דער גארטן איז שוין האלב אין שאָטנס אײַנגעהילט געווען און נאר די שפּיצן-בוימער האָבן נאָך מיט זון-ליכט געלויכטן, האָט אין גארטן דאַן אַ שטילקײַט און אַן אימגעוויינליכס געהערשט, אַ זעלטנס און אַ פארנאכטיגס, אַ שאָטנדיגס און וואָס קיין גראז און בלעטעלע האָט זיך אין דעם נישט גערירט. איז דער מלך דאַן גראָד אויף איינער אַ סטעזשקע געגאַנגען און שטיל און טריט בײַ טריט שפּאַצירט זיך, האָט ער אויף אַלץ און מיט איפמערקזאַמקײַט זיך אַרומגעקוקט און מיט ערנסט און מיט אַליינזײַענדיגקײַט באַטראַכט דאן אלץ; איז ער אזוי פון סטעזשקע צו סטעזשקע געגאַן און פון איינער אויף דער אַנדערער געקומען, איז ער לסוף צו איינעם און אַ טייכעלע אנגעקומען,—צו אַ רוהיגן און אַ שטיל-וואַסערדיגן און צו אַ בארוהטן און וואָס ס׳האט נאכן טאג נאכן הייסן אין פארנאכט און אין אפגעקילטקײַט זיך געדעמפט; איז דערפון אַ דאַמף און אַ ווײַסליכער אויפגעגאנגען, אַ שטילער און אויף דעם וואסער שוועבנדיגער, אַ נעפּלדיגער און וואָס ער האט זיך נאָהענט און איבער דעם איבערפלאַך געהאַלטן. האט זיך דער מלך דערבײַ פארהאלטן, איז ער דערבײַ שטיין געבליבן און געשטאַנען, האט ער דערויף געקוקט און אויף דער רוהיגקײַט פון דעם, און שטיל און אזוי דערויף קוקנדיג, האט זיך פלוצלים און אויף דער מיט פון טײַכל דעם מלך אָט וואָס אויסגעוויזן:

האט זיך פון דער מיט און פון דאמף ארויס אַ קאָפּ אַרויסגעוויזן, אַ בעטלער-קאָפּ און אַ גראָהער, אַ האָר-צעשויבערטער, אָבער אַ טרוקענער און ווי גאר נישט פון וואַסער געקומען, האָט ער איפן מלך זיינע אויגן—די אַלטליכע און וואַסערדיגע אָנגעשטעלט, זיינע שטילע און בארוהטע, ווי נישט פון דאניגע און ווי פון ערגיץ אַ וואַסער-עולם אנגעקומענע. האט ער זיך פארקוקט איפן מלך און לאנג און אַ צייט און פון אים די אויגן נישט אראפגענומען, און לסוף אין אזוי אים פארן פנים האלטנדיג, און לאנג און פון קאָפּ ביז די פיס אים באטראכטנדיג, האט זיך צו אים געקערעוועט און צו אים אזוי געזאָגט:

— מלך, דאָס וואַסער האָט מיך געשיקט צו דיר, די וואַסער-באשעפענישן האָבן מיר דיך וואָרענען געהייסן: מלך, היט זיך פארן וואַסער.

אָפּגעזאָגט און געשטאנען און נאך געזאמט אַ ווײַלע, און באלד און נאכן שטיין און זאמען וויינגן, איז צוריק און פון וואנען אנגעקומען, אויף צוריק און פון וואנען ארויסגעקימען פארשוואונדן.

און פארנאכט איז דאַן געווען. דאָס פארגיי-און-גארטן-ליכטיגקייט האט זיך שוין פון דעם גרינס און פון די שפּיצן-בוימער אפגעטאָן, די שאטנס, און וואס האבן זיך פריהער אין נאר פון אונטן בײַ דער ערד געהאלטן, זײַנען איצט ווי פון די באהעלטענישן ארויס אין אויף גאר און אויף גאנצן גארטן זיך פארשפרייט, די פאָנטאַנען און וואַסער-שפריצן האבן אויף זייערע נאַס-שטיינער און איבער די קיל-גראָבנס געגאסן און דעם גארטן אין דאס שאטנדיגקײַט פון גארטן מיט נאכט און מיט קילקייט געקילט. איז דער מלך אזוי פאר דעם טײַכל אין נאך דעם קאָפּ באוויַזן-זיך געשטאנען, געשטאנען אין דאס אָרט, פון וואנען דער קאפּ האט זיך באוויזן, באטראכט, געקוקט דערויף, און וואו דערנאכדעם ער איז

פארשוואונדן געווארן אין וואסער. האָט דאס טייכל איבער, ווי פריהער און ווי בעת דעם מלך׳ס צו דעם ציגיין, אויסגעזעהן, אין שטיל און געדעמעט זיך נאר מיט נעפּל, און שטילער אין נאכן פארגיין אין נאכן פארשוואונדן-ווערן פון זון-ליכטיגקייט, איז דאס אזוי שפּיגלדיג און פארדוקט, אפגעזונדערט אין ערב-אָוונטיג געלעגן אין די ברעגעס, אין די מיט גרינס-באַדעקטע. אין די גראָז-גרינע, און וואס האבן זיך אין וואסער און אין טיפקייט אריין אפגעשפּיגלט. איז דער מלך אזוי פאר דעם געשטאנען, און שטיל, און נאך זיין שטיין דארט דעם שטילן, האט זיך צום טייכל אין אויף צוריק זיך אויסגעקערעוועט און, שטיל און פארטראכט, אויף נאכט און אויף פאלאץ זיך אומגעקערט.

אין דער מוך היים פארן וואסער-קאָפּ כורא געקראָגן, און פון מלכ׳ס אויגן האט זיך זיין געשטאַלט נישט אבגעטאָן. האט דער מלך יענע נאכט קיין שלאָף פארבראכט, האט דער מלך יענע נאכט מיט קיין אויג נישט פארמאכט, און אין דער פריה—אין אז דער מלך האט זיך אליין נישט בארוהיגן און צו זיך קומען נישט געקאנט, האט ער אין פאלאץ אריין זיינע אלטע לייט און זיינע ראט-קלוגע מוניציפאלן געהייסן, זיינען זיי זיך צונויפגעקומען, די עצה-געבער, האט זיי דער מלך, וואס מיט איהם האט פאסירט נעכטן, דערציילט, זיין שפּאַצירן פארנאכט און זיין פארן טייכל אנקומען און דאן דאָס זעהונג אויפן טייכל און וואס מ׳האט איהם געוואָרנט פון דאָרטן. האט ער זיי עס איבערגעגעבן אין דערציילן, האבן זיי איהם אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אין דאן אין אז דער מלך האט זיין דערציילן פארענדיגט, אין דעמאלט אין אז ער האט זיך צו זיי נאך א באשיידעניש געקערעוועט, האבן זיך די אלטע לייט אין נאך אויפגעהאלטן א ווײַלע, האבן זיי געטראַכט אין די זאך באדיינקט, אין דערנאך און נאכן באַדיינקען זיך ערנסטן, האָבן זיי זיך צום מלך געקערעוועט און איהם אזוי געעצה׳ט:

— זאָלסט דו עס טאָקע נישט פאר גרינג האלטן, מלך, זאָלסט דו זיך טאָקע פאַרן וואַסער היטן, אין נישט אזוי זיך, ווי די קינדער דיינע, אין זעה-היט זיי אין פארהיט זיי...

האָט דער מלך דאס אויפן זינען גענומען, האט דער מלך אין פון דעמאָלט אָן אין פון וואַסער זיך געהיט און קיין מאל און אין זיינע שפּאַצירן און נאָהענט צו די טייכלאך און צו די סאַזשעלקעס זיך נישט געהאלטן, האט ער זיי אויסגעמיטן, אליין ער, און אויך זיינע קינדער, און די אַמען און די ערציהער פון קינדער אָנגעזאָגט: הזהר והזהר—אין די קינדער זאָל מען נאָהענט צו די גאָרטן-וואַסערן נישט בריינגען. האט מען איהם געפאָלגט, דעם מלך, האָט מען די קליינע און קיין מאָל צו די טייכלאך נישט געפירט און זיי אויסגעמיטן און אפגעטרעטן פון זיי זיך געהאלטן, און אויך די עלטערע קינדער פארזאָגט, אז זייער פיס זאָל צו די סאַזשעלקעס נישט קומען, און אויך די עלטערע האָבן דעם אָנזאָג געפאָלגט און אויך זיי האָבן געפאָלגט דעם אָנזאָג. אליין נאר דאס עלטסטע קינד פון מלך—דער פרינץ און דער יורש פון מלוכה—האָט נישט געהערט און דעם פארבאָט נישט פארנומען, און אויפן וואָרענען און אויפן פארווערן שמריינגען קיין אכט אין קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געגעבן. האָט זיך טאָקע מיט איהם געמאַכט, מיטן עלטסטן:

און ווידער איז דאָס אין א פארנאכט געווען. דער פרינץ האָט דעמאלט אין וויינגאָרטן מיט זיין דערציהער שפּאַצירט, צווישן ביימער און צווישן וויינשטאָקן געדיכטע, צווישן פארצווייגטע-שטארק און פון פארנאכט שוין קילע. זיינען זיי אזוי שטיל אין צווישן זיך נישט-רעדנדיג פון וועגל צו וועגל אין פון איין סטעזשקע צו דער אנדערער געגאן, א מאָל זיך אָפּגעשטעלט אין אויף די זייטן אין אין געדיכטעניש אריינגעקוקט, אין שטיל-געוואָרענעם און אין שוין שאטנדיגן, אין פארנאכטישן און וואָס האָט זיך שוין אויף אוונטן

און אויף נאכט געגרייט. האבן זיי אזוי, און אין די זייטן ארייַנקוקנדיג, זיך פארטראכט, און דער לערער האט, קוקנדיג, ווי דער פרינץ פארגעסן, אייך דער פרינץ האט, זיך פארטראכטנ־דיג, ווי אין זיין דערציהער נישט געדיינקט. האט דער פרינץ דאן און אין זיין זייט קוקנ־דיג צווישן גארטנדיגן און פון פון צווישן געדיכטעניש פלוצלים עפעס א ווייט און א היפל־דיגס דערזעהן, אן אויפגייענדיגס און פון צווישן די בוימער זיך ווייזנדיגס, פון ערגיץ אן אנקומענדיגס און פון וואנען נישט צו וויסן אויף קלאר. האט עס אים א ציה געטאן, דאס נישט קלארע, האט דער פרינץ, און ווי פאר זיך אליין נישט באמערקט, פון זיין ארט און פון זיין זאמד־וועגל זיך אפגעשטיילט און אין יענעם געדיכטעניש אריין, צום גארטנדיגן און צום פארשטעלעניש פון גארטן און צום פארצווייגטן און פון וואנען דאס היפלדיגע האט זיך באוויזן,—איז ער אהין אריין און דארט פאמעלאך און פאמעלאך געגאנגען, האט ער זיך פון זיין וועגל, און וואס איז הינטער אים געלעגן, זיך אפגעווענדט און אלץ טיפער און טיפער אריינגעדרונגען, און מיט א מאל, און אלץ ווייטער און טיפער גייענדיג, האט זיך פלוצלים פאר א סאזשלקע פאר א שטילער, פאר א פארגעסענישער און פאר א אפגעווונדערט־ליגנדיגער זיך געטראפן.

שטיל און פארוואקסן, צווישן בוימלאך און צווישן גראזן הויכע, איז דאס סאזשלקעלע מיט זיין וואסער־שפיגל און מיט זיין פארנאכט־אפשפיגלונג געלעגן, האט זיך דאס אלץ ארומיגע, און וואס ס'האט ארומגעגראזיגט דאס סאזשלקעלע, אין וואסער און אין אינעווייניגסט זיך אנגעזעהן; האט דאס סאזשלקעלע געגרינט און געשפיגלט זיך מיט גרינעם, און נאר פון דעם גויבערפלאך און פון דעם גלאט־ליגנדיגן האט זיך ווי א רויכעלע און א שווייַגנדיגס, א ווייס און זיך הויך נישט אפשטייענדיגס אויפגעהויבן. איז דער פרינץ צו דעם געקומען און זיך פארקוקט דערוין;—איז ער דערביי אזוי געשטאנען, האט ער עס אין אפגעזונדערטקייט און פון גאנצן גאט־ארויסגענומענקייט באטראכט, האט ער זיך פאר־טראכט, און פלוצלים און אין קוקן אין מיטן האט... א קול און א פארצווייפלטס, א געשריי און און א דערשרעק א שרעקליכן ארויסגעלאזט...

דאס האט זיך אים פלוצליך, און פון דער מיט פון דער סאזשלקע, פון שטילקייט און פון וואסער־דעק דעם פארהיפלטן דער בעטלער־קאפ זיך באוויזן,—דער אלטער און דער צעפאטלטער, דער האר־צעשויבערטער און דער פרוקענער, און ווי פארן מלך, זיין פאטער,— און שטיל און פנים צו פנים מיט אים זיך באגעגענענדיג, און נאך שטילער און זיך מיט אים אויג אויף אויג טרעפנדיג, האט דעם פרינץ עפעס שטיל, עפעס ווינקענדיג און עפעס ווייַזנדיג, אויף א וואסער־אויבן און אויף א זייַניגן אויף דער סאזשלקע און אויף אינעווייניג אפגעוויזן:

— אריין, פרינץ... אהער... און אין אינעווייניגסט צו קומען...

האט דער פרינץ דאס גרויס געשריי ארויסגעלאזט, זיך א כאפ געטאן און אויף צוריק זיך א נעם געטאן, אויף זיך אויסדרייען און אויף אנטלויפן פון יענעם ארט,—האט ער שוין אבער נישט באוויזן צו אנטלויפן, האבן זיך אים די קניהעס אונטערגעהאקט, האבן אים די כוחות און אלע כוח־מעגליכקייטן פארלאזט, האט ער זיך א ווארף און צוריק פון וואסער געטאן, און האלב־טויט און האלב־נידערגעשלאגן אויף דר'ערד און צווישן די גראזן געבליבן.

האט פון ווייַט דער דערציהער, אין זיין פארטראכטקייט און פארנומענקייט, דעם פרינצ'ס קול און דאס פארצווייפלונג פון דעם קול דערהערט, האט ער זיך באלד אויפן פרינצס נישט־בלייַבן און אויף זיין פארפאלן ווערן געכאפט, האט ער זיך אויף אלע זייטן געקערט און זיך פארלוירן און שרעקליך דערשראקן זיך פארלירנדיג, און אזוי און אין

שרעק אין גרויסער, און אזוי און אין איילנדיגקייט אין צעטומלטן, האָט אויך פון זיין זייט קולות און רוף-געשרייען שרייַען גענומען... איין מאָל און צווי מאָל, און נאָך א מאָל און א סך געשריגן—און קיינער האָט אים אויף זיינע רופן נישט געענטפערט, און קיינער האָט זיך אויף זיין קול-געשרעק נישט דערשראָקן. האָט ער זיך נאָך מער פארלוירן, האָט ער זיך אויף אלע זייטן נאָך הילף געקערעוועט און קיינעם און צו הילף אים קומען נישט געזעהן. האָט ער פלוצלים און פון זיין אנטקעגן-זייט, פון דאָרט און וואו דער פרינץ איז פריהער געווען, א הייפל און צווישן די בוימער דערזעהן, א ווייַסן און פון צווישן די בוימער אויפגייענדיגן, א געדיכטן און ווי פון א טייַכל זיך אויפהויבנדיגן, האָט ער זיך באלד געכאפט, האָט ער באלד די געשריי-סיבה פארשטאנען, האָט ער זיך אהין מיט אימפעט און מיט ווילדקייט לויפן געלאָזט, צום טייַכל און צום פרינץ דעם פארשוואונדענעם—מיט גייעג און אָהן אויגן צום אומגליק. איז ער אהין אָנגעקומען, און באלד און נאָכן אָנקומען, און באלד און נאָכן ארומקוקן זיך תיכפדיגן, האָט אויף איינעם און אויף די סאזשלקע-ברעגעס אָט-וואָס דערזעהן:

טויט און ווי אַלע טויטע, מיט אויגן פאַרגלייזטע, מיט אָפענע און פון די אויגן-לעכער אַרויסגעקראָכענע, איז דער פרינץ, און ווי צו דער ערד שוין געהערט, געלעגן, און נישט גערירט זיך און מיט קיין איבר קיין שום, ווי אַ טויט-געפאַלענער און מיט אַלע איברים, און שטיל און מיט אויגן אָפענע, מיט קוקנדיגע, אָבער שוין גאָר נישט זעהענדיגע אין קוקן...

האָט זיך דער דערציהער איבערגעבויגן איבערן פרינץ, האָט ער אים וועקן און טרייסלען גענומען אין מינטערן און אונטערהויבן געוואָלט, האָט ער אָבער דעם פרינצס שווערקייַט און זיין קערפער-לעפישקייַט שוין דערפילט, זיין אָפגעלאָזנקייַט און זיין אומבאהאָלפנקייַט פון קערפער, זיין צו דער ערד זיך ציהען און זיין צוריק-פאַלן פון אונטערהויבן. האָט ער זיך באַלד פון אים און פון זיין צוריק-אַראָפּלאָזן אַ הויב געטאָן, האָט ער זיך אַ שטעל-אויף געטאָן, און מיט זיין גאַנצן כוח, און מיט זיין לעצטן כוח, האָט אויף טייַכל און אויף נאַכט-שטילקייט פון טייַכל אַ קול און אַ לעצט-געשריי אַרויסגעלאָזט:

— מיט דעם פרינץ האָט זיך אַן אומגליק געטראָפן, דער פרינץ איז טויט געשלאָגן, ראַטעוועט, קומט אַהער צו הילף!...

האָט מען עס ווייַט אין גאָרטן און אין פאַרנאַכט-שטילקייַט דערהערט, האָט מען עס באַלד אין פאַלאַץ צום מלך און צו אַלע דינער צו וויסן געגעבן, האָט מען זיך אַלע און איבערן גאָרטן צעלאָזט, און פון כטעזשקע צו סטעזשקע און צעמישט און ווילד אַרומגעלאָפן, און פון איין סאַזשלקע צו דער אַנדערער, און דעם פרינץ און זיין דערציהער געזוכט, און לסוף, און אַז מ'איז צום טייַכל, און וואו דער פרינץ איז געלעגן, און זיין דערציהער איז איבער אים געשטאַנען, געקומען, האָט מען זיך אַלע און צונויפגעזאַמלט אַרום דערציהער, האָט מען אַלע און דעם ליגנדיגן פרינץ אַרומגערינגלט, און שטיל און אַזוי באַטראַכטנדיג זיי ביידע, זיינען אַלע אויף די ערטער געבליבן, און אַ מינוט און צוויי—פאַרשטוינט און פאַרשטיינערט אין שווייַגן...

האָט מען זיך דערנאָך אָנגעבויגן צום פרינץ, האָט מען אים אויפגעהויבן און גענומען, האָט מען אים שטיל אין גאָרטן געטראָגן און דערנאָך אין פאַלאַץ אַרייַנגעטראָגן, און תיכף און אין דער הויפּט-שטאָט, און תיכף און אויך אויסער דער הויפּט-שטאָט, צו אַלע דאָקטוירים, צו אַל-די באַוואוסטע און צו אַל-די גרעסטע, מודיע געווען:

— זאָלן זיי קומען און זאָלן זיי אײלן, מיטן פרינץ פון מלך איז אַן אומגליק געשעהן, מען ווייסט נישט וואָס און ווי אַזוי געשעהן, אָבער דער פרינץ איז טויט, אָבער אין פרינץ איז קיין סימן נישט פון לעבן...

זײַנען זיך באַלד און אין דעם פאַרנאַכט נאָך די דאָקטוירים צונויפגעקומען, האָבן זיי דעם פרינץ און זײַן בעטל אַרומגערינגלט און אים באַטראַכט און אים אַרומגעקוקט זײַן קערפּער, האָבן זיי אים געמינטערט און פון זײַן טויטקײַט געוועקט, האָבן זיי זיך מיט אַלע מיהונגען געמיהט און אַלע חלשות-מיטלען אויסגענוצט, און אַ צײַט און אַ לאַנגע אים געריבן און אים טראָפּנס און פאַרשיידענע שמעקנאַכצן שמעקן געגעבן. האָט זיך זיי לסוף אײַנגעגעבן,—און דער פרינץ האָט זיך אַ ריר געטאָן, און די אויגן האָבן זיך בײַ אים אויסגעלײַטערט און ווי מיט אַ זיגען באַזינט געוואָרן, האָט ער אַרום זיך דעם עולם שפּיין דערזעהן, האָט ער זיך נאָך מער ודערשראָקן, האָט ער באַלד און נאָכן דערשרעקן-זיך פאַרן עולם און צוריק די אויגן פאַרמאַכט, און שטיל און דעם קאָפּ אין קישן אײַנגראָבנדיג, ווי פאַר עפּעס מורא האָבנדיג און מיטן גאַנצן קערפּער ציטערנדיג, האָט מיטן מויל אין איין שטאַמלען, מיט די ליפּן און אײנע ווערטער נאָר איבערחזרן געהאַלטן: —
„דער בעטלער, דער בעטלער... דער אַלטער בעטלער... דער בעטלער, דער וואַסער-בעטלער...”

איז דער פרינץ די גאַנצע נאַכט יענע אַזוי פאַרטראָגן געלעגן, פון היץ געברענט און אַלע מאָל מיטן קערפּער זיך געוואָרפן, און אַלע ווײַלע מיט שרעק-ווערטער זיך געשראָקן, און אַלע מאָל און אַ צוק-ציטער איז אים ווי איבער די ביינער דורכגעלאָפן. איז ער אַזוי שטיל און פאַרטראָגן געווען, און די דאָקטוירים זײַנען פון אים נישט אָפּגעטרעטן און די גאַנצע נאַכט איבער אים די וואַך געהאַלטן, האָבן זיי אים געוואַכט און אלע מאָל אים עפּעס אין מויל אַרײַן געגעבן.

און לסוף, און אַז די נאַכט איז איבערגעגאַן, און אַז אין פּאַלאַץ און אין פרינץ-צימער פון פּאַלאַץ האָט טאָגן אָנגעהויבן, און אַז דער מלך איז דאַן און נאָך דער נאַכט שוין יענער, נאָך זײַן שווײַגן לאַנגען און פאַר דער גאַנצער צײַט נישט זאָגן גאָר נישט, צו די דאָקטוירים צוגעגאַן און שטום און מיט די אויגן נאָר בײַ זיי ווי „נו?” א פרעג געטאָן, האָבן די דאָקטוירים דאַן און צווישן זיך זיך איבערגעקוקט, האָבן זיי זיך איינס דאָס אנדערע און פארשטאַנען מיט די אויגן, האָט פאר זיי אלע און דער עלטסטער א וואָרט גענומען און צום מלך, וואָס האָט אויף זײַן טרייסט-וואָרט און האָפענונגס-תשובה געווארט, אזוי געזאָגט:

— דער פרינץ איז דערשראָקן שטארק, דער פרינץ האָט דערום דעם זינען און דאָס לשון פארלוירן, און די דאָקטוירים האָבן וואָס געקאָנט געטאָן, און דאָס איבעריגע איז נישט אין דער האנט פון דאָקטוירים.—און דער עלטסטער דאָקטאָר האָט דאַן אלע רפואות און וואָס מ'באדארף אָנגעצייכנט, און וואָס מ'דארף טון מיט זיי און ווי מ'דארף זיך באגיין מיט זיי, געלערנט, האָט ער אַלץ אָנגעזאָגט און אויסגערעכנט אלעס, און צום טאָג און צום פריהמאָרגן יענעם, האָבן זיך די דאָקטוירים מיטן מלך אָפּגעזעגנט און אים געוואונשן און אים בארוהיגט, ווי דאָקטוירים, און דאַן, און פון פרינץ און בעטל אָפּגייענדיג, האָבן דעם פּאלאץ און דעם גאָרטן פארלאָזט, און צוריק אין שטאָט, און צוריק אין הויפּט-שטאָט זיך אומגעקערט.

און אָט, און פון דעמאָלט, און פון יענער צײַט איז שוין א צײַט אוועקגעגאַן, און נאָך יענעם זומער—א ווינטער, און נאָכן ווינטער און נאָך א זומער, און דער פרינץ נאָך אויף זײַן בעטל ליגט, און דער פרינץ איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען פון זײַן בעטל, און די מורא האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטאָן, און דאָס לשון און דער זינען האָט זיך נאָך צו אים נישט אומגעקערט, און די דאָקטוירים האָבן אים שוין צו באפוילן אויפגעהערט, און די דאָקטוירים האָבן זיך פון אים מיאש געווען, און אויך דער מלך אין זײַן קינדס געזונט

ווערן שוין נישט גלויבט, און דער מלך נאָר ביי זיין בעטל זיצט און זיין יורש און זיין מלוכה-איבערנעמער באַדויערט...

און אַ באַפֿויל, און אַ ברוגז-באַפֿויל האָט באַלד נאָך דעם געשעעניש מיטן פּרינץ דער מלך אַרויסגעגעבן: — קיין בעטלער און קיין שלעפּער... נישט פון זיין מלוכה און אויך נישט פון קיין פרעמדער... און נישט אין הימל-שטאָט און נישט אין די פֿאַרשטעט פון הימל-שטאָט, און פון דערפֿעלט און אויף ווייטער — און זייער פֿוס זאָל די שוועל פון שטאָט-טויער נישט אַריבערטרעטן, און קיין איינער און אַווינער — אין זיין געביין זאָל זיך דאָ נישט געפֿינען!...

— און אָט דאָס איז די מעשה, און דערום איז דיר פֿאַרשטעלט דער וועג — און דער שטאָט-טויער האָט זיין דערציילן געענדיגט און בבאן מיט דער האַנט אויף ווייטער און אויף פון דער שטאָט אָפּגיין, אויף פון דאָרטן אָפּטרעטן און אויף אין ווייטער-וועג זיך לאָזן, אָנגעוויזן.

— און ווייטער דער שטאָט? — האָט דאַן בבא ביים שומר געפֿרעגט.

— מעג מען, — האָט אים דער שומר געענטפֿערט, — יאָ, און ס'ערלויבט זיך, אָבער אַלץ ווייטער און אַלץ אָפּגעשיידטער פון טויער. — און דער שומר האָט אים ווידער מיט זיין האַנט אויף אַ שטרעקע אָנגעוויזן: — אָט אַהין, און ער קען זיך אָפּגיין, אָט דאָרטן, און ער קען זיך איבערנעכטיגן, ווייל אויף דאָרט און אויף יענער שטרעקע איז דעם מלכס באַפֿויל נישט געגעבן.

האָט דאַן בבא געצאָלט דעם שומר, האָט ער זיך אַהין, און וואו דעם שומרס האַנט האָט אים אָנגעוויזן, זיך אַוועקגעלאָזט, איז ער אַהינצו אָנגעגאַנגען, האָט ער זיך דאָרט אויף אַן אָרט געטראָפֿן, אויף אַ גלייכן און אויף אַ גראָזיגן, אויף אַ גרין-פֿאַרוואַקסענעם, און וואָס די שטאָט האָט זיך פון דאָרט אָנגעזען. איז שיין שפּעטליך און אָוונטיג דאַן געווען, און די זון איז שוין אונטערן שטאָט געווען פֿאַרגאַנגען, און די געביידן און די דעכער פון געבייען זיינען שוין אין שאָטן און אין טונקל-פֿאַרהילכקייט געשטאַנען. האָט זיך בבא אויף יענעם אָרט דאַן אַראָפּגעזעצט און זיין וואַנדער-טאָרבע צו קאָפּנס זיך אַוועקגעלייגט, האָט ער זיך אויף דער ערד אויסגעצויגן און דעם קאָפּ אין דער טאָרבע אָנגעשפּאַרט, און שטיל און אַזוי אויסגעצויגן-ליגנדיג, האָט די אויגן צום הימל און צום אָוונטיגן דאַן אויפֿגעהויבן, און נאָך שטילער, און פון גיין און פון וואַנדערן אַ מידער, האָט אויף ערשטן שטערן, אויף הימל אַרויסקומענדיגן און איבער זיין קאָפּ זיך-ווייזנדיגן, געוואַרט.

און דער ערשטער שטערן האָט זיך באַוויזן, און בבא האָט זיך אויף אים אויסדער-וואַרט, און בבא האָט צו אים אַרויפֿגעקוקט און פון זיין אויף-דער-ערד-ליגנדיגקייט מיט זיינע בליקן צו אים דערגרייכט — צו זיין בלאַסקייט און צו זיין הויכווייַטנדיגקייט, צו זיין אין-הימל-זיין-הייזן און צו זיין פֿינקלען און צו זיין טונקלען זיך דאָרט. און אַזוי און אַרויפֿקוקנדיג, און אַזוי און אויף אים זיינע בליקן אָנגעשטעלט האַלטנדיג, האָט לסוף זיינע אויגן צום שלאָף און די וויעס צו מידקייט פֿאַרמאַכט, פֿאַרמאַכט און אויף איינדרימלען, געשלאָסן און אויף אַנטשלאָפֿן ווערן אין יענער נאַכט. און בבא איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

און געחלומט האָט זיך בבאן אין דער נאַכט אין יענער: ווי שטיל און אומגעריכט איז זיין פֿריינט דער שטערן-זעהער, מיט זיין זקן, זיין דערציהער, אינאיינעם און פֿאַר די הענט זיך האַלטנדיג, אויף אַ וועג ערגיץ און אים אַנטקעגן געקומען: שטילע און צוויי אַלטע לייט, צוויי זעלטענע און פֿאַר די הענט זיך האַלטנדיגע, און פֿאַר די אויגן זיך אים באַוויזן. האָבן זיי זיך פֿאַר אים פֿאַרגעשטעלט, האָבן זיי אים זיין ווייטער-גיין פֿאַרשטעלט,

אָבן זיי זיך צו אים געקערעוועט, און פריהער דער זקן אין דערנאָך דער שטערן-זעהער, האָבן זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— בבא, — האָט אים דער זקן דאַן געזאָגט, — האָסט דו דען שוין אין מיין ברכה פאַרגעסן?

— אַן וועלכער?

— אַז „פאַר מלכים זאָלסטו שטיין, און מלכים זאָלכט דו טרייסטן“?

— ניין, — האָט בבא דעם זקן געענטפערט.

— פאַר-וואָס-זשע האָסט דו זיך פון יענעם מלך אָפּגעקערעוועט, פון דעם, וואָס איך דיין נריכט זיך בויטיגט, פון דעם, ביי וועלכן זיין מלוכה-יורש איז אים איינגעשוואָלן, און וואָס דאָקטוירים האָבן זיך אין אים שוין מיאש געווען, און אויך אַליין זיין פאָטער, אין זיין געזונט ווערן?...

— מיט וואָס-זשע וואָלט איך אים העלפן?

— ... מיט וואָס? — האָט זיך דאַן דער שטערן-זעהער צו בבאַן געקערט און דעם זקן די רייד איבערגעשלאָגן, — האָסט דו דען שוין אַן מיין מתנה פאַרגעסן? האָב איך זי דיר דען ניט אין דיין נויט אויסנוצן געהייסן? האָב איך זי דיר דען ניט מיט קיין הייל-קראַפט געבענשט? האָט זי דען נישט אין זיך דעם כח פון היילן?...

— איז וואָס-זשע דאַרף איך טון מיט דער מתנה?

— מיט איר צום מלך זיך בעטן.

— און ווי אַזוי זיך באַגיין מיט איר?

— אַזוי: — און דאָ האָט זיך אין האַנט ביים שטערן-זעהער דער שטערן-שטיין, וואָס ער האָט בבאַן אין וועג אַריין מיטגעגעבן, באַוויזן, האָט ער אים אויפגעהויבן און פריהער אים דעם זקן און דערנאָך בבאַן געוויזן, האָט ער אים אַזוי אַ ווייַלע געהאַלטן, האָט זיך דערנאָכדעם פאַר בבאַן אין פאַר שטערן-זעהער און זקן אַ קינדער-צימער און אין אַ מלך-פּאַלאַץ זיך באַוויזן, איז דאָס צימער שטיל און מיט גאַרדינען פאַרהאַנגען געווען, האָט זיך דורך די פענסטער דאַן אַ שיין דורכגעשלאָגן, אַ שטילע און ווי אַ פאַרטאַכטיגע, אַ צוגעשלאָגענע און ווי פאַר אַ חולה אַ שפּילן. איז דעמאָלט טאַקע פאַרנאַכט געווען, האָט זיך ביי אַ וואַנט ביי איינער אַ בעטל באַוויזן, אַ ווייַס-געבעטעס און אַ ציכטיג-זויבערס, און אויפן בעט און מיט אַ קאָלדרע פאַרדעקט איז אַ יונגלינג אַ יונגער, אַ צערטליכער און אַ מלך-קינד געלעגן, און מיט אויגן אָפענע און אין צימער אַרויס אויפגעעפנטע, מיט קוקנדיגע און גאָר נישט זעהענדיגע, מיט פאַרגלאָצטע און מיט אַתנזיניגע מיט גרויטע. איז דאָס יינגל אַזוי געלעגן, און אויף אַ שטול און ביי זיין צוקאָפּנס פון בעטל איז זיין פאָטער, דער מלך, אין טרויער און פאַרטראַכט געזעסן, און געקוקט אויף קינד און פון דעם די אויגן ניכט אַראָפּגענומען און דאָס באַדויערט און אַליין אין יאוש גרויסן מלכטן. איז דער מלך איבער דעם אַזוי שטיל געווען, האָט דער שטערן-זעהער דאַן דעם שטיין אין די הענט גענומען און צום צופיסנס פון בעטל און אַנטקעגן די אָפענע פרינץ-אויגן צוגעקומען, האָט ער דעם שטערן-שטיין און פונקט און אַנטקעגן זיין פאַרגליווערט-בליק אָנגעשטעלט און אַ ווייַלע אַזוי אים געהאַלטן. האָט דער פרינץ אין אויפן שטיין קוקנדיג לאַנג און אַ צייט אַ לאַנגע, ווי פריהער, און נישט גערירט זיך געהאַלטן, ווי נישט געווירקט פון שיין און ווי אים נישט באַמערקט גאָרנישט, גלייַך ווי ער וואָלט גאָר פאַר זיינע אויגן נישט געווען, און גלייַך ווי גאָר נישט וואָלט זיך געפונען פאַר זיינע אויגן — און פּלוצלינג, און אין מיטן קוקן דעם אַתנזיניגן, האָבן זיך ביי אים די אויגן און ווי אויסלייטערן גענומען, אין פאַרשטאַנדיג ווערן און מיט זייער קלאָרן און אַלץ וואָס אַרום באַמערקן, און ווי אַליין

וואָס פאַר אים קומט פאָר צו זעהן. האָט ער פּלוצלים דעם שטערן-שטיין דערזעהן, האָט ער זיך ווי דערשראָקן מיט אים אין זיך צו אים אַ לאָז געטאָן, האָט ער די הענט און האַלבן גוף פונם בעט אַ הויב געטאָן, אַ הויב אין אַ גיי אים אַנטקעגן, און פון מויל פון אים, און פון לאַנג-אַנטשוויגענעם זיינעם האָט זיך אַ קול — אַ געשריי, אַ קול — אַ פרייד-געשריי דערהערט: פאָטער-מלך!...

האָט זיך דער מלך פון זיין שטול און פון זיין טרויער-זיצן אויפגעכאַפּט, איז דער מלך פון זיין אָרט און שטול אויפגעשפּרונגען און דעם פּרינץ אין זיין מיט-אַמאָליגן הויב-טון-זיך דערזעהן, איז ער אים אַנטקעגן און ווי אויף הילף געלאָפן, און אויך פון זיין מויל און אַ געשריי, און אויך פון זיין מויל אַ פרייד-געהאָלפנקייט האָט זיך אַרויסגעריסן: מיין זון!...

האָט זיך אויך בבא דאַן דערפרייט, האָט אויך בבא דאַן אין צום שטערן-זעהער אין צולויפן, און ווי צו דאַנקען אים געוואָלט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן, האָט ער זיך אַ הויב געטאָן, האָט ער — די אויגן געעפנט און... זיך און אין פריהמאָרגן, אויפן פעלד און ווייט פון שטאָט-טויער זיך ליגן געטראָפן.

און די נאַכט איז שוין נישט געווען, און אין פעלד איז שוין גרויסער טאָג געווען. האָט דאַן בבא פון זיין געלעגער זיך אויפגעהויבן און די טאָרבע פון דער ערד אָנגענומען, האָט ער און איר דעם „שטערן-שטיין", דעם שטערן-זעהערס מתנה דערפילט, האָט ער זיך אין חלום אָן נאַר-וואָסיגן און אָן ביינאַכטיגן דערמאָנט, האָט ער באַלד זיין באַשיידעניש פאַרשטאַנען, האָט ער זיך נאָך אַ מאָל צום טויער, פון וועלכן ער איז אויף נאַכט און אויף ווייט אָפּגעגאַן, זיך אומגעקערט, האָט ער ווייטער דעם שומר און אויף זיין אָרט געטראָפן. איז ער צו אים צוגעגאַן, איז ער אים האָרט און פאַרן פּנים געקימען, און באַלד און אָנ-קומענדיג, האָט זיך צו אים געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— גיב צו וויסן, שומר, אַז אַ בעטלער בעט זיך צום מלך.

— ס'איז פאַרווערט פונם מלך.

— גיב-זשע צו וויסן, אַז איך האָב אַ היקף פאַר אים.

— פאַר וועמען?

— פאַרן פּרינץ דעם קראַנקען.

— און אויב דו נאַרסט דעם מלך?

— גיב איך זיך און מיין נפש איבער, אין זאָל מען מיר טאָן, וואָס מ'טוט אין אַזוינע פאַלן.

— טויט?

— כ'באַשטיי.

האָט דער שומר דאַן אויף בבאן און אויף זיין ערנסט אַ קוק געטאָן, ווי ער שטייט אַזוי און איז זיכער, ווי ער קוקט אים אין די אויגן גלייך און נעמט אויף זיך אַזאַ פאַראַנט-וואָרטליכקייט אין זיכערקייט, האָט ער אים נאָך באַטראַכט אַ ווײַלע, האָט ער זיך אַ פּאָר מינוט און מיט דער דעה זיך נאָך געריכטעט, און באַלד און נאָכן ישובן און איבערלייגן-זיך ווייניגן, האָט ער זיך אויף צוריק אייסגעדרייט און צום טויער צוגעגאַן, האָט ער אין אים אַנ-געקלאַפּט, אין טויער, און לאַנג און אָהין קלאַפּנדיג, האָט דעם עלטסטן און וואָס פון יענער זייט, וואָס פון דער זייט און וואָס דאָ קומט פאָר, מודיע געווען: — „אַזוי און אַזוי, ס'איז דאָ אַ בעטלער און פון נאָך פון מאָרגן געקומען, און ער האָט אין באַלד איבערגעגעכטיגט און אין שטאָט נישט אַריינגעלאָזן געוואָרן, און איצט איז ער ווייטער דאָ, און ער בעט זיך און ער וויל זעהן דעם מלך."

— וואָס דאַרף ער ? — האָט זיך פון יענער זײַט אַ קול דערהערט.

— ער ווייסט פון אומגליק פון מלך און ער זאָגט, ער האָט אַ הילף פאַר אים.

— און אויב ער נאַרט דעם מלך ?

— ווייסט ער, וואָס ס׳קומט דערפאַר.

— עפן !

האָט דער שומר באַלד דעם טויער פאַר בבאן אויפגעעפנט, און בבא איז אין שטאָט אַרײַנגעלאָזן געוואָרן. האָט ער די שוועל פון טויער איבערגעטרעטן און פאַרן עלטסטן, און וואָס איז פון יענער זײַט געשטאַנען, זיך פאָרגעשטעלט. און בבא האָט אויסגעוואַרט, און דער עלטסטער האָט באַלד אויך זיין עלטערן איבערגעגעבן, און יענער צו נאָך עלטערס, און אַזוי ווייטער און אַזוי פון איין ראַנג צום אַנדערן העכער, און לסוף, און אין אייניגע שעה אַרום— אין די זאַך איז צום מלך אָנגעקימען, און דער מלך האָט בבאן צו זיך ברײנגען געהייסן.

איז מען באַלד צום שטאָט-טויער געלאָפן און צו בבאן און פון לאַנג שוין וואַרטנדיגן נעקומען, האָט מען אים צום מלך-פּאַלאַץ גענומען און געבראַכט אַהין און אים פאַרן מלך פאָרגעשטעלט. האָט אים דער מלך באַטראַכט מיט ערנסט, האָט ער אים שטריינג און פון קאָפּ ביז די פיס אָפּגעמאָסטן, און דאַן, און נאָכן באַטראַכטן אים ערנסטן, האָט זיך צו די דינער געקערעוועט און בבאן אין פּרינץ-צימער צו זײַן בעטל און צו זײַן ליגן אַרײַנפירן געהייסן.

האָט מען אים אַרײַנגעפירט, און אויך דער מלך אַליין איז דאַן נאָך די דינער אין נאָך בבאן נאָכגעגאַן, אום צו זעהן און אום צו בײַזײַן בײַ דעם, וואָס טון וועט דאָרט בבא. איז מען אַלע דאַן צום פּרינץ אָנגעקומען, איז דער פּרינץ דאַן, ווי אַלע מאָל און פון זינט דער שרעק איז אויף אים געקומען, ווי פאַרטראַכט און פאַרטראָגן אויף זיין בעט געלעגן, און אין צימער ביי אים איז שטיל געווען, ווי ביי אַ חולה און ווי בײַ אַ שווערן, וואו מען שווײַגט דאָרט אַלע און אַלע אויף די שפּיץ-פינגער גייען, האָט דאָרט אַ שטילקייט אין אַ טונקלקייט געהערשט, פון אַ בײַטאָג ביי פענסטער פאַרהאַנגענע, פון גאַרדינען אַראָפּגעלאָזטע, פון שווערע און קוים-די-שײַן-דורכלאָזנדיגע. איז דער פּרינץ דאַן אין אָט דעם שטילקייט און אין אָט דעם טונקלקייט געלעגן און מיט אויגן אַנטקעגן זײַן צוקאָפּנס קוקנדיגע, קוקנדיגע און גאָרנישט נישט זעהענדיגע אין קוקן. איז דאַן בבא צו פאַר דעם פּרינצס צופיסנס צוגעקומען, האָט ער זיך אים אַנטקעגן געשטעלט און אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען, האָט ער דערנאָך די טאָרבע פון איבער זײַן אַקסל אַריבערגעצויגן, זי צעשנירעוועט און פון דאָרטן דעם שטערן-שטיין אַרויסגענומען, און דאַן — און די טאָרבע צוריק אויף דער ערד אַראָפּלאָזנדיג און דעם שטערן-שטיין אין האַנט נעמענדיג, האָט ער אים אָנגענומען, דעם שטיין, און גלײַך און אַנטקעגן די אויגן פון פּרינץ האָט אים אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט פאַר זײַנע אויגן . . .

און געשעהן איז דעמאָלט אין בײַטאָג און בײַם פּרינץ אין צימער דאָס, וואָס בבא האָט בײַנאַכט אין שלאָף און אין חלום געזעהן:

און געווען איז דאַן אַזוי:—ווי נאָר בבא האָט אייניגע מינוט נאָר דעם שטערן-שטיין און אַנטקעגן דעם פּרינצס אויגן געהאַלטן, און ווי דער פּרינץ האָט אויף אים און אייניגע מינוטן נאָר געקוקט, געקוקט און ווי נישט באַמערקט אים אין זעהן — אַזוי דאָט מען באַמערקט, ווי ליכטיג און אויפלויכטנדיג איז מיט אַ מאָל עפּעס דער שטערן-שטיין בײַ בבא׳ן אין דער האַנט געוואָרן, האָט זיך פון אים עפּעס אַ שײַן אַרויסבאַוויזן, אַ שטערנדיגע און אַן אומגעווײנליכע, אַ שטראָמיגע און אַ ווײַס-בלאָהליכע אַזוינע, האָט זי זיך אַרויסגעצויגן, האָט זי אַרום זיך און ווי דאָס טונקלקײַט, דאָס צימערדיגע, נאָך טונקעלער געמאַכט, און דאָס שטילקײַט, דאָס-דאָרט-הערשנדיגע, און נאָך שטילער דעמאָלט. האָבן זיך דאַן אַלע די-

וואָס האָבן זיך אין צימער געפונען, ווי בשעת אַ וואונדער אַ שטילן, און ווי מ'דאַרף זיך האַלטן, געהאַלטן; האָט אין צימער דאַן אַ שוויַיגעניש, און ווי פאַר אַ פּאַרקומעניש אַ גרויסן, געהערשט, און אַליין נאָר די שיַין, די וואונדערליכע, האָט דעם פּרינץ און זיַין טויט פּנים באַלויכטן, האָט עס געשטראַלט און באַשיַינט זיַין פּנים, איז ער אַזוי אין ליכטיגקיַיט און אין באַלויכטנקיַיט אַ פּאָר מינוט געלעגן. און באַלד און נאָכן ליגן יענעם שוויַיגנדיגן, האָבן זיך ביַי אים פּלוצלים און די אויגן אויסלייַטערן גענומען, און ווי שכל און זינען, און ווי פאַרשטיין און פאַרשטאַנד איז אין זיי אַנגעקומען; האָט ער מיט די אויגן אויף אַלע זיַיטן זיך אַרומקוקן אָנגעהויבן, און צווישן די דינער און צווישן די-ביַי-זיַין-בעט-זיך-פאַרזאַמלטע ווי עפעס עמיצן זוכן און עפעס עמיצן געפינען געוואָלט. האָט ער אַזוי געזוכט, האָבן זיך דערנאָך די אויגן זיַינע אויף זיַין פאָטער אויפן מלך זיך אָפּגעשטעלט, און מיט אַ מאָל — און אַ הויב פון זיַין אָרט, און אַ קול און אַ פרייד-געשריי האָט זיך פון פּרינצס מויל אויף צימער און אויף שטילקייַט זיך אַרויסגעריסן:

— פאָטער, מיַין פאָטער!...

— מיַין קינד! — האָט זיך אויך דער מלך דאַן פון זיַין אָרט אַ ריס געטאָן און צום פּרינץ, צום-און-זיַין-געלעגער-זיך-אויפהויבנדיגן, צוגעלאָפן: — מיַין קינד, מיַין גאָלד! — האָט אים דער מלך דאַן אַרומגעכאַפּט און אים געהאַלדזט און אים געוואָרעמט האַלדזנדיג און אים געקושט און אים נישט אויפגעהערט צו קושן...

האָט זיך דער מלך אַ ציַיט אַזוי און מיט זיַין פּרינץ אָרעמענדיג געהאַלטן, האָבן זיי זיך פון די אָרעמס און די הענט נישט אַרויסגעלאָזט און געקושט זיך און געהאַלדזט זיך און אָבער געקושט און ווידער זיך אַרומגעכאַפּט, און לסוף, און אַז דער מלך און דער פּרינץ פון מלך זיַינען צו זיך, פון זייער פרייד און פון זייער אויפקומען, געקומען, האָט דער מלך דאַן דעם פּרינץ פאַרלאָזט און צו בבא'ן אַ גיי געטאָן, און מיט אַ מאָל און צו אים צוטרעטנדיג, אין האַסטיג מיט איין האַנט פאַר זיַין האַנט און מיט דער אַנדערער פאַר זיַין אַקסל אים אַ נעם טוענדיג, האָט זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— אַ דאַנק דיר, בעטלער, פאַר דיַין טרייסט און פאַר דעם וואונדער דיַינעם, פאַר דעם נס און פאַר דעם באַוויזענעם דעם גרויסן, און גאָט זאָל דיך בענטשן, ווי דו ביסט ווערט געבענטשט צו ווערן, און גאָט זאָל דיך טרייסטן, ווי דו האָסט מיך געטרייסט.

און דאָ האָט דער מלך בבא'ס אַקסל און בבא'ס קאָפּ צו זיך צוגעצויגן און לאַנג און שטיל, מיט דאַנק און מיט טרערן האַרצליכע, אים אין קאָפּ געקושט:

— אַ דאַנק דיר, בעטלער.

און דער מלך האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון בבא'ן און דער מלך האָט די דינער באַלד אַ באַפעל געגעבן: — און זאָלן זיי די הויף-לייט און די הערן, די ציַיט-מלך-נאָהענטע, און דער גאַנצער שטאָט מודיע זיַין, און זאָל מען וויסן, און זאָל באַלד וויסיג ווערן: דער פּרינץ איז צוריק פּרינץ געוואָרן, דער פּרינץ פון מלך איז צוריק צו זיַין געזונט און הילף געקומען, און ווער ס'איז געטריַי דעם מלך, און ווער ס'האָט ליב דעם מלך, זאָל איצט מיט אים זיך פרייען קומען, און ווער ס'וויל און וועמעס האַרץ ס'באַוויליגט, זאָל דעם היַילער מיט מתנות, און דעם בעטלער מיט געשאַנקען באַשיינקען.

האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט, די דינער, האָבן זיי עס באַלד איבער דער שטאָט באַטראָגן, האָט מען זיך באַלד ווין אַלע גאַסן און אין אַלע ווינקל-גאַסן זיך צונויפגעקליבן, און הויף-לייט זיַינען אין הויף געקומען, און מקורבים זיַינען זיך אין פּאַלאַץ אָנגעפאָרן, און דער איַיבעריגער עולם, דער גרויסער, און דאָס פאָלק פון מלך, האָט זיך באַלד פאַרן פּאַלאַץ, און פאַר די פענסטער זיַינע, זיך צונויפגעזאַמלט.

און דעם פּרינץ האָט מען פון בעט אראָפּגענומען, און דער פּרינץ איז אויף די פיס געשטעלט געוואָרן, און דער פּרינץ האָט זיך נאָך שוואך געהאלטן, און ביים פּרינץ האָבן זיך די קניהען געבויגן, איז ער געשטאנען אין שוואך געשמייכלט, געשמייכלט און קראנק נאָך אויסגעזעהן. האָט מען אים דאָך אָנגעטאָן אין שוואכקייט, האָט מען אויף אים זיינע קליידער אָנגעצויגן אין אים אונטערגעהאַלטן בשעת אָנציהען, און דאן, און אז דער פּרינץ איז שוין גרייט און אָנגעטאָן געשטאנען, האָט אים דער מלך א וואונק געגעבן, פריהער אים און נאָכדעם בבא'ן, און ביידע זאָלן אים נאָכפאָלגן פון הינטן. האָבן זיי אים געפאָלגט, און בבא איז אליין געגאַן, און דעם פּרינץ האָט מען אונטערגעהאַלטן ביי די זייטן, און אזוי, און דער מלך פאַר פריהער און פּרינץ און בבא הינטער אים גייענדיג, זיינען זיי פון פּרינץ-צימער און אין א צווייטן געקומען, פון צווייטן אין דריטן און פון דאָרט אין אויף א גאניק ארויסגעגאַן, אַרויסגעגאַן אין פאַרן עולם, ארויסגעקומען און פאַרן פאָלקס-פאַרזאַמלען-זיך באַוויזן.

און דאָס פאָלק האָט זיי מיט א לאַרעם באַגעגנט, מיט אַ פרייד-געשריי און מיט א ליבע-באַגייסטערונג אַ גרויסן, און איין מאָל געשריגן, און אַ סך מאָל, און געלאַרעמט און געיובלט און מיט די הענט געפּאַטשט און ווי אַרויף זיך געריסן, און אַזוי און מיט הענט איבער הענט וואַרפנדיג, און אַזוי, און מיט היט און מיט היטלען פאָכנדיג, איז דאָס פאָלק אין גרויס דערהויבנקייט און אין התפּילות געקומען, און אַ צייט און אַ לייגגערע און צו די אויפן-גאַניק-שטייענדיגע און צו די אים באַליבטע אַרויפגעטריגן, לאַנג אַרויפגעשריגן און נישט אויפגעהערט אַרויפצושרייען.

האָט דער מלך דאַן געדאַנקט דעם פאָלק, האָט ער זיך פאַר זיי געבוקט אין דאַנקבאַרקייט, און אויך בבא און דער פּרינץ ביי ויינע זייטן האָבן אין צופרידנקייט און אין אויפגעלייגטקייט זיך פאַרנויגט, האָבן זיי געשמייכלט צום פאָלק, האָט דער עולם צו זיי און נאָך אַ מאָל אַרויפגעשריגן, האָט ער זיי ווידער מיט שרייען און מיט אָך-פריידן פאַר-הילכט, און אַזוי אין איין שרייען און איז יובעלן האַלטנדיג, האָט מען זיי אין פּאַלאַץ און אויך נאָך זייער אומקערן-זיך, און לאַנג, און אויך נאָך זייער אַהין-צוריק-אַריינגיין, באַגלייט.

און דער מלך האָט אַ סעודה-טיש גרייטן געהייסן. און דינער האָבן געגרייט אַ טיש, און דער מלך האָט זיין אָרט פאַרנומען און דעם פּרינץ פון רעכטס און בבא'ן אויף זיין לינקס באַזעצט, האָבן זיך דערנאָך אַלע האַרן און אַלע מלך-פריינט אויסגעזעצט, האָט מען דערלאַנגט און אויפגעגעבן צום טיש האָט מען געגעסן און פאַרבראַכט דאַן פריילעך, האָט מען געטרונקען און אויפגעלייגט געווען טרינקענדיג. און דאַן, און נאָכן אָפּעסן און נאָכן אָפּטרינקען פון סעודה, האָט דער מלך דעם עולם אַ וואונק געגעבן, און דער עולם און דער ביים-טיש-זיצנדיגער האָט זיינע מתנות און געשאַנקען, די מיט-זיך-מיטגענומענע, און פון-פריהער-פאַרגרייטע, דערלאַנגען גענומען.

האָבן די האַרן און מקורבים פון מלך געלד און צירונג געבראַכט; די נאָהענטע און באַדינטע פון מלך האָבן דאָס שענסטע און וואָס האָבן אויף זיך געהאַט אַראָפּגענומען, און רינגען און קייטן גאָלדענע און פינגער-היטן און אוירינגען מיט שטיינער. האָט מען דאָס אַלעס און פאַר בבא'ן צוזאַמענגעלייגט; האָט דער מלך און פון זיין זייט, צום אָנגעבראַכטן און צום אָנגעלייגטן פאַר בבא'ן, אויך זיין מתנה צוזאַמענגעלייגט—און אַ שענסטע פון אַלע און אַ זעלטענע אין טייערקייט און פון די אוצרות און פון די באַהאַלטענע אַרויסבאַקומען,— האָט זי איבערגעוואויגן אַלע און דאָס אויג מיט איר שיינבאַרקייט פאַרנומען, מיט איר טייערקייט און אַלטקייט, און וואָס היינטיגע צייטן זעהט מען גאָרנישט אַזוינע. האָט זיך דאָס אַלץ פאַר בבא'ן אָנגעקליבן, האָט אויך דער פּרינץ און פון זיין זייט, און וואָס ער האָט געהאַט, און וויפיל מתנות ס'האָבן זיך ביי אים פאַר זיין יוגנט אָנגעקליבן, צוגעטראָגן.

איז דאָס אַ באַרג און מיט וואונדערליכקייטן, מיט אויסנאַמען און מיט אויסטערלישקייטן געווען; האָט מען דאָס אַלעס אַנגעלייגט.

האָבן זיך דערנאָך די פּאַלאַץ-טירן געעפנט, פון אַלע זייטן און פון אַלע הדרים, און אויך דאָס פּאָלק און אויך דאָס געמיינערע האָט געשאַנקען געבראַכט, און ווער אַ גרויסע זאַך און ווער אַ קלענערע, אָבער אַלץ איז מיט ליבע, אָבער אַלץ איז מיט פאַרגינען דערלאַנגט געוואָרן. און דאָס פּאָלק איז אַריין און אַרויס געגאַנגען, און די טירן האָבן זיך ניט פאַרמאַכט אין פּאַלאַץ, — און אַזוי אַ שעה, און אַזוי אַ בהייכע, און אַזוי נאָך האַלבן טאָג, און אַזוי ביז פאַרנאַכט שוין שפּעטלינג,—און די מתנות זיינען אַלץ געוואַקסן און דער טיש פאַר דבבא'ן איז אַלץ מער און מער מיט מתנות פאַרלייגט געוואָרן. האָבן זיך די מתנות געמערט און אַלץ צוגעקומען פאַרן טאָג,—און פאַרנאַכט, און אַז דער עולם איז שוין איבערגעגאַנגען, און שפּעט שוין, און ווען נאָר דער מלך און נאָר מיט די נאָהענטע זיינע זיינען בײַם טיש און נאָך דער סעודה נאָך געבליבן, האָט זיך פלוצלינג די טיר און נאָך אַ לעצטן מאָל אויפגעעפנט, און אין שטיל-געוואָרענעם אין נאָכן טאָג-געריודער איז אַן אַלט פרוי — אַן איינגעשרומפּענע אין פון אַלטקייט-געבויגענע—אין פּאַלאַץ און אין צימער אַריינגעגאַנגען, אין גלײַך צום טיש, און וואו דבבא מיט די לעבנס-פאַרזאַמלטע זיינען געבליבן, צוגעגאַנגען, צוגעגאַנגען, האָט זי זיך תיכף צו דבבא'ן דערנעהענט, איז זי צו אים צוגעטרעטן, און נאָהענט אין נעבן אים זיך אַוועקשטעלנדיג, האָט זי אים באַטראַכט אַ ווײַלע, אין באַלד און אָנבאַטראַכטנדיג, האָט אים אָט-וואָס געזאָגט:

— אַ טרעפערין בין איך, אַן אַלטע און אַ געניטע, און געקומען בין דיר אַ מתנה געבן, נאָר פריהער וויל דיר טרעפן.

און די אַלטע האָט בײַ דבבא'ן די האַנט גענומען, האָט זי זיך אויף איר פּאַרקיקט אין לאַנג אין איר זיך אַריינגעקוקט, אין שטילקייט און אין פאַרנאַכטישן, אין שטיל-געוואָרענעם אין פאַר אַלע אַרומיגע אַנטשוויגענע דעמאָלט; האָט זי לאַנג די האַנט-ווירעלאַך די פאַרצווײַגטע און פון זײַן לעפל-האַנט די פּאַסיקלאַך באַטראַכט, און איין ווירעלע און דערנאָך דאָס אַנדערע, און פון איינעם צום אַנדערן אין מיט די אַלט-אויגן איבערגעגאַן, אין דערנאָך אין נאָכן פאַרטיפט-זײַן אין אַרײַנטראַכטן זיך אין די פּאַסיקלאַך, האָט זי דעם קאָפּ אין צו דבבא'ן אויפגעהויבן, האָט זי אויף אים גלײַך אין אירע אויגן אַנטקעגן זײַנע אַנגעשטעלט, אין שטיל אין טרעפעריש אין לאַנג אויף אים אַזוי קוקנדיג, האָט פריהער צו אים, און דערנאָך ווי צו אַלעמען זיך געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

— נישט קיין בעטלער און נישט קיין שלעפער פון געבוירן, נאָר אַליין אַ פּרינץ און אפשר גאָר אַליין אַ מלך,—האָט דיך אָבער, פּרינץ, אין דײַן לעבן אַן אומגליק געטראָפן, איז מיט דיר עפּעס און בײַ סאַמע דײַן ליבע-צײַט אַ געשעהעניש געשעהן, עפּעס אַזוינס, וואָס וואָס קאָן נישט זאָגן, און עפּעס אַזעלכס, וואָס איז נישט קלאָר פאַר מיר. אָבער ווייסן דאָך ווייס איך, אָבער זיכער דאָך בין איך—אַן אומגליק...—און דאָ האָט די טרעפערין זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, שטיל געבליבן און ווײַטער אויף דבבא'ן געקוקט, אין באַלד אין נאָכן ווײַטער קוקן ווייניגן, האָט אָט-וואָס מוסיף געווען:

— אין דײַן אומגליק, פּרינץ, איז אַ גרויסער, אין צו דײַן אומגליק, פּרינץ, ווערט דאָך אַ סוף קומען, נאָר פאַר זײַן סוף דאַרפסט דו דריי מלכים גליקליך מאַכן, און — דעם ערשטן האָסטו שוין... האָסט דו אָבער אויף דײַן ערשטן אַרויספאָר אַ מתנה באַקומען, וואָס זאָל דיר צוניץ קומען אין אין דײַנע נויטן דינען, וויל איך דיר אויך אויף דײַן צווייטן וועג נאָך אַ בעסערע געבן"... — און דאָ האָט די טרעפערין פון איר שויס דער איינגעוואַלגערטער, דער אַלטער און איינגעשרומפּענער, עפּעס אַ שפּיגעלע באַקומען, אַז

אַלטס און אַ נישטיגס, אַ וואָלוילס און אַ געמיינס אויפן אויסזעהן, האָט זי דאָס אַרויס-באַקומען, האָט זי דאָס אָפּגעגעבן בבאַן און דאַן, און פריהער אויף אים און דערנאָך אויפן טיש מיט די מתנות פארלייגטן אַ קוק טוענדיג, האָט צוגעגעבן און נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— און אָט דאָס אַלץ, פרינץ, איז דיר איבעריג, אָט דאָס אַלץ אָנגעטראָגענע און געשיינקטע איז דיר נאָר אַ משא אויפן וועג, זאָלסט דו דאָס איבערלאָזן און אָהן דעם גיין. און דאָס שפיגעלע נעם מיט... אין אַ כח אין אַן אייגנשאַפט, זאָלסט דו וויסן, האָט אין זיך דאָס שפיגעלע, אַז וואָס דו וועסט וועלן און ווען דו וועסט וועלן, קאָנסט דו דאָרט אין דעמס אָפּשפיגלונג זעהן, און אין אַלע צייטן, און ווען ס'וועט זיך דיר פאַרגלוסטן, קאָנסט, וואָט מיט דיינע ליבסטע און וואָס מיט זיי אין דער וויַיט טוט זיך, געוואוירע ווערן, און אויך מיט דיר אַליין, און וואָס מיט דיר וועט פאָרקומען און געשעהן... און זיי געזונט, פרינץ, און האָב דיר אַ וועג אַ גליקליכן, און מיַין שפיגעלע וועט דיר צונוץ קומען און מיין שפיגעלע וועט דיר אין דיַינע נויטן שטיין...

און דאַ האָט זיך די טרעפּערן און אָפּגעזעגנט מיט בבאַן, מיט בבאַן און מיט אַלע פאַרזאַמלטע דאָרטן, און גענויגט זיך און פאַרבויגן זיך מיט כבוד, און שטיל, אין פון וואַנען זי איז אָנגעקומען, צוריק דורך דער טיר און צוריק נאָך-זיך-פאַרמאַכטער פאַרשוואונדן.

האָט זיך בבא באַלד אין פון זיַין אָרט זיך אויפגעהויבן און צום מלך זיך געווענדט, האָט ער זיך פאַרנויגט פאַרן מלך און פאַר זיין גאַסט-פריַינטשאַפט און פאַר זיין גוטהאַרציגקייט אים אָפּגעדאַנקט, און פאַר זיין געגנויגטקייט צו אים און פאַר זיַין מלך-אויפמערקזאַמקייט און אויך פאַר די מתנות אין פאַר די געשיינקטע אַלע, האָט ער זיך געקערט צום מלך, און שטיל און מיט די אויגן אַרום זיך און ווי זיין טאָרבע געזוכט, האָט ער זיך דאַן אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, מלך, פאַר דעם טאָג אין פאַר דעם-אין-פאַלאַץ-פאַרברייננגען, פאַר אונטער דיין דאַך זיך געפינען און פאַר דיין צופרידן-זיַין מיט מיר מלכשן. און אַצינד, און איך מוז זיך געזעגענען, און אַצינד, און איך מוז אין וועג זיך לאָזן.

האָט זיך דער מלך און אים איבעררעדן גענומען, האָט דער מלך אים אויף אַ צייַט און אויף וויַיטער און נאָך פאַרהאַלטן געוואָלט. האָט אָבער בבא דעם מלכס געבעט און דעם מלכס פארשלאָגן אָפּגענויגט, האָט ער זיך בייַ אים אָפּגעבעטן פון פאַרהאַלטן זיך, האָט ער וויַיטער און מיט עניוות אים אָפּגעדאַנקט. האָט ער באַלד און אַרום זיך און די טאָרבע זיינע זוכן גענומען, האָט ער זי געפונען און אַהין דאָס שפיגעלע, דאָס אים געשיינקטע, אַריינגעלייגט, האָט ער זיך באַלד אָפּגעזעגנט מיט אַלע, מיטן מלך פאַרפריהער, אין דערנאָך מיטן פרינץ פון מלך, און דאַן און מיט די הויף-לייַט אַלע אין מיט די מקורבים די דאָרט פאַרבליבענע. האָט ער דערנאָך זיין טאָרבע אויף די אַקסל גענומען און זיין שטעקן אין זיין האַנט אַריין אויף וועג, האָט ער זיך דאַן פאַרנייגט פאַר אַלע אין שטיל, און צו דער טיר זיך לאָזנדיג, האָט צו איר גענעהענט אין זי אויפגעעפנט אויף אַרויסגיין.

— און די מתנית? — האָט זיך דער מלך דערמאַנט און ביי בבאַן אַ פרעג געטאָן.

— פאַר אַנדערע און פאַר נויטבאַדערפטיגערע, מלך.

— גיי געזונט.

— געזונט צום מלך.

און בבא איז אַוועקגעגאַנגען.

* * *

אין בבא האָט זיך פון יענעם לאַנד אַרויסגעלאָזט און אין דער גרעניץ פון אַ צווייטן לאַנד שוין געקומען. אין בבא איז פון איין אָרט און צו דעם אַנדערן געגאַנגען, און פון איין ישוב אין צווייטן זיך געוויזן, דעם מערסטן טייל אָבער האָט ער אין די פעלדער, וואָס אויסער די ישובן, פאַרבראַכט און מערסטנטיילס נישט אונטער קיין דאַך, נאָר אונטערן הימל פרייען; האָט ער אַ מאָל געטאָגט און אייך גענעכטיגט אונטער הימל, ווייל גרויס און מיט פוסט-פעלדער איז יענס לאַנד געווען, און פון איין ישוב צום צווייטן איז אַ מהלך אַ ווייטער און אַ גרויסע גאַנג-פּיסטקייט געלעגן. האָט ער זיך דאָרט געדרייט אין יענע פעלד-פוסטקייטן, האָט ער זיך נישט איין מאָל און ווי אין זייער גרויסקייט זיך פאַרלוירן — איינער אַליין אין דער אַרומיגקייט זייערער אומגעהייערער, אַ מענשעלע, און ווי אַ פאַרפאַלנס און צווישן זייערע האָריזאָנטן די ווייט-פאַרשטעקטע, האָט ער זיך אַ צייט אין זיי געהאַלטן, פלעגט ער אַ צייט און אַ לאַנגע און אין זייערע אומגעהייערקייטן בלאָנדזשען. און אַ מאָל — אין אַ פריהמאָרגן, אָדער אין אַ בייטאָג, אין אַ ביימאָג אָדער אין אַ פאַרנאַכט אַ מאָל, — פלעגט, פון דער ווייטנס אין פון אַ האָריזאָנט דאַן אַרויסקומענדיג, ערגיץ-ווייט אין אַנטקעגן זיך, אייף אַ צווייטן האָריזאָנט, און ערגיץ אויף אַ ווייט-ליגנדיגן, אַ שטיבעלע און אַ קליינס, אַ ביי־זיר׳ערדיגס און אַ ישוב-סימנ׳דל דערזעהן; — פלעגט ער אַהין צוגיין, פלעגט ער זיך אין אַ דאָרף אָדער אין אַ דערפל טרעפן, פלעגט ער אַהין אַריינגיין — אין שטיבעלע, וואָס ער האָט צום ערשטן דערזעהן, אין קליינעם און אין ביי-דרערדיגן און וואָס זיין אייג האָט עס פון דערווייטנס נאָך באַמערקט, פלעגט ער זיך דאָרט אויף אָפּרוהען און זיין עקסל פון דער טאָרבע צו באַפרייען בעטן, פלעגט מען אים ערלויבן, פלעגט ער זי אַראָפּנעמען, די טאָרבע, פלעגט ער זיך דערנאָך מיט די ישוב-לייט צערעדן און מיט זיי אַ שמועס וועגן זייער מדינה און אויך וועגן אַנדערע פאַרפירן, און אָפּגעשמועסט און אָפּגערוהט זיך אַ ביסל, פלעגן אים די ישוב-לייט עסן פון זייער עסן און טרינקען פון זייער טרינקען פאַרלייגן, פלעגט ער אָפּעסן און אָפּטרינקען און ישוב, פלעגט ער דערנאָכדעם זיי אָפּדאַנקען פאַר גאַסט-פריינטשאַפט, און אַ מאָל, און ווען די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן, אייך איבערנעכטיגן דאָרטן, אָבער מערסטנטיילס, ווען פריה אָדער בייטאָג איז נאָך געווען, פלעגט ער זיך אָפּגעזעגנען מיט שטוב-לייט, און שטיל און אָפּגעזעגענדיג זיך, ווייטער און וועג און ווייטער אויף אויסער-ישוב זיך אַרויסגעלאָזט.

אזוי א צייט און אזוי א ליינגערע — אין בבא איז שוין ווייט פון זיין מלך-הוים געווען, און בבא האָט זיך שוין שטארק פון זיינע פאַלאַץ-געליבטע געהאַט דערווייטערט האָט ער זיי שוין שוואַך געדיינקט און שווער זיי אין זיין פאָרשטעלונג זיך פאָרגעשטעלט; האָט ער זייערע אויסזעהנס און נישט אַרויסרופן געקאָנט און זייערע פנימער און געשטאַלטן און פאַר די אויגן זיך נישט אויסגעמאָלט. האָט ער זיי אָבער זעהן געוואָלט, פלעגט ער זיך אַ מאָל אין אַ מיטן וועג אָפּשטעלן און אויף דער ערד און אויף טעלד זיך אראַפּלאָזן, פלעגט ער זיין טאָרבע צעפינדן און פון דאָרט דאָס שפּיגעלע, און וואָס די טרעפעריין האָט אים געשיינקט, אַרויסנעמען, פלעגט ער אַהין אַריינקוקן, און אַ מאָל איינעם און אַ מאָל דעם אַנדערן פלעגט פון מלכס פאַלאַץ און פון זיינע ליבע זיך אַרויסרופן: — אַ מאָל דעם שטערן-זעהער און אַ מאָל אַליין דעם מלך, און זעלטן-זעלטן אויך זי, די מלך-טאָכטער און די געליבטע זיינע.

און טרעפֿן פֿלעגט זי בבא אין שפּיגעלע און אין אָפּשפּיגלונג פֿון שפּיגעלע—אַזוינע, אין ווי ער האָט זי בשעת דעם פֿלאַץ-פֿאַרלאָזן געלאָזט, אויף איר בעטל און אין איר לאַגע דער דעמאָלטיגער, אַן אויסגעצויגענע און אַ גלייך-ליגנדיגע, אַ טויט-פֿאַרשטאַרטע אין גלייך און אין דער לופֿט פֿאַר זיך די אייגן האַלטנדיג; איז זי אַזוי פֿאַרשטאַרט און גלייך געלעגן, האָט זי די גאַנצע צײַט און פֿון בבאס אין-שפּיגעלע-זי-זעהן אויף בבאן די אויגן ווי אָנגעשטעלט געהאַלטן. פֿלעגט ער אויך איר קוקן, בבא, אַ מאָל אַ מינוט און אַ מאָל מער, — אָבער קיין מאָל און זיך נישט געזאַמט מיטן שפּיגעלע, און תמיד און נאָכן קוקן וויי‌ניגן, פֿלעגט עס באַלד אין כּאָרבע און אײַלנדיג און אויף גיך דאָס אומקערן.

אין פֿילן פֿלעגט בבא, און דאָס האַרץ פֿלעגט אים פֿאַרזיכערן תמיד, נאָך זיין-זעהן-זי-און אין-שפּיגל-אויף-איר-קיקן: — אמת, שלאָף און הילפֿלאָז זעהט אויס די מלך-טאָכטער, פֿאַרלאָזט אָהן אחר-יאוש פֿון די דאָקטוירים און פֿון אַלע הילף-מיטלען מעגליכע, און קיין זאַך קאָן איר נישט העלפֿן, און קיין מיטל וועט איר לאַגע נישט פֿאַרגרינגערן, אָבער איינס איז נאָך פֿאַרבליבן, איינע אַ זאַך איז נאָך פֿאַראַנען — ליבע...

און בבא האָט אַזוי, אין פֿעלד און אויף דער ערד דאַן ליגנדיג, וועגן דער מלך-טאָכטער און וועגן זיין ליבע-צו-איר זיך פֿאַרטראַכט, האָט ער געקלערט און זי זיך פֿאָר-געשטעלט אַ ליבנדיגע, ווי ער קומט צו איר און זי באַגעגנט אים פֿון קומען, און ווי זי גיט זיך אים אויפֿן האַלז אַ וואָרף און זי פֿאַלט אים צו זיין האַרצן צו, און אין אירע אויגן האָט זיך צו אים אַ פֿלאַם-געפֿיל צעשפּילט און אין קערפּער אין גאַנצן — אַ געטרײַקייט אַן איבערגעגעבנס, אַ דאַנקבאַרקייט אַ גרויס און אַן אָפּגעגעבנקייט אַ זעלטנס, און אויף גרייט צו זיין מיט אים און מיט גאַנצן האַב און גאָב פֿאַר אים געטרײַ זיין פֿלעגט ער זיך פֿון אָט די געדאַנקען און פֿון אָט די פֿאָרשטעלונגען פֿון דער ערד זיך אַ כאַפּ טון, פֿלעגט ער פֿון אָט די רעיונות און זיך אויפֿכאַפּן פֿון ליגן, און תיכף, און די טאָרבע פֿון דער ערד אַ נעם טוענדיג, פֿלעגט זיך באַלד אויף וועג און אויף ווייטער גיין, אויף גרויסן פֿעלד, און נישט צו קיין אָנגעזעהענעם ישוב, זיך לאָזן.

איז ער אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, און ווייטער אַ צײַט און ווייטער אַ לאַנגע, און אַלץ אין דער מדינה אין יענער, און אַלץ און אין די פּוסט-פֿעלדער אירע געדרייט זיך; האָט ער ווייטער אַלץ, וואו נישט געטאָגט, גענעכטיגט, און ווידער און צווישן אירע דערפֿלאַך, צווישן די ווייט-און-איינס-פֿון-אַנדערן-אָפּגעשיידט-ליגנדיגע, געבלאָנדזשעט, און קיין טרעפֿעניש האָט זיך אים נישט געטראָפֿן פֿאַר דער צייט, און קיין געשעהעניש איז אים נישט געשעהן דעמאָלט. האָט ער נאָר פֿון איין פּוסט-פֿעלד צום צווייטן געוואָגלט און נאָר פֿון איין אונטער-הימל-פֿאַרנעם צום אַנדערן געגאַנגען. און אַזוי און אין אַ צײַט אַרום, נאָך גיין לאַנגן און נאָך נישט באַגעגנען קיינעם, האָט ווײַטער אין אין אַ פֿעלד אַ מאָל זיך אָפּשטעלנדיג, פֿון דער טאָרבע דאָס שפּיגעלע אַרויסגענומען און צו דעם זיך געקערעוועט און ביי דעם אַזוי געפֿרעגט:

— שפּיגעלע, שפּיגעלע, וואוהין גיי איך, און וואָס וועט מיך טרעפֿן אין דער צײַט, דער נאָהענטסטער?

האָט זיך דאָס שפּיגעלע אַ צײַט און אין דער געוויינליכער שפּיגל-מראה געהאַלטן, האָט דערויף בבא געקוקט און נישט געזעהן אין דעם גאָר נישט. נאָר באַלד דערנאָך און נאָך אַ צייט-אין-דעם-אַריינקוקן, האָט זיך אין דעם די מראה און דאָס גלאַט-און-גלאַנץ-אויסזעהן געביטן — איז דערויף עפּעס ווי אַ רויך און וואָלקנדל איבערגעגאַן, האָט זיך עס פֿאַרטונקלט און פֿאַרציאָן עפּעס רויכלדיג, האָט זיך עס לאַנג און אין פֿאַרצויגנקייט

אין ווײַטער אין נישט־ווײַזנדיק־גאָרנישט געהאַלטן. אין דאַן אין נאָכן פּאַרטונקלט־ווערן פון דעם אין גאַנצן, האָט זיך דערזיף אַ וועג און אַ פּאַרשטויבטער באַוויזן — אַ ווײַטער און אויף דער גאַנצער לײַנג פון שפּיגעלע, אַ גלײַכער און וואָס האָט צו אַ האָריזאָנט צוגעפירט — און ווײַט־ווײַט, אין קוים מיטן אויג שוין אָנצוזעהן, האָט זיך אויפן האָריזאָנט אין אייפן אַרפּגעלאָזטקייט אויף זיינעם עפּעס אַ טורעם און אַ הויכער באַוויזן, און אויפן טורעם, און אויף סאַמע שפּיץ זײַנעם פון אייבן, האָט זיך אַ פענדל און אַהין־און־אַהער געפענדלט.

און בבאס אויג האָט זיך אין טורעם אײַנגעקוקט, און בבאס געניטקייט האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם טורעם, און באַלד געוואוסט, און וואָס דאָס שפּיגעלע האָט געמיינט, און באַלד אויף דעם ענטפער, און וואָס דאָס שפּיגעלע האָט אים געענטפערט, זיך אָנגעשטויסן; — אַז די הויפּט־שטאָט איז נאָהענט, און אַז אַהין ליגט דער וועג זײַנער, און אַז אַהין דאַרף זיך לאָזן, און אַלץ, וואָס ער דאַרף אים׳ און דאַרט וועט אים כרעסן. און דאָס שפּיגל־בראַח׳לע האָט זיך באַלד צוריק אין ווידער צום געוויינליכן זיך אומגעקערט, און דאָס פּאַרוואָלקנטקייט האָט זיך פון דעם אָפּגעטאָן, און דאָס שפּיגעלע האָט צוריק און דאָס אויסזעהן באַשטענדיגע באַקומען, און דאַן און בבא האָט עס צוריק אין טאָרבע אומגעקערט, און בבא האָט זיך ווײַטער, און איצט, ווי שוין אויף זיין געוויסן וועג, אַוועק־געלאָזט.

און בבא איז געגאַנגען און אין ערגיץ זיך שוין נישט אָפּגעשטעלט, און בבא האָט זיך שוין ווי אונטערגעאײַלט אין אין קיינע ישובים זיך נישט פאַרהאַלטן. האָט ער די גאַנצע טעג געשפּאַנט און אייך אין די נעכט געגאַנגען, און זעלטן־זעלטן ווען אין אַ דערפל זיך פאַרהאַלטן, אין סײַדן נאָר אויף שפּײַז און ווען ס׳האָט אים עסן אויסגעגעלט. האָט ער שוין מיט די דאָרפס־לײַט און קיינע געשפּרעכן נישט פאַרפירט, און די צײַט איז אים טײַער געווען, און ער האָט געקאַרגט און געשפּאָרט די צײַט, האָט ער אין ישוב, אין וואָס נאָר נויטיג איז אים געווען, זיך געשאַפן אין באַלד, און נאָכן שאַפן זיך, און זיך אַרויסגעלאָזט פון ישוב; האָט ער זיך שוין אַ צייט דערנאָך, ווי ער האָט זיך עסן אין אַלעס נויטיגע פאַרגרייט, אין די אַנדערע דערפער, און וואָס האָבן זיך אים אייגן וועג באַגעגנט, נישט אָפּגעשטעלט און נישט פאַרוואָכט זיך אין ערגיץ אין דורכגעגאַנגען אַ סך, און אַנדערע און גאָר אויסגעמיטן און נישט דורך זיי געגאַנגען, און נאָר אַרום זיי און אַלץ געאײַלט זיך אין אַלץ זיך אינטערגעטריבן, און ווי ערגיץ אויף אַ געוויסן אָרט און ווי ערגיץ אויף אַ באַשטימטס אָנצוקומען. און איין מאָל, און אין אַ פריה־מאָרגן אַ פעלדישן איז בבא צו יענער הויפּט־שטאָט און צו דער פון טורעם אָנגעקומען.

האָט ער פון דער ווײַטנס יענעם טורעם און אַ הויך־געבייטן דערזעהן, אַ קײַלאַכיגן אין אַ פאַרעלטערטן, אַ גלאַט־ווענטיגן און מיט אַ דאַך אויף אַרויף אַרויסגייענדיגן, און אינטערן דאַך מיט אַ ציגל־געזימס אַרומגענומען, און פון איין ציגל צום צווייטן אין אַ חלל און צווישן אַלע אַ גלײַכער איבערגעלאָזט; האָט אויפן דאַך פון טורעם אַ גלאַטער שטאָק און אַ הויכער געשטעקט, און אויפן שפּיץ פון אויבן האָט זיך אַ פענדל געפענדלט, און אַזוי און זיך פענדלענדיג, האָט פאַר אַלע ווײַט־פאַרנדיגע און פאַר אַלע צופוס־גייענדיגע שוין פון ווײַט, און פאַר אַ מהלך אַ גרויסן, די הויפּט־שטאָט און איר געקרוינטקייט אָנגעוויזן.

און בבא איז צו דער הויפּט־שטאָט געקומען, אין בבא האָט פאַר איר טויער קיין שומרים נישט באַגעגנט, און דער טויער איז גאָר אָפן געשטאַנען, אין קיינער האָט נישט באַוואַכט זײַן אַרײַנגאַנג. האָט ער זיך פאַרוואונדערט אויף דעם אומבאַוואַכטקייט, האָט ער נישט פאַרשטאַנען די שומרים, האָט ער וועגן זייער נאַכלעסיגקײַט אין וועגן זייער שלעכט

היטן געדײנקט, ווײַל נישט געווײנט איז ער געווען אַזוי אַ מלך-שטאָט און נישט געהיט צו טרעפן; האָט ער זי אָבער דאָך אַזוי געטראָפן, האָט ער בײַ קײנעם אין וועגן דעם צו פרעגן נישט געהאַט, האָט ער וועגן דעם און צו קײנעם צו ווענדן זיך נישט געזעהן, האָט ער נישט געפרעגט, האָט ער איבער טויער און איבער דער שוועל איבערגעטרעטן, אין אַזוי אין נישט געשטערט און נישט אָפּגעשטעלט פון קײנעם, איז אין הויפּט-שטאָט און אויף אירע גאַסן געקומען.

און אין דער פריה איז דאָס געווען: די זון איז נאָר וואָס אין אונטערן הימל אַרויסגעגאַנגען און אין שטאָט און אויף די מויערן-דעכער אַרויסגעשײַנט. האָבן זיך נאָר וואָס די ערשטע אײַנוואוינער, די זיך-פעדערנדיגע און פריה-אויפשטײענדיגע, באַוויזן און אײנציגווײַז צו זײער אַרבעט זיך געגאַנגען, און שטיל און בײַ די ווײַשן פון די גאַסן, און יעדער איז מיט זײַן גײן אין גאַנג פאַרנומען געווען. זײַנען זײ זיך אַזוי געגאַנגען, און קײנער פון זײ האָט נישט באַמערקט גאָר בבא'ן. האָט זיך בבא דאַן אויף די גאַסן און אויף די מויערן באַרקוקט און אויף די הויפן און אויף די מויערן אַן אויג געוואָרפן, האָט ער דערזעהן: אויף יעדער מויער און יעדער גאַניק פון מויער, און פאַר אַלע הויפן און פאַר יעדער טויער פון די הײַזן איז אַ פאָן געהאַנגען, אַ שוואַרצע און אַ טרויעריגע, און פאַר אַלע הײַזער אויף אבלות אַ סימן, האָט ער זיך פאַרוואונדערט, בבא: וואָס איז דאָס אין וואָס זאָל דאָס הײַסן, וואָס קאָן דאָס זײַן און וואָס אַזוינס האָט זיך דאָ אין שטאָט געטראָפן?

האָט ער זיך מיט זײַן פאַרוואונדערונג צו עמיצן קערעווען געוואָלט, האָט ער אָבער גראָד אין קײנעם אונטער דער האַנט נישט געטראָפן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אײַנגעוואַרט:—אין אָבער וועט עמיצער אים אָניאָגן אָדער אַנטקעגן קומען און יענער וועט אים דערקלערן. האָט אים אָבער קײנער און נישט אָנגעיאָגט און קײנער איז אים אַנטקעגן נישט געקומען, איז ער אַזוי געשטאַנען און געשטאַנען, האָט ער דערווײַל די שטאָט באַטראַכט, —אירע גאַסן און איר אויסזעהן פריהמאָרגעדיגן, און די הויפן און דאָס אויפגעראָמטקײַט און דאָס ליידיגקײַט נאָך זייערס. האָבן זיך אין די הײַפן דאַן אַלע ווײַלע די טירן שוין אויפגעעפנט און אַלע מאָל אַלץ מער און מער און מענשן שוין אויפוואַכנדיגע פון זיך אַרויסגעלאָזט, פון די שטיבער אויף די הויפן, און פון די הויפן אויף די גאַסן—אין די שטאָט איז אַלץ מער און מער צו איר טאָגעדיגקײַט און צו איר טאָג-אויסזעהן געקומען. זײַנען שוין בבא'ן מענשן און אַנטקעגן געקומען, האָט ער זיך צו אײנעם פון זײ, צום ערשטן און צום נאָהענטסטערן, זיך געווענדעט, אים אָפּגעשטעלט און אים אַ פרעג געטאָן: זאָל ער אַזוי גוט זײַן און אים קלאָר מאַכן, וואָס זײַנען דאָס פאַר אַ פענדלאַך, און וואָס איז דאָס פאַר אַ טרויער אין שטאָט? האָט דער מענש יענער אויף בבא'ן און אויף זײַן אויסזעהן אַ קוק געטאָן, האָט ער אים באַטראַכט און ווי אָפּגעמאָסטן אין גאַנצן, און דאַן אין אים אַרומקוקנדיג, און דאַן אין זײַן פרעמדקײט און אין זײַן נישט-היגיגקײַט זיך איבערצײַגנדיג, האָט אים אָפּגעענטפערט אין בקיצור זעהר: ס'איז אַ טרויער בײַם מלך, און דאָ איז די הויפּט-שטאָט, האָט די הויפּט-שטאָט איר מיטלייד אויסגעדריקט, און אויף אירע גאַסן און מויערן פון גאַסן די פאָנען אַרויסגעהאַנגען.

— און אין וואָס באַשטײט דער טרויער?

— ס'איז קײן צײַט נישטאָ, אין זאָל ער אַזוי גוט זײַן און בײַ אַן אַנדערן זיך דערפרעגן.

און יענער מענש איז אָפּגעגאַנגען פון בבא'ן, און יענער מענש האָט פון זײַן אָרט אַוועקגעאײַלט, און בבא'ן איז אַלײן געלאָזט אין ווײַטער און אין אומוויסן אין פריהערדיגן, האָט זיך בבא צו אַ צווייטן געקערט—און בבא האָט זיך נישט מער דערוואוסט, האָט ער זיך צו

אַ דריטן געווענדט—אין גייך ביים דריטן דאָס זעלבע; ווייל בבא האָט שוין פאַרגעסן געהאַט די שטאָט, אירע פּיראַכצן און אירע נויטן גרויסע, און אַז אין די פריהמאָרגנס און פאַרנומען איז דאָרט יעדער און יעדערער צו זיין אַרבעט איילט דאַן. האָט ער זיך ווייטער אין אַוועקגיין געלאָזט, און פון איין גאַס אויף דער צווייטער, און פון די הינטער-גאַסן אויף די השיבערע געקינען, און אויך דאָרטן אין דאָס זעלבע, און די שטאָט איז אַלץ אין שוואַרצן אָנגעטאָן, און אויך די מויערן און אויך די פאַראַד-טירן פון מויערן האָבן שוואַרצע פאַנען געהאַנגען. האָט דאָס בבא איגעזעהן, האָט ער זיך אויך דאָרטן עמיצן אָפּשטעלן געפּרובט, האָט ער אָבער אויך דאָרטן דעם זעלבן ענטפער באַקומען: „און מענשן זיינען פאַרנומען אין שטאָט, און אין די פריהמאָרגנס מוז מען איילן אַלע.“

האָט ער זיך דאָרט פאַרהאַלטן לאַנג, האָט ער זיך לסוף און אויך אַרויסגעדרייט פון דאָרטן, איז ער לסוף און נאָכן אַרומבלאָנדזשען לאַנגבן, נאָך האַלבן טאָג, און ווען די זון איז שוין אייפן קאָפּ פון שטאָט געשטאַנען, אין איינער און אין אַ גאַס אָנגעקומען,—אין אַ שטילער און אין אַן עק-ליגנדיגער, אין אַן אַלטליכער און וואו אָרעמע און געמיינע לייט דאָרט וואוינען—איז דאָרטן שטיל און פוסטליך געווען, איז ער דאַן צו איינעם און צו אַ הויף דאָרט צוגעקומען, צו אַן אַלטליכן און מיט אַ פאַרקאַן אַן איינגעבויגענעם, צו אַ ליידיגן און מיט נישט קיין קינד און נישט קיין רינד אויפן הויף. איז ער צו אים צוגעקומען, האָט אויף אים באַלד אַ הונט אַן אַלטער האַווקען גענומען, און באַלד און נאָכן האַווקען פון הונט, האָט זיך אַן אַלטער מאַן, אַ שוין נישט-טויגנדיגער און צו דער אַרבעט נישט געהערנדיגער, אויף דער שוועל פון טויער דאָרט זיך באַוויזן, זיך באַוויזן און ביי בבא'ן „וואָס ער דאַרף“ און ביי בבא'ן „וואָס ער וויל“ געפרעגט.

האָט אים בבא געענטפערט אויף זיין פראַגע: אַ גייער און אַ בעטלער איז ער און אַן אָרט אויף אָפּרוהען און אויף איבערנעכטיגן בעט ער, ווייל שוין לאַנג און פון אַ ישוב איז ער, און שוין לאַנג אַז ער האָט אונטער קיין דאַך נישט גערוהט. האָט אים דער אַלטער און אַריינגעבעטן אין טויער און פון הויף און אין זיין שטיבל, און בבא איז אַריינגעגאַנגען. האָט אים דער אַלטער פריהער אַן אָרט, און וואו די טאָרבע אַראָפּצולאָזן, אָנגעוויזן, און אַן אָרט און וואו אויך אַליין זיך צו זעצן דערנאָך. האָט ער זיך נישט בעטן געלאָזט, בבא, האָט ער באַלד די טאָרבע און אויפן אָנגעוויזענעם אָרט אַוועקגעלייגט און אַליין און אויף אַ באַנק-בענקל אַן אָנגעוויזענעם זיך אַראָפּגעלאָזט. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער זיך אויף דער שטוב און אויף דער געמיינער אַרומגעקוקט, אויף דער אָרימער און נאָר פון אַלטן באַוואוינטער, אויף דער נישט באַדינטער און פון קיין בעל-הביתטע-האַנט און שטוב. האָט אים באַלד דער אַלטער און עפּעס עסן און עפּעס איבערבייסן אַרגעלייגט—און בבא האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון עסן; האָט אים דאַן דער אַלטער און עפּעס דערלאַנגט צום טיש, און בבא האָט זיך אַוועקגעזעצט און געגעסן דאָס דערלאַנגטע. האָט זיך מיט אים אין בשעת'ן עסן צערעדט דער אַלטער און וועגן וועג און וועגן גאַנג זיינעם זיך דערפרעגט, און ווי סע לעבט זיך און ווי סע גייט זיך אַ גייער, און וואָס פאַר אַ באַגעגענישן און וואָס פאַר אַ טרעפענישן ס'האָבן זיך אים געטראָפן. האָט אים בבא דערויף געענטפערט, האָט ער אים דערציילט און געשמועסט מיט אים לאַנג, און וועגן זיין וועג און וועגן זיינע באַגעגענישן, וואָס אין דער מדינה און אויך וואָס אין אַנדערע האָבן זיך אים באַגעגנט; האָט ער מיט אים אַזוי אַ געשפּרעך געפירט און אַ גוטמוטיגס און אַ באַרוהטס זעהר—און אַזוי און פון ענין צו ענין און פון איין שמועס צום אַנדערן איבערגייענדיג און לסוף און אים אויסדערציילנדיג און אַלץ אים קלאָר מאַכנדיג דאָס אים נישט קלאָרע, האָט זיך אויך צו אים מיט אַ פראַגע געווענדט און אים אַזוי געפרעגט:

— און וואָס, אַלטער, טוט זיך עס אין שטאָט בײַ אײַך, און וואָס איז דאָס פאַר אַ טרויער אין שטאָט?

— ס׳איז אַ מלוכה-טרויער,—האָט אים דער אַלטער געענטפערט.

— און אין וואָס באַשטייט ער, און וואָס האָט זיך געטראָפן אין דער מלוכה?

— ס׳איז אַ מעשה און מיט מלך אונזערן.

— און אפשר וואָלסט דו זי דערציילט, די מעשה?

— ער קאָן, און ס׳איז מעגליך,—האָט דער אַלטער מסכים געווען.

און דער אַלטער האָט דערציילן גענומען און אַזוי אָנגעהויבן:

— אונזער מלך האָט לאַנג און נאָך מיט דער מלכה חתונה-האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. האָט ער דערפון גרויסע יסורים געהאַט, איז אים זײַן לעבן פוסט געוואָרן, האָט ער זיך פון אַלע תענוגים און פון דער וועלט אָפּגעזאָגט, און מלוכה און שטול-מלוכה און גע-לאָזט אויף הפקר: זאָל זיך טון, וואָס סע טוט זיך, זאָל זיך פירן, ווי סע פירט זיך, ווײַל די זאַך איז נישט זײַנע, די מלוכה גייט אים נישט אָן, און אירע ענינים אינטערעסירן אים נישט.

אַזוי דער מלך, און נאָך מער די מלכה: האָט זיך די מלכה אין אירע חדרים מיט איר דינסט דער לײַבליכער זיך אָפּגעזונדערט, האָט זי זיך פאַררוקט און פאַרשלאָסן אין די חדרים, האָט זי זיך קיין מאָל אין חויף און צווישן די הויף-לײַט נישט געוויזן, נישט אין קיין יום-טוב-טעג און נישט אין קיין פראַכטע, נישט אויף קיין פריידן און נישט אויף קיין פאַראַד-סעודות די הויפישע; האָט זי זיך אָפּגעזונדערט און געלעבט אַזוי, האָט זי זיך קיין מאָל אויך דער ליכטיגער שײַן נישט באַוויזן, און נאָר אליין און נאָר אין איר צימער געזעסן, און שטיל און אַזוי זיצנדיג, פאַרקלערט אין פאַרטראַכט, נאָר מיט איר טרויער און וועגן איר אָהנקינדיגקײַט פאַרבראַכט.

פלעגט זי זיך אַזוי זיצן, פלעגט אָבער אַמאָל אין הייף פון מלך אַ קול-אַ-ידיעה זיך צעטראָגן: אַזוי און אַזוי, און דערציילט האָט מען, אַז איבער דער מדינה האָט זיך אַ קלאַנג פאַרשפרייט, אַז אין אַן אָרט אין איינעם האָט זיך אַ בעל-מופת באַוויזן, אַ וואונדער-מאַן, און וואָס גרויסע וואונדער באַווײַזט ער, און פון טויט מאכט לעבעדיג, פון קראַנק—געזונט, און אויך אָהנקינדערדיגע מיט קינדער באַפּוילט ער. פלעגט דאָס די מלכה דערהערן, פלעגט זיך דאַן בײַ איר דער גאַנצער קערפּער און אַלע חושים אָנשטרייגגען, און די אייגן פלעגן בײַ איר גרויס ווערן, און די אייערן אָנגעשטעלט און אויף אַלץ און פון בעל-מופת אויסצוהערן אַ גרייטע. פלעגט זי דאָס דערציילן פאַרנעמען און לאַנג און זיך דערפרעגן פון בעל-מופת, זײַן שטאָט אין זײַן אויפהאַלטן זיך, און וואו ער וואוינט און אין וואָס פאַר אַ לאַנד ער גע-פינט זיך, דערוויסן, און דאַן, און אַלץ זיך דערוויסנדיג און אויסהערנדיג, און אַלץ, וואָס זי האָט אינטערעסירט, געוואַיירע ווערנדיג, פלעגט זי דעמאָלט איר לײַב-דינסט צום מלך צו-שיקן, פלעגט זי צו זיך דאַן אײַנלאַדן דעם מלך, און שטיל און מיט שטרייגקײַט פון מלכה דעם מלך אַזוי באַפּוילן:

— מלך, דעם וואונדער-מאַן ברייננ. מיר.

פלעגט דער מלך איר באַפּייל פאָלגן, פלעגט ער באַלד אין צום וואוין-אָרט פון וואונדער-מאַן אַ מענשן אָוועקשיקן, אַ רייטער און פון די בעסטע זײַנע, און אים אַ בריוו און מיט זיין חתימה מיטגעבן, — אין אָהן תירוץ און אָהן שום, און ווי מעגליך גיכער, און דעם בעל-מופת זאָל מען אין הויף אָריין ברייננען, און אָהן מענות און אָהן שום, און דער בעל-מופת זאָל באַלד צו דער מלכה קומען. פלעגט ער אָוועקפאָרן, דער רייטער, פלעגט ער זיך אין וועג אַריין און פייל פון בויגן לאָזן, און מיט פאַפּירן פון מלך — און קיינער

זאָל אים אין וועג נישט פאַרהאַלטן, און מיט נ אָ ך פאַפּירן — און אַלע אונטערטאַנען פון מלך זאָלן אים נאָך אונטערהעלפן אין וועג; האָט מען אים געהאָלפן, האָט ער זיך גיך, און ווי מעגליך נאָר ס'איז געווען, אַהין און צו יענעם אָרט זיך באַלד דערשלאָגן, פלעגט ער צום וואונדער-מאַן און צו זיין בהאָט, צו זיין וואוין-אָרט און צו זיין שטוב דאָן קומען, קומען און באַלד אין אַזין אָנקלאַפּן — „אַ שליח פון מלך“... פלעגט מען אים אַנטקעגן און באַלד אַרויסגיין פון שטוב, פלעגט דער שליח באַלד דעם וואונדער-מאַן און דעם מלכס בריוו איבערגעבן, פלעגט דער מאַן אין שוין נישט דערוווּנדערן מיט גאָר נישט, פלעגט ער זיך גאָר אין וועג אַריין צוגרייטן, און תיכף און אָהן מענות מיטן שליח און אין הויפּט-שטאָט זיך אַוועקלאָזן.

און איבערקומען פלעגט מען דעם וואונדער-מאַן גאָכן וועג און גאָך זיין אין הויפּט-שטאָט-אַריין-קומען, פלעגט מען אים צו דער מלכה און אין אירע חדרים פירן, פלעגט מען אים ברייינגען און פאָרשטעלן פאַר דער מלכה, פלעגט זי אים מיט גרויס כבוד, און ווי אַ וואונדער-מאַן מ'געמט אויף, אים צונעמען, און אַזוי און אים צונעמענדיג, און מיט פיין-און - ערלין-האַלטן גרויסן, פלעגט זי אים און איר באַזונדער-צימער ברייינגען, פלעגט זי אים באַלד אויף אַ שטול און אויף זיך זעצן אָנווייזן, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן, דער וואונדער-מאַן, און די מלכה פלעגט זיך פאַר אים אַוועקשטעלן, און אַזוי און אייניגע מינוט פאַר זיין שטול און כבוד שטייענדיג, פלעגט זי אים שטיל און איר האַרץ, איר צער און איר נויט דערציילן.

און דערציילן לאַנג פלעגט די מלכה און איבערגעבן פלעגט זי — אַלע מיטלען און רפואות, די וואָס זי האָט פון דאָקטוירים באַקומען, און אויך וואָס נ י ש ט פון דאָק-טוירים, און וואָס פון באָבעס אַלטע און וואָס אַלטע באָבעס האָבן איר געגעבן, און וואָס זי האָט געטאָן מיט די רפואות, און ווי זי איז זיך באַגאַן מיט זיי, און ווי אַזוי זיי האָבן נישט געהאָלפן, געהאָלפן, און ווי אַזוי זי איז אָ ה ן קינדער געבליבן, און — אויב ער קאָן (און זי האָפט, אַז ער קאָן), און אויב ס'איז נאָר מעגליך (און זי האָפט, אַז ס'איז מעגליך פאַרן בעל-מופת), זאָל ער איר העלפן און לייַדן ביזשטן, און זאָל ער איר גוטער שליח זיין, און פון אַ י ר זייט קענן טייערס: די קרוין און די מלכה, און אַלץ וואָס זיין מויל וועט אויסרעדן.

פלעגט ער זי אויסהערן, דער בעל-מופת, און איר צער און אירע יסורים צוזעהן, פלעגט ער איהר איהר גרויס רחמנות קריגן און איר נויטן — און אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר — וועט טון, און זי פאַרזיכערן — און אַלץ, וואָס און זיין רשות נאָר, וועט אויס-נוצן; פלעגט ער זיך דאָן צו זיין אַרבעט נעמען און איר פאַרשיידענע געטראַנקען פון פאַרשיידענע מינים גראָזן טרינקען געבן, און זי לערנען, און ווען זי זאָל טרינקען, און זי שפּראָכן אויסלערנען, און וואָס זי זאָל זאָגן בשעת טרינקען; פלעגט זי אים פאָלגן, פלעגט זי אויף אַ צייט און אין זיינע רפואות זיך פאַרגלייבן, און אַלץ, וואָס ער האָט זי געלערנט, געהערט, און אַלץ, וואָס ער האָט איר געהייסן טון — געטאָן; פלעגט זי אים דערנאָך און באַפרידיגן פאַר זיין זי-לערנען, פלעגט זי אים און נאָך דעם באַפרידיגן אויף אַ צייט און אין הויף נאָך פאַרהאַלטן, פלעגט ער דאָרט אָפּזיין אַ צייט, און דערנאָך, און אַלץ אויף ווייטער, און ווי שוין אָ ה ן אים זיך באַגיין זי איינגעלערנט, פלעגט ער זיך אָפּגעזעגענען מיט דער מלכה און צו זיך און צו זיין היים, און צוריק און צו זיין וואוין-אָרט זיך אומקערן.

און דער בעל-מופת פלעגט אַוועקפאָרן, און די מלכה פלעגט אַליין בלייבן, פלעגט זי אַ צייט און זיינע רפואות נאָך זיכער זיין און זיי איינגעמען, און ווי ער האָט זי גע-

לערנט פונקטליך, אין איין מאָל, אין נאָך אַ מאָל, אין זיי איבערחזרן און ווײַטער אויסנעמען, אין דערנאָך, און אַז אויך זיי האָבן נישט געהאָלפן, פלעגט זי זיי אין דער זײַט אָוועקשטעלן, פלעגט זי זיך אין זיי מיאוש זיין, פלעגט זי צוריק און אין איר יאוש-טראַכטן אַרײַנפאַלן, פלעגט זי זיך ווייטער און אין די הדרים אירע פאַררוקן, און ווייטער און ווי פאַר דעם בעל-מופת אויף דער ליכטיגער שײַן אין אויף דער ליכטיגער וועלט זיך נישט ווייזן.

אַזוי אַ צייט און אַזוי אַ לאַנגע זעהר, און די מלכּה איז געעלטערט געוואָרן, און די מלכּה איז שוין נישט צו דערקענען געווען, און אויך דער מלך איז פון זײַן געשמאַלט אַראָפּ, און אָפּגעלאָזן אין פאַרוואַרלאָזט אויסגעזעהן. האָבן דאָס די האַרן אין די הויף-לייט צוגעזעהן, האָבן זיי אויף זיי גרויס רחמנות געהאַט און זיי באַדויערט אין האַרצן און מיטן גאַנצן לעבן און זיי העלפן געוואָלט, האָבן זיי אָבער מיט וואָס נישט געהאַט, האָבן זיי זיך איינס ביים אַנדערן און זיך אָנגעפרעגט אין אײַנאײַנעם אין זיך געעצהט אַלע: און אַבער וועלן זיי עפּעס פּאַרט אויסקלערן? — האָבן זיי געקלערט אין זיך געעצהט, האָבן זיי פאַרשיידענע מיטלען געזוכט, און יעדערער האָט זיך צו זײַנע באַקאַנטע געווענדט נאָך מיטלען, האָט פון דער מדינה און שוין נישט געוואוסט מער קיינער, האָבן זיי אויך אין אַנדערע מדינות געשיקט און אויך דאָרטן און ביי גרויסע לייט און ביי חכמים זיך אָנגעפרעגט; האָט מען זיי צוריק געשיקט אין אָפּגעענטפערט פון יענע מדינות, האָט מען זיי פאַרשיידענע עצות געעצהט און אַלערליי ראָטן געראָטן, האָבן זײַ אויסגעפּאָלגט און געטאָן, ווי מ'האָט געהייסן, אין די מיטלען, און די פון דער פרעמד אָנגעקומענע, דעם מלך מיט דער מלכּה פאַרגעלייגט, און דער מלך מיט דער מלכּה האָבן זיי געהערט אין געהאָרכזאַמקייט און געטאָן און ווי מ'האָט געראָטן טון, — און אַזוי אין אויסלאָזנדיג, און אַזוי אין קיין מאָל נישט דערווידערנדיג, האָבן זיי אַלע געטראַנקען רפואות און אַלע אויסגענומען, און ווידער און ביי זייער פריהעריגן, און ווייטער און ביי זייער אומפרוכפּערקייט געבליבן...

און איין מאָל, אין אַ פריהמאָרגן אַ געוויינליכן איז אין חדר פון מלכּה אָנ-הויאָס פאַרגעקומען: — ווי די מלכּה איז דאַן נאָר-וואָס פון שלאָף געהאַט אויפגעשטאַנען, נאָך פון איר שלאָף-צימער נישט אַרויס און פון איר דינסט דער לייבליכער נאָך נישט אָנגעטאָן געוואָרן אין אויף אַרויסגיין נאָך נישט צוגעגרייט, אזוי האָט מען פּלוצלים אין דער טיר אָנגעקלאַפּט, אין אַ דינערין און פון הויף פון מלך האָט זיך געמאָלדן און אַרײַנגעלאָזן ווערן געבעטן.

— וואָס דאַרפסטו דו? — דאָט דער מלכּהס באַדינערין געפרעגט.

— צו דער מלכּה, — האָט יענע, פון יענער זייט שטייענדיג, געענטפערט.

— נאָך וואָס?

— ס'איז נויטיג, און זעהר.

— עפן! — האָט די מלכּה איר לייב-דינערין געהייסן.

האָט די דינערין די מלכּה אין מיטן אָנטון און נאָך פאַרן פאַרענדיגן זי איבערגעלאָזט, איז זי צו דער טיר צוגעגאַנגען און זי אויפגעעפנט, און באַלד און זי אויפעפענענדיג, די דינערין, און וואָס האָט זיך אַרײַנגעבעטן, אַרײַנגעלאָזט.

— וואָס געדאַרפט? — האָט ביי איר די מלכּה געפרעגט.

— נישט איך, נאָר די באָבע, די אַלטע.

— וואָסערע?

— די הויף-באָבע, און וואָס האָט די מלך-מוטער אין אַלע קימפעטן באַדינט, און די, וואָס איז אַליין ביים מלך-געבוירן און אויך ביים געבוירן פון אַלע פרינצן בײַגעווען.

— און וואָס האָט זי געוואָלט ?

— דיך צו זעהן, מלכה.

— זאָל זי אַריינגיין.

און די דינערין איז פון דער מלכה אַרויסגעגאַנגען, אין די באַדינערין פון מלכה האָט דערווייל איר הערינטע און זי אָנטין פאַרענדיגן גענומען, האָט זי דאָס פאַרענדיגט, איז די מלכה שוין גרייט און אָנגעטאָן געווען, איז זי פון שלאָף-צימער אין אין צווייטן אַרויסגעקומען, איז צו יענער צייט שוין אויך די באָבע די אַלטע, פון דער הויף-דינערין געפירט, אַהין אין אין זעלבן צימער אַריינגעבראַכט געוואָרן. האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, די באָבע, און אַ נידעריגע און אַ דאַריגקע, און אַ זיכטיגע און אָנגעטאָן ווי אַ באָבע, האָט זי פאַר דער מלכה צוגעטרעטן און פאַר איר זיך פאַרנייגט צוטרעטנדיג, האָט זי זיך אָפּגענויגט, און צו דער מלכה אַזוי געזאָגט:

— מלכה און קרוין מיינע, כ'האָב דיין צער געזעהן און דיינע לײַדן-גרייס געוואוסט, און דיין באַגער, וואָס שטאַרק, און צו מוטער-זיין דײַנע באַגערן, האָב איך צוגעזעהן און דיר נאָכגעקוקט אַ צײַט, האָב איך פון אַלע דײַנע סאַכען געוואוסט און פון אַלע מיטלען, וואָס האָבן דיר נישט געווירקט, זיי טויגנדיג. האָב אויך איך דיר העלפן געוואָלט, און מיט מיין גאַנצן לעבן און מיט מיין גאַנצן געטרייישאַפט צום הויף, האָב איך אָבער נישט מיט וואָס געהאַט, האָב איך זיך דערום נישט געוויזן און פאַר דיר נישט געקומען. האָב איך אָבער נישט גערוהט, האָב איך זיך די גאַנצע צייט און אין אָנפרעגן-זיך געהאַלטן, און ביי אַלטע און ביי עלטערע און פון אונזער לאַנד און אויך פון אַנדערע, האָב איך צו אַלע באָבעס און צו אַלע געניטע געשיקט און ביי זיי געבעטן און הילף פאַר דיר. האָבן זיי מיר פאַרשיידענע קרייטאַכצער און פאַרשיידענע מיטלען צוגעשיקט, האָב איך זיי באַטראַכט און פריהער אויף אַנדערע איבערגעפרובט, האָבן זיי נישט געהאָלפן קיינעם און קיין מוטער נישט און נישט פרוכטבאַר געמאַכט. האָב איך זיי נישט געבראַכט צו דיר, האָב איך זיי פאַר אומניצליך געהאַלטן און אויך אַליין זיך פון צו קומען פאַר דיר, און אויך אַליין און פון זיך ווײַזן פאַר דיר איינגעהאַלטן... האָב איך אָבער אַלץ נישט גערוהט, און געטראַכט און איבערגעטראַכט, און געקלערט און נישט איינגעהערט צו קלערן, האָב איך זיך דערמאָנט: ס'איז איינס און נאָך פאַראַנען, אַ לעצט און נאָך נישט קיין איינגעפרובט מיטל, און אין אַ פאַל און אין אַ לעצטן נויט מען אויס אויך דאָס לעצטע, — און דאָס מיטל איז כישוף... און איך בין אין פעלד אַרויסגעגאַנגען, — אין אַ פריהמאָרגן איך אַ טויאיגן, אין אַ זומערדיגן און אין אַ פאַרטאָג אין פעלד, און איידער די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען, און ווען די נאַכט האָט נאָך אויף דעם פעלדס ווײַטקייטן גערוהט; בין איך אויף דער מיט פון פעלד און צווישן די גראָזן דאָרט געקומען, האָב איך צווישן זיי טרעטן אָנגעהויבן און זיי באַטראַכטן און קוקן אויף זיי טרעטנדיג, און צווישן זיי דאָס כישוף-גראָז צו זוכן. האָב איך דאָס נישט דערקאָנט און פון צווישן אַלע איבעריגע דאָס אויסטיילן נישט געוואוסט. האָב איך דאַן די שפּראָך, און וואָס מײַן מאַמע האָט מיך אויסגעלערנט, זאָגן גענומען, האָב איך געזאָגט און געזאָגט, איבער גראָזן און שעפּטשענדיג, און אַלץ און ווי איך האָב אויסגעלערנט אין דער יוגנט, — און אַזוי אין זאָגנדיג, און אַזוי אין פעלד דאָרט און צווישן גראָזן שפּאַנענדיג, האָב לסוף איינס און עפּעס אַ פאַרשיידנס באַמערקט, האָט זיך עס פאַר מײַנע אויגן און פאַר אַלע איבעריגע זיך אויסגעטיילט, האָט זיך עס מיר אַרויסגעוויזן, און ווי „נעם מיך” מיר אַ זאָג געטאַן. האָב איך זיך אָנגעבויגן און דאָס אויסגעריסן, האָב איך דאָס אַהיים געבראַכט און דאָס אויסגעטריקנט און מיט דעם עטאָן און ווי מ'טוט מיט אַ כישוף-גראָז, האָב איך דערפון אַ געטראַנק געמאַכט, און זיך

מיט דעם צו דיר קומען געלאָזט, האָב איך זיך צו דיר מעלדן געהייסן און איצט און איך שטיי פאַר דיר. און דאָס געטראַנק איז שוין אָנגעגרייט.

און דאָ האָט די באָבע פון אונטער איר אָנגעטאָן און פון אונטער איר פאַרוויקלטקייט פריהערדיגן אַ פלעשעלע און אַ קליינס, אַ גרינבליכס און מיט אַ וואַסערל אַזוינעם אַרויסגענומען, און אַזוי און פאַר דער מלכה און פאַר אירע אויגן דאָס ווייַזנדיג, האָט עס געהאַלטן און נאָך אָט-וואָס צוגעגעבן:

— און זעה, מלכה, אין דערינען איז דיין הילף פאַראַנען און פון דעם קאָנסט דו געהאָלפן ווערן, אָבער... וויסן זאָלסט דו זיין, אַז כישוף בלייַבט כישוף, כישוף קאָן צום לעבן אַרויסרופן, כישוף קאָן אַ קונץ באַווייַזן, אָבער דערהאַלטן עס אין לעבן, אָבער לעבן און מיט אן אמת — דאָס איז נישט אין רשות פון כישוף, — און איצט, ווי דו ווילסט, קרוין.

— איך וויל! — האָט די מלכה נאָך אייניגע מינוטן ווי באַדייַנקען-זיך און נאָך לאַנגע רייד און דערציילן דאַן פון באָבען זיך אויפגעכאַפּט. — איך וויל! און זאָל זייַן, וואָס ס'זאָל זיין, אין זאָל געשעהן, וואָס געשעהן, און אַ מוטער איז מוטער — און זאָל זיין צו אַ שטיק פלייש אפילו.

און די מלכה האָט איר האַנט צו דער באָבע-האַנט און צו דעם פלעשעלע אויסגעשטרעקט, האָט זי דאָס צוגענומען ביי דער באָבען און דאָס אָנגעקוקט און באַטראַכט מיט נייַגעריגקייט אין דאַן, אין אַלעס איבעריגע, אין ווי מ'באַגייט זיך מיט דעם, אויספרעגנדיג, האָט זי אָפּגעדאַנקט דער אַלטער, האָט זי די אַלטע און אַרויסבאַלייט מיט דאַנק, און דאַן, אין נאָכן באַלייטן, און פון יענעם טאָג, אין נאָכן אַוועקגיין פון אַלטער, האָט זיך די מלכה צו דעם מיטל, אין דעם גלויבנדיג, און מיט איר איבערגעגעבנקייט זיך איבערגעגעבן, אין מיט געטרייישאַפט אין מיט איבערגעגעבנפערטקייט אין פאַר דער זאַך זיך גענומען.

און די מלכה האָט זיך פון כישוף נישט אָפּגעזאָגט, און די מלכה האָט דאָס כישוף-מיטל גענומען, און די מלכה האָט דאָס וואָרט געזאָגט, און די מלכה איז אויף אַלץ באַשטאַנען; און אין אַ צייט אַרום און דאָס מיטל האָט געווירקט אויף מלכה און אין אַ צייַט, און ווירקנדיג, און די מלכה איז, למזל, אין טראָגן פאַרגאַנגען.

און גיך צעטראָגן האָט זיך דער בשורה-סוד פריהער אין הויף און צווישן די הויפלייַט אַלע, דערנאָך אויך אויסערן הויף און איבער דער הויפּט-שטאָט דער גאַנצער. האָט מען שטיל אין איינער דעם אַנדערן פון מויל צו מויל און פון אויער צו אויער דאָס איבערגעגעבן, האָט דער סוד ווי געהילט און ווי איינגעהילט די מלכה, און אַלע, וואָס האָבן באַגעגנט די מלכה, האָבן שטיל און מיט בליקן שטילע דעם וועג איר ווי אָפּגעטרעטן; און די מלכה האָט זיך אָפּגעזונדערט און דערווייטערט געהאַלטן, פון אַלץ און פון אַלעמען, אין שטיל און אין אירע חדרים נאָר געזעסן, אָבער שוין נישט ווי פריהער, און שוין נישט אין יאוש-אָפּגעלאָזנקייט, נאָר אין צערטליכקייט און אין פאַרטראַכטקייט זעלטענער, אין פאַרקלערטקייט און צו שטילער מוטער-געשעהעניש זיך שוין גרייטנדיג. פלעגט זי אַזוי אין די פריהמאָרגנס אין אין די האַלבע טעג, און אויך נאָך די האַלבע טעג און אויך אין די פאַרנאַכטן זיצן — אין איר צימער, וואָס איז שטיל געווען, אין איר געמיטליכן און פון גאַנצן הויף אָפּגעזונדערטן, און וואָס קיין קול און קיין קלאַנג האָט אַהין נישט דערגרייכט פון הויף; פלעגט זי אַזוי צווישן די ווענט, די גאָר-נישט-דורכלאָזנדיגע, אין פאַר די פענסטער, די מיט שווער-גאַרדינען-באַהאַנגענע, זיצן. פלעגט זיך אַ מאָל אויך מאכן, אַ פאַרנאַכט אין אַ בעת אַ זון-פאַרגיין — פלעגט אַהין אייך דער מלך אַרייַנקומען, אין אויך אַ שטילער אין אייך אַ פאַרטראַכטער, פון הויף, און אַל-דאָס-הויפישע און וואָס

ס'געהער צום הויף, ווי הינטער זיך און ווי הינטער דער טיר דאָרט לאָזן; פלעגט ער אַריינקומען, פלעגט אים די מלכּה דאַן אויפנעמען און שווייגן, און אויך ער, און אויך איר קוקנדיג, האָט נישט גערעדט און נישט געזאָגט דאַן גאָר נישט, — און אַזוי נאָר שווייגנדיגע אין אַזוי אין צווישן זיך קיין שמועסן נישט פאַרפירנדיג, פלעגן זיי די צייט אין בעת דעם זון-פאַרגאַנג אָפּזיצן, אין דערנאָך אין פאַרן אײַן-נאַכט-אַוועקגיין, פלעגן זיי זיך אָפּגעזעגענען אין שטילן, און אַזוי אין זיך אָפּגעזעגענענדיג און זיך צעשיידן אויף נאַכט...

אַזוי אַ חודש, אין אַזוי צוויי, אין אַזוי אַלץ מערער, און אַזוי אַלץ ווייטער, און די מלכּה איז אין די חדשים געקומען. און דער מלך פלעגט פון צייט צו צייט זי באַזוכן קומענדיג, און די מלכּה האָט קיין מאָל מיטן מלך נישט גערעדט, און די מלכּה האָט קיין מאָל אין גיכן דערציילט דעם מלך, נישט פון דעם גראָז, אין פון וואַנען ס'שטאַמט דאָס באַקומענע, אין אויך נישט פון כּישוף, אין אַז זי האָט אויך זיך געגונבען דאָס כּישוף'דיגע, — האָט זי עס פאַרשוויגן, די מלכּה, האָט דער מלך גאָר וועגן דער באָבען אין וועגן איר הילף געוואוסט, און אַז פון הימל האָט מען זיך שוין אויף זיי דערבאַרעמט, אין אַז פון אויבן האָט מען שוין זיין צער און דער מלכּה'ס לייד געזעהן. האָט ער זיך געפרייט דער מלך, האָט ער אַלע מינוט און אַלע רגע דעם הימל און דעם, וואָס וואוינט אין הימל, געדאַנקט, — און אַזוי אין דעם הימל דאַנקענדיג, אין שטיל און אין האַרצן דעם, וואָס לעבט אויבן, ליובנדיג, האָט אויפן גוטן טאָג אין אויפן געגאַרטן שוין געוואַרט, אין אויף דער גוטער שעה און אויף דער מולדיגער אין געוואונטשענער שוין אַרויס-געקוקט.

און דער גיטער טאָג איז געקומען, אין די גוטע שעה איז למזל, אין די אַקושאָרן אין די פֿרי-פריהער באַשטעלטע זיינען שוין צו דער מלכּה גערופן געוואָרן, אין זייערע העלפערס אין די העלפערס פון זייערע העלפערס אין אויך אַלע באָבעס, די באַוואוסטע אין באַקאַנטע אין הויפט-שטאָט. און די מלכּה האָבן די ערשטע ווייען גענומען, אין די אַקושאָרן האָבן זיך פאַר זייער זאַך גענומען, אום דער מלכּה צו העלפן און פאַרגרינגערן אירע ווייען; האָבן זיי געטאָן, און וואָס מ'האָט געדאַרפט דאָרט טון, אין איר פאַרגרינגערט, און אויף וויפיל ס'איז נאָר מעגליך געווען צו פאַרגרינגערן, האָבן זיך אָבער די ווייען געשטאַרקט ביי דער מלכּה, אין די מלכּה איז שוואַך און פון ליידן-פיל אויסגע-מאַטערט געווען, אָהן כּח און דערצו נאָך צו אַן ערשטלינג א פאַרשפּעטיגטן; זיינען די דאָקטוירים אימרוהיג געוואָרן, האָבן זיי געזעהן, אַז דער מלכּה שטייט א שווער האָבן פאָר, אין אויך דער מלך האָט דאָס אויף די דאָקטוירימס פּנימער געזעהן, אין דער מלך האָט די שווער-לאַגע פאַרשטאַנען. האָט דער מלך דאַן אין אַלע געבעט-הייזער זיך גע-ווענדט, אהין ליכט אין געלט געשיקט, די ליכט פאַר די הייליגע אָנצוצינדן און דאָס געלט פאַר אָרעמע און נויט-באַדערפטיגע צו צעטיילן; האָט מען די ליכט געצינדן אין דאָס געלט געטיילט, האָט מען אין אַלע געבעט-הייזער פאַר דער מלכּהס געזונט אין פאַר איר בשלום-איבערקומען געבעטן, און אויך פאַרן מלך אין פאַר זיין גנעדיגקייט פאַר גרויסן, אַז דער הימל זאָל זיין לייד דערזעהן און אים נישט פאַרשעמען און זיין לאַנג וואַרטן אין זיין אהן-פּאָטערליכקייט דערפרייען; האָט מען אַזוי געבעטן, האט אויך די שטאָט אין אַלע איינ-וואוינער פון שטאָט פון דער מלכּהס צו-קינד-גיין זיך דערוואוסט, אין אַלע האָבן זיך צום הויף און צום פּאַלאַץ פאַר הויף אין רעדלאַך אין אין בינטלאַך זיך צונויפגעזאַמלט, און אַלע האָבן שטיל געשמועסט און אַלע ווילע פון הויף און פון די, וואָס קומען אַרויס פון הויף, וועגן דער מלכּה און איר שכאַנד-שווערינקייט ידיעות אויפגעכאַפּט; איז מען אַזוי געשטאַנען

און זיך געשושקעט אין די רעדלאַך, און אַלע ווײַלע די אויגן צום הויף אויפגעהויבן:—און אפשר וועט זיך עמיצער באַווײַזן, און אפשר וועט עמיצער אַ פריילעכס אָן אַ בשורהדיגס ברײַנגען, — האָט מען אָבער נישט געבראַכט, און בײַ די אַרויסגייענדיגע, און בײַ די פון-הויף-קומענדיגע זײַנען די פּנימער ווי פאַראומערט און פאַרזאָרגט געוועזן, און שטיל-שווײַגן, ווי פאַר אַ סכּנה אַ גרויסער, און פאַרנומענקייט און פאַרטאָגענקייט, ווי בשעת אַ געשעהעניש אַן ערנסט און ווי פאַר אַ שלעכט טרעפעניש, איז אויף זיי געלעגן; פלעגט מען זיך אַזוי אַרויסווײַזן פון הויף — אַ מאָל אַ דאָקטאָר, און אַ מאָל אַ העלפער זײַנער, און אַ מאָל אַ באַדינער, און אַ מאָל אַ שליח ערגיץ-אַ-געשיקטער, — פלעגט זיי ערגיץ אײַלן און נאָך עפּעס לויפן דאַרפן, פלעגט מען זיי אַרומרינגלען, די אַרויסגעגאַנגענע, און בײַ זיי „וואָס הערט זיך?" געוואוירע-ווערן ווילן; פלעגן אָבער יענע נישט קענענדלען-זיך קענען און אַפילו אויף ענטפערן קיין צײַט נישט האָבן, פלעגן זיי גאָר מיט הענט און מיט אויגן אַ מאָל איף „שלעכט" און אַ מאָל אויף „זעהר" אַ סימן געבן, און פון די רעדלאַך זיך אַרויס-דרייענדיג און דאַן אין פון די זיי-אַרומרינגלענדיגע אַרויסגייענדיג, פלעגן אַהין און וואוהין זיי האָבן באַדאַרפט, און נאָך דעם, נאָך וואָס זיי זײַנען געשיקט געוואָרן, אַוועקאײַלן.

איז אַזוי דער ערשטער טאָג אַוועקגעגאַנגען און דער צווייטער טאָג איז אָנגעקומען, און די לאַגע איז ערנסטער געוואָרן, און די ווייען האָבן זיך נישט איבערגענומען, און דער מלכּה האָבן זיך שוין די כּחות אויסגעלאָזן און די מלכּה איז האַלב-טויט שוין אויף איר בעט געלעגן, און די רפואות האָבן נישט געהאָלפן פון די דאָקטוירים און זייערע מיטלען האָבן נישט פאַרגרינגערט איף גאָרנישט, און פון האָבן איז נאָך קיין רייד נישט געוועזן, און פון קינדס אויף-דער-וועלט-קומען — קיין זכר און קיין דערמאָנונג נישט אַפילו. האָט דער מלך אַלע מאָל צו דער מלכּה אין צימער אַרײַנגעשיקט, איף זיך אָנצורעגן און אים אַ ידיעה ברײַנגען, האָט מען אים אַלע מאָל דאָס זעלבע אָפּגעענטפערט און יעדער מאָל — דאָס אייגענע און דאָס, וואָס ער האָט אַליין געוואוסט, צו וויסן געגעבן: די לאַגע איז שלעכט, און מיט דער מלכּה איז נישט גוט זעהר, און בײַ דער מלכּה האָבן זיך די כּחות אויסגעלאָזט, און אַז דאָס האָבן מוז אַ שווערס דאָ זײַן. פלעג דער מלך דאָס אויסהערן, און דאָס פּנים בײַ אים פלעגט פון מאָל צו מאָל אַלץ טרויעריגער און אַלץ טרויעריגער ווערן, פלעגט דער מלך יעדערס מאָל אויף זײַן אָרט, וואו די ידיעה האָט אים געטראָפן, בלײַבן, אַ מאָל אַ זיצנדיגער און אַ מאָל אַ שטייענדיגער, און דער מלך פלעגט זיך נאָך יעדער ידיעה פון זײַן אָרט שוין נישט רירן, — און אַזוי און זיך נישט רירנדיג, און אַזוי אויף זײַן אָרט דאָרט בלײַבנדיג, פלעגט נאָר שווייגן און אויסוואַרטן אַ ווײַלע, און באַלד און אַ צווייטן מאָל, אין דאַן און ווידער אַ מאָל געוואוירע ווערן שיקן.

אַזוי דעם צווייטן טאָג און אַזוי די נאַכט די צווייטע. און קיינער אין הויף האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, און קיינער פון הויף האָט שוין נישט גערוהט, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן: און דינער און באַדינער זײַנען אויף די פיס געוועזן, און אַקושאָרן און באַבעס האָבן זיך געשאַפט מיט די באַדינער, און אַלע מאָל און עמיצן אַ דאָקטאָר איז עפּעס אַ נייס אויפן זינען געקומען, און ער האָט באַלד און זיך אַן עצה געהאַלטן מיט די איבעריגע, און אויף גיך און געשיקט פון די באַדינער: — „זאָל מען גיין און זאָל מען דאָס ברײַנגען, זאָל מען לויפן און זאָל מען דאָס צושטעלן, דאָס ניי-צוגעטראַכטע"; איז מען געלאָפן און געבראַכט דאָס פון-דאָקטאָר-געפאָדערטע, האָט מען מיט דעם געטאָן און ווי דער דאָקטאָר האָט באַפוילן צו טון, האָט מען אים געפאָלגט, און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן; איז מען אויף אַ צײַט אין שוין ווי אַ זה רפואות געבליבן, און געשטאַנען און נישט געטאָן גאָר נישט, און יעדערער

האָט זיך ווי אַן עפּעס אַ נייס און אָן נאָך נישט קיין אויסגעפּרובטס דערמאָנען געוואָלט, פלעגט מען אַזוי שטיין און איינס אויפן אַנדערן קוקן, און פלוצלום, און ווייטער איינער און מיט אַ מאָל און אַן אַנדערער איז אויף עפּעס געפאַלן...

און די צווייטע נאַכט איז אַוועקגעגאַנגען, און דער דריטער טאָג איז געקומען, און אַלע זיינען שוין אויסגעמאַטערט געווען, און אַלע מיטלען האָבן זיך שוין אויסגענומען, און אַלע טואַכצן און שוין אָפּגעטאַן, און די עצות און שוין אויסגעפּאַלגט אַלע, און אַלע באָבעס זיינען שוין אָהן אַרבעס געשטאַנען, און אַלע דאָקטוירים — און באַזונדער פון באָבעס, און אויך די באַדינערס אין שוין נישט געשיקט אין ערגיץ, און אויך דער מלך האָט שוין קיינעם און צו דער מלכּה געוואוירע-ווערן נישט געשיקט, און נאָר נאָר-פּאַלאַץ און נאָרן פלאַץ פון פאַלאַץ האָט זיך נאָך אַן עולם אין בינטלאַך און אין רעדלעך געקליבן און וועגן דער מלכּה און וועגן איר שווער-לאַגע זיך איבערגערעדט. האָט זיך דער עולם געשושקעט אין אַלע מאָל צום הויף אַ קוק געטאָן, האָט מען געווישן זיך גערעדט און אַלע מאָל די אויגן צו די פאַלאַץ-פענסטער אויפגעהויבן, איז מען דאָרט געשטאַנען אין שטיל פאַרטראַכט, — און די גאַנצע צייט איז קיינער פון הויף נישט אַרויסגעקומען, אין די גאַנצע צייט און פון קיין פענסטער האָט זיך נישט קיין קאָפּ און נישט קיין קערפּער באַוויזן, און שטיל איז געווען אין פאַלאַץ און קיין קול און קיין קלאַנג האָט זיך נישט געהערט פון דאָרטן אין פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען איז דאָרט אַלץ געווען און אויף דרויסן אין פאַרן עולם אין דרויסן נישט אַרויסגעלאָזט קיינעם אין נישט צו וויסן געגעבן גאָר נישט. איז מען אַזוי געשטאַנען און געוואַרט געדולדיג, און רעדלאַך מיט רעדלאַך, אין בינטלאַך מיט בינטלאַך — אין דער עולם איז אַלע מאָל אַלץ שטילער אין שטילער געוואָרן, אין די אייגן און די אויערן אַלץ נייַגעריגער און אַלץ וויסנס-דאָרשטיגער ביים עולם; האָט מען גערעדט אין זיך איינגעהערט איינס צום צווייטן, און יעדער רעדל האָט זיך זיין איינעם געהאַט, אין יעדער רעדל האָט זיך צוגעהערט צו זיין איינעם, איז מען דאָרט אַזוי פאַרטאָן געווען און צווישן זיך געשמועסט, און אַזוי און זיך-פאַרשמייכנדיג און כמעט ווי אַן פאַלאַץ שוין פאַרגעסנדיג, האָט זיך פלוצלים און פון אויבער-שטאָק פון פאַלאַץ אַ טיר זיך אויפגעעפנט, אַ טיר און וואָס אויף אַ גאַניק פירט אַרויס, און וואָס אויף יענעם גאַניק אַליין דער מלך גאָר אַ מאָל באַוויַזט זיך, האָט זיך אַצינד אין נאָר אַ באַדינער אויף איר באַוויזן, און דאָס פּנים ביַי אים איז עפּוואָס אויפגעלייגטליך און שמייכלענדיג געווען, און די אויגן ביַי אים אין פּנים און געעפנט און פריילעך געווען פון עפּעס, אָבער דאָך אַליין דער דינער, זיין אַרויסגיין און דאָס נישט אַליין-זיך פון זיין אַרויסגיין האָבן עפּעס נישט אויף קיין שמחה און אַלנפאַלס נישט אויף קיין גאַנצער שמחה עדות געזאָגט. האָט ער זיך באַוויזן, דער דינער, איז ער פון דער טיר אַרויס און אויפן גאַניק און צו דער פאַרענטשע צו, איז ער צוגעגאַן און זיך איבערגעבויגן איבער דער פאַרענטשע, אין אַזוי און זיך איבערבויגנדיג, און אַליטוואַרטנדיג און ווי דעם גאַנצן עולם צונויפזאַמלען וועלנדיג, האָט ער אים צוגעזאַמלט, דעם עולם, האָט ער זיך דאַן געווענדט צו אים און אַזוי און זיך ווענדנדיג, האָט ער זיך אָפּגערופן און אַזוי געזאָגט:

— זייט וויסן, עולם, דער פאַלאַץ איז אייך מודיע צו וויסן:—די מלכּה איז איבערגעקומען בשלום, די מלכּה האָט אַ קינד געבוירן, אָבער—דאָס קינד איז אַ טויטס אַרויס, דאָס קינד איז נישט קיין לעבעדיגס אויף דער וועלט געקומען.

אָפּגעזאָגט און זיך אויסגעדרייט, און צוריק און אין דער טיר, און צוריק, און פון וואַנען ער האָט זיך אַרויסגעוויזן, פאַרשוואונדן.

און אַזוי איז טאַקע געווען: די מלכּה האָט מיט די לעצטע פּוחות דאָס קינד אויף

דער וועלט געבראַכט, איז די מלכּה און באַלד נאָכן האָבן פון קינד, ווי טויט און אין חלשות ליגן געבליבן, האָבן זיך צו איר באַלד און אַ לאַז און אַ וואָרף געטאָן די דאָק־טוירים, האָבן זיי זי געמינטערט און מיט אַלץ, וואָס מען מינטערט אין אַזעלכע פאַלן, האָבן זיי זי אויפגעמינטערט, די מלכּה, איז זי צו זיך געקומען, האָט זי די אויגן געעפנט, און באַלד, און אַרום זיך זיך אַרומקוקנדיג, און באַלד און נאָך די אויגן־עפענען, האָט זי זיך צו די, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, געקערעוועט און זיי אויפן קינד אַ פרעג געטאָן:

— דאָס... קינד?...

— דאָס קינד איז ביי די באָבעס,—האָט מען איר געענטפערט.

און דאָס קינד איז טאַקע ביי די באָבעס געווען, און דאָס קינד איז פון איין האַנט צו דער אַנדערער איבערגעגאַנגען, ווייל דאָס קינד איז אַ טויטס געבוירן, און די באָבעס האָבן דאָס פּאַטשן אין מינטערן גענומען, האָט זיך עס דער ערשטער נישט איינגעגעבן, האָט זי עס דער צווייטער איבערגעגעבן, און אַ יינגערע האָט דאָס אַן עלטערער איבערגעענטפערט, און אויך די עלטערע האָט דאָס געפּאַטשט־געמינטערט, און דאָס קינד האָט שוין ווען־ניט־ווען מיט אַן איבער׳ל אַ ריר געטאָן, אָבער באַלד צוריק און ווידער פאַרלוירן דאָס איבער׳ל,— אַ מאָל אַן אייגעלע געעפנט, און מיט אַ הענטעלע אַ מאַך געטאָן, און באַלד צוריק דאָס אייגעלע פאַרמאַכט און באַלד און דאָס הענטעלע צוריק אַראָפּגעלאָזט; האָט מען עס גע־פּאַטשט און געוואָרפן פון האַנט צו האַנט, האָט מען עס מיט שפּילקעס געשטאָכן און מיט ליכט געבריענט, האָט זיך עס אַלע ווײַלע אויפגעכאַפּט און באַלד און ווידער טויט אַנטשלאָפן געוואָרן; האָבן שוין די באָבעס וואָס צו טון מיט דעם נישט געוואוסט, האָט מען צו דעם די דאָקטוירים גערופן, און זיי האָבן דאָס באַטראַכט און ערנסט, האָבן זיי דאָס באַ־קוקט און פון אַלע זײַטן דאָס אַרומגעזעהן:—און טויט און ווי אַלע טויט־געבוירענע, און דאָן, און עפּעס פאָרט ניט ווי אַלע,—האָבן זיי נישט געוואוסט, די דאָקטוירים, זײַנען זיי אַלע און דאָך צו איין דעה געקומען, אַז דאָס קינד איז קיין לעבעדיגס, און אַלע האָבן זיך פון דעם שוין אָפּזאָגן געוואָלט; אַליין נאָר די באָבע, די וואָס האָט דער מלכּה דאָס פּישון־גראָז געגעבן, האָט זיך ביי איר און ביי איר באַזונדער דעה געהאַלטן: — ניין, און איין מאָל ניין, דאָס קינד איז אַ לעבעדיגס, דאָס קינד האָט אין זיך לעבן איבעווייניג, און די דאָקטוירים ווייסן נישט, ווייל דאָקטוירים האָבן זיך נישט געמאַכט אַזעלכע פאַלן...

און די באָבעס האָבן דאָס קינד אין דער זייט אַוועקגעלייגט, און מיט דער מלכּה שוין נישט גערעדט פונם קינד, און די מלכּה האָט שוין אַליין פאַרשטאַנען, און אויך דער מלך האָט, אויף די באָבעס און אויף די דאָקטוירים קוקנדיג, זיך אָנגעשטויסן, האָבן זיי געשוויגן און נישט געזאָגט זיך גאָר נישט, דער מלך מיט דער מלכּה, איז דער מלך נאָר פאַר דער מלכּה׳ס בעט און פאַר איר געלעגער געקומען, און געשטאַנען ביי איר און געקוקט אויף איר, און געטרויערט איבער איר און אויך זיך אינאיינעם מיט איר באַדויערט; האָבן זיי אַזוי געשוויגן און זיך געזאַמט אין שווײַגן, און דאַן, און ווי זיי זיינען אַזוי גע־שטאַנען און געקוקט און באַטראַכט זיך איינס דאָס צווייטע, אַזוי איז צום בעט פון מלכּה אויך די באָבע און די, וואָס האָט איר דאָס גראָז געגעבן, אונטערגעקומען, און שטיל און פאַר דעם מלך און דער מלכּה זיך אַוועקשטעלנדיג, האָט זי זיך צום מלך געקערעוועט און אַזוי געזאָגט:

— און איך, מלך, האַלט זיך ביי מײַנעם, דאָס קינד איז אַ לעבעדיג־געבוירנס, און דאָס קינד האָט לעבן אין זיך, און אברימלאַך ביי דעם רירן זיך און גלידעלאַך ביי דעם כאַפּן זיך אויף פון מאָל צו מאָל, און דאָס קינד איז נישט אויך צו מיאש זײַן. און דאָס

קינד איז נישט קיין פאַרפאַלנס, און זאָל דער מלך בײַ זיך נישט אָפּפאַלן אין זאָל דער מלך מײַן עצה הערן.

און דער מלך האָט זיך צו דער באָבע צוגעהערט, און די מלכה האָט אין דער באָבעס רייד געגלויבט, און די מלכה האָט דער באָבען רשות געגעבן, און זאָל זי טון און וואָס זי געפינט פאַר נויטיג צו טון. האָט זיך די באָבע דאַן א צווייט מאָל צום מלך געווענדט, האָט זי זיך צו אים אָנגערופן און אזוי געזאָגט:

— מלך, און לאָז דער שטאָט וויסן, און זאָל פאַר דיר בעטן די שטאָט, און הייס א טרויער אויסרופן, אין זאָל מען אויף טיר און טויער אין שוואַרץ־פּאָנען אויפהייגען, און זאָל מען אלע זעהן די פּאָנען, און ווער עס האָט א הילף פאַר דיר, זאָל דיר די הילף ברייגען—און האָף צום הימל. און איך גיי צום קינד.

אין די באָבע האָט זיך פון מלך אָפּגעקערעוועט, אין די באָבע איז צום קינד אוועקגעגאַן, האָט זי זיך צום קינד גענומען, און אליין און נישט אונטערגעהאָלפן פון קיינעם, ווײַל אלע באַבעס האָבן זיך דאָך שוין אָפּגעזאָגט פון קינד און אלע העלפערינס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון העלפן, האָט זי זיך צו דעם גענומען, האָט זי מיט דעם געטאָן, און וואָס האָט אליין געוואוסט, אין אויך די סגולות, וואָס זי האָט פון אנדערע און עלטערע בירושה געהאַט, האָט זי זיך מיט דעם געפּאָרעט און א צײַט א לאַנגע; אין אויך דער מלך האָט, ווי זי האָט אים געהייסן טון, געטאָן, אין אויף דער שטאָט אין א טרויער באַפוילן, און אויף אלע טירן אין טויערן און טרויער־פּאָנען אויפהייגען: האָט מען אים געפאָלגט אין שטאָט, האָבן זיך פאַר אלע הײַזער און פאַר אלע טויערן די פּאָנען באַוויזן, און אלע גאַסן אין אלע געסלאַך האָבן זיך אין שוואַרצן אָנגעטאָן, און אלע מענשן אין אלע אײַנוואוינער פון שטאָט האָבן זיך דערפון דערוואוסט, און באַלד אויפן מלכס אומגליק בעטן גענומען. אין אַט דאָס איז דער טרויער, און אַט דאָס האָט זיך מיט אונזער מלך געטראָפן, און אַט דאָס זײַנען די פּאָנען ארויסגעהאנגען, אין אַט דאָס האָסט דו געזעהן אין שטאָט.

און דערמיט האָט דער אלטער זײַן מעשה פאַרענדיגט.

— און ווי לאנג האָט זיך עס געטראָפן מיט דער מלכה? — האָט בבא בײַם אלטן געפרעגט.

— ערשט נעכטן.

— און דאָס קינד?

— דאָס קינד איז אויך אצינד, ווי נעכטן, דאָס קינד איז אין ז ע ל ב ן שטאנד נאָך איצט, אין די אלטע באָבע מינטערט עס, אין די אלטע באָבע טרעט נישט אָפּ דערפון: זי האָפט.

— אויף וואָס?

— אויף א הילף און אויף דעם העלפער. דער העלפער, זאָגט זי, קאָן נאָך קומען.

— ביז וואַנען?

— ביזן דריטן טאָג.

— און אויב שפּעטער?

— איז פאַרפאַלן. און מאָרגן איז דער דריטער.

האָט זיך בבא פאַרטראַכט און מער שוין נישט געפרעגט בײַם אלטן, האָט ער נאָר דער מעשה נאָכגעדיינקט און שטיל און אויף זײַן אָרט געבליבן דיינקענדיג. איז שוין דעמאָלט אין אין שטיבעלע בײַם אַלטן דער פאַרנאַכט און דאָס טונקלקייט דאָס פאַרנאַכטישע צוגעפאַלן, איז אין שטיבעלע דעמאָלט שוין שטיל און טרויעריגליך געווען. האָט זיך דער אלטער דאַן פון זײַן אָרט אויפגעהויבן אין אויך נאַכט און אויך נאַכטלעגער זיך גרייטן

געקומען. האָט ער פריהער פון זייַנעטוועגן און דערנאָך אויך פון בבא'ס וועגן אַ געלעגער פאַרגרייט, און דאַן און אויך צו זייַן נאַכט-סעודה גערופן בבא'ן, איז מיט אים בבא געגאַנגען, האָבן זיי זיך פאַרן טיש געזעצט און שטיל און אָפּגעגעסן די נאַכט-סעודה. און דאַן, און נאָכן אָפּעסן נאָך פאַרנאַכטישן, האָבן זיי זיך צו זייערע געלעגערס געקערעוועט, האָבן זיי זיך אויסגעטאָן בייַ זייערע געלעגערס, און יעדערער אויף ז ײַ נ ע ם און יעדערער האָט זיך אויף נאַכט אָוועקגעלייגט.

שטיל איז דאַן אין שטיבעלע דער אָוונט און דערנאָך די האַלבע נאַכט געקומען, שטיל און נישט געשטערט פון גאָר נישט, שטיבלדיג און פון קייַן קול און פון קייַן קלאַנג נישט איבערגעריסן, אַליין נאָר די פענסטערלאַך האָבן אין דער פינסטער אַרייַנגעקוקט און שטיל נאָר בבא'ן מיטן אַלטן אויף זייערע געלעגערס און אין זייער שלאָף שלאָפן געטראָפן. און אַזוי אין זיי שטילע און אייַנגעשלאָפענע טרעפנדיג, האָבן דורך איינעם אַ פענסטערל דורך א עטילן און דורך אַ נאַכטישן, דורך אַ טונקל-גלאָזיגן און דורך אַ קליין-שויבלדיגן, דעם פאַרויכטיגן און אומבאַמערקבאַרן, דעם געהיטן און דעם גרינגען, דעם ח ל ו ם - ח ל ו מ'ע ר מיט זייַן האַק-און-פאַק אַרייַנגעלאָזט.

און געחלומט און אויסגעוויזן האָט זיך דאַן בבא'ן, אין שטיבעלע און אויף זייַן געלעגער ליגנדיג, ווי ווייַט און אויף אַ וועג צו גייערשן, אויף אַ פעלד און אין אַ ווייַטן ערגיץ, האָט זיך אים די אַלטע טרעפערין, די וואָס האָט אים דאָס וואונדער-שפיגעלע אויפן וועג מיטגעגעבן, באַגעגנט, באַגעגנט און פאַר אים מיט איר געשטאַלט זיך פאָרגעשטעלט, מיטן זעלבן אויסזעהן און מיטן זעלבן אַלטקייַט אירן, און ווי ער האָט זי אין יענעם פאַר נאַכט און אין יענעם מלך-פּאַלאַץ געזעהן; האָט זי זיך אים באַוויזן און אָוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן, האָט זי אויף אים געקוקט אַ שמילע אין אים באַטראַכט אַ קוקנדיגע, און דאַן און נאָך שווייַגן און קוקן לייַנגערן, האָט זי זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט:

— כ'האָב עפעס פאַרגעסן, בבא, כ'האָב דיר נישט דערזאָגט עפעס דעמאָלט, און אָט-וואָס אויסער דעם כוח, וואָס איך האָב דיר דעמאָלט געזאָגט, האָט אין זיך דאָס שפיגעלע נאָך אַ כוח, און אָט וואָסערן: זאָל מען דאָס צו אַ מענשנס פנים, צו אַ שלאָפן, און וואָס דאָקטוירים זיין גורל ווייסן נישט, צושטעלן, און דאָס שפיגעלע ווייַסט, און דאָס שפיגעלע וועט באַלד זאָגן: איז ער אַ לעבנס-באַשערטער, וועט ער באַלד געזונט און לעבעדיג ווערן, אויב-זשע נ י ש ט, וועט ער תיכף גיט, אַ ה י ן אָדער אַ ה ע ר. און הער: און באַלד וועסט דו דאָס דאַרפן, דאָס שפיגעלע, באַלד וועט עס דיר צוניץ קומען אין אַ ז אַ פאַל, און האָב קייַן מורא נישט און נוץ דאָס אויס, און דאָס שפיגעלע וועט דאַן לעבן בריינגען, און דאָס שפיגעלע וועט צו געזונט פירן, און אַז מ'וועט דיך רופן, זאָלסט דו זיך נישט בעטן לאָזן.

און די אַלטע איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און בבא איז ווייטער געשלאָפן, און דער חלום-חלומער האָט זיך פין בבאן און פון ז ײַ ן געלעגער אָפּגעקערעוועט, און דאַן צום אַלטן און צום בעל-הבית פון שטיבעלע צוגעגאַן . . .

און פאָרגעשטעלט און אויסגעוויזן האָט זיך דאַן דעם בעל-הבית דעם אַלטן אין זייַן שלאָף און, אין זייַן חלום, ווי שטיל און ווי אַלע תמיד ער ביי זיך אין זייַן שטיבעלע ז'יצט זיך; ס'איז פאַרנאַכט און טונקל צווישן די ווענט אין שטיבעלע, און אַ רוהיגקייט און אַ פאַרנאַכט-עטילקייט שוועבט אויף דער סטעליע דאָרט פון אויבן. זיצט ער זיך אַזוי בייַ זייַן פענסטערל זייַן קליינעם, קוקט ער זיך אַזוי אין זיין הויף אַרויס, — אין שטילן און אין ליידיגן, און וואָס זעלטן ווער זיין שוועל טרעט אַריבער, דערזעהט ער אָבער: ווי פלוצלים און אומגעריכט, פון דער גאַס און פון יענער זייַט, האָט עמיצער דאָס פאָרט-

קעלע זײַנס בײַ דער קלאַמקע אָנגענומען, אָנגענומען און זי אויפגעעפנט, די שוועל אַריבערגעטרעטן און אין הויף אַרײַנגעגאַנגען. איז דאָס עפּעס אַ מענש געווען — אַ נאָהענטער און דאָך נישט קיין היימישער, און דערצו איז נאָך פאַרנאַכט אין הויף, און דעם אַלטן איז שוין שווער צו דערקענען. האָט זיך דער מענש אַ ווײַלע אַזוי אין הויף אַרומגעקוקט, האָט ער זיך אויף אַלע זייטן געדרייט און דערנאָך אויפן אַלטנס שטיבעלע זיך אָפּגעשטעלט און צו דעם גיין גענומען, איז ער צו דעם צוגעגאַנגען, האָט ער פון דעם די הויז-טיר געעפנט און אין „הויז" אַרײַנגעגאַנגען, דערנאָך אויך פון דעם „הויז" אין שטוב אַרײַן און אויף דער שטוב-שוועל שטיין געבליבן, און פּלוצלים... און וואָס זעהט דער אַלטער?... דער מלך, און אין דער קרוין געקרוינט, איז אויף זײַן שוועל און אין פאַרנאַכט-שטילקייט געשטאַנען. האָט דער אַלטער געאײַלט און צופאַלן צום מלך, איז ער פאַר אים שטיין געבליבן און קיין ווערטער נישט געהאַט, האָט ער אָבער אַ קוק געטאָן אויפן מלך און אים ווי אין גרויס צער און אין גאַנצן געבויגן, און ווי נישט קיין מלך, נאָר ווי איינער, וואָס עפּעס בעטן קומט, און ווי נישט צו קיין אונטערטעניגן גאָר, נאָר ווי צו אַ גלײַכן צו אַ זײַנעם. האָט דער אַלטער אויפן מלך גרויס רחמנות געקריגן, האָט ער זיך צו אים געקערעוועט אין רחמנותשאַפט און זיך פאַרנויגט פאַר אים מיט אונטערטעניגקייט, און אַזוי און זיך פאַרנויגנדיג, און אַזוי און מיט געטרײַשאַפט און מיט איבערגעגעבנקייט מיט האַרצליכן, האָט זיך צו אים אָנגערופן און בײַ אים אַזוי געפרעגט:

— מלך און קרוין מײַנע, ווי קומסטו ד ו אַ ה ע ר, און מיט וואָס קאָן דיר דינען?

— דינען נישט דינען, — האָט אים דער מלך טרויעריג געענטפערט. — אָבער מיט אַ בקשה צו דיר בין געקומען. און אָט מיט וואָסער: בײַ דיר איז אַ נאַכט-אורח פאַראַן, צו דיר איז אַ בעטלער געקומען, און מיט אַן אויסזעהן, גלײַך ווי אַ ל ע בעטלער, אָבער אײַן איז ער נ י ש ט ווי אַלע, און מײַן אומגליק דאָך ווייסט דו, און וואָס מיט דער מלכה האָט זיך געטראָפן איז דיר ידוע, און ע ר קאָן אונז העלפן, און ער קאָן אונז אונזערע הערצער דערפרייען. בין איך צו דיר בעטן געקומען: שיק מיר אים, דעם בעטלער.

— וועלכן, גרויסער מלך? — האָט דער אַלטער אַרום זיך פאַרוואונדערט זיך אַרומגעקוקט, אין זײַן שטוב געזוכט און נישט געפונען און נישט פאַרשטאַנען, — וועלכן?

— אָט-אָ דעם, און וואָס ער שלאָפט אָט דאָ, — האָט דער מלך דעם אַלטן אויף בבאַן און אויף זײַן אים-אַנטקעגן-שטייענדיגן געלעגער אָנגעוויזן.

און... אַז דער אַלטער האָט די אויגן פון שלאָף און פון חלום אויפגעעפנט און פון זײַן קישן און געלעגער זיך אויפגעהויבן, אַזוי האָט ער דערזעהן: ווי אין שטיבעלע איז שוין גרויסער טאָג און גאָך-דער-נאַכט געווען, און דאָס גרויקייט האָט דורך די פענסטערלאַך אַרײַנגעקוקט און אויף די ווענט און אויף דער סטעליע שוין געפלאַקט; האָט זיך דער אַלטער פון זײַן געלעגער אַ הויב געטאָן אין בבאַן, וואָס אַנטקעגן אים, שוין אַן אויפגעהויבענעם און אויפגעוואַכטן געטראָפן, האָט ער זיך אויף אים פאַרקוקט, אויפן שוין אויפגעזעצטן, און אויך בבא אויפן אַלטן, און ביידע האָבן זיך עפּעס מיט די אויגן באַגעגנט און זיך עפּעס אָנגעקוקט מאָדנע, און דאַן און נאָכן איבערקוקן זיך פאַרטאַניגן, האָט זיך דער אַלטער דאַן געקערעוועט צו בבאַן, זיך געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט:

— מאָדנע, בעטלער, עפּעס זעהר מאָדנע... ס'האָט זיך מיר וועגן דיר און וועגן אונזער מלך געחלומט, און דער מלך אונזערער האָט זיך צו מיר אין חלום באַוויזן, און דער מלך אונזערער האָט מיר דיר זאָגן געהייסן: ער רופט דיך, דער מלך, און ער לאַדט דיך אײַן צו זיך.

— אויף וואָס?

— אויף אים פון זיין אומגליק, פון וועלכן איך האָב דיר דערציילט, אַרויסצוהעלפֿן.

און דער אַלטער האָט אויף בבאן מיט זײַן מאָדנע-קוק געקוקט, און בבא האָט פאַרשטאַנען און מער שוין נישט איבערגעפרעגט דעם אַלטן, אין בבא האָט זיך פון זיין געלעגער אײפגעשטעלט און בבא האָט זיך אָנגעטאָן אין ווי צום וועג זיך גרייטן גענומען. האָט ער זיך אָנגעטאָן: האָט ער זיין שטעקן אין האַנט אין זײַן טאָרבע אויפן רוקן גענומען, אין דאַן אין נאָבן אָנטין און פאַרגרייטן-זיך בעטלערישן, האָט ער זיך צום אַלטן, אין ווי ס׳ האָט די גאַנצע צייט אויף אים מיט פאַרוואונדערונג אין מיט אַכטונג אין אָפּגעזען שוין געקוקט, זיך געווענדט, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיטן אַלטן, האָט ער אים פאַר זײַן גאַסטפרייַנטשאַפט און פאַר זיין נאַכטלעגער געדאַנקט, — אין אַזוי אין אים אָפּדאַנקענדיג אין אַזוי אין מיט אים זיך אָפּגעזעגענענדיג, האָט זיך צו דער טיר און צו דער הוליזיגער געלאָזט, אויף זי צו עפענען און אויף אַרויסצוגיין פון טיר...

און בבא איז פון דער שטוב אַרויסגעגאַן, אין בבא איז אין הויף אַריינגעקומען, און דאַן און פון הויף פון אַלטנס און אויף דער גאַס נאָך פריה-פריהמאָרגנדיגער, איז נאָך אין גאַס שטיל און אָהנמענשנדיג געווען, אין טיר און טויער און נאָך צוגעשלאָסן, און לאָדן פאַרמאַכט, און מענשן נאָך געשלאָפן הינטער לאָדן; האָט ער זיך פון יענער גאַס און אויף אַ צווייטער געלאָזט אין פון דער צווייטער אין אַ דריטער געקומען, זיינען שוין די ערשטע מענשן און די פריה-אויפשטייענדיגע אַרויסגעקומען, האָט זיך אין די הויפן שוין רירן אָנגעהויבן, אין אויך אויף די גאַסן האָבן פון צייט צו צייט און איינציגע דורכגייער זיך געוויזן. איז אַזוי בבא געגאַנגען אין די גאַסן, און אַזוי אין פון איינער צו דער אַנדערער שפּאַנענדיג, האָט לסוף אויך צו דער הויפט-גאַס און צו דער לעצטער דערגרייכט, צו דער און וואָס דער מלך-פּאַלאַץ דאָרט געפונט זיך, און אַהין, און וואוהין ער האָט באַדאַרפט צו האָבן.

אין בבא איז צוגעגאַן צום פּאַלאַץ און בבא האָט באַלד דעם שומר אין וועגן זיך צו וויסן געבן געהייסן: און אַזוי, און אַזוי און אַ בעטלער דאַרף דעם מלך האָבן, און די זאַך איז נויטיג זעהר, און די זאַך איז נישט אויף צו זאַמען, און זאָל מען אים דערום מעלדן תיכף, און זאָל מען אים דערום וואָס גיכער פאַרן מלך פאַרשטעלן.

איז אָבער אין פּאַלאַץ נאָך זעהר פריה געווען, האָט מען זיך נישט געאײַלט און נישט אַזוי גיך צו וויסן געגעבן דעם מלך, דען דער מלך האָט שוין נישט גערוהט פון לאַנג, נישט פאַרן „האָבן" אין אויך נישט נאָכן „האָבן", אין ערשט היינט ביינאַכט, און צום ערשטן מאָל, איז אויף זײַן שטול און זיצנדיג אַנטשלאָפן געוואָרן; האָט מען אים נישט וועקן געוואָלט, האָט מען בבאן אַזוי אַ צײַט און פאַרן טויער געהאַלטן, איז ער געשטאַנען און אויסגעוואַרט און דערווײַל אויפן מלכס אויפשטיין אַרויסגעקוקט. האָט זיך לסוף אויפגעכאַפּט דער מלך, פון זײַן שלאָף אין אין-דער-שטיל-זיצנדיגן, פון זײַן אײַנבאַקוועמען-פאַר-אים און פון נישט קיין בעטן-שלאָף, האָט ער פאַר זיך אַ דינער און שוין אויף אים וואַרטנדיגן דערזעהן, האָט ער זיך געווענדט צום דינער: „וואָס אַזוינס, אין וואָס איז געשעהן, אין וואָס שטייט ער דאָ, און וואָס האָט ער אים צו זאָגן?" — האָט אים דער דינער געזאָגט אין איבערגעגעבן: „אַזוי און אַזוי — אין אַ בעטלער פאַרן טויער שטייט דאָרט... אין שוין פון לאַנג און פון פאַרטאָג נאָך, און ער וויל דעם מלך זעהן, אין ער וויל פאַרן מלך קימען; און — ער זאָגט — ס׳איז נויטיג זעהר, אין — ער זאָגט — ס׳איז ניט צו זאַמען די זאַך".

האָט דער מלך באַפוילן דעם דינער: „און זאָל ער גיין, און זאָל ער אים ברייגנען, און זאָל ער אים אין פּאַלאַץ אַרייַנפירן, און מער אים נישט פאַרהאַלטן פאַרן טויער, און

תּיכּף און דער מלך וועט נאָר אויפן קינד אַ קוק טון, און דער מלך וועט זיך באַלד צוריק, און דער מלך וועט באַלד אויף אים אויפצונעמען זיך אומקערן". און דער מלך איז פון זײַן שטול אויפגעשטאַנען און אין צימער, וואו דאָס קינד איז געלעגן, אַרויסגעגאַנגען, און דער דינער האָט זיך פון זײַן אָרט אָפּגעטיילט, און מיטן מלכס באַפויל צו בבאן און צופאַר דעם טויער זיך אָוועקגעלאָזט.

און בבא איז אין מלך-צימער אַרײַנגעבראַכט געוואָרן, און בבא איז דאָרט אַליין געלאָזט געוואָרן; האָט דער מלך זיך נאָר אַ ווײַלע געזאַמט דאָרט בײַם קינד, און געקוקט דערויף און ווי נעכטן און אײַנעכטן דאָס געטראָפן, אין נישט געבעסערט און נישט געערגערט און אין זעקבן שטאַנד אין אין דער זעלבער לאַגע איז געלעגן; האָט ער עס באַטראַכט און געשטאַנען איבער דעם אַ ווײַלע, האָט ער נאָר שטיל געזיפצט און פאַרן אַוועקגיין איך איף דער אַלטער באָבע, וואָס איז נעבן דעם געזעסן, אַ קוק געטאָן; האָט ער זי באַטראַכט אין זיצן, אין באַלד, אין מער זיך שוין, נישט זאַמענדיג, האָט פון דאָרט זיך און צוריק, אין צימער אין אין זײַן פריהערדיגן זיך אומגעקערט.

האָט ער שוין דאָרטן בבאן אין איף אים אַ וואַרטנדיגן שטיין געטראָפן, איז ער אַזוי געשטאַנען און ווי מ'שטייט פאַר אַ מלך, האָט אים דער מלך דאַן באַטראַכט און געקוקט איף זײַן פרעמד-קומען, אין אויף זײַן שטיין פאַר איב אין איף זיין אונטערטעניגקייט און אויף זיין נישט-היגיגקיים און זיין פרעמדקייט-דאַ אין דער מדינה, און דאן און נאָכן אָפּבאַטראַכטן אים לייגערן, האָט זיך צו אים געקערעוועט און ביי אים „וואָס ער דאַרף" אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דאַרף ער, און מיט וואָס איז ער געקומען?

— צום מלך אין מיט אַ הילף פאַרן מלך.

— מיט אַ הילף? — האָט זיך דער מלך פאַרוואונדערט.

— יאָ, גרויסער מלך: — כ'האָב וועגן דײַן גליק אין דײַן אימגליק געהערט, ווי ס'איז ביי דיר אַ קינד און אַ לאַנג-געוואַרטס געבוירן געוואָרן, אָבער אַ שלאַפס אין אַ ספק-לעבעדיגס פון געבוירן, בין איך צו דיר אַזינר געקומען, און מיט אַ הילף אין מיט אַ היילונג פאַר דײַן קינד.

— און אין וואָס באַשטייט דײַן היילונג?

אין בבא האָט דעם מלך וועגן זיין שפּיגעלע אין וועגן די אייגנשאַפטן פון שפּיגעלע דערציילן גענומען, ווי אַזוי מ'שטעלט דאָס פאַרן פנים פונם קראַנקען אַוועק, אין ווי אַזוי דאָס שפּיגעלע דעם כּוח-באַשערטן — דעם טוים באַלד בריינגט, אין דעם, וואָס איז לעבן אָנגעצייכנט — באַלד צום לעבן קערט אום, אין אַז אין דעם פאַל אין ער איז זיכער — און דאָס שפּיגעלע וועט היילן דאָס קינד, און דאָס שפּיגעלע וועט דעם קינד געזונט אין לעבן בריינגען.

— און פון וואַנען אַזוי זיכער? — האָט ביי אים דער מלך געפרעגט.

און בבא האָט דאַן דעם מלך זיין חלום דערציילט, און איך דעם סוף אין איך דעם צוואָג פון חלום: אַז ער זאָל גיין און אַז מ'וועט אים רופן, און אַז ער זאָל טון און דאָס שפּיגעלע אויסנוצן; האָט ער געפאָלגט און עס געטאָן און אין אויפן רוף איז געקומען.

— אין ווער האָט אים גערופן?

— דער חלום-חלומער און דורך אַ צווייטנס חלום.

אין דאַ האָט ווייטער בבא די מעשה מיטן אַלטן און מיט זיין חלום דערציילט, ווי דער אַלטער האָט אים איבערגעגעבן, ווי אַזוי דער מלך איז צו אים אין חלום געקומען, און אין חלום אין געבעטן ביי אים, ער זאָל אים, רעם אורח זיינעם דעם בעטלער, און אין

זיין פּלאַץ שיקן, האָט ער אים אויסגעפּאָלגט און געהערט, האָט ער געטאָן און אין זיין שליחות געגאַנגען.

האָט דער מלך בב'ס דערציילן און אַלע זײַנע חלומות אויסגעהערט, האָבן זיך אים זײַנע דערציילונגען און חלומות אויפן האַרצן און אויפן זינען געלייגט, האָט ער זיך צו זיי צוגעהערט און נאָך אַ מאָל און אַ צווייט מאָל איבערגעפרעגט, און בבא האָט אים נאָך אַמאָל דערציילט און מיט קלאָרקײַט און מיט פּראָסטקײַט מיט גרויסן, האָט דער מלך געגלויבט אין בבא'ן און תיכף און אַלע האַרן אין דאָקטוירים צו וויסן געבן געהייסן: און אַלע האַרן און די דאָקטוירים זאָלן קומען און זאָלן זײַן בשעת מעשה; האָבן די דינער באַלד די ידיעה צעטראָגן, און פון איינעם צום צווייטן און געאײַלט אַרומגעלאָפן, און געיאָגט זיך און מיטן באַפויל פון מלך, און אַלע זאָלן זיי זיך אין קינדער-צימער צונויפזאַמלען: און אַזוי און אַזוי— און דער מלך גלויבט אין בעטלער—און וואָס גיכער, און וואָס שנעלער, ווײַל דער מלך פאַרלאָזט זיך אויף אים.

איז אַזוי געווען: און אַלע הויף-לײַט און די דאָקטוירים אַלע האָבן זיך באַלד אין קינדס צימער צונויפגענומען און אַרום קינדס בעטעלע זיך אַרומגעשטעלט, און בבא איז אַנטקעגן קינד און צו דעמס צופוסנס געשטאַנען, און אויך דער מלך אין אויך די באַבע די אַלטע זײַנען דאָרט געווען; האָט דאַן בבא די טאָרבע, און וואו דאָס שפּיגעלע איז געלעגן, צעשנירעוועט און פון דאָרטן אַרויסגענומען דאָס שפּיגעלע, האָט ער זין מיט דעם איבער דעם קינד איבערגעבויגן אין דאָס אַנטקעגן פּנימל דעם אַוועקגעשטעלט, האָט ער דאָס אַזוי שטיל און געהאַלטן אַנטקעגן פּנימל, אין באַלד און נאָכן האַלטן, און נאָכן זאָמען מיט דעם לײַנגערן, אַזוי האָבן דערזעהן אין באַמערקט דאַן אַלע, אַזוי האָבן דאַן אַלע אָט וואָס דערזעהן:

האָט זיך דאָס פּנימל בײַם קינד צו רויטלען און זיך פאַרבן גענומען, רויטליכער ווערן און איבערגעאָדערשטער, ווי פריהער, און אַ לעבעדיג אויסזעהן און אַ פרישס און ווי נאָר וואָס געבוירן באַקומען; האָט עס דערנאָך אויך מיט הענטעלאַך אין מיט פיסעלאַך רירן אָנגעהויבן און זיי צו ציהען און פאָראויס זיי אויסשטרעקן, האָט זיך בײַ דעם אַלע ווײַלע און אין אַן אַנדער איברל לעבן באַוויזן, און אַלע מאָל אַלץ מער און מער און מיט גאַנצן קערפּערל און מיטן שוין רירעוודיגן האָט זיך באַוועגט; האָט עס דערנאָך און נאָך לאַנגן רירן און דרייען זיך מיט גלידעלאַך, אויך די אייגעלאַך די ביז אַהער פאַרמאַכטע אויפגעעפנט, זיי אויפגעעפנט און מיט זיי זיך ווי אין איין פונקט אין אין שפּיגעלע זיך פאַרקוקט, אַהין אַרײַנגעקוקט אין אַ צײַט אַזוי און שטיל געלעגן, און דאַן, אין נאָכן אַרײַנקוקן און נאָכן שטיל ליגן ווייניגן, האָט עס מיט אַ מאָל און דאָס מײַלאַכל און דאָס פּנימל פאַרקרימט אין פּלוצלים—און מיט אַ געשריי, מיט אַ קינדערשן און מיט אַ פּיצל-קינדערשן, אַרויס, אַרויס און... אין אַ געוויין זיך פאַרגאַן...

— צו דער ברוסט און צו דער מלכּה!—האָט די באַבע דאַן, די נעבן דעם שטייענדיגע, אויסגעשריגן און איבער דעם קינד זיך אָנגעבויגן, דאָס אויף די הענט אַ נעם געטאָן, דאָס פון וויגעלע אַרויסגענומען און גלײַך צו דער מלכּה און אין צימער פון מלכּה דאָס אַרויסגעטראָגן.

און דאָס קינד איז צו דער מלכּה געבראַכט געוואָרן, און דאָס קינד האָט זיך צו דער מלכּהס ברוסט צוגעכאַפּט, און דאָרשטיג און ווי פאַרהלשט פון לאַנג, און געריג און הונגעריג זעהר זיך צוגעכאַפּט און ווי פאַרלוירן זי באַלד, פאַרלוירן און צוריק מיט אימפּעט געזוכט און געפונען די ברוסט-טרויב, אין אַזוי זי פאַרלירנדיג, און אַזוי זי זוכנדיג און געפינען אײַלנדיג, האָט שוין לסוף צו זויגן און מיטן גאַנצן אָטעמל, מיטן גאַנצן אָטעמל און צו זויגן אָנגעהויבן...

און די מלכה איז דאַן מוטער געוואָרן, און דער מלך דאַן — אַ פאָטער, און די מלוכה האָט אַ יורש באַקומען, און דער גאַנצער פאַלאַץ — אַן אייזעהן אַן אַנדערן: אַ לעבעדיגן און אַן אויפגעלעבטן, אַ צופרידענעם און אַ פריילעכן זעהר. איז די פרייד און די בשורה באַלד אויך אַרויסגערן פאַלאַץ און אויף גאַס און אויף גאַנצער הויפּט-שטאָט אַרויס, האָט דער עולם באַלד די טרויער-פאָנען און שוואַרץ-פאָנען אַראָפּגענומען, און אויף זייער אָרט פרייד-פאָנען און פאַרביגע אויפגעהאַנגען, האָט זיך דער עולם אין אַ גרויסער זעהר אין אויך פאַרן פאַלאַץ זיך צונויפגעקליבן, און גערעדט און געטומלט פאַרן פאַלאַץ, און געיובלט און געשאַלט און געווינשעוועט דעם מלך; האָט מען אים דערנאָך אויך אַרויסגערופן פון פאַלאַץ, איז ער פון דאָרט אַרויסגעקומען, און ביי זיין איין זייט מיט דער באָבע דער אַלטער, און ביי זיין צווייטער פון בבאָ'ן, פון דעם בעטלער און פון זיין אים-גליקשאַפנדיגן, באַגלייט; האָבן זיי אים באַגלייט פון ביידע זייטן, און הינטן און הינטער זיי האָבן זיך די הויף-לייט און די מקורבים אַלע, די גוטע פריינט פון מלך און אויך די דאָקטוירים אַלע באַוויזן: האָט ער זיך דאַן אַזוי פאַרגעשטעלט, דער מלך, האָט ער דעם עולם פאַר זיין ווינשעווען און פאַר זיין גליק-אין-באַגערן געדאַנקט, געדאַנקט און זיך פאַרנייגט פאַר אים און זיך געגריסט און מיט גרויס האַרץ-פרייד מיטן עולם, און דאַן, און פריהער אויף בבאָ'ן און דערנאָך אויף דער אַלטער אָנווייזנדיג, האָט דעם עולמ'ס קוק און דעם עולמ'ס אויפמערקזאַמקייט אויף זיי געקערעוועט, האָט ער אויף זיי אָנגעוויזן און אַזוי געזאָגט:

— זייט וויסן, עולם, אַז דער עיקר פריינט מיינע, די וואָס האָבן אונז די פרייד פאַרשאַפן און אונזערע הערצער דערפרייט, זיינען אָט אָ די און אָט אָ דאָ שטייענדיגע; און פריהער דעם, וואָס אין הימל אויבן, און דערנאָך זיי האָבן מיר אונזער גליק און אונזער פרייד צו פאַרדאַנקען.

האָט דער עולם אויך דער אַלטער באָבען און אויך בבאָ'ן אָפּגעדאַנקט, האָט ער צו זיי אַרויפגעשריגן און מיט הענט און מיט היט זיי געפאָכט, האָט מען צו זיי אַרויפגעפאָכט און געהיכט און געקרוינט זיי אויף אַ פאָרקס אופן; האָט מען זיי אַזוי אין אויך אַ לאַנגע צייט פאַרהאַלטן אויפן גאַניק און צוריק און אַריינגיין זיי נישט געלאָזט, און זיך נישט אומקערן אין פאַלאַץ — „און זאָלן זיי זיך נאָך פאַרהאַלטן, און זאָל דער עולם אין זיך נאָך אָנקוקן אין זיי". — און דאַן, און אַז דער עולם האָט זיך אָנגעקוקט און באַנוגנט שוין מיט קוקן, האָט זיך דער מלך, דערנאָך די באָבע די אַלטע, און דאַן אויך בבאָ אויסגעקערעוועט, האָבן זיי זיך צום עולם אויסגעדרייט, און אין דער מיט, און פון הויף-לייט און מקורבים אין דער וואַרע דער געמאַכטער דורכגייענדיג, זיינען זיי דורכגעגאַנגען דורך דער וואַרע, האָבן זיי זיך צו דער טיר, און פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעקומען, אומגעקערט, און צוריק אין פאַלאַץ, און צוריק אין די צימערן פון פאַלאַץ אַריינגעגאַנגען.

האָט דער מלך דאַן בבאָ'ן אין אַן עס-צימער, פאַר אַ טיש און מיט אַלעם גוטן געגרייטן געבראַכט, האָט ער אים אַוועקגעזעצט פאַרן טיש, דער מלך אַליין אויף זיין אָרט פון תמיד, און בבאָ'ן האָט ביי זיין זייט און ביי זיין רעכטער האַנט געזעצט; איז דאָרט אַ סעודה און אַ גרויס-געגרייטע געווען, און אַלע האַרן און אַלע אָנגעזעהענע פון דער מלוכה זיינען גערופן געווען צו יענער סעודה, האָט מען דאָרט מאכלים און משקאות דערלאַנגט, און אַזוינע, וואָס אויך ביים מלך זיינען זעלטן, האָט מען זיך פאַרגעניגן און וואויל-טאָג אָנגעטאָן, און געגעסן און געטרונקען און געפרייט זיך בשעת עסן; האָט דער מלך די גאַנצע צייט און אונטערגעהאַלטן בבאָ'ן, און אַלע ווייַלע און זיך דערמאָנט אָן אים, און זיך צו אים געקערעוועט און אים פאַרגעניגן אָנטון געוואָלט: און דאָס בעסטע, און דאָס שענסטע, און זאָל ער זיך פרייען,

און זאָל ער צוליב טון דעם מלך. און לסוף, און אַז די סעודה האָט זיך געענדיגט, און לסוף, און אַז די סעודה האָט זיך בײַם ענדיגן געהאַלטן, האָט זיך דער מלך דאַן געקערעוועט צו בבאָ׳ן, און הויך און פֿאַר אַלעמען, און אַזוי געזאָגט, זיך צו אים קערעווענדיג:

— און איצטער, בעטלער, וואָס דײַן מויל וועט אויסרעדן! און ווייס: און קיין זאַך וועט מיר נישט טײַער זײַן, און קיין זאַך מיר נישט השובער פֿון דיר און פֿון דײַן וואָרט איצט אַרויסגערעדטן.

— גאָרנישט, מלך, און קיין זאַך דאַרף איך, — האָט דאַן בבאָ איפּן מלכס פֿאַרשלאָג, אויף זײַן אויפֿגעלייגטקייט און אויף זײַן אַל-באַוואָלן גרייטקייט אָפּגעענטפֿערט.

— וואָס הייסט? — האָט זיך דער מלך פֿאַרחידושט און צו בבאָ׳ן און דערנאָך צו אַלע, וואָס זײַנען בײַם טיש געזעסן, מיט חידוש-אויגן זיך געווענדט.

— אַזוי און אַזוי, גרויסער מלך: קיין מתנות דאַרף איך נישט, און אין קיין זאַך נויטיג איך זיך נישט, און וואָס דאַרף דען גאָר אַ בעטלער?

— און גאָלד און זילבער און חפצים און אַנדערע טײַערקײַטן?

— ניין, ליבער מלך: דאָס גרעסטע טײַערקײַט איז מיר דאָס, וואָס בײַ דײַן טיש איצט זיץ, דאָס גרעסטע גליק מײַנס איז דאָס, וואָס איך האָב דיך באַגליקט, און מער דאַרף איך נישט, און מער גייט מיר נישט אָפּ אַצינד.

און דאָ האָט בבאָ דעם מלך בקיצור זײַן געשיכטע און וואָס מיט אים האָט ביז אַהער פּאַסירט דערציילט, און אַז דרײַ מלכים האָט ער דערפֿרייען באַדאַרפֿט, און אַז צוויי האָט ער שוין דערפֿרייט, און אַצינד און ער מוז זיך אין זײַן וועג לאָזן, ווײַל דער וועג איז אים נויטיג זעהר, און אויף איין אָרט און ער קאָן זיך נישט פֿאַרהאַלטן מער.

האָט דער מלך דאַן פֿאַרשטאַנען בבאָ׳ן, האָט ער זיך פֿון אים צו באַשיינקען אָפּגעזאָגט, האָט ער אים נאָר אַ צײַט און בײַ אים אין פּאַלאַץ זיך אָפּרוהען געבעטן. האָט זיך בבאָ אויך פֿון אָפּרוהען אָפּגעזאָגט, האָט ער אויך פֿאַר דעם געדאַנקט דעם מלך. האָט זיך שוין די סעודה געהאַט געענדיגט, איז שוין דאַן פֿאַרנאַכט אין אין עס-צימער טונקל געווען, האָט זיך בבאָ און פֿון זײַן אָרט דאַן אויפֿגעהויבן און מיט די אויגן זײַן טאָרבע, וואָס האָט אין דער פּריה אין קינדער-צימער איבערגעלאָזט, געזוכט; האָט ער זיך מיט די אויגן אַרומגעקוקט און זי דאָרט נישט געפֿונען, די טאָרבע; האָט ער שוין בײַם מלך אַן ערלויבעניש געוואָלט בעטן, ער זאָל אים אין קינדער-צימער לאָזן: ער האָט דאָרט זײַן טאָרבע פֿאַרגעסן, ער האָט זי דאָרט אין, דער פּריה געלאָזט; האָט ער אַזוי געוואָלט, האָט זיך אָבער אין דער מינוט אַ טיר און פֿון איינעם אַ צימער, און וואָס אין עס-צימער פֿירט אַרײַן, אויפֿגעעפֿנט, און אויף דער שוועל פֿון צימער האָט זיך די אַלטע באָבע מיט אַ זאַך אין האַנט, און אין עפּעס אײַנגעוויקלט, זיך באַוויזן; איז זי אַרײַנגעגאַן, די באָבע, און אויף דער שוועל שטיין געבליבן, האָט זי זיך אין עס צימער, אין טונקל געוואָרענעם און אין פֿאַרנאַכטיש, אַרומגעקוקט, און צווישן עולם געזוכט און צווישן די געסט זי בײַ די זײַטן-טיש זיצנדיגע, און פֿון איין זײַט-אָרט צום צווייטן און פֿון איין ווינקל צום אַנדערן מיט די אויגן אַרומגעגאַן; האָט זי, וואָס זי האָט געדאַרפֿט און געזוכט, נישט געפֿונען צווישן עולם, האָט זי זיך דאַן צום מלך-אָרט און צום אויבן-אָן זיך געווענדט און דאַן, און אויך אויף דאָרט איר קוק אָנגעשטעלט, האָט זי דאָרטן בבאָ׳ן שוין אַ זיך-אויפֿהויבנדיגן דערזעהן, אַ זיך אַרומקוקנדיגן און עפּעס זוכנדיגן, אַ זיך אַרומזועהענדיגן און נישט געפֿינען דאָס געזוכטע, האָט זיך דאַן די אַלטע און געקערעוועט צו בבאָ׳ן, האָט זי זיך צו אים אָנגערופֿן און אַזוי געזאָגט:

— האַלט אויף, בעטלער, האָר נאָר אויס און אײַל ניט.

און דאָ איז די אַלטע פֿון דער שוועל פֿון צימער, פֿון וועלכער זי איז אויף איר

געשטאַנען און די גאַנצע צײַט אויף איר זיך אויפגעהאַלטן, אַראָפּגעגאַנגען, איז זי דאַן צו בבאָ'ן צוגעגאַנגען, האָט זי אים די זאַך, און וואָס זי האָט אין דער האַנט געהאַלטן, אויסגעשטרעקט, האָט זי עס אים דערלאַנגט און אים אַזוי געזאָגט, דאָס דערלאַנגענדיג:

— דאָס איז אַ וואָלף-ציינדל, בעטלער, נעם עס און ס'וועט דיר צונוץ קומען... דאָס האָבן איך פון מײַנע עלטערן באַקומען, און מײַנע עלטערן—פון זייערע, און אַזוי פון דורות, און אַזוי פון דור-דורות. און די זאַך גייט בײַ אונז פון האַנט צו האַנט איבער, און זאָל עס דיר אַ מתנה זײַן... און אַן אייגנשאַפט און אַ כח, זאָלסט דו וויסן, האָט אין זיך דאָס וואָלף-ציינדל. אַז אַלע הערצער קרעפטיגט עס, און אַלע מוראָ'ס און שרעקן פאַרטרײַבט עס פון אַ האַרץ, און ווער נאָר וואָס פאַר אַ פּחד אָדער מורא ס'האָט, און ווער נאָר וואָס פאַר אַן אומרוה אים באַאומרוהיגט, דער זאָל דאָס אויפן האַלז און אַ שטיקל צײַט נאָר טראָגן—און דער אומרוה וועט זיך פון אים אָפּטון, און דער פּחד און די מוראָ וועלן בײַ אים ווי מיט דער האַנט צוגענומען ווערן. נעם עס...

האָט דאַן בבאָ געדאַנקט דער אַלטער, האָט ער בײַ איר דאָס וואָלף-ציינדל צוגענומען און איר אַ צווייט מאָל געדאַנקט. האָט ער זיך דאַן און צום מלך שוין געקערט גוועט: און זאָל ער אים אין קינדער-צימער אָפּגיין ערלייבן, און ער וויל פון דאָרט זײַן טאָרבע נעמען. האָט עס אים דערלויבט דער מלך. איז אַהין בבאָ אַוועקגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע, האָט ער זיך אַ שטיקל צײַט פאַרזאַמט אין צימער, און ביז ער האָט אין דער טאָרבע דאָס ציינדל אַרײַנגעלייגט, און ביז ער האָט דערנאָך די טאָרבע אויף זײַן רוקן פאַרנומען, און דאַן, און שוין אָנגעטאָן אין דער טאָרבע, און דערנאָך און אויך שטעקן אין האַנט אַרײַן נעמענדיג, האָט ער זיך צוריק אין עס-צימער, און וואו דער מלך מיט אַלע געסט האָבן זיך געפונען, אומגעקערט; איז ער צוריק אַרײַנגעקומען, האָט ער זיך באַלד פאַרן מלך אַוועקגעשטעלט און זיך אָפּגעזעגנט מיטן מלך, האָט אים דער מלך געזעגנט און אַלע גליק-ווינשונגען אים געוואונשן; האָט ער זיך דערנאָך אויך מיט אַלע געסט און אויך מיט דער באָבע דער אַלטער געזעגנט, און אויך די געסט און אויך די באָבע האָבן אים געבענטשט און געווינשעוועט; האָט ער פון אַלע די אים גוטס-באַגערנדיגע די ברכות פאַרנומען און זיך אויסגעקערעוועט צו אַלע, און דאַן, און נאָכן זיך אויסקערעווען, און דערמאָלט און פון צימער יענעם און אויך פון פּאַלאַץ אַרויסגייענדיג, האָט שטיל און אין פאַרנאַכט שוין אין שבעטן איף גאַס און אין הימל-שטאָט זיך געטראָפן...

* *

און בבא איז פון דער הימל-שטאָט אַרויסגעגאַנגען, און בבא דאָס איך די צווייטע מדינה פאַרלאָזט, און בבא האָט זיך ווײַטער אַוועקגעלאָזט, און בבא האָט זיך ווידער וואַנדערן גענומען, און ווײַטער איז ער פון אָרט צו אָרט און פון איין אונטער-הימל-פאַרנעם צום צווייטן געגאַנגען, און ווידער האָט ער פון צײַט צו צײַט אין פעלדער און אין יונג-וואַלד קליינע זיך אָנגעשלאָגן און מיט זיי זיך באַגעגנט גייענדיג, פלעגט ער זיך אין זיי אָפּשטעלן, אין די דערפלאַך, און אַ מאָל נאָר אַ נאַכט, און אַ מאָל אַ נאַכט אויך מיט אַ טאָג דאָרט פאַרברייגנען; פלעגט ער דאָרט אָפּזײַן, וויפיל ער פלעגט, פלעגט ער דערנאָך אויך פון זיי אַרויסגיין, זיי פאַרלאָזנדיג, אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט אין אויף אַוונט אין פעלד, און אַמאָל אין אַ פאַרמאָג און ערב דעם זון-ליכטיגקײַט דעם אויפשיינענדיגן; פלעגט ער זיי אַזוי איבערלאָזן און אין די פעלדער אין די ווײַט צעעפנטע, אין די אָהן-בוימערדיגע און אין די אָהן-וועלדערדיגע זיך אַוועקגיין, און האַריזאָנטן זײַנען פאַר אים צעשפּרייט און

אָפענע געלעגן, און הימל און ערד ביי האָריזאָנטן פלעגן זיך מיט גאָרנישט פאַרשטעלטן פאַר אים פאָרשטעלן; איז ער דאָרט אַזוי געגאַנגען און געבלאָנקעט און געוואַנדערט דאָרט אין נישט-פאַרשטעלטקיים,—און אַזוי און זיך דאָרט אַרומדרייענדיג, און אַזוי און אַ צייט דאָרט ארומבלאָנקענדיג, פלעגט פון צייט צו צייט אויף אַ פעלד און אויף אַ מיט אַ מאָל זיך פאַרהאַלטן; פלעגט ער זיך דאַן אויף דער ערד אַראָפּלאָזן און די טאָרבע מיט זײַנע זאַכן צעשנירעווען, פלעגט ער פון דאָרט זיין שפיגעלע און זיין כּישוף׳דיגס אַרויסנעמען, און שטיל און אין דעם אַריינקוקנדיג, פלעגט אַמאָל אויף זײַן פאַרגאַנגענהײַט אַ קוק טון, און יעל׳טן ווען אַמאָל אויך וועגן זיין צוקונפט, און וואָס אים שטייט פאָר אין צוקונפט, פרעגן.

און זעהן פלעגט בבא, די לעצטע צײַט אין שפיגעלע און אויף זיינע געליבטע קוקנדיג, ווי, אַלט געוואָרן אין גראָה שוין, פלעגט דער מלך, דער פאָטער פון זיין געליבטער, בײַ איר זיים אין בײַ איר בעטל זיצן, אַן אַלטער און אַ פאַראומערטער, אַ פאַרוואָרלאָזטער אין אַ פאַרזאָרגטער זעהר; פלעגט ער ביי איר זײַט און אויף זײַן שטיל שווייגן, און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און די אויגן צו דער ערד געווענדט האַלטנדיג, האָט ער אייף איר נישט געקוקט, אויף דער טאָכטער, און תמיד אין שטענדיג אין נאָר זיין מחשבה און אין נאָר זיין זאָרג אַריינגעטאָן געווען; אויך די טאָכטער אַליין האָט ווי פריהער און נישט געענדערט אויסגעזעהן—און באַשטענדיג און אויסגעצויגן, און תמיד און האַלב-טויט, אין איין פינטל און אין איין ריכטונג קוקנדיג; פלעגט ער זי אַזוי זעהן, בבא, און קוקן אין שטיל אויף זיי קוקן, און די אויגן פון זיי נישט צונעמען קאָנען,—און אַזוי שטיל, און אַזוי זיי זעענדיג, פלעגט מיט אַ מאָל און זיך איבערשלאָגן אין קוקן פלעגט ער באַלד דאָס שפיגעלע אַ כאַפּ טון אין באַלד אין טאָרבע דאָס אומקערן, פלעגט ער באַלד די טאָרבע פאַרשנירעווען און תיכף פון דער ערד און זיצן זיך אויפכאַפּן, פלעגט ער דאַן אויפשטיין האַסטיג, אין באַלד אן וועג, און באַלד אן זיין ציל פון וועג זיך דערמאָנען.

אזוי איין מאָל און אזוי עטליכע מאָל, אין אזוי א סך מאָל, אין זינט בבא איז פון דער לעצטער מדינה ארויסגעגאַן. און בבא איז שוין מיד געווען פון וועג, און בבא׳ן האָט זיך די גאַנצע צײַט קײַן מענטשן נישט געטראָפן און קיין באַגעגעניש נישט באַגעגנט, נישט קיין מענש, וואָס זאָל אים אנטקעגן קומען, און נישט קיין פאָרער און גייער, וואָס זאָל אים פון הינטן אָנייאָגן; האָט ער זיך עלנט אין ווי א פארגעסענער ארומגעדרייט און אויך קיין ישוב׳ן און אויך קיין וואוין-ערטער נישט באַגעגנט; האָט ער דערפון גרויס צער געהאַט, און יסורים און זאָרגן זײַנען אים באַפאַלן. האָט ער זיך אַ מאָל און אין אַ טאָג אַ מיטן אויף אַ פעלד זיך אָפּגעשטעלט אין פון וועג זיך פאַרהאַלטן און שטיין געבליבן און אין טאָג אין ליכטיגן, אין פעלד אין פרײַען, אונטער זון און אונטער שיינענדיגקייט אירן גרויסן; האָט ער זיך אַזוי אויפגעהאַלטן און געזאַמט אַ ווײַלע און עפּעס וועגן זיך און עפּעס ווי אויך וועגן הויז-זיין-לאַגע געטראַכט, האָט ער זיך ווי עפּעס באַדײַנקט און באַראָטן טראַכטנדיג, האָט ער זיך דערנאָך און ווי עפּעס דערמאָנט זיך-באַראָטנדיג, האָט ער זיך דערנאָך אויפגעכאַפּט און זיך אַזוי געזאָגט:

— דאָס שפיגעלע, בבא... זאָל דאָס ווייזן, זאָל דאָס זאָגן, וואָס שטייט דיר פאָר און וואָס וועט דיך טרעפן אין גיכן.

און בבא האָט זיך דעמאָלט אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט און די טאָרבע זיינע צענימען, האָט ער פון דאָרטן דאָס שפיגעלע אַרויסגענומען און אין דעם קוקן אין אין דעם ויך אַיינקיקן אָנגעהויבן, האָט דאָס שפיגעלע געזאַמט אין געוואַרט אַ צייט און אַ צייט זיך

נישט געביטן, און דאָס שפּיגעלע-אויסזעהן נישט געענדערט; איז דאָס, ווי תמיד, קליין אין גלאַנציג געווען, ליכטיג אין נאָר די זון און נאָר דאָס טאָגעדיגקייט דאָס זוניגע אָפּגעשפּיגלט, האָט עס פון דעם הימל אויבן נאָר אַ שטיקעלע, אַ בלאָהס און ריינס באַוויזן, אַ העלס און אַ קוישגרט און מיט אַ זונעלע אין הימל און אין אַ ווינקעלע אין אַ ווייס-פאַררוקטן, האָט דערויף בבא געקוקט, אייפן זונעלע, אייפן קיילאָכדיגקייט איז קליינקייט דערפון און אויף דעם בלאַסקייטנדיגקייט און אויף דעם פייער-פינקלען אין בלונקען, האָט ער אַזוי באַמערקט, דערויף קוקנדיג, ווי שטיל און פון אונטער דעם שטיין פון זונעלע, פון אינטער הימל אין פון ווייטסטן דאָרט, האָט זיך עפּעס אַ וואָלקנדל אין אַ שניי-ווייס באַוויזן, אַ קליינס און ווי אַ רויכעלע נאָר, אַן אָפּגעריסנס, און ווי ס'מאַכט זיך איף אַ הימל; איז דאָס אַרויסגעקומען, דאָס וואָלקנדל, אין אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען אַרויסקומענדיג אין זיך נישט געריהרט און נישט אָפּגעגאַן פון אָרט,—אין דאַן, און נאָכן אָנקומען אין נאָכן באַוויזן זיך פון שטילן, האָט זיך עס צעגומען דאַן פאַמעלאַכן, און אַ רייטער און אַ ווייטער רייטער אויף אַ פערד און פאַר בבא'ן האָט זיך פאַרגעשטעלט.

אין דערזעהן האָט בבא דאָס פערד דאַן און איף דעם פערד דעם רייטער דאָרטן זיצנדיג, ווי שטיל און אין אַ בייטאָג א דאָרטיגן, איף א גרעניץ ערגיץ, איף א האָריזאָנט און ווי פאר א מדינה-אָנהויב דער רייטער אויף זיין פערד איצט זיצט; שטיל איז דאָרט אויף דער גרעניץ אין האלבן טאָג און אין העלן ליכטיגקייט, שטיל דאָס פעלד און נישט באַוואַקסט פון קיינעם, נישט פון קיין מענשן און נישט פון קיין פויגל קיין דורכפליענדיגן; און גרין איז דאָרט דאָס גראָז און באַדעקט און פאַרנעמט דאָרט אַלעס—די ערד אין דאָס ווייטקייט, דאָס שיינענדיגקייט אין דאָס אַל-אַרומיגקייט אין גרינגס, און קיינער קומט נישט איף דעם און קיינער ווייזט זיך נישט דאָרטן, און קיינעמס טריט באַטרעט נישט דאָס גראָז און קיינעמס דורכפליה באַשאָטנט נישט דאָס טאָג-רוהיגקייט, אליין נאָר דער רייטער און איינער אויף זיין פערד זיין שפּילן די גרעניץ אין פון יענעם לאנד דאָרט היטאין דעם טאָג אין דאָס שטילקייט דאָרט די גרעניץ און דעם אָנהויב-גרעניץ באַוואַכט.

האָט זיך אין איבער איינגעקוקט, בבא, אין רייטער אין אין ווייטן, אין רוהיגן און אויפן פערד דאָרט זיצנדיגן, אויך דער רייטער אויף בבא'ן, האָט זיך געדאַכט, האָט צוריק איף אים אין אויף זיין אין-מיטן-העלד-געפינען-זיך געקוקט; האָבן זיי זיך ווי איבערגעקוקט אַ ווײַלע, האָבן זיי געשוויגן און זיך אויסגעהאַלטן איינגע מינוטן, און מיט אַמאָל, און אין איין רגע — און בבא האָט זײַן ערשטן רײַטער, דעם, וואָס האָט זיך אים אין זיין פריהער יוגנט נאָך באַוויזן, אין פעלד און וואו ער האָט דעם אַלטנס שטיבעלע און נאָך זיין טויט פאַרלאָזט, דערקאָנט, האָט ער זיך מיט אים איצט דערפרייט שרעקליך, האָט ער זיך צו אים מיט אַמאָל און אַ ריס טון געוואָלט, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אים אַנטקעגן, האָט ער אָבער פאַרגעסן, אַז... דאָס איז אין שפּיגעלע נאָר דער רײַטער... האָט זיך טאַקע און אין דער רגע אין שפּיגעלע די מראה געביטן, און פאַרוויש אין נישט געבליבן איז דאָס וואָלקנדל, אין אָפּגעטאָן זיך און גלײַך און ווי נישט געווען גאָר אין שפּיגעלע, איז אויך דער רײַטער און נישט געבליבן פון אונטער וואָלקן, האָט דאָס שפּיגעלע נאָר ווי פריהער, און גלאַט און גלאָזיג אויסגעזעהן, און די זון האָט אין דעם אײַנגעשײַנט פון ווינקעלע, און דאָס קליינע הימל-שטיקעלע האָט זיך אָנגעזעהן מיט בלאָהקײַט; האָט אין דעם בבא געקוקט, אין לויטערן, און—כאָטש דער רײַטער איז שוין נישט געווען און פון רייטערס פערד שוין נישט קײַן זכר, דאָך אַ האָפענונג אין אַ לויטערע, אַ לײַכטע און אַ הימלשע, איז בײַ אים און אויך נאָכן פאַרשוואונדן ווערן פון זיי געבליבן.

און בבא האָט זיך אויפגעהויבן, און בבא האָט דאָס שפּיגעלע אין טאָרבע אַרײַנגע-

לייגט, און בבא האָט די טאָרבע צוריק פאַרשנירעוועט, און בבא האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט טאָרבע — און געגאַנגען און געגאַנגען, פון יענעם טאָג אין דער נאַכט אַריַין און פון יענער נאַכט אויך אין צווייטן טאָג אויף מאָרגן, און געשפּאַנט און זיך שוין נישט אָפּגעשטעלט אין ערגיץ, און קיינע ישובֿן און קיינע דערפלאַך שוין נישט געזוכט, און ווי מער שוין נישט געדאַרפט און מער.שוין נישט גענייטיגט זיך אין די דערפלאַך,—און אַזוי און אַלץ וויַיטער און וויַיטער שפּאַנענדיג, און אַזוי און נאָר הימל אויף קאָפּ און ערד אינטער די פיס האָבנדיג, איז אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, געוואָגלט און געוואַנדערט, ביז איין מאָל...

און געווען איז דעמאָלט אַ ביַיטאָג אַ זוניגער, אַ ליכטיגער און אַ העלער, אַ לויטערער און פול מיט העלקיַיט, האָט זיך דאַן בבא אין אַ פעלד געטראָפן, אין אַ גרויסן און אַ האָריזאָנטיגן, אין אַ פריַיען און אויף אַלע אַרומיגקיַיטן אַרום אָפן; איז ער אַהין פון אַ פריהערדיגן פעלד אָנגעקומען און דאָרט אין דער מיט זיך אָפּגעשטעלט, איז דאָס פעלד דאַן ליכטיג און באַלויכטן געשטאַנען—פאַר דעם הימל דעם הויך-דערהויבענעם און פאַר דער ערד און פאַר אַלע אַרומיגקייטן אירע וויַיט צעעפנט, האָט דערויף דאָס גראָז און דאָס גרינע געגרינט און שטראַלן און פון דער זון אַראָפּגעקומענע האָבן געשטראַלט און געשפּילט אויפן גרינעם; האָט דאָרט דערמאָלט אַ שטילקייט און אַן ערדישע געהערשט, אַ רוהיגע און אַ פעלדישע, אַ נאָך-האַלבן-טאָגזדיגע און נישט געשטערטע פון קיינעם, אַליין נאָר די היישעריקן, די פליגן-שפּרינגערס און די גראָז-זעגערס זיַינען אַלע מאָל פון גראָז צו גראָז און פון איין פעלד-באַהעלטעניש צום אַנדערן געשפּרונגען, און אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אָרט זיך פאַרהאַלטנדיג. האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, און געזעגן און געזעגן.

האָט זיך דאַן בבא אין פעלד און אין מיטן יענעם דערזעהן, האָט ער זיך דאָרט פאַרהאַלטן דערזעהענדיג, האָט ער זיך אַלע מאָל אויף אַן אַנדער זיַיט פעלד זיך אויסגעדרייט און אויף יעדער זיַיט און מיט די אויגן זיך אָפּגעשטעלט: אויף די הימלען דאָרט די אַראָפּפליגנדיגע און אויף די ערדן צו די הימלען זיך-בויגנדיגע, און אויף זייערע צונויפגייאָכצן און באַהעפטיגנגען דאָרט און אויף די האָריזאָנטן אַראָפּגעלאָזטע און אויף דעם וויַיט-פאַרגיין דעם האָריזאָנטישן; האָט ער זיך אַזוי פון זיַיט צו זיַיט געדרייט,—און לסוף, און נאָכן אַרומקוקן און נאָכן אַרומזעהן פון אַלע זיַיטן, האָט זיך אויף דער זיַיט, וואָס אויף פאַראויס-זיַין-וועג איז געלעגן, זיך אָפּגעשטעלט, און שטיל און אויפן האָריזאָנט דאָרט דעם שטילסטן, אויף דעם וויַיטסטן און אין טאָג קוינ-אָנגעזעהענעם, אַ ריַיטער אין אויף אַ פערד דאָרט זיצן דערזעהן.

האָט זיך בבא אַ ווײַלע און איינגעקוקט אין ריַיטער, האָט ער אים פון זיין אָרט און אויף זיין פערד דאָרט זיצן באַטראַכט, האָט ער אים אָפּגעבאַטראַכט, און באַלד אין נאָכן אָנקוקן אים שטילן האָט ער זיין אָרט און זיין פעלדישס פאַרלאָזט, און גליַיך און מיט דער מיט דאַן גייענדיג, האָט זיך צום האָריזאָנט, און וואו דער ריַיטער איז געשטאַנען, זיך אַוועקגעלאָזט. אונטערגעקומען, האָט ער דעם ריַיטער אין טאָג און אַ פאַרשמאַכטן אין טאָג געטראָפן, אַן אָפּגעלאָזטן און מיט לייצעס אָפּגעלאָזטע, אַ שווייגנדיגן און אַ קוקנדיגן אין ווי געוויינט אַזוי צו קוקן, — האָט זיך בבא צו אים דערנעהענט, האָט ער זיך צו אים און צו זיַין שוויַיגנדיגקייט געווענדט, און אַזוי און זיך צו אים ווענדנדיג, האָט זיך אָנגערופן און מיט טאָג און מיט ברכה אים געבענשט :

— אַ גאָט-העלף, ריַיטער.

— גוט יאָר, בעטלער.

— און וואָס שטייט דאָ און אויף וואָס וואַרט דאָ דער רײַטער ?

— אויף בעטלערס און פון דער פרעמד אָנקומענדיגע.

— און אויף וואָס דאַרף ער די בעטלערס ?

— דער מלך האָט געהייסן, און ער היט דעם באַפויל פון מלך.

— און אויף וואָס דאַרף דער מ ל ך די בעטלערס ?

— איבער אַ מעשה און איבער אַ זאַך איינער.

— אין וואָס אַזוינס ?

— ס'איז אויף דערציילן און לאַנג זעהר, אָבער ער דאַרף און ער מ ו ז דערציילן, און אויב ער וויל אין באַגערט, זאָל ער אים אויסהערן און אַ ביסל צײַט אים שיינקען.

און בבא האָט באַוויליגט, און בבא האָט זיך שטיל פאַרן רייטער אין פאַרן פערד אַוועקגעשטעלט, און דער רייטער איז פון אויבן געבליבן, זיין אָרט נישט געביטן און זיין געזעס נישט פאַרענדערנדיג, און שטיל און מיט אַ קול אַ פעלדישן, ווי מיט אַ פאַרדומפענעם און ווי פון לאַנג שוין נישט געוויינט צו רעדן, האָט גלײַך די מעשה אָנגעהויבן און אַזוי דערציילט :

— אינוער מלך איז אַ שטאַרקער און אַ מעכטיגער געווען, פאַר זיין קול און זײַן גבורה האָבן תּאַרן און חילות געציטערט, פאַר זײַן שטאָלץ אין אויסזעהן האָט דאָס פאָלק די קניהען געבויגן, צו זײַן וואָרט אין באַפויל האָבן פײַלער און אייערן זיך צוגעהערט, און צו זיין ווילן און זײַן באַגער איז קײַן גרעניץ און קיין פאַרהאַלט נישט געווען . . .

האָט זיך דעם מלך אַ מאָל פאַרוואָלט : וואו אַ שטאַרקער און וואו א גבור אין זײַן לאַנד זאָלן צו אים און אין זיין הויפט-שטאָט געבראַכט ווערן, ער וויל זיך מיט זיי ראַנגלען, ער וויל מיט אַלעמען זיינע כחות אויספרובן. האָט מען עס איבער גאַנצן לאַנד און איף דער גאַנצער מדינה צו וויכן געגעבן, און רײַטערס האָבן זיך פון דער הויפט-שטאָט אַרויסגעלאָזט און אין די נאָהענטע שטעט דאָס מודיע געווען, און די נאָהענטע — אין די ווייטערע, אין אַזוי די ווייטערע — אין נאָך ווייטערע, און אַזוי אַלץ מער אין מער, און אַזוי אַלץ ווייטער און טיפער אין לאַנד, אין ביז די ידיעה האָט זיך אין אַלע ווינקלאַך פון דער מדינה צעטראָגן, און ביז דער ווילן דעם מלכס האָט ביז אַלע גרעניצן זײַנע דערגרייכט.

איז אַזוי געווען, האָט מען פון אַלע ערטער און פון אַלע עקן די פאַרוואָרפנסטע די געזינטסטע און די שטאַרקסטע אויסגעקליבן, און ווער נאָר ס'האָט געשמט אין זיין אָרט, און ווער מען די איינוואוינער האָבן געקאָנט נאָר פאַר אַזוינעם, האָט מען זיי אויסגעקליבן, די געזינטסטע, האָט מען זיי אויף הוצאות און אויף אַלע באַדערפענישן זייערע מיטגעגעבן: אין זאָלן זיי גיין, און זאָלן זיי פאָרן, אין זאָלן זיי זיך פרובן, און זאָלן זיי דעם מלך זייער גבורה באַווייזן. זײַנען זיי געגאַנגען, די אויסגעקליבענע, האָבן זיי געריטן און געפאָרן, אין וויפיל מ'דאַרף רײַטן און וויפיל מ'דאַרף פאָרן ביז דער הויפט-שטאָט, — און לסוף און אַהין אָנקומענדיג, האָבן זיי זיך איינציגווייז און בינטלאַך-ווייז צום הויף און צום פאַר טויער פון מלך זיך צונויפגעקליבן, אין יעדערער האָט ווען זיין אָרט, און יעדערער האָט וועגן זיין קומען מודיע געווען. האָט מען זיי צוגענומען און פאַרשריבן יעדערן, האָט מען זיי יעדערן און זיין אָרט, וואו צו זיין און וואו צו איינשטיין אָנגעוויזן, אין ביז יעדערנס רייה וועט דערגרייכן, און ביז צו אים אין צו ראַנגלען זיך מיט אים זיין צײַט וועט קומען, אין דערווײַל און זאָל ער זיך פריי זײַן, און דערווייל אין זאָל ער זיך, וואָס ער וויל זיך, טון. פלעגן זיי זיך צעגיין, די אָנגעקומענע, פלעגט זיך יעדערער פון זיי איף זיין אָרט דעם-איב-אָנגעוויזענעם, און יעדערער אויף זיין באַשטימטן זיך אוועקגיין, האָט

דאָרט יעדערער פאַרבראַכט, אין ווי ס'האָט זיך אים געגלוסט צו פאַרברייינגען, און געגעסן און געטרונקען און פאַרגעניגן זיך אָנגעטאָן, און יעדערער ווי ער האָט פאַרשטאַנען פאַרגעניגן, — אין אַזוי און פריי און נישט-פאַרנומען זייענדיג, און אַזוי און ליידיג און פוסט-און-בטל גייענדיג, פלעגן די גאַנצע טעג אין דער הויפּט-שטאָט זיך אַרומדרייען, און אַזוי אין זיך אַרומדרייענדיג, פלעגן גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט אַלע פרייד-הײַזער און אַלע טרינק- און ליבע-שיינקען מיט זיך אָנפילן...

אין פון צײַט צו צײַט פלעגט אַן אַנדערער, און ווען זיין צײַט איז געקומען, צום מלך און צו זײַן הויף גערופן ווערן.

פלעגט ער אַהין אָנקומען. האָט מען אים פון דאָרטן, און אַ מענש, אַן אויפגענומענער אויף דעם, אַן אָנטון און אַ גרינגס אַזאַ מין, אַ לײַב-קאָלירנדיגס און אַ שטייפס, אַ צו דער הויט צושטייענדיגס, אויף רײַנגלען זיך און מיט דעם אויף אַנטקעגן מלך אַרויסגיין, געבן; פלעגט מען אים איבערטון, דעם גבור, און אויך זייפן און באַשיטאָכצן אַזוינע אַרויסגעבן אויף די הענט גלאָט צו מאַכן, און אויף די לעפל-הענט צו אָפּטריקענען נאָכן גלאָט-ווערן; פלעגט מען זיי דאָס אַרויסטיילן און זיי גרייט מאַכן צום אַרויסטרעטן, — און דאַן, אין אַז דער גבור איז גרייט געוואָרן, און דעמאָלט, און אַז דער גבור האָט אַלץ שוין אָפּגעטאָן צום גרייט-זײַן, פלעגט מען אים צו דער צייט, דער באַשטימטער, אין הויף אַריין און צו אַן אָרט אַ באַשטימטס ברייינגען; איז דאָרט אַ צירק-בנין און אַ טעאַטער-געביי געשטאַנען — אַ קײַלאַכיגער און אַ האַלב-עפּל-פאָרעמדיגער, אין פון דריי זייטן אַ פאַרמאַכטער אין נאָר די פאָרטע זייט, די וואָס איז צום קיק-פּלאַץ געקערעוועט-געוועזן, איז אָפן געשטאַנען; זיינען פאַר דער אָפענער זייט שורות ביינק און ווײַס-געפאַרבטע געווען, און אַהין פלעגט זיך דער עולם, דער פון מלך-איינגעלאַדענער און תמיד אויף אַזוינע פאַלן און גערופענער פון מלך, זיך צונויפקלייבן; פלעגט מען דעם גבור אין בנין אַריין, אין אָפענעם און פאַרן עולם זיך שוין צונויפגעקליבענעם, ברײַנגען, פלעגט מען אים אַוועקשטעלן פאַרן עולם, פלעגט דער מענש, דער דערויף אויפגענומענער, דעם ג ב ו ר ס נאָמען און זיין ש ט אָ ט ס נאָמען אָנרופן, פלעגט דער עולם און שטיל באַטראַכטן דאַן דעם גבור, און מבינים האָבן זיינע איברים און גלידער באַטראַכט, און אַ מאָל און אויך אַנדערע, די שכנים זייערע אין די נאָהענט-נעבן-זיי-זיצנדיגע און אָנגעוויזן אויף זײַנע איברים; פלעגן זיי אים אַזוי באַטראַכטן זיצנדיג, און אַ מאָל און אויך פון די ערטער זיך אויפהויבן, אום זײַן ג אַ נ צ ן אויסזעהן, זיין גוף-געביי און זיין שטאַלט אין זיין שטאַט צו באַטראַכטן. פלעגט מען אויף אים אַזוי קוקן, און אויך דער גבור, אויפן עולם קוקנדיג, פלעגט זייער פאַרנעמקייט און זייער פיין-באַרוהטקייט זעהן, זייער אָנגעטאָן און דאָס האַלטן-זיך-זייערס, זייער יחוס הויפישן אין זייער היימישקייט און נאָהענט-זײַן צום מלך; פלעגט ער זיי באַטראַכטן, דער גבור, — און דאַן, און אַן ערשטער קלונג, — אין אַ טאָן און אין נישט קיין אַנגעזעהענער פאַרן עולם, — פלעגט וועגן מלכס אַרויסטרעטן און וועגן מלכס באַלד-אַרויסקומען קלינגען. אַ קלונג... אַ ווײַלע אין צוויי, און דער צווייטער קלונג... און דער גבור פלעגט זיך אויף אַלע זייטן אַרומדרייען, און דער גבור פלעגט זיך אויף אַרום-און-אַרום אַרומזעהן, — אין דאַן, און דער דריטער קלונג... און דער מלך פלעגט פון אַ זייט פון נישט קיין געריכטער און נישט פון פריהער פאָראויסגעזעהענער, אָנקומען, אָנקומען אין אויף יענעם אָרט, אַרויסקומען און אַנטקעגן גבור זיך אַרויסווײַזן...

און אַזוי פלעגט זיין: ווי נאָר דער גבור פלעגט דעם מלך אין זיין אָנגעטאָן אין אין זיין מלכותדיגן דערזעהן, אין זײַן שיינעם און מיט גאָלד-נעפּוצטן, אין זיין רייכן און מיט גאָלד-פליטערלאַך באַשײַנטן; אין ווי נאָר דער מלך פלעגט זיך פאַר אים מיט זיין הויך און

זיין שטאָלץ פאַרשטעלן, מיט זייַן קערפּער און זיין פעסטקייט קערפּערליכן, מיט זיין פאַראויס-טרעטנדיגן און מיט זייַן פאַרזיכערנקייט אויף געווינען, און ווי דער מלך פלעגט דאַן אַזוי מיט זיין טריט דעם דרייכטן צום גבור זיך דערנעהענטערן און מיט זיין בטיחות און אויפגעהאַלטנ-קייט אַנטקעגן און פאַר זייַן פנים קומען, — אַזוי פלעגט דער גבור באַלד זיין מוט און זיין גבורדיגקייט פאַרלירן, אַזוי פלעגט ער זיך באַלד פאַר איינעם פון פאָלק, פאַרן מלכס אַן אינטערטעניגן און צו איהם אַ געהאָרכזאַמען זיך דערשייַן, און דאַן, און אַז דער מלך פלעגט צו אים זיין האַנט און אויך אָנהויבן, אויף מיט אים זיך אָננעמען און אויף זיך ראַנגלען אויסשטרעקן, אַזוי פלעגט דער גבור אים שוין נישט קיין הענט און נישט קיין גבורדיגע, נישט קיין פאַרזיכערטע און נישט קיין באַגלייבטע אין-זיך דעם מלך צוריק דער אַנגעגן, נאָר ווי אַ פּאָר קנעכט און א פּאָר פרויכע און מיט נאָכגעגעבנקייט און מיט אָפּגעלאָזנקייט מיט גרויסן, אין מיט אַ פנים און זיט מלך א קוקווייגן, און מיט אויגן מיט אָהנמוטיגע און שוין אָהן דרייסטקייט פאַרן מלך; פלעגט איבן דאַן אַ נעם טון דער מלך, פלעגט ער אים — איינס און צוויי — און ווי ער האָט געוואָלט, און ווי פאַר אים איז בעסער גע-ווען אים אָננעמען, האָט ער אים אַזוי געהאַלטן און געקוקט אויף אים אַ ווייַלע, האָט ער אים נאָך גרויסמוטיג און ווי נאָך צייט געגעבן, אויף זיך צו באַדיינקען און ווי אויף צו זיך קומען, פלעגט זיך דער גבור באַלד באַדיינקען און אין זיין לאַגע און זיין באַ-רוף זיך דערמאָנען, איז שוין אָבער דערפאַלט שפּעט געווען: דער מלך האָט דעם ערשטן טריט שוין צו זיין גונסטן געמאַכט, דער מלך האָט די פאַרלוירנקייט פון גבור, פון פרי-הערדיגן אין פון די ערשטע מינוטן שוין אויסגענוצט; איז דער מלך אַצינד שוין דער אָנ-הויבער און דער מאַכט-האָבער, דער אָנטרעטער און דער פון דער בעסערער לאַגע געווען, האָט ער אים אַ נעם געטאָן און ארומגענומען, דעם גבור, און אַ ווייַלע אין צוויי און פאַרן עולם אים געהאַלטן, פאַרן עולם, וואָס האָט מיט גרויס אינטערעס שוין געקוקט און אַלע באַוועגונגען און אַלע לאַגעס פון די זיך-ראַנגלענדיגע נאָכגעקוקט, — און באַלד און נאָכן ארומגענומען-ווערן פון גבור, פון מלכס קלעם און פון מלכס צאַמען אים אין קרעפ-טיגקייט, האָט שוין דער עולם אויך זיין רוקן-ביין זיך ביגן און אין אַלע זייטן זיך דרייען געזעהן, ווי דער מלך האָט אים אין איין זייט געדרייט, און ווי ער האָט אים אין דער צווייטער זייַט געבויגן, און דער גבור האָט זיך געלאָזט, און דער גבור האָט זיך געמוזט לאָזן, — און דאַן, און נאָך איינינגע מינוטן אַזוינע, און דערמאָלט, און נאָכן געניטקייט און אָהנמעכטיגקייט פון גבור, און דער גבור האָט שוין שוואַך און ווי אונטערגעבראָכן אויף צוריק און אויף דער פּלייצע ווינער זיך איבערגעבויגן, און דער מלך דאַן איבער אים, און דער מלך האָט שוין אויף זיין מאַכטלאָזיגקייט געשמייכלט...

און דער מלך האָט איינגענומען, און דער עולם האָט געפּליעסקעט דעם מלך, און דער גבור איז פאַרשעמט געווען, און דער גבור האָט זיך אויפשטיין געשעמט, און דער עולם האָט זיך אָפּגעקערגעוועט פון גבור, אים אים און בושה נישט צו זעהן און אום אים אַליין אויף אויפהויבן זיך צו לאָזן, — און אַזוי תמיד, און אַזוי אַלע מאָל, און אַזוי פון צייט צו צייט און אַלע מאָל מיט אַן אַנדער גבור, און דער מלך האָט איינגענומען אַלע, און דער מלך איז פון אַלע ראַנגלערייען אין מיט נצחון אַרויס, און די גבורים מיט בושה גרויסער, און די גבורים האָבן זיך איינס פאַרן אַנדערן געשעמט, ביז איין מאָל...

און געווען איז דאָס שוין ביים לעצטן מאָל, און אַלע גבורים זייַנען אין הויפּט-שטאָט נאָך געווען, ווייל קיינער פון זיי האָט נאָך קיין ערלויבעניש, אים די הויפּט-שטאָט צו פאַרלאָזן, נישט באַקומען, איז פון זיי נאָך נישט אָפּגעפאָרן קיינער, און דער מלך האָט זיי געלאָזט אימיסטנע, אום פאַר זיי אין פאַר אַלעמען און מיטן לעצטן נצחון זיך צו באַ-

רימען, האָט ער זיי אַלע זיין גרייס און גבורה וויזן געוואָלט, האָט דער מלך אַ באַפֿויל געגעבן, האָט דער מלך איבער דער גאַנצער שטאָט און אויסרופן געלאָזט: דער מלך וויל זיך צום לעצטן מאָל ראַנגלען, אָבער איצטיגס מאָל נישט נאָר פֿאַר די הויף-לייט זיינע, נאָר אויך פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק; און זאָלן קימען, ווער סע וויל, און זאָלן יונג און אַלט קימען, און אַלע דאַרפֿן צום ראַנגל-אָרט צוגעלאָזט ווערן, און אויך די גבורים אַלע, די עולין איינגענימענע אין נאָך נישט אָפּגעפּאָרענע, זאָלן זיין.

איז אַזוי געוועזן: אין דער טאָג איז באַשטימט געוואָרן, און די צייט פֿון לעצטן גבור-ראַנגל איז געקימען, און דאָס פֿאָלק האָט זיך צונויפֿגעקליבן צום ראַנגל-אָרט, אין אויך די הויף-לייט און אַלע נאָהענטע פֿון מלך, און אויך די גבורים, אין פֿאַרן אָפּפֿאָרן פֿאַר זייערן, האָבן אין דער גאַנצער צאָל און מיטן גאַנצן בינטל זייערן זיך צונויפֿגעזאַמלט.

און ס'איז געוועזן, און אויך דעם לעצטן גבֿיר האָט מען זייפֿן אין באַשיטאַכצן געגעבן, אום די הענט גלאַט צו מאַכן און אים דערנאָך זיי אָפּצוטריקענען נאָכן גלאַט-ווערן, האָט מען אויך אים אין ווי אַלע פֿריהערדיגע אין אַנטון אָנגעטאָן, איז גרינגען און אין לייכטן, אין לייב-קאָלירענעם און וואָס מ'טראָגט בשעת ראַנגלען, האָט מען אויך אים נאָכן אָנטון און נאָכן גרייט-מאַכן אויף דעם ראַנגל-אָרט, און וואו דער מלך דאַרף זיך ווייזן, אַרויסגעפֿירט; איז ער אַרויסגעגאַן, דער גבֿיר, האָט דער עולם אים באַטראַכט און באַוואונדערט אין זיין גבורה, ווייל — נישט-געוויינליך שטאַרק און פֿעסט-געבויט איז ער געוועזן און אַ קערפּער און אַ זעלטענעם האָט געהאַט, אין הייך און ווי אַ שטאַם פֿון בוים איז געשטאַנען, אַ גלייכער און אַ שטאָלבער, מיט אַ נישט-געריירטקייט און מיט אַ האַלטן זיך פֿון אַ שטאַב; האָט ער זיך אַרום זיין אָרט, אַרום וועלכן מ'האָט אים אַרויסגעפֿירט, אַרומגעקוקט, און אויך אויפֿן עולם אויפֿן גרויסן, וואָס האָט זיך פֿאַר זיינע אויגן צונויפֿגעזאַמלט און אים באַטראַכט און אויף אים געקוקט מיט פֿאַרוואונדערונג; האָט ער זיך אַרומגעקוקט, האָט ער געשמייכלט און שמאָלץ געוועזן און פּאַמעלאַך די הענט געריבן אַז, אויף דער מינוט און פֿון מלכס אַרויסקומען און אויף זיין באַלדיגן באַווייזן זיך געוואַרט און גבֿירים האָבן צו אים פֿון זייערע ערטער געוואונקען און אים געלערנט און אים עצות געגעבן מיט זייערע אויגן בליקן; האָט ער זיי געפֿאָלגט און געטאָן, ווי זיי האָבן אים געעצה'ט. האָט זיך דאַן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווי אַלע מאָל, אויך דעמאָלט, דער קלונג אין דער טאַץ דער געוויסער דערהערט, און נאָך דער ערשטער מינוט — דער צווייטער, און נאָך דעם צווייטן איז אויך דער דריטער געקומען, — און דאַן, און אַז דער דריטער קלונג האָט געקלונגען, האָט זיך דער מלך און אויך דעמאָלט פֿון אַן אָרט, און פֿון פֿריהער נישט קיין געריכטן, זיך אַרויסגעוויזן, און נאָך שענער און נאָך שטאָלטנער, און נאָך רייכער און נאָך אויסגעפּוצטער ווי אַלע מאָל, — און דער מלך האָט זיך אַנטקעגן גבור אַוועקגעשטעלט, אין דער מלך איז אַנטקעגן זיין געגנער שטיין געבליבן.

און דערוועהן האָט דער מלך דאָס מאָל, פּנים אל פּנים מיטן גבֿיר זיך באַגעגנענדיג, ווי נישט ווי אַלע און ווי נישט די פֿריהערדיגע גבֿירים זעהט איצט דער גבור אויס; עפּעס רוהיגער און געזיכערטער, געלאַסענער און אויפֿגעצהאַלטענער האָט דער גבור איצט דעם מלכס זיך-אַרויסווייזן און אָנקומען באַגעגנט, און כאָטש פֿאָלקיש-אונטערטעניג, און כאָטש כבוד-מלכות אים אָפּגעבנדיג, אָבער דאָך זיין חיוב און זיין זאַך געדיינקענדיג: וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און אַז דערהיף איז דאָך געגאַנגען, און אַז דער מלך האָט דאָך אים אַרויסגערופֿן, און דער מלך אַליין האָט אים אויף ראַנגלען זיך מיט אים און ווי מיט זיין גלייכן רשות געגעבן — דאַרף ער עס דערום געדיינקען, דער

גבור, דאַרף ער דאָס טאַקע פאַר דעם מלך באַווייַזן, ווי אַזוי זייַנע אונטערטאַנען פאָלגן און טוען זייַנע באַפוילן, און אויך אַליין קעגן מלך אַפילו, אויב דער מלך האָט נאָר באַפוילן און געהייסן דאָס צו טון. האָט ער זיך אַזוי געטראַכט, און דער מלך האָט דאָס אויף זייַן גבורס פנים געזעהן, און דער מלך האָט דאָס אין זיינע אויגן איבערגעלייענט, איז ער דערמיט צופרידן געווען, דער מלך, איז אים אויף זייַן פנים אַ שמייכל, אַ קיניגליכער און אַן אַלץ-פאַרגעבנדיגער, איבערגעגאַן; האָט ער זיך צעשמייכלט מיט פאַרגעניגן, און דאָך, און באַלד אָן זיין ראָלע און אָן זייַן אָרט זיך דערמאָנענדיג, האָט באַלד דעם שמייכל און פון זייַן פנים אָפּגעטאָן, האָט באַלד מיט שטרייינגקייט און מיט ערנסטקייט מיט גרויסן צום גביר זיך געווענדט און אַזוי, און זיך צו אים ווענדנדיג, האָט באַלד זייַנע אויגן די שטריינג-באַפוילנדיגע, און זיינע בליקן, זייַנע ווייטער-איב-זיך-פאָלגן-הייסנדיגע אויף אים אָנגעשטעלט...

האָט שוין אָבער דער גבור דעם מלכס שמייכל און דעם פריהערדיגן באַמערקט, האָט ער אים פאַרשטאַנען און אים אייסגעטייַמעט צו זייַן גונסטן, האָט ער זיך דאַן ווי דאָס וואָרט געגעבן: און אַז זייַן שליחות זאָל בשלימות טון, און זאָל זיין, וואָס סע וויל זיך. און דאַן, און אַז דער שמייכל האָט זיך אָפּגעטאָן פון מלכ'ס פנים, און צו זייַנע אויגן און צו זיין באַנעם דעם גאַנצן האָט זיך דער מלך-ערנסט און דאָס קיניג-שטריינגקייט אומגע-קערט, האָט עס שוין דעם גבור נישט געאַרט, האָט אים שוין נישט אייסגעמאַכט דער מלך, האָט ער זיך שוין אויך אַליין צעשמייכלט, און דערנאָך, און אַז דער מלך איז צו אים צוגעטרעטן, די הענט אויסגעשטרעקט, מיט אים זיך אָנצונעמען זיי דערלאַנגט, האָט איב דאַן דער גבור אויך זייַנע הענט אויסגעשטרעקט, און פעסטע און באַגליבטע, און פאַרוי-כערטע און נאָר דעם גבור אַליין געהאָרכזאַמע, האָט ער זיי אויסגעשטרעקט צו דעם מלכס אָנגענומען, און דער מלך האָט אָנגעהויבן, און דער גבור איז נישט אָפּגעשטאַנען, און דער מלך האָט גוט דעם גבירס הענט פאַרכאַפּט, און דער גביר דעם מלכס — נישט ערגער אין נישט ווייניגער פעסט; האָט דער מלך אויפן גביר דעם ערשטן אנטריט געמאַכט און דער גבור האָט זיך נישט געלאָזט און דעם מלך פון דער ווייַטנס געהאַלטן; האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און באַטראַכט אַ ווייַלע, איז דער מלך דאַן ערנסטער געוואָרן, און דער גבור האָט אַ שמייכלענדיגער אויסגעזעהן, האָט דער מלך דאַן און אַ צווייטן מאָל זיך גע-פרובט, און דער גביר איז אויך דאָס צווייטע מאָל בייַגעשטאַנען, האָט אויך נאָכן צווייטן מאָל דער מלך אויפן גבור אַ קוק געטאָן און אים באַטראַכט אין שטריינגקייט: ווי דער גביר רוהיג און זיכער האַלט זיך, געהיט און פאָרזיכטיג און אַלץ פון ווייַטנס און מיט אַן אָפּשייַ אַ זיכערן, און נישט אָנצוטרעטן אויפן מלך און גאָר נישט פאַרצונעמען פון זייַן זייַט, און נאָר געפּאָרזיכטיגט און נאָר ווי אויף דער וואַך זייַענדיג און סכנה-אייסמייַדנדיג. האָט אויך דער עולם פון די ערטער זיך אויפגעשטעלט און באַטראַכט דעם גבור, און אַלעמען איז ער נאָהענט געוואָרן, און אַלע האָבן זיך ווי איף זיין זייַט און ווי אויף גליק זיך געשטעלט, און דער עולם האָט זיך נאָך מייַר פאַראינטערעסירט און געקוקט און נישט אייפגעהערט צו קוקן אויפן גביר, אויף זייַן לאַגע און אויף זיין האַלטן-זיך קעגן מלך, און אַלע האָבן אים ווי באַגריסט און אַלע האָבן אים ווי מוט אונטערגעגעבן באַ-גריסנדיג; האָט דאָס דער מלך דערפילט פון איבן, האָט ער אויף איין רגע נאָר די אויגן פון זייַן געגנער צוגענומען און אויפן עולם, אויפן פול-געפּאַקטן און איינג-צונויפגעדריקטן און אייפן מיט-גרויס-אינטערעס-קוקנדיגן, זיי געווענדט, האָט ער באַמערקט: ווי אַלע אויגן זיינען פון אים אָפּגעקערעוועט, און אַלע בליקן זיינען צו דעם, וואָס אַנטקעגן אים געווענדט, האָט עס אים פאַרדראָסן זעהר, האָט עס דעם מלך פאַרן האַרצן אָנגענומען, האָט

ער באַלד ווידער די בליקן און אַנטקעגן זיין געגנער אָנגעשטעלט און אויף אים אַ בייזן בליק געוואָרפן, ווי אויף אַ קנעכט אויף זיינעם, און וואָס מוז זיינע געפעליגקייטן טון, און ווי שוין נישט אויף קיין געהערכזאמען און ווי אויף אַ ווידערשפעניגן אַנטקעגן. האָט ער אויף אים אַזוי אַ קוק געטאָן, צוריק דער גבור און אַנטקעגן מלך שטייענדיג, האָט דעם בליק דעם מלכ׳ס און נישט באַמערקט דאָן אפילו, ווייל נאָר מיט זיך און מיט זיין זאַך איז פאַרנומען געווען, אום נישט צו פאַרזעהן און אום נישט צו פאַרשפילן קיין רגע, האָט ער טאַקע נישט פארזעהן און נישט פאַרשפילט גאָר נישט, איז ער טאַקע זיכער געווען און אין דער לאַגע זיינער, — און דאַן, און צום דריטן מאָל, און... אַז דער מלך האָט זיך צום גבור מיט אימפעט און מיט אומגעריכטקייט אַ לאָז געטאָן, אים צו איבער׳רעשן און אים פון זיין רוהיגקייט אַרויספירן ווענלדיג; און אַז דער מלך האָט דעם גבור אַרום זיין רוקן אַרומגעכאַפט, אום אים אין דער קלעם צונעמען און מיט אים און, ווי ער איז געוויינט געווען צו טון, זיך באַגיין, האָט דער גבור דאָס אָבער פאָראויסגעזעהן, האָט ער זיך אָבער געריכט אויפן אומגעריכטן: האָט ער, בשעת דער מלך האָט אים אַרומגעכאַפט, דעם מלך און נאָך בעסער באַצוזאונגען, און מיט אַן אונטערנעם פון קערפער, און מיט אַן-אויף-דער-ערד-זיך-פעסט-אָנשפאַרן, און מיט אַן עטוואָס-אַ-הויב-טון דעם מלך און פון זיין אָרט און פון זיין באַשטאַנד אים רירן, — האָט ער דעם מלך פין אָרט גערירט אין מיט זיין גבור-קרעפטיגקייט אים אָנגענומען, און — איידער דער מלך האָט זיך ווערן און עט-וואָס גלייך-געוויכט צו באַקומען גערירט, און — איידער דער עולם האָט פון די ערטער און פון דעם צוזיפגעדריקנקייט פין גרויסן, וואָס פאַר אים קומט פאָר, און וואָס דאָ וועט באַלד געשעהן צו באַטראַכטן, געקאָנט, אַזוי איז שוין דער מלך און די הענט פון גבור אַן איינגענומענער און אַ שוואַך-מעכטיגער, ווי אין זיין רשות איבערגעגעבענטפערט און אַלץ וואָס ער וויל מיט אים טון קאָנענדיג, געווען; האָט אים דער גבור — איינס און צוויי, און אַ נעם און אַ דריי... און אין דער זייט און אין אַ צווייטער אַ בויג געטאָן, און נאָכן בויג און נאָכן ערשטן פון מלך, איז שוין אויף זיין רוקן און אַנטקעגן גבור, לאָזנדיג און עטוואָס איבערגעבויגן געוואָרן, איבערגעבייגן און אויף אַראָפגעלאָזט און אייף-דער-ערד-אויסגעצויגן-ווערן אַ גרייטער — אַ גרייטער, אָבער דאָך נישט אַראָפגעלאָזט, אַ גרייטער — און דאָך נישט אַנידערגעלייגט געוואָרן פון גביר.

— האַ... וואָס איז!?—האָט זיך ביים גאַנצן עולם אַ זיפץ און אַ פאַרוואונדערונג, אַ נישט-דערשטיין-שרעק און אַ מורא אַ גרויסע זיך אַרויסגעריסן.

און דער גבור האָט דערוויל דעם מלך אויסגעגלייכט, און דער גבור האָט דעם מלך אויף זיין אָרט אַוועקגעשטעלט, און דער עולם האָט זיך געאיילט צו צעגיין, זיך געאיילט, און אום נישט צו בלייבן דאָרט, וואָס גיכער. האָט מען דעם הויף פאַרלאָזט און דאָס אָרט, וואו דער מלך-און-גבור-געראַנגל איז פאָרגעקומען, איז דאָס אָרט דאַן ליידיג און פוסט אויפגעראַמט און נישט פאַרנומען געבליבן, אַליין נאָר דער מלך איז אויפן אָרט אויף יענעם און אין זיין אַליין-פאַרבליבנקייט געשטאַנען, אַליין און פאַרלאָזט און אַליין און איבער-געלאָזט, אַזוי פון עולם פון גאַנצן, און אַזוי אויך פון גבור דעם-אים-איינגעמענדיגן.

און דער מלך איז דאַן אין פּאַלאַץ אַריין, און דער מלך האָט זיך אין זיין באַוונ-דער-צימער אָפּגעשלאָסן, און נישט צוגעלאָזט צו זיך קיינעם, און נישט הערן געוואָלט פון גאָר נישט, און קיין האַר און נישט אויפנעמען, און קיין באַדינער נישט געעפנט; האָט ער זיך אַזוי פאַרמאַכט און אָפּגעשלאָסן, האָט ער אַזוי אַ טאָג און צוויי, און מיט קיינעם זיך נישט זעהענדיג און קיינעם און נישט-אויפנעמענדיג פאַרבראַכט; האָט ער די טעג און קיין עסן נישט צוגענומען און די נעכט און נישט שלאָפן געקאָנט, און די גאַנצע צייט און

אין איין פאָרשטעלן זיך נאָר געהאַלטן—דאָס בילד: און ווי ער איז אין די הענט געווען ביים גבור, און ווי אַזוי ער האָט זיך ווי אַ שוואַכלינג און אַן איינגעבראָכענער אין זיין מעכטיגקייט און אין זיין קרעפטיגקייט געטראָפן, און ווי ער האָט מיט אים, וואָס געוואָלט, געטאָן, און ווי ער האָט אים אַן איבערגעבייגענעם צו דער ערד צוגעבייגן, און ווי ער האָט אים געקאָנט אַראָפּלאָזן, אין נאָר איבער מלך-כבוד אים נישט אַראָפּגעלאָזט. איז דער מלך ביי זיך זעהר אַראָפּגעפאַלן, האָט ער די גאַנצע צייט פון דער זאַך אין צו קלערן נישט אויפגעהערט, און די גאַנצע צייט און אין איין טראַכטן געהאַלטן, ווי אַזוי ס'האָט ביים פאָלק אויסגעזעהן, און ווי אַזוי כ'האָט די זאַך אין זיינע אויגן אויסגענומען; האָט ער דערפון גרויס צער געהאַט און אין אַ גרויסער מרה-שחורה און אין אַראָפּגעפאַלנקייט ביי זיך אַריינגעפאַלן, און נישט זעהן געוואָלט קיינעם, און נישט הערן באַגאַרט צו זיין טרייסטן, און נישט די רייד פון פריינד און נישט דאָס איבערעדן פון די מקורבים; האָט ער קיינעם אין נישט צוגעלאָזט פון זיי אויף רעדן, און קיינע בקשות און קיינע געבעטן האָבן נישט געהאָלפן, האָבן זיי זיך לסוף אָפּגעזאָגט פון אים, די מקורבים, האָבן זיי געזעהן, אַז זיי וועלן נישט פועלן גאָר נישט, האָבן זיי צו אים פריהער זיין הויף-דאָקטאָר אין זיין לייב-אייגענעם צוגעשיקט, אין דערנאָך אייך אַנדערע אין אייך נישט פון היך; האָט ער אָבער אויך זיין דאָקטאָר נישט געהערט, אין אויך די אַנדערע און אייך זייערע רייד נישט פאַרנומען, אין נישט די איינריידענישן זייערע און נישט די עצות זייערע בכבודיגע און אייך נישט די איינשמועסענישן און נישט די נאַרערייען פון די דאָקטוירים; האָט ער זיך נישט צוגעהערט צו דעם אַלעם אין פאַרביי איער נאָר דאָס דורכגעלאָזט, אין נאָר געלאָזט זיי, און זאָלן זיי אָפּרעדן, אין זאָלן זיי, וואָס זיי ווילן, אָפּזאָגן, אין זאָגן זיי זיך אוועקגיין וואָס גיכער, — אין דאַן, און אַז די דאָקטוירים פלעגן אים איבערלאָזן און פון זיין צימער אַרויסגיין, אַזוי פלעגט ער זיך צוריק אין אַליין מיט זיינע מחשבות און מיט זיינע ביז-אַהעריגע בלייבן, און פריי און באַפרייט פון אַלעמען, מיט זיין גאַנצער איבער-געגעבנקייט און מיט זיין גאַנצן אַריינגעלאָזטקייט אין זיי זיך איבערגעבן.

און דער מלך האָט ווי פון דער קרוין זיך אָפּגעזאָגט, און דער מלך האָט זיך ווי פון אַלעם קרוינישן אַרויסגענומען, און דער מלך האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט אויף קיין זאַך, און דער מלך האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט גאָרנישט, און נאָר אַזוי אין אין זיין איינזאַמקייט, און נאָר אַזוי און אין זיין צימער אַן אָפּגעשיידטער, האָט בייטאָג און ביינאַכט מיט זיין מחשבה און מיט זיין מרה-שחורה'דיקער פאַרבראַכט.

און פון דעם מלך האָט זיך דער שלאָף אָפּגעטאָן, און דער מלך האָט נישט רוהען געקאָנט, און אַז דער מלך פלעגט יאָ אַמאָל איינשלאָפן, פלעגן אים חלומות און פאָרשטע-לונגען, אויסוויזעניישן און שרעק דערשרעקן, און מרידות אין אויפשטאַנדן פלעגן זיך אים דאַכטן, און שווערדן און מערדער אונטערגעשיקטע פלעגן זיך אים אויסווייזן; פלעגט ער זיך פון זיי אויפכאַפן, דער מלך, פלעגט ער פון בעט אַראָפּשפּרינגען און איבערן צימער און אין ביינאַכט אַרומלויפן, און מיט אַ גן גרויסע, און מיט אַ הערץ-דערשרעק, און מיט אַ געדאַנק נאָך מער דערשראָקענעם, און מיט געדעכענישן און מיט דערמאָנונגען פון די אויסווייזענישן; פלעגט ער דערנאָך שוין נאָך מער מורא האָבן און אַ צייט און שוין נישט צו-שפאָרן זיך אויפן בעטל, און זיך נישט צולייגן אויף דעם, און פאַר דער קישן און פאַר איר אַנידערלייגן-זיך מורא האָבן, און אַזוי און אַרומלויפנדיג, און אַזוי און פאַר זיך אַליין און אַפילו פאַר אַנידערזעצן-זיך מורא האָבנדיג, פלעגט אַ מאָל אַ שעה און אַ מאָל צוויי, און אַ מאָל אויך די גאַנצע נאַכט, און ביז דער טאָג, און ביז דאָס בלאַסקייט פון טאָג פלעגט צו אים אַריינקוקן.

אַזוי אַ צײַט און אַזוי אַ לאַנגע, און דעם מלכּס אייגענע זײַנען אומרוהיג געווען, און דאָס גאַנצע הויז פון מלך האָבן זיך זײַן צער צום הארצן גענומען, האָבן זיי זיך אַלץ און אײַנאיינעם צונויפגענומען, און זיך געעצה'ט און זיך געראָטן און וועגן מלך און וועגן זײַן לאַגע אים פאַרגרינגערן געקלערט, און איינער האָט דעם אַנדערנס רייד און איינער האָט דעם אַנדערנס עצה אויסגעהערט; האָבן זיי פריהער געפּרובט, און וואָס איינער דאָס געהייסן, און דערנאָך, און אַז ס'וועט נישט ווירקן, זאָל מען, וואָס דער צווייטער האָט געעצה'ט, טאָן; זײַנען דערמיט אַ סך ראָטן און פאַרשיידענע מיטלען פאַרגעלייגט געוואָרן, און צווישן זיי — אויך טאָטערס און שפּרעכערס אײַנצולאָדן, אויף צו שפּרעכן און אויף אויסצוקײַקלען דעם מלך; האָט מען דאָס געטאָן און זיי אײַנגעלאָדן, די שפּרעכערס, האָבן זיי געשפּראָכן און אויסגעקײַקלט דעם מלך, און דאָס שפּרעכן זייערס האָט נישט פאַרגרינגערט און דאָס אויסקײַקלען — און נישט געהאָלפן אויף גאָרנישט; האָט אַ צווייטער און צו הייליגע זיך וועגן פאַרגעלייגט, האָט מען אויך זײַן עצה געפאָלגט: האָט מען אייל און בוימל אין די געבעט-הײַזער געשיקט, און געלט אויף נדבות — אויף די בית-עלמינס פון דער הויפּטשטאָט, האָבן פאַרשיידענע הייליגע דעם מלך פאַרשיידענע קמיעות און סגולות געשיקט, און גראָזן אַזוינע און אַלערליי „שמירות" פאַרגעלייגט; דאָס מען יעדערן פון זיי און געפאָלגט, די הייליגע: און דעם מלכּס האַלז איז באַהאַנגען געווען פון „שמירות" און דעם מלכּס בעט און פון קמיעות פיל אַרומגעלייגט געוואָרן; האָבן אָבער אויך די הייליגע מיט זייערע קמיעות און סגולות ניט געהאָלפן, און דער מלך איז בײַ זײַן פריהערדיגן און בײַ זײַנע פּחדים געבליבן, בײַ זײַנע פאַרשוועורונג-פאַרשטעלונגען און בײַ די שרעקונגען די גרויסע, בײַ זײַנע נעמט די שלאָפלאָזע און בײַ זײַן הלומות-פאַרכט בײַנאַכטן. האָט דעמאָלט און אַ ל ע צ ט ע ר פאַרגעלייגט, האָט דעמאָלט אַ לעצטער און אָ ט וו אָ ס געעצה'ט: זאָל מען אין נאָמען אין מיטן באַפויל פון מלך אויף אַלע גרעניצן פון דער מדינה, אויף אַלע זײַטן און אויף אַלע עקן רײַטערס און דינערס אַרויסשיקן; און זאָל מען זיי בײַ די גרעניצן אַוועקשטעלן, און זאָלן זיי שטיין, און זאָלן זיי טאָג און נאַכט דאָרט די בעטלערס און די דורכוואַנדערנדיגע וואַרטן; און זאָל יעדערער, און ווען ער וועט דורכגיין דערזעהן, די מעשה און מיט אונזער מלך דערציילן, און אויך בעטן און אויך פאָרלייגן, און אפשר ווייסן זיי און אפשר האָבן זיי אַ תרופה פאַר אונזער מלך. ווײַל, — האָט צוגעגעבן דער עצה-געבער, דער לעצטער, — די וואַנדערער אויף אַלערליי וועגן גייען, די בעטלער פון אַלערליי לענדער קומען, און בעטלערס מיט פאַרשיידענע מענשן באַגעגענען זיך, און בעטלערס זײַנען פאַרשיידענע פאַלן און צופאַלן בײַגעווען, און בעטלערס נאָר ווייסן, און בעטלערס נאָר קענען וויסן...

און דאָ האָט דער רײַטער זײַן מעשה געענדיגט, און בבאָ'ן, וואָס איז פאַר אים און פאַר זײַן פערד געשטאַנען, די פראַגע, און וואָס מ'האָט אים געהייסן פון מלך, די פראַגע, צוליב וועלכער ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, געפרעגט:

— אפשר ווייסט ער, און אפשר האָט ער געהערט אַזאַ פאַל, און אפשר האָט ער אַ תרופה פאַרן מלך?...

— . . — . . — . . — . . — . . — . . — . . —

— „פאַרן מלך?" — האָט דעמאָלט דער מלך, דער, פאַר וועמען דער בעטלער האָט די גאַנצע לאַנגע און ביז אַהעריגע מעשה דערציילט, אויסגעשריגן: — פאַרן מלך, זאָגסט דו? דאָס בין א י ך דאָך מלער דאָס בין איך דאָך דער, מיט וועמען די גאַנצע מעשה האָט זיך געטראָפן, בײַ וועמען דער שלאָף איז צוגענומען געוואָרן, און וועמען די שרעקן און פּחדים זײַנען באַפאַלן, און מײַנע פרײַנט האָבן פאַר מיר עצות געזוכט, און איך האָב

געטאָן אַלץ, און ס'האָט נישט געהאָלפן גאָרנישט, און דאָס לעצטע האָב די רייטער צעשיקט און אויף די גרענעצן פון מיין מדינה זיי אַוועקגעשטעלט.—דאָס בין דאָך א י ך! — האָט דער מלך דאַן ווייטער און צום סוף אויסגעשריגן.

— און דאָס בין א י ך!—האָט אים דאַן דער בעטלער געענטפערט,—דאָס בין איך, וועמענס נאָמען ס'איז בבאָ, דאָס בין איך, וואס בין איין פאַרשיידענע מדינות אויסגעווען און וואָס בין פאַר פאַרשיידענע מלכים געשטאַנען, און דאָס בין איך, וואָס האָב צוויי מלכים-הערצער שוין דערפרייט, און איצט בין צו דיר, אום אויך ד י ך און אום ד יי ן האַרץ צו דערפרייען געקומען. און ווייס, מלך: און איך האָב אַ תרופה פאַר דיר, און איך האָב אַ היילונג פאַר דיין פחד, און מיין מיטל איז דיר ב אַ וו א ו ס ט, און מיין היילונג ווייסט דו פון מיין מעשה שוין.

און דאָ האָט בבאָ זיין טאָרבע און זיין פאַרשנירעוועטע איפגעשנירעוועט און פון דאָרט דאָס וואָלך-ציינדל אַרויסגענומען, האָט דאָס אויף אַ שנירעלע און אויף דעם האַלז דאָס אויפצוהיינגען געהאַנגען, האָט ער דאָס דעם מלך און אין זיין האַנט אים אויסגעשטרעקט, האָט ער זיך מיט דעם צו אים געקערעוועט און אים אַזוי געזאָגט, דאָס אים אויסשטרעקנדיג:

— טו עס אָן, מלך, און זאָל עס איף דיר און אויף דיין האַלז דיר הייגנען, און איך בין זיכער, און איך בין בטוח, און אַז דאָס איז דיין היילונג טאַקע, און אַז דאָס איז דיין ג ע וו י ס ע רפואָה. און הייס, מלך, און מיר אָן אָרט און אין איינעם פון דיינע צימערן אָנווייזן, אויף איבערנעכטיגן און אויף אַ שטיקל צייט און איף אָפזיין מיט דיר, ווייל אַ שטיקל צייט וועל דאָ פאַרברייגען דאַרפן, און ביז דו וועסט געזונט ווערן, און ביז דו וועסט געגעזן ווערן פון מיין היילונג. און היינט, און ביי דער נאַכט נאָך היינטיגער, און דער שלאָף דיינער וועט זיך צו דיר אומקערן, און די מורא'ס און די שרעקענישן וועלן זיך אָפטון פון דיין שלאָף. טו עס אָן...

האָט דער מלך דאַן בבאָ'ן און זיינע ווערטער געפאָלגט, האָט ער ביי אים דאָס וואָלך-צייזדל און פון זיין האַנט צוגענומען און באַלד עט איפן שנירעלע און באַלד און דאָס אָנגע-טאָן אויפן האַלז, האָט ער דאַן אַ שמייכל געטאָן: אַ גלויבנדיגן און אַ באַגלויבטן, אַ גוטן און אַ פאַרזיכערונגס-פולן: און זאָל ער נאָר געזונט ווערן, און בבאָ וועט זיין גוטס און באַלוינונג זעהן, און דערווייל, און ער דאַנקט אים זעהר, און דערווייל, און ער גלויבט אין זיין רפואָה. און דער מלך האָט באַלד אָנגעקלאַפט און צו זיך אַ דינער קומען גערופן, האָט זיך צו אים אין צימער און באַלד באַווייזן אַ דינער, האָט אים דער מלך פאַר בבאָ'ן און איף נאַכטלעגער און אַן אָרט אים אָפגירן געהייסן, און צוגרייכן דאָרט אַלץ און פאַרזאָרגן דאָרט אַלץ, און אַלץ וואָס ס'באַדאַרף דאָרט זיין און אַלע באַקוועמליכקייטן אים שאַפן, און אין דער פריד, און זאָל ער אויך אין דער פריה גרייט זיין, און אויך בבאָ'ן אויך אין דער פריה באַדינען.

און בבא איז אין אַ צימער אָפגעפירט געוואָרן, און בבא'ן איז דאָרט אָנגעוויזן געוואָרן אַלעס, זיין נאַכט-געלעגער און זיין בעט-געבעט, און פאַרזאָרגט מיט אַלעס, און אַלץ און ווי ביי אַ מלך פירט זיך, און דאַן, און נאָכן פאַרזאָרגן און נאָכן פאַרגרייטן אַלץ פאַר בבא'ן. האָט זיך דער דינער אַרויסגעשליכט פון צימער, האָט ער דאָרט בבא'ן און אַליין געלאָזט. האָט ער זיך דאַן אויסגעטאָן, בבא, האָט ער זיך פאַר אַ צייט און פאַר אַ לאַנגער זעהר אין אַ בעט און אַ ווייכן זיך געטראָפן, האָט ער זיך מיד און פון איסגעמאַטערטקייט לאַנגן און פאַרגעסן תיכף, האָט ער, זיך נישט אויסקערעוועגדיג און זיך נישט אויסדרייענ-דיג אפילו, ווי געלייגט זיך,—אַזוי געבליבן, און אזוי און באַלד זיך פאַרגעסנדיג, איז איף נאַכט און אין מידקייט איינגעשלאָפּ.

און צו מאָרגנס, און אַז בבא האָט די אויגן געעפנט, און אַז בבא האָט אין פענסטער שוין גרויסן טאָג דערזעהן, האָט ער נאָך אין אַלע איברים דאָס מידעניש און פון וואָגלען לאַנגען געפילט. האָט זיך אים נישט אויפשטיין געגלוסט, האָט ער זיך אָבער אָן אָרט, און וואו ער געפינט זיך, דערמאָנט, און זײַן מבטיח-זײַן דעם מלך און זײַן צוזאָגן אים דאָס זיכערע, און אַז ער וועט שוין אײַנשלאָפן אויף זיכער, און אַז פון דער נאַכט, פ׳ן דער פאָריגער, וועט זײַן באַרוהיגונג און זײַן היילונג שוין קומען. האָט ער זיך אָן דעם דערמאָנט, האָט ער זיך פון זײַן געלעגער אויפגעהויבן און פון בעט אַראָפּ און זיך אָנגעטאָן אין זײַן אָנטו׳, האָט ער דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן און אַ דינער צו זיך געפאָדערט. א׳ז פאַר אים דער דינער און געקומען תיכף, האָט ער אים אויף זײַנע פאַרלאַנגען און זײַנע וואונשן געפרעגט און באַלד געלאָפן און געטאָן זײַנע פאַרלאַנגען. האָט ער זיך געוואַשן און אַרומגערייניגט, בבא, און זיך צוגעגרייט, און טאָמער וועט אים דער מלך רופן, און אַז ער האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען דאָס אים-א׳יפגעגעבענע פון דינער, האָט ער טאַקע באַלד אַ באַפויל און דורך אַן אַנדער דינער באַקומען, און אַז פון מלך איז גערופן געוואָרן, און טאַקע באַלד און ער זאָל קומען פאַרן מלך.

און בבא האָט נישט געזאָמט, און בבא איז צום מלך אַרײַנגעקומען, און בבא איז א׳יף דער שוועל שטיין געבליבן, און בבא האָט שוין ווי נישט דערקאָנט דעם מלך, ווײַל א׳יסגערוהט און באַרוהט האָט שוין דעם פריהמאָרגן און נאָך דער נאַכט דער ערשטער דער מלך ויסגעזעהן, און שמייכלענדיג און אויפגעלייגט האָבן זײַנע אויגן און זיינע בליק-בליקן געקוקט, האָט ער זיך צופרידן און ווי פון הנאה-פול געפילט, און פון זײַן קערפּער און פון זײַן באַנעם דעם גאַנצן האָט אויפגעלייגטקייט און אויפגעלייגט -צופרידנקייט אַרויסגעקוקט. האָט ער זיך שמייכלענדיג געקערעוועט דאַן צו בבא׳ן, און אזוי און זיך צו אים קערעווענדיג, מיט גוט-מאָרגן און מיט ברכה אים געבענשט:

— גוט-מאָרגן, בבא-בעטלער!

— גוט-יאָר, ליבער מלך.

און דער מלך האָט בבא׳ן פון זײַן נאַכט און פון זײַן פאַרברייננגען די נאַכט דערציילט, ווי אזוי ער האָט אין איר גערוהט און ווי אזוי זי אָפּגעשלאָפן אין רוהיגקײַט, און ווי אזי׳ די גאַנצע נאַכט האָט זיך אים קיין איין חלום נישט געחלומט און קיין איין שלעכט-פאָרשנעלעניש האָט זיך אים ניט פאָרגעשטעלט; האָט ער אַזוי דערציילט און אויפגעלייגט געווען, דער מלך, האָט ער אויף בבא׳ן מיט ליבע און דאַנקבאַרקײַט געקוקט, און אַלע מאָל אים צו זיך מקרב געווען, און אַלע מאָל און מיט אים זיך נאָהענט און נעהענטער געפילט, און אזוי און אַ צײַט מיט א ם און אין יענעם פריהמאָרגן פאַרברייננענדיג, האָט אים דערנאָך און אויך אָפּגעלאָזט פון זײַן צימער: און זאָל ער גיין און וואָס ער וויל זיך טון, און זאָל ער פרײַ זײַן און, ווי ער וויל, פאַרברייננגען, און נאָר בײַטאָג, און נאָך צו מיטאָג, און זאָל ער זיך ווײַזן, און אומבאַדינגט צו מיטאָג.

און בבא האָט געזאָלגט, און בבא האָט זיך דאַן באַפרײַט פון מלך, און בבא האָט אין מלך-הויף אַרומשפּאַצירט, און בבא האָט דעם פּאַלאַץ און דעם מלכס אַרום-פּאַלאַץ באַטראַכט, אַזוי אַ שעה און אזוי צוויי, אזוי מערער און אזוי לייגער, און דאַן, און אַז די צײַט פון מיטאָג איז געקומען, האָט זיך בבא צוריק אין פּאַלאַץ און אין זײַן צימער אין פּאַלאַץ זיך אומגעקערט, און אויפן מלכס באַפויל און אויפן מלכס אים צום-טיש-רופן געוואַרט.

און דער מלך האָט געשיקט נאָך בבא׳ן, און דער מלך האָט אים דורך אַ באַדינער גערופן, און בבא איז אין עס-צימער געבראַכט געוואָרן, און בבא׳ן איז אויף אַ בכבודיג

אָרט אָנגעוויזן געוואָרן, אין דער עס-טיש איז שוין געגרייט געווען, און מיט אַלעם גוטן און מיט אַלעם רײַכסטן אויסגעשטעלט, און עסנס האָבן שוין געוואַרט אויף אײַנגעלאַדענע, און משקאות האָבן אין די פלעשער שוין געפינקלט; האָט ער זיך אָוועקגעזעצט, בבא, און נעבן אים אַרום אים זײַנען שוין היך-לײַט און מלך-פרײַנט געזעסן; האָבן זיי זיך מיט אים צערעדט—און איידער דער מלך וועט זיך אויף דער שוועל ווײַזן—און אויף בבא'ס לאַנד און אויף בבא'ס מדינה אים אויסגעפרעגט, און ווי ס'לעבט זיך דאָרט, און ווי ס'פירט זיך דאָרט, און וואָס פאַר אַ מנהגים, און וואָס פאַר אַ פירונגען זײַנען דאָרט אײַנגעפירט; האָט זיי בבא דערציילט פון זײַן מדינה, פון זײַנער און אויך פון אַנדערע, וואָס ער האָט געזעהן, און וואָס ער איז זיי דורכגעגאַנגען אין וועג—האָט ער בײַ זיי אויסגענומען, בבא, איז ער זיי זעהר געפעלן געוואָרן און חן און ליבשאַפט בײַ זיי געפונען, ובפרט, און אַז זיי האָבן וועגן זײַן זײַן-דאָ, און צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער, געהערט, און אַז ער האָט אַ תרופה געבראַכט פאַרן מלך, און אַז דער מלך האָט שוין אויסגעפרובט די תרופה, און פון דער נאַכט און פון דער ערשטער שוין, און דער מלך האָט זיך גוט און אויסגעלייגט דערפילט, און היינט, און פון זינט זײַן שלאָפקייט האָט זיך אים געמאַכט, האָט דאָס ערשטע מאָל צו זיך זײַנע פרײַנט אײַנגעלאַדן און מיט זיי בײַ אַ טיש און אין איינעם פאַרברענגען באַוויליגט,—האָבן זיי אים נאָך מער געליבט און מיט נאָך מער אָפּשײַ און מיט נאָך מער אויפמערקזאַמקייט אים אַרומגערינגלט, האָבן זיי אים וועגן אַלץ און וועגן זײַן גאַנץ לעבן אויסגעפרעגט, און בבא האָט זיי געענטפערט, און בבא האָט זיי באַפרידיגט זייערע פראַגעס. האָט זיך דערמאָלט אויף דער טיר, וואָס פון איינעם אַ צימער אין עס-צימער פירט, דער מלך און מיט זײַן געשטאַלט זיך באַוויזן, אַן אָפּגעזונדערטער און שוין-לאַנג-ניט-געזעהענער, אָבער שיין און מלכות'דיג, און ווידער און ווי ער פלעגט פאַר זײַן שלאָפקייט אויסזעהן, און אָפּגעפאַלן נאָר אַ ביסל און פאַרפרעמדט פאַרן עולם, אָבער צוריק און מיטן שטאַלט מיט זײַנעם, אָבער צוריק און ווי אויפן צום געזונט-ווערן זיך אומקערנדיג; האָט ער זיך באַוויזן, האָבן זיך די הערן און די פרײַנט פון מלך פון די ערטער און פון די בײַנקלאַך זייערע זיך אויפגעשטעלט און שטיין געבליבן, האָבן זיי אַזוי שטייענדיג און באַגעגנט דעם מלך, און אויך בבא, און אויך ער, האָט צווישן די זיך-אויפשטעלנדיגע און צווישן די הערן זיך געפונען. האָט דער מלך דעם גאַנצן עולם און די אַלע זיך-צונויפגעקליבענע דאָרט באַטראַכט, באַטראַכט און געזוכט צווישן עולם, און פריהער נאָר ווי איינעם און פריהער נאָר אַן אויסגענומענעם דאָרט דערזעהן געוואָלט, האָט ער אים דערזעהן—בבא'ן—איז ער פון דער שוועל אַראָפּגעגאַנגען און צו אים צוגעגאַנגען, צוגעגאַנגען און דאָס פנים צו אים דערלויכטן, האָט ער אים באַגריסט און צו אים געשמייכלט און אים פון זײַן אָרט אָפּגעפירט אין אַן אַנדערס, און נעבן זיך אים אָנגעוויזן,—און דאַן, און אים דאָס אָרט אָנווײַזנדיג, און דעמאָלט, און אויף יענעם אָרט אים זיך זעצן היסנדיג, האָט זיך ערשט אויך צו די הערן און צו די פרײַנט זײַנע געקערעוועט, און פריהער מיט אַלע אינאיינעם, און דערנאָך און מיט יעדערן באַזונדער זיך גריסנדיג, האָט ער זיך געגריסט מיט זיי און אַלעמען זײַן פרײַנט-פרײַנטשאַפט אַרויסגעוויזן:

— זײַט געגריסט, הערן,—האָט דער מלך דאַן געזאָגט,—זײַט געגריסט און פאַר אַזאַ צײַט אַ לאַנגער, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזעהן, און וואָס איך האָב זיך פאַר אײַער געזעלשאַפט נישט געוויזן, אָבער די סיבה איז דאָך אײַך באַוואוסט, און די שולד איז דאָך ניט דעם מלכ'ס. און זײַט וויסן, הערן, און אויך איצט און דער מלך וואָלט נישט געווען מיט אײַך, און אויך איצט און איך נישט אײַער פנים און איר נישט מײַנס וואָלט געזעהן, ווען ניט אָט דער מענש, ווען ניט אָט דער בעסטער פרײַנט פון מלך.

און דער מלך האָט די הערן דאָס, וואָס זיי האָבן שוין פון פריהער געוואוסט, דערציילט, דאָס, וואָס זיי זייַנען ביי די דינערס, בשעת זיי האָבן זיי צום מלך גערופן, געוואוירע געוואָרן, ווען די הערן האָבן זיי איף דער סיבה פון רופן געפרעגט, און יענע האָבן זיי דערציילט די סיבה; האָט זיי דער מלך דאָס נאָך אַ מאָל דערציילט, האָבן די הערן אין דאָס אויסגעהערט מיט כבוד, און צופרידן געווען און אויפגעלייגט זעהר, און אַלע מאָל אויף בבא'ן און אויפן גוטס-טוער פון מלך זייערע בליקן געווענדט; האָט זיי דער מלך דאָס אָפּדערציילט, און אויך ער האָט זיך צו בבא'ן געווענדט און איף זיין אָרט איף דעם זיב אָנגעוויזענעם אים געטראָפן, נעבן זיך און ביי זייַן רעכטער האַנט אין דער נאָהענט. האָט דער מלך דאַן אויך די הערן סימנים געגעבן, און איך יענע האָבן זיך אייסגעזעצט, אין יעדערער, וואו זיין אָרט און איז נאָך זייַן ראַנג אָנגעצייכנט געווען, און יעדערער, ווי תמיד און וואו ער זיצט בשעת סעודה; האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט, און שטיל, און ווי אַלע תמיד, און בכבודיג, אָבער פרייליכער, ווי תמיד, האָט זיך איצט די סעודה — די שייַן-געגרייַטע און די שטיל-אָנגעריכטע—אָנגעהויבן.

און דער עולם האָט געגעסן, און דער עולם האָט געשמועסט בשעת סעודה, און דער עולם האָט געטרונקען און געטיילט זיך בשעת טרינקען—מיט אַלע נייַס, וואָס האָבן זיך אין הויפּט-שטאָט געטראָפן, און מיט אַלע פּאָרקומעגישן, וואָס זייַנען אין דער גאַנצער מדינה פאָרגעקומען, און נישט נאָר פון זייער מדינה, נאָר אויך פון אַנדערע, פון די נאָהענטע און פון די ווייטע, און—וואָס מענשן, און וואָס דורכרייזנדיגע, האָבן דערציילט; האָט מען זיך אַזוי דערציילט, און דער מלך האָט זיך אייַנגעהערט צום דערציילן און דער מלך האָט זיך מיט אַלע נייַסן אינטערעסירט, און איבערגעפרעגט די דערציילער אין אויסגעפרעגט וועגן אַלעס, און קיין זאַך און נישט דורכגעלאָזט, און אַלעס נויטיגע און אַלעס וויכטיגע פאַרנומען; און אַזוי און זיך דערציילנדיג און אַזוי און גוט אין אויפגעלייגט זיך פילנדיג, האָט דער מלך אַלע מאָל אויך אַן בבא'ן זיך דערמאָנט, און אויך צו אים זיך געקערעוועט, און אזוי און זיך צו אים קערעווענדיג, האָט מיט אים יעדערס מאָל און אַ שמועס פאַרפירט, און אַלע ווייַלע אויך אים און אין אַלגעמייַנעם שמועס אַריינגעצויגן.

האָט מען אַזוי געשמועסט און פאַרבראַכט ביי דער סעודה, האָט זי זיך דאַן לאַנג אין דער נאַכט אַריין פאַרצויגן, האָט זי זיך נאָכן טאָג און ערשט אין אָוונט שוין געענדיגט; איז ווען דאַן אויפגעשטאַנען פון לאַנג-זיצן, האָט מען זיך דאַן מיטן מלך געזעגנט און אים אַ גאָר-פאַרבעסערונג און אַ גאָרע-היילונג געוואונשן; האָט דער מלך געדאַנקט די אים-ווינשנדיגע, האָט ער זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט מיט אַלע, און איך צו בבא'ן און צום לעצטן זיך געווענדט און מיט אַ גוטע-נאַכט און מיט אַ גוט-פאַרברייַנגען אים געבענשט. און דאַן, און נאָכן מיטן קאָפּ-שאָקלען און גרינג-פאַרנויגן זיך פאַר יעדערן, איז דער מלך דאַן פון עס-צימער אַרויס און צו זיך אין צימער אַוועקגעגאַן, בבא—צו זיך, אום אויך די אַנדערע נאַכט דאָרט צו פאַרברייַנגען, און די הערן—אַהיים, און יעדערער צו זיין הויזגעזינד אין די היימען.

און דער מלך איז אויך די צווייַטע נאַכט געשלאָפן, און דער מלך האָט אויך די צווייַטע נאַכט אין שלאָף פאַרבראַכט, אין דעם מלך איז וואָס אַ טאָג אַלץ בעסער און בעסער געוואָרן, און דער מלך האָט וואָס אַ טאָג אַלץ געזינטער און אויפגעלעבטער אויסגעזעהן. און אַ וואָך איז אַוועקגעגאַן — און דער מלך איז צוריק מענש אין מלך געוואָרן, און צוויי וואָכן זייַנען איבערגעגאַן — און דער מלך האָט זיך צוריק צו זיין שטאַנד און צו זייַן פריהער-לאַגע אומגעקערט, און מיט מלוכה זיך אינטערעסירט און מיט אַלץ, וואָס ס'געהער צו מלוכה, אין זייַן

אינטערעס האָט שוין געוואַקסן איצט, אין קיין מינדסט אין קיין קלייניגקייט האָט שוין נישט דורכגעלאָזט אָהן אינטערעס. האָט זיך פאַר אים אין אַ טאָג דאַן אין איינעם בבא און צו אים מעלדן געהייסן, האָט מען אים געמאָלדן, און דער מלך האָט אים „אַריינלאָזן" באַפוילן, איז ער פאַר אים געקומען, בבא, אין פאַר אים זיך אַוועקגעשטעלט אין זיך פאַרנויגט מיט כבוד,— איז דאַן, און נאָכן פאַרנויגן זיך געהנריגן, האָט זיך צו אים געקערעוועט און אַזוי געזאָגט צום מלך:

— מלך, דיין געזונט און דיין וואוילשטאַנד האָט זיך צו דיר אומגעקערט, אין דיין פחד און דיין מורא האָבן זיך אָפּגעטאָן פון דיינע געדאַנקען, און איך בין זיכער אין בטוח, אז דיין חיילונג איז אַ גאַרע היילונג, און פעסט און באַגלויבט, אז דיין רפואה איז שוין איף דיין גאַנצן לעבן, און דערום, און איך בין דיר איצט זאָגן געקומען, אז מיין זיין דאָ איז איבעריג.

אָפּגעזאָגט—אין אויפן מלכס ענטפער און אויפן מלכס פון זיין זייט זאָגן געוואָרט. און אז דער מלך האָט געזאָגט מיטן ענטפער, אין אז דער מלך האָט זיך נאָכן זאָמען געקערט צו בבא׳ן און אים אויף איבערבלייבן און אים אין זיין הויז זיך נאָך פאַרהאַלטן פאַרגעלייגט, האָט זיך דאַן בבא נאָך אַ מאָל געטייענדט צום מלך, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן און אַזוי געזאָגט, זיך צו אים ווענדנדיג:

— פאַרהאַלט מיך נישט, מלך, ווייל דו ווייסט דאָן, און איך האָב דאָך דיר דערציילט אין מיין דערציילונג, צוליב וואָס און צוליב וועמען איך האָב זיך אויף דער וועלט געלאָזט, אין אז אין מלך-פאַלאַץ וואַרט מען אויף מיר, און אז אין מלכס פאַלאַץ קוקט מען דאָרט ארויס אויף מיין צוריקקערן, און דערום איז מיין בקשה פאַר דיר, מלך, אין דערום זאָלסט דו מיך נישט פאַרהאַלטן דאָ מער.

— גוט,—האָט דער מלך נאָך שטילן אָפּשווייַגן און נאָך שטילן איבערלייגן זיך אויף בבא׳ט געבעט מסכים געווען, און אויף זיין שטיין און האלטן זיך פאַר אים מיט ליבע אין געטרייַשאַפט אַ קוק געטאָן, —גוט, בבא, גיי און זיי גרייט אויף מאָרגן, גיי און גרייט זיך צו צום אָפּגיין.

און דער מלך האָט אויך אויף מאָרגן און אַ צווייטע סעודה צוגרייטן געהייסן, אין זאָלן זיך די האַרן צונויפקומען, און ווידער זאָלן זיך די הויף-לייַט צונויפזאמלען אלע, ווייל דער מלך מיט זיין פרייַנט געזעגנט זיך, און דעם מלכס ווילן און באַגער, אז אלע זאָלן זייַן בשעת געזעגענען.

איז אַזוי געווען: האָט מען אויף מאָרגן די סעודה צוגעגרייט, און אַלע האַרן און איינגעלאַדן צו דער סעודה, און די סעודה איז אַ גרויסע געווען, און אַזוינע, וואָס זעלטן יוען מ׳מאַכט אזוינע, און האַרן זייַנען געקומען, און אָנגעטאָן אין באַצירט אין האַרנשאַפט: און האַרן זייַנען אויסגעזעצט געזעסן, און אַלע ווי תמיד, און אַלע אויף די ערשטער זייַערע באַשטימטע. האָט זיך דער מלך דעמאָלט צום עולם און צו אַלע בייַם טיש זיצנדיגע זיך געווענדט. האָט ער אויף בבא׳ן, וואָס איז דאַן ביי זייַן רעכטער האַנט געזעסן, אָנגעוויזן און איף אים דעם עולמס אויפמערקזאַמקייַט אין זייערע בליקן געקערעוועט, האָט ער זיך דאַן געקערעוועט צום עולם אין זיי אזוי געזאָגט:

— האַרן און פרייַנט מייַנע, דער פרייַנט מייַנער גייט באַלד אָפּ פון אונז, דער פרייַנט אונזערער קאָן זיך דאָ נישט פאַרזאָמען מער, דערום געזעגענען מיר זיך מיט אים הייַנט, דערום ווינטשעווען מיר אים אַל-דאָס-גוטס אויפן וועג. אָבער מיט וואָס זאָלן מיר איר באַלוינען?

— מיט גאָלד און מיט זילבער, מיט טייַערקייטן און מיט אַל-פאַרמעגן, וואָס מיר פאַרמאָגן,—איז די האַרנס ענטפער געווען.

האָט דער מלך נאָכן ענטפער דאַן פון האַרן אויך צו בבא׳ן זיך געווענדט, האָט ער אויף אים זיין קוק אָנגעשטעלט, און אזוי אויף אים קוקנדיג, האָט אויך, ווי אויף זיין וואָרט און אויך אויף זיין אַרויסגעזאָגטן געוואָרט.

— ניין, ליבע האַרן, — האָט זיך בבא דאַן אָפּגערופן, — קיין גאָלד און זילבער דאַרף איך נישט, אין אין טייערקייטן און חפצים נויטיג איך זיך נישט, ווייל קיין גייער דאַרף נישט קיין איבעריגס, און פאַר אַ גייער איז דאָס שווער אין וועג; דערום דאַנק איך אייך, און דערום זאָג זיך אָפּ פון טייַערקייטן.

— איז אויב אַזוי, ליבע האַרן, — האָט זיך דאַן דער מלך אָנגערופן, — אויב אין גאָלד און זילבער נויטיגט ער זיך נישט, און אויב רייכטימער און טייערקייטן זיינען אים שווער אין וועג, האָב איך פון זיינעטוועגן אַ זאַך אַן אַנדערע, האָב איך פאַר אים אַזוינס, וואָס וועט אים פאַרגרינגערן זיין וועג. און דאָס איז מיין וואָלף-פערדל. און דאָס האָט מיר, ווי איר ווייסט, האַרן, אַ ציגיינער אין צו מיין קרוין-טאָג געבראַכט, און געזאָגט האָט מיר דער ציגיינער, און געלערנט האָט ער מיך בשעת-דאָס-שיינקען אַזוי: ביים וואָלף פעלט אַ צאָן אַ פעדערשטער, ביים וואָלף איז אַ צאָן אַרויסגעפאַלן; זעצט זיך אויף אים אַ מענש אַרויף, און האָט ער אַ צאָן אַ וואָלפישן, בינדט ער אים צו אַ לאַנגען שטעקן צו און האַלט אים פאַר די אויגן פון וואָלף, אַזוי וועט דער וואָלף פייל פון בויגן יאָגן, אַזוי וועט דער וואָלף די גאַנצע צייט דעם שטעקן, וואָס פאַר אים, און נאָכן צאָן זיך נאָכיאָגן, אַזוי קאָן ער פאַר אַ טאָג אַ׳ן צוויי אַ גאַנצע מדינה און אַ גאַנץ לאַנד אָפּלויפן, אַזוי קאָן ער פאַר אַ צייט און אַ קורצער נישט נאָר איין מדינה, נאָר עטליכע אָניאָגן... און דאָס גיב איך איצט מיין פריינט און מיין היילער אַוועק, און אויך דעם צאָן, דעם וואָלפישן, מיט וועלכן ס׳האָט מיך געהיילט מיין פריינט, אַ׳ן איך האָף און איך בין בטוח, אַז מיין פריינט וועט דאָס באַווילִיגן, און איך גלויב און בין פאַרזיכערט, אַז מיין פריינט וועט דאָס אַ סך מיה און פיל וועג פאַרשפּאָרן.

און דאָ האָט דער מלך דעם עולם צו עסן און צו טרינקען און צו וואויל-פאַרגעניגן זיך אָנטון פאַרגעלייגט: זאָל מען עסן אין זאָל מען טרינקען, און זאָל מען זיין פריינט באַערן, אַ׳ן זאָל מען אים אַ גליקליכע רייזע און אַ פריילִיך היים-באַגעגעניש ווינשן, און זאָל ער זיין געזונט און זאָל ער פאָרן געזונט, און ווי אַלע האַרן, און ווי אליין דער מלך ווינשעוועט אים.

האָט מען געגעסן און געטרונקען און געפּאָלגט דאַן דעם מלך, האָט מען באַערט און געווינשעוועט בבאַן, אַ׳ן אויך בבא האָט צוריק געווינשעוועט. אליין דער מלך האָט אויך געגעסן און געטרינקען און זעלטן-פריילִיך און זעלטן-אויפגעלייגט געווען, האָט ער זיך מיט בבאַן און מיט זיין פריינטשאַפט געפרייט און אים די הענט געדריקט און אים געדאַנקט און באַהאַרצט זעהר. און דאַן, און נאָכן אָפּדאַנקען און נאָכן אָפּפרייען-זיך פון מלך, און נאָכן אָפּעסן און נאָכן אָפּטרינקען פון אַלע האָט זיך דער מלך דאַן צו בבאַן געקערעוועט און אים צו זיין רייזע זיך צוגרייטן געהייסן.

האָט ער אים געפּאָלגט, בבא, איז ער באַלד פון הינטער׳ן טיש אַרויסגעגאַן און צו זיך אין צימער אַריין, האָט ער דאָרטן זיין טאָרבע אויף זיין אַקסל גענומען און זיין שטעקן אין האַנט אַריין דעם גייערשן, האָט ער זיך אַזוי אָנגעטאָן און מיטן אויסזעהן זיינעם בעטלערשן צוריק אין עס-צימער, וואו דער מלך מיט די האַרן האָבן אויף אים געוואַרט, זיך אומגעקערט. האָבן זיך דאַן אַלע צו דער טיר געקערט, זיינען זיי דאַן אַרויסגעגאַנגען אַלע — דער מלך פאַרפריהער, און בבא נאָך אים, און נאָך בבאַן — די האַרן אַלע, און נאָך די האַרן — די אַלע באַדינערס פון מלך; זיינען זיי פון פּאַלאַץ אין הויף אַריין גע-

קומען, אין פון הייף און צים עק פין הויף דאָרטן, צו אַ שטאַל אַ גרויסער, — צו אַ פאַרמאַכטער אין אַ אָפּגעזונדערטער פון אלע בנינים, אין וואָס אין דער שטאַל האָבן זיך פיל-פערד אין פאַרשיידענע רייטוואָגנס געפונען; האָט מען זי איפגעעפנט, די שטאַלן, אין אַהין אַרייַנגעגאַן אַלע, איז מען דאָרט פאַרבייַ א סך שטיי-ערטער אין פערד-קאַמערן דורכגעגאַן אין זיי אייסגעמיטן אין פאַרבייַגעגאַן פאַר אַלע, האָט מען זיך צו אַ ווינקל אין צו אַיינעם דאָרט געקערט, אין דער מלך האָט דעם שטאַל-מייסטער אַ קעמערל, אין וואָס איז פאַרשטעלט געווען, דאָרט עפּענען געהייכן, האָט דער שטאַל-דינער געעפנט דאָרט דאָס קעמערל אין דער שטאַל-דינער האָט פין דאָרט, אַ וואָלף ארייסגעפירט — אַ גראָהע וואָלף אין אַ ווילד-זיך-האַלטנדיגן, מיט אַן אויסזעהן אַ הינטישן, אָבער גרעסער און לייַנגער פון אַ הונט; האָט מען אים ארויסגעפירט, האָט דער מלך אים אַ מויל-שלאָס אָנטון געהייסן — האָט מען אים אָנגעטאָן, האָט דער מלך דאַן פון זיין האַלז דעם וואָלף-צאָן אראָפּגענומען און בבאַן צום שטעקן צובונדן באַפּיילן — האָט מען אים צוגעבונדן דעם צאָן, האָט מען דעם וואָלף אויסער שטאַל ארויסגעפירט אי. איבער הייף אין פאר אלע איבּ דורכגעפירט, איז מען מיט אים צום טייער צוגעקימען אין פאר אים אויפגעעפנט דעם טויער; האָט זיך דער מלך דאַן צו בבאַן געווענדט אין מיט אים זיך געזעגנט, געזעגנט אין מיט אים זיך צעקישט געזעגענענדיג, האָט ער דערנאָך אויך אַלע האַרן מיט אים זיך געזעגענען געהייסן און אלע האַרן האָבן זיך מיט אים אָפּגעזעגנט; האָט דער מלך דאַן בבאַן אייפן וואָלף אויפגיין אָנגעוויזן — און בבא איז ארויפגעגאַנגען; און דאַן, אין אז בבא האָט דעם שטעקן מיטן וואָלף-צאָן אין האנט ארייַנגענומען און אים פארן וואָלף אין פאר זיינע אויגן אויסגעשטרעקט, אזוי האָט זיך דער וואָלף פון זיין אָרט אין פון פאַר-טויער-שטיין א ריס געטאָן, אין גיך אין געשווינד, פין פאר מלך אין פין פאר האַרן פון מלך, בבאַן איף דער גאַס און זיין אויף-אים-רייטער איף דער שטאָט ארויסגעטראָגן.

— זייט געזונט, פאַרבלייבט געזונט, — האָט בבא, אייפן וואָלף שוין זייענדיג, איף דער גאַס זיך שוין טראָגנדיג, צוריק זיך אומקוקנדיג, מיטן מלך און מיטן גאנצן עולם, וואָס מיטן מלך, זיך געזעגנט.

— פאָר געזונט און האָב אַ רייזע א גליקליכע! — האָבן אים דער גאנצער עולם, דער ביים טויער שטייענדיגער, מיטן מלך בראש, נאָכגעשריגן.

אין בבא איז אוועקגעפאָרן, און בבא האָט אויפן וואָלף אוועקגעריטן, אין בבא איז פון דער הויפּט-שטאָט ארויס, אין בבא איז דאַן איף יענער מדינה געקומען, און דער וואָלף האָט אים געטראָגן, אין דער וואָלף האָט אים נישט איפגעהערט צו טראָגן, אין בבא האָט די גאנצע צייַט דעם שטעקן אויסגעשטרעקט געהאלטן אין די גאנצע צייַט פון די אויגן פין וואָלף אים נישט צוגענומען; האָט ער זיך געטראָגן אין געיאָגט, דער וואָלף, איז ער געלאָפן, אין ווי א ווינט אין פעלד, אין געפלויגן אין נאָך גיכער ווי א ווינט, און נישט אָפּגעשטעלט זיך אין ערגיץ, און נישט אָפּגערוהט אין קיין אָרט. אין לסוף אין אויך פון יענער מדינה ארויס, אין דאַן אין אין א צווייטער געקומען, — אין אזוי פון דער ערשטער אין דער צווייטער זיך טראָגנדיג, און אזוי און פין דער צווייטער אין דער דריטער קומענדיג, איז לסוף אין לאנד, און וואו בבא האָט געדארפט, געקימען, און אין דער הויפּט-שטאָט, וואו דער מלך מיט זיין טאָכטער האָבן געוואוינט, פונקט צום פאלאץ אין פונקט צים טויער פון פאלאץ געבראכט בבאַן...

און דערהערט און אַ רעש געוואָרן, און דאָס קול האָט דערגרייכט, און די ידיעה האָט זיך באַלד צעטראָגן אין פּאַלאַץ פון מלך וועגן אָנקומען פון בבאן. האָבן דאָס פריהער פאַר אַלע די דינער דערהערט, און פון צימער צו צימער געלאָפן אין איינס דאָס אַנדערע און זיך איבעריאָגן אין איבערלויפן געוואָלט. זיינען זיי געלאָפן און ווי פאַרסמט געיאָגט זיך, און אַלע האָבן אָהן אָטעם פון איין שלאָס דירות צום צווייטן זיך געטראָגן, אין אַזוי אין זיך טראָגנדיג, האָבן אַלע אין זיך צונויפלויפנדיג, קוים די בשורה אויסגעשריגן אין אַזוי און זי אויסשרייענדיג קוים די בשורה ארויסגעבראַכט:

— בבא!!! בבא איז געקומען!!!

און אַ געלויף און אַ טומל, און א לאַרים און אַ גערודער איז באַלד דערנאָך אין פּאַלאַץ געוואָרן, און די ידיעה האָט זיך אין פּאַלאַץ אַרומגעטראָגן, און דער מלך איז באַלד אַרויס פון פּאַלאַץ, און בבא איז אים אַנטקעגן געלאָפן און אויף זיין האַרץ און אויף זיין האַלז אים געפאַלן, און דער מלך איז אין אָהנמאַכט געפאַלן, און בבא האָט אים אויפגעמינטערט פון אָהנמאַכט; און ביידע זיינען זיי אין טאָכטער-צימער אַריין, און בבא האָט געקניהט פאַר מלך-טאָכטער, און זיין געליבטע איז ווי פריהער און ווי ער האָט זי נאָך פאַרלאָזט געלעגן — מיט אויגן נאָך אויסגעגלאַנצטע און מיט קערפּער אויסגעצויגן און איבערגעדעקט ליגנדיג, און מיט אויגן נאָך גלייך און אין איין פּינקט-קוקנדיגע און מיט איברים אין גלידער נאָך נישט רירנדיגע פון לאַנג-ליגן. האָט זיך דאַן בבא אויפגעשטעלט פון קניהען, האָט ער באַלד זיין טאָרבע און מיט זיינע זאַכן אויפגעבונדן און באַלד פון דאָרט דאָס שפּיגעלע, און פון דער טרעפּערין דאָס געשיינקטע, אַרויסגענומען, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן זיין געליבטער און עס געהאַלטן איר אַנטקעגן, האָט זי אין דעם געקוקט און נישט אויפגעהערט צו קוקן, און דערויף די אויגן ווי אַנגעשטעלט האַלטנדיג און א צייט און זיי נישט צוגענומען פון דאָרטן, האָט זיך ביי איר באַלד דאָס פּנים פאַרענדערן גענומען, און אויך די אויגן — לעבעדיגער ווערן און פון פאַרגלייזטקייט און פון אין-איין-פּינקט-קוקן אָפּגיין; האָט זי דאַן און דערזעהן פאַר זיך בבאן, האָט זי אַ פרייד אַזוי אַ גוואַלדיגע אָנגענומען און פון אָרט, און פון איר ליגן פריהערדיגן האָט זיך אַ ריס געטאָן. האָט זי זיך אַ זעץ-אויף און אַ הויב געטאָן, און מיט אַ מאָל, און מיט אַ קול אַ שרעקליכן, מיט אַ פרייד און ווי פון האַרץ זיך אָפּגעריסן צו בבאן און צו איר געליבטן זיך אַ וואָרף געטאָן:

— בבא! מיין בבא!...

און צו דער מלך-טאָכטער האָט זיך דאָס קול אומגעקערט, און צו דער מלך-טאָכטער — די יוגנט און דאָס לעבעדיגקייט אירס, דאָס יוגנטליכע, האָט זי אַ צייט און בבאן פון צו אָרעמען נישט אַרויסגעלאָזט, און בבא האָט אויך זי נישט אָפּגעלאָזט, — און דאַן, און אַז זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט ביידע, און דאַן, און אַז זיי זיינען זיך צעגאַנגען אויף אַ ווילע, האָבן זיי זיך ווידער אין איינס דאָס אַנדערע אַרומגעכאַפּט, און אַזוי און איינס צום אַנדערן צופאַלנדיג, און אַזוי אין איינס דאָס אַנדערע זיך האַלזנדיג און זיך נישט אָפּלאָזנדיג, האָבן זיך געהאַלטן און אַ צייט און זיך נישט אָפּגעריסן ווידער...

און דער מלך האָט דאָס צוגעזעהן, און ביים מלך האָבן זיך טרערן געגאָסן, און דער מלך האָט געקוקט אויף די קינדער, און טרערן האָבן אים ריטשקעסווייז גערונען און דערנאָך, און אַז זיי האָבן זיך שוין בארוהיגט, די קינדער, האָט דער מלך באַלד און צו זיין פריינט, צו זיין אַלטן און געליבטן, און צו זיין שטערן-זעהער געשיקט, האָט ער אים תיכף און אים קומען באַפוילן, און נאָך דעם שטערן-זעהער צו די האַרן אַלע — און אַלע זאָלן זיך נאָך היינט אין אין הויף צונויפקומען. זיינען זיי געקומען אַלע און זיך געפרייט און שטאַרק

מיטן מלך, האָט דער מלך צום שטערן-זעהער זיך געווענדט און ביי אים אַן עצה געפרעגט: צי זאָל מען באַלד די חופּה שטעלן, צי זאָל מען אויסוואַרטן מיט חופּה, האָט דער שטערן-זעהער „תּיכּף“ געהייסן, האָט מען זי געשטעלט; האָט מען זיך געפרייט, און ווי זעלטן ווען מ'פרייט זיך, האָט מען איך געיוליעט, און ווי זעלטן ווען מ'הוליעט, און די קינדער האָבן זיך געליבט און צו ליבן זיך נישט אויפגעהערט, און דער מלך האָט געוויינט און נישט איפגעהערט צו וויינען, און — איך איך בין דאָרט געוועזן און אויף יענער חופּה לעקאַך געגעסן, און... ווער סע וויל די מעשׂה נישט געדיינקען, דער קאָן זי פאַרגעסן.

דער נסתּר.

[library stamp, illegible]



קינסטלער: יששכר בער ריבאַק. — הילע און אינהאַלט געצייכנט פון

21653

lc